STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07657

VIZYE UN GEDANK

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

91 - 1951

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי

אַלע ווערק

אַלע ווערק פֿון

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

באַנד 3

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

ווזיע און געדאַנק

אָפּהאַנדלונגען איבער שרייבער, ווערק
און שאַפונגס-פּראָבלעמען

איקוף - פאַרלאַג

דער באַנד איז צוגעגרייט צום דרוק דורך
נחמן מייזיל

דערשינען מיט דער הילף פון
יוסף מאָרגנשטערן (קליוולאַנד),
מינא סמאָליאר און פריינט
לזכרון פון יודל שאַפּיראָ, לאָס־אַנדזשעלעס.

און מיט דער מיטהילף
פון רייזיל וועקסלער א. אַנד.
לזכרון פון יוסף וועקסלער, ניו־יאָרק.

Copyright by
YKUF FARLAG
New York, 1951

DR. CH. ZHITLOWSKY
VISIE UN GEDANK

209

PRINTED IN U.S.A.

געדרוקט מיט דער צושטימונג פונעם „ייוואָ"
אין הסכם מיט דער צוואה פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

אינהאַלט

זייט

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי דער ליטעראַטור־קריטיקער, — נחמן מייזיל 7

די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור.. 10

פרייע קונסט און פרייע קריטיק 55

דער קינסטלער און דער הדיוט 64

י. ל. פּרץ דער קינסטלער 77

י. ל. פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדייטונג 85

פּרץ, דער נביא פון קאַמף 101

מענטש־פּראָבלעם ביי שלום־עליכם 115

שלמה־זאנוויל ראַפּאָפּאָרט־אַנסקי 122

ש. אַשס „אין אַ קאַרנאוואל־נאַכט״ און ל. שאַפּיראָס „דער צלם״ ... 131

שלום אש אין אַמעריקע 152

ב. לאַפּין — „אומעטיקע וועגן״ 152

ליטעראַטור: אַ זאַמלבוך 157

מאָריס ווינטשעווסקיס בוך „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין״ 163

ש. אַנסקיס יובילײ 165

מאָריס ראָזענפעלד 168

די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום (דוד איגנאַטאָוו) 172

באַגריסונג צו א. ליעסינס יובילײ 180

וולאַדעק און ליעסין 182

לאַמעד שאַפּיראָ 187

ז. וויינפּער 191

דער ווערט פון איבערזעצונגען 194

וועגן פּאָעזיע און איר באַדייט 209

דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צום תנ״ך 219

וועגן דער איבערזעצונג פון „זאראטוסטרא״ 219

פאַרוואָס אַנטלויפט די יוגנט פון פאָלק? 225

וועגן לעאָניד אנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ״ 245

מעטערלינקס „בלויער פויגל״ 306

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי —
דער ליטעראַטור־קריטיקער

פון נחמן מייזיל

אין דעם איצטיקן בוך — דער דריטער באַנד פון אַלע ווערק פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — קומען אַריין אַ דרייסיק אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור־פּראָבלעמען און קונסט־פראַגן, ווי אויך אָפּרופן וועגן שרייבער און ווערק, וואָס זיינען דורך ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די אַלע יאָרן פון 1904 ביז 1943. די אַלע גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען זיינען געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און ווי בדרך אגב. קונסט און ליטעראַטור האָט נישט פאַרנומען דעם אויבנאַן אין ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אינעווייניקסטער וועלט. און מיר אַלע האָבן ווייניק געוואוסט וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי ווי אַ ספּעציעלן קונסט־קענער און ליטעראַטור־שאַצער.

עס איז אַלעמען וואויל באַקאַנט געווען, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אַלע זיינע יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט געשיכטס־פילאָסאָפיע, מיט פילאָסאָפיע, מיט סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אַלע קענען גוט ד״ר זשיטלאָווסקין ווי אַ דענקער, פובליציסט, ווי אַ גלענצנדיקן שרייבער אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעמעס. אָבער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אַ ליטעראַטור־קריטיקער?

מען האָט טאַקע פאַרזען אין ד״ר זשיטלאָווסקיס פילזייטיקער און גייסטרייכער קולטור־שאַפערישער טעטיקייט דעם געביט פון ליטעראַטור־קריטיק, וואָס אין פאַרשיידענע צייטן האָט ער אויף אַ גאַר־אייגנאַרטיקן אופן זיך פאַרנומען מיט דעם. פון די אויפגעקליבענע אַרבעטן אין דעם דאָזיקן בוך, פון די אַלע גאַנץ־פאַרשיידנאַרטיקע אַרויסזאָגונגען און אָפּהאַנדלונגען איז צו זען, אַז קונסט און ליטעראַטור האָבן פאַרנומען ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פיל מער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די ריין־אַבסטראַקטע סיסטעמען, מיט די געשיכטלעכע אידייאישע קאַמפן, ער זאָל האָבן צייט זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישע ווערק, מיט קינסטלער און זייערע קינסטלערישע שאַפונגען. אָבער דאָ און דאָרטן, אין זיינע אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען, אין זיינע פאַרשיידענע זכרונות, אין זיינע צאָלרייכע רעפעראַטן, האָט ער באַרירט און באַהאַנדלט, זיך אָפּגעשטעלט און זיך געשטיצט אויף קינסטלערישע ווערק. ער איז זיכער געווען טיף

באאיינפלוסט פון זיי, ער האָט זיי אַלזייטיק אויפגענומען און זיי איינ־געאייגנט אין זיך און אין זיין אַלגעמיינעם וועלט־באַנעם.

אין די גאָר־יונגע יאָרן, אין וויטעבסק און אין טולע, איז ער (צו־זאַמען מיט זיין יוגנט־פריינט ש. אַנסקי) געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט די גרויסע קינסטלער־גייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור, און זייער השפעה האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים יאָרצענדליקער שפּעטער. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי דערציילט אין זיין אָפּשאַצונג וועגן ש. אַנסקין, אַז „עס איז מערקווירדיק, ווי אַזוי מיר האָבן אָן לערער און וועג־ווייזער — וויניקסטנס, אין דער ערשטער צייט — דורכגעמאַכט די זעלבע אַנטוויק־לונגס־עטאַפּן, וועלכע די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור און דער גאַנצער רוסישער עפנטלעכער געדאַנק איז אַדורכגעגאַנגען . . . " ד"ר זשיט־לאָווסקי רעכנט אויס די שרייבער, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט אין די יונגע יאָרן און ווי ער איז דערנאָך געקומען „צו פּושקינען, לערמאָנטאָוון און ביעלינסקין, און פון זיי זיינען מיר שוין געשוואומען מיט דעם שטראָם פון דער איינציק־אַרטיקער רוסישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, די באַרימטע פּלעיאַדע פון גאָגאָל, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, גאָנטשאַראָוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּיסעמסקי...". „האַנט אין האַנט מיט די בעלעטריסטן זיינען געגאַנגען פאָר אונדז די רוסישע קריטיקער — פּיסאַרעוו און דאָבראָליובאָוו — וואָס האָבן אויף אונדזערע נשמות אַרויפ־געלייגט אויף אייביק דעם שטעמפּל פון דעם פרייען, אומדערשראָקענעם ראַדיקאַלן דענקען, און האָבן אונדז אַריינגעפירט אין דער סאָציאַליס־טישער געדאַנקען־וועלט" („זכרונות פון מיין לעבן", ב' 1, ז"ז 11־12).

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט צווישן זיינע צוואַנציק בענד און הונדער־טער אַרטיקלען בלויז אַ קליינע צאָל אַרטיקלען וועגן שרייבער און זייערע שאַפונגען. אָבער אויך אין זיינע אַנדערע אַרבעטן האָבן מיר טרעפלעכע געדאַנקען, כאַראַקטעריסטיקעס און מיינונגען וועגן קונסט און קינסטלער, וואָס זיינען אים געווען פיל אייגענער און נעענטער ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

שוין פון די ייִנגערע יאָרן האָט ד"ר זשיטלאָווסקי געפילט אין זיך און געזען אין אַנדערע דעם געראַנגל פון די צוויי מינים קונסט — די פרייע, די מער־סוביעקטיווע, די אינדיווידואַליסטישע, וואָס איז אַ צוועק פאַר זיך, און די צווייטע — וואָס איז אָנגעפילט מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות און איז ציל־אָנגעווענדט. לכתחילה איז ער געווען נאָענט צו דעם ערשטן און דערנאָך אַלץ־מער צום צווייטן. ער זעט אָט־דעם גע־ראַנגל ביי ש. אַנסקין, וואָס „זיין טאַלענט שלאָגט ניט פון איין־איינציקן קוואַל, נאָר פון צוויי, און אַז אָט די צוויי קוואַלן גיסן זיך זייער זעלטן צונויף אין איינעם". אַמאָל איז ד"ר זשיטלאָווסקי נעענטער געווען דער

ערשטער ש. אַנסקי, דער „שטיפּעריש ער, דער היינישער" און נישט „דער שטרענגער, דער ערנסט־רעאַליסטישער". „אין מיינע אויגן, — זאָגט ד"ר זשיטלאָווסקי, — איז אַנסקי מיט דער שפּילערישער פאַנטאַזיע געווען אַ גרעסערער קינסטלער, איידער אַנסקי מיט די ביטער־צונויפגעפּרעסטע ליפּן און דעם פינצטערן בליק. אים, אַנסקין, האָט דעמאָלט לגמרי גע־פעלט די קינסטלערישע אַמביציע. די קונסט איז פאַר אים ניט געווען קיין זעלבסטצוועק. קונסט לשם קונסט איז פאַר אים ניט געווען אַ שפּיל און אַן אָפּרו פאַר זיך אַליין און פאַר געציילטע פריינט. די קונסט פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר דעם לייענענדיקן עולם, האָט געהאַט אַן אַנדער צוועק: די אַרויסברענגונג פון דעם אמת וועגן דעם לעבן, ווי גראָ אָדער חושך־פינצטער ער זאָל ניט זיין." „די עטיק אין אַנסקיס נשמה, — קלאָגט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי, — האָט ביז צו אַ געוויסן טייל אויפגעגעסן איר עסטעטיק. און נאָך ריכטיקער איז צו זאָגן: דער מאָ־נאַטעאיסטישער ,יודער' אין אים האָט תמיד געהאַלטן אין צוים דעם געצנדינערישן ,העלען' . . . ."

אַז ד"ר זשיטלאָווסקי האָט דערנאָך געהאַט אַן אַנדערן צוגאַנג, אַן אַנדערע פאָדערונג צו ליטעראַטור, צו קונסט — וועלן מיר זען שפּעטער.

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אין זיינע יונגע יאָרן געפּרואווט שרייבן לידער. אין זיינע זכרונות ברענגט ער אויסצוגן פון זיינע פּאָעטישע „יוגנט־זינד". ער דערציילט, אַז „עס איז ביי מיר באמת נישט געווען קיין ספק אַ לאַנגע צייט, אַז איך האָב אַ פּאָעטישן טאַלאַנט און אַז דער כלי־זיין [דאָס געווער] אין דעם קאַמף פאַר מיינע אידעאַלן וועט זיין — די ליר" (ב' II, ז' 130). אָבער ד"ר זשיטלאָווסקי איז געווען אַ שאַרפער קריטיקער פון זיינע אייגענע שאַפונגען. ער פירט אונדז אַריין אין זיינע זכרונות אין דער „לאַבאָראַטאָריע" פון זיין שאַפן אין די יינגערע יאָרן און דערציילט, ווי דער פּובליציסט אין אים האָט צוביסלעך אַרויסגעשטויסן פון אים דעם פּאָעט. ער דערציילט, ווי ער האָט גע־אַרבעט, שווער געאַרבעט אויף אַ „פּאָעמע", און ווי די אַרבעט האָט אים ניט באַפרידיקט. „מיינע געדאַנקען זיינען שוין וייט־וייט פון דעם ענין און פון דער ,פּאָעמע'. זיי שטעקן ערגעץ טיף אין אַ טעאָרעטישן פּראָבלעם און גראָבן זיך אין אים אַלץ טיפער און טיפער . . . " און אָט „טראַכט [איך] וועגן איינדרוקן פון לעבן, אָבער ניט ווי אַ קינסטלער, וואָס נעמט זיי ווי זיי זיינען, און וויל נאָר ,רעטושירן' זיי, כדי בוילעטער צו מאַכן זייער תוך. איך טראַכט וועגן זיי, ווי אַ פּובליציסט."

ד"ר זשיטלאָווסקי פירט אויס: „אויך האָב איך באַמערקט, אַז אַרום קאָפּ פלעגט ווערן וואָרעם ניט פון פּאָעטישע חזיונות, נאָר פון טעאָרעטישע רעיונות. בין איך, הייסט עס, גאָרניט קיין פּאָעט, נאָר

א פּובליציסט, מיט א שטאַרקער נטיה [נייגונג] צו אַן אייגענעם טע־
אָרעטישן שאַפן . . . " דער שאַרפער קריטיקער אין זשיטלאָווסקין האָט
גובר געווען דעם פּאָעט, און אים אַרויפגעפירט אויף אַ נייעם שאַפע־
רישן וועג. ד"ר זשיטלאָווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט זיין „פּאָעטישער
מוזע" „זיי געזונט, מוזע! שלאָף רואיק אין מיין טינטן־פאַס!" (ב' וו,
ז"ז 131־133).

און הגם ד"ר זשיטלאָווסקי איז געווען אַריינגעצויגן אין אַלגעמיינע
פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע לערעס און די קינסטלערישע ליטעראַ־
טור ווי אַזעלכע האָט ניט פאַרנומען ביי אים קיין באַזונדערן אָרט, אָבער
דאָך, ווען ביי ד"ר זשיטלאָווסקין צעשפּילט זיך די פאַנטאַזיע און ער
פּרואווט אויסערעכענען די אידעאַלן, וואָס שטייען פאַר די יידישע סאָ־
ציאַליסטן, שטעלט ער אין צענטער די יידישע ליטעראַטור. דאָס איז
געווען נאָך אין 1899, — מיט איבער פופציק יאָר צוריק. ד"ר ח.
זשיטלאָווסקי, אַ יונגערמאַן פון 34 יאָר, פאַרעפנטלעכט דאַן אַ גרעסערן
אַרטיקל אין דעם „אידישער אַרבעטער" (אַרויסגעגעבן דורכן „בונד",
מערץ 1899, אין דער שווייץ), אונטערן נאָמען „ציוניזמוס און סאָציאַ־
ליזמוס", וואו אין לעצטן, פינפטן, קאַפּיטל שרייבט ער (ער האָט זיך דאַן
אונטערגעשריבן בן־אהוד): „ווי יידן האָפן מיר: ערשטנס, אַז די
יידישע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס דער יונגער יידישער דור האָט אין
דער לעצטער צייט באַשאַפן פאַר דעם יידישן פאָלק, וועט אַלץ וואַקסן
און וואַקסן, וועט אַלץ צוציען מער טאַלאַנטן צו זיך און וועט זיך דער־
שלאָגן צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע אייראָפּיי־
אישע ליטעראַטור . . . " און ווען ער רעדט וועגן ליטעראַטור מיינט
ער — אַ פולע, אַ פילזייטיקע און פאַרשיידן־צווייגיקע ליטעראַטור, און
„ווי נאָר די יידישע ליטעראַטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אַלערליי
וויסנשאַפטן, וועט דער יונגער דור ניט דאַרפן זוכן די ערשטע נויטיקע
קענטעניש ביי די פרעמדע פעלקער" . . . (ז' 13).

דאָס שטענדיקע פאַרגלייכן די יידישע ליטעראַטור מיט די אַנדערע,
פרעמד־פעלקערישע רייכע ליטעראַטורן און אַזוי־אַרום זען איר גריים
און מאָס, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ד"ר זשיטלאָווסקין, וואָס איז אין
תוך געווען אויפגעצויגן אויף פרעמדע ליטעראַטורן.

אין זיין אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ (געשריבן אין 1905) האָט ד"ר
ח. זשיטלאָווסקי גענומען אַט־די פּרוביר־מאָס, ווען ער האָט געוואָלט
רעדן וועגן פּרצעס טאַלענט. ד"ר זשיטלאָווסקי הויבט אָן זיין אַרטיקל:
„יעדעס מאָל, ווען אונדזער איינעם פון די „פאַרליבטע אין דעם זשאַר־
גאָן" פלעגט אויסקומען צו אַמפּערן זיך מיט די קעגנער פון דער יידי־
שער ליטעראַטור, פלעגט פּרץ זיין איינער פון די בעסטע וואָפן אין אונ־

דזוערע הענט. ,וואָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן וועגן דער מעגלעכקייט פֿון א יידישער ליטעראַטור אויף דעם נייעם אייראָפּייאישן שטייגער? אָט האָט איר זי א פּאַרטיקע: „לייענט פּרצן׳.״

דאָס וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אַלע יאָרן (אין 1905, 1915 און 1940) פֿון די אַלע יידישע קלאַסיקער אַרויסגערוקט בעיקר פּרצן, איז כּלל ניט קיין צופֿאַל. פּרץ, דער טיף־אינטעלעקטועלער און אידייען־אָנגעלאָדענער, איז אים זיכער געווען נעענטער ווי מענדעלע און שלום־עליכם — די שטייגער־שרייבער.

ד״ר זשיטלאָווסקי, ווען ער האָט געפּרואווט זיך פּאַרמעסטן אויף ליטעראַטור־קריטיק, האָט געשטעלט פֿאַר זיך אַליין צוימען. ער שרייבט: „פּרץ האָט געווים פֿאַרדינט, אַז פֿאַר אַזאַ אַרבעט (אויסצומעסטן פּרצעס גרייס) זאָל זיך נעמען אַ קריטיקער מיט דעם טאַלאַנט פֿון אַ היפּאָליט טען, געאָרג בראַנדעס, ביעלינסקי, און איך בין, נעבעך, גאַנץ ווייט פֿון זיי.״

אין זיינע אָפּשאַצונגען פֿון שרייבער און ווערק האָט ד״ר זשיטלאָווסקי אַן ערנסטן און טיפֿן צוגאַנג. ער באַנוגענט זיך ניט מיט אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיקעס און אויבנאויפֿיקע באַמערקונגען. ער זאָגט: „אויסשטודירן אין גרונט אַריין אַלע מיטלען, וואָס גיבן פּרצן די מעגלעכקייטן אַזוי פֿלינק און קלאָר צו מאָלן, — אויף דערויף דאַרף מען אפשר אַן אַרבעט טאָן מיט די געצייגן פֿון אַ געלערנטן עסטעטיקער און אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. וויניקסטנס בין איך זיכער, אַז מיט דער צייט, ווען מיר וועלן האָבן אונדזערע אוניווערסיטעטן, וועט אויף געווים ניט איין יונגער סטודענט פֿאַרדינען זיין ,דאָקטער דער פֿילאָלאָגיע׳ דורך אַ דיסערטאַציע מכּוח ,פּרצעס שפּראַך און ליטעראַרישער טעכניק׳.״ ד״ר זשיטלאָווסקי גיט צו: „און איך וועל שטאַרק צופֿרידן זיין, אויב איינער פֿון זיי וועט דערמאָנען אויך מיין נאָמען צו גוטן צוליב אַ געדאַנק, וואָס איך וועל נאָך זאָגן וועגן דעם פּונקט.״

ווען ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז צוגעטראָטן אין 1908 אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ אין ניו־יאָרק, האָט ער פּאַרעפֿנטלעכט „דאָס פּראָגראַם און די צילן פֿון דער מאַנאַטשריפֿט ,דאָס נייע לעבן׳,״ וואָס איז פֿיל מער ווי אַ פּראָגראַם פֿונעם זשורנאַל, נאָר ס׳איז ד״ר זשיטלאָווסקיס פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער „אני מאמין״.

ד״ר זשיטלאָווסקי שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אָרט, וואָס קונסט און בעלעטריסטיק וועט פֿאַרנעמען אינעם זשורנאַל. ער שרייבט אויף זיין בילדערישן שטייגער: „. . . אויך די קונסט און די בעלעטריסטיק זאָלן ניט פֿאַרגעסן ווערן. די אַלטע יידישע קולטור האָט אַזוי פֿיל געזינדיקט אַנטקעגן דעם שר (סאַר — האַר — נ. מ.), וואָס איז ממונה אויף שיינ־

קייט, אַז מיר וועלן מוזן ברענגען נאָך אַ סך קרבנות אויף זיין מזבח, ביז ער וועט אײנגאַנצן אײנשטילן זיין גרימצאָרן. און איינשטילן וועט ער אים נאָר דעמאָלט, ווען שיינקייט וועט פון אונדזער דערהויבן ווערן צו דער זעלביקער מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען ביי אונדז די צוויי אַנדערע זיילן פון דער מענטשלעכער קולטור: אמת און יושר. שיינקייט דאַרף אויך פאַר אונדז ווערן דער דריטער זייל אַזוי, אַז אויב איינער איז באַשעפטיקט מיט תורה אָדער מעשים טובים און ער זעט פאַר זיך אַ שיינעם בוים, אָדער אַ שיין פעלד, און ער שטעלט זיך ניט אָוועק מיט דעם אויסרוף: „מה נאה אילן זה! מה נאה ניר זה!” (ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דאָס פעלד!), זאָל ער וויסן זיין, אַז ער איז אַ „מתחייב בנפשו’, אַז ער באַ’גזל’ט זיין נשמה וויניקסטנס אויף אַ שליש (אַ דריטל — נ. מ.) פון איר העכערן לעבן. אָבער ווי טייער עס זאָל אונדז ניט זיין די קונסט און די ריינע שיינקייט, וועלן מיר תמיד אַרויסטרעטן אַנטקעגן יענע קינסטלער און יענע טעאָריעס פון קונסט און עסטעטיק (הלכות שיינקייט), וואָס מאַכן פון איר אַן אָפּגאָט, פאַר וועלכן זיי זיינען מקריב אויך דעם אמת און דעם יושר” . . . (ניו־יאָרק, יוני 1908, זע „געזאַמלטע שריפטן” ב’ 3, 1912, ז”ז 7-21).

דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן” (1909) עפנט זיך מיט ד”ר זשיטלאָווסקיס אַן אַרבעט „פרייע קונסט און פרייע קריטיק”: „ ‚די קונסט איז פריי!’ . . . — אָט־דעם אויסגעשריי הערט מען איצטער אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער פון אַלע יונגע קינסטלער. ‚די קונסט איז פריי’ — דאָס איז דער טייטש: קיינער טאָר ניט אָנ־ווייזן איר, מיט וואָס זי זאָל זיך באַשעפטיקן, מיט וואָס ניט. קיין מענטש קאָן זי ניט פאָדערן צו אַ משפט, סיידן די ריין־עסטעטישע קריטיקער. איין גאָט איז נאָר דאָ, פאַר וועמען זי דאַרף זיך פאַרענטפערן: דער גאָט פון שיינקייט.” און „וואָס פאַר אַ פאַלשע געדאַנקען דער קינסטלער זאָל ניט אויספּוצן אין זיינע ווערק, וועלכע שעדלעכע געפילן ער זאָל ניט אַריינזאָגן אין די אָדערן פון דער געזעלשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ סם ער זאָלט ניט פאַרגיפטן דאָס האַרץ פונעם פאָלק, מיט וואָס פאַר אַ ברודיקע בילדער ער זאָל ניט אָנפילן די פאַנטאַזיע פון דעם לעזער — קיינער טאָר ניט האָבן די העזה אויפצוהייבן די הענט אויף דער הייליקער מאַיעסטעט פון דעם קינסטלער, אויב ער איז נאָר אַ טרייער איבער־געגעבענער כוהן גדול צו דער גאָטהייט פון שיינקייט.”

ד”ר ח. זשיטלאָווסקי רעדט איראָניש וועגן דעם „הייליקן ,אני מאמין’ ” פון די קינסטלער, וואָס שטעלן זיך איין „פאַר די סואווערענע רעכט פון דער פרייער קונסט”, וואָס איז ביי זיי הייליקער „ווי אַלע אַנדערע פליכטן”.

ער ווייזט אָן, אַז „אַט דער גאַנצער שיינקייט־געפילדער האָט קיין ברעקל שייכות [ניט] צו דער נשמה פון אונדזער פאָלק. דעם ,עסטעטיזם׳ האָט דער יידישער קינסטלער איינגעזויגן פון דער אַרומיקער פרעמדער וועלט." ד"ר זשיטלאָווסקי וואָרנט די יידישע קונסט, וואָס איז נאָך יונג: ער האַלט, אַז מען מוז זיך „אָפּשטעלן אויף דעם ענין קונסט און זען: קאָן באמת דער נייער פרינציפּ — די קונסט איז פריי — ווערן דער גרונט־שטיין, וואָס אויף אים זאָל געבויט ווערן אונדזער ליטעראַרישע טראַדיציע?"

אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל באַצייכנט ד"ר זשיטלאָווסקי ניט נאָר די ראַמען און ליניע פונעם קינסטלער, נאָר אויך פונעם קריטיקער. ער רעדט וועגן די פליכטן און רעכט פונעם קריטיקער: „האָט ער (דער קריטיקער) דען ניט דאָס רעכט אויפצואווייזן, אַז אין דער אָדער יענער שיינער שריפט ליגט באַהאַלטן אַ שטימונג, וואָס קאָן טרייבן די גאַנצע געזעלשאַפט צו אַזעלכע מעשים, וואָס ווילן אונטערגראָבן דעם יסוד פון איר קיום אויף דער ערד?" „ניט נאָר האָט ער אַ רעכט — עס איז זיין חוב ניט צו לאָזן פאַרבלענדן די אויגן דורך דער שיינקייט פון דעם קינסטלערישן ווערק."

ד"ר זשיטלאָווסקי זאָגט: „ער, דער קריטיקער, טאָר ניט אַריבער־גיין בשתיקה וועגן דער סאָציאַלער און מאָראַלישער ווירקונג, וואָס ליגט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער מוז אויפדעקן די ליניע, אין וועלכער עס טראָגט זיך דער סאָציאַלער אימפּעט פון דעם קינסטלער, און ער מוז קריטיקירן, דאָס הייסט, אָפּשאַצן, צי דעם קינסטלערס אַרבעט ווירקט ניצלעך אָדער שעדלעך אויף די גרונט־אידייען פון דעם געזעלשאַפט־לעבן לעבן" („דאָס נייע לעבן", 1).

ד"ר ח. זשיטלאָווסקין איז באַשערט געווען צו שטיין פאַר אַ נסיון. ל. שאַפּיראָ האָט אים צוגעשיקט זיין באַרימט־געוואָרענע דערציילונג „דער צלם" און דערביי געשריבן: „דעם אמת געזאָגט, צווייפל איך, אויב איר וועט זי דרוקן". ד"ר זשיטלאָווסקי מאַכט אַן אינטערעסאַנטע דער־קלערונג אין זיין זשורנאַל: „...דער צווייפל האָט ניט ביי מיר, ניט ביי דעם מחבר ניט געהאַט קיין שייכות צו דער קינסטלערישער זייט פון דער דערציילונג, נאָר צו איר אינהאַלט און דער טענדענץ וואָס שפּראָצט אַרויס פון איר." ער דערציילט, אַז ער איז „געווען ניט איין מאָל גע־צוואונגען אָפּצושיקן צוריק קינסטלעריש גאַנץ־ווערטפולע זאַכן, ווייל זייער אינהאַלט איז געגאַנגען להיפּוך צו יענעם בליק אויף אַ חשובן לעבן, פאַר וועלכן איך האַלט מיין חוב איינצושטעלן זיך." און פאַר אַן ענ־לעכן נסיון שטייט ווידער ד"ר ח. זשיטלאָווסקי ווען ער באַקומען פון שלום אַש די אָריגינעלע דערציילונג „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט".

אַט־די, אין תוך פאַרשיידנאַרטיקע, דערציילונגען האָבן אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג און אויך אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דער יידישער עפנטלעכקייט. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן אַרטיקל אין זיין „דאָס נייע לעבן״ (יוני און יולי 1909). מיר האָבן דאָ, אויסער אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען וועגן אַט־די צוויי ווערק און זייערע מחברים, אויך וויכטיקע אַלגעמיינע קריטישע באַמערקונגען, וואָס ווייזן ד״ר זשיטלאָווסקיס קרעדאָ און זיינע מעטאָדן פון אויפ־נעמען און באַהאַנדלען אַ קונסט־ווערק.

מיר זעען אין די אַרטיקלען אויך זיין באַהאַוונטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין באַקאַנטשאַפט מיט די ווערק פון אירע שרייבער. ד״ר זשיטלאָווסקי שטעלט דעם טראָפּ אויף דער אידייע, אויפן געדאַנק, אויף דער כּוונה פון דער שאַפונג. „וואָלט ,דער צלם׳ געווען נאָר אַ קונסט־ווערק, — שרייבט ד״ר זשיטלאָווסקי, — דעמאָלט וואָלטן מיר מיט שאַפּיראָן אפשר געהאַט גאָר אַן אַנדער מין וויכוח, אָבער קונסט איז ניט נאָר קונסט, ס׳איז אויך לעבן, און וואָס מער קונסט, אַלץ־מער לעבן . . . אין אמת קינסטלעריש ווערק איז ניט קיין ,שיין און פיין־געמאַכטס׳, נאָר תמיד אַ מין חשבון־הנפש און ניט נאָר פון אַן איינצלנעם מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצן דור און — אויף דער העכסטער מדרגה — אַ חשבון־הנפש פון דער גאַנצער מענטשהייט . . . ״

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנ־פערענץ (אויגוסט 1908), דער העפטיקער קאַמף פאַר דער ראָלע און אָרט פון דער יידישער שפּראַך אינעם יידישן לעבן, האָט ד״ר ח. זשיט־לאָווסקי מער ווי וואָסער ס׳איז אַנדערער שרייבער, וואָס איז געווען באַ־טייליקט אין טשערנאָוויץ, געפילט די פליכט און אחריות אָפּצושלאָגן בכתב ובעל־פּה די אַטאַקעס. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגעשטעלט אין קאָן די יידישע ליטעראַטור, אירע דערגרייכונגען און אירע פּערספּעק־טיוון. אין אַן אַרטיקל „די יידישע קולטור און די יידישע שפּראַך״ (מערץ 1911, זע ב׳ 4, ניו־יאָרק, 1912) זאָגט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי: „שוין די ערשטע שריט אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג קאָנען אונדז צו־געבן האָפענונג און מוט. זעט, וואָס די נייע, נאָך גאָר יונגע יידישע ליטעראַטור האָט שוין אויפגעטאָן אין דעם פּריז. נעמט פּרצן, שלום־עליכמען און שלום אַשן. וואָלטן די דריי שרייבער געשריבן אין איי־ראָפּיאיִשע שפּראַכן, דעמאָלט וואָלטן זייערע ווערק געווים באַמערקט געוואָרן, אָבער זיי וואָלטן מיט אַ האָר ניט פאַרגרעסערט אונדזער איי־גענעם ווערט. מען וואָלט זיי פאַרשריבן אויף די קאָנטאָס פון יענע פעלקער, אין וועמעס שפּראַך זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן. איצט אָבער, אַז זיי ווערן איבערזעצט פון יידיש, איז די ציוויליזירטע מענטשהייט

שוין געצוואונגען אָפּצועפּענען אַ נייע קאָנטאָ פאַר דער יידישער ליט־ טעראַטור, פירן אַ באַזונדער חשבון פאַר אַ נייער באַלעבאַטישקייט, און, לויט דעם חשבון, צו באַשטימען „אונדזער ספּעציפישע וואָג" (ז' 182).

אויף ווי ווייט קינסטלערישע ווערק האָבן פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט ד"ר זשיטלאָווסקין און אַרויסגערופן אין אים פילאָ־ סאָפישע, סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פראַגן און פּראָבלעמען, באַווייזן זיינע דריי גרויסע אָפּהאַנדלונגען „טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס", „וועגן לעאָניד אַנדרעיעווס ,אַנאַטעמאַ'" און „מעטערלינקס ,בלויער פויגל'," — דאָס זיינען דריי רעפעראַטן, וואָס זיינען געהאַלטן גע־ וואָרן אַרום 1911-1910 (געזאַמלטע שריפטן", ב' ו, ניו־יאָרק, 1912). און הגם אין די אַלע דריי אָפּהאַנדלונגען פאַרנעמט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי בעיקר מיט די וועלט־אַנשויאונגען פון די דענקער און קינסטלער, מיט די פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע איינשטעלונגען און מיט די אידייען, וואָס ס'לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון די ווערק, אָבער אין גאַנג פון אַרויס־ אַנטפּלעקן און אַרויסברענגען דעם וועלט־באַנעם, די געדאַנקען, די לע־ רעס, דעם מוסר־השכל, האָבן מיר ביי ד"ר זשיטלאָווסקין זייער אינטע־ רעסאַנטע כאַראַקטעריסטיקעס און אַרויסזאָגונגען.

אָט האָט איר אַזאַ בילדלעכע „בעלעטריסטישע" קריטישע כאַראַק־ טעריסטיק פון טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס: „פאַרשיידן; איז דער סטיל פון די דריי מענער, אין וועלכן זיי דערלאַנגען אונדז די רע־ זולטאַטן פון זייער דענקען און פאָרשן. דונערדיק און בליציק, מיט פלו־ צימדיקע אויסברוכן פון פייער־צונגען ביי ניטשען. שווער אָנגעלאָדן, אַזוי ווי איינער וואָלט גיין באַרג־אַרויף מיט אַ דריקנדיקער משא אויפן רוקן, אָבער מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיכערע שריט באַוועגט זיך לאַנגזאַם מאַרקס' געדאַנק. ער געווינט אַ פּאָזיציע נאָך אַ פּאָזיציע, ביז ער פירט אונדז אַרויס צו יענעם העכסטן פונקט, פון וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל פאַר אונדזער אויג דער ווייטער האָריזאָנט פון זיין פאָרשן. אָן אַ ברעקל גראַציע, אָן אַ וועלכער עס איז קינסטלערי־ שער אָדער וויסנשאַפטלעכער פּרעטענזיע, מיט אַ מאַסע בילדער פון לעבן, מיט דער געווינענדער איבערצייגונג פון דעם שכל הישר, דערציילט אונדז טאָלסטאָי זיינע געדאַנקען, מאָלט ער אונדז זיין לאָגיק און זיינע אַרגו־ מענטן, אַזוי איינפאַך און קלאָר, אַז עס דוכט זיך, אַפילו אַ קינד קאָן אים לייכט פאַרשטיין . . . "

זיין גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן ל. אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ" הויבט אָן ד"ר זשיטלאָווסקי מיט די ווערטער: „איידער איך וועל איבערגיין צו מיין אייגנטלעכער טעמע, דערלויבט מיר צו מאַכן אַ פּאָר קליינע הקדמות." אין די „פּאָר קליינע הקדמות" לאָזט ער זיך אויף אַ שפּאַ־

ציך איבער דער רוסישער ליטעראַטור, שטעלט זיך אָפּ ביי די עלטערע גרויסע קינסטלער און קומט צו די דעמאָלט ייִנגערע — צו טשעכאָוו, גאָרקי, אַנדרעיעוו.

און גאָר פּאַרבייגייענדיק גיט ד״ר זשיטלאָווסקי אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם תּוך פונעם רוסישן שאַפן. ער דערגרונטעוועט זיך צום מקור פון דער רוסישער קינסטלערישער נשמה, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין די ווערק פון די בעסטע רוסישע שרייבער. „דער גרויסער אינטערעס צו די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון לעבן, טויט און ניט-פּאַרדינטע ליידן נעמט זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווי איך גלויב, פון אַ גאַנץ אַנדער מקור: פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די רוסישע אינטעליגענץ״. און ד״ר זשיטלאָווסקי גייט אַזוי כסדר און רעכנט אויס: „דער שיקזאַל פון די דעקאַבריסטן — די געהאַנגענע און אין סיביר פאַרמאַטערטע — האָט שווער געדריקט אויף דעם געוויסן און דעם באַוואוסטזיין פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, ביעלינסקי, הערצען און דעם דור, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט גאָגאָלן״.

פון אַ גאַנץ-אַנדערן כאַראַקטער איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אָפּהאַנדלונג וועגן מ. מעטערלינקס „בלויער פויגל״. ד״ר זשיטלאָווסקי איז געטריי צו זיין אופן פון אויפנעמען אַ ווערק און ער זאָגט: „... די גאַנצע קינסטלעריש-ליטעראַרישע זייט פון דער זאַך וועל איך לאָזן גאָר אָן אַ זייט: לאָז דאָס בלייבן פאַר די עסטעטישע קריטיקער פון פאַך.״

ד״ר זשיטלאָווסקי באַנוצט זיך מיט דעם ווערק, כדי אַוועקצולאָזן זיך אין אַ לאַנגער עקספּעדיציע אויסצופאָרשן די וועגן פון דעם מענטשנס נשמה און מענטשלעכע שטימונגען. ד״ר זשיטלאָווסקי זעט כסדר די צוזאַמענהאַנגען צווישן דער צייט מיט די ווערק פון די קינסטלער.

עס איז וויכטיק דער מוסר-השכל, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי מאַכט פון דעם ווערק און ווענדט אים אָן אויף די מיסטישע שטימונגען, וואָס האָבן גענומען הערשן אין יענער צייט אין דער יידישער וועלט און איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אייניקע רעאַקציאָנערע יידישע שרייבער. ד״ר זשיטלאָווסקי גייט אַריבער צו אונדזער יידישער ליטעראַטור, וואָס „אין דער לעצטער צייט איז אין איר ווידער אויפגעוואַכט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם ווערט פון דער חסידות און קבלה, — יענעם הייליקן, גרויסן טיפן אמת, מיט וועלכן עס האָבן געלעבט די נשמות פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס.״ ד״ר זשיטלאָווסקי וואָרנט אָבער: „עס זיינען דאָ ניט ווייניק מענטשן, וואָס וואָלטן וועלן, ווי צום ביישפּיל הלל צייטלין, אַז דער גלויבן פון אַמאָל זאָל אויך דערוואַרעמען אונדזערע הערצער. און וואָס באַשטייט ה. צייטלינס פעלער? — אין דעם, וואָס ער מיינט, אַז אויב דער פויגל איז געווען איינגאַנצן בלוי אַמאָל, מוז ער בלייבן

בלוי אויף אייביק." ער באמערקט ניט, אז ווי נאר ער טראגט אים ארוים מחוץ דעם לאנד פון דערינערונג, אזוי ווערט ער תיכף איינגאנצן שווארץ.

אינטערעסאנט איז די גלענצנדיקע אפשאצונג פון י. ל. פרצן, וואס ד"ר ח. זשיטלאווסקי האט געגעבן אפריל 1915, אויף דעם הזכרה־אוונט אין קארנעגי־זאל, נאך פרצעס טויט.

ד"ר ח. זשיטלאווסקי האט „מאביליזירט" אלע זיינע שאפערישע כוחות אין דעם דראנג און פארמעסט אויפצונעמען פרצן אין זיין גרוים און טיף. קיינער ווי ד"ר זשיטלאווסקי האט ניט אין יענער צייט מיט אזא פארהערלעכונג און אזוי אלזייטיק געפרואווט אויפצונעמען און ארומנעמען פרצעס פערזענלעכקייט און זיין שאפן. ד"ר ח. זשיטלאווסקי האט אנגעהויבן מיט דער באווארעניש, וואס איז אלע מאל כאראקטעריסטיש פאר אים, ווען ער טרעט־צו צו א טעמע, וויל וואס־אויסשעפנדיקער זי באארבעטן און ער פילט דאך, אז ער איז נאך מיט איר ווייט ניט פארטיק: „איך האב די אויפגאבע גענומען אויף זיך (,צו געבן אן אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון פרצעס לעבן, שאפן און טאן'), אבער איך האב ניט בארעכנט, אז עס איז נאך גאר ניט געקומען די צייט, ווען אזא ארבעט זאל קאנען ווערן געטאן . . . " און ווידער אמאל: „אזא'ן ארבעט איז ניט פון די לייכטע. צו פיל־זייטיק און פארשיידנארטיק איז פרצעס שאפן, מען זאל עס קאנען ארומנעמען מיט איין בליק".

וואס־ווייטער האט ד"ר זשיטלאווסקי אלץ־מער גענומען שאצן די ווערט פון דער יידישער ליטעראטור אין דעם ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאנג פונעם יידישן פאלק. ער האט אין דער זעלביקער צייט אנגעהויבן מער פאדערן און מאנען פון דעם יידישן שרייבער און ארויפגעלייגט אויף אים אלץ־מער סאציאלע און נאציאנאלע פליכטן. עס איז אינטערעסאנט אן ארטיקל, וואס ד"ר זשיטלאווסקי האט פארעפנטלעכט אויגוסט 1915 אונטערן נאמען „צו פארשטארקן די אפגעשוואכטע הענט", מיט אן אונטערקעפל „אייניקע ווערטער צו אייניקע חברים פון דער פען".

און אזוי יאר נאך יאר, צווישן זיינע פארשיידענע ווערק וועגן וועלט־פראבלעמען און יידיש־געשיכטלעכע אידייאישע געראנגלענישן און ווי־דערגעבורטן, נעמט ער זיך צו רעדן אדער צו שרייבן וועגן קינסטלער און זייערע ווערק. אפטמאל איז עס ביי אים א מין „שיחת חולין" פון א תלמיד־חכם, א מין באשעפטיקונג צווישן מנחה און מעריב.

און אט א באגריסונג פון ד"ר זשיטלאווסקי צו ז. וויינפער (צום 50טן געבוירנטאג), וואס האט „כשר פארדינט אונדזער טיפע אכטונג אי ווי א דיכטער און יידישער שרייבער, אי ווי א קולטור־טוער, אי ווי א טרעגער פון א סאציאל־פאליטישער פאן." ס'איז דאס יאר 1943, ווען

מ'איז פאַרוויקלט אין דעם קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן פאַשיזם און נאַציזם. ד"ר זשיטלאָווסקי איז אַריינגעצויגן אין קאַמף. ער האָט שוין אַ גאַר אַנדערע באַציאונג צו שרייבער, צו דיכטער. איצט שטעלט ער דעם טראָפּ, ווען ער רעדט צו אַ דיכטער, אויף זיין קאַמף־לוסטיקייט, אויף די פּאָזיציעס, וואָס ער פאַרנעמט אין לעבן.

פון גרויס באַטייט איז זיין רעדע, געהאַלטן אויף דער פּרץ־פייערונג פון „איקוף" (אַפּריל 1940), און זיינע אַנדערע רעדעס און אַרטיקלען, וואָס טיילווייז זיינען זיי פאַרעפנטלעכט אין „ייד און וועלט" (ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, ווערק, ב' 1) און אין „דער זין פון מענטשלעכן לעבן" (ב' 2).

לאָמיר דאָ דערמאָנען אין אַ פּאָר ווערטער ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס דריי בראָשורן: „אַן ענטפער מיינע קריטיקער", „אַן ענטפער דוד פינסקין", „אַן ענטפער שלום אַשן און ה. לייוויקן", וואו ס'ווערט אַרויס־געבראַכט שאַרף און שניידיק ד"ר זשיטלאָווסקיס צוגאַנג צום גרויסן, העפטיקן געראַנגל, וואָס קומט פאָר אין יענער צייט צווישן די פינצטערע, נאַציסטישע האָרדעס און די דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע כוחות.

דער 78־יאָריקער ד"ר ח. זשיטלאָווסקי פאַרבויגט זיין פריינטשאַפט און פאַרערונג פאַר שרייבער און דיכטער, און ער רעדט מיט זיי האַרבע דיבורים. ס'איז נישט דאָ דאָס אָרט צו ציטירן לענגערע שטעלן פון זיין ענטפער צו ה. לייוויקן. ד"ר זשיטלאָווסקי האָט איצט שוין געביטן זיין העפלעכן טאָן, זיינע „איידעלע" מאַנירן און באַנוצט גליאיקע ווערטער, ווי: „פּאָעטן מעגן, כידוע, זיך נעמען געוויסן פרייהייטן, אַריבערצו־טרעטן די אָדער יענע געזעצן — ריכטיקער: געוויסע גראַמאַטיקאַלישע כללים. דאָס רופט זיך ‚ליצענציאַ פּאָעטיקאַ'. אָבער געזעצן פון דעם לאָגישן דענקען זיינען ניט קיין כללים פון גראַמאַטיקע. לאָגישע געזעצן זיינען בינדענדיק אויך פאַר אַ פּאָעט, ער מעג אין זיין פּאָעטישן שאַפן זיין אַזוי די גרויס ווי עוג מלך הבשן. קיין ‚ליצענציאַ לאָגיקאַ' זיינען ניט פאַראַן" (ז"ז 6־7).

מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין די לעצטע פינף יאָר אין אַמעריקע, און כ'בין געווען אַן עדות, ווי די שווערע גרויסע קאַמפן, אין וועלכע ס'איז געווען פאַרוויקלט גאָר די וועלט און אונדזער יידיש פאָלק, האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין ביכער־קאַבינעט און אַוועקגעשטעלט אויף די שלאַכט־פּאָזיציעס. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער אַרויסבאַוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג צו די קינסטלערישע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, און נאָכגע־פאָלגט מיט טיפער באַגייסטערונג אירע ערנסטע שאַפונגען.

מערץ 1951

די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור

I

אין אַ ברייטערן זין פון דעם וואָרט דאַרף מען אונטער דעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור" פאַרשטיין אַלץ, וואָס יידן האָבן אין וואָרט און שריפט באַשאַפן פאַר יידן. פון דעם „ותשר דבורה", אפשר דעם עלטסטן ליטעראַרישן דאָקומענט פון אונדזער פאָלק, ביז אַראָפּ צו די מאָדערנע יידישע שרייבער אין אונדזערע טעג, ציט זיך די „גילדערנע קייט" פון אונדזערע שאַפונגען, וואָס נעמען אַרום אַלע זייטן פון דעם פאָלקס־לעבן, שפּיגלען אָפּ זיינע געדאַנקען, באַשלוסן, לעבנס־צילן, האָפענונגען און חלומות.

אָט די אַלע פּראָדוקטן פון דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין פּאָעזיע, רעליגיע און פילאָסאָפיע, אין יוריספּרודענץ און וויסנשאַפט, אין צייט־פראַגן און אין אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער נשמה — ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין לויט זייער פאָרם און זייער אינהאַלט, ווי פאַרשיידן עס זאָל ניט זיין די שפּראַך, אין וועלכער זיי זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן — זיי אַלע זיינען געשאַפן געוואָרן בדרך כלל, פון יידן פאַר יידן און געהערן דעריבער צו דער יידישער ליטעראַטור.

אין אונדזער איצטיקן אַרטיקל וועלן מיר אָבער אָנווענדן דעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור" אין אַ סך אַן ענגערן זין. ניט דאָס, וואָס יידן האָבן געשאַפן פאַר יידן אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן פון דער וועלט, וועט אונדז אינטערעסירן דאָ, נאָר דאָס וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין איין־איינציקער שפּראַך, דער איין־איינציקער שפּראַך, וואָס האָט געטראָגן דעם אומעטום־אָנערקענטן נאָמען „יידיש": דער פאָלק־ און מוטער־שפּראַך פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק; דער שפּראַך, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן די געדאַנקען־שפּראַך און די שאַפונגס־שפּראַך פון אַ גרויסן טייל יידישע אינטעליגענץ.

אין אַ משך פון בלויז אַ פּאָר צענדליק יאָרן זיינען אין אָט דער שפּראַך אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַזוי פיל ווערק, — און אַזוי פיל באַדייטנדיקע ווערק, — פון דעם מענטשלעכן זשאַנער, אַז זיי אַלע קאָנען שוין בלי ספק

באַטראַכט ווערן ווי טיילן פון אַן אָרגאַנישן גאַנצן, פון אַ „יידישער ליטע־ראַטור״, וואָס שטרעבט צו פאַרנעמען דעם איר קומענדיקן פּלאַץ אין דער גייסטיקער וועלט פון דער מענטשהייט.

אָבער אויך דעם אויסדרוק „יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך״ ווילן מיר דאָ נעמען ווידער אַמאָל אין אַן ענגערן זין: מיר וועלן האָבן אין אויג ניט אַלץ, וואָס ווערט באַשאַפן אין יידיש, נאָר — קודם כל און דער עיקר — די אַזוי־אָנגערופענע „שיינע״ ליטעראַטור, די יידישע בעלעטריסטיק, — יענע ווערק, וואָס ווערן ביי יעדן פאָלק אויסגעשטודירט און באַשריבן אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראַטור״ און זיינען דער מאַטעריאַל, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די אַזוי־אָנגערופענע „ליטעראַטור־ווויסנשאַפט״.

די פרום־נאַציאָנאַלע דורות פון דעם יידישן פאָלק האָבן, ווי באַקאַנט, וויניק־וואָס געהאַלטן פון דעם גאַנצן ענין פון דער שיינער ליטעראַטור און דער פּאָעזיע, ווייל זיי האָבן קיין ברעקל השגה ניט געהאַט פון דעם אומגעהויער־וויכטיקן מהות, וואָס שטעקט אין דעם „שפּיל״ מיט קלאַנגען, בילדער, שטימונגען און געפילן. זיי זיינען געווען אין דער ערשטער ליניע פאַראינטערעסירט אין דעם ערנסט פון דעם לעבן, אין דעם תכלית זיינעם פאַר דער אָדער „יענער״ וועלט — אַ תכלית, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן אויף דעם יסוד פון דעם נאַקעטן אמת און דער רעליגיעזער איבערגעגעבנ־קייט צו די פאָדערונגען פון דעם „אמתן״ גלויבן.

פון דער שיינער ליטעראַטור האָט זיי אָפּגעשטויסן דער פאַקט, וואָס זי פאַרנעמט זיך מיט אויסגעטראַכטע זאַכן און ניט מיט דער באַשרייבונג פון דער אמתער ווירקלעכקייט, און וואָס ווען זי גיט שוין באַשרייבונגען פון אַ רעאַלער געשעעניש, זיינען דאָס ניט די, וואָס פירן דעם מענטשן צו דעם תכלית, צו דער גבורה איבער דעם אייגענעם „איך״, כדי ער זאָל קאָנען וואַנדלען אויף דעם ריכטיקן וועג.

אין דעם בעסטן פאַל האָט די אַלטע וועלט געקאָנט זען אין דער פּאָעזיע און דער שיינער ליטעראַטור בכלל ניט מער ווי אַ „שפּיל״, אַ הנאה צוליב הנאה, אַ צעלאָזענעם נאָכגעבן דעם יצר־הרע פון אומגיין שלינג־און־שלאַנג פון קינדערשער שטיפעריי.

נאָר איין־איינציקע אַרט פּאָעזיע האָט אונדזער אַלטע וועלט געליבט און געשעצט: די פרום־רעליגיעזע, וואָס איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין דער הייליקער שטימונג פון דעם רעליגיעזן גלויבן.

מיט דעם אַריינדרינגען פון דער וועלטלעכער בילדונג אין דעם יידישן לעבן און מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם און

זיין „ביטול היש״, זיין פיינטלעכקייט צו דעם „עולם הזה״, האָט זיך נאַטיר־לעך געמוזט איבערבייטן אויך די שטעלונג צו די הנאות פון דער שיינער ליטעראַטור. אָבער דער בליק אויף דעם מהות פון דער שיינער ליטע־ראַטור איז בעצם געבליבן דער זעלביקער: דאָס איז אַן אָנגענעמער און שיינער צייט־פאַרטרייב. חלילה נישט קיין זינד, נישט קיין יצר־הרע, מיט וועלכן מען דאַרף זיך שעמען, אָבער פּאָרט נישט מער ווי אַ „שפּיל״, ווען אפילו זייער אַ חשובע מענטשלעכע שפּיל, אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק זייַנע בעסטע באַשאַפונגס־קרעפטן.

אויך די געבילדעטע און אויפגעקלערטע האָט געפעלט דער טיפערער איינבליק אין דער באַדייטונג פון דער שיינער ליטעראַטור, אין איר באַ־דייטונג ווי אַ געשיכטלעכע קראַפט, וואָס ברענגט אַרויס, — אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע געשיכטלעכע קרעפטן, — די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

אָט אויף דער באַדייטונג פון דער ליטעראַטור בכלל מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן, כדי מיר זאָלן קאָנען דערנאָך ריכטיק אָפּשאַצן די באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

די ליטעראַטור איז קודם כל אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן, אָבער נישט נאָר אַן אָפּשפּיגלונג, נאָר אויך אַ צוריק־שפּיגלונג. ווי אין אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר שטראַלן זיך אין איר צונויף אַלע וויכטיקסטע איבער־לעבונגען פון אַ פאָלק און זיי ווערן צוריק־געשטראַלט פון איר און דורך איר אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם פאָלק.

אָט די צוריק־שטראַלונג איז אָבער נישט קיין פּאַסיווע. די שטראַלן פון דעם לעבן גייען־דורך דורך דעם דיכטערס און קינסטלערס געמיט, זיי ווערן דאָרטן אויסגעמישט מיט די שטראַלן פון זיין אייגענער נשמה, אַרומ־געוועבט מיט אירע געדאַנקען, שטימונגען און געפילן און ברענגען דעריבער אַרויס אַ נייע באַלייכטונג פון דעם לעבן, אַן אויפקלערונג און דורכקלאָרונג פון זיין אינעווייניקסטן מהות, — און דאָס ווערט דערגרייכט אין דעם זעלבן גראַד, אין וועלכן דער קינסטלער האָט פאַרשטאַנען און דורכגעפילט יענעם מהות.

יאָ, דורכגעפילט; דאָס איז דער ערשטער באַדינג פאַר אַ ווירקונגס־פולן ליטעראַרישן ווערק. די לעבנס־שטראַלן דאַרפן אויפרעגן נישט נאָר דעם קינסטלערס חושים, מיט וועלכע ער נעמט זיי אויף, נישט נאָר זיין פאַרשטאַנד, מיט וועלכן ער קלייבט זיך פאַנאַנדער אין זיי, נישט נאָר זיין פאַנטאַזיע, וואָס קאָמבינירט זיי און אַרבעט זיי איבער אין נייע בילדער און אויסגעטראַכטע פּאַסירונגען, נאָר אויך זיין געפיל, זיין אָפּשאַצונג פון זייער

ווערט, זיין אינעווייניקסטע צושטימונג צו זיי, אָדער דעם אינעווייניקסטן אָפּקער פון זיי.

יעדע שיין־ליטעראַרישע שאַפונג, ווי אפשר יעדעס קונסט־ווערק בכלל — איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ שטיקווירקלעך לעבן, אַריינגעשטראַלט אין אַ קינסטלערס געמיט און אַרויסגעשטראַלט, אַן אָפּגעשאַצטער אין געפיל.*)

וואָס די ליטעראַטור זאָל ניט באַשרייבן און „באַזינגען״, ווי ווייט אַ ליטעראַרישע שאַפונג זאָל אויף דעם ערשטן בליק ניט אָפּשטיין פון דעם ווירקלעכן לעבן, זיינען אַלע אירע פּראָדוקטן — לעבנס־עלעמענטן, איבער־געאַרבעטע עלעמענטן און אָפּגעשאַצטע אין דעם קינסטלערס געמיט, לויט די פאַרשיידענע שאַטירונגען פון צושטימונג און ווידערשטימונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אין זיין געפיל.

פון אַ פּשוטן פאָלקס־ליד ביז צו דער רייכסטער פּאָעמע פון אַ קינסטלער באַדייטן די ליטעראַרישע ווערק ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר: גענומען אַ שטיק לעבן, אַרויפגעלייגט אויף דעם שפּיץ צונג, טיף און ערנסט אַריינגעטראַכט זיך אין זיין טעם, אין זיין „זיס״ און „ביטער״, און דערנאָך אַרויסגעבראַכט דעם פּסק־דין אויף אים אין די געפילן פון טרויער און פרייד, וואָס ער האָט דערוועקט אין דעם קינסטלערס נשמה.

יעדע ליטעראַרישע שאַפונג איז ניט נאָר אַ שטיק „חשבון־הנפש״ פאַר דעם קינסטלער, נאָר אויך אַ שטיק „חשבון־החיים״ פאַר יענעם פאָלק, וואָס באַשאַפט סיי דעם קינסטלער, סיי דאָס לעבן, וועלכן ער שפּיגלט אָפּ, און די ליטעראַטור פון אַ דור איז דער „חשבון־הנפש״ און דער „חשבון־החיים״ פון דעם גאַנצן דור.

ווען דאָס פאָלק זינגט אַ לידל:

אונטער שלמהלעס וויגעלע
שטייט אַ ווייסע ציגעלע;
ציגעלע וועט פ אָ ר ן ה אַ נ ד ל ע ן,
ק ו י פ ן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען;
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען איז דאָך ז י י ע ר ז י ס, —

דערציילט אונדז דאָס פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן דאָס לידל, אַז ניט נאָר ראָזשינקעס מיט מאַנדלען זיינען אים „זייער זיס״, נאָר אויך דאָס „פאָרן האַנדלען״, דער פּראָצעס פון קויפן און פאַרקויפן.

*) אַביסל מער באריכות האָב איך גערעדט וועגן דעם אין מיין פאָרוואָרט צו ב. לאַפּינס בוך „רוסישע ליריק״, (זע ווייטער ז״ז 209־218).

און ווען דאָס אייגענע לידל זינגט אונדז, אַז „שלמהלע וועט לערנען תורה" און אַז „תורה איז די בעסטע סחורה", דערקלערט אונדז דאָס פאָלק, אַז נאָך העכער פאַרן האַנדלען שאַצט ער דאָס פרומע לערנען פון גאָטס־וועגן, אָבער אַז דער העכסטער מאַסשטאַב פאַר דער העכסטער זאַך, מיט וועלכן זי קאָן געמאָסטן און געשאַצט ווערן, בלייבט פאָרט די... סחורה!

פון דעם נאַאיוון פאָלקס־לידל, וואָס האָט געוויס ניט געהאַט אין זין צו חקירהנען זיך וועגן די עקאָנאָמישע יסודות פון דער יידישער חיונה און ממילא פון דעם יידישן לעבן, קלינגט אונדז אַנטקעגן אַ פריידיקע צו־שטימונג צו די דאָזיקע יסודות, צו דעם פּראָצעס פון מסחר, פון מקח וממכר, און אָט דאָס צוריקגעשטראַלטע שטיק לעבן איז אַן אָפּשאַצונג פון זיין ווערט אין דעם פאָלקס געפיל, אַ פריידיקע צוריקשטראַלונג און באַ־שטראַלונג פון זיין לעבנס־וועג, אויף וועלכן ער דאַרף זוכן זיין לעבנס־ציל: וועלכע העכערע צילן קאָנען דען געמאָלט זיין אין אַ לעבנס־וועג, וואָס איז באַשטראַלט מיט אַזעלכע שטראַלן, איידער די לעבנס־צילן פון אַ סוחר אָדער אַ רב? און וועלכע אַנדערע שטראַלן און לעבנס־צילן וואָלט געקאָנט אַרויסברענגען אַ פאָלק, וועמעס לעבן איז צום גרעסטן טייל אויפגעבויט אויף „פאַרן האַנדלען" און לערנען „תורה — די בעסטע סחורה"?

און אַזוי איז דאָס מיט יעדן אמתן קינסטלערישן ווערק, דאָס הייסט, מיט אַזאַ שאַפונג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אין דעם קינסטלערס געמיט פון די אוממיטלבאַרע לעבנס־איינדרוקן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער רושם אויף אים. אין אַזוינע ווערק אָבער, וואָס זיינען ניט געבוירן געוואָרן אין דעם קינסטלערס אייגענעם געמיט, ווי אַ קעגנווירקונג אויף די לעבנס־ווירקונגען, נאָר וואָס זיינען אויפגעשוימט געוואָרן פון מאָטיוון און פאָרמען, וועלכע די אַרומיקע ליטעראַרישע סביבה האָט אַריינגעבלאָזן אין דעם קינסטלערס נשמה, — אין אַזעלכע ווערק, זאָג איך, איז אָפּטמאָל טאַקע שווערלעך צו דערקענען דעם גרונט־שטריך פון יעדער אָריגינעלער קינסט־לערישער שאַפונג: די אָפּשאַצונג פון די לעבנס־עלעמענטן אין דעם געפיל.

אָבער אַזעלכע ווערק, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע זיי זאָלן ניט האָבן געשפילט אין זייער צייט, האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין אריכת ימים אין דער ליטעראַטור; זיי ווערן באַלד פאַרגעסן. לעבן בלייבן די אָריגינעלע טאַלאַנטן, די נאַטורן, וואָס זיינען געווען פּאַראינטערעסירט ניט נאָר אין זייער שרייבעריי, נאָר נאָך מער אין זייער לעבן — און אין דעם מענטשלעכן לעבן בכלל, — אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון דעם יחיד, אָדער אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם פאָלק. אין זייערע ווערק האָבן די לעזער געפונען — ווען אַפילו אמבאַוואוסטערהייט — אַ נייע אָפּשאַצונג

פון די עלעמענטן פון זייער אייגענעם לעבן, און דעריבער אַ נייע באַ־לייכטונג פון זייער לעבנס־וועג, און דעריבער אויך אַן אָפּשאַצונג און קריטיק, אַ באַלייכטונג און קלאָרער־מאַכונג פון זייערע לעבנס־צילן.

אַט פאַר דער מעלה זייערער, נאָך מער ווי פאַר דער מדרגה פון זייער ריין־קינסטלערישן טאַלאַנט, זיינען זיי געוואָרן איינגעבאַקן אין די הערצער פון זייער דור, — אָפּטמאָל אין די הערצער פון אַ סך דורות. אַדאַנק אַט דער מעלה זייערער האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין שאָטן אַ סך פון זייערע צייט־חברים, וואָס האָבן אפשר אין דעם פּרט פון ריינער קונסט געהאַט אַ סך פלינקערע און מער־שפּילערישע פינגער.

די שיינע ליטעראַטור פון אַ פאָלק מיט איר אָפּשאַצונג און געפיל פון דעם פאָלקס לעבן, — דירעקט אָדער אומדירעקט — מיט איר באַלייכטונג און קלאָרער־מאַכונג פון די לעבנס־צילן, — אויך: דירעקט אָדער אומ־דירעקט, — איז ביי יעדן מאָדערנעם געבילדעטן פאָלק דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון דעם טייערסטן נאַציאָנאַלן אוצר.

נאָך מער: די ליטעראַטור פון אַ פאָלק אינאיינעם מיט דער שפּראַך, וואָס איז פאַרפיינערט און באַרייכערט געוואָרן אין יענער ליטעראַטור, זיינען געוואָרן די טרעגער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, דער וויכ־טיקסטער סימן, מיט וועלכן מען פאַרבינדט די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ. די ליטעראַטור רופט זיך שוין איצט די נאַציאָנאַל־ליטעראַטור פון אַ פאָלק, — אַלץ איינס, צי זי האָט אין זיך באַוואוסטזיניק־שאָוויניסטישע ווערק, אָדער זי איז אפשר אינגאַנצן באַהערשט פון אַ ריין־קאָסמאָפּאָליטי־שער טענדענץ. די ליטעראַטור הויבט איצטער אָן געווינען די זעלביקע באַדייטונג פאַר דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וואָס אַמאָל האָבן געהאַט — און האָבן נאָך עד היום אין געוויסע פאַלן — די רעליגיע און כמעט אומעטום — דאָס פאָטערלאַנד.

מען איז איצטער אַ דייטש ניט דערפאַר, וואָס מען באַלאַנגט צו אַ דייטשער אמונה, וואָס מען גלויבט אין אַ דייטשן גאָט אָדער אין דייטשע געטער: די אַלטע גערמאַנישע געטער־וועלט איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין, און די מיינסטע דייטשן גלויבן גאָר איצטער אין אַ יידישן גאָט.

מען איז אויך ניט דערפאַר אַ דייטש, וואָס מען וואוינט אין דעם דייטשן פאָטערלאַנד און מען ליבט עס: אַ גרויסער טייל דייטשן וואוינען אין שווייצאַריע, עסטרייך, אַמעריקע און וואו ניט? — אין דער וועלט.

מען איז אַ דייטש דערפאַר, וואָס מען רעדט די דייטשע שפּראַך, און וואָס מען באַטראַכט די שילערס און די געטעס פאַר די העלדן פון דער

אייגענער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור, ווייל אַט די דייטשע ליטעראַטור איז געוואָרן די טרעגערין פון דעם דייטשן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

און דאָס אייגענע, וואָס די שילערס און די געטעס, האָבן די פּושקינס און די טורגעניעווס אויפגעטאָן פאַר דעם רוסישן, די ראַסינס און הוגאָס און באַלזאַקס — פאַר דעם פראַנצויזישן. און אַזוי אויך מיט יעדן אַנדערן פאָלק.

עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס די שפּראַך און די ליטעראַטור פון אַ פאָלק מוז איצטער אַ סך אַריבערשטייגן אין זייער נאַציאָנאַלן באַדייט די צוויי אַנדערע טרעגער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין: די רעליגיע און דאָס פאָטערלאַנד.

עס איז אין די איצטיקע צייטן כמעט אוממעגלעך אַריינצוצווינגען אַ רעליגיעזן גלויבן אין די ענגע גרענעצן פון איין־איינציקן פאָלק. יעדע אויסגעבילדעטע, אַנטוויקלטע רעליגיע שטרעבט צו זיין אוניווערסאַל, צו זיין פאַר דער גאַנצער מענטשהייט פון גאָר דער וועלט. דאָס איז דערפאַר, וואָס אין תוך אַריין ווענדט זיך יעדע הויך־שטייענדיקע רעליגיע צו יעדן מענטשן, ניט ווי צו אַ קינד פון אַ באַשטימטן פאָלק, נאָר ווי צו אַ מענטשן־קינד, אַ בן־אדם, אַן אינדיווידואום, וואָס דאַרף מאַכן זיין אייגענעם פערזענלעכן חשבון מיט וועלט און גאָט.

אפילו די יידישע רעליגיע, וואָס איז אויפגעבויט אויף דעם גרונד־געדאַנק פון אַ ספּעציעלן אָפּמאַך צווישן גאָט און די בני־ישראל (ניט די בני־אדם), — אַפילו אַט די נאַציאָנאַלסטע פון אַלע רעליגיעס איז אין איר תוך אַריין אוניווערסאַל, אַלוועלטלעך, ד. ה. פּערזענלעך־מענטשלעך. דעם געטלעכן אָפּמאַך מיט דעם „פאָלק ישראל" האָבן שוין די נביאים אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, כדי יידן זאָלן די גאַנצע מענטשהייט אַרייַנברענגען אונטער די פליגלען פון דעם יהוה־גלויבן.

וואָלט אַט די ריין־רעליגיעזע, ריין־מענטשלעכע מיסיע זיך — אין דער צייט פון נאָך די נביאים — ניט געמוזט צונויפשטויסן מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסט־דערהאַלטונג אַזוי שטאַרק, אַז יענע יידן, וואָס האָבן אויפגענומען אַט די מיסיע (די ערשטע קריסטן), האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און יענע יידן (דאָס גרעסטע רוב פון דעם פאָלק), וואָס האָבן אַנדערש ניט געקאָנט ווי בלייבן טריי דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט, האָבן געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זייער מיסיע, געמוזט זיך אָרויסשיידן פון דער מענטשהייט און מאַכן אַזוי, אַז דער רעליגיעזער גלויבן זאָל בלייבן איינגעשלאָסן אין די אייגענע

דלד אמות; וואָלט די אַרומיקע פיינטלעכע קריסטלעכע וועלט ניט גערודפט דעם יידישן גלויבן אויף שריט און טריט און ניט אָפּגעהיט, דער יידישער גלויבן זאָל זיך חלילה ניט פאַרשפּרייטן אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, — וואָלטן ניט געווען אָט די אַלע טראַגישע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע, דעמאָלט וואָלט דאָס יידנטום געוויס שוין לאַנג אַרויסגעבראַכט פון זיך אַ נייע פאָרם פון אוניווערסאַליטעט און וואָלט אין דעם פרט געקאָנט אויפנעמען אַן ערנסטע קאָנקורענץ מיט דעם קריסטנטום און דעם מאַכמעדאַניזם.

און אפילו אונטער אָט די העכסט־אומגינסטיקע אומשטענדן איז דער יידישער גלויבן ניט געבליבן איינגעגרענעצט אין דעם יידישן פאָלק, און דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פאַלט ניט תמיד צונויף מיט דער יידישער אמונה. שוין איצטער, ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, זיינען צו דעם יידנטום צוגעשטאַנען צענדליקער טויזנטער סלאַוון (די „סובאָטניקעס" און די „גרים"), און צוריק האָט אַ גרויסער טייל פון די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטן אויפגעהערט צו האַלטן פון דעם „יודאַאיזם".

רעליגיע הערט אויף איך ביי דעם יידישן פאָלק צו זיין דער טרעגער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און וואָס מער, אַלץ מער וועט זיך דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין באַפרייען פון זיין צוגעשמידטקייט צו דער יידישער רעליגיע.

אָבער אויך אין די גרענעצן פון אַ פאָטערלאַנד קאָן ניט אַריינגעפּרעסט ווערן אַ מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, ווי וויכטיק אַזאַ פאָטערלאַנד אָדער אַזעלכע פאָטערלענדער זאָלן ניט זיין פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם פאָלק און ממילא אויך פאַר דעם באַוואוסטזיין, אַז מען געהערט צו אַ פאָלק. איבער דעם באַוואוסטזיין פון פאָטערלאַנד שטייט איצטער דער באַוואוסטזיין פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

אָט דער פאַקט איז קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי קלאָר אין דעם געשיכטלעכן לעבן, ווי גראָד אין דער לעצטער צייט פון דעם וועלט־קריג און אין די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וועלכע די פאַרשיידענע פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן צו די קריג־פירנדיקע צדדים.

נאָך איידער די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן זייער אייגענעם פאָטערלאַנד, — אַ פאַרשיידענעם און, אונטער אומשטענדן, אַ פיינטלעכן צו דעם פאָטערלאַנד פון די ענגלענדער, — זיינען אַריין אין קריג אויף דער זייט פון די ענגלענדער, האָבן זיך תיכף, ווי דער קריג איז אויסגעבראָכן, זייערע סימפּאַטיעס אַ קער געטאָן צו די ענגלענדער. און דעם סוד אָט פון דער נאַטירלעכער, זיך סטיכיש אַרויסרייסנדיקער סימפּאַטיע האָט אונדז דער־

קלערט דער זשורנאַל „לייף“ („לעבן“, וואָס שטייט באמת, — ווי דאָס זאָל אונדז אָפּט ניט ווי טאָן — זייער נאָענט צו דעם ריין־אַמעריקאַנישן „יענקישן“ לעבן).

— זיינען ניט — האָט יענער זשורנאַל געפרעגט — די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער קינדער פון איין פאָלק ? איז ניט זייער שפּראַך, ענגליש, אויך אונדזער שפּראַך ? איז ניט זייער שעקספּיר אויך אונדזער שעקספּיר, זייער טעניסאָן אונדזער טעניסאָן, אונדזער פּאָו זייער פּאָו ?

די אייגענע דערשיינונג האָט מען געקאָנט באַמערקן אין שווייצאַריע, וואו די סימפּאַטיעס האָבן זיך אויף מאָרגן נאָך דער קריגס־דערקלערונג גענומען פאַנאַנדערשפּאַלטן אין צוויי ריכטונגען : די דייטשע שווייץ האָט האָט געהאַלטן מיט דייטשלאַנד און די פראַנצויזישע מיט פראַנקרייך, אַזוי, אַז דער אַלגעמיין־שווייצאַרישער פּאַטריאָטיזם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַן ערנסטער געפאַר. און וויסן זיין דאַרף מען, אַז זעלטן וואו אַ פאָלק איז אַזוי טריי איבערגעגעבן צו דעם אייגענעם „ליבן לענדל“, ווי די שווייצאַרער פון אַלע ראַסן אין אַלע שפּראַכן.

ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס אָט דער פאַנאַנדערפאַל פון דער פאָלקס־סימפּאַטיע ? וועלכע מאַכט האָט דאָ גענומען גובר זיין דעם צויבער פון דעם פאָטערלאַנד, פון דעם פּאַטריאָטיזם ?

אויך דאָ מוז מען געבן דעם זעלביקן תירוץ, וועלכן די „לייף“ האָט געפונען פאַר די אַמעריקאַנער : זיינען ניט די דייטש־שווייצער און די דייטשן קינדער פון איין פאָלק ? איז ניט דייטש זייער אַלעמענס שפּראַך ? איז ניט זייער געטע „אונדזער“ געטע ? איז ניט „אונדזער“ קעלער זייער קעלער ? איז ניט „אונדזער זשאַן־זשאַק רוסאָ פון זשענעווע דער זעלביקער זשאַן־זשאַק רוסאָ פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ?“

געוויס מוז מען צוגעבן, אַז אָט דער נייער צענטער פון דעם נאַציאָ־נאַלן באַוואוסטזיין — שפּראַך און ליטעראַטור — האָט נאָך בשום אופן ניט אַרויסגעשטופּט די אַלטע צענטערן : די רעליגיע און דאָס פאָטערלאַנד. ער האָט זיך נאָך ניט אַוועקגעשטעלט אין גאַנצן אויף זייער פּלאַץ, ווייל ער קאָן נאָך אָט דעם פּלאַץ ניט פאַרנעמען אין גאַנצן.

מען דאַרף שוין שטיין אויף אַ גאַנץ באַדייטנדיקער הויך אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, כדי מען זאָל קאָנען אָנהויבן היילִיק האַלטן אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור ווי מען האַלט הייליק אַ רעליגיע, אָדער לכל הפּחות אויף אַזוי פיל ליבן און אַכטן זיי ווי מען ליבט און אַכט אַ פאָטער־לאַנד.

ביי די גרויסע מאַסן האָט זיך דער רעליגיעזער הייליקייטס־געפיל ניט

אַנטוויקלט צו אַזאַ הויך. ביי די גרעסטע מאַסן איז דער היילקייטס־געפיל נאָך עד היום פאַרבונדן נאָר מיט דעם רעליגיעזן גלויבן. פאָטערלאַנד איז געהייליקט אין דער הערצער פון נאָך ניט אַלע פעלקער. שפּראַך און ליטע־ראַטור זיינען געוואָרן אַ געהייליקטער נאַציאָנאַלער אוצר, אַ נאַציאָנאַלער „ארון הברית״, דערווייַלע נאָך נאָר ביי לפי ערך גאָר קליינע מינאָריטעטן. אָבער עס גייט דערצו. וואָס מער די מאָדערנע קולטור דרינגט אַריין אין די מאַסן, וואָס מער דער אַוואַנגאַרד אירער, די שיינע ליטעראַטור, ווערט פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, אַלץ מער גייסטיקע כוחות זאַמלען זיך אַרום דעם נייעם צענטער פון דעם נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, אַלץ שטאַרקער און באַדייטנדיקער ווערט זיין ראָלע פון אַ נאַציאָנאַל־ווירקנדיקער קראַפט.

די אויבערמאַכט פון דעם נייעם נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין איבער רע־ליגיע און פאָטערלאַנד ווערט געזיכערט דורך דעם, וואָס ער פאַרבינדט אין זיך די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון פאָטערלאַנד און רעליגיע.

ווי פאָטערלאַנד, זיינען אויך שפּראַך און ליטעראַטור אַן אומפּאַרטיי־אישער פאַרבינדנדיקער נאַציאָנאַלער צעמענט. אין דער ליבע, וואָס וואַקסט אויס אין דעם האַרצן פון אַ רוס צו „זיין״ ליטעראַטור, ווערט ניט געמאַכט קיין נפקא־מינה צווישן „זיין״ טאָלסטאָי און „זיין״ דאָסטאָיעווסקי, ווי פאַר־שיידן עס זאָלן ניט זיין די ריכטונגען פון אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעווסקי. דער קאַטוילישֿ־פרומער דייטש שעמט זיך ניט צו גרויסן זיך מיט „זיין״ אַפּיקורסישן געטע, ווי דער אין גרונט קאָנסערוואַטיווער פראַנצויזישער קריטיקער, סענט־בעאוו, שרעקט זיך ניט אָפּ צו שרייבן אַ בוך וועגן דעם סאָציאַליסט און אַנאַרכיסט פּרודאָן. פּרודאָנס געדאַנקען זיינען, אמת, ניט זיינע געדאַנקען, אָבער פּרודאָן אַליין איז „זיינער״.

אין דער אומפּאַרטייאישקייט, דער פיאיקייט אַרומצונעמען אַלע קינ־דער פון דעם פאָלק, שטייט די ליטעראַטור ניט אָפּ פון דעם פאָטערלאַנד (און די שפּראַך אַוודאי ניט!), און דערצו איז זי ניט אַזאַ סטיכיש־בלינדע קראַפט, ווי די סטיכיש־בלינדע ליבע צום סכום פון געאָגראַפישע אָרט־שאַפטן, וואָס רופט זיך פאָטערלאַנד. די ליטעראַטור איז, אין אָט דעם פּרט, ווי די רעליגיע, אַ באַוואוסטזיניקע גייסטיקע קראַפט, אָבער ניט קיין ענגע, ווי אַ באַשטימטער רעליגיעזער גלויבן, ניט קיין פּאַרטייאישע, ווי ער.

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז דעריבער אַ גייסטיק־אומפּאַרטייאישער פאַרבינדנדיקער נאַציאָנאַלער צעמענט. אין אָט־דער אייגנשאַפט אירער ליגט ניט נאָר איר נאַציאָנאַלע באַדייטונג, נאָר אויך איר פּראָגרעסיווע באַדייטונג פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, — אַ באַדייטונג, וואָס שטעלט אַוועק דעם נייעם צענטער פון נאַציאָנאַלן באַ־

וואוסטזיין אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, איידער רעליגיע און פאָטער־לאַנד.

ביידע אַלטע צענטערן טראָגן אין זיך — ווי באַקאַנט — אַ באַדייטנ־דיקע געפאַר פון רעאַקציע און פאַרפאָלגונגס־מאַניע.

דער אָנהענגער פון אַ רעליגיעזן גלויבן מוז באַטראַכטן דעם אָנהענגער פון אַן אַנדער אמונה ווי אַ געצנדינער, וואָס וויל אָוועקשטעלן אַן עבודה־זרה אָנשטאָט דעם „אמתן״ גאָט. דער „געצנדינער״ איז אָדער אַ צו־להכעיס־מענטש, וואָס וויל מיט אַ כיוון דערצאָרענען גאָט און אַראָפּפירן מענטשן פון דעם ריכטיקן וועג. אַזאַ מענטש איז ניט קיין עוולה, מען זאָל אים אָפּטאָן זיין פאַרדינטן פסק. אָדער ער איז אַן אומשולדיק־פאַרפירטער, נעבעך אַ פאַראירט שעפעלע, און דעמאָלט איז בלי ספק אַ מצווה גדולה, מען זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין נשמה און אַרויסראַטעווען זי פון דעם שטנס הענט.

אָט דער בליק אויף דעם אַנדערש־גלויבנדיקן, וואָס איז פאַרבונדן כמעט מיט יעדער רעליגיע, ווי מיט יעדן פאַנאַטיש־דאָגמאַטישן געדאַנקען־סיסטעם, איז געווען דער מקור — אמת, ניט דער איינציקער — פון די אַלע רעליגיעזע קריגן און שוידערלעכע פאַרפאָלגונגען, פון די אַלע אינ־קוויזיציעס און שייטער־הויפנס, וואָס האָבן געהערשט אין דעם מיטלאַלטער און זיינען נאָך לאַנג ניט פאַרשוואונדן פון אונדזערע טעג.

אויך דער פּרינציפּ פון פאָטערלאַנד פאַרבינדט זיך זייער אָפט (דעם אמת געזאָגט: שוין צו אָפט) מיט דעם אומגערעכטסטן שאָוויניזם און פאַרפאָלגונג־מאַניע. זי טרעט דאָ אַרויס ווי אַ פּרעסערישע פאַרשלינגונג־מאַניע. אַ פאָטערלאַנד וויל זיין גרויס און איינשלינגען אַנדערע פאָטער־לענדער. אין בעסטן פאַל דאַרף פאָטערלאַנד לויערן אויף דער שמירה פון זיינע גרענעצן, זיין אָנגעגרייט אויף אַן איבערפאַל און אָנפאַל, תמיד קוקן מיט אויגן פון חשד אויף דעם שכן, וואָס איז זיין „נאַטירלעכער שונא״.

רעליגיעס און פאָטערלענדער זיינען דעריבער עלול צו זיין אַנטאַ־גאָניסטיש צו זייערע שכנים. זיי פאַרשטאַרקן ניט דעם סאָלידאַריטעט־געפיל צווישן די איינצלנע טיילן פון דער מענטשהייט, צווישן די פעלקער, וואָס זייער נאַציאָנאַל־געפיל ווערט געשפייזט דורך רעליגיע אָדער פאָטער־לאַנד. גיכער גראָבן זיי אונטער אָט דעם געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער אַלמענטשלעכער סאָלידאַריטעט.

גאַנץ אַנדערש — די ליטעראַטור, ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר און באַוואוסטזיין־טרעגער.

מערקט אייך: איך זאָג דאָ בפירוש ליטעראַטור און ניט שפּראַך. אין

דעם פּרט פון שפּראַך האָבן די מיינסטע פעלקער ליידער אַזאַ הייס־הונגעריקן שאָוויניזם, אַקוראַט אַזאַ אכזרישן פאַנאַטיזם, אַקוראַט אַזאַ קאַני־באַלישן פרעסער־אַפּעטיט, ווי רעליגיע און פאַטערלאַנד: דער עיקר אין די גרענעצן פון איין־און־דעם־זעלביקן שטאַט, און נאָך ספּעציעלער מצד דער „הערשנדיקער״ שפּראַך (אָדער מצד דער שפּראַך, וואָס מיינט, אַז זי האָט אַ רעכט צו הערשן) לגבי אירע שכנים, די אַנדערע שפּראַכן. שפּראַכן־פאַנאַטיזם, שפּראַכן־פאַרפאָלגונגען שטייען אויף דעם סדר־היום פון כמעט אַלע לענדער מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג. אויך די שפּראַכן זיינען עלול צו באַטראַכטן זיך פאַר אַנטאַגאָניסטיש צו זייערע נאָענטע שכנים. אָבער ניט אַזוי — די ליטעראַטורן.

די ליטעראַטורן זיינען ניט אַנטאַגאָניסטיש איינע צו דער אַנדערער. זיי מעגן אפשר וועלן איבעריאָגן איינע די אַנדערע, אַריבעריאָגן זיך אויף אַ העכערער מדרגה, איידער די אַנדערע, אָבער דאָס קאָן ניט געטאָן ווערן צום שאָדן פון די אַנדערע, נאָר אדרבה: דאָס מוז אַרויסקומען צו זייער נוצן. ווייל ווען איין ליטעראַטור יאָגט אַריבער „מיין״ ליטעראַטור, ברענגט אַרויס גאַנץ נייע אוצרות פון וועלכע מען האָט פריער קיין ברעקל השגה ניט געהאַט, וועט קאָן מיר דען פאַרווערן אַריבערצוגיסן אָט די נייע אוצרות אין מיין אייגענער שפּראַך און אויף אַזאַ׳ן אופן באַרייכערן מיין אייגענע ליטעראַטור? און ווער קאָן פאַרווערן מיין פאָלק, אויב ער האָט נאָר די כוחות דערצו, נאָך שנעלער און ווייטער אַריבערצויאָגן דעם אַריבעריאָגער?

די גייסטיקע שאַפונגען זיינען קאָמוניסטישע אוצרות. זיי שטייען אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. יעדעס פאָלק קאָן זיך באַנוצן מיט זיי, וויפיל זיין האַרץ גלוסט. אין דער ריוואַליטעט פון פעלקער אויף די פעלדער פון דער גייסטיקער קולטור, אפילו ווען אַזאַ ריוואַליטעט זאָל זיך ווען עס איז און וואו עס איז פאַנאַנדערברענען, קאָנען ניט געבוירן ווערן קיין אַנטאַגאָניסטישע געפילן.

איך האָף, אַז דער לעזער פאַרשטייט דאָ ריכטיק מיין מיין. איך וויל, נאַטירלעך, בשום אופן ניט לייקענען דעם באַשיינפּערלעכן פאַקט, אַז די שיינע ליטעראַטור קאָן דורך דעם אינהאַלט פון אירע ווערק פאַנאַנדער־בלאָזן די היציקסטע שאָוויניסטישע לײדנשאַפטן, אויפוועקן אַלע פוריעס פון דעם פעלקער־האַס אין דער מענטשלעכער ברוסט. אָבער דאָ רעדן מיר ניט וועגן דעם אינהאַלט פון דעם אָדער יענעם ליטעראַרישן ווערק, נאָר וועגן דעם ליטעראַרישן שאַפן בכלל. די ליטעראַטור, ווי אַ צענטער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, האָט אין זיך ניט יענעם שאָוויניזם, וואָס די אַלטע צענטערן האָבן געהאַט, און וואָס אויך די שפּראַך, ווי אַ נאַציאָנאַלער

באַוואוסטזיין־צענטער, האָט אין זיך. דאָס זיך וועלן אַרויפצווינגען אויף דעם אַנדערן, דאָס וועלן פאַרנעמען דעם אַנדערנס פּלאַץ. די ענגלענדער ווילן ניט אַרויפצווינגען אויף רוסלאַנד בייראָנען אַנשטאָט פּושקינען. בייראָן און פּושקין קאָנען פרידלעך לעבן איינער מיט דעם אַנדערן אין די גרענעצן פון איין און דער זעלביקער שפּראַך־אַטמאָספערע, און צו אַזאַ פרידלעכן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענווירקן שטרעבן אַלע מאָדערנע ליטעראַטורן אין יענער גייסטיקער וועלט, וואָס האָט שוין אַ נאָמען באַקומען די „וועלט־ליטעראַטור“.

אָבער ניט נאָר איז די ליטעראַטור, ווי אַ באַזונדער צענטער פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פריי פון אַן אײַנעווייניקסטן אַנטאַגאָניזם צו די אַנדערע ליטעראַטורן: דורך די איבערזעצונגען, דורך דאָס צונויפליגן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק אין איין און דער זעלביקער שפּראַך ווערט געשאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַטמאָספערע, וואָס איז פול מיט קעגנזייטיקער אָנערקענונג און פאַרשטענדעניש צווישן פאָלק און פאָלק — אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער עס ווערט געבוירן די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות, אָדער לכל הפּחות, וואָס העלפט זייער שטאַרק דער אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרישע געפילן.

דערהויפּט טוט דאָ זייער פיל אויף אין דעם פּרט די שיינע ליטעראַטור, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער קינסטלערישער שילדערונג פון דעםווירקלעכן לעבן און די ווירקלעכע כאַראַקטערן פון דעם פאָלק.

די פעלקער זיינען נאָך עד היום אַזוי פרעמד איינער דעם אַנדערן און די גרויסע מאַסן אפילו פון די געבילדעטע זיינען נאָך אַזוי פול מיט חשד און מיסטרוי צו דעם פרעמדן, אַז עס איז איינעם נאָך גאַנץ שווער זיך פאָרצושטעלן אַ קינד פון אַ פרעמדן פאָלק ווי זיינס אַ גלייכן, ווי מענטשן. מען קאָן טעאָרעטיש זיין איבערצייגט אין דער פולער גלייכהייט פון אַלע מענטשן־קינדער, אין דעם אייגנאַרטיקן מענטשלעכן תוך, אין וועלכע פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פאָרמען ער זאָל ניט זיין פאַרקליידט, וועט אָט די איבערצייגונג בלייבן אַ פּרוכטלאָזע אַבסטראַקציע, כל זמן דעם פרעמדנס נשמה און דעם פרעמדנס לעבן וועט ניט אַנטפּלעקט ווערן פאַר אונדז בחוש, כל זמן מיר וועלן זיך אינטואיטיוו ניט אַריינלעבן און אַריינפילן אין איר.

פון מיין אייגענער קינדערשער דערפאַרונג ווייס איך, ביז צו אַ וואָסער גראַד פון מיסטרוי און חשד עס קאָן דערגיין אַ מענטשלעכע נשמה בנוגע דעם לעבן און דער נשמה פון אַ „פרעמדן“, פון אַ „גוי“. און דער גאַנצער פאָלקלאָר פון די פעלקער, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם „פרעמדן“, איז פול מיט ווילדע פאַנטאַזיעס, וואָס באַווייזן, ווי ווייניק די מאַסן קאָנען זיך באמת

פאַרשטעלן, אַז דער „פּרעמדער״ זאָל קאָנען זיין פּונקט אַזאַ מענטש, ווי דער אייגענער. דאָס רוב טראָגט דער פרעמדער דעם כאַראַקטער פון דעם פּיינט, דעם פיינט ניט נאָר פון אונדזער אייגענעם פאָלק, נאָר פון דעם מענטשלעכן מין בכלל. ער איז כמעט אומעטום אין דעם פאָלקלאָר ענג צונויפגעבונדן מיט דעם טייוול און מיט אַלע אומווירדיקע איבערנאַטיר־לעכע כוחות, וואָס טראַכטן נאָר איין זאַך: ווי צו ברענגען שאָדן דעם מענטשן — אַ מאַסן־פסיכאָלאָגיע, פון וועלכער מיר, יידן, האָבן אַזוי פיל און אַזוי טיף געליטן און פון וועלכער מיר ליידן נאָך אַזוי פיל און אַזוי טיף ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

די ענגע גרענעצן פון דעם פאָלקס באַוואוסטזיין, וואָס ברענגען אַרויס אַזוי פיל באַריערן אין געפיל צווישן פאָלק און פאָלק, ווערן אָפּגעשאָפט אין דעם ליטעראַרישן צונויפלעבן פון די פעלקער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

די איבערזעצונגען פון די פרעמדע ליטעראַטור־פּראָדוקטן אין דער אייגענער שפּראַך מאַכן ברייטער אונדזער פּסיכאָלאָגישן האָריזאָנט, שאַפן אָפּ די געפיל־באַריערן צווישן פאָלק און פאָלק, ווייל זיי לאָזן אונדז טיפער אַריינבליקן און זיך מיט די חושים אַריינלעבן אין דעם פרעמדנס לעבן און אין זיין נשמה.

„ואהבת את הגר, כי אתם ידעתם את נפש הגר״, שטייט ביי אונדז אין דער תורה. „איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל איר זייט באַקאַנט מיט דער נשמה פון דעם פרעמדן.״ אָט די באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדנס נשמה, וואָס מאַכט ערשט מעגלעך די ליבע צו אים, גיט אונדז די וועלט־ליטעראַטור, ווען זי ווערט אַריבערגעטראָגן אין דער אייגענער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור.

די נאַציאָנאַל־ליטעראַטור, וואָס נעמט אין זיך אַריין די בעסטע פּראָ־דוקטן פון דער וועלט־ליטעראַטור,—און צו דעם שטרעבט יעדע מאָדערנע נאַציאָנאַל־ליטעראַטור, — שפּילט דעריבער אַ טאָפּלטע נאַציאָנאַל־פּראָ־גרעסיווע ראָלע. פון איין זייט טיילט זי אונדז אויס פון דער גאַנצער מענטשהייט ווי אַ באַזונדער פאָלק, און זי טוט דאָס אויף אַזאַ׳ן אופן, וואָס שליסט אויס יעדן אַנטאַגאָניזם צווישן פאָלק און פאָלק. און פון דער אַנדערער זייט בינדט זי אונדז צונויף דורך דער וועלט־ליטעראַטור מיט דער גאַנצער מענטשהייט, ברענגט אַרויס די פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדע־ניש צווישן פאָלק און פאָלק און לייגט אַוועק דעם יסוד און געפיל פאַר דעם וויכטיקסטן פונקט פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, די אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אַדאַנק אָט די אייגנשאַפטן פון דער

שיינער ליטעראַטור, איז איר חשיבות אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון דעם געבילדעטן עפנטלעכן באַוואוסטזיין. די חשיבות פון אַ פאָלק ווערט איצטער אָפטמאָל געמאָסטן לויט דעם ווערט פון יענער שיינער ליטעראַטור, וואָס עס ברענגט אַרויס, און וואָס פאַרנעמט איר אָרט אין דעם אַלוועלטלעכן ליטעראַרישן שאַפן.

II

די חשיבות פון אַ פאָלק — האָבן מיר געזאָגט צום סוף פון דעם ערשטן קאַפּיטל — ווערט איצט אָפטמאָל געמאָסטן לויט דעם ווערט פון יענער שיינער ליטעראַטור, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט. אַט־דעם ענין מוזן מיר אַ ביסל ברייטלעכער אַרומרעדן.

אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן עפנטלעכן באַוואוסטזיין האָט יעדעס פאָלק שוין פון לאַנג אָן באַקומען אַ באַשטימטע פיזיאָנאָמיע און אַ באַשטימטע אָפּשאַצונג.

עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצופאָרשן ווי אַזוי עס האָט זיך ביסלעכווייז געביטן דער מאָס־שטאָק, מיט וועלכן די „מענטשהייט" שאַצט אָפּ דעם מהות און דעם אינעווייניקסטן ווערט פון אַ פאָלק. ליידער, קאָנען מיר אַזאַ אַרבעט ניט אונטערנעמען אין דעם ענגן ראַמל פון אונדזער טעמע.

דאָ וועט גענוג זיין, ווען מיר וועלן באַמערקן, אַז שוין גאָר פון אָנהויב אָן, ווען דער מאָדערנער צווישן־פעלקערלעכער עפנטלעכער באַוואוסטזיין האָט זיך גענומען אויסבילדן אין דער צייט פון דעם רענעסאַנס, האָבן אינווייניק אין אים גענומען קעמפן דריי פאַרשיידענע פּרינציפּן פון ווערט־שאַצונג.

די ערשטע פּידל האָט דערביי אין אָנהויב געשפּילט די פיזישע מאַכט פון אַ פאָלק, זיינע גבורות און נצחונות אויף דעם פעלד פון מיליטערישע דערגאָבערונגען. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך דער האַנדל און די אינדוסטריע אַרויפגעלייגט אויף דעם וואָגשאָל זייער אייגענעם געוויכט, וואָס האָט, אמת, ניט געקאָנט אַריבערוועגן דעם מיליטערישן רום, וואָס האָט אָבער זייער פיל אויפגעהויבן די חשיבות פון אַ פאָלק אין די אויגן פון דער וועלט. און נאָר אויפן דריטן פּלאַץ איז געשטאַנען די ליטע־ראַטור און די קונסט.

דער „קורס" פון ליטעראַטור און קונסט איז גאַנץ געוויס געשטאַנען

אַ סך נידעריקער, איידער האַנדל און אינדוסטריע, וואָס רעדט שוין וועגן דעם גלאַנץ, מיט וועלכן אַ פאָלק פלעגט אַרומגערינגלט ווערן, אַדאַנק זיינע לאָרבער־קראַנצן, געבראַכט אַהיים פון די קריגס־פעלדער.

עס איז גענוג צו פאַרגלייכן די אינטערנאַציאָנאַלע חשיבות פון אַזעלכע צוויי פעלקער, ווי דאָס רוסישע און דאָס איטאַליענישע צו דעם סוף פון דעם אַכטצנטן יאָרהונדערט, כדי גלייך איינצוזען דעם גוואַלטיקן „קורס"־אונטערשייד צווישן מיליטערישער מאַכט פון איין זייט און ליטעראַריש־קינסטלערישן אויפטאָן פון דער אַנדערער.

די רוסן אונטער יעקאַטערינאַ דער גרויסער האָבן נאָך נישט געהאַט קיין איין גרויסן געלערנטן, קיין איין גרויסן דיכטער אָדער קינסטלער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַדייט, בעת די איטאַליענער האָבן אַרויסגעבראַכט אַ ליטעראַטור און אַ קונסט, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געשטאַנען אויף דער שפּיץ פון דער געבילדעטער וועלט. און פונדעסטוועגן זיינען די רוסן געווען אַ „גרויס" פאָלק, בעת די „חשיבות" פון די איטאַליענער איז געווען אַנגעמאָסטן ניט אַן זייערע גוואַלטיקע אויפטועז אויף די פעלדער פון ליטעראַטור און קונסט, נאָר אַן דעם ווינציקן פּרעסטיזש, וועלכן זיי האָבן געהאַט אין דער פּאָליטישער וועלט, אַדאַנק זייער מיליטערישער שוואַכקייט און אונטערגעוואָרפנקייט אונטער פרעמדע פעלקער.

אין דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין פון יענער צייט האָט די אינטער־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, דאָס הייסט, די אַריסטאָקראַטיע און דיפּלאָמאַטיע, געשפּילט די ערשטע ראָלע. די געבילדעטע קרייזן זיינען געשטאַנען אונ־טער דער השפּעה פון די קייסערלעכע הויף־קרייזן און דיפּלאָמאַטישע צירק־לען. אין אַט־די קרייזן פלעגט זיך אויסבילדן דער בליק אויף דעם ווערט פון אַ פאָלק פאַר דער מענטשהייט: זיי פלעגן אַרויסטראָגן די דיפּלאָמען אויף גרעסערער און קלענערער חשיבות, און פאַר זיי איז, פאַרשטייט זיך, דער הויפּט־רום געלעגן אויף דעם פעלד פון קריגערישע טריאומפן און די הויפּט־נוצלעכקייט — אין האַנדל און אינדוסטריע.

ליטעראַטור און קונסט אָבער האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ווערט, ווי נאָר פון אַן אַנגענעמען צייט־פאַרטרייב. זיי זיינען געווען די ווייַן קעלערס און די בלומען־גערטנער, אין וועלכע מען האָט געזוכט אָפּרו, דער־פרישונג, און פאַרצירונג פון דעם לעבן. דער פּאָעט און דער קינסטלער איז אין יענע הויכע אַריסטאָקראַטישע קרייזן געשטאַנען — איך האָב מורא צו זאָגן — כמעט אויף דער זעלביקער מדרגה פון חשיבות, ווי דער פריזירער און די פּוץ־מאַמזעל. און כמעט אַזאַ פּנים אין דער וועלט האָט געמוזט האָבן אַ פאָלק, וועמעס גאַנצער אויפטו אין לעבן באַשטייט

נישט מער ווי אין באַשאַפן ביכלעך, מאָלן בילדלעך און זינגען לידלעך.

אָט־דער מאָסשטאַב האָט זיך גרינדלעך געענדערט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ דער פּאָליטישער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע: זי האָט צעבראָכן דעם מאָס־שטעקן, מיט וועלכן די אַריסטאָקראַטיע האָט געמאָסטן דעם ווערט פון אַ מענטש, פון אַ מענטשלעכער חשובער טעטיקייט און פון אַ פאָלק.

אויף דעם הערשער־טראָן האָט גענומען ביסלעכווייז אַרויפקריכן די יונגע בורזשואַזיע, מיט איר אייגענער מאָס פאַר „גרויס“ און „קליין“, „חשוב“ און „געמיין“.

די יונגע בורזשואַזיע האָט זיך נאָך ניט געפילט, ווי אַ באַזונדערער קלאַס אין דעם פאָלק, וואָס דאַרף באַגרינדן זיין הערשאַפט אויף דער עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זי האָט זיך געפילט, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, לפּחות, ווי דער אַוואַנגאַרד פון דעם גאַנצן פאָלק, אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער גאַנצער אַלטער אַריסטאָקראַטיש־פעאָדאַלער וועלט.

די וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע אינטעליגענץ איז אין אירע אויגן ניט געווען קיין מחנה הויף־באַדינטע, וואָס דאַרפן באַשיינען און פאַרזיסן דאָס לעבן פון דעם איידל־געבאָרענעם פּריץ. יענע אינטעליגענץ איז געווען פלייש פון איר פלייש און אַ ביין פון אירע ביינער. זי איז אַרויסגעוואַקסן דאָס רוב פון איר, אָדער פון דעם קליינעם פאַראָרעמטן אַדעל, האָט אַריינגעזויגן אין זיך די שטראַלן פון איר לעבן און האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיך איר לעבנס־בליק, אירע האָפענונגען, אירע לעבנס־צילן, איר האָס צו די אָפּגעלעבטע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, איר רעוואָלוציאָנערע בענקשאַפט נאָך אַ פרייער מענטשלעכער צוקונפט.

די יונגע בורזשואַזיע האָט געוואוסט, אַז די דידראָס, וואָלטערס און רוססאָס אין פראַנקרייך, די שילערס, די געטעס, די לעסינגס און די הערדערס אין דייטשלאַנד זיינען אירע פאָרקעמפער: זי האָט געשפּירט, אַז אָט־די אַלע באַשאַפערישע כוחות ברענגען אַרויס איר חשבון־הנפש און איר השבון־החיים — און דער ווערט פון ליטעראַטור און קונסט אין דעם עפנטלעכן לעבן האָט גענומען שטייגן.

עס קאָן זיין, אַז שוין דעמאָלט האָט ערגעץ־וואו אין דעם האַלב־באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַלן געפיל גענומען דעמערען די איינזיכט, אַז די

ליטעראַטור (און ספּעציעל די שיינע ליטעראַטור) ווערט אַלץ מער און מער אַ נייער צענטער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, דער טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט, און אַט־דער בליק האָט גענומען ווערן אַלץ־קלאָרער, וואָס־מער די ליטעראַטור האָט באַוואוסטזיניקערהייט אויפגעהויבן די פאָן פון דעם נאַציאָנאַלן פרייהייטס־קאַמף, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די נאַפּאָלעאָנישע קריגן.

על־כל־פּנים האָבן אַזעלכע נייע נאַציאָנאַלע געפילן זיך גענומען וועבן אין דייטשלאַנד, דעם פּאָליטיש־צעפּיצלטן אין אַ פּאָר טוץ ליליפּוטישע קעניגרייכן, אין איטאַליע, דער צעריסענער און אונטעריאָכטער, און אין פּוילן, וואָס איז אונטערגעפאַלן אונטער דעם זעלביקן שיקזאַל ווי איטאַליע: צעריסן ווערן אויף שטיקער און פאַרשקלאַפט ווערן ביי אַ פרעמדער מאַכט.

אין דער זעלביקער מאָס, אין וועלכער עס האָבן זיך גענומען מערן די געבילדעטע קרייזן אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, אין דער זעלבער מאָס איז אויך געוואַקסן די באַדייטונג און די דירעקטע מאַכט פון דער ליטעראַטור אויף דעם עפנטלעכן לעבן. באַלד איז זי געוואָרן די טרעגערין פון דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין און ממילא אויך פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי יעדן פאָלק און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי דער גאַנצער מענטשהייט. די קאַמפן פון דער צייט, וואָס האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפט, — די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און גייסטיקע, — האָבן זיך קודם־כּל אָפּגעשפּילט אויף דעם פעלד פון דעם ליטעראַרישן און קינסטלערישן שאַפן: אין דער פּובליציסטיק דירעקט, אין דער שיינער ליטעראַטור און דער קונסט — אומדירעקט. און וואָס־שטאַרקער עס האָבן גענומען וואַקסן דער גייסטיקער בונד צווישן „געזעלשאַפט״ און „ליטעראַטור״, אַלץ וויכטיקער און חשובער איז געוואָרן דער מהות פון דעם „שרייבער״, אַלץ אַ גרעסערן ווערט האָט אויך געמוזט באַקומען די שיינע ליטעראַטור, ווי דער חשבון־הנפש און דער חשבון־החיים און געפיל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

ביסלעכווייז האָט אין דער נייער בירגערלעכער געזעלשאַפט געמוזט ווערן קלאָר, אַז אַ קינסטלער, אַ פּאָעט, אַ ראָמאַניסט, אַ דראַמאַטורג, אַ ליטעראַטאָר בכלל איז אַ סך אַ העכערער מהות מענטש, איידער אַ באַראָן, אָדער אַ גענעראַל, אָדער אַ באַנקיר, אָדער אַ פאַבריקאַנט, און אַט־דער נייער בירגערלעכער, פּראָגרעסיווער מאָסשטאַב פון אַ מענטשלעכן ווערט האָט געמוזט אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אויף גאַנצע פעלקער.

זיכערלעך איז אַט־די „אונטערוועַרטונג פון אַלע ווערטן״ געווען פאַר־

בונדן מיט דעם בירגערלעכן קאַמף פאַר פּאָליטישער און גייסטיקער פרייהייט, אין וועלכער די ליטעראַטור האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהויער וויכטיקע ראָלע. אָבער, געבוירן געוואָרן אין די געבילדעטע קרייזן פון דער בורזשואַזיע און די ווינציקע ראַדיקאַלע קרייזן פון דעם אַדל, איז דער נייער מאָסשטאַב נית געבליבן שטעקן אין די פיר איילן פון דעם אייגנטלעכן בירגערטום.

אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון דער צייט האָבן זיך געמוזט באַטייליקן אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט: די אַריסטאָקראַטיע, די בורזשואַזיע און — אַביסל שפּעטער — די פאָרלויפער פון דעם פּאָליטישאויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט. זיי אַלע האָבן געשפּירט די אָרגאַנישע צונויפגעוואָקסנקייט פון „ליטעראַטור און לעבן“. זיי אַלע האָבן געפילט, אַז הינטער די ריין־ליטעראַרישע קאַמפן לויערן פאַרבאָרגן די אידייען־שלאַכטן פון דער צייט. און אויב זיי האָבן דעמאָלט נאָך נית געקאָנט פאָרמולירן, אין וואו עס ליגט די צויבער־קראַפט פון דער שיינער ליטעראַטור, וואָס איז איר ראָלע אין לעבן און ווי אַזוי זי איז צונויפגעוואָקסן מיט דעם לעבן, איז אָבער קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן איר ערנסטקייט און וויכטיקייט, די געשטאַלטענע ווירקונג אירע אויף יענע קרעפטן, וואָס נעמען אָן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

און וואָס פּראָגרעסיווער אַ פאָלק איז געווען, אַלץ אַנטשיידענער האָט זיך איינגעשטעלט ביי אים די נייע ראַנג־איינטיילונג פון מענטשלעכע באַשעפטיקונגען און אויפטוען, און מיט גאַנץ אַנדערע אויגן האָבן אַלע געבילדעטע קרייזן פון דער וועלט געמוזט נעמען קוקן אויף דעם ווערט און דעם מהות פון פעלקער.

פאַרגלייכט איצטער דעם „קורס“ פון, לאָמיר זאָגן, דעם יאַפּאַנישן פאָלק פון איין זייט און דעם נאָרוועגישן פון דער אַנדערער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן עפנטלעכן באַוואוסטזיין.

די יאַפּאַנער זיינען נומעריש אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע מיליטערישע מאַשין, וועלכע האָט שוין אַמאָל צעקלאַפּט כינע און נית לאַנג צוריק גוט אָנגעבראָכן די ביינער אַזאַ ריז ווי דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד. אין די אַלטע צייטן וואָלטן אָט־די טאַטן „באַדעקט“ דאָס יאַפּאַנישע פאָלק „מיט אַ נית אייננצוואַוועלקנדיקן רום“, ווי סואוואָראָווס נצחונות האָבן אין יעקאַטערינאַס צייטן גרויס (אָדער נאָך גרעסער) געמאַכט דעם קלינגענדיקן נאָמען פון „איר“ לאַנד און פאָלק.

נאָרוועגיע, ווידער, איז אַ קליין פעלקעלע אָן אַ מיליטערישער מאַשין, אָן לאָרבער־בלעטער פון דעם שלאַכטפעלד, אפילו אָן אַ באַזונדערס

אַנטוויקלטער אינדוסטריע. אָבער נאַרוועגיעס דיפּלאָם אויף חשיבות איז אין דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין געגרינדעט ניט אויף אירע סאָלדאַטן און גענעראַלן, ניט אויף אירע פאַבריקאַנטן און סוחרים, נאָר אויף איר שיינער ליטעראַטור, אויף אירע איבסענס און ביערנסאָנס, און איר דיפּלאָם איז אַ סך, אַ בכבודיקערער, איידער יאַפּאַנס.

די אינטערנאַציאָנאַלע חשיבות ווערט איצטער אויסגעטיילט צו יעדן פאָלק, לויט דעם ווערט פון זיינע פרידלעכע אויפטוען אויף די פעלדער פון דער העכערער קולטור בכלל און זיין שיינער ליטעראַטור בפרט. אָבער אַט־די אויסטיילונג איז איצטער געבונדן אָן געוויסע באַדינגונגען, וועלכע מען מוז תמיד האָבן אין אויג.

אין דער באַשטימונג פון אַ פאָלקס־ווערט און מהות רעכנט מען זיך לחלוטין ניט מיט יענע שאַפונגען, וועלכע אַ פאָלק האָט אַמאָל־אַמאָל אַרויס־געבראַכט אין די גאָר אַלטע צייטן. די מענטשהייט רעכנט זיך ניט מיט דער אַלטער ליטעראַטור, נאָר מיט דער נייער, ניט מיט יענע וועבשטולן, ביי וועלכע דאָס פאָלק איז אַמאָל געזעסן, און ניט מיט די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט אַמאָל באַשאַפן, נאָר מיט די וועבשטולן, ביי וועלכע ער זיצט איצטער, און מיט דער קולטור, וואָס ער האַלט אין איין וועבן.

דער בעסטער באַוויז דערצו איז די איצטיקע אָפּשאַצונג פון אַזעלכע פעלקער ווי דאָס אינדישע און דאָס גריכישע.

ווער האָט ניט געהערט פון דער רייכער ליטעראַטור, וואָס אַלט־אינדיע האָט אַרויסגעבראַכט אין פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, אין עפּאָס, ליריק און דראַמע? אַ פאָלק, וואָס וואָלט איצטער געקאָנט אָנווייזן אויף אַזוי פיל אייגענע אוצרות פון מענטשלעכן געדאַנק, געפיל און פאַנטאַזיע, וואָלט געמעגט געציילט ווערן צווישן די ערשטע אין דער וועלט. אָבער קיינער פאַרבינדט איצטער ניט דעם נאָמען פון די מאָדערנע אינדיער מיט דעם אינדישן פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן די סאַנסקריטישע ליטעראַטור מיט אירע וועדאַס און די נאַלי און דאַמאַיאַנטיס.

און דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס די אַלט־סאַנסקריטישע שאַפונג איז ניט פאַרשפּרייט צווישן דעם עולם און ווערט שטודירט און באַוואונדערט נאָר פון די ספּעציעלע פאָרשער. נעמט די אַלט־גריכישע ליטעראַטור, די באַ־קאַנטשאַפט מיט איר, לפחות דער רום אירער, איז דאָך אוודאי גענוג פאַרשפּרייט צווישן די געבילדעטע קרייזן. לערנען דאָס קלאַסישע אַל־טערטום אין דער לאַטיינישער און גריכישער שפּראַך איז אַמאָל געווען אַ מוז פאַר יעדן מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ ברעקל פּרעטענזיע אויף בילדונג. און נאָך עד היום ווייסט יעדער געבילדעטער אייראָפּייער די

נעמען פון אַ פּלאַטאָן און אַן אַריסטאָטעל, פון אַן עוריפּיד און אַ סאָפאָקל. וואָלט דער ווערט פון אַ פאָלק געמאָסטן געוואָרן לויט די ליטעראַטור־אוצרות, וואָס עס האָט אַמאָל באַשאַפן, וואָלטן די גריכן עד־היום זיך גע־רעכנט פאַר דאָס גרעסטע פאָלק אין דער וועלט, ווי זיי זײַנען דאָס געווען אַמאָל אין דער אַלטער צײַט. קיין פאָלק וואָלט זיי ניט געקאָנט איבער־שטײַגן אין חשיבות, ווײַל קיין פאָלק האָט נאָך עד היום ניט איבערגע־וואַקסן די געניאַליטעט און דעם געדאַנקען־רײַכטום פון אַלט־גריכנלאַנד.

די אַלט־גריכישע שאַפונג ווערט אָבער ניט אַרויפגעשריבן אויף דעם חשבון פון ניי־גריכנלאַנד, און די פאָרשטעלונג וועגן די איצטיקע גריכן איז מער פאַרבונדן מיט דער אידייע פון אַ גוטן רעסטאָראַן און געשמאַ־קער „כאַלוואַ״, איידער מיט אַ וועלכער עס איז גאונות אויף די פעלדער פון דעם קולטורעלן שאַפן.

ניי־אינדיע הויבט ערשט איצטער אַן אַרײַנצוטרעטן אין דעם קרײַז פון די געבילדעטע פעלקער און פאַרנעמען איר דערווײַלע נאָך זייער עניוותדיקן פּלאַץ, אַדאַנק דער מאָדערנער אינדישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך גענומען שפּינען אין איר, מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר בראש.

בײַ דער אָפּשאַצונג פון דעם פאָלקס־ווערט רעכנט זיך ניט די מאָ־דערנע דעמאָקראַטישע מענטשהייט מיט דעם אַלט־אַריסטאָקראַטישן יחוס. מען ווײַל „יחוס עצמו״. מען פאַרשרײַבט ניט אויף דעם חשבון פון אַ פאָלק אַמאָליקע שאַפונגס־קוואַלן, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט. מען האָט אין זינען די קוואַלן, וואָס שלאָגן נאָך הײַנט, ווײַל נאָר זיי שפּיג־לען אין זיך אָפּ דעם לעבעדיקן מהות און דעם ווערט פון דעם שאַפנדיקן פאָלק.

די איצטיקע איטאַליענער זײַנען דירעקטע יורשים פון די אַלטע רוי־מער. דער איטאַליש־רוימישער גײַסט האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אַרויסצובאַרגנען פון זיך אייגנאַרטיקע פּראָדוקטן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפּל פון דעם פאָלקס־גײַסט, און די פּאָעזיע פון אַ דאַנטע, אַ פּעטראַרקאַ און אַ בקאַטשיאָ שטאַמט פון דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן מקור, וואָס די אַלט־רוימישע פּאָעזיע פון אַ ווערגיל, אַן אָוויד און אַ יוּוועל.

ווערגיל, אָוויד און יוּוועל געהערן אָבער ניט צו דער איטאַליע־נישער ליטעראַטור, וואָס הויבט זיך אָן ערשט מיט די אויבנדערמאָנטע דרײַ אַנדערע נעמען. און דאָס איז מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס דער שפּראַך־פּאָדים פון דער אַלט־רוימישער שאַפונג האָט זיך איבערגעריסן. די לאַטײַנישע ליטעראַטור פון די איטאַליענער האָט זיי פאַנאַנדערגעגאָסן

אין אַן אַלוועלטלעכן ים, דעם אַלוועלטלעכן ים פון דער קאַטוילישער מיטלאַלטערלעכער קולטור, אין וועלכן אַלע אַנדערע געבילדעטע פעלקער האָבן געלאָזט אַריינפליסן זייערע שטראָמען. אין אָט־דעם קאָסמאָפּאָליטישן ים זיינען דערטרונקען געוואָרן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן און פיזיאָנאָמיעס פון אַלע פעלקער און ממילא אויך די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע פון דעם איטאַליענישן פאָלק, וועמעס פלוס עס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער גאָר דער גייסטיקער וועלט. ערשט ווען די רעפאָרמאַציע האָט אונטערגעגראָבן די פונדאַמענטן פון דעם קאַטוילישן קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבן זיך די שאַפנדיקע גייסטער פון די פעלקער אַ וואָרף געטאָן צו יענע קוואַלן, וואָס האָבן געשלאָגן אין די פעלקער גופא, אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון די פעלקער, און עס האָבן ווידער גענומען פליסן אייגענע פאָלקסשטראָמען אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָבן ווידער אָפּגעשפּיגלט און געפורעמט די נייע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיעס פון די מאָדערנע פעלקער.

ערשט דעמאָלט האָט אַ דאַנטע געהאַט דעם מוט אָנצוהויבן דיכטן אין דעם „איטאַליענישן זשאַרגאָן" און אָנהויבן שפּינען אַ נייעם פאָדים, וואָס האָט באַשאַפן די נאַציאָנאַלע איטאַליענישע ליטעראַטור און דורך דעם גופא דעם נייעם נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין פון דעם איטאַליענישן פאָלק.

עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס די מענטשהייט פאַרשרייבט אויף דעם „קרעדיט" פון דעם פאָלק ניט נאָר דאָס אַליין, וואָס דאָס פאָלק שאַפט אין אַ ניט איבערגעריסענעם פאָדים, נאָר אויך נאָר דאָס פון דעם פאָלקס־שאַפן, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער פאָלקס־שפּראַך, ווייל ערשט אָט־די שפּראַך טיילט אים אַרויס פון דער מענטשהייט, ווי אַ זעלבסטשטענדיקן קולטור־שאַפנדיקן אָרגאַניזם.

מאַכן מיר דעם סך־הכל פון דעם, וואָס מיר האָבן גערעדט וועגן דעם מהות פון דער ליטעראַטור, איר ראָלע אין דעם לעבן און איר נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער באַדייטונג, קומען מיר צו דעם פאָלגנדיקן רעזולטאַט.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז ניט נאָר אַן אָפּשפּיגלונג, נאָר אויך אַ צוריקשפּיגלונג פון דעם לעבן; חשבון־הנפש און אַ חשבון־החיים פון אַ גאַנצן פאָלק בכל דור ודור; אַן אָפּשאַצונג פון זיין לעבן אין געפיל און אַ באַשטראַלונג און דורכקלאָרונג פון זיין לעבנס־וועג און זיינע לעבנס־צילן.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז דער אַלגעמיינער פרייער גייסטיקער צעמענט, וואָס פאַרבינדט אַלע קינדער פון אַ פאָלק אין איין גייסטיקן אָרגאַניזם, און ווערט דער צענטער און דער טרעגער פון אַ נייעם נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין, — אַ נייער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס איז לויט

זיין טבע אַ סך אַ פּראָגרעסיווערע קראַפט, איידער די רעליגיע און דאָס פּאָטערלאַנד.

די שאַפונגען פון דער שיינער ליטעראַטור טיילן אַרויס דאָס פאָלק פון דער גאַנצער מענטשהייט און גיבן אים אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע. אין דער זעלביקער צייט אָבער שאַפן זיי אָפּ די געפילס־באַריערן, וואָס שטייען צווישן פאָלק און פאָלק, און בינדן זיי צונויף אין איין איינציקער אינטערנאַציאָנאַלער אַטמאָספערע.

אין אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַטמאָספערע ווערט די ליטעראַטור פון אַ פאָלק דער מאָסשטאַב, לויט וועלכן עס ווערט געשאַצט זיין מהות אין ווערט און עס ווערט אָפּגעוואויגן זיין חשיבות, ווי אַ מיטגליד פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן אין די גרענעצן פון אונדזער טעמע אַביסל ברייטלעך, — הגם דורכאויס ניט אויסשעפּנדיק, — אַרומגערעדט דעם ענין פון ליטעראַטור בכלל, ווייל דאָס וועט אונדז פאַרשפּאָרן אַ סך אַרבעט, ווען מיר גייען איצטער אַריבער ספּעציעל צו דער יידישער ליטעראַטור.

און קודם־כל דאַרף איינעם ניט שווער זיין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אָט־די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע ראָלע און באַדייטונג קאָן צוגעשריבן ווערן נאָר צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, און בשום אופן ניט צו דער יידישער ליטעראַטור אין אַ וועלכער עס איז אייראָפּיאישער שפּראַך און אויך ניט צו די יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען אין העברייאיש.

באַטראַכט די פרעמד־שפּראַכיקע פּראָדוקטן פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן!

כמעט אין יעדן ציוויליזירטן לאַנד האָבן די יידן באַשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק. כמעט אין יעדן לאַנד האָבן זיי אַרויסגעבראַכט אין יענער שפּראַך זייער באַדייטנדיקע טאַלאַנטן, צווישן זיי אויך אַזאַ ערשט־קלאַסיקן זשעניע, ווי היינריך היינע.

דערהויפּט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די יידישע ליטעראַרישע שאַפונג אין דער דייטשער שפּראַך, וואָס פאַרדאַנקט דעם יידישן פאָלק די ווערק פון אַ היינע און בערנע, פון אַן אויערבאַך און אַ לעוואלד, פון די וואַסערמאַנס, קעלערמאַנס, די שניצלערס, אַלטענבערגס, און נאָך, און נאָך, און אַ סטעפאַן געאָרגע פאַר אַ צוגאָב, ווען דער טיפער דענקער געאָרג זימעל שטעלט אַוועק אויף דער ליסטע פון זשעניען.

אין די אַנדערע לענדער האָבן מיר, יידן, ניט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל שטערן און ניט אַלע פון אַזאַ גרויס און גלאַנץ. אָבער אַ געאָרג בראַנדעס

אין דעניש איז אַ שטערן פון דער ערשטער אָרדענונג, אַ הייערמאַנס און אַ קווערידאָ זיינען העלע לייכטענדיקע שטערן אין דער האָלענדישער לי־טעראַטור, ווי אַ ביקאָנספילד און אַ זאנגוויל אין דער ענגלישער.

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער!

אַחוץ דעם האָבן מיר כמעט אומעטום פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שאַ־פונגען, וואָס באַשרייבן דאָס יידישע לעבן און זיינען אויך באַקאַנט אונ־טער דעם נאָמען פון יידיש־דייטשע, יידיש־רוסישע, יידיש־ענגלישע. קורץ: יידיש־„גויאישע״ שריפטשטעלער: אַ מאַקס רינג אין דייטשלאַנד, אַ זאנגוויל אין ענגלאַנד, אַ גאַנצע שורה פון באַגראַוּוס, לעוואנדאס א. אַז. וו. אין רוסלאַנד, אַ מאָנטעגיו גלעס דאָ אין אַמעריקע.

אָט־די אַלע שאַפונגען פון אונדזער פאָלק האָבן קיין ברעקל נאַציאָ־נאַל־פּראָגרעסיוון באַדייט ניט פאַר אונדז יידן.

וועגן די „גויאיש״־יידישע שאַפונגען פון אַ היינע, אַ שניצלער, אַ בראַנדעס, אַ הייערמאַנס, איז דאָך לכתחילה ניטאָ וואָס צו רעדן. ניט זיי נעמען אויף שטראַלן פון דעם יידישן לעבן, ניט זיי שטראַלן אַריין צוריק אין דעם יידישן לעבן, ניט זיי באַלייכטן אונדזער וועג, ניט זיי שיידן אונדז אויס אין אַ באַזונדערער פאָלקלעכער אַטמאָספערע, ניט זיי פאַר־בינדן אונדז מיט דער מענטשהייט.

און אויך אונדזער וואָג און חשיבות אין דעם אַלוועלטלעכן אָפּשאַץ קאָנען זיי ניט פאַרמערן, ווייל אַלע זייערע שאַפונגען ווערן אַרויפגעשריבן אויף דעם חשבון פון יענעם ניט־יידישן פאָלק, אין וועמעס שפּראַך זיי האָבן געשריבן. די וואָג און די חשיבות פון די ניט־יידישע פעלקער האָבן זיי פאַרמערט גאַנץ באַדייטנדיק, אָבער ניט — אונדזער וואָג און ניט אונדזער חשיבות.

אומזיסט קומען מיר צו די פעלקער מיט אויסצוגן פון מעטריקעס (און אָפט מאָל אויך מיט מוהל־שיינען) אין די הענט און בעטלען ביי זיי אַביסל מענטשלעכע אַכטונג, ווי אַן אָפּצאָל פאַר יענע אומגעהויערע איב־טענסיווע, לייכטנדיקע און וואַרעמענדיקע ליכט־שטראַלן, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן דורך דעם יידישן שאַפענדיקן זשעני: אומזיסט. דער אינ־טערנאַציאָנאַלער עפנטלעכער באַוואוסטזיין אינטערעסירט זיך ניט מיט אונדזערע מעטריקעס און מוהל־שיינען (סיידן ווען מען דאַרף פּראָטעס־טירן קעגן אַ פּאָגראָם! איז אויך דאָ דאַרפן מיר ברענגען דעם מאַטע־ריאַל!). דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכער באַוואוסטזיין רעכנט זיך מיט דער שפּראַך פון דער שאַפונג, וואָס טיילט אויס אַ פאָלק אין אַ באַ־זונדערער גייסטיקער אַטמאָספערע.

אָבער אויך די יידיש־„גויאישע" ליטעראַטור פון די באַגראָווס און לעוואַנדאַס אין אַלע שפּראַכן איז פון אַ לגמרי נישטיקן ווערט פאַר אונדז.
זיי שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון דעם יידישן פאָלק, אָבער ווי שפּיגלען זיי עס אָפּ?

דאָרטן, וואו עס וואוינען יידן אין גרויסע מאַסן און וואו די מאַסן ריידן יידיש, דאָס הייסט, דאָרטן, וואו עס וועבט זיך אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, איז די שפּראַך פון דעם לעבן, די יידישע שפּראַך, די שפּראַך איז דער שטאָף, דאָס מאַטעריאַל, אין וועלכן דאָס לעבן געפינט איר פּינקט־לעכן אויסדרוק. די שטראַלן פון דעם לעבן, וואָס דרינגען אַריין אין דעם קינסטלערס נשמה, זיינען ניט אָפּצוטיילן פון יענע שפּראַך־קלאַנגען, אין וועלכע און דורך וועלכע זיי ווערן געטראָגן. און די צוריקשטראַלונג, וואָס גייט פון דעם קינסטלער צוריק אין לעבן אַריין, מוז אויך געטראָגן ווערן פון די זעלביקע שפּראַך־קלאַנגען. אַזוי איז דאָס נאַטירלעך. דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אומפאַרמיידלעך, און אַזוי קומט דאָס אין דער ווירקלעכ־קייט אומעטום פאָר. די יידישע קינסטלער אָבער, וואָס מאָלן אין אַ ניט־יידישער שפּראַך דאָס יידישע לעבן, פאַרהויקערן אָט־דעם נאַטירלעכן אומפאַרמיידלעכן פּראָצעס.

דער לעבנס־מאַטעריאַל זאַמלט זיך אָן אין זייער געמיט אין יידיש. ער ווערט האַלב־באַאַרבעט אין אַ קינסטלערישער פאָרם אויך אין יידיש. די געשטאַלטן, וואָס וואַקסן אויס אין דעם קינסטלערס געמיט, די סיטו־אַציעס, אין וועלכע ער שטעלט זיי אַוועק, די רייד, וואָס ער לאָזט זיי ריידן, די געדאַנקען, וואָס ער לאָזט זיי טראַכטן, — דאָס אַלץ קומט פאָר און מוז, אינעווייניק, אין דעם קינסטלערס נשמה, פאָרקומען אין דער יידישער שפּראַך. וואָלט ער געשריבן זיין ווערק אַזוי, ווי דאָס ווערק ווערט באַר־מאַל אויסגעטראָגן אין זיין געמיט, וואָלט זיך דעמאָלט זיין שאַפן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַליין אַרויסגעגאָסן אין דער יידישער שפּראַך.

און אויב איר וואָלט דערנאָך באַשלאָסן ניט צו פאַרענפטלעכן זיין ווערק אין יידיש, נאָר צו איבערזעצן עס אין דעם ניט־יידישן לשון, וואָלט ער דעמאָלט געמוזט צווינגען די פרעמדע שפּראַך, זי זאָל טריי איבער־געבן דעם אינעווייניקסטן זין און די נשמה פון דעם אָריגינאַל, ווי דאָס טוט יעדער איבערזעצער: מחמת גוט איבערזעצן פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער איז זייער אַ האַרבער און שווערער ענין, און אין דער אַרבעט גופא שטעקט אַ גרויסע קונסט.

אין די פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שאַפונגען וואָלטן מיר דעמאָלט גע־האַט פאַר זיך, מער אָדער ווייניקער, גוטע איבערזעצונגען פון, מער אָדער

ווייניקער, גוטע יידישע אָריגינאַלן. אַן איבערזעצונג איז אַלעמאָל אַ פּאַר־בלאַסטע קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל: ריכטיקער געזאָגט: אַביסל אַ מאָדיפיצירטער, דאָס הייסט, ביז צו אַ געווויסן גראַד שוין אַ געפעלשטער אָריגינאַל. אָבער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן האָבן מיר קיין אַנדער ברירה ניט, מיר מוזן אָנקומען צו איבערזעצונגען, דאָס הייסט, צו קאָפּיעס, וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער נאָענט צו דעם אָריגינאַל, און ממילא מער אָדער ווייניקער וויטלעך פון אים.

די יידישע שאַפונגען אין אַ ניט־יידישער שפּראַך זיינען אָבער אפילו ניט קיין איבערזעצונגען. דער קינסטלער וואַרט ניט, ביז זיין שאַפונגס־פּראָצעס וועט אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיך אויסגיסן אין דער שפּראַך פון יענע לעבנס־שטראָלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זיין געמיט. ער הויבט לכתחילה אָן צו קאָנטראָלירן זיין שאַפונגס־פּראָצעס. ער לאָזט לכתחילה די לעבנס־שטראָלן, זיי זאָלן דורכגיין און זיך דורכברעכן דורך אַ פּרעמדן שפּראַך־מעדיום. ניט די פּרעמדע שפּראַך צווינגט ער, זי זאָל זיך צופּאַסן צו דעם יידישן לעבנס־אינהאַלט, נאָר דעם יידישן לעבנס־אינהאַלט פאַרהויקערט ער לכתחילה אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זיך צופּאַסן צו דער פּרעמדער שפּראַך־פאָרם און לייכט אַרויספליסן אין דעם שטראָם פון דעם פּרעמדן שפּראַך־קלאַנג.

לסוף באַקומט זיך ניט נאָר ניט קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן, מיט די טויזנטער האַלב־און־פערטל טענער, פון וועלכע יעדעס לעבן באַשטייט, נאָר אפילו ניט קיין טרייע איבערזעצונג פון דעם לעבן. עס באַקומט זיך דאָס רוב אַ געקינסטלטע וואַריאַציע אויף יידישן מאָטיוון, — ווי יענע וואַריאַציעס אויף דעם „כל נדרי״־מאָטיוו, וואָס ניט־יידישע מוזיקער באַשאַפן: וואָס ווייטער זיי זיינען פון דעם גרונט־מאָטיוו, אַלץ מער פאַרלירט זיך אין זיי דער ספּעציפישער „כל־נדרי״־געפיל.

אין דעם בעסטן פאַל, ביי דעם ערלעכסטן, לעבנס־טרייעסטן טאַלאַנט, קומען אַרויס שוואַכע פאַרבלאַסטע בילדער, וואָס כאַפּן אויף נאָר די בוילעטסטע, די שרייענדיקסטע, דאָס הייסט, אויבערפלעכלעכסטע שטריכן פון דעם יידישן לעבן און דער יידישער נשמה, עס איז מער עטנאָגראַפּישער מאַטעריאַל, איידער אמתע קינסטלערישע פאַרטיפונג און באַאַרבעטונג פון דעם יידישן תוך.

יאָ, עטנאָגראַפיע, פאָלקס־באַשרייבונג, — דאָס איז וואָס די ערלעכסטע און גרעסטע פון יענע קינסטלער האָבן אונדז געגעבן און אונדז געקאָנט געבן. איר פילט אַקוראַט ווי איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ רייזענדיקן, וואָס קומט פון דרויסן מיט דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אויף די

אַקסלען און דעם אַנטראָפּאָלאָגישן מעסט־אינסטרומענט אין רייזע־זעקל. ער קאָן אונדז געבן נאָר זיטן־געמעלן און מנהגים, — אַלץ וואָס אַ פרעמד געניט אויג קאָן אויפנעמען פון דרויסן. עס איז ניט קיין פּלאַנץ, וואָס וואַקסט אַרויס פון אינעווייניק, ניט קיין נאַטירלעכע אָפּשאַצונג פון דעם יידישן לעבן און דעם געפיל פון אַ יידישער נשמה.

ביי אַזאַ לכתחילה פאַרהויקערטער אָדער פאַרפלאַכטער אָפּשפּיגלונג קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אַן ערנסטן חשבון־הנפש און אַ חשבון־החיים, וואָס יעדעס גרויס קינסטלעריש ווערק דאַרף זיין.

און נאָך וויניקער קאָן דאָ זיין די רייד וועגן דער צוריקשטראַלונג פון דעם קינסטלערס חשבון־הנפש אין דעם לעבן פון דעם פאָלק, וועגן דער אפשר אומבאַוואוסטער און אומגעוואָלטער באַלייכטונג פון זיין וועג און זיינע לעבנס־צילן, וואָס מוז אויך אַרויסשטראָמען פון יעדן אמת אָרי־גינעלן קינסטלערישן ווערק. דאָס קאָן ניט זיין מחמת דעם גאָר פשוטן טעם, וואָס רעדן צו אַ פאָלק אין אַ פרעמדער שפּראַך הייסט רעדן אויף שטום־לשון צו טויבע ווענט.

אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג קאָן אַזאַ ליטעראַטור בשום אופן ניט האָבן. די פרעמדע שפּראַך קאָן ניט ווערן יענער פרייער גייס־טיקער צעמענט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע קינדער פונעם פאָלק אין איין נאַציאָנאַלער איינהייט און אין דער זעלביקער צייט אויסשיידן זיי, ווי אַ זעלבסטשטענדיקן אָרגאַניזם פון דער איבעריקער מענטשהייט. די פּראָ־דוקטן פון דעם יידיש־„גויאישן" שאַפן ווערן אויך אַרויפגעשטעלט אויף דעם חשבון פון דער ניט־יידישער ליטעראַטור, פונקט ווי די פּראָדוקטן פון דעם „גויאיש"־יידישן שאַפן.

נאָר איין־איינציקע פונקציע וואָלט די ליטעראַטור פון די לעוואַנדאָס און זאַנגווילס געקאָנט נעמען אויף זיך: אַראָפּטראָגן יענע געפילס־באַ־ריערן און פאָראורטיילן, וואָס געפינען זיך אין ניט־יידישע הערצער בנוגע צו דעם, זיי לגמרי פרעמדן יידישן פאָלק. אויף דער אויפגאַבע אַרבעט זי טאַקע דאָס רוב מיט דער גרעסטער התמדה, אָבער, ליידער, מיט זייער אַ צרהדיקן דערפאָלג.

די צרה דערביי איז, וואָס די פעלקער האָבן ניט קיין צוטרוי — און קאָנען ניט האָבן קיין צוטרוי — צו אַזאַ מין ליטעראַטור. זיי ווייסן, אַז דאָס איז ניט קיין נאַטירלעכער געוויקס, אַרויסגעוואַקסן פון אַ יידישער סביבה, ווי אַ טייל פון דער יידישער קולטור, וואָס וואַקסט פאַר דעם יידישן פאָלק, כדי צו באַפרידיקן זיינע יידישע פאָלקס־בויטן. זיי ווייסן,

אַז דאָס איז קינסטלעך געבוי, אויפגעשטעלט פון יידן פאַר ניט־יידן, כדי צו זיין אַ מליץ־יושר פאַר דעם יידישן פאָלק.

ביי איר גאַנצער פרייקייט פון טענדענץ מוז אַזאַ ליטעראַטור זיין טענדענציעז: און דאָס רוב ליגט די באַוואוסטזיניקע טענדענץ קלאָר אויף איר פּנים, אָדער איז אַזוי שלעכט פאַרמאַסקירט, אַז — דער טייטש זאָגט: „מאַן מערקט די אבזיכט און ווירד פערשטימט״. די „פּאַטאַש־און פערלמוטער״־ליטעראַטור, צום ביישפּיל, וואָס מאַכט זיך אַזוי לוסטיק כלומרשט אויפן חשבון פון דעם יידישן לעבן און די יידישע טיפּן, איז אין תוך אַריין אומפאַרשעמט טענדענציעז און אַפּאָלאָגעטיש. הינטער דער מאַסקע פון דעם פריילעכן הומאָר שטעקט דער הינטער־געדאַנק: „זעט, וואָס פאַר אַ וואוילע מענטשלעכע נאַטורן עס זיינען סוף־כל־סוף אָט די אַביסל לעכערלעכע יידן! און זעט, ווי שנעל און גרינטלעך עס פאַר־שווינדט פון זיי דאָס נאַציאָנאַל־יידישע. עס בלייבט נאָר הענגען אַרום זיי אַ ביסל וואָדעוויל־יידישעס, איז — וואָס זאָל דאָס אייך אַרן?״

„מאַן מערקט די אבזיכט אונד ווירד פערשטימט . . . ״

אַ גאַנץ אַנדער ראָלע וואָלט אין דעם פּרט געקאָנט שפּילן די יידישע ליטעראַטור אין דער העברייאישער שפּראַך. אָבער וועגן איר — און וועגן אונדזער ענין בכלל — וועלן מיר נאָך רעדן אין דעם נאָענטן קאַפּיטל.

III

מיר האָבן אין דעם פאַריקן קאַפּיטל געזען, אַז די יידישע ליטעראַטורן אין די ניט־יידישע שפּראַכן קאָנען פאַר אונדז ניט האָבן קיין אַיין ברעקל נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווערט און באַדייטונג.

ניט זיי קאָנען אָפּשפּיגלען ריכטיק דאָס יידישע לעבן און אַרויס־ברענגען זיין אָפּשאַצונג אין געפיל; ניט זיי קאָנען צוריקוואַרפן זייערע ליכט־שטראַלן אויף דעם יידישן לעבנס־וועג און באַלייכטן אונדזערע שטרעבונגען און צילן; ניט זיי קאָנען אונדז אויסטיילן פון די אַרומיקע פעלקער אין אַ שפּראַכלעך־איינהייטלעכן קולטור־אָרגאַניזם, וואָס פאַר־נעמט זיין אייגענעם וועב־שטול אין דעם וועב־פּראָצעס פון דער אַלמענטש־לעכער קולטור; ניט זיי קאָנען דעריבער ווערן אַ צענטער פון אַ נייעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַל־געפיל; ניט זיי קאָנען אָפּשאַפן די געפילס־באַריערן, וואָס שטייען צווישן דעם יידישן פאָלק און די איבעריקע פעלקער און ממילא קאָנען זיי אויך ניט, מחמת אָט די אַלע אויסגערעכנטע טעמים,

ווערן דער מאַסשטאַב מיט וועלכן דער עפּנטלעכער באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט זאָל קאָנען אָפּשאַצן אונדזער מהות און ווערט.

מיר גייען איצט איבער צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער העבּ־רייאישער שפּראַך. אויך דאָ מוזן מיר דורכנעמען סיסטעמאַטיש פּונקט פאַר פּונקט איר נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווערט און באַדייטונג.

אָבער קודם כל מוז דערמאָנט און באַטאָנט ווערן דער פאַקט, אַז עס קאָן זיך דערביי האַנדלען נאָר וועגן דער מאָדערנער העברייאישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּינען מיט דעם אָנהויב פון דער השכלה־באַוועגונג אין גאַליציע און רוסלאַנד.

פּונקט ווי די מאָדערנע מענטשהייט שרייבט איצטער ניט אַרויף אויף דעם חשבון פון דעם אינדישן, גריכישן און איטאַליעניש פאָלק אַלע יענע שאַפונגען, וואָס אַלט־אינדיע, אַלט־גריכנלאַנד און די אַלטע רוימישע וועלט האָבן אַרויסגעבראַכט. אַזוי קאָנען אויך מיר, יידן, ניט פאָדערן קיין באַ־זונדערע אַכטונג צו אונדז און ניט דערוואַרטן קיין אָפּשאַצונג פון אונדזער לעבן און מהות אויף דעם סמך פון יענע געוואַלטיקע גייסטיקע פּראָדוקטן, מיט וועלכע דער אַלטער יידישער זשעניע האָט באַשאָנקען די ציוויליזירטע מענטשהייט.

דער יחוס און היסטאָרישער גלאַנץ וואָס פאַלט אויף אונדזער פאָלק, אַדאַנק אָט יענע פּראָדוקטן, — דער עיקר, אַדאַנק דעם תנ״ך, — האָט ניט, ווי גרויס דער גלאַנץ זאָל ניט זיין, קיין נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג.

אַלט־יודעאַ און אַלט־איזראַעל ווערן אין דעם באַוואוסטזיין פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט אַוועקגעשטעלט אויף דעמזעלביקן העכסט־חשובן פּעדעסטאַל, אויף וועלכן עס שטייען אין איר פאַנטעזיע אַלט־אינדיע, אַלט־גריכנלאַנד, אַלט־רוים: אין דעם פאַנטעזיע פון געשטאָרבענע פעל־קער, פאַרקלונגענע שפּראַכן, אויסגעלאָשענע קולטורן.

ס׳איז אמת, אַז ניט קוקנדיק דערויף פאַלן אויך נאָך איצטער אויף אונדזער פאָלק געוויסע יחוס־שטראַלן וואָס שטאַמען פון אונדזער גלענצנ־דיקן אַמאָל. ס׳איז אמת אַז דאָס איצטיקע גריכישע פאָלק ווערט ניט פאַר־בונדן מיט דעם געדאַנק פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט האָמערס איליאַדע און אָדיסייע, בעת די איצטיקע יידן ווערן פאַקטיש פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די ביבל.

אָבער אָט דעם פּסיכאָלאָגישן שטריך טרעפט מען געוויינלעך אָן נאָר אין פרום־קריסטלעכע קרייזן, ווייל פאַר זיי איז די ביבל און דאָס יידישע

פאָלק — דאָס וויגעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן און עס איז אויסגעוואַקסן דאָס קריסטנטום. און קייט מען אַביסל בעסער פאַנאַנדער אָט די פסיכאָלאָגישע ווערט־שאַצונג פון דעם „ביבל־פאָלק״, דערשפּירט מען באַלד אין איר אַ גאַנץ קלאָרן אַנטיסעמיטישן ווידער־טעם. דאָס איז די אונטער־שטרייכונג אין געפיל פון יענער געפאַלנקייט, אין וועלכער עס געפינט זיך איצטער אונדזער פאָלק, אַ געפאַלנקייט, וואָס איז לויט דער קריסטלעכער מיינונג אַ פאַרדינטע שטראָף דערפאַר, וואָס מיר זיינען געוואָרן אומטריי צו גאָטס וואָרט דורך די נביאים, אומטריי צו דער הייליקער בשורה וועגן „אמתן״ משיח, פון וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דעריבער איז וואָס העכער זיי שאַצן די „ביבל״, אַלץ שטאַרקער איז ביי זיי די פאַראַכטונג צו יענעם איצטער־לעבנדיקן פאָלק וועמעס אור־עלטערן עס האָבן זי אַמאָל־אַמאָל אַרויסגעבראַכט.

און אָפטמאָל ליגט אויף דעם גרונט פון יענעם געדאַנק וועגן דעם „ביבל־פאָלק״ אַ געוויסע פאַרוואונדערונג אויף די משונהדיקע דרכים פון דעם רבונו־של־עולם, וואָס עס איז „עלה על דעתו״ צו מאַכן פון „אַזאַ פאָלק״ אַ געפעס פאַר זיין הייליקן גייסט...

יאָ, נאָר אין דער פרום־קריסטלעכער וועלט פאַלן נאָך אויף אונדז יחוס־שטראַלן, וואָס שטאַמען פון אונדזער אַלט־יידישער שאַפונג, — יחוס־שטראַלן, ליידער, פון אַ גאַנץ־צווייפלהאַפטן כאַראַקטער און ווערט; די פּראָגרעסיווע מענטשהייט, די וועלטלעך־געזאָנענע, האָט קיין ברעקל גרונט ניט צו רעכענען זיך מיט אַזעלכע רעליגיעזע חשבונות, און דעריבער ווערט ביי איר אונדזער איצטיק פאָלק אַקוראַט אַזוי ווייניק קרעדיטירט מיט דער ביבל, ווי די איצטיקע גריכן מיט האָמער און ווי די איטאַליענער מיט ווערגיל. ביבל, האָמער און ווערגיל זיינען פאַר איר קולטור־פּראָדוקטן פון דער אַלטער וועלט און פון יענע פעלקער, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין איר, וואָס זיינען שוין אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן, ניט קוקנדיק דערויף וואָס זייערע יורשים טראָגן נאָך אויף זיך — ווי די גריכן און די יידן — דעם אַלטן נאָמען.

אָבער אויך די וועלטלעכע ליטעראַטור אין העברייאיש פון אונדזער גאַנצער גלות־צייט, מיט די טיפע פּאָעטישע און פילאָסאָפישע שאַפונגען אין דעם שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד ווערן אויף אונדזער חשבון ניט פאַרשריבן און קאָנען אויף אונדזער חשבון ניט פאַרשריבן ווערן, מחמת דעמזעלביקן טעם, וועלכן מיר האָבן אַרומגערעדט אין דעם פאָריקן אַרטיקל: „מען פאַרשרייבט ניט אויף דעם חשבון פון אַ פאָלק אַמאָליקע שאַפונגס־קוואַלן, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט. מען האָט אין זינען נאָר די

קוואַלן וואָס שלאָגן נאָך הייַנט, ווייל נאָר זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם לעבעדיקן מהות און דעם ווערט פון דעם שאַפנדיקן פאָלק."

די אָפּשאַצונג פון דער העברייאישער ליטעראַטור מיט דעם מאָסשטאַב פון איר נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער באַדייטונג מוז זיך דעריבער באַגרענעצן אויף די מאָדערנע שאַפונגען אין איר, אויף יענעם פּאָדעם פון ריין־וועלטלעכע שאַפונגען, וואָס האָט זיך גענומען שפּינען אין דער השכלה־צייט.

טראַכט מען זיך אַריין אין אָט דעם ענין, מוז מען אויפן שטעל צוגעבן, אַז מיר קאָנען ניט אַוועקשטעלן די העברייאישע ליטעראַטור אין איין ליניע מיט די יידישע ליטעראַטורן אין פרעמדע, ניט־יידישע שפּראַכן. ווייניקסטנס ניט אין אַלע פּרטים. אין איין פּרט מוזן מיר גלייך פון אָנהויב אָן קאָנסטאַטירן דעם געוואַלדיקן חילוק צווישן זיי: די העברייאישע ליטעראַטור ווערט ניט געשאַפן אין אַ פרעמדער, ניט־יידישער שפּראַך.

איך ווייס, אַז אָט די באַהויפּטונג קאָן אַרויסרופן אַ היפּש ביסל קריטיק ביי אַ סך פון מיינע חברים־יידישיסטן. עס איז אויך אין מיין יונגן יידישיזם געווען אַ צייט, ווען איך האָב באַטראַכט העברייאיש — סיי אין געדאַנק, סיי אין געפיל — פאַר אַן אַבסאָלוט־פרעמדע, ניט־יידישע שפּראַך, פּונקט אַזאַ פרעמדע און ניט־יידישע, ווי אַראַביש, טאָטעריש, יאַפּאַניש.

מצד דעם געפיל האָט זיך ביי מיר זייער ווייניק־וואָס געביטן אין דעם פּרט. ווי דאָס רוב יידישיסטן, וואָס באַטייליקן זיך ניט און לעבן ניט אין דעם קרייז פון דער העברייאישער שאַפונג, איז מיר עד היום פּסיכאָלאָגיש שווער צו פאַרבינדן די פאָרשטעלונג פון אַ ביאַליק אָדער אַ טשערניכאָווסקי מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ יידישער שאַפונג און יידישער ליטעראַטור. ווער רעדט שוין וועגן די אַנדערע — איך וויל האָפן: ניט־ווייניקער טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער — וואָס דאָס רוב זיינען מיר פרעמד אַפילו זייערע נעמען.

איך וויל דאָ אָנמערקן אַ פּסיכאָלאָגישן קוריאָז, וואָס קאָן אפשר האָבן אַ טיפערע באַדייטונג, וועלכער איז נאָך אָבער דערווייל פאַרבאָרגן פאַר מיר. אָט דער געפיל פון אַבסאָלוטער נאַציאָנאַלער פרעמדקייט, וואָס הערשט ביי מיר בנוגע דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור און אירע באַשאַפער, באַציט זיך ניט אויף אַזעלכע נעמען, צום ביישפּיל, ווי מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן און ליליענבלום. די גאַנצע העברייאישע ליטעראַטור פון מ. א. גינזבורג און ביז אַראָפּ צו אחד־העמען ווערט פון מיין געפיל געשאַצט ווי איין ליטעראַטור, הגם איך בין געוויס ניט באַקאַנט מיט די ווערק פון אַלע אירע שריפטשטעלער און עס וואָלט זייער פאַלש געווען

צו זאָגן, אַז איך האָב ווען־עס־איז געלעבט אין דעם קרייז פון אירע שאַפונגען. אחד־העם איז נאָך „מיינער״. ווען איך נעם זיינעם אַ באַנד אין די הענט, איז נאָך דאָ דער געפיל, אַז דאָס נעם איך אין די הענט אַ באַנד פון „מיינעם״ אַ שריפטשטעלער, וואָס באַלאַנגט צו מיין פאָלק און צו זיין ליטעראַטור.

אָבער שוין מיט זיין נאָענטסטן תלמיד, דר. קלויזנער, הויבט זיך ביי מיר אָן דער געפיל פון פאַרפרעמדונג. און נעם איך ווען אין די הענט אַ נומער „השלוח״, אָדער דעם היגן „מקלט״, האָב איך — מיט דער גאַנצער אַכטונג, וואָס איך האָב צו זייער גייסטיקן אינהאַלט — דעמזעלביקן געפיל, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ נומער „רעוויו דע מאָנד״ אָדער „נאָרד־אַמעריקאַן רעוויו״, — אַבסאָלוט־פרעמדע ליטעראַרישע דערשיינונג, וואָס נאַציאָנאַל האָט זי ניט קיין ברעקל שייכות ניט צו מיר, ניט צו מיין פאָלק, ניט צו מיין שפּראַך און ניט צו מיין ליטעראַטור. אַזאַ געפיל איז אָבער פאַר מיר עד היום אוממעגלעך בנוגע צו די אַלטע „השחר׳ס״ אָדער די „הבוקר־אור׳ס״.

ווי געזאָגט, איז מיר די אמתע אורזאַך פון דער קוריאָזער נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר. אויב אָט די דערשיינונג איז אַ רייך־אינדיווידועלע, קאָן זי אפשר באַטראַכט ווערן ווי אַ שפּיל פון צופאַל, וואָס האָט ניט קיין טיפערע באַדייטונג. אויב אָבער אויך אַ סך אַנדערע יידישיסטן לעבן איבער דעמזעלביקן געפילס־צושטאַנד, וואָס איך, קאָן דעמאָלט גריילעך זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אָפּשפּיגלונג אין געפיל פון אַ טיפערן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס איז אפשר שוין אַריינגעטראָטן אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק: איך מיין דאָ דעם אָנהויב פון זיין צעשפּאַלטונג אין צוויי פעלקער, אַ יידישן און אַ העברייאיש, לויט די צוויי נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַוואוסטזיינס, וואָס קריסטאַליזירן זיך אויס אַרום די צוויי נייע צענטערן פון דעם נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין אין דער יידישער און דער העברייאישער שפּראַך.

אויסדריקלעך וויל איך נאָך דאָ באַמערקן, אַז ניט מען קאָן זיין זיכער, אַז אַזאַ צעשפּאַלטונגס־פּראָצעס איז שוין אַריינגעטראָטן אין לעבן, ניט מען מוז אָננעמען, אַז אויב ער האָט זיך שוין באַוויזן, מוז ער פירן צו דער צעשפּאַלטונג, און על־כל־פּנים קאָן מען דאָס ניט באַטראַכטן ווי אַ געוואונטשענע דערפרייענדיקע דערשיינונג.

איך האָב מיך אָבער אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם עפּיזאָד, ווייל ער איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר די, וואָס באַטראַכטן העברייאיש פאַר אַן אַבסאָלוט־פרעמדע, ניט־יידישע שפּראַך.

יאָ, מצד דעם געפיל, איז דאָס פאַר אַ סך פון אונדז אַ פּשוטער רעאַלער פאַקט. העברייאיש איז פאַר אונדז — און פאַר דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון יידישן פאָלק — אַ פרעמדע שפּראַך, וועלכע אונדזערע יידישע מאַסן פאַרשטייען ניט און רעדן ניט, און וועלכע אייניקע פון אונדז לערנען זיך אויס צו פאַרשטיין און אַפילו שריפטשטעלעריש צו באַהערשן, ווי מען לערנט אויס דייטש, פראַנצויזיש אָדער רוסיש.

אָבער דאָס איז נאָר מצד דעם געפיל. מצד דעם טעאָרעטישן געדאַנק און דער לאָגיק האָבן אַפילו די עקסטרעמסטע יידישיסטן נאָך קיין רעכט ניט — וויניקסטנס אונטער די איצטיקע אומשטענדן — צו באַטראַכטן העברייאיש פאַר אַ פרעמדע, ניט־יידישע שפּראַך.

וואָס איז „מיין" שפּראַך, די שפּראַך פון „מיין" פאָלק? — דאָס איז ניט דווקא די שפּראַך, אין וועלכער מיין פאָלק רעדט און שאַפט. יידן האָבן גערעדט אַראַביש און געשאַפן אַ סך גרויסע יידישע ווערק אין אַראַביש, און פונדעסטוועגן האָבן זיי קיינמאָל ניט באַטראַכט אַראַביש פאַר זייער שפּראַך.

„מיין" שפּראַך אָדער די שפּראַך פון „מיין" פאָלק איז יענע שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק געברויכט מיט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז נאָר ער באַזיצט זי, אַז ער איז דאָס איינציק פאָלק, וואָס געברויכט זי, ווי דאָס איז צום ביישפּיל דער פאַל מיט יידיש.

„די שפּראַך פון מיין פאָלק" איז דעריבער ניט קיין פראַגע פון היס־טאָרישע מעטריקעס, וואָס דערציילן ביי וועמען די שפּראַך איז געבוירן געוואָרן. לויט די היסטאָרישע מעטריקעס וואָלט אפשר אויסגעקומען, אַז העברייאיש, די שפּראַך פון די עברים, איז לכתחילה גאָר געווען די „שפת כנען" די שפּראַך פון דעם לאַנד כנען און די עברים האָבן זי איבערגענומען אויף דעמזעלביקן אופן, ווי זיי האָבן איבערגענומען האָלענדיש אין האָלאַנד און פראַנצויזיש אין פראַנקרייך.

אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו געברויכן זי מיט דעם באַ־וואוסטזיין, אַז נאָר זיי, די עברים, באַזיצן זי ווי אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. איז די שפת כנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „עברית", פונקט אַזוי ווי דייטש איז ביי אונדז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „עברי־טייטש" און דערנאָך אין יידיש.

אין דעם ענין פון שפּראַך, ווי אין דאָס רוב אַנדערע נאַציאָנאַלע פּרטים, שפּילן די אויסערלעכע סימנים און די מעטריקעס פון דער אָפּ־שטאַמונג אַ סך אַ קלענערע ראָלע איידער דער אינעווייניקסטער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן.

און פרעגט מען אָט ביי דעם באַוואוסטזיין ווי ער באַציט זיך צו העברייאיש, מוזן מיר מודה זיין, אַז אונדזער פאָלק האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט העברייאיש ווי אַ פרעמדע, ניט־יידישע שפּראַך, ד. ה., ווי אַ שפּראַך, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדער פאָלק, אַ ניט־יידישן, און ווערט געברויכט פון אַן אַנדער פאָלק, אַ ניט־יידישן.

ווי פרעמד העברייאיש זאָל ניט זיין דעם פאַרשטענדעניש פון דעם פאָלק איז דאָס נאָר אַ לינגוויסטישע פרעמדקייט, אָבער ניט קיין פאָלקספּסיכאָלאָגישע. דאָס פאָלק ווייס, אַז נאָר יידן געברויכן העברייאיש, ווי אַן אייגענעם לשון, און ניט קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

ממילא מוז אויך די העברייאישע ליטעראַטור באַטראַכט ווערן און ווערט באַטראַכט פון דעם פאָלק ווי אַן אייגענע, ווי אַ יידישע.

דאָס באַשאַפט ביי דער העברייאישער שפּראַך און ליטעראַטור די מעגלעכקייט, זי זאָל ווערן די נאַציאָנאַל־יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, זי זאָל ווערן דער פרייער נאַציאָנאַלער צעמענט, וואָס בינדט אַלע יידן צונויף אין איין שפּראַכלעכן קולטור־אָרגאַניזם, טיילט זיי אויס פון דער איבעריקער מענטשהייט און קאָן זיך ווידער אויסבינדן מיט איר אין דעם פּראָצעס פון דעם אַלמענטשלעכן שאַפן.

אָט דעם פאַקט מוז מען צוגעבן, אַפילו ווען מען איז דער שאַרפסטער קעגנער פון העברייאיש און העברייאיזם.

צום באַדויערן אָדער צום גליק, איז דאָס אָבער ניט מער ווי אַן אַבסטראַקטע, ריין־טעאָרעטישע מעגלעכקייט וואָס קאָן אפשר ווען־עס־איז מקוים ווערן אין דער וויטער צוקונפט.

אין דער אָפּשאַצונג פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווערט פון אַ וועלכער־עס־איז ליטעראַטור טאָרן מיר זיך אָבער ניט רעכענען מיט ריין־טעאָרעטישע מעגלעכקייטן פאַר דער וויטער צוקונפט, ווי מיר רעכענען זיך ניט מיט דער פאַקטישערווירקלעכקייט פון דעם לאַנג־פאַרשוואונדענעם עבר. דער איינציקער מאַטעריאַל, אויף וועלכן מיר קאָנען אָנשטעלן אונדזערע באַטראַכטונגען, איז דער פאַקטישער הייַנט און די וואַרשיינלעכע צוקונפט, וואָס וואַקסט ממילא אַרויס פון דעם פאַקטישן הייַנט.

אין דער איצטיקער ווירקלעכקייט קאָן אָבער די העברייאישע ליטעראַטור ניט פּרעטענדירן אויף דער ראָלע פון אַ נייעם צעגטער פאַר אַ פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. די ליבע — אָדער ריכטיקער — די אַכטונג, דער דרך־ארץ פאַר העברייאיש, וואָס הערשט ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק, איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון דער ליבע צו יענע וועלטלעכע קולטור־פּראָדוקטן, וואָס ווערן באַשאַפן אין דער מאָדערנער העבריי־

אישער ליטעראַטור. די פאָלקס־ליבע צו העברייאיש, אָדער ריכטיקער — דער טיפער דרך־ארץ פאַר „לשון־קודש“, שטאַמט נאָך פון דעם אַלטן רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיינס־צענטער פון דער רעליגיע.

די ריין־מאָדערנע, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע ליבע צו העברייאיש און דער העברייאישער ליטעראַטור, וועלכע מיר באַמערקן ביי אַ גרויסן טייל פון די ייִנגערע געבילדעטע דורות, טראָגט נאָך ניט — ווי נאַציאָנאַליסטיש און אפילו שאָוויניסטיש זי זאָל ניט זיין, — קיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

זי קאָן נאָך ניט ווערן יענע גייסטיקע מאַכט, וואָס זאָל פאַראייניקן די מאַיאָריטעט פון די יידישע מאַסן אין איין שפּראַכלעך־קולטורעלן אָרגאַניזם, מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס די גרויסע מאַסן פאַרשטייען ניט קיין העברייאיש, וואָס צווישן דער קליינער אינטעליגענץ, וועלכע שאַפט אין העברייאיש און געניסט די העברייאישע ליטעראַטור, און די גרויסע פאָלקס־מאַסן, הערשט אַ טיפער און ברייטער תהום.

דאָ איז בשום אופן ניט די פראַגע וועגן דער פאָלקס־בילדונג און דעם עם־הארצישן צושטאַנד פון די מאַסן, וואָס לאָזט זיי ניט פאַרשטיין די שאַפונגען פון דער אינטעליגענץ. מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט אַ בילדונגס־פראַגע, נאָר מיט אַ שפּראַכן־פראַגע.

אויך ביי דעם ציוויליזירטסטן פאָלק הערשט נאָך אַ קולטורעלער תהום צווישן דער „געבילדעטער געזעלשאַפט“ און די עם־הארצישע מאַסן. עד היום קאָן אַ גרויסער פּראָצענט פון דעם דייטשן פאָלק ניט פאַרשטיין זיינע שילערס און געטעס און נאָך אַ גרעסערער טייל פון דעם רוסישן פאָלק קען ניט פאַרשטיין זיינע טורגעניעווס, טאָלסטאָיס און טשעכאָווס.

אָבער אַ גרויסער טייל פון שילערן און געטען קען דער אַנאַלפאַבעטישער דייטש פאַרשטיין, ווען דאָס ווערט אים פאָרגעלייענט אָדער פאָרגעשפילט אויף דער בינע. און נאָך אַ גרעסערער טייל פון זיי קאָן דעם אומוויסנדיקן דייטש פאַרשטענדלעך געמאַכט ווערן דורך פאַסיקע פאָפולאַריזאַציעס. דאָס אייגענע איז אויך אמת בנוגע דעם רוסישן פאָלק, מיט זיינע פושקינס און לערמאָנטאָווס. און אומעטום ביי אַלע פעלקער דאַרף מען צוליב די פאַסיקע פאָפולאַריזאַציעס ניט אַרויסגיין פון די גרענעצן פון דער ליטעראַרישער שפּראַך.

די העברייאישע שאַפונגען זיינען אָבער פרעמד, לינגוויסטיש פרעמד די יידישע מאַסן, אפילו ווען זיי — די שאַפונגען — זאָלן פאָרגעלייענט אָדער פאָרגעשפילט ווערן אויף דער בינע; אַפילו ווען זיי, די שאַפונגען, זאָלן לכתחילה זיין אַזוי פאָפולער, אַז אַ קינד וואָלט זיי געקאָנט פאַרשטיין. און וויל מען באמת פאָפולאַריזירן עפּעס פאַר די מאַסן פון אַ העברייאישן

שריפטשטעלער, מוז מען דאָס טאָן אין יידיש, ד. ה., מען מוז אַריבער־שפּרייזן די גרענעצן פון דער העברייאישער שפּראַך־אַטמאָספערע.

אָט דער טיפער, ברייטער שפּראַך־תהום צווישן דער העברייאישער מינאָריטעט און דער יידישער מאַיאָריטעט מאַכט לגמרי אוממעגלעך יענע באַדייטונג, וועלכע די העברייאישע שפּראַך און ליטעראַטור וואָלטן געקאָנט האָבן, ווי אַ צענטער פון אַ נייעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

דער זעלביקער שפּראַכן־תהום מאַכט אָבער אויך אַ תל פון יעדער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער באַדייטונג, וועלכע די העברייאישע ליטעראַטור וואָלט געקאָנט האָבן ווען . . . ווען די מאַסן וואָלטן גערעדט העברייאיש.

„צוקונפט״, 1920.

פרייע קונסט און פרייע קריטיק

„די קונסט איז פריי! . . .“

אָט דעם אויסגעשריי הערט מען איצטער כמעט אין אַלע אייראָפּיאישע לענדער פון אַלע יונגע קינסטלער. „די קונסט איז פריי“, דאָס איז דער טייטש: קיינער טאָר ניט אָנווייזן איר, מיט וואָס זי זאָל זיך באַשעפטיקן, מיט וואָס ניט. קיין מענטש קאָן זי ניט פאָדערן צו אַ משפט, סיידן די ריין־עסטעטישע קריטיקער. איין גאָט איז נאָר דאָ, פאַר וועמען זי דאַרף זיך פאַרענטפערן: דער גאָט פון שיינקייט. וואָס פאַר אַ פאַלשע געדאַנקען דער קינסטלער זאָל ניט אויספוצן אין זיינע ווערק, וועלכע שעדלעכע געפילן ער זאָל ניט אַרייניאָגן אין די אָדערן פון דער געזעלשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ סם ער זאָל ניט פאַרגיפטן דאָס האַרץ פונעם פאָלק, מיט וואָס פאַר ברודיקע בילדער ער זאָל ניט אָנפילן די פאַנטאַזיע פון דעם לעזער — קיינער טאָר ניט האָבן די העזה אויפצוהויבן די הענט אויף דער הייליקער מאַיעסטעט פון דעם קינסטלער, אויב ער איז נאָר אַ טרייער איבער־געגעבענער כהן־גדול צו דער גאָטהייט פון שיינקייט. אַלץ, וואָס איז שיין, איז אין דער זעלביקער צייט אמת, איז אין דער זעלביקער צייט גוט.

אין דערינען באַשטייט איינגנטלעך דער הייליקער „אני מאמין“ פון יעדן יונגן קינסטלער, און עס ווייזט אויס, אַז אַ סך נייע קינסטלערישע ווערק זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט איין־איינציקן ציל אין זינען: עזותדיק איינשטעלן זיך פאַר די סואווערענע רעכט פון דער פרייער קונסט, וואָס דאַרפן דעם קינסטלער זיין הייליקער, איידער אַלע אַנדערע פליכטן. אמתן, וואָס האָבן דער מענטשהייט געקאָסט דורות פון יסורים און פיין; אידעאַלן פון יושר, וואָס די מענטשהייט האָט זיך צו זיי דערשלאָגן מיט אַזוי פיל קרבנות אויף אַלע פעלדער פון דעם לעבן, — זיי ווערן אַלע בכיוון גע־טראָטן מיט די פיס פון דער נייער קונסט, כדי צו באַווייזן די אויבער־הערשאַפט פון שיינקייט איבער אמת און יושר.

אויך אין דער יידישער נייער קונסט, אין דעם „רענעסאַנס“, ווי מען רופט זי איצטער אָן, באַמערקן מיר דעם זעלביקן „עסטעטיזם“, די זעלביקע אָנגעגרייטקייט צו פאַלן כורעים פאַר דער גאָטהייט פון חן אויף דעם חשבון פון יושר און אמת.

פון וואַנען שטאַמט אונדזער איצטיקער עסטעטיזם? איז ער אַרויס־געוואַקסן פון די טיפע טיפעניש פון אונדזער יידישער נשמה? אָדער אפשר האָט דער אַלגעמיין־מענטשלעכער גייסט, וואָס הערשט איצטער אין דער קונסט, אויך ביי דעם יידישן פאָלק גענומען רעדן דעם זעלביקן לשון, וואָס ער רעדט אומעטום? האָט ער אויף זיינע פליגלען אויך דעם יידישן קינסטלער גענומען טראָגן צו די זעלביקע הימלען, וואָס שפּרייטן זיך איצטער פאַנאַנדער אומעטום איבער די קעפּ פון די שיינהייטס־כהנים? אויב דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט געווען אַביסל גרינגער אויפן האַרצן: צרת רבים איז אַ חצי נחמה. מיר זיינען אָבער שטאַרק מסופק אין דעם. מיר קאָנען ניט נעמען אין די הענט די אַרבעטן פון אונדזערע יונגע קינסטלער אָן דעם טרויעריקן געפיל, אַז אָט דער גאַנצער שיינהייטס־געפּילדער האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דער נשמה פון אונדזער פאָלק. ניט איר נאַציאָנאַלע נאַטור, ניט איר אַלגעמיין־מענטשלעכע נאַטור האָבן ניט אַרויסגעבראַכט פון זיך גופא די ניי־מאָדנע שיינהייט־שיכרות, און דעם „עסטעטיזם״ האָט דער יידישער קינסטלער איינגעזויגן פון דער אַרומיקער פרעמדער וועלט. זיי האָבן פשוט ניט געהאַט קיין גענוג־שטאַרקן חוט־השדרה אַוועקצושטעלן זיך אַנטקעגן די פרעמדע געדאַנקען און שטימונגען.

אָבער זאָל זיין אויס אייגענער קראַפט, אָדער אויס פרעמדער — ווי די מעשה איז, די געשיכטע האָט אויך אונדזער יידישע ליטעראַטור מזכה געווען מיט דעם זעלביקן עסטעטיזם און מיט דעם זעלביקן אויסגעשריי: „די קונסט איז פריי!״

אונדזער קונסט איז נאָך יונג און האָט נאָך ניט קיין אייגענע טראַדיציעס. ערשט איצטער דאַרף זי אָנהויבן צו טראַכטן וועגן זיי. ס׳איז דעריבער זייער נויטיק אָפּצושטעלן זיך אויף דעם ענין פון פרייער קונסט און זען: קאָן באמת דער נייער פרינציפּ — די קונסט איז פריי — ווערן דער גרונדשטיין, וואָס אויף אים זאָל געבויט ווערן אונדזער ליטעראַרישע טראַדיציע.

„די קונסט איז פריי!״ — דאָס איז אַן אויסגעשריי, אַ באַפעל און אַ פאָדערונג. די קונסט קעמפט פאַר איר פרייהייט, הייסט עס, זי גיט אַליין צו, אַז ס׳איז דאָ ערגעץ־וואו אַ מאַכט, וואָס קאָן אָפּנעמען די פרייהייט ביי איר, וואָס קאָן געבן זי אָדער ניט געבן. ווער איז די מאַכט, וואָס אַנטקעגן איר קעמפט די קונסט, וואָס פון איר פאַרלאַנגט זי איר אומבאַגרענעצטע סואווערענע אויטאָנאָמיע?

אויב זי מיינט דערמיט דעם אַלטן פיינט פון פרייהייט איבערהויפּט, די צענזור מיט אירע געזעצן און פאַרבאָטן, איז דעמאָלט קיין שום ספק

ניטאָ, אַז די קונסט איז גערעכט אין איר אויסגעשריי, און יעדער פֿרייהייטס־ליבנדיקער מענטש וועט צושטיין צו איר קאַמף, וועט מודה זיין מיט איר, אַז די קונסט איז פֿריי. זי איז פֿריי אויסצוקלייבן וועלכע ענינים זי וויל און באַשרייבן זיי, אויף וועלכע אופֿנים זי וויל, און קיין מאַכט אין דער וועלט טאָר איר ניט פֿאַרבאָטן אַרויסצוזאָגן עפּנטלעך אַלץ וואָס זי רעכנט פֿאַר נויטיק צו זאָגן. עס איז אָבער קלאָר, אַז ניט די צענזור און די פּאָליציי האָט דער קינסטלער אין זינען בשעת ער קעמפֿט פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זיין קונסט. אמת, ביי די מאָדערנע ציוויליזירטע פֿעלקער איז די קונסט נאָך ניט אין גאַנצן באַפֿרייט פֿון דעם אַפּיטראָפּוס, דעם פּאָליציי־געזעץ. עס איז פֿאַרווערט אָנצורירן געוויסע ענינים, אָדער צו באַאַרבעטן זיי אויף אַ געוויסן שטייגער.

פֿיל געדענקען נאָך מסתמא די באַרימטע „לעקס־היינצע"־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, ווען מען האָט געוואָלט פֿאַרווערן דעם קינסטלער צו מאָלן נאַקעטע מענטשלעכע קערפּערס, ווייל אַזעלכע סוזשעטן קאָנען באַליידיקן די „עפֿנטלעכע מאָראַל". אָבער דער גערעכטער קאַמף פֿון דער קונסט אַנט־קעגן דעם געזעץ איז אין תוך אַריין מער גייסט, ווי אַ טייל פֿון דעם אַלגע־מיינעם גרעסערן קאַמף, וועלכן דער מענטשלעכער געדאַנק און דאָס מענטשלעכע וואָרט פֿירן פֿאַר זייער אומבאַגרענעצטער פֿרייהייט.

ניין, ניט פֿון דער צענזור און ניט פֿון דעם געזעץ פֿאָדערט די קונסט איר באַפֿרייאונג. פֿאַר אַן אַנדער ריכטער פֿירט זי איצטער איר ליאַרעמ־דיקן פּראָצעס, פֿון אַן אַנדער מאַכט פֿאַרלאַנגט זי סואווערענע אויטאָנאָמיע. ס'איז פֿאַראַנען אַ העכערער דין איידער די פּאָליציי, און דאָס איז די מאַכט פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג. וועלכע אָנשטעלן דער קינסטלער זאָל ניט מאַכן, אַז ער לעבט נאָר פֿאַר זיך און זיין ליבער קונסט, מוז ער דאָך יעדן אויגנבליק פֿילן, אַז ער לעבט אין דער געזעלשאַפֿט און פֿון דער געזעל־שאַפֿט. די געזעלשאַפֿט אָבער באַצאָלט אירע אַרבעטער מיט גיטער אָדער לויב ערשט דעמאָלט, ווען זי געפֿינט אויס, אַז די אַרבעט האָט אַ ווערט פֿאַר איר, אַז זי איז איר גוט. גייט די אַרבעט להיפּך צו די אינטערעסן פֿון דער געזעלשאַפֿט, געפֿינט די געזעלשאַפֿט אויס, אַז זי טויג פֿאַר איר ניט, לאָזט זי זי ליגן אַן אַ זייט. ווילנדיק ניט־ווילנדיק מוז דעריבער דער קינסטלער אָנקומען צו דעם גענאָד פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג. אָבער דער פֿירער פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער קונסט איז די קריטיק. זי שטעלט אַוועק די נאָרם פֿון שיין און ניט־שיין, זי מעסט־אויס די גרויס און די טיף פֿון אַ טאַלאַנט, זי מאַכט אַ „וואַרע" פֿאַר די ווערק פֿון דעם קינסטלער.

די קריטיק איז די מאַכט, מיט וועלכער דער קינסטלער מוז זיך רעכענען צוערשט. דער קריטיקער איז געוויינלעך דער טרייער חבר פון דעם קינסטלער, זיין מיט־שטרייטער אַנטקעגן דער געזעלשאַפט, זיין וואָרט־פירער און דערקלערער. אָבער אָפטמאָל קאָן אויסקומען דער קונסט צו פירן אַ ביטערן קאַמף אַנטקעגן דער קריטיק. זי, די קריטיק, קאָן אַמאָל שטעקן טיף ביזן האַלדז אין יענע פאַרשימלטע אידייען, אַנטקעגן וועלכע דער קינסטלער טרעט אַרויס מיט זיין רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט. און איר, דער קריטיק אין פּנים אַריין, — סיי דער פריינטלעכער, סיי דער פיינטלעכער, — שרייט ער אַרויס זיין הילכיקן אויסגעשריי: „די קונסט איז פריי!״ ער גיט דער קריטיק אַן אָנצוהערעניש, זי זאָל זיך האַלטן שיין, רואיק אין אירע גרענעצן, זי זאָל ניט פאַרגעסן, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ ווערק פון קונסט און נאָר מיט אַ ווערק פון קונסט, די שיינקייט און נאָר די שיינקייט זאָל זי האָבן אין אויג און אין גאַנצן זיך אַרויסשלאָגן פון זינען אירע מאָסשטאָבן פון אמת און יושר, פון נוצן און שאָדן.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: די קונסט איז פריי צו זאָגן, וואָס זי וויל, זי איז אומבאַגרענעצט, אָבער די קריטיק זאָל האָבן איר פרייהייט נאָר אין געוויסע גרענעצן. מחוץ פון די גרענעצן דאַרף זי זיין אַ שקלאַפין ביי דער קונסט...

עס ליגט ניט אין די צילן פון אונדזער הייניקער אַרבעט אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח מיט דעם קינסטלער און באַווייזן אים פון דעם ריין־קינסטלערישן שטאַנדפונקט, ווי ענג און ווי שעדלעך זיין פאָדערונג איז פאַר די אינטערעסן פון דער קונסט. אַזאַ אַרבעט וואָלט פאַרלאַנגט קריטיש נאָך אַמאָל דורכצוזעמען די פילאָסאָפיע פון קונסט גופא, אויסגעפינען דעם שורש פון קונסט אין דעם לעבן פון דעם גאַנצן קולטור־אָרגאַניזם און ריכטיק באַשטימען אירע צילן און וועגן.

דאָ שטעלן מיר זיך פּשוט אויף דעם אַלגעמיין־רעכטלעכן שטאַנד־פונקט. מיר, די קריטיקער אָדער די וואָס רעדן אין זייער נאָמען, קעמפן פאַר דער פרייהייט פון דער קריטיק מיט דעם זעלביקן רעכט, מיט וועלכן דער קינסטלער קעמפט פאַר דער פרייהייט פון דער קונסט.

וואָס איז קריטיק?

איינער אַ יונגער קריטיקער, — אַ דייטש, אָדער אַ פראַנצויז, איך געדענק שוין ניט קלאָר, — האָט אַמאָל געזאָגט: „קריטיק, דאָס זיינען אַלע געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיר און וואָס שווימען אַרויף אויפן זינען בעת איך לייען דעם אַנדערנס בוך.״ געוויס איז אַזאַ

אויסטייטשונג פון קריטיק אַביסל צו ברייט, ווען אַפילו זי פּאַסט גאַנץ גוט צו אַ סך אַרבעטן פון אַ סך יונגע קריטיקער, אָבער אַזעלכע אַרבעטן פּאַרדינען אפשר גאָר ניט דעם נאָמען „ליטעראַרישע קריטיק", ווייל זיי האָבן ווייניק וואָס צו טאָן מיט דעם מחבר, וועלכן זיי ווילן קריטיקירן. עס שווימען אַרויף ביי דעם „קריטיקער" אין זינען עסטעטישע, מאָראַלישע, היסטאָרישע בילדער, פילאָסאָפישע געדאַנקען און אַפּאָריזמען, און ער באַנוצט זיך מיטן פרעמדנס בוך אָדער בילד מער ניט ווי מיט אַ געלעגנהייט צו קאָנען אַרויסווייזן די רייכקייט פון דער אייגענער נשמה. פונדעסטוועגן ליגט דאָך אַ טייל אמת אין דעם אויבן־דערמאָנטן ווערטל. קריטיק — דאָס איז אָפּשאַצונגס־געדאַנקען, אַרויסגערופן אין אונדז בעת דעם טיפן שטודירן און דער ערנסטער באַטראַכטונג פון קינסטלערישן ווערק.

אָבער אָפּשאַצונגס־געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגערופן פון אַ קינסטלערישער אַרבעט, קאָנען ניט אַלע אַריינגעשטעקט ווערן אין איין־איינציק קעסטעלע מיט דער אויפשריפט: „שיינקייט און קונסט". דער קריטיקער איז אַ גאַנצער מענטש און אויף אים מוזן ווירקן אַלע זייטן פון יעדן שטיק לעבן, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער קאָן ניט פונאַנדערשפּאַלטן זיך גופא אויף צוויי מענטשן: דעם עסטעטיקער, און דעם סתם־מענטשן.

זייט אייך משער אַזאַ מין קינסטלעריש ווערק, אויסגעשניטן פון מאַרמאָר דורך דער בעסטער קינסטלערישער האַנט: אויף אַ פּאָסטאַמענט פון גופים פון מענער און פרויען און קינדער מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ שטייט אַ יונגערמאַן, הויך און איידל געבויט. זיינע אויגן זיינען פול מיט אַ הייליקן שטילן טרויער, זיינע ליפּן זיינען צונויפגעצויגן אין אַ שמערצלעכן פאַרטראַכט זיין און צו דער זעלביקער צייט אין אַ פעסטן באַשלוס; זיין לינקע האַנט, וואָס הענגט אַראָפּ רירט אָן מיט די שפּיצן פינגער אַ פּיראַמידע פון אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ, און עס דוכט זיך, אַז פון די קעפּ שטראָמט דורך די נערוון פון די פינגער אַ ווייי־געפיל צו דעם יונגנמאַנס האַרץ, און פון דעם האַרצן שטראָמט אים אַנטקעגן אַ געפיל פון צערטלעכער רחמנות צו די אָפּגעהאַקטע קעפּ. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ שאַרפן האַק. און אונטער דער גאַנצער פיגור איז אויסגעקריצט נאָר איין וואָרט: „קרושעוואַן".

קאָן מען דען פאָדערן פון דעם קריטיקער, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס ער ווייס וועגן קרושעוואַנען, פון אַלע געפילן, וואָס קרושעוואַן רופט אין אים אַרויס, און געדענקען נאָר איינס, אַז ער האָט פאַר זיינע אויגן אַ שיינהייטס־פיגור? מוזן אין אים פאַרשטומען אַלע פּראָטעסטן

מער ניט דערפאַר, וואָס דער קינסטלער פאַרעקשנט זיך אין זיין קאַפּריז: „און איך, פרייער קינסטלער, וויל אַזוי פאַרשטיין די נשמה פון אַ קרושע־וואַן!" האָט דען דער קריטיקער ניט אַ רעכט, — ניין, נאָך מער! — אַ פליכט אויסצושרייען: „די פיגור איז שיין, אָבער אַ ליגנער איז דער קינסטלער, אויב ניט נאָך ערגער: אַ קרושעוואַן!..."

איך וויל ברענגען נאָך אַ משל, און בעט לכתחילה מיינע לעזער, זיי זאָלן מיר מוחל זיין, וואָס איך דיקטיר זייער פאַנטאַזיע אויסצומאָלן אַזעלכע בילדער. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? די קליפּה פון „פרייער קונסט" איז איצטער אַזוי שטאַרק, אַז מען מוז זי אַליין צווינגען קוקן דעם אמת גלייך אויג אין אויג... שטעלט אייך פאָר, איר לייענט אַ „מאָדערנעם" פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, וואו דער העלד איז אַ יונגער קרעפּטיקער איראָפּייער, אויפגעצויגן ביז זיין זעכצנטן לעבנס־יאָר ביי אַ ווילדן שבט פון די אַפריקאַנישע מענטשן־פרעסער. ער איז איצטער 25 יאָר אַלט, דורכגענומען פון דער גאַנצער מאָדערנער בילדונג און ציוויליזאַציע, אַ קענער פון קונסט, אַ פאַרערער פון ניטשע און אָסקאַר ווײַלד. מיט אַ בילד־שיין מיידל, פאָרט ער איצטער אַרום אויף אַ לוסט־רייזע אין אַפריקע, און אין איינעם פון די הייסע טראָפּישע טעג, אין דעם געדיכטן טראָפּישן וואַלד, איינער אַליין מיט זיין ליבהאַרציק מיידל, דערוועקט זיך אין אים ניט נאָר דער מאַנצביל, וואָס לעכצט נאָך דעם שיינעם קערפּער, נאָר אויך דער מענטשן־פרעסער, וואָס גייט אויס פון תשוקה נאָך דעם צאַרטן מיידל־פלייש. דער קינסטלער פאַרשפאַרט אונדז ניט קיין איין ריר פון זיין נשמה, אין וועלכער עס האָבן זיך צונויפגעגאָסן ראַפינירטע ציוויליזאַציע און ווילדסטע באַרבאַריי. ער שילדערט אונדז די עסטעטישע שיכרות פון זיין אויג, בעת ער באַוואונדערט איר ברוסט (זיי האָבן זיך פרײמוטיק און שטיפעריש אויסגעטאָן נאַקעט) און יענע שיכרות נאָך מענטשן־בלוט און מענטשן־פלייש, וואָס איז דערוועקט געוואָרן אין דעם מענטשן־פרעסער. ער מאָלט אונדז אויס אַלע איינצלהייטן, ווי ער שעכט זי, ווי ער שניידט אָפּ אירע בריסט, ווי ער פרעסט זיך איין מיט די ציינער אין זייער פריש־צאַפּלענדיקן פלייש, וועלכע סעקסועלע תענוגים ער לעבט דערביי דורך, וועלכע פריידיקע אויסגעשרייען עס רייסן זיך אַרויס פון זיין נשמה...

איך בעט נאָך אַ מאָל דעם לעזער, מיר מוחל זיין פאַר דאָס סקיצירטע בילד. אויב ער איז באַקאַנט מיט דעם גאַנצן שניט פון דעם מאָדערניזם, וועט ער מיר מודה זיין, אַז די טעמע איז גאָרניט אַזוי ווייט פון די, וואָס קאָנען אינטערעסירן אַ מאָדערנעם קינסטלער...

האָט דער קינסטלער אַ רעכט אָנצופילן אונדזער מוח מיט אַזעלכע

בילדער? אַוודאי האָט ער אַ רעכט! ווער לאָזט אים ניט?... אָבער האָט ער אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון מיר, דעם קריטיקער, איך זאָל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער עסטעטישער זייט פון זיין ווערק? איז מיין קריטיק ניט אַזוי פריי, ווי זיין קונסט? אמת, איר וועט מיר אפשר ענטפערן, אַז די תאווה פון מענטשן־פרעסעריי איז אַזוי ווייט פון דעם איצטיקן מענטשנס נשמה, אַז דער גאַנצער ראָמאַן קאָן ניט אַרויסרופן ביי אונדז קיין איין ברעקל מאָראַלישן פּראָטעסט; אַז דער העלד, אויב ער איז ווירקלעך געטריי געשילדערט, וועט אויף אונדז ווירקן, ניט ווי אַ מענטשלעכע, נאָר ווי אַ חיהשע געשטאַלט, צו וועלכער מיר האָבן קיין ברעקל שייכות ניט... גוט! לאָז זיין אַזוי! אָבער מיט דעם גופא גיט איר מיר דאָך צו, אַז דאָרטן, וואו די געשילדערטע תאוהס זיינען נאָך ניט אַזוי ווייט פון אונדזער נשמה ווי מענטשן־פרעסעריי, דעמאָלט ווען מיר האָבן זיי אין אונדזער מאָראַלישן באַוואוסטזיין אָוועקגעשטעלט אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי מענטשן־פרעסעריי, קאָן מען פון אונדז ניט פאַרלאַנגען אין דעם נאָמען פון „פרייע קונסט“, מיר זאָלן שווייגן צו אַלץ, וואָס דער קינסטלער שאַפט, מיר זאָלן ניט פאָדערן פון אים אַ דין־וחשבון, מיט וואָס פאַר אַ רעכט פילט ער אָן אונדזערע מוחות און הערצער מיט זיינע עסטעטיש־שיינע, אָבער מאָראַליש־ברודיקע בילדער...

אויב אַ שטאַרקע עסטעטישע שריפט שמייסט ווי מיט בייטשן אַלע געפילן פון ערלעכקייט, צניעות, אמת און יושר, האָט דען דער קריטיקער ניט קיין רעכט אַרויסצוזאָגן זיינע אַלע געדאַנקען וועגן דעם קינסטלערישן ווערק? האָט ער דען ניט קיין רעכט אָנצואווייזן, אַז אָט דאָס איינע אָדער דאָס אַנדערע שיינע בילד קאָן אין אונדז אַרויסרופן אַן עקסטאַז פון שיינקייט, אָבער אין דער זעלביקער צייט, אויסברענען אין אונדזער נשמה אַזעלכע מאָראַלישע בראַנד־וואונדן, פון וועלכע זי וועט זיך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט ניט קאָנען אויסהיילן? האָט ער דען ניט דאָס רעכט אויפצואווייזן, אַז אין דער אָדער יענער שיינער שריפט ליגט באַהאַלטן אַ שטימונג, וואָס קאָן טרייבן די גאַנצע געזעלשאַפט צו אַזעלכע מעשים, וואָס ווען אונטערגראָבן דעם יסוד פון איר קיום אויף דער ערד? ניט נאָר האָט ער אַ רעכט צו אַלע די זאַכן, — עס איז זיין חוב ניט צו לאָזן פאַרבלענדן די אויגן דורך דער שיינקייט פון דעם קינסטלערישן ווערק. און בעת ער שאַצט אָפּ דאָס שאַפן פון דעם קינסטלער, מוז ער האָבן אין אויג ניט נאָר דעם קינסטלערישן ווערט, נאָר אויך די פילע אַנדערע ווירקונגען, וועלכע דאָס ווערק מוז אַרויסרופן אין די לעזער בכלל, אָדער אין די לעזער פון זיין פאָלק בפרט.

גאָרקיס באָסיאַק מעג זיין אַ שיינע בריאה. ווען דער אינטעליגענטער לעזער קריגט התפעלות פון אים, וועט זיך אים דאָך ניט פאַרגלוסטן גיין אָנשיכורן זיך ביינאַכט און וואַרפן שטיינער אין די פענצטער. עס קאָן זיין, אַז די גלוסט צו ברעכן שויבן קאָן זיך ביי דעם אינטעליגענטן מענטשן פאַרוואַנדלען אין אַ תשוקה אויפצורייסן טראָנען. אָבער אויב גאָרקיס באָסיאַק, דער אידעאַל פון אַ מענטשלעכער בריאה, פאַלט אַריין צו אַן אמתן באָסיאַק אין די הענט, מוז ביי אים די תשוקה צו ברעכן שויבן נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן. געוויס, אויב דער קריטיקער האַלט, אַז שויבן ברעכן איז איבערהויפּט ניט קיין עוולה, נאָר אַ יושר, דעמאָלט מעג ער נתפּעל ווערן ניט נאָר פון דער עסטעטישער נאָר אויך פון דער עטישער זייט פון גאָרקיס גבורים. רעכנט ער אָבער, אַז שויבן ברעכן קאָן זיין מער ניט ווי אַן עובדא פון אַ שיכורן גוי, קאָן זיין, אַז די גאַנצע שיינקייט פון דער בריה וועט ביי אים פלוצלונג פאַרשווינדן ווי נאָר ער וועט דערהערן דעם ערשטן בראַזג פון אַן אומשולדיק־צעבראָכענער שויב.

די קונסט איז אַ מאַכט, איינער פון די שטאַרקסטע ווירקער אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. קיין מענטש קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק, וואוהין די געזעלשאַפט ווערט געטריבן. דער קריטיקער נעמט אויף זיך דעם חוב אויסצודריקן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, אַזוי ווי ער פאַרשטייט זיי. ער וויל און האָט אַ רעכט צו ווירקן אויף דער געזעלשאַפט אין אַ באַשטימטער ריכטונג. ער טאָר דעריבער ניט אַריבערגיין בשתיקה וועגן דער סאָציאַלער און מאָראַלישער ווירקונג, וואָס ליגט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער מוז אויפדעקן די ליניע, אין וועלכער עס טראָגט זיך דער סאָציאַלער אימפּעט פון דעם קינסטלער און ער מוז קריטיקירן, ד. ה. אָפּשאַצן, צי דעם קינסטלערס אַרבעט ווירקט ניצלעך אָדער שעדלעך אויף די גרונט־אידייען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער קריטיקער קאָן דאָס טאָן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיינע אייגענע פּערזענלעכע אידעאַלן. און געוויס מוז מען צוגעבן, אַז אויך דער קינסטלער האָט זיינע געדאַנקען וועגן רעכט און אומרעכט, יושר און עוולות, וואָס קאָנען גיין להיפּוך צו דעם קריטיקערס מיינונגען, און אויך דער קינסטלער האָט ניט נאָר אַ רעכט, נאָר אַ פליכט אויסצודריקן זיין אידעאַל אין זיינע שיינע ווערק. אָבער אַזאַ סכסוך צווישן דעם קריטיקער און דעם קינסטלער האָט שוין גאָרניט צו טאָן מיט דער פראַגע וועגן פרייהייט פון קונסט. עס איז אַ סכסוך צווישן צוויי מענטשן, וואָס האָבן פאַרשיידענע אידעאַלן און וואָס דריקן זיי אויס אויף אַ פאַר־שיידענעם אופן. כל זמן דער קינסטלער פאַרשטייט אַליין, אַז ער איז ניט

נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ מענטש, און כל זמן ער קעמפּט ניט נאָר פאַר געוויסע פאָרמען פון שיינקייט אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר געוויסע פאָרמען פון לעבן אין דער געזעלשאַפט, קאָן צווישן אים און דעם קריטיקער ניט זיין קיין עסטעטישער סכסוך, און דעם קינסטלער וועט ניט אַריינגיין אין זינען פאַרווערן דעם קריטיקער אָפּצושאַצן זיינע קונסט־ווערק מיט דעם מאַסשטאַב פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט אָדער סאָציאַלער פילאָסאָפיע.

דער סכסוך הויבט זיך אָן ערשט דעמאָלט, ווען דער קינסטלער וויל זיך אַליין איינשמועסן אָדער איינרעדן די אַנדערע, אַז ער האָט גאָר נישט ניט וואָס צו טאָן מיט פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויסער דער קונסט און אַז דעריבער קאָן מען צו אים קיין אַנדערע טענות ותביעות ניט האָבן, סיידן די וואָס שטאַמען פון דער קונסט. אויסשרייענדיק אין דער וועלט אַריין: „די קונסט איז פריי!" — פאַרגעסט ער דערביי גאָר איין קלייניקייט, אַז אויך דער קריטיקער איז פריי און ווערט קנאַפּ־וואָס נתפּעל פון דעם קינסטלערס פּרעטענזיעס. די קריטיק האָט אַ כשרן רעכט צו פאַרלאַנגען פון דעם קינסטלער, ער זאָל זיין אַ גאַנצער מענטש און זאָל זיך אַליין אָפּ־געבן דין־וחשבון וועגן זיין וועלט־אַנשויאונג, וועגן זיינע אידעאַלן פון יושר. און ווען ער קומט אויפן מאַרק מיט זיין פּעקל סחורה און וואַרט אויף דער אָפּשאַצונג פון דעם קריטיקער, דאַרף ער וויסן, אַז דער קריטי־קער וועט דורכנעמען זיין ווערק פון אַלע זיינע זייטן און אויב דער אינ־האַלט וועט זיין מאָראַליש אָדער סאָציאַל צעפּוילט, מעג מען ניט נתפּעל ווערן פון זיין שיינער פאָרם. מען מעג אָפּשיילן איר שאָלעכץ, כדי צו באַווייזן דעם עולם דעם ווערעמדיקן קערן פון דער גאַנצער פּרוכט.

די פרייע קונסט וועט ערשט דעמאָלט קאָנען זיין באמת פריי און וועט ניט דאַרפן פילדערן און שרייען אין אַלע גאַסן וועגן איר פרייהייט, ווען זי וועט זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין, אַז איר פרייהייט טאָר זיך ניט אַריינרייסן אין די גרענעצן פון דער פרייער קריטיק. און ערשט אַזאַ פרייע קריטיק, וואָס וועט זיך ניט באַטראַכטן ווי אַ שקלאַפן פון דעם עסטעטישן געניוס, קאָן און וועט אונדז העלפן באַשאַפן אַ באמת־פרייע קונסט.

„דאָס נייע לעבן", 1909

דער קינסטלער און דער הדיוט

מיט יאָרן צוריק בין איך אין בערלין אַריינגעגאַנגען אין אַ סטודיאָ צו מײַנעם אַ באַקאַנטן מאָלער, אָנצוקוקן זיינע ווערק.

מיין בליק האָט געוואַנדערט פון בילד צו בילד און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסן לייוונט, וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבע וואַנט.

אין אַ שיינעם בודואַר, אויף אַ פּרעכטיקער סאָפע איז געלעגן אַ יונגע נאַקעטע פרוי. אַ קליין טישל איז געשטאַנען לעבן דער סאָפע און אויף אים אַ פאָרצעלייענע וואַזע מיט קאָרן־בלומען. ניט ווייט פון דער סאָפע איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט, ווייזט אויס, געלייענט עפּעס פון אַ בריוו, וועלכן זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט.

מיך האָט באַזונדערס פאַראינטערעסירט דער אויסדרוק פון פאַרחלומטער צופרידנקייט, וואָס האָט געלויכטן אין די אויגן פון דער יונגער פרוי און פון דאָרטן זיך אויסגעגאָסן איבער איר גאַנצן פּנים. שיין און קלאָר איז אויך אַרויסגעקומען דאָס פּנים פון דער עלטערער פרוי מיט דעם שעלמישן אויסדרוק אַרום אירע ליפּן.

דער גרונט־געדאַנק פון דעם בילד איז אין אַלגעמיין געווען פאַרשטענדלעך. די יונגע פרוי איז מסתמא אַ קורטיזאַנקע. די עלטערע — איר „דועניאַ". דער בריוו, וואָס האָט אַרויסגערופן די פאַרחלומטע צופרידנקייט ביי דער יונגער פרוי, איז מסתמא פון איינעם אַ ליבהאָבער אירן. און פונדעסטוועגן איז די לאַגע נאָך ניט אין גאַנצן געווען קלאָר פאַר מיר. דערהויפּט — דער שעלמישער אויסדרוק אַרום די ליפּן פון דער עלטערער פרוי.

— וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בילד? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם קינסטלער, וואָס האָט דערווייל געזוכט צווישן די ניט־אויסגעהאַנגענע לייוונטן עטלעכע זאַכן, וועלכע ער האָט מיר געוואָלט באַווייזן.

דער קינסטלער האָט זיך ראָש אומגעקערט צום בילד, און באַטראַכטנדיק עס, אַקוראַט ווי ער וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— דאָס איז גאָר ניט קיין בילד. דאָס איז אַן עטיוד.

— און וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דער עטיוד? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— דאָס איז, — האָט ער געענטפערט, — אַ קאַמף פון געל אַנטקעגן בלוי. זעט, וויפיל בלוי דאָ איז!

אין דער אמתן! אַ ים פון בלוי איז געווען אויף דעם לייוונט. בלוי די טאַפּעטן אויף די ווענט, בלויערע סאַמעט באַדעקט די סאָפע, בלוי דאָס טישטוך אויפן טישל, די פאַרצעלייענע וואַזע און די עניוותדיקע קאָרן־בלומען. אויך די קליידער פון דער עלטערער פרוי און איר פאַרטוך מיט ברייטע בלויע פאַסן איז געווען פון בלוי אין פאַרשיידענע שאַטירונגען. אַפילו דער בריוו איז געווען געשריבן מיט בלויע טינט אויף אַ העל־פיאָלעטן פּאַפּיר. געלע פאַרבן זיינען געווען נאָר — דער נאַקעטער קערפּער פון דער יונגער פרוי, וואָס האָט פאַרנומען דעם צענטער פון דעם בילד — אַ, לפי־ערך, קליינעם שטח.

און דער קינסטלער האָט מיר דערקלערט דעם גאַנצן ענין. געל און בלוי זיינען שונאים. פאַלט אַריין געל אין אַ סביבה פון בלוי, מאַכט פון איר די בלוי אַ תל. דאַרף מען קאָנען מאָלן די געל אַזוי, אַז זי זאָל פאַרט ניט נאָר ניט איינגעשלונגען ווערן פון דער מחנה בלויע פיינט, נאָר אַרויס־גיין, אדרבה, אַ שיינענדיקע, אַ טריאומפירנדיקע.

אָט דעם „קונץ" האָט דער קינסטלער געוואָלט באַווייזן מיט זיין עטיוד. און דאָס האָט זיך אים זייער גוט איינגעגעבן. זיין עטיוד איז געווען אויס־געשטעלט אין פּאַריז און האָט געוואונען די אָנערקענונג פון אַלע מבינים. נאָכדעם האָבן אייניקע אַנדערע דורכגעפירט דעם זעלביקן פאַרבן־קאַמף אויף אַן אַנדער אופן. „אָבער קיינער ניט אַזוי גוט ווי איך", האָט דער קינסטלער מוסיף געווען מיט דער געוויינלעכער „עניוות" פון אַ קינסטלער.

די דערקלערונג האָט מיך אָפּגעגאָסן, ווי מיט קאַלטן וואַסער. איך בין דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ פּראָפאַן אין קונסט־זאַכן. קיין „מבין" בין איך עד היום ניט, אָבער איך בין שוין אַביסל צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם ספּעציפיש־קינסטלערישן בליק אויף דער אויפגאַבע פון דער קונסט. נאָר דעמאָלט האָבן די קלאָרע און קלוגע דערקלערונגען פון דעם קינסטלער מיר עפּעס שווער געמאַכט אויפן האַרצן.

איך בין געווען איבעררייניק אַביסל אַנגעברוגזט.

אַזוי! „דאָס" איז ניט קיין לעבעדיקע פרוי, און ניט קיין „דוּניאַ", און ניט קיין סאַמעט, און ניט קיין קאָרן־בלומען, און ניט קיין פאַרחלומטע צופרידנקייט, און ניט קיין אַנדער עלעמענט פון אַ מענטשלעכן לעבן, וואָס

קאָן מיך אינטערעסירן. דאָס איז גאָר אַ מלחמה צװישן פֿאַרבן, װאָס קאָן מיר אַפּילו אין דער לינקער פּאה ניט ליגן!

עס האָט זיך פֿאַר מיר צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט דער תהום, װאָס צװישן דעם „קינסטלער״ און דעם „הדיוט״, די פֿאַרשײדנקײט פֿון די אינטערעסן, װאָס בײדע האָבן אין אַ קונסט־פּראָדוקט, און די פֿרעמדקײט, װאָס הערשט צװישן יענע אינטערעסן.

עד היום װירקט אויף מיר אומאָנגענעם, װען יענער תהום דעקט זיך פּלוצלונג אויף. — איר לײענט אַ שיר פֿון אַ מאָדערנעם דיכטער. עס מאַכט אַן אײנדרוק אויף אײך און איר טראַכט מיט באַװאונדערונג: גאָט! װאָס האָט דער מענטש דאָ ניט איבערגעלעבט אין זײן נשמה! ערשט — ער האָט גאָרנישט ניט איבערגעלעבט. דאָס איז געװען „אַן עטיוד אויף די אותיות ד׳ט׳ל׳ב׳ת אָדער „ז׳ס׳ש׳ר׳ץ״. — דערמאָנט זיך אָן עדגאַר פּאָו און זײן באַשרײבונג, װי אַזוי ער האָט געדיכטעט דעם „ראָב״! אָדער — איר לײענט אַן אַנדער שיר, אַלץ פֿון אַ מאָדערנעם דיכטער, און — װאָס זאָלט איר זיך שעמען מודה צו זײן? — איר הויבט ניט אָן צו פֿאַרשטײן, ניט נאָר װאָס דער דיכטער האָט געװאָלט זאָגן, נאָר אַפּילו װי אַזוי די פּאַפּיר קאָן אויסהאַלטן אויף זיך אַזאַ שיר: פּאַפּיר איז דאָך ניט אײזן! אײלט זיך ניט פֿונדעסטװעגן צו דערקלערן דעם שיר פֿאַר הוילן פּידרעך. עס װעט קומען אַ „מבין״ און װעט אײך, דעם „הדיוט״, דערקלערן װאָס דער „קינסטלער״ האָט געװאָלט. עס קאָן זיך אַרויסשטעלן, אַז דאָס איז — אַ דראַמאַטישער קאָנפֿליקט צװישן די גומען־אותיות און ליפּן־אותיות, אָדער אפֿשר גאָר — דער קאַטשוטשו־טאַנץ פֿון אַ ריטם, װאָס מאַכט אינמיטן דערינען אַ קאָזשעליק און דרײט זיך צום סוף מיטן עק צום געערטן פּובליקום.

פֿאַרשטײט איר דעמאָלט, אַז דאָס איז אַ הויך־קינסטלערישע זאַך, פֿון װעלכער מבינים קאָנען לעקן די פֿינגער; אַ הויך־קינסטלערישע זאַך, ד. ה., ניט אײער זאַך. און אײך פֿאַרדריסט די פֿאַר גראָשן, װאָס איר האָט אויסגעגעבן דערויף.

נאָר — לאָמיר זיך אומקערן צו מײן באַזוך בײ דעם קינסטלער.

מײן לײכטער ברוגז האָט געדויערט ניט לאַנג.

מיר זײנען באַלד אַריבערגעגאַנגען צו דער באַטראַכטונג פֿון יענע לײװנטן און קאַרטונען, — פֿאַרביקע פּײזאַזשן און שטודיען־קעפּ אין בלײ־פֿען, — װעלכע דער קינסטלער האָט אויסגעקליבן. יעדן פֿון זײ האָט ער מיר דערלאַנגט שװײגנדיק און האָט אַלײן געקוקט אויף זײ ערנסט פֿאַר־טראַכט, כמעט װי מיט אַ יראת־הכבוד צו די װערק פֿון זײנע אײגענע הענט.

שאלות האָב איך שוין מורא געהאַט צו שטעלן. איינמאָל, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אַרויסווייזן מיין אָפּגרונט־טיפע עם־הארצות אין הלכות קונסט. און דערצו האָב איך ניט געוואָלט ווידער באַגאָסן ווערן מיט קאַלט וואַסער, ווי פריער. ניט זעלטן פלעגט דער קינסטלער מאַכן אַ וועלכע עס איז טעכנישע באַמערקונג, וועלכע איך פלעג אויפנעמען מיט זייער אַן ערנסטער מינע. אין מיין נשמה אָבער האָט דעמאָלט געבליט אַ שעל־מישער שמייכל, אַקוראַט אַזאַ, ווי אויף דעם געזיכט פון דער „דוניאַ“. איינמאָל האָב איך אויף אַזאַ באַמערקונג געענטפערט, כדי טאָן אים צוליב, מיט דעם אויסדרוק פון אַנטציקונג: „זייער, זייער שיין! באמת אויס־געצייכנט!“ און אין האַרצן האָב איך דעמאָלט געלאַכט: „פּלאַפּל, פּלאַפּל דיינס. איך — זע מיר מיינס!“

און „מיינס“ האָב איך אין זיינע זאַכן געזען אַ שלל. אַ שלל לעבנס־עלעמענטן, אָפּגעשפּיגלט אין דעם געמיט פון אַ קינסטלער און באַגאָסן מיט דעם צויבער פון זיין נשמה. געזעגנט מיט אים האָב איך מיך מיט זייער אַ וואַרעמען, אמת־האַרציקן האַנט־דרוק און אַוועקגעגאַנגען בין איך מיט אַ האַרצן, פול פאַרחלומטער צופרידנקייט, ווי אויף דעם געזיכט פון דער יונגער פרוי אויף דעם „עטיוד“.

אין אַ צייט אַרום בין איך מיט דעם זעלביקן קינסטלער געווען צו־גאַסט, אויסן שטאָט, ביי אַ דייטשן שריפטשטעלער. מיר זיינען זאַלבע־דריט אַוועק שפּאַצירן אין וואַלד און דערגאַנגען ביז צו אַן אָזערע. ביי דעם ברעג זיינען מיר געבליבן שטיין, פאַרזונקענע אין דעם געניוס פון דער נאַטור־שיינקייט.

די פּאַנאָראַמע איז באַשטאַנען פון זייער איינפאַכע עלעמענטן: וואַלד און וואַסער אונטער אַ באַדעקטן בלייערנעם הימל. מיר האָט זיך געדוכט: זיי זיינען אַלע פאַרגליווערט אין אַ רואיקן טרויער, — אַ טרויער, אין וועלכן מען רוט זיך אויס נאָך טיפע און שווערע ליידן. מיר האָט זיך אויך געדוכט, אַז וואַסער און וואָלקנס ווינקען זיך דורך אויף זייער אייגענעם לשון וועגן זייערע אייגענע סודות, און מיין פאַנטאַזיע האָט האַלב־אומ־באַוואוסט גענומען שפּינען השערות וועגן דעם, וואָס אַזוינס יענע סודות קאָנען זיין.

פּלוצלונג האָט דער קינסטלער אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט ביז צו דער הויך פון דעם אַקסל, האָט זי האַלב אויסגעשטרעקט פאַראויס און האָט גענומען מיט אַלע פינגער, צונויפגעלייגטע אין אַ דעכל, פירן אַ ווייכע ליניע פון לינקס צו רעכטס, דערביי האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— די ציגל־רויטע ליניע דורכן שטאָלענעם וואַסער...

דער הויכער בלאָנדער דייטש האָט זיך איבערגעקוקט מיט אים מיט דער מינע פון אַ מבין און האָט צופרידן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אויך איך האָב באַמערקט אין דער ווייט דעם פּאַרביקן עפּעס, אויף וועלכן דער קינסטלער האָט צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט. געוויס איז די ליניע געווען אַ גאַנץ שיינע. אָבער די באַמערקונג פון דעם קינסט־לער האָט מיך פאַרט אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. ווידער עפּעס קאָלטס און פרעמדס האָט מיך באַרירט. עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס אָט די צוויי הויך־געבילדעטע און עסטעטיש־רייך־באַגאַבטע נאַטורן (דער שרייבער איז געווען יוליוס האַרט) זעען הפנים אין דעם פּייזאַזש ניט מער, ווי פאַרבן און ליניעס, ווי אַ שפּיל פון ליכט און שאָטנס, בשעת איך בין שוין אַריינ־געטראָטן צו אים אין ריין־מענטשלעכע, אינטימע באַציאונגען.

וואָלט דער קינסטלער געמאָלט אָט די פּאַנאָראַמע, האָב איך געטראַכט, נישיים וואָלט ער ניט געשפּירט די מענטשלעכע נשמה, וואָס שוועבט אַרום איר און באַלעבט זי? נישיים וואָלט אים מער פאַר אַלץ אינטערעסירט די מייסטערשאַפט, מיט וועלכער ער דאַרף אַרויסברענגען די „ציגל־רויטע ליניע דורכן שטאָלענעם וואַסער", כדי דערנאָך אַליין מיט יראת־הכבוד צו באַוואונדערן וואָס ער קאָן?

ווידער דער תהום צווישן דעם קינסטלער (און דעם „מבין") פון איין זייט און דעם הדיוט פון דער אַנדערער!

די פּאָר איבערלעבונגען אין בערלין האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון דערפאַר, ווייל זיי האָבן מיר אַ שטויס געטאָן צו אינטערעסירן זיך מער מיט די פּראָבלעמען פון דער קונסט און דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קינסטלער, איידער איך האָב דאָס געטאָן ביז אַהער.

אין דער ערשטער צייט האָב איך אויפגענומען דעם תהום צווישן „קינסטלער" און „הדיוט", ווי אַ פּשוטן פאַקט. דערקענטעניש־טעאָרעטיש איז דאָס פאַר מיר געווען ניט שווער. לויט מיין פילאָסאָפישער אַנשויאונג, האָב איך שוין לאַנג געוואוסט — אַדאַנק קאַנטן, אונדז צו לאַנגע יאָר — אַז קיין מענטש קאָן ניט וויסן קיין זאַך אַזוי ווי זי איז „אין זיך". אפשר איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי די קאַנטישע „זאַך אין זיך". יעדע זאַך איז נאָר אַ זאַך אין וועמען־עס־איז און פאַר וועמען־עס־איז, — ד. ה., זי עקזיס־טירט נאָר אין איינעמס דערקענטעניש און עקזיסטירט נאָר אַזוי, ווי זי ווערט דערקענט. על־כל־פּנים איז די זאַך (אין דער דערקענטעניש) ניט דאָס, וואָס זי איז אין זיך, נאָר דאָס, וואָס דער דערקענענדיקער איז גע־צוואונגען צו דענקען וועגן איר. און געצוואונגען ווערט ער לויט זיין נאַטור,

לויט דער מדרגה פון זיין קולטורעלער אנטוויקלונג, לויט דעם ספּעציפֿישן אינטערעס, וואָס ער האָט אין איר.

פּאָר איין־און־דעמזעלביקן „עטיוד" שטייען צוויי מענטשן: אַ קינסטלער און אַ הדיוט. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער עטיוד? וואָס איז ער „אין זיך"?

— אַ סצענע פון דעם מענטשלעכן לעבן, — ענטפערט דער הדיוט.

— אַ פאַרבן־קאַמף צווישן געל און בלוי, — ענטפערט דער קינסטלער.

וואָלט דערביי געשטאַנען אַ פיזיקער, וואָס וואָלט באַטראַכט דאָס בילד, לויט די ספּעציפֿישע אינטערעסן פון זיין וויסנשאַפט, וואָלט ער אפשר געזאָגט:

— איר האָט ביידע אַ טעות. „אַ סצענע פון מענטשלעכן לעבן", „אַ פאַרבן־קאַמף צווישן געל און בלוי", — דאָס זיינען ריין־סוביעקטיווע מענטשלעכע צוטראַכטונגען. ווילט איר וויסן, וואָס די אינטערעסירנדיקע זאַך איז „אין זיך", אַן אַ שמץ מענטשלעכער צוטראַכטונג, פרעגט ביי דער פיזישער וויסנשאַפט. זי וועט אייך זאָגן: דאָס איז אַ שטיקל באַפאַרבטע לייוונט. און די פאַרבן אויף אים זיינען אויך ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זיינען אין אים. די פאַרבן זיינען שוין אויך אַ מענטשלעכע צוטראַכטונג, אַ צוטראַכטונג פון דעם מענטשלעכן אויג. אין דעם טיפסטן תוך אַריין איז די אייך־אינטערעסירנדיקע זאַך — אַ געוויסער סכום פון מאַטעריעלע אַטאָמען און אַרומוויגן־זיך פון דעם וועלט־עפּיר.

און אויב דערביי וואָלט געשטאַנען אַ דערקענטעניש־טעאָרעטיקער, וואָלט ער אפשר מיט מער רעכט פאַר זיי, פאַר אַלעמען, געקאָנט זאָגן אַזוי:

— אויך איר, מיין ליבער פיזיקער, מאַכט דעם זעלביקן טעות. מאַטעריעלע אַטאָמען און אַרומוויגן־זיך פון דעם עפּיר זיינען ניט אַזעלכע זאַכן, וואָס עקזיסטירן אין דערווירקלעכקייט, מחוץ דער מענטשלעכער דערקענטעניש.*) אויך זיי זיינע מענטשלעכע צוטראַכטונגען. די זאַך, וואָס אייך אינטערעסירט, איז אין זיך אַ טראָפּן וועלט־געהיימניש. אָט דער טראָפּן וועלט־געהיימניש ווערט אין פאַרשיידענע גייסטער, אַזוי צו זאָגן, מגולגל אין פאַרשיידענע גלגולים, לויט דעם גייסט פון דעם, וועלכער נעמט אים אויף.

— דער וואונדער איז, — וועט ער ווייטער זאָגן, — וואָס מיר, אַלע

*) די מאַטעריעלע אַטאָמען זיינען שוין איצטער לגמרי פאַרביטן געוואָרן אין דער פיזיק אויף עלעקטראָנען, ד. ה., ניט־מאַטעריעלע ענערגיע־פּונקטן, און פראָפ. איינשטיין האָט זיך ענערגיש אַ נעם־געטאָן אַרויסצו־משלח־זיין דעם וועלט־עפּיר פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט־אַנשויאונג.

פיר, מיט אונדזערע פיר פאַרשיידענע „גלגולים״ אין אונדז, שטייען דאָ פּאָר איין טראָפּן, זעען אין אים פיר פאַרשיידענע זאַכן און באַוואונדערן אין אים פּאַרט אייך־און־דיזעלביקע זאַך: די וואונדערבאַרע ווירקונג פון שיינקייט, וועלכע די קינסטלערישע זאַך באַווייזט אויף אונדז. אין אַט דעם זיינען מיר אַלע פיר — איינס. און מיר פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן, און מיר רעדן זיך צונויף, ווי וועגן אַלע אַנדערע טראָפּנס „וועלט־געהיימניש״.

און אפשר, — טראַכט איך דערביי, — איז דאָס צונויפרעדן זיך אינ־איינעם און דאָס פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן אין לעבן און קונסט־זאַכן, ניט מער ווי אַ מיספאַרשטענדעניש, — אַ האַרמאָנישער מיספאַרשטיין, ווי אין דעם באַרימטן אַנעקדאָט מיט דעם פינגער־וויכוח.

האָט איר וועגן געהערט פון יענעם אַנעקדאָט, וואָס ווערט דערציילט צווישן חומש־ייִנגלעך?

לאָזט מיך דאָס אייך דערציילן.

אין די אַלטע צייטן האָט אַ כומר געפאָדערט, יידן זאָלן זיך מתווכח זיין מיט אים, אָבער דווקא אויף פינגער־לשון; אויב ניט, וועט מען אַרויס־טרייבן פונעם לאַנד.

איז אַן אימה אַנגעפאַלן אויף זיי, ווייל קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוט אויפצונעמען אַזאַ ריזיקאַלישן שטריט. אָבער איינער אַ וואַסער־טרעגער האָט זיך אויסגערופן, ער וועט גיין. און ווייל קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען, איז קהל מרוצה געוואָרן דערויף און האָט זיך פאַרלאָזן אויף „וואָס גאָט וועט געבן״.

דער קורצער וויכוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער כומר האָט באַוויזן דעם יידן צוויי פינגער, האָט אים דער ייד געענטפערט מיט איין פינגער. האָט דער כומר אויסגעשטעלט אַלע פינף פינגער, האָט דער ייד אויפגעהויבן אַ פויסט.

זיינען דעם כומר זייער געפעלן געוואָרן דעם יידנס ענטפערס, און ער האָט דערקלערט, אַז דער ייד האָט געוואונען.

— וועגן וואָס האָט איר זיך דען מתווכח געווען? — האָבן ביי אים שפּעטער געפרעגט זיינע גויים.

— איך האָב געטענהט: שתי רשויות! עס זיינען דאָ צוויי געטער אויף דער וועלט! האָט דער ייד געענטפערט: ס'איז דאָ נאָר איינער! האָב איך אים געפרעגט: היינט פאַרוואָס האָט ער אייך צעשפּרייט איבער דער וועלט? האָט ער געענטפערט: ער וועט אונדז צונויפקלייבן!

אָבער דער וואַסער־טרעגער האָט פאַר זיינע יידן געגעבן אַן אַנדער פּירוש אויף דעם וויכוח.

— ער האָט מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיר אַרויסנעמען מיינע אויגן, מיט איטלעכן פינגער אַן אויג. האָב איך אים געענטפערט: און איך וועל מיט איין פינגער אויסקאָלופּען דיר ביידע אויגן. האָט ער גע־זאָגט: וועל איך דיר דערלאַנגען אַ מאַטער־פּליאַסק! האָב איך געענט־פערט: וועל איך דיר אַריינפאָרן אין די ציין!

יעדער איינער האָט פון איין־און־דעמזעלביקן דיספּוט אויפגענומען דעם ענין אויף זיין אופן: יעדער איינער האָט געזען אין אים דאָס, און — אָט האָבן זיי זיך דאָך צונויפגערעדט!

לאָז זיין, אַ הדיוט פאַרשטייט די קונסט, ווי אַ וואַסער־טרעגער דעם וויכוח; לאָז זיין, — דער קינסטלער, דער כהן אין דעם בית־המקדש פון ריינער קונסט, איז דער העכער־שטייענדיקער כומר. ווען מען אַרט דאָס, אויב ביידע האָבן „זיך פאַרשטאַנען”? וועמען אַרט דאָס, וואָס „זיך פאַרשטיין” איז דער טייטש: „פאַרשטיין נאָר זיך אַליין”? אַבי זיי זיינען ביידע צופרידן מיט דעם עסק.

„אי אפשר לו לעולם בלי בוסם ובלי בורסקי!” די וועלט קאָן, משמעות, ניט זיין אָן דעם קינסטלער און אָן דעם הדיוט. פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי ווייַ־געשריען אויף דעם הדיוט? זאָל יעדער נעמען פון דעם טראָפּן וועלט־געהיימניש וואָס ער קאָן...

אַזוי אומגעפער האָב איך דעמאָלט אין איילעניש אָפּגעפאַרטיקט פאַר מיר דעם ענין פון הדיוט און קינסטלער.

עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז דעם זעלביקן זומער האָב איך געהאַט נאָך אַן אַנדער איבערלעבונג אויף דער זעלביקער טעמע: „כומר און וואַסער־טרעגער”, אָבער אַביסל אויף אַן אַנדער אָרט.

מיט אַ יונגן שווייצאַרישן געלערנטן האָב איך אַרומגעוואַנדלט אין די בערנער אַלפּן, אַרום דער טהערנער־זעע. ווי ס'איז אַלע מאָל דער שטייגער מיט מיר און ווי — איך רעכן — ס'איז דער שטייגער מיט יעדן הדיוט, בין איך תיכף, ווי איך האָב מיך נאָר אַביסל איינגעלעבט אין דער באַרג־וועלט, אַריין אין אינטימערע מענטשלעכע באַציאונגען צו אים, די בלימ־ליס־אַלפּ איז געוואָרן אַ „טעמפּל”; די צוויי גלעטשערס אויף דעם שרעק־האָרן — צוויי „טייבעלעך”; דער אייגער, די יונג־פרוי און דער מאָנאָך — דריי געוואַלטיקע וועלט־הערשער, — דער טריאומוויראַט פון דער בערנער אַלפּן־וועלט.

מיר, הדיוטים, קאָנען נאָר דעמאָלט פּאָעטיש באַנעמען די נאַטור, ווען

זי פֿאַרמענטשלט זיך ביי אונדז, װען זי װערט אַרומגעװעבט ביי אונדז מיט אונדזערע אייגענע מענטשלעכע געפֿילן, שטימונגען און געדאַנקען, — קורץ, מיט אונדזערע אייגענע צוטראַכטונגען.

איך װייס ניט אין װאָס פֿאַר אַ שטימונג, — אַ פֿאָעטישער אָדער פּראָזאַאישער, — עס האָט זיך געפֿונען מיין מיטגייער. אָבער לוסטיק זיינען מיר געװען, צעלאָזן זיינען מיר געװען, װי קינדער, נאָר־װאָס פֿון חדר אַנטלאָפֿענע. און װיצן און װערטלעך האָבן מיר געקנאַקט װי אַ רוס „פּאָדסאָלנישקעס״.

דער געשפּרעך האָט ביסלעכװייז אָנגענומען אַן ערנסטערע װענדונג. מיין באַקאַנטער איז געװען אַ גוטער באָטאַניקער, שטאַרק באַהאַװנט אין דער אַלפּן־פֿלאָרע, און כמעט אַ ספּעציאַליסט אין דער געאָלאָגיע פֿון שװייצאַריע.

אַריין אין די װילדערע געגנטן, װאָס װערן זעלטענער באַזוכט פֿון טוריסטן, האָט זיך זיין עקסקורסיע־חשק אויפֿגעװעקט. זיין געװאויגט אויג פֿלעגט אַלע װיילע באַמערקן עפּעס אינטערעסאַנטס, — אַ בלימל, אַ גרעזל, אַ שטיינדל; דאָס פֿלעגט ער פֿלינק אויפֿקלייבן, באַװייזן מיר, דערקלערן מיט װאָס זיי זיינען אינטערעסאַנט פֿאַר דער װיסנשאַפֿט, און די זעלטענערע זאַכן פֿלעגט ער באַהאַלטן אין זיין בלעכערנעם עקסקורסיע־קעסטעלע, װאָס איז ביי אים אויף אַ גרינעם באַנד געהאַנגען אויף אַן אַקסל, און װעלכן ער פֿלעגט קיינמאָל ניט גיין אין די בערג.

מיר פֿלעגן זיך אויך אָפּשטעלן ביי דעם אָדער יענעם באַרג־ריס, און דעמאָלט פֿלעגט ער מיר דערציילן װעגן די איינצלנע ערד־ און שטיין־שיכטן, װאָס האָבן זיך געזען אין אים און פֿון װעלכע ער האָט געלייענט די געשיכטע פֿון דעם באַרג, װי פֿון אַ בוך.

מיין נייגיר איז געװען אָנגעברענט און איך האָב געפּומפּט און גע־פּומפּט פֿון אים איין אויסקונפֿט נאָך דער אַנדערער. ביסלעכװייז איז אין דעם געשפּרעך אָנגעמערקט געװאָרן די גאַנצע געאָלאָגישע און באָטאַנישע געשיכטע פֿון דעם בערנער אָבערלאַנד, — װי אַזוי די בערג זיינען אויס־געװאַקסן, װעלכע קאַטאַסטראָפֿעס זיי האָבן דורכגעמאַכט, װאָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דעם אייז־פּעריאָד, װאָס עס מאַכן איצטער די שיריים פֿון יענעם אייז, — די גלעטשערס, — און װאָס װערט ביסלעכװייז פֿון די פּרעכטיקע אָזערעס, — די שיריים פֿון יענעם צעגאַנגענעם פּאַרצייטיקן אייז, װאָס האָט באַדעקט דעם גאַנצן שטח. מיר האָבן ביידע באַװאונדערט אויך דעם נשתוממדיקן נאַטור־שכל פֿון דער פֿלאַנץ, אין איר קאַמף פֿאַרן

זייך, — אַ נאַטור־שׂכל, אין וועמעס עקזיסטענץ ער האָט אַ ברעקל ניט געצווייפלט.

דאָס אַלץ האָט באַשעפטיקט מיין געדאַנק; אין דער זעלביקער צייט האָב איך ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג און פון האַרצן ניט דעם הויכן בלויען הימל איבערן קאָפּ, ניט דעם „טעמפּל" און די „טייבעלעך", ניט דעם גרינעם וואַסער פון דעם טהערנער־זעע, ניט דעם גרינעם סאַמעט פון דער וויטער אַלפּ, ניט דעם גרויסן מרחב לופט, וואָס צווישן באַרג און באַרג, ניט דעם ים זונען־שיין, אין וועלכן דאָס אַלץ האָט זיך געבאָדן.

איך האָב דאָ ווידער געשפּירט, אַז צווישן אונדזער ביידנס באַנעמען די נאַטור איז דאָ אַ תהום: דער תהום פון דעם הדיוט און דעם „כומר", — וואָס איז דאָס מאָל ניט קיין קינסטלער, נאָר אַ וויסנשאַפטסמאַן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער זעט אין דער נאַטור עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב ביז אַהער קיינמאָל ניט געקאָנט זען; אַז פאַר אים שטייען די לוקסוריעזע קאַשטאַנען־ביימער פון דעם טאָל אין אַ גאַנץ אַנדער שייכות צו די דעריקע טענענבוימלעך אין דער הויך, איידער איך וואָלט ווען עס איז געקאָנט אַ טראַכט טאָן.

אַ גאַנץ אַנדער נייע וועלט האָט ביסלעכווייז אויפגעבליט פאַר מיינע אויגן. אָבער — מערקווירדיק! — די נייע וועלט האָט ניט געווירקט אויף מיר, ווי עפּעס קאַלטס און פרעמדס, הגם זי איז געווען אַזוי וויט פון מיין נאַאיווער, ריין־עסטעטישער נאַטור־באַטראַכטונג. אדרבה, זי האָט נאָך פאַרשטאַרקט און באַרייכערט מיין נאַטור־געניוס.

באַרג און טאָל, וואַסער און וואַלד, פעלז און גראָז זיינען געוואָרן נאָך מענטשלעך־נעענטער צו מיר. עס איז אַקוראַט, ווי ער וואָלט אונדז ביידן, מיך און די נאַטור, — פאַרמעל „פאַרגעשטעלט" איינעם פאַרן אַנדערן, דער־ציילט מיר איר קורצע ביאָגראַפיע, כדי מיר זאָלן ביידע קאָנען שליסן אַן אינטימערע באַקאַנטשאַפט.

און — ווידער מערקווירדיק! — איך האָב גענומען קוקן אויף איר מיט אַנדערע אויגן. אויך מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער, און די נאַטור איז פאַר מיר געוואָרן אַ סך פאַרבן־ און פאָרם־רייכער, איידער פריער.

מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער, ווייל דער עיקר פון דעם זען איז דאָס דענקען. ווען איך „זע" פון מיין פענצטער אַ שטיק גרין־גרויען שטח צווישן די הייזער, הייסט עס נאָך ניט, איך זע עס. דער גרין־גרויער שטח איז ניט מער ווי אַ פאַרבן־איינדרוק. זען האָב איך געזען אין אים אַ שטיק גרוי־גרינעם ים, און ווען מיין פאַרוואונדערט אויג האָט זיך געפרעגט: ווי קומט פון דער זייט דער ים? פּאַט זיך פאַרריכט מיין אייגענער טעות.

און האָט דערזען אין דעם גרוי־גרינעם שטח — אַ שטיק באַפּאַרבטע הילצערנע וואַנט. „ים“, „באַפּאַרבטע הילצערנע וואַנט“ זיינען ניטאָ אין דעם גרוי־גרינעם שטח, — ווי אַ ריינער פאַרבן־איינדרוק. זיי זיינען צו־טראַכטונגען, אָבער זען זעט מען נאָר זיי, די צוטראַכטונגען.

אין דערינען, אגב, ליגט דער גרונט־פעלער פון דער מאָדערנער קונסט, — אָנגעהויבן פון די „אימפּרעסיאָניסטן“ (איינדרוקס־מענטשן!) און געענדיקט מיט אונדזערע „אינזיכיסטן“. זיי ווילן באַנעמען און קינסט־לעריש אַרויסברענגען די „זאַך ווי זי איז“, ד. ה., ווי זי איז געגעבן אין איינעמס ריינעם איינדרוק, אַרויסוואַרפנדיק יעדע צוטראַכטונג. זיי לאָזן דערביי אַרויס פון אויג, אַז האָבן אַן איינדרוק פון אַ זאַך אין די חושים, הייסט ניט באַנעמען אַ זאַך מיט די חושים; אַז באַנעמען אַ זאַך מיט די חושים הייסט דענקען אַ זאַך און דיקטירן דעם חוש, ער זאָל זי באַנעמען לויט דעם געדאַנק. ווייל יעדע זאַך איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דאָס, וואָס איינער איז געצוואונגען צו דענקען וועגן איר, לויט זיין אַלגעמיין־מענטשלעכער אָדער לויט זיין אינדיווידועלער טבע.

געבן אַנשטאָט דער זאַך דעם ריינעם איינדרוק פון דער זאַך, אַן דער נויטיקער צוטראַכטונג, הייסט געבן אַנשטאָט אַ הויז אַ צעוואָרפענעם באַרג ציגל, פון וועלכע דאָס הויז וועט געבויט; אָדער נאָך ערגער: בערגלעך טרוקענער ליים, פון וועלכן די ציגל דאַרפן ווערן געמאַכט.

מיין אויג איז געוואָרן זעעוודיקער; די נאַטור־שיינקייט נאָך שענער און רייכער, ווייל עס האָט זיך אָפּגעעפנט אַ קוואַל פון נייע צוטראַכטונגען, וואָס האָבן דיקטירט דעם חוש־הראיה אַ נייע אַרט באַנעמונג.

און גראָד אין יענעם שפּאַציר־גאַנג מיט אַ וויסנשאַפטלעכן ספּעציאַ־ליסט איז מיר אַרויף אויפן זין אַזאַ געדאַנק:

וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט מיך דעמאָלט ניט צעברוגזט אויף דעם קינסטלער אין בערלין? ווען איך וואָלט מיך געלאָזט, — אָדער נאָך געבעטן אים, — ער זאָל מיך אַריינפירן אין יענער וועלט פון ריין־קינסט־לערישע באַטראַכטונגען, אין וועלכע ער לעבט? וואָלט ניט דער קונסט־גענוס ביי מיר באַרייכערט געוואָרן, ווי עס איז באַרייכערט געוואָרן מיין נאַטור־גענוס?

מיין נאַטור־גענוס איז באַרייכערט געוואָרן דורך דעם, וואָס איך האָב גענומען זען אין איר, ד. ה., דענקען וועגן איר ניט נאָר דאָס, וואָס זי איז, נאָר אויך דאָס: ווי זי איז געוואָרן. מוז אויך ניט מיין אַנבליק פון אַ קונסט־פּראָדוקט באַרייכערט ווערן דורך דעם, וואָס איך וועל אויך מוזן דענקען דערביי וועגן דעם פּראָצעס פון זיין ווערן? אָבער — וואָס איז דער פּראָצעס

פון זיין ווערן, אויב ניט דער באַשאַפונגס־פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פון דעם קינסטלער? פאַר וואָס זאָלן מיר אָט די פּראָצעסן, מיט די פראַגן פון „פאַרבן־קאַמף״, גרופּירונג פון געשטאַלטן, אויסוואַל פון קלאַנגען און וואָס די אַלע פּראָבלעמען פון דער קינסטלערישער טעכניק זאָלן ניט באַשטיין, — פאַרוואָס זאָלן אָט די אַלע פּראָצעסן זיין מער פרעמד פאַר מיר, איידער די פּראָצעסן פון מעכאַנישער באַוועגונג און שווער־קראַפט, פון כעמישער אַפיניטעט, פון עדאָסמאָס און עקסאָסמאָס, פון נאַטיר־לעכן און סעקסועלן אָפּקלייב, — דורך וועלכן עס איז (אין מיר) באַשאַפן געוואָרן די נאַטור?

איז פאַרשטיין אַ קונסט־פּראָדוקט ניט די זעלביקע זאַך וואָס פאַרשטיין אַ נאַטור־פּראָדוקט, ד. ה., איינזען אַלע עלעמענטן און פּראָצעסן, דורך וועלכע זיי ווערן באַשאַפן?

בעת איך בין געשטאַנען מיט מיינע צוויי בערלינער באַקאַנטע ביי דעם ברעג אָזערע און האָב איינגעזאַפּט אין זיך די נאַטור־שטימונג, וועלכע איז אין מיר גופא באַשאַפן געוואָרן, וואָלט דען מיין גענוס דערביי ניט געווען רייכער, ווען איך וואָלט אויך געוואוסט, וואָס און ווי אַ קינסטלער דאַרף טאָן, כדי אַרויפצוכאַפּן אָט דעם טראָפּן וועלט־געהיימניש אויפן לייוונט? וואָלט דען דער גלגול, אין וועלכן אָט דער טראָפּן וועלט־געהיימניש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מיין נשמה, ניט געווען פון אַ העכערער אַרט, איידער פריער?

געוויס: ווען דער וויסנשאַפטסמאַן זאָל פאָדערן פון מיר איך זאָל מיך אָפּזאָגן פון מיין „פּאָעטישער״ נאַטור־באַטראַכטונג, איך זאָל אויפהערן צו זען דאָס, וואָס איך זע אין איר, און אָנהויבן קוקן אויף איר נאָר מיט די אויגן פון אַ געלערנטן באָטאַניקער און געאָלאָג, וועל איך אים הערן ווי די קאַץ.

און ווען דער קינסטלער זאָל שטעלן צו מיר די זעלביקע פאָדערונג, איך זאָל מיין געמישט־מענטשלעכן אינטערעס אין דער קונסט פאַרבייטן אויף זיין ריין־קינסטלערישן אינטערעס, וועל איך אים אויך הערן ווי דריי מאָל גאָרנישט.

מיינס — איז מיינס! און דאָס לאָז איך מיך ניט אַוועקנעמען פון מיר! ווייל איך, הדיוט, האָב סוף־כל־סוף אָט די אַלע כומרים, — די קינסטלער מיט די געלערנטע, — ניין איילן אין דער אדמה!

אָבער איך דאַרף דאָך אויך גאָר נישט אַוועקגעבן. איך דאַרף דאָך גאָר עפּעס נייעס נעמען!

איז ניט דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער און דער גאַנצער קינסט־

לערישער שאַפן פון דער מענטשהייט נאָר איין זאַך: די פאַרשיידענע „גלגולים״, אין וועלכע די טראַפנס וועלט־געהיימניש ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשלעכן גייסט?

איז ניט די גאַנצע קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט, — די איינציקע „רעאַליטעט״, וואָס איך אָנערקען פילאָסאָפיש, — די געשיכטע פון יענע גלגולים, די געשיכטע פון זייערע פאַרוואַנדלונגען, די געשיכטע פון זייער צונויפגוס אין איין־איינציקן „וועלט־גלגול״ — די פילאָסאָפישע און רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג — וואָס מאַכט פון זיין זייט דורך זיינע מיסטעריעזע פאַרוואַנדלונגען און אומוואַנדלונגען?

איז ניט דאָס קינסטלערישע שאַפן אַ נויטווענדיקער צווייג אין אָט־דער קולטור?

און איך האָב באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך נעמען שטודירן קונסטן, ווי דער סדר איז.

אָבער מיט אונדז, הדיוטים, איז אַלע מאָל אַזוי: מיר האָבן אַ סך אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ און, ווי אונדז דוכט זיך, בילכערע. איז מיין באַשלוס ניט דורכגעפירט געוואָרן עד היום הזה. אָבער דער אינטערעס צו קונסט, צו איר באַדייטונג פאַר דעם מענטשן, ד. ה. אויך פאַר מיר, — און צו איר ראָלע אין דער קולטור, איז ביי מיר וואַך געוואָרן און געבליבן וואַך.

אַ שפּעטער קליינער עפּיזאָד מיט אַן עסטעטישער איבערלעבונג אין דרעזדען האָט געגעבן אַ ווייטערן שטויס מיינע געדאַנקען וועגן דעם זעלביקן ענין. אָט דער שטויס האָט מיך אַרויסגעפירט אויף אַ וועג, וואָס איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, דער ריכטיקער אין דער באַטראַכטונג און אָפּשאַצונג פון קונסט־פּראָדוקטן, ווי אויך אין דער פאַרענטפערונג פון דעם קינסטלער־הדיוט־פּראָבלעם.

וועגן יענער איבערלעבונג און די רעזולטאַטן, צו וועלכע זי האָט מיך געפירט — אין דעם נאָענטן אַרטיקל.

פון רעד.: דער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט״ אין די נ״נ אָקטאָבער און נאָוועמבער 1920. אינעם דעצעמבער־נומער האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם ערשט־פאַרשטאָרבענעם ש. אַנ־סקי און צוגעגעבן אַ נאָטיץ: „איך בעט מיינע לעזער ניט נעמען פאַר אומגוט דעם איבעררייס פון מיינע אַרטיקלען וועגן קערן צו אים.״ קיין ווייטערדיקער אַרטיקל פון דער סעריע איז, ווייזט אויס, נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

י. ל. פרץ דער קינסטלער

יעדעס מאָל, ווען אונדזער איינעם פון די „פאַרליבטע אין דעם זשאַרגאָן" פלעגט אויסקומען צו אַמפּערן זיך מיט די קעגנער פון דער יידישער ליטעראַטור, פלעגט פרץ זיין איינער פון די בעסטע וואָפן אין אונדזערע הענט.

„וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ יידישער ליטעראַטור אויף דעם נייעם אייראָפּייאישן שטייגער? אָט האָט איר זי אַ פּאַרטיקע: לייענט פרצן!"

דאָס איז נאָך געווען אין די ציטן, ווען דאָס ליטעראַרישע יונגוואַרג,— ווי ש. אַש, ה. ד. נאָמבערג, ל. שאַפּיראָ, — האָט זיך נאָך ניט באַוויזן, ווען ד. פּינסקי האָט נאָך געהאַלטן אין אויספּרואוון זיין קול. פרץ איז געווען אייגנטלעך דער איינציקער „קאָזיר" אין דער האַנט, דערפאַר אָבער אַ„טויז קאָזיר", וואָס דער קעגנער האָט געמוזט „נעמען", ווייל ער האָט זי ניט געקאָנט „שלאָגן".

פונדעסטוועגן פלעגן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס פלעגן וועלן שלאָגן אויך די טויז.

— נו... יאָ... פרץ! גאָר נישקשהדיק... אָבער פּרואווט אים אָקאָרשט פאַרגלייכן מיט אַ שטיקעלע בייראָן, אַ געטע, אַ שעקספּיר, אַ דאַנטע, אפילו אַ הייגריך היינע! וויפיל פעלט אים נאָך צו זייערע קנעכל?

און איך האָב מערערע מאָל פאַרגליכן פרצן מיט די העכסטע פון די גרויסע, און — אָסור אויב ער איז דערביי ווען עס איז געפאַלן אין מיינע אויגן...

איך וויל, מען זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין. ווי שטאַרק איך האָב ניט ליב פרצן, קאָן דאָך די ליבע ניט פאַרבלענדן די אויגן אַזוי, אַז איך זאָל ניט איינזען דעם מהלך צווישן אים און די אויבן־דערמאָנטע ריזן. אָבער באַשטייען דען אַלע אַנדערע אייראָפּייאישע ליטעראַטורן פון לויטער בייראָנס, געטעס, שעקספּירס, „אַפילו" פון הייגריך היינעס? און וואו זיינען די טורגעניעווס, זאָלאַס, מאָפּאַסאַנס, טשעכאָווס און די צענדליקער אַנדערע אָנגענומענע און באַרימטע קינסטלער, וואָס זייערע נעמען זיינען שוין אויף אייביק פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור? שטעלט מען אָבער אַוועק פרצן צווישן זיי, האָט ער זיך געוויס

ניט מיט וואָס צו שעמען. אַביסל גרעסער, אַביסל קלענער, ער געהערט צו זייער פאַמיליע און מוז געמאָסטן ווערן מיט זייער מאָס.

איך ווייס, אַז אַפילו אין דעם פּונקט וועלן ניט אַלע מיט מיר מסכים זיין. צו־הויך קלינגען אַפילו אָט די נעמען, און צו־נידעריק איז אונדזער ניי־יידישע ליטעראַטור אין די אויגן פון אַ סך געבילדעטע יידן, זיי זאָלן צוגעבן, אַז אַפילו איר גרעסטער העלד זאָל שוין זיין אַריבערגעוואַקסן דעם הויכן צוים, מיט וועלכן די „גדולים" פון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען אָפּגעצאַמט פון דעם קליין־געוויקס, וואָס פּרוכפּערט זיך און מערט זיך ביי יעדן פאָלק. און איך ווייס אויך גאַנץ גוט, אַז אַפילו מיין היינטיקער אַרטיקל, אין וועלכן איך וועל פּרואוון אויסמעסטן פּרצעס גרויס, וועט ניט אויף אַלעמען האָבן די ווירקונג, אויף וועלכער איך האָף. אָט, ווען פּרץ וואָלט געווען איבערגעזעצט אין אייניקע פון די אייראָפּייאישע לשונות און אַז ער וואָלט געהאַט די זכיה קריטיקירט צו ווערן פון אַ געאָרג בראַנדעס, דעמאָלט וואָלט ער שוין געכאַפּט אַ פּאָר בראַוואָס אַפילו פון דעם גאַנץ־פיין־געבילדעטן פּובליקום. לעת־עתה מוז מען, באין ברירה, לאָזן דאָס גאַנץ־פיין־געבילדעטע פּובליקום אָן אַ זייט און זיך ווענדן צו די פּשוט־געבילדעטע און האַלב־געבילדעטע און זען, אַז זיי זאָלן באַקומען אַ ריכטיקן בליק אויף דער ווערטקייט פון פּרצן פאַר דער קונסט בכלל און פאַר דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

דאָס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט! די שווערקייט ליגט ניט נאָר אין דעם, וואָס מיינע אייגענע כוחות זיינען צו־שוואַך דערצו. פּרץ האָט געוויס פאַרדינט, אַז פאַר אַזאַ אַרבעט זאָל זיך נעמען אַ קריטיקער מיט דעם טאַלאַנט פון אַ איפּאָליט טען, געאָרג בראַנדעס, ביעלינסקי, און איך בין, נעבעך, גאַנץ ווייט פון זיי. די שווערקייט ליגט אין פּרצן גופא, אין זיין אָריגינעלן און פלינקן שטייגער צו מאָלן, אין זיין צו־לעבעדיקער פאַנטאַזיע, אין דעם ענין גופא, וועלכן ער באַשרייבט. איר לייענט דורך אַ מעשהלע, פיר־פינף בלעטלעך, אָפּטמאָל נאָך ווייניקער, און איר זעט זיך נישט אַרום, ווי פאַר אייערע אויגן זיינען אויסגעוואַקסן פינף־זעקס לעבעדיקע פאַרשוינען, בוילעטע געשטאַלטן, מיט זייערע צעבראָכענע אָדער צעקראָכענע הערצער, און דערצו נאָך אַ פּאָר דראַמעס אָדער טראַגי־קאָמעדיעס (זעלטן איינס), פון וועלכע זיי זיינען די העלדן. און בשעת איר לייענט און נאָך דעם לייענען — איז אייער כח הדמיון און אייערע געדאַנקען פאַרנומען מיט דעם, וואָס איר זעט, האָרכט און פילט, אַז איר פאַרגעסט גאָר אָן דעם מחבר און איר ווייסט אַליין ניט, מיט וואָסער כישוף ער האָט אַרויסגעצויבערט זיינע פאַרשוינען.

די לעבעדיקייט פון פרצעס פֿאַנטאַזיע איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו ווען ער פירט אַרויס ניט מענטשן, נאָר חיות, סיי אמתע, פון לעבן גענומענע, סיי גאָר אויסגעקלערטע, שטראַלט פון זיי אַזוי פיל מענטשלעכעס לעבן, און די שטראַלן זיינען אַזוי בלענדנדיק, אַז מ׳הויבט גאָר ניט אָן צו טראַכטן, אפשר זיינען דאָס ניסט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע שפּילערייען פון אַ צעלאָזן־געוואָרענעם טאַלאַנט. איר פילט די גאַנצע צייט, אַקוראַט ווי פאַר אייך וואָלט פאַרגעקומען דאָס אמתע, אייער אייגנס, אָדער אייער אַרומיק לעבן, און אַז דערביי ווערט גערעדט פון זאַכן, וואָס זיינען נוגע אייך, ווי מען זאָגט, „אין דער לעבער אַריין“. אָט האָט איר, צום ביישפּיל, אַ קליינע באַשרייבונג פון גאָר אַ משונהדיקער, ריין־אויסגעקלערטער בריאה, וועלכע פרץ האָט אַ נאָמען געגעבן „דער כל־בו“:

„אַ וואונדערלעך חיהלע איז דער כל־בוניק געווען! — אָן ביינער, פון סאַמע ווייך פליש, און דאָס קעפּל האָט זיך לויז געדרייט אויפן האַלדז, ווי אויף אַ גוט־געשמירט שרייפל! ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און מיטן קעפּל געדרייט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איר ווילט נאָר אַליין! און ווייל ער האָט יעדן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט ער מיט אַלעמען בשלום געלעבט און פון קיינעם און מיט קיינעם גלייך — ניט געליטן! עס שלאָגן זיך צוויי העגער; איינער שרייט: קוקע־ריקו! דער צווייטער וויל דווקא: קיקעריקי! דער כל־בו מישט זיך ניט אַריין. נאָר, אַז דער הויף איז שוין באַדעקט מיט פעדערן, און די העגער צעפּלעצן זיך אָן כח, גייט ער צו און זאָגט: איר האָט ביידע רעכט: דער ,באור׳ זאָגט: ,קיקעריקי!׳ און די שבעים זקנים: ,קוקעריקו!׳ און ביידע העגער בלייבן זיך שונאים און אים גוטע פריינט! עס איז קיין שטילער הויף ניט געווען... דער הונט האָט געביסן דעם חזיר ביים אויער, די קאַץ האָט געשפּיגן אויפן הונט, און אַן אָדלער מיט אַן אונטער־געשאָסענעם פליגל איז אַרומגעגאַנגען און אַלע געוואָרפן אין זיבעטן שווייס אַריין; נאָר דער כל־בוניק האָט זיך מיט אַלע געחברט: ער האָט זיך גע־האַלטן אַמאָל ביים רעכטן, אַמאָל ביים לינקן אויער, און דער חזיר האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ געביסענער! דעם הונט האָט ער איינגערוימט: ,בררר . . . סאַמע גנבים, איין ערלעכער מאַן ביסט דו!׳ דערנאָך איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן צוים און געוואַשן זיך מיט דער קאַץ צוזאַמען פאַרן רעגן... פּלוצלונג גאָר האָט ער דעם אָדלער דערזען! ער ציט אויף זיך אָן אַ בענקשאַפט, אין אויג ווייזט זיך אַ טרער: ניט גוט, ברודער, דעם אונטערגעשאָסענעם! ער זיפצט, און דער אָדלער מיינט, אַז ער בענקט אויך נאָך די הויכע וואָלקן, און גייט אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,

נאָר מיט אַ ווייך האַרץ . . . ,אויך אַן אומגליקלעכער ! . . . ׳ און אַז קיינער ניט, שפּרינגט ער גאָר אַריין אין שטאַל צום קליינעם אייזעלע און רוימט אים איין : ,ווייסט, קאַנט הויבט מיר אויך ניט אָן צו געפעלן ! ׳ ״

וויפיל קלאָרע, פון לעבן אַרויסגעריסענע געשטאַלטן אין די פּאָר שורות ! גיי, זוך אויס, אין וואָס ליגט זייער קראַפט, אַז עס ווילט זיך גאָר טראַכטן וועגן דער גרויסער מחלוקה צווישן „קוקעריקו״ און „קיקעריקי״, וועגן דעם אונטערגעשאָסענעם אָדלער, וואָס בענקט נאָך די הויכע וואָלקנס, וועגן דער ראָלע פון דעם אייזל אין דער פאַרברייטונג פון קאַנטס פילאָ־סאָפיע, און וועגן דעם כל־בו גופא, וואָס איז אָט מיט אַ פערטל שעה צוריק געווען ביי מיר און גערדיקט מיר מיין האַנט...

נאָך מער ! פאַלט פּרצעס קינסטלער־אויג אויף גאָר טויטע זאַכן, — אַ הענג־לייכטער, אַ לאָמפּ, אַ האַלב־צעפוילטער קלאָץ אין מיטן מאַרק, אַ צעריסענער שוך אויף אַ הויפן מיסט, — זאַכן, וואָס האָבן דאַכט זיך לחלוטין קיין שום שייכות ניט צו דער מענטשלעכער נשמה און צו די מיליאָנען נאָדלען, וואָס שטעכן זי, — גיסט זיך אין זיי אַריין פון דעם אויג פּרצעס כישוף, און זיי הויבן אָן צו לעבן, צו מאַטערן זיך און צו מאַכן מענטשישע שטיק. די צעריסענע שיך פוילן אין מיסט, ליידן פון ניט־באַפרידיקטער גאווה, און „צוויי אָפּצאָסן פון איין פּאָר שטיוול בלאָזן זיך אַוודאי — דער רעכטער שריט, אַז ער איז דער רעכטער, און דער לינקער — אַז ווען פיס זאָלן תפילין לייגן, וואָלט ער געהאַט בלויע צייכנס פון דער רצועה״ („מיסט־חלומות״) ; דער קלאָץ דערמאָנט זיך אָן די יאָרן, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אין וואַלד און זיך געריסן צו וואַקסן העכער איבער אַלעביימער, צו דעם הימל און דער זון, און בעתן פאַלן געטרוימט, אַז ער וועט געוויס זיין אַ זעגל־בוים אויף אַ ים־שיף („קלאָץ־געשיכטע״). און דער הענג־לאָמפּ זאָגט מוסר אַ קליינעם טיש־לעמפּל, ער זאָל גערעדענקען, אַז זיין זיידע (זכרונו לברכה) איז אַ הייליקער קאַגאַניק געווען, זיין פעטער — אַ הבדלה, און חנוכה־ליכט, נשמה־ליכט און שבת־ליכט זיינען זיינע „נאָענטע קרובים״... און דער קאַגאַניק אַליין, פון וועמען מען דאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל ! „ער שווימט אַרום אויף כשרן בוימל ; ער ברענט טונקל, ציכטיק און שטיל ; פלאַקערט ניט אויף מיט טיוולאָנישער גאווה, רעדט זיך ניט איין, אַז ער וועט באַלייכטן און באַשיינען די וועלט... ניט זיין וועלט, ער דאַרף זי ניט פאַרזאָרגן ! זיין אייגן ווינקעלע איז פּאָר אים גענוג, פּאָר דאָס מאַכט ער קיין שריפות ניט אָן ! איר וועט ביי אים ניט געפינען קיין צייכן פון אַנאַרכישע אידייען !״ („לאָמפּן־מוסר״).

אומעטום, אַפילו אין דער טויטער נאַטור, זעט פּרץ אונדזער מענטשלעך

לעבן, אומעטום זעט ער די זעלביקע קרעפטן, וואָס פירן קריג אין דער הינטיקער געזעלשאַפט. „אַ שטאַרקער ווינט רייסט די דעכער מיט אַ כעס, גלייך ער וואָלט אַנטיסעמיט און זיי יידן געווען; נאָר די דעכער זיינען אייזן און ביי זיך אין דער היים. ער לאָזט זיך אַראָפּ מיט רציחה צו די לאָמטערן אין גאַס, זיי האַלטן זיך דאָך גלייך און לייכטן ווייטער, ווי העלדן־געלערנטע אין דער אינקוויזיציע־צייט! („דאָס אָרעמע ייִנגל“).

איך וואָלט קיינמאָל ניט פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אויסשרייבן, ווען איך וואָלט געוואָלט ברענגען אַלע וויכטיקע ביישפּילן, אין וועלכע מיר דערקענען פּרצעס וואונדערבאַרע „מחיה־מתים“־קראַפט, — וואָס זי איז איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון זיין קינסטלערישער נאַטור. פון די פּאָר שטיקלעך, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון זיינע ווערק כמעט נישט זוכנדיק, קאָן מען שוין אַליין זיך אָנשטויסן, ווי גלענצנד און העל זיינען פּרצעס בילדער, און ווי טיף אין דעם מענטשנס נשמה דרינגט אַריין זיין בליק דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט אמתע מענטשן און מיט אמתע פּראָבלעמען פון לעבן. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, פאַר וואָס מען פאַרגעסט אין אים איבגאַנצן בעתן לייענען און מען טראַכט אַזוי ווייניק וועגן די סימנים פון זיין טאַלאַנט.

אָבער דאָס גופא איז שוין איינער פון די סימנים פון אַן אמתן גרויסן קינסטלער. מאַכן פאַרגעסן, אַז פאַר אונדזערע אויגן איז אַ בילד, אַ פּראָ־דוקט פון דעם מחברס כוח הדמיון, אַזוי צוציען צו די שטיקער לעבן, וואָס ווערן אַנטפּלעקט און צו די טיפע שאלות, מיט וועלכע זיי זיינען פול, דעם מוח און דאָס האַרץ פון דעם לעזער, אַז ער זאָל ניט קאָנען אַרויסגיין פון דער שליטה, אין וועלכער דאָס געמאָלטע לעבן האַלט אים, — דאָס קאָנען די גאָר־גרויסע קינסטלער, און פּרץ בלייבט אין דעם פונקט ניט הינטער זיי.

עס זיינען פאַראַן נאָך סימנים, נאָך וועלכע מען קאָן דערקענען דעם אמתן קינסטלער. די הויפּט־זאַך אין דער קונסט איז, דער קינסטלער זאָל קאָנען צווינגע[ן] אונדזער פאַנטאַזיע, זי זאָל אַליין קאָנען אויפבויען און אויסמאָלן זיך דאָס בילד, וואָס ער וויל אין אונדז אַרויסרופן. מיט לאַנגע און געטרייע שילדערונגען פון אַלע פּרטים און קלייניקייטן קאָן מען נאָך ניט פאַנאַנדערהיצן דעם כח הדמיון. האָט אָבער דער מחבר אַן אמתן קינסטלערישן טאַלאַנט, קאָן ער אַרויסכאַפּן פון אַלע פּרטים און קלייניקייטן איין קליין שטריכעלע, אָבער דערפאַר אַזאַ קליין שטריכעלע, וואָס ווירקט אויף דעם כח הדמיון ווי אַן עלעקטרישער שלאָג. ער כאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף, ווערט נתפּעל פון דעם שטריך און מוז, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, אויסמאָלן זיך אַ סך נויטיקע איינצלהייטן, וועלכע דער שרייבער דערמאָנט

גאָר ניט, אָבער וואָס מוזן זיין פאַרבונדן מיט דעם קליינעם שטריכעלע, וועלכער אים האָט פאַראינטערעסירט. אָט אין דעם „קונץ״, אויב איר ווילט, ליגט דער גאַנצער סוד פון דער בעלעטריסטישער קונסט. וואָס ווייניקער די פאַנטאַזיע פון דעם פשוטן לעזער האָט געקאָנט לכתחילה דערוואַרטן צו זען דאָס קליינע שטריכעלע, וואָס נייער און אָריגינעלער עס איז פאַר איר, אַלץ שטאַרקער ווערט איר באַשאַפונגס־קראַפט און אַלץ קלאָרער שטייט פאַר אונדזערע אויגן דאָס בילד.

און כמעט אויף יעדן שריט און טריט געפינען מיר ביי פרצן אָט־אָ־די „מתנת אלהים״, נאָך וועלכער מען דערקענט אויפן שוועל דעם געבאָרענעם קינסטלער. איך וויל מער ניט ברענגען, ווי איין קליינע באַשרייבונג פון דעם שטאָלצן בריסקער רב, בעת ער איז געקומען צו זיין מסוכן־קראַנקער טאָכטער: „אַ הויכער, הויכער ייד, טאַקע ‚משכמו ומעלה׳ . . . אַן אימה האָט ער געוואָרפן ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע, לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך נאָך, ווי היינט, האָט זיך אים אַריינגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ באָרד ציטערט איבערן גאַרטל... ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן זיי פאַרשטעלט און, אַז ער האָט זיי אויפגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זיינען ממש צוריקגעפאַלן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב: ‚אַוועק, נשים!׳״ („צווישן צוויי בערג״). אָט „דער צווייטער שפּיץ באָרד, וואָס ציטערט איבערן גאַרטל״ איז דער עלעקטרישער פונק, וואָס טרייסלט אויף אונדזער פאַנטאַזיע און הייסט איר אויסאַרבעטן דאָס בילד אין אַלע אַנדערע נויטיקע פּרטים.

איך וויל מיך ניט לאַנג אויפהאַלטן אויף דער שילדערונג פון פרצעס קראַפט, מיך אינטערעסירן מער די בילדער, וועלכע ער האָט אויסגעמאָלן מיט דער קראַפט, און דער טיפערער לעבנס־זין, וואָס שטעקט אין זיי. און דערצו איז אויסשטודירן אין גרונט אַריין אַלע מיטלען, וואָס גיבן פרצן די מעגלעכקייטן אַזוי פלינק און קלאָר צו מאָלן, — אויף דערויף דאַרף מען אפשר אַן אַרבעט טאָן מיט די געצייג פון אַ געלערנטן עסטעטיקער און אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. ווייניקסטנס בין איך זיכער, אַז מיט דער צייט, ווען מיר וועלן האָבן אונדזערע אייגענע אוניווערסיטעטן, וועט אויף געוויס ניט איין יונגער סטודענט פאַרדינען זיין „דאָקטאָר דער פילאָלאָגיע״ דורך אַ דיסערטאַציע מכח „פרצעס שפּראַך און ליטעראַרישע טעכניק״. און איך וועל שטאַרק צופרידן זיין, אויב איינער פון זיי וועט דערמאָנען אויך מיין נאָמען צו גוטן צוליב אַ געדאַנק, וואָס איך וויל נאָך זאָגן וועגן דעם פונקט.

מיר דוכט, אַז אַ טייל גבורה אין פּרצעס טאַלאַנט שטאַמט אַט פון וועלכן קוואַל. בעת ער מאָלט זיינע בילדער, שטעלט ער זיך אָפּ ניט אַזוי אויף דעם, ווי זיינע פּאַרשוינען זעען אויס, אויך ניט אַזוי, וואָס זיי פילן און וואָס מיט זיי פּאַסירט. מער פאַר אַלץ אינטערעסירט אים דאָס, וואָס זיי טוען. אין ביישפּיל וועט דערקלערן, וואָס איך מיין. באַשרייבנדיק ווי דאָס שטעטל שרעקט זיך פאַר דער אָנקומענדיקער מגפה, דערציילט אונדז פּרץ: „דער האַנדל ווערט שוואַכער, די פרומקייט שטאַרקער; תבואה־סוחרים האָבן זיך מורא צו רירן פון אָרט; דער גרויסער יאָסל האָט שוין זיין פערד און בודקע פאַרקויפט, — אַ שאָד דער האָבער! די תבואה־מעקלער ציען אַלע טאָג פעסטער איין די גאַרטלען אויפן ליידיקן מאָגן און אין די שטיבער ווערט אַלע מאָל מער רחבות: מען טראָגט אַרויס יעדן פרייטיק עפּעס אַנדערש צו פאַרזעצן אויף שבת! אַ באַלמעלאָכע, טייל מאָל אפילו אַ באַלעבאָס, כאַפּט אָפּט אַן איבעריקן טרונק בראָנפן צו מאַכן זיך אַ האַרץ אויף קוראַזש... פאַר דאָס האָט דעם רופאס ווייב אויסגעטאָן דאָס שייטל און אָנגעטאָן אַ האָר־באַנד; אַ באַהאַלטענער משכיל האָט פאַר־ברענט בריש גלי אַ ,אהבת־ציון' און גענומען זיך צום תהילים זאָגן; די דינסט פון בעדער איז געקומען צום רב אַרויסנעמען אַ תשובה, באַשר... זי פלעגט אַלע פרייטיק אַריינקוקן דורך אַ שפּאַרע אין באָד אַריין צו די מענער. עפּעס אַ יונגערמאַן, מען וויל ניט פורש בשמו זיין, פאַסט שוין אַ גאַנצן חודש און קלערט נאָך אַ פּרוש צו ווערן; גאָט ווייס פאַר וואָס פאַר אַ זינד! טייל שניידער טראָגן אָפּ דעם יתור, קצבים גיבן אַ גרעסערן צולאָג. אין ירוחם חלפן האַלט זיך נאָך, נעמט ניט־ווייניקער ווי 10 פּראָ־צענט אַ חודש אויף אַ חרם־קוויטל מיט אַ משכון... דאָס איז אַ האַרץ — אַ קיזלשטיין!" („בשעת מגפה").

דאָ איז כמעט יעדעס וואָרט אַ „ווערבום", יעדע שילדערונג אַ כאַראַק־טעריסטיש „טאָן", וואָס דעקט אונדז אויף די גאַנצע לאַגע פון צענדליקער מענטשן בעסער, איידער בויגן־לאַנגע באַשרייבונגען. און דאָס איז קיין חידוש ניט! אין דעם וואָס די מענטשן טוען, ליגן זייערע צילן. און די צילן זייערע זיינען אַ רעזולטאַט פון זייערע געדאַנקען און געפילן. דעריבער ליגט אין דער גליקלעך־אויסגעקליבענער טועכץ צונויפגעפּרעסט כמעט די גאַנצע נשמה פון דעם מענטשן. געמאָלן מיט אַזעלכע פאַרבן, קומט דאָס בילד אַרויס קאָנצענטרירט און ברענענדיק, ווי די שטראַלן פון דער זון, בעת מען קאָנצענטרירט זיי אויף אַ ברען־גלאָז.

איך וויל אויסשרייבן נאָך נאָך איין קליין בילדעלע, כדי צו באַוויזן ווי שטאַרק פּרצעס טאַלאַנט איז, מיט ווי ווייניק ווערטער ער קאָן אין

אונדז אַרויסרופן אַ גאַנצן ים פון געדאַנקען, געפילן און בילדער: „ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ץ, איז דער גאַנצער מאַרק באַוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און אין מיטן איז נאָר אַ פּאָר סטעזשקעס געווען, אויסגעטרעטן פון דער חברה נושאים." פון אַזאַ איינפאַל וואָלטן זיך ניט אָפּגעזאָגט אַפילו די „גדולים שבגדולים". אַרויסרופן די פאָרשטעלונג פון דעם אָפּגע־שטאָרבענעם לעבן פון אַ גאַנץ שטעטל און פון דער שטאַרקייט פון דער מגפה דורך דאָס שטילע פאַראומערטע בילד פון מאַרק, באַוואַקסן מיט גראָז, מיט אַ פּאָר סטעזשקעס אין מיטן, אויסגעטראָטן פון די, וואָס האָבן טאָג־אויס און טאָג־איין געטראָגן די טויטע אויפן בית־עלמין, — דאָס איז איינע פון די זעלטנסטע פּערל, וועלכע מען קאָן געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אַפילו אַ שעקספּיר וואָלט זיך באמנות ניט געשעמט אַריינצושטעלן זי אין זיין קרוין...

1905

י. ל. פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדייטונג

דער קאָמיטעט פון יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָט אַראַנזשירט דעם היינטיקן טרויער־אָוונט צו ערן דעם אָנדענק פון דעם אומפאַרגעס־לעכן י. ל. פּרץ, האָט מיר צוגעטיילט דעם כבוד — אַרויפצולייגן דעם ערשטן קראַנץ אויף דעם פרישן קבר, אַרום וועלכן מיר האָבן זיך איצטער פאַרזאַמלט אין גייסט.

איך האָב געזאָלט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע געבן אייך אין קורצע שטריכן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון פּרצעס לעבן, שאַפן און טאָן, כדי זיין בילד זאָל לעבעדיקער שטיין פאַר אונדזערע אויגן, און כדי אונדז זאָל קלאָרער ווערן דער גרויסער פאַרלוסט, וואָס עס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק און אונדזער ליטעראַטור מיט זיין אַזוי־פּריצייטיקן אַוועקגיין.

איך האָב די אויפגאַבע גענומען אויף זיך, האָב אָבער ניט באַרעכנט, אַז עס איז נאָך גאָר ניט געקומען די צייט, ווען אַזאַ אַרבעט זאָל קאָנען ווערן געטאָן. דער סך־הכל פון פּרצעס לעבן, פון זיין ליטעראַרישן שאַפן און עפנטלעכן טאָן קאָן נאָך ניט אונטערגעפירט ווערן, ווייל ערשט איצטער וועלן מיר, — די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און דעם גאַנג פון דער יידישער מאָדערנער געשיכטע, — זיך נעמען ערנסטער צוקוקן צו דעם, וואָס פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזן בירושה און אָפּשאַצן, וואָס איז אין איר צייטווייליק און פאַר־שווינדלעך און וואָס אייביק און אומצעשטערבאַר; וואָס פּרץ איז געווען נאָר פאַר זיין דור, און וואָס ער איז געוואָרן פאַר זיין פאָלק און אפשר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזאַ'ן אַרבעט איז ניט פון די לייכטע. צו פילזייטיק און פאַרשיידנ־אַרטיק איז פּרצעס שאַפן, מען זאָל עס קאָנען אַרומנעמען מיט איין בליק. פּרצעס גייסט איז געווען אַ וואונדערבאַרער אָרגאַניזם מיט הונדערטער שפּיריקע נערוון, תמיד אָנגעצויגענע, תמיד וויבּרירנדיקע, יעדער נערוו מיט זיין אייגענעם טאָן. וואָס יענע הונדערטער נערוון האָבן אַרויסגעבראַכט

רעדע געהאַלטן אין אַפּריל 1915, אויף דעם הזכרה־אָוונט אין קאַרנעגי האָל, ניו־יאָרק, צו די שלשים נאָך פּרצעס טויט. זי ווערט דאָ איבערגעדרוקט, לויט דעם מאַנוסקריפּט, פון וועלכן דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געלייענט. — רעד.

פון זיך, איז אַ סימפּאַניע פון טענער, פון וועלכע עס קלינגען אונדז אַנט־קעגן: די אַלגעמיין־מענטשלעכע קאַמפּן פון זיין צייט, די ליידן, האָפע־נונגען און דער נצחון־קאַמף פון זיין יידישן פאָלק, די בענקשאַפט פון זיין דור, די פּראָבלעמען פון זיין קונסט, די אייביקע סודות־פולע שאלות פון דעם מענטשלעכן דענקען בכלל.

דאָס אַלץ פלעגן דאַרשטיק איינזאַפּן אין זיך די שפּיריקע, תמיד וויברירנדע נערוון פון פּרצעס נשמה און דאָס אַלץ האָט באַקומען ביי אים אַ באַזונדער קלאַנג־פאַרב, אַן אייגענעם פּרץ־טאָן, דורכגייענדיק דורך זיין אייגנאַרטיקן שאַפנדיקן גייסט.

פּרץ דער דענקער, דער קינסטלער, דער ייד; פּרץ דער ליריקער, דער דראַמאַטורג, דער באַשאַפער פון דער יידישער קורצער נאָוועלע; פּרץ דער ראָמאַנטיקער, דער רעאַליסט, דער סימבאָליקער; פּרץ דער רעליגיעזער מיסטיקער און דער אַפּיקורסישער פריי־גייסט; פּרץ דער שטרייטער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר געזעלשאַפטלעכער דעמאָ־קראַטיע און פּרץ — דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, דער העראָלד פון דעם העלדישן אינדיווידואום; פּרץ דער קעמפער אַנטקעגן דער גריכישער שיינקייט, און דער אַדוואָקאַט פון דעם פרייען גענוסרייכן עולם־הזה; פּרץ, דער רש״י אויפן חסידיזם; פּרץ דער סאַטיריקער און דער לץ; פּרץ דער נביא און דער פאַנען־טרעגער פון דער טראַגישער עטיק.

און וויפיל פּרצעס זיינען דאָ, וועלכע איך האָב ניט אויסגערעכנט! און וויפיל פּרצעס וואָלטן נאָך דערבליקט דעם שיין פון דער וועלט, ווען דער טויט וואָלט אים ניט אַוועקגערופן פון אונדז אַזוי פרי! און אומעטום, אין אַלע זיינע פאַרבנרייכע אויסגעשטאַלטונגען, איז ער פּרץ, פּרץ, פּרץ, — אַ שאַרף־צוגעשפּיצטע פייל, וואָס שניידט דורך די לופט מיט אַ האַסטיקן רעש און טרעפט כמעט תמיד אין ציל.

מען וועט מוזן פריער אויסשטודירן אַלע איינצל־געשטאַלטן, אין וועלכע עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז פּרצעס גייסט, איידער מיר וועלן קאָנען צונויפוועבן זיי אין איין איינציקן האַרמאָנישן בילד, איידער מיר וועלן קאָנען אין יעדן פון זיי דערקענען דעם איינהייטלעכן תוך פון זיין נשמה, וואָס האָט תמיד געשטרעבט צו גרויס און הויך, „און אפשר נאָך העכער!“.

עס קאָן דעריבער ניט זיין מיין אויפגאַבע אַפילו צו פּרואוון זיך געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם פאַרשטאָרבענעם, בפרט נאָך אַזוי קורץ נאָך זיין טויט, בפרט נאָך אין דער קליינער, קורצער צייט, וואָס מיר קאָן געגעבן ווערן פון דעם היינטיקן אָוונט.

אָנשטאָט דעם וועל איך מיר נעמען די פרייהייט — צוציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו איין־איינציקן פונקט, וואָס קאָן שוין איצטער אַרויס־געבראַכט ווערן מיט אַ געוויסן גראַד פון קלאָרקייט און זיכערקייט, — די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון פרצעס שאַפן. איך האָב דאָ אין זינען ניט די מיינונגען זיינע וועגן דעם מהות פון אונדזער פאָלק, וועגן די קרעפטן, וואָס ווירקן אויף אים, וועגן דער „בלוטיקער שיינקייט" פון זיין טראַגישן קאַמף אין גלות, וועגן דעם זין פון זיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן דעם ווערט פון זיין געשיכטע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, וועגן די אויפגאַבן, וואָס שטייען אים פאַר און די וועגן, ווי אַזוי ער זאָל זיי אויספירן.

מכוח די אַלע ענינים האָט פרץ צו פאַרשיידענע צייטן אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע געדאַנקען, אַלע מאָל אינטערעסאַנטע, וועןָ אַפילו ניט אַלע מאָל אַבסאָלוט־ריכטיקע. איך מיין דאָ מיט דער נאַציאָנאַלער באַדייטונג ניט דאָס, וואָס פרץ האָט געטראַכט וועגן דעם יידישן פאָלק, ווי אויך ניט די איינצלנע אוצרות פון דער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן זיין נאַציע, נאָר דאָס, וואָס ער איז געוואָרן פאַר איר, וואָס ער האָט פאַר איר אויפגעטאָן מיט זיין גאַנצן שאַפן, אפשר אַליין ניט וויסנדיק דעם ווערט פון זיין אויפטו. איך מיין דאָ די באַדייטונג פרצעס פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אונדזער ווייטערדיקער פרייער אַנטוויקלונג, זיין ראָל אין דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פון אונדזער פאָלק. און ווען איך רעד דאָ וועגן פרצעס באַדייטונג פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, מיין איך דאָ ניט יענעם פאָליטישן און נאַציאָנאַלן קאַמף אונדזערן אַנטקעגן די בייזע ווינטן פון דער דרויסנדיקער אונדז פיינטלעכער וועלט, וואָס פאַר־גינען אונדז ניט דאָס ביסל חיות. איך האָב דאָ אין אויג אונדזער אינע־ווייניקסטן קאַמף, אונדזער ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, אונדזער אָנ־געווייטיקטן דענקען מכוח דעם נאַציאָנאַל־יידישן האַמלעט־פּראָבלעם: זיין אָדער ניט זיין אויף דער וועלט, ווי אַ פאָלק?

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מיר האָבן שוין איצטער, אַדאַנק גאָט, אַ היפּשן יונגן דור, וואָס פאַרשטייט שוין ניט, ווי אַזוי מען קאָן גאָר אַוועקשטעלן אַזאַ שאלה. אויך פרץ האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען. ער איז לכתחילה גע־קומען צו אונדזער פאָלק מיט אַזוי פיל גלויבן אין זיינע לעבנס־קרעפטן, אַז יענער האַמלעט־פּראָבלעם האָט, — אויב איך מאַך קיין טעות ניט, — אַ ברעקל ניט אָנגערירט זיין געמיט.

אָבער דער פאַקט, וואָס פרץ איז געווען פריי פון אים און וואָס מיר האָבן איצטער אַ היפשן יונגן דור, אויף וועלכן דער נאַציאָנאַלער יאוש האָט לכתחילה ניט געהאַט קיין שליטה, איז נאָך ניט קיין באַוויז, אַז דער

„זיין אָדער ניט־זיין"־פּראָבלעם איז ניט געשטאַנען אין דעם פאָדערגרונט פון דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק, אָדער אַז ער איז שוין איצטער אין גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם יידישן גייסטיקן האָריזאָנט.

די נאַציאָנאַלע תמימות פון פּרצעס נשמה, איר ריינקייט פון יעדער האַמלעט־שטימונג בנוגע צו אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, איז געווען אַ זעלטענע אויסנאַם אין יענער צייט, און דער היפּשער יונגער דור, וואָס פאַרשטייט איצטער ניט, ווי אַזוי מען קאָן גאָר אַרויפלאָזן אויפן זין אַ ברעקל ספק אין די יידישע לעבנס־קרעפטן, ווי אַזוי מען קאָן זיך אַפילו אויף אַ מאָמענט אַרומטראָגן — לאָז זיין מיט אַ שאָטן פון אַ זעלבסטמערדער־רישן געדאַנק, — אַט דער לעבנס־לוסטיקער, לעבנס־זיכערער יידישער יונגער דור מוז אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַריינגעטראָטן אין לעבן שוין אין אַ צייט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט יענער נאַציאָנאַל־באַלעבנדיקער ווירקונג, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון פּרצעס טעטיקייט און פון דער טעטיקייט פון זיינע חברים.

עס איז געווען אַ שווערע צייט, אַ טראַגישע צייט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין רוסלאַנד, ווען פּרץ איז אַרויסגעטראָטן אויף זיין וועג ווי אַ יידישער ליטעראַט. די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן זיינען נאָר־וואָס איינגעשטילט געוואָרן, אָבער דער אויפרודער אין דער יידישער נשמה, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעבראַכט, האָט ערשט גענומען פאַנאַנדערברענען זיך אַלץ ווייטער, וואָס מער. און די אַלע פאַרפּלאָנטערטע יידישע פראַגן האָבן זיך צונויפגעקנוילט אין איין־איינציקן פינצטערן פּראָבלעם, וואָס האָט פאַרשטעלט יעדן קלאָרן אויסבליק אין דער צוקונפט: זיין אָדער ניט זיין? ווייטער שפּינען דעם זעלבסטשטענדיקן פאָדעם פון דעם יידישן געשיכטלעכן לעבן, אָדער לאָזן אים, ער זאָל זיך ביסלעכווייז אַריינוועבן אין דעם געוועב פון דער פרעמדער געשיכטע און זיך אָן אַ שום רעשט פאַרלירן אין איר?

איך וויל, איר זאָלט מיך דאָ ריכטיק פאַרשטיין.

די גרויסע פראַגע וועגן דעם נאַציאָנאַלן קיום און דער אַסימילאַציע האָט עקזיסטירט נאָך אַ סך פריער איידער די פּאָגראָמען. אָבער זי האָט עקזיסטירט ניט אין דער פאָרם פון אַ האַמלעט־פּראָבלעם. דאָס איז געווען אַ פראַגע מיט צוויי גאַנץ־באַשטימטע ענטפערס, וואָס האָבן געקעמפט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. דער אַלטער דור, דער נאַציאָנאַל־דערצויגענער, דער פרומער און אַפילו אַ גרויסער טייל פון דעם משכילישן, האָבן זיך ניט געבראָכן דעם קאָפּ אויף דער שאלה: זיין אָדער ניט זיין? זיי האָבן אויף איר פון אָנהייב אָן געהאַט דעם קלאָרן, קרעפטיקן ענטפער: זיין!

און דער פּראָגרעסיווער דור, וואָס איז מיט אַלע זיינע נערוון געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם לאַנד, איז אויך ניט געווען אָנגעקרענקט פון דער סקעפּטישער און פּעסי־מיסטישער חלאת. אַקוראַט אַזוי שטאָלץ, אַקוראַט אַזוי שאַרף, אַקוראַט אַזוי קלאָר און קרעפּטיק ווי דער עלטערער דור, האָט ער אַרויסגעשריען זיין ענטפער: ניט זיין!

ערשט די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגעריסן דעם זיכערן באָדן פון אונטער די פיס. זיי האָבן צעטומלט די מוחות סיי פון די נאַציאָנאַליסטן, סיי פון די אַסימילאַטאָרן.

דאָס איז געווען די צייט, ווען דער ערץ־אַסימילאַטאָר און רוסיפיקאַטאָר ל. לעוואַנדא האָט פּלוצלינג דערשפּירט, ווי אונטער זיינע פיס האָט זיך אויפגעעפנט אַן אָפּגרונט, וואָס האָט איינגאַנצן איינגעשלונגען זיין אידעאַל, ביי וועלכן ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן; ווען שמעון פרוג האָט געשריבן זיין פעליעטאָן „דאָמאָי!“ (צוריק אַהיים!), און אַ באַוואוסטער פּאָליטישער עמיגראַנט האָט פון בערלין אויס אונטער דער פּסעוודאָנים גרשון באַדאַנעס געשריבן אין „וואָסכאָד“ זיינע „זאַפּיסקי אָטשעפּענצאַ“ (נאָטיצן פון אַן אָפּגעשפּאָלטענעם), וואו ער האָט גענומען אין דעם נאָמען פון דער יידישער אינטעליגענץ זיך ווידער אויסבייטן מיט די מתנות, וואָס זי און די רוסישע אינטעליגענץ האָבן פריער איינע דער אַנדערער געשיקט. „נאַט אייך אייער נעקראַסאָוו און גיט אונדז אַוועק אונדזער היינע! נאַט אייך אייער טשערנישעווסקי און גיט אונדז אַוועק אונדזער קאַרל מאַרקס!“

און דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען אין דער לופט פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין האָבן נאָך געקלונגען די טרויעריקע טענער פון י. ל. גאָרדאָן: „למי אני עמל?“ יענעם י. ל. גאָרדאָן, וואָס האָט אינ־איינעם מיט אַ סך פון זיין דור געהאָפט דורך דער העברייאישער ליטע־ראַטור באַשאַפן אַ נייע פעסטונג פאַר אַ פּראָגרעסיוון קיום־הלאום.

„זיין?“ — האָבן געטראַכט די טרייע קינדער פון פאָלק. „אָבער ווי אַזוי? וואו נעמט מען כוחות אַריבערטראָגן אַזאַ עקזיסטענץ? איז אפשר טאַקע גלייכער מאַכן אַ סוף צו אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, צו אונדזער אייביקן זיך מאַטערן?“

„ניט זיין?“ — האָבן געטראַכט די אַסימילאַטאָרן. „אָבער ווי אַזוי? וואָס טוט מען, אַז די ערד נעמט אונדז ניט? אַז זי שפּייט אונדז אַרויס צוריק?“

די צוויי ענטפערס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי פראַגן. און פון זיי איז דעמאָלט אויסגעוואַקסן דער האַמלעט־פּראָבלעם. און בעת די צוויי

ריכטונגען, — די נאַציאָנאַלע און די אַסימילאַטאָרישע, — האָבן ביידע געקניפּט זיך די באַקן און געשטעלט די פאַרב, — די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן — די פאַרב פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס וועט איינשלינגען אַלע פעלקער און ממילא אויך אונדז, און די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן — די פאַרב פון ציון, פון דעם גלויבן אין דעם הייליקן לאַנד, וואו אונדזערע קרעפטן וועלן ווידער אויפברויזן, ווי אין דער יוגנט, — איז דער יונגער דור פראָגרעסיווע טוערס אומגעגאַנגען מיט דעם גיפט פון דעם האַמלעט־פּראָבלעם אין זיין ברוסט.

און ניט נאָר דער יונגער דור. מען קאָן געשיכטלעך באַווייזן, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אין זיין לעבן דעמאָלט געשטאַנען אויף דעם שיידוועג צווישן דעם „זיין״ און דעם „ניט־זיין״. די אַסימילאַציע, וואָס מער זי האָט פאַרלאָרן אין דער טעאָריע, אַלץ מער האָט זי זיך גענומען שטאַרקן אין דעם פּראַקטישן לעבן, אַלץ מער יונגע כוחות האָט זי גענומען אָפּרייסן פון אונדזער פאָלק, אַלץ אָפּהענטיקער און אָרעמער איז געוואָרן די יידישע היים.

וואָלט אונדזער פאָלק שוין באמת געווען אַלט און אָפּגעלעבט און אָן אינעווייניקסטע כוחות צו אַ וווּיטערדיקן קאַמף, דעמאָלט וואָלטן ניט געהאָלפן די פייערדיקע אויפרופן פון דער קליינער מחנה חובבי־ציון און די ערשטע העברייאיסטן, וואָס האָבן אים געמינטערט פון זיין הין־הער־פלעט, און געשלעפּט אים מיט אַלע כוחות אַרויס פון דעם גלות־לעבן אין דער זעלבסטשטענדיקער פריי. אונדזער פאָלק וואָלט אויסגעגאַנגען פון איבערמאָסיקן בלוט־פאַרלוסט, וועלכע די אַסימילאַציע האָט געצאַפּט פון אים טאָג־אויס, טאָג־איין.

אָבער אונדזער פאָלק האָט געלעבט, האָט הפנים געהאַט אין זיך אַ קוואַל פון שאַפנדיקע, ברויזנדיקע לעבנס־כוחות און ער האָט פון זיך אַליין אין זיין אָרגאַניזם אויסגעאַרבעט אַ קעגן־גיפט צו דער אַסימילאַציע, אַ לעבנס־זאַפט, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אָדער שוואַכער געמאַכט דעם בלוט־אויסגוס און האָט גענומען פאַרהיילן די וואונדן, וועלכע די אַסימילאַציע האָט געריסן אין אים.

דער נייער לעבנס־זאַפט, אויף וועלכן קיינער אָדער כמעט קיינער האָט זיך ניט געריכט, און וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן צו צירקולירן אין זיינע אָדערן, פאַנאַנדערפירנדיק די הייל־קראַפט איבערן גאַנצן גוף — איז באַשטאַנען און באַשטייט אין דעם אויפבליען פון דער יידישער שפּראַך און אין דער באַשאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

[illegible] פאָלק שאַפט דורך זיינע בעסטע קינדער, און אויך די נייע הייל־

קראַפט זיינע אַנטקעגן דער אַסימילאַציע האָט ער געלאָזט אַרויסברענגען דורך יענע בעסטע קינדער זיינע, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער יידישער שפּראַך און פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור.

פּרצעס באַדייטונג פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק ליגט שוין דעריבער אין דעם אַליין, וואָס ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע באַשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור; וואָס מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן די יידישע ליטעראַטור אָן אים, ווי מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן זי אָן מענדעלע מוכר ספרים און אָן שלום־עליכם. מיר קאָנען זיך דאָ ניט אַריינצולאָזן אין אַ חקירה, ווער פון אונדזערע דריי גרויסע קלאַסיקער איז דער גרעסטער, אָבער דאָס מוזן מיר לשם דעם היסטאָרישן אמת קאָנסטאַטירן, אַז מענדעלע מוכר ספרים איז אַ לאַנגע צייט געווען ניט מער ווי אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. יאָ, אויב איר, ווילט, אַ ליטע־ראַרישער אוניקום. ער וואָלט ביי זיין גאַנצער געניאַליטעט געבליבן אַ קוריאָז, ווען עס וואָלט ניט געווען די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם שאַפן אין יידיש. די עקזיסטענץ פון מענדעלעס שאַפן האָט נאָך ניט קאָווירט די עקזיסטענץ פון אַ ליטעראַטור. אויך שלום־עליכם וואָלט געקאָנט בלייבן אַן עפּיזאָד, אַ רייכער, טראַפּיש־רייכער אַאַזיס אין אַ זאַמדיקן מדבר, ווען עס וואָלט זיך ניט אָנגעהויבן מיט פּרצן אַ טראַדיציע פון שאַפן. דער אָנהויב פון פּרצעס שאַפן זעט אויס, ווי אַ באַרג־וואַסערל, וועלכער איז קאַסקאַדן־אַרטיק געשפּרונגען פון פעלז צו פעלז, און אומעטום האָט ער דורך זיין רוישן געוועקט פאַרשלאָפענע שליסלען און קוואַלן, וואָס האָבן זיך פריידיק אָפּגערופן אויף זיין פרילינג־רוף און אין איינעם מיט אים זיך צונויפגעגאָסן אין דעם איצטיקן מעכטיקן שטראָם. פּרצן האָט דער געניוס פון אונדזער פאָלק געשענקט די זכיה, אַז מיט זיין שאַפן זאָל זיין פאַרבונדן, — ניט דאָס מעגלעך־מאַכן פון אַ יידישער ליטעראַטור, — אין דעם כבוד טיילט ער זיך מיט מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכמען, — נאָר די ניט־איבערגעריסנקייט, די קאָנטינואיטעט פון דער יידישער ליטע־ראַטור, די פאַרוואַנדלונג פון אַ שורה איינצלנע געניאַלע עפּיזאָדן אין אַ פלוס פון אַנטוויקלונג און לעבן, וואָס גיט לעבן און אַנטוויקלונג דעם פאָלק.

יאָ, די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור זיינען די לעבנס־קראַפט, וואָס פאַרהיטן אונדז פון טויט; זיי זיינען חיינו ואורך ימינו, אונדזער לעבן און די קאָנטינואיטעט פון אונדזערע טעג, ווי אַ פאָלק, און ניט ווי אַ רעליגיעזע סעקטע. ווי זאָל דען אַ פאָלק אַנדערש עקזיסטירן און קעמפן פאַר זיין קיום, ווי זאָל עס דען אַנדערש פירן אַן אייגענעם היסטאָרישן לעבן, ווען עס איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, ווען

עס האָט ניט קיין איין־איינציק ווינקעלע, וואָס דאָס פאָלק זאָל קאָנען אָנרופן זיין אייגנס?

איך קאָן מיך דאָ, לײדער, ניט אַרײנלאָזן אין דער גאַנצער טיף פון דעם פּראָבלעם, וועגן וועלכן עס איז אַזוי פיל געריעדט געוואָרן אין דער לעצטער צייט. אָבער אַ פּאָר ווערטער מוז איך זאָגן וועגן דעם, ווייל אַז ניט, וועט אונדז ניט קלאָר זיין אין גאַנצן דער ענין פון פּרצעס נאַציאָנאַלער באַדייטונג.

אונדזער פאָלק האָט אָפּגעלעבט אַ צוויי־טויזנט יאָר אין גלות. וואָס איז געווען די קראַפט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטן ביים לעבן? מיר ווייסן איצטער אַלע דעם ענטפער אויף דער שאלה. די רעליגיע איז געווען דער קוואַל פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס איז בלי ספק. אָבער אין וואָס איז געלעגן די לעבנס־קראַפט פון דער רעליגיע? דאָס רוב פון אונדז גלויבט, אַז יענע לעבנס־קראַפט איז געלעגן אין באַשטימטע רעליגיעזע מיינונגען און געוויסע איבערנאַטירלעכע נאַציאָנאַלע האָפע־נונגען אויף משיחן און דעם וואונדערבאַרן אויסלייז פון גלות. דאָס איז אויך געוויס אמת. וואָלטן ניט געווען יענע האָפענונגען און גלויבונגען, וואָלט זיך די רעליגיע ניט געקאָנט האַלטן. אָבער ניט דורך זיי אַליין האָט זי צונויפגעשמידט די איינצלנע טיילן פון פאָלק צו איין אָרגאַניזם, ניט דורך זיי אַליין האָט זי געהאַלטן יעדן יחיד אין די גרענעצן פון איין פאָלקס־גאַנצן. איר וואונדערבאַרע שוץ־קראַפט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער געניוס פון אונדזער פאָלק, — לאָזט מיך אַזוי אָנרופן יענע האַלב־אומ־באַוואוסט־שאַפנדיקע קאָלעקטיוו־קראַפט, וואָס באַהערשט אונדזער היס־טאָריש לעבן, — דער געניוס פון אונדזער פאָלק האָט פון דער רעליגיע אויסגעאַרבעט אַ באַשטימטע אַרט יידישן לעבן, יידישע זיטן און מנהגים, יידישע קליידונג און צערעמאָניעס, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם יידן פון אַלע זייטן, שאַרף אַרויסגערוקט אים פון דער אַרומיקער וועלט אַזוי, אַז ער האָט געמוזט, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, מיט יעדן אָטעם, וואָס ער האָט געאָטעמט, מיט יעדן פולס־שלאָג פון זיין האַרץ אָפּן אַרויסווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט זיין צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק און זיין סאָלידאַרי־טעט מיט דעם יידישן היסטאָרישן גורל.

די רעליגיעזע גלויבונגען און האָפענונגען, — ווער ווייס ווי טיף זיי האָבן געלעבט אין דער נשמה פון די מאַסן? אָבער ווי ווייניק די נשמה פון די מאַסן זאָל זיך ניט האָבן געשפּייזט מיט זיי, זייער לעבן, יעדער שריט פון דעם לעבן איז געווען אַ ריין־יידישער, און דאָס האָט אויפגעהאַלטן אונדזער עקזיסטענץ. דאָס יידישע לעבן פון די מאַסן איז געווען ניט

ווייניקער וויכטיק און אפשר נאָך אַ סך וויכטיקער, איידער דער גלויבן און דאָס האָפן פון דער אינטעליגענץ.

דער בעל־עגלה, וואָס האָט אין אַ טלית־און־תפילין געשמירט די רעדער, איז פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט געווען אַ סך וויכטיקער און אַ בוילעטערער סימן פון נאַציאָנאַלן זיין, איידער דער ווילנער גאון, וואָס איז אין די זעלביקע טלית־און־תפילין געזעסן אַ גאַנצן טאָג און געלערנט תורה. אָט פאַרוואָס דער קלוגער ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אינסטינקטיוו אַזוי אַנגעקוואָלן פון זיין הייס־געליבטן פאָלק ישראל, ווען ער האָט געהערט פון דעם בעל־עגלה, וואָס שמירט די רעדער אין טלית־און־תפילין.

אָבער די יידישע רעליגיע, — וואָס עס זאָל ניט זיין איר רעליגיעזע באַדייטונג פאַר דעם איינצלנעם גלויביקן יידן, — האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן איר נאַציאָנאַלע מאַכט. ווי ביי יעדן פאָלק, איז זי אַריבער אין דעם רשות־היחיד, און זי האָט שוין מער ניט קיין קראַפט און קאָן שוין מער קיין מאָל ניט האָבן די קראַפט — צו באַשטימען די שריט פון דעם יחידס לעבן. זי קאָן שוין קיינעם ניט צווינגען צו פאָלגן אירע געבאָטן. און אַפילו ביי די, וואָס גלויבן אין איר איצטער, האָט זי אויך אויפגעהערט צו שפּילן די ראָל פון אַ נאַציאָנאַלן סימן. זי איז אַריין אינעווייניק אין האַרצן. אין זיין דרויסנדיקער קולטור, אין שפּראַך און געדאַנק קאָן אַ גאַנץ־פרומער ייד זיין אַסימילירט, אין גאַנצן אַסימילירט מיט דער דרויסנדיקער פרעמדער סביבה, אין וועלכער ער לעבט. און אויב אַלע יידן וואָלטן אומעטום געוואָרן, ווי ער, — און די רעליגיע קאָן דאָס שוין מער ניט פאַרהיטן, — וואָלטן מיר געהאַט אַ רעליגיעזע סעקטע פון „איזראַעליטן“, אָבער עס וואָלט שוין אפשר געווען אַ סוף צו דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, און אויב ניט צו דער עקזיסטענץ, וואָס וואָלט זיך אפשר אויפגעהאַלטן אין פאַרמאַרינירטן צושטאַנד, וואָלט געווען אַ סוף צו דעם יידישן געשיכטלעכן לעבן, צו אונדזער נאַציאָנאַלער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

עס איז פאַר דעם געניוס פון אונדזער פאָלק ווידער אויסגעוואַקסן די אויפגאַבע: אויסאַרבעטן אַזאַ דערהאַלטונגס־קראַפט, וואָס זאָל ניט שטערן דעם אַריינדרינגען פון דער אייראָפּייאישער קולטור אין אונדזער לעבן, וואָס זאָל צובינדן יעדן איינעם צום פאָלק, אַלץ איינס, אין וואָס ער גלויבט און אויף וואָס ער האָפט, — אויסאַרבעטן אַ באַשטימטע לעבנס־אַרט, וואָס זאָל זיך האַלטן דורך איר אייגענער וואָג, זאָל זיך טראָגן דורך איר אייגענעם אימפּעט, זאָל וואַקסן אַדאַנק אירע אייגענע אינעווייניקסטע זאַפטן.

און אָט די נייע נאַציאָנאַלע דערהאַלטונגס־קראַפט איז געפונען געוואָרן, זאָג איך, אין דער יידישער שפּראַך און אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האַלטן זיך שוין איצטער דורך זייער אייגענער וואָג, טראָגן זיך דורך זייער אייגענעם אימפּעט און וואַקסן אַדאַנק די אייגענע אינעווייניקסטע לעבנס־זאַפטן. אַ ייד, וואָס טראַכט אין יידיש, רעדט יידיש און פילט אָן זיין נשמה מיט די גייסטיקע פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור, איז נאַציאָנאַל אַ סך מער צונויפגעבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון זיין פאָלק, איידער דער באַלעגאַלע אין טלית־און־תפילין. עס איז פאַר אים אות באות אמת, אַז מיט יעדן אָטעם, וואָס ער אָטעמט, מיט יעדן פּולס־שלאָג פון זיין האַרצן מוז ער דעמאָנסטרירן זיין צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק און זיין סאָלידאַריטעט מיט דעם יידישן היסטאָרישן גורל.

ווי אַ יידישער ליטעראַט, ווי איינער פון די וואָס האָבן באַשאַפן די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור, ווי איינער פון די, וואָס האָבן זי באַרייכערט מיט אַזוי פיל אוצרות, וועלכע דאַרפן שפּייזן די יידישע נשמה, איז פּרץ אַליין געוואָרן אַ טייל פון יענער היסטאָרישער קראַפט, וואָס האַלט אונדז אויף ביים לעבן און העלפט אונדז אין אונדזער ווייטערדיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

אָבער ניט נאָר מיט דעם אַליין שעפּט זיך אויס זיין נאַציאָנאַלע באַדייטונג. ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין די אָביעקטיווע נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע מאַכט פון אַן אייגענער רייכער ליטעראַטור, — אין דעם פּרט ווירקן אַלע יידישע שריפטשטעלער, וואָס עס זאָל ניט זיין דער אינהאַלט פון זייער שרייבן, מער אָדער ווייניקער נאַציאָנאַל, — מוזן מיר דאָך אונטערשיידן צווישן יענער ווירקונג אירער, וואָס שטאַמט פון דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער זי ווערט באַשאַפן, און יענער דירעקטער ווירקונג אירער, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר נאַציאָנאַל־פּראָפּאַגאַנדיסטישן ווערט.

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ווערט דאָך ניט געמאַכט פון זיך אַליין. ווי אַלע היסטאָרישע דערשיינונגען, מוז זי געטראָגן ווערן פון מענטשן, און ניט פון איינצלנע, נאָר פון אַ גאַנצן דור . . . זי מוז פאַרקערפּערט ווערן אין די געדאַנקען און די געפילן פון דער צוקונפטס־רייכער, פאָראויס־שטורעמענדיקער יוגנט. אָט אין דער געווינונג און אויסבילדונג פון יענער יוגנט, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם האַמלעט־פּראָבלעם אין דער ברוסט, ליגט די גרויסע טאַט פון דער יידישער ליטעראַטור.

פּובליציסטן און קינסטלער מוזן דאָ שפּילן אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל. דער פּובליציסט דאַרף זיך קודם־כל ווענדן צו דער לאָגיק, צו דעם

פאַרשטאַנד פון דעם לעזער און צוהערער, דער קינסטלער דאַרף ווירקן אויפן געפיל. און אויף וויפיל געפיל איז כמעט אַלע מאָל שטאַרקער איידער שכל, אויף וויפיל דאָס דענקען שטייט אַלע מאָל אונטער דער שליטה פון דעם פילן, אויף אַזוי פיל איז די ראָל פונעם נאַציאָנאַלן קינסטלער אַלע מאָל באַדייטנדיקער, איידער די ראָל פון די פובליציסטן און די דענקער. דער הייסער וואונטש צו לעבן נאַציאָנאַל, ווייטער צו שפינען דעם יידישן היס־טאָרישן פאָדעם, ווערט געבוירן אין אונדז פון דעם נאַציאָנאַלן געפיל. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק דערקלערט אונדז נאָר דעם „פאַרוואָס" און דעם „ווי אַזוי".

פרץ איז געווען אַ דענקער און אַ קינסטלער, אוןביידע זיינע מעלות האָט ער אויסגעשטעלט אין דינסט פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־דערוואַכונג. דער דענקער האָט געווירקט דירעקט דורך דער פראָפּאַגאַנדע פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, דער קינסטלער — אויף אַן אומוועג: דורך דאָס מאָלן פון דעם יידישן לעבן. אָבער עס איז גאָר קיין ערך ניטאָ, אויף וויפיל דער קינסטלערישער אומוועג האָט געווירקט טיפער און שטאַרקער פאַר דעם פובליציסטישן גלייכן וועג.

פרץ איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, און די גבורה פון יעדן גרויסן קינסטלער באַשטייט אין דעם, וואָס ער קאָן דורך קלאָרע בילדער אויס־ברענגען אָדער אייננברענען אין אונדזער האַרצן לעבעדיק־וויברירנדיקע געפילן. פרץ האָט געהאַט יענע גבורה אין זיך אין זייער אַ חשובער מאָס און אַלע זיינע בוילעט־ און שאַרף־געמאָלטע בילדער האָבן געוועקט אין די לעזער אַ קלאָרן און שאַרפן נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס איז גראָד אין זיינע צייטן און אויך נאָך אין אונדזערע צייטן אַזוי נויטיק געווען און איז אַזוי נויטיק פאַר דעם יונגן האַמלעטיזירנדיקן דור.

אין וואָס איז באַשטאַנען יענער געפיל?

יענער נאַציאָנאַלער געפיל איז אייגנטלעך באַשטאַנען ניט פון איין געפיל, נאָר פון אַ גאַנצער מחנה שטימונגען, אויפרעגונגען און ליידנשאַפטן, וואָס האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעקריסטאַליזירט פון זיך דעם קלאָרן ווילן צו דעם נאַציאָנאַלן זיין.

מיין פערזענלעכע דערפאַרונג, — און מיר איז גראָד אויסגעקומען צו שטיין נאָענט אין לעבן צו יענעם דור, וואָס האָט, — איך האָב קיין אַנדער וואָרט ניט פאַר דעם ווי נאָר: אויסגעווייטיקט אין דער נשמה די נאַציאָ־נאַלע דערוואַכונג, — מיין פערזענלעכע דערפאַרונג מיט יענעם דור האָט מיך געלערנט, אַז די אַלע נייע שטימונגען, אויפרעגונגען און ליידנשאַפטן, וואָס האָבן זיך גענומען רעגן אין זיין ברוסט, האָבן זיך געגרופּירט אַרום

פיר, קלאָר־אויסגעשפּראָכענע געפילן, וואָס האָבן צוגעבונדן די נשמות פון דעם יונגן דור און רופן נאָך עד־היום אַרויס די דאָזיקע צובינדונג צו דעם געשיכטלעכן גורל פון אונדזער פאָלק.

דאָס איז, ערשטנס, דער געפיל פון רחמנות און צער, וואָס נעמט אַרום דאָס האַרץ, ווען פאַר איינעם אַנטפּלעקט זיך דער גאַנצער תהום פון ליידן, אין וועלכן עס געפינט זיך אונדזער פאָלק. דאָס איז, צווייטנס, דער געפיל פון ליבע, פון פּשוטער מענטשלעכער ליבע צו אַ געוויסן יידישן אַרט מענטשן, וואָס וואַקסט אויס, ווען איינער שטעלט זיך אַוועק די פראַגע, מיט וועמען קאָן ער לייכטער און נאַטירלעכער צונויפגיסן זיין נשמה — מיט די יידן, וואָס ער קען, אָדער מיט די ניט־יידן, צווישן וועלכע ער לעבט? דאָס איז, דריטנס, דער געפיל פון שטאָלץ, וואָס באַווייזט זיך דעמאָלט, ווען איינער מאַכט זיך קלאָר די אומגעהויערע שעפערישע קראַפט, וואָס שטעקט אין אונדזער פאָלק, די אומגעהויערע וויכטיקע ראָל, וועלכע אונדזער פאָלק האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און שפּילט נאָך עד־היום אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור, און ווען ער דערשפּירט פּלוצלונג דעם קאָנטראַסט, וואָס עקזיסטירט צווישן אונדזער נאַציאָנאַלן ווערט פאַר דער מענטשהייט און אונדזער נאַציאָנאַלער לאַגע אין איר. פערטנס, איז דאָס דער געפיל פון אחריות, ווען איינער איז שוין אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט זיין פאָלק, אַז ניט נאָר שטאָלצירט ער מיט דעם, וואָס פאַרדינט ליבע, ניט נאָר איז ער פּערזענלעך טיף באַליידיקט פאַר יעדן שמאַד און בזיון, וואָס ווערן אונדז אָנגעטאָן אומפאַרדינטערהייט, נאָר וואָס זעט אויך די חסרונות פון זיין פאָלק, זעט זיינע פעלערן און קרומע וועגן, און זיין האַרץ ווערט פון דעם באַגאָסן מיט בלוט, און מיט יעדן אַטאָם זיינעם שפּירט ער, אַז דאָס איז ניט נאָר יענעמס דאגה און יענעמס שולד, נאָר אַז דאָס איז מיין דאגה און מיין שולד, וועלכע איך דאַרף זען, זי זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון אונדז. דאָס איז יענער געפיל פון אחריות פאַר דאָס לעבן און דעם גאַנצן מהות פונעם פאָלק, וואָס האָט מיט אַזאַ מאַכט געקלונגען אין די שטראָף־רייד פון די נביאים און אין ביאַליקס „פון צער און צאָרן“.

די באַשרענקטע צייט און די גרענעצן פון מיין היינטיקער אויפגאַבע דערלויבן מיר ניט אָפּצושטעלן זיך לענגער אויף אָט די נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ ראָל אין דעם נאַציאָנאַלן ווידער־דערוואַכונגס־פּראָצעס פון אונדזער יוגנט. איך מוז גלייך איבערגיין צו יענעם, זייער מערקווירדיקן פּונקט, וואָס צוליב אים האָב איך אַרויפגעבראַכט דעם גאַנצן ענין.

עס איז באמת מערקווירדיק: לייענט איר די ווערק פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער, פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פרץ, און פרעגט איר זיך, וועלכן גרונט־טאָן אין געפיל ברענגען זיי אַרויס מיט זייערע בילדער פון דעם יידישן לעבן, — אַזוי דוכט אייך אויס, אַקוראַט ווי זיי דריי וואָלטן זיך צונויפגערעדט אין איינעם און נאָך אַ גוט אויס־געאַרבעטן פּלאַן פאַרטיילט די אַרבעט צווישן זיך: „דו, מענדעלע, באַווייז זיי אָקאָרשט, וואו מיר האַלטן אין דער וועלט, אין וואָס פאַר אַ שיינער מערכה עס געפינט זיך אונדזער פאָלק. נישקשה! לאָזן זיי אַביסל אַ פיל טאָן דעם טעם פון יענעם לעבן, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער חלק. און דו, שלום־עליכם, באַווייז זיי דעם פשוטן יידישן בשר־ודם, דעם טאָג־טעגלעכן מענטשעלע אונדזערן, ווי ער שטייט און גייט, מיט אַלע זיינע העוויות און תנועות, מיט אַלע זיינע חסרונות און מעלות. לאָמיר זען, צי וועלן זיי דערקענען אין אים זייער אייגן פלייש און בלוט. און דו, פרץ, הויב אַביסל אויף דעם פרוכת, וואָס פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס גייסטיקע לעבן פון אונדזער פאָלק. באַווייז זיי, וואָס פאַר וואונדערלעכע קרעפטן עס ברויזן אין אים, אָדער האָבן ערשט ניט לאַנג אויפגעהערט צו ברויזן. אַנטפּלעק פאַר זיי די אומענדלעכע הימלען, וואָס הויבן זיך איבער אונדזער קאָפּ, און די גלענצנדע שטערן, וואָס פינקלען אין זיי. לאָמיר זען, ווי דאָס וועט רעדן צו זייער געמיט.“

אין אמתן, פאַרשטייט זיך, האָבן די דריי קלאַסיקער זיך ניט צונויפ־גערעדט. יעדער איינער האָט געשאַפן אויס דעם אינעווייניקסטן דראַנג פון זיין טאַלאַנט, אָפּשפּיגלענדיק דעם אייגענעם כאַראַקטער און דעם כאַראַקטער פון זיין צייט, און האָט אפשר גאָר ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער ווירקונג, וואָס זיין שאַפן וועט האָבן אויף דעם פּראָצעס פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־באַלעבונג, אויף דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע אין דעם געפיל פון דעם פּראָגרעסיוון דור.

יעדער איינער האָט געטאָן זיין זאַך. אָבער הינטער יעדן איינעם פון זיי איז געשטאַנען די לעבנס־נויט פון דעם יידישן פאָלק, ווי זי שטייט אַלע מאָל הינטער יעדן שאַפער און טוער און פירט אומבאַמערקט מיט זיין האַנט. דער קלאַסישער פעריאָד פון אונדזער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ פּראָטעסט אַנטקעגן די אידייען פון דער ערשטער השכלה־צייט, וואָס האָט געפירט צו אַסימילאַציע.

די לעבנס־נויט פון דער ערשטער השכלה־צייט איז באַשטאַנען אין דער נויטווענדיקייט אַריינצונעמען די יסודות פון דער פּראָגרעסיווער מענטשלעכער קולטור אין זיך, אין דער נויטווענדיקייט צו לויפן אין דער

פרעמד נאָך בילדונג און קולטור, אין דער נויטווענדיקייט אָפּצולייקענען די יסודות פון דעם אַלטן יידישן לעבן. דאָס האָט אַרויסגערופן די אידעאַלן פון דער אַסימילאַציע, דאָס אָפּלייקענען פון יעדן יידישן לעבן בכלל. די ערשטע העלדן פון דער השכלה־צייט האָבן ניט געקאָנט קוקן אַנדערש אויף דער אַלטער וועלט, ד. ה. אויף דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע פאָלק, סיידן נאָר ווי אויף אַ מחנה פון „פינצטערלינגע", „פאַנאַטיקער" און „פאַר־דאַרבענע נפשות", און אויף דער קליינער צאָל געבילדעטע, אויף די קעמפער און העלדן פון דער „אויפקלערונג", ווי אויף די איינציקע רעפּ־רעזענטאַנטן פון דעם מין מענטש, וואָס מוז אַנטליפן פון דער אייגענער היים, ביז אַלע וועלן ווערן „מענטשן". דערנאָך איז אָנגעוואַקסן די לעבנס־נויט, אַז די אַנטלאָפענע אינטעליגענץ זאָל זיך אומקערן אַהיים און זאָל צופּאַסן איר וויסן און קענען צו די אייגנטימלעכקייטן פון דעם יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלק, ניט קוקנדיק אויף די פאַרעלטערטע פאָרמען פון זיין לעבן, האָט געמוזט ווידער רעהאַביליטירט ווערן אין דעם עפנט־לעכן פּראָגרעסיוון באַוואוסטזיין. און דער אינעוויינקסטער זין פון דעם קלאַסישן פּעריאָד אין אונדזער יידישער ליטעראַטור האָט געמוזט באַשטיין אין דער רעהאַביליטאַציע פון דער אַלטער, יידישער וועלט.

מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פרץ טוען דאָס יעדער אויף זיין שטייגער, לויט די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון זייער כאַראַק־טער און לויט די אומשטענדן פון דער צייט, אין וועלכער עס איז אָנ־געשטימט געוואָרן דער גרונט־טאָן פון זייער טאַלאַנט.

מענדעלעס טאַלאַנט איז אויסגעשמידט געוואָרן אין אַ צייט, ווען דער קהל האָט נאָך געהערשט איבער די יידישע מוחות, ווען די מאַסן זיינען געווען פאַרטרונקען אין דעם זומפּ פון אומוויסנהייט, אוממענטשלעכן דלות, אָפּגעלאָזטקייט, אַבסאָלוטער פאַרפרעמדטקייט פון דער וועלט, אָן אַ וועלכן עס איז מקור פאַר אַ זיכערער בכבודיקער פרנסה.

מענדעלע זעט, ווי לעבערלעך עס איז צו פאָדערן בילדונג, אויפ־קלערונג, מענטשלעכע השגות פון אַ הויפן הונגעריקע און פאַרחלומטע. ער זעט די סאָציאַלע יסודות פון דעם יידישן לעבן און קריטיקירט די אידעאַלן פון דער השכלה־צייט מיט דעם פּשוטן זאַץ: „עס גייט ניט קיין טאַנץ פאַר דעם עסן." ניט קיין פּראָטעסט, ניט קיין שטראָף־רייד רופט אין אים אַרויס די יידישע לאַגע, נאָר אומענדלעכן צער און רחמנות. און יענעם געפיל ברענגט ער אַריין אין אונדזער האַרצן.

שלום־עליכמס טאַלאַנט ווערט אָנגעשטימט אין אַביסל אַ שפּעטערער צייט. די ליבעראַלע רעפאָרמען פון די 60ער און 70ער יאָרן הויבן אָן

אויסגלייכן אַביסל דאָס פאַרהויקערטע יידישע לעבן. דער קאַמף פאַר השכלה האָט אויפגעהערט, אָדער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן; עלעמענטן פון רוסישער בילדונג דרינגען אַריין אין באַלעבאַטישע פרומע קרייזן; דער עקאָנאָמישער מעמד ווערט פאַרבעסערט; מען „מענטשלט" זיך ביסלכעווייז אויס און אין דער צוקונפט ווינקט אַ רואיקע אַנטוויקלונג. על כל פנים, קיין גרויסע פּראָבלעמען ווערן נאָך ניט געשאַפן. שלום־עליכם רעהאַביליטירט די אַלטע וועלט ניט דורך דעם, וואָס ער ווערט איר מליץ־יושר, וואָס ער שטעלט זיך איין פאַר איר, — קיינער פון איגעווייניק פאַלט אויף איר איצטער ניט אָן, — נאָר דורכדעם, וואָס ער ווייזט אויף איר יידיש־מענטשלעכן כאַראַקטער, וואָס ער ליבט זי, די מאַסע, און איר אייגנאַרטיקן קולטורעלן לעבן. און אָפּגעפּאָרטרעטירט אין די שטראַלן פון זיין ליבע, רופן אַרויס זיינע געשטאַלטן די זעלביקע ליבע־געפילן אין אונדז.

אויף י. ל. פרצעס טאַלאַנט ליגט דער שטעמפּל פון דעם סוף אַכציקער יאָרן, ווען די גאַנצע ביטערקייט פון דער פּאָגראָמען־צייט איז שוין אַריין אין אונדזערע אָדערן, און דאָס פּראָבלעם פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־דערוואַכונג איז שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין לעבן און געפּאָדערט אַ קלאָרע תשובה אויף דעם „זיין אָדער ניט־זיין" . . . די שאלה איז שוין איצטער ניט קיין סאָציאַלע, ווי ביי מענדעלען, ניט קיין קולטורעלע, ווי ביי שלום־עליכמען, זי איז אַ היסטאָרישע, וואָס מוז זיך רעכענען מיט דעם גאַנצן געשיכטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק.

פּרץ רעהאַביליטירט די אַלטע וועלט, ד. ה., דאָס גאַנצע פאָלק, אין איר געשיכטלעכן זיין, און ער טוט דאָס דורך דעם, וואָס ער פירט אונדז צו גראָד צו דעם נאָענטסטן פּעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכן שאַפן, צו דעם פּעריאָד פון חסידות, צו יענעם פּעריאָד, אויף וועלכן עס האָבן אַזוי שטאַרק געהאָגלט די פיילן פון דער השכלהשער קריטיק. אַריינגעלעבט זיך אין איר, אָפּגעפרישט איר העלדנהאַפטע גייסטיקע גרויס און טיף, שפּירט ער ווי זיין ברוסט ווערט פול מיט שטאָלץ פאַר די שאַפנדיקע כוחות פון אונדזער פאָלק, און דעמזעלביקן שטאָלץ וועקט ער אומבאַוואוסט אין אונדז, און צווינגט אונדז איינצובויגן אונדזער קאָפּ פאַר דאָס העלדנהאַפטע אין אונדזער יידישער שאַפנדיקער קראַפט.

נעמט מען אַריין מענדעלען אין הארצן, קאָן מען נאָך אויס רחמנות און צער־בעלי־חיים אַריינפאַלן אין דעם פּעסימיסטישן יאוש; לאָזט מען שלום־עליכמען ווירקן אויפן געפיל, ווערט פריילעכער אויפן הארצן, און די ליבע צום פאָלק פירט צו אַן אומקלאָרן בטחון. לאָזט מען זיך אָבער דורכגעזאַפּט ווערן פון פּרצן, פון זיין גרויסן דרך־ארץ פאַר דעם יידישן

היסטאָרישן קאַמף, פאַר זיין גלוטיקער דאָרשט צו טאָט און נצחון, איז דעמאָלט ווערט אַן אומגליק אַ טראַכט צו טאָן, אַז אַזאַ פאָלק זאָל פאַר־שווינדן. אונדזער גאַנץ וועזן רעוואָלטירט אַנטקעגן אַזאַ געדאַנק, און יעדער טראָפּן בלוט אין אונדז ווערט אָנגעצונדן מיט דעמזעלביקן גליִענדיקן וואונטש, אויסצוקעמפן פאַר אונדזער פאָלק אַזעלכע באַדינגונגען פון לעבן, וואָס זאָלן מאַכן, אַז זיין קראַפט זאָל ניט צעפּיצלט ווערן, ניט צעפּולווערט ווערן איבער אַלע שבעה ימים, נאָר זאָל זיך קאָנען אָנזאַמלען אין אַן אייך־איינציקן, אייגענעם באַסיין, וואָס זאָל, אין שטענדיקן אויסבייט מיט די באַסיינען פון אַלע אַנדערע פעלקער, אויסאַרבעטן נייע אוצרות פאַר דעם מענטשלעכן פראָגרעס. אין דערינען איז געלעגן די ספּעציפישע באַדייטונג פרצעס פאַר דעם וויכטיקסטן היסטאָרישן פּראָצעס אין דעם מאָדערנעם לעבן פון אונדזער פאָלק, פאַר דעם פּראָצעס פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־דערוואַכונג.

חשובע פאַרזאַמלונג! איך ווייס, אַז מיט דעם ביסל, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, האָב איך ווייט ניט אויסגעשעפּט אויך יענע ענגע טעמע: פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדייטונג, — וואָס איך האָב מיר אָנגעמערקט. עס איז אָבער פאַר הייַנטיקן אָונט געווען וועגן מיר האָבן זי באַרירט נאָר פון אויבנאויף, ווייל אויך דאָס אַליין קאָן שוין באַרעכטיקן אונדזער טיפן טרויער און צער, בעת מיר שטייען אין גייסט פאַר זיין פרישן קבר.

אָבער, חשובע פאַרזאַמלונג! טרויער און צער איז ניט דער איינציקער געפיל, וועלכן מיר לעבן איצטער דורך. מיר לעבן איצטער דורך אַ דער־הויבענעם מאָמענט, וואָס ווערט געגעבן מיט דעם טויט פון יעדן אומ־שטערבלעך־גרויסן מאַן, אַ מאָמענט, ווען מיר פילן, אַז ניט נאָר איז עפּעס וואָס איז אונדז טייער אויף אייביק פאַרשוואונדן, נאָר אויך אַז דורך דעם גופא האָט עפּעס וואָס איז נאָך מער טייער, שטאָלץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ, האָט אַריינגעבליקט אין דער אייביקייט און פאָדערט זיין רעכט אויף אומ־שטערבלעכקייט. דאָס איז אַ מאָמענט, אין וועלכן דער טויט פון דעם גוף באַגעגנט זיך מיט דער אומשטערבלעכקייט פון דעם גייסט אין דעם זכרון פון דעם פאָלק, אין וועלכן אַן אינדיווידועל לעבן גיסט זיך צונויף מיט דער מיסטעריע פון אַ גאַנצן פאָלקס שאַפן.

1915

פּרץ, דער נביא פון קאַמף

אין אַ רעדע אויף דער ערשטער הזכרה נאָך פּרצעס אָפּלעבן (געהאַלטן אין ניו־יאָרק, אַפּריל 1915, צו די שלשים נאָך י. ל. פּרצעס טויט) האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן דערפאַר באַטראַכטן פּרצן ווי דעם פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווייל נאָר מיט אים הערט די ליטעראַטור אויף צו זיין איינצלנע עפּיזאָדן און זי ווערט אַ שטראָם, וואָס גיסט זיך פאַנאַנדער אין אַן אַלץ־ברייטערן פלוס. אין יענער רעדע האָב איך אָנגעדייט אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַדייט פון זיין שאַפן.

פּרץ מוז באַטראַכט ווערן ווי דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל אַלע קומענדיקע קינסטלער נאָך אים שטייען אונטער דער קלאָרער השפּעה פון זיין שאַפן, הגם יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענעם דרך.

עס איז ניט דאָ דאָס אָרט אויסצורעכענען אַלע מאָמענטן פון פּרצעס ווירקן, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר דעם פירנדיקן שטערן אין דעם גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור. מיר ווילן נאָר אָנמערקן, אַז דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען סיי דעם כאַראַקטער פון די נייע טעמעס, וועלכע ער האָט גענומען קינסטלעריש געשטאַלטן, סיי דער באַשטימטער אָרט פון זיין טאַלאַנט, סיי דער אינעווייניקסטער טענדענץ פון זיין פיל־געשטאַלטיקן, פיל־קאָלירטן שאַפן.

קודם די טעמעס. מיט דעם וואָרט „טעמעס" מיין איך ניט גראָד די מעשה, וואָס ער דערציילט, די סיטואַציע, וועלכע ער שילדערט, די פּערזאָנען און כאַראַקטערן, וועלכע ער ברענגט אַרויס, צי דעם מוסר־השכל, וועלכן ער קומט אונדז צו לאָזן הערן. איך מיין דאָ דעם גייסטיקן אינטערעס, וואָס האָט צוגעצויגן דעם קינסטלער צו באַאַרבעטן די אָדער יענע טעמע. פון אָט דעם ווינקל באַזען, געפינען מיר, אַז נאָר אין פּרצן הויבט אָן דער יידישער קינסטלערישער גייסט צו רעאַגירן אויף אַלע טיפסטע פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווי זיי ווערן געשטעלט אין דער

רעדע, געהאַלטן אויף דער פּרץ־פייערונג אָרגאַניזירט דורכן איקוף אין 1940.

פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז. פּרץ איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין די גייסטיקע קאַמפן פון זיין צייט: די סאָציאַלע, די פריי־דענקערישע, די פילאָסאָפישע, די רעליגיעזע, ווי אויך אין די גייסטיקע קאַמפן אַרום די טיפסטע פּראָבלעמען וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

אין אַט די אַלע טעמעס רעדט צו אונדז פּרץ, ווי אַ מאָדערנער גע־בילדעטער מענטש צו מאָדערנע געבילדעטע מענטשן, אין אַ שפּראַך, דאָס רוב אַ פאַרשטענדלעכער סיי פאַר די געבילדעטע, סיי פאַר די מאַסן. בעת מענדעלע און שלום־עליכם האָבן די העכער־ליגנדיקע טעמעס געלאָזן אָן אַ זייט און די לייענערשאַפט זיך פאַרגעשטעלט, ווי די מענטשן פון פאָלק, ווענדט זיך פּרץ מיט די גייסטיקע קאַמפן פון דער צייט, צו דעם גאַנצן פאָלק, דער אינטעליגענציע, ווי די מאַסן.

עס איז אָבער וויכטיק צו האָבן דערביי אין אויג, אַז ער וואַרפט זיך אַריין אין אַט די גייסטיקע קאַמפן פון דער צייט ניט נאָר ווי אַ מענטש בכלל, ווי אַ יחיד, וואָס שטרעבט צו באַשטימען זיין פּלאַץ און זיין באַדייט אין דעם וועלט־באַשאַף. ניין! דער יחיד, פּרץ, באַקומט דערביי אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַל־יידישן מהות. דאָס פּירט דערצו, אַז אין דעם צענטער פון זיין גייסטיקן געראַנגל ווערט אַוועקגעשטעלט פּרצעס הויפּט־פּראָבלעם: די מענטשלעכע וועלט פון איין זייט און דער ווערט, ווי אויך דער באַדייט פון דעם יידישן פאָלק אין אַט דער מענטשלעכער וועלט פון דער אַנדער זייט. פּרץ האָט געקאָנט זאָגן אויף זיך: עס איז מיר ניט פרעמד קיין זאַך, וואָס באַוועגט אַ מענטשלעכע ברוסט, און עס איז מיר ניט פרעמד קיין זאַך, וואָס פלעגט אויפרודערן און רודערט עד־היום אויף די נשמה פון מיין יידישן פאָלק.

שוין מיט דעם נייעם איינשטעל אין דער טעמאַטיק שיידט זיך פּרץ אָפּ, ווי געזאָגט, פון די צוויי פריערדיקע קלאַסיקער, — מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם. דעם קלאַסאַלן אונטערשייד שפּירט מען, ווען מען גייט אַריבער פון זיי צו דער וועלט פון פּרצעס שאַפן.

פּרץ איז אַ שפּרונג פון די דל״ד אמות פון דעם געוויינלעכן יידישן לעבן, אַ שפּרונג אין דעם ים פון די אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, און עס איז אויך אַ פלי־אַרויף פון דעם ים צו די העכסטע הויכן פון דעם מענטשלעכן גייסט, — ווייניקסטנס, איז עס אַ שטרעבן צו דערגרייכן זיי, די העכסטע הויכן. אַט די אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען טראָגן אָבער אין דער זעלביקער צייט אַ ריין־נאַציאָנאַלע יידישע פאָרם.

און נאָך אַ זאַך באַמערקט מען, ווען מען וויל פירן אַ פּאַראַלעל צווישן אָט די דריי ריזן, וואָס שטייען ביי דעם אָנהויב פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. מען באַמערקט די אייגנאַרטיקייט פון פּרצעס טאַלאַנט. אויך די טאַלאַנטן פון מענדעלען און שלום־עליכמען זיינען, נאַטירלעך, גאַנץ פאַרשיידן, אָבער זיי האָבן פאַרט געוויסע בשותּפותדיקע שטריכן. דער וויכטיקסטער שטריך זייערער איז די שטעלונג פון די ביידע קינסטלער צו דעם געשילדערטן יידישן לעבן און צו דאָס רוב געשילדערטע פאַר־שוינען. ביידע — אי מענדעלע, אי שלום־עליכם — שטייען, אַזוי צו זאָגן, דרויסן פון די געשילדערטע פאַרשוינען און פּאַסירונגען: די שטעלונג איז דאָס רוב שאַרף־קריטיש אָדער רחמנות־פול ביי מענדעלען, דאָס רוב מילד־הומאָריסטיש און ליבעפול ביי שלום־עליכמען. און די פאַרשוינען גופא זיינען אויך מער אָדער ווייניקער פּאַסיוו. ניט זיי טוען עפּעס; עפּעס ווערט מיט זיי געטאָן.

גאַנץ אַנדערש, ווען מען טרעט אַריין אין פּרצעס וועלט. ס׳איז אמת, אַז איר קאָנט דאָרטן געפינען שריפטן, וועלכע אויך אַן אַנדערער וואָלט געקאָנט אָנשרייבן ניט ערגער פאַר אים. פאַראַן אָבער זאַכן, וואָס זיינען ריין־פּרציש. גראָד זיי זיינען דאָס רוב אָנגעלאָדן מיט אַ קאָנצענטרירטער ענערגיע, וואָס רייסט זיך צו אַקטיוויטעט, ווי צ. ב. אין דער דערציילונג „צווישן צוויי בערג״, און דערביי איז פּרץ ניט דרויסן פון די העלדן, נאָר אין זיינע העלדן און פּאַסירונגען. יענע העלדן פּרצעס, וואָס לאָזן איבער אַ שטאַרקן רושם אויף אונדז, זיינען דאָס רוב ווי אָנגעלאָדענע וואָלקנס, פון וועלכע עס רייסן זיך אַרויס דונערן און בליצן.

און אויך דער כאַראַקטער פון פּרצעס טאַלאַנט, — סיי אין זיינע קינסטלערישע ווערק, סיי אין זיינע עסייען, פעליעטאָנען און רעדעס, — מאַכט דעם איינדרוק, ווי פּרץ וואָלט תּמיד געווען עלעקטריש באַלאָדן. אויך זיין טאַלאַנט אין די בעסערע ווערק לאָדט זיך אויס אין כּסדרדיקע בליצן.

האָט מען דאָס אין אויג, ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס גראָד פּרץ איז געוואָרן דער פאָטער און פירער פון די אויפקומענדיקע יידישע שריי־בער. יעדער פירער ווערט אַרויסגעבראַכט פון דער נויט פון דער צייט. אין דער צייט, — דעם סוף פאַריקן יאָרהונדערט און אָנהויב אונדזער יאָר־הונדערט, — איז אין די יונגע יידישע דורות, סיי ביי די אַרבעטער, סיי ביי דער אינטעליגענציע, געבאָרן געוואָרן דער ווילן צום קאַמף. זיי האָבן זיך געריסן צו אַקטיוויטעט. פּרצעס טאַלאַנט, אַן אָנגעלאָדענער מיט אַקטיוויטעט און קאַמף, איז געווען אין דער זעלביקער צייט אי דער אויס־

דרוק פון דער עפּאָכע, אי די קראַפט, וואָס האָט איר געהאָלפן צו פאַרשטיין און צו באַשטימען זיך אַליין.

נאָר ניט נאָר די פּראָבלעמען און די עלעקטרישע אָנגעלאָדנקייט פון דעם טאַלאַנט, עס איז פאַראַן נאָך אַ דריטער מאָמענט, וואָס האָט געהאָלפן פּרצן צו ווערן די צענטראַל־פיגור אין אונדזער ליטעראַרישער אַנט־וויקלונג: דאָס איז די פאַרפלעפנדיקע פיל־געשטאַלטיקייט פון פּרצעס שאַפן און די איינהייטלעכע טענדענץ, וואָס הערשט אין איר. אויך אָט דער מאָמענט איז ענג פאַרבונדן מיט דעם נאָר־וואָס געגעבענעם גרונט־שטריך פון פּרצעס טאַלאַנט, — זיין אַקטיוויטעט, זיין אָנגעלאָדנקייט מיט ענערגיע, — נייַן, איך וואָלט זאָגן, זיין אָנגרייפערישקייט.

די פיל־געשטאַלטיקייט און פיל־קאָלירקייט פון פּרצעס שאַפן איז שוין לאַנג באַמערקט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַרישער קריטיק. דרויסנלעך מאַכט זי דעם איינדרוק פון צעריסנקייט, שיער ניט צעפּולווערטקייט. בעמט איר פּרצן דעם קינסטלער, געפינט איר אין אים די אָפּשפּיגלונג שיער ניט פון אַלע אַרטן קונסט־שאַפונג. אָט איז ער דער נאַטוראַליסט, אָט איז ער דער רעאַליסט, אָט — דער ראָמאַנטיקער, דער אימפּרעסיאָניסט, דער סימבאָליסט. נעמט איר זיין שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען, קאָנט איר רעדן וועגן פּרצן דעם נאַציאָנאַליסט, דעם פריידענקער, דעם חסיד, דעם אָנהענגער פון אַ געוויסער יידישקייט, — צולעצט, פון אַ פרומער שול־יידישקייט. — אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן איז י. ל. פּרץ דער שאַרפער סאָציאַלער סאַטיריקער, דער פאַרטיידיקער פון אונטערדריקטע, אָבער מיט אַ שטענדיקן וואַקלען זיך צווישן סאָציאַליזם און אַ ריין־אינדיווידועלן אַנאַרכיזם.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אָבער געשפּירט, אַז ווי צעריסן פּרץ זאָל ניט זיין, איז ער אָבער פאָרט איינער און דערצו אַ גאַנצער. זיין פיל־געשטאַלטיקייט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פיל־קאַנטיקער פּיראַמידע, וואָס אירע ליניעס, וועלכע שטייען אונטן ווייט אָפּ איינע פון דער אַנדערער, לויפן זיך פאָרט צונויף אין איין פּונקט, אין דעם שפּיץ פון דער פּיראַמידע. און אַז גראָד אָט דער שפּיץ איז פאַרדעקט, ווייזט אויס, מיט אַן אייביקן וואָלקן.

מיט יאָרן צוריק האָט מיך פאַראינטערעסירט אָט דער פּרץ־פּראָבלעם: די איינהייט און גאַנצקייט אין זיין פילקייט און צעריסנקייט. איך האָב געזוכט פּרצעס איינהייט אין זיין וועלט־באַנעם, אויף וויפיל ער קאָן אַרויסגעדיסטילירט ווערן פון זיין ריין־פילאָסאָפישער מעשהלע: „דריי מאָל גערופן״. איך האָב וועגן פּרץ, דעם דענקער, דעם קינסטלער, דעם

יידן געהאַלטן אָפּטמאָל אַ זייער לאַנגע לעקציע, און וועלכער איך פּלעג מיך באריכות אָפּשטעלן אויף דעם פֿילאָסאָפֿישן אַנאַליז פֿון אָט דער טיפֿער און כאַראַקטעריסטישער מעשהלע.

עס וואָלט איצטער אַוועקגענומען ביי אונדז צופֿיל צייט, ווען איך וואָלט מיך אַריינגעלאָזן אין די פּרטים פֿון יענעם אַנאַליז. אָבער אייניקע מאָמענטן — די וויכטיקסטע, — מוז איך דאָ אַרויסברענגען. איך וויל אָבער גלייך פֿון אָנהייב באַמערקן, אַז אויך אָט דער אַנאַליז און די רעזול־טאַטן, צו וועלכע ער פֿירט, קאָנען ניט פּרעטענדירן צו געבן אונדז דעם גאַנצן פּרצן, אין זיין אפשר אויף אייביק פֿאַרבאָרגענער איינהייטלעכקייט. אָבער ער גיט אונדז אַ וויכטיקן כאַראַקטער־שטריך, וואָס באַלייכט אונדז פֿילעס אין פּרץ, דעם דענקער, דעם קינסטלער, דעם יידן.

אין יענער מעשהלע דערציילט פּרץ וועגן איינעם, וועמען מען האָט — אין אַ חלום, נאַטירלעך — דריי מאָל גערופֿן אין לעבן. איינמאָל איז דאָס געווען גאָר יונגערהייט אין דער שטאָט באַגדאַד. אין יענער שטאָט איז געשטאַנען זייער אַ הויכער טורעם, וואָס האָט אָבער געהאַלטן אין שטענדיקן, לאַנג־אָנדויערנדיקן איינזינקען אין דער ערד.

וואָס איז די מעשה מיט דעם טורעם? פֿאַר וואָס זינקט ער? די מעשה דערפֿון איז, וואָס דער געוואַלדיקער ריז נמרוד האָט געקעמפֿט אַנטקעגן גאָט, האָט פֿאַרלאָרן זיין קאַמף און איז פֿאַרמשפּט געוואָרן איינגעזונקען צו ווערן. האָט ער גענומען זינקען, שטייענדיק אויף זיינע פֿיס און אַלץ ניט אויפֿגעבנדיק זיין קאַמף. און ווען ער איז שוין געווען פֿאַרזונקען ביז איבער דער ברוסט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם הויכן באַגדאַדער טורעם און אָנגעטאָן אים, ווי אַ קיווער אויף זיין קאָפּ, כדי דורך דעם טורעם אָנצוצייגן דעם הימל זיין, נמרודס, אומגעבראָכענעם ווילן, זיין ניט־איינגעשטילטן רעוואָלט.

דער דערציילער שילדערט, ווי אַזוי אַן אינעווייניקסטער דראַנג האָט אים געטריבן צו קלעטערן פֿון איין גאָרן אויף דעם אַנדערן אין די אַזוי פֿילע גאָרנס פֿון דעם טורעם, און ווי די וועלט זעט אים אויס פֿון יעדן גאָרן: „מיך טרייבט עפּעס“ — זאָגט ער — „. . . אַרויף טרייבט עס, אַרויף און אַרויף.“ ווען ער איז שוין געווען אויף דעם העכסטן גאָרן, האָבן די טיילן פֿון דער וועלט אונטן פֿאַרלאָרן זייערע קאָנטורן, זייערע באַשטימטע פֿאָרמען און זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינצלנע פּינטעלעך.

דער סוף אָבער פֿון אָט דעם שטענדיקן געטריבן־זיין אַרויף און אַרויף

איז געווען, אַז ער קאָלערט זיך אַראָפּ פון טורעם, אַן אַלטער, אַ מידער, אַ גראָער.

דאָס איז געווען דער ערשטער רוף. דער צווייטער רוף איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. אויך ער האָט זיך געענדיקט מיט אַן אומדערקלערלעכער רעטעניש. פון אָט דעם רוף וועלן מיר דאָ ברענגען נאָר די פראַגע, וואָס פּלאָגט אים, אָט די, וואָס איז אים אַזוי אומדערקלערלעך: „וואָס איז דאָס, וואָס באַוועגט אונדז, וואָס שאָקלט אונדז, וואָס יאָגט אונדז? נישט איר ווייסט, נישט איך, נישט מיר וועלן וויסן.“

דער דריטער רוף איז שוין גראָד געווען אַ קלאָרער, ווייניקסטנס לויט זיין לעצטן ציל. דאָס איז געווען דער רוף פון דעם טויט. אָבער אין אָט דעם רוף איז ווידער געלעגן אַ רעטעניש: די אומדערקלערלעכקייט פונעם לעבן.

פאַרן אַוועקגיין פון דעם לעבן ווענדט ער זיך צו יענער מאַכט, וואָס נעמט אים אַוועק: צוליב וואָס האָט ער געלעבט? „צי בין איך, זאָגט ער, נאָר דיין ווערקצייג געווען, דיינע צוועקן געדינט און אַצינד, אַז דו דאַרפסט מיך מער ניט, מוזטו מיך צעשמעטערן?“ און קיין ענטפער אויף דער שאלה איז ניטאָ. פּראָטעסטירט ער: „איך האָב אַפילו קיין רעכט ניט צו וויסן, צו וואָס איך האָב דיר גענוצט?“

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט אָט דאָס מעשהלע, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז פרץ, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט אַן אינעווייניקסטן בליק אויף דעם מהות פון וועלט און לעבן, און אַז ער מיט זיך דורך די פאַרשיידענע פּרטים פון דער דערציילונג אַרויסברענגען אָט דעם אינעווייניקסטן בליק ניט אין פילאָסאָפיש־קלאָרע געדאַנקען און טערמינען, נאָר אין דער שילדערונג פון פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען און שטימונגען.

דער בוים פון דער פילאָסאָפישער דערקענטעניש איז, כידוע, זייער פיל־צווייגיק. עס האָט מיך פאַראינטערעסירט די פראַגע: אַרום וועלכן פון יענע צווייגן אָדער ריטלעך פלאַטערט אַרום פרצעס נשמה, זוכנדיק, וואו צו בויען איר נעסט אין דער וועלט פון דעם מענטשלעכן געדאַנק?

דער פילאָסאָפישער בוים האָט צוויי הויפּט־שטאַמען: דעם מאַטעריאַליסטישן און דעם אידעאַליסטישן. עס איז קלאָר, אַז דער הויפּט־שטאַם פון דעם מאַטעריאַליזם קומט דאָ ניט אין באַטראַכט. אויב מען איז אַ מאַטעריאַליסט, איז — וואָס שייך צו פרעגן: „וואָס טרייבט מיך?“ אפשר איז די לעבער ניט אין דער אָרדענונג, און אָנשטאָט צו קלעטערן

פון גאָרן אויף גאָרן, אַלץ העכער און העכער, דאַרף מען גאָר איינגעמען פילן, צי טראָפּנס.

מוזן מיר זוכן פּרצעס פילאָסאָפישע נשמה ערגעץ־וואו אויף דעם אידעאַליסטישן שטאַם. אָבער אָט דער שטאַם גייט זיך ווידער פאַנאַנדער אין צוויי: מיר האָבן דאָ אַ וועלט פון ריינעם אידעאַליזם, פון הוילע אידייען, פון אייביקע געזעצן, און אמתן, ווי צ. ב., אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר. דער עצם פון דער וועלט איז לפי דעם אַן אידייען־וועלט, וואָס באַשטייט פון קלאָרע אידייען, ווי די שטערן אין הימל אין אַ רואיקער פּראַסטיקער נאַכט. און יעדע אידייע איז דרויסן פון דער אַנדערער. און יעדע אידייע איז אין זיך גופא און ווערט פון קיין גייסט ניט אַרויסגעבראַכט. צוויי מאָל צוויי איז פיר, — דאָס איז אַן אמת, אַן אידייע, אַלץ איינס צי איינער דענקט דאָס, אָדער ניט.

אָבער דער זעלביקער אידעאַליזם אין דעם וועלט־באַנעם קאָן גע־טראַכט ווערן ניט ווי אַ וועלט פון אידייען, וואָס זיינען אין זיך גופא, אייביק און אומבאַוועגלעך, נאָר ווי אַ גייסט, וואָס ברענגט אַרויס די אידייען.

עס איז ניט שווער צו באַווייזן, אַז פּרץ האָט אין זיין פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם זיך ניט געקאָנט באַפרידיקן מיט אַן אומפּערזענלעכער אידייען־וועלט, וואָס עקזיסטירט אייביק דרויסן פון אַ וועלכן עס איז דענקענדיקן גייסט. ער וויל האָבן אין דער וועלט אַ וועלט־גייסט, אַ גייסטיקע מאַכט, אַ צונויפגעפּרעסטע אין זיך, וואָס איז דער לעצטער מקור פון יעדן געדאַנק און פון יעדער באַוועגונג.

אָבער דערמיט זיינען מיר נאָך ווייט־ווייט ניט פאַרטיק. עס וואַקסט ווידער אויס אַ נייע שאלה: וואָס איז דער תוך פון אָט דער גייסטיקער וועלט־מאַכט? איז דאָס דער קלאָרער שכל, דער גאָט פון אַריסטאָטעלעס און דעם רמב״ם, וואָס באַפרידיקט זיך מיט זיין אייגענעם קלאָרן דענקען? אָדער איז דער עצם פון דעם וועלט־גייסט ניט דער קלאָרער שכל, נאָר אַ שטרעבן, אַ ווילן עפּעס אַרויסצוברענגען, עפּעס צו באַשאַפן? מיר האָבן דאָ פאַר אונדז איינס פון די גרעסטע פּראָבלעמען אין דעם פילאָסאָפישן דענקען סיי וועגן דעם תוך פון דער גאַנצער וועלט, סיי וועגן דעם מהות פון אַ מענטשלעכער נשמה.

וואָס איז די שטאַרקסטע דיריגירנדיקע קראַפט: דער שכל, דער אינטעלעקט מיט זיינע קלאָרע געדאַנקען, אָדער דער ווילן מיט זיינע געפילן, ליידנשאַפטן און אינטערעסן? פילאָסאָפיש גערעדט, איז דאָס דער קעגנזאַץ צווישן דעם אינטעלעקטואַליזם און דעם וואָלונטאַריזם. פּרץ שטעלט זיך קלאָר אַוועק אויף דער זייט פון דעם וואָלונטאַריזם.

ווילן! — אָט דאָס איז די הויפּט־זאַך! און דער ווילן ווערט אין דער לעצטער ליניע ניט דיריגירט פון דעם שׂכל. אין זיין שטרעבן אַרויף און אַרויף אין דעם טורעם פון באַגדאַד, — נאָך אַלץ אין דעם ערשטן „רוף", קאָן דער שטרעבנדיקער זיך אַליין ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון, וואָס עס טרייבט אים.

„ווער רופט מיך? — פרעגט ער. ווער האָט עס מיר צו באַפעלן?... מיר זיינען די פיס געשוואָלן, אָטעם פעלט, און עס רופט און רופט אַלע מאָל געדיכטער, אַלע מאָל שאַרפער. אַלץ העכער רופט עס און העכער... קיין רגע רו, קיין פרייע רגע..." „איך וויל און איך מוז."

אָבער וואָס וויל ער? אויך דאָ, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין דעם מהות פון דעם ווילן, צי איר וועט דאָס נעמען פילאָסאָפיש, ווי אַ וועלט־ווילן, אָדער נאָר פסיכאָלאָגיש, ווי אַ מענטשלעכן ווילן, באַמערקן מיר ווידער אַ טאָפּלטקייט, אַ פאַנאַנדערצווייגונג אין צווי ריכטונגען. פאַראַן אַ ווילן, וואָס וויל נאָר די באַפרידיקונג, דאָס רואיקע גליק פון אַן איינגעשטילטער באַדערפעניש; דאָס איז אַ ווילן צו דעם פאַרטיקן פראָדוקט, וואָס גיט די באַפרידיקונג, ווי צ. ב. די שפייז. און עס איז פאַראַנען אַ ווילן ניט אַזוי צו אַ באַשטימטער באַפרידיקונג, נאָך וועלכער מען קאָן זיך אויסרוען. עס איז אַ ווילן צו דער טאַט, צו דעם פּראָצעס פון עפּעס אַרויסברענגען, באַשאַפן, דעם פּראָצעס פון עפּעס אויספירן. און דער עיקר איז דערביי ניט דער אויספיר, נאָר די שטענדיקע ענערגישע אָנגעשטרענגטקייט.

וועגן דעם שטרעבנדיקן מענטשן אויף דעם באַגדאַדער טורעם, אָדער טאַקע וועגן זיך אַליין, זאָגט פּרץ, ווי מיר האָבן געזען: „מיך טרייבט עפּעס. אַרויף טרייבט עס, אַרויף און אַרויף." עס איז קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר ניט צו טאָן מיט אַ באַדערפעניש, וואָס דאַרף איינגעשטילט ווערן. דאָס איז אַ ווילן צו אַ טאַט: אַ טאַטן־דורשטיקער ווילן.

נאָך איין שריט אין אונדזער אַנאַליז און מיר וועלן האָבן דעם תמצית פון פּרצעס בליק אויף דעם ווילן, ווי אַ וועלט־קראַפט, און ווי אַ ריין־מענטשלעך שטרעבן.

די טאַט, יעדע מענטשלעכע טואונג, האָט דאָס רוב צו טאָן מיט אַ טויטן פּאַסיוון מאַטעריאַל, אויף וועלכן דער מענטש אַרבעט, אָדער מיט וועלכן ער שפּילט זיך, ווי דער סקולפּטאָר מיט דעם ליים, צי דער מאָלער מיט די פאַרבן. עס איז אָבער פאַראַן אַ טאַט, וואָס איז אַ קאַמף ניט מיט פּאַסיווע שוועריקייטן און מניעות, ווי דער קאַמף פון דעם מענטשן מיט דער דרויסנדלעכער נאַטור.

עס איז פאַראַן אַ טאַט, וואָס איז אַ קאַמף מיט אַן ערנסטן שטאַרקן קעגנער. דאָס ציל פון דעם קאַמף איז דעמאָלט דער נצחון, דער טריאומף, דאָס וועלן גובר זיין דעם קעגנער, אַרויפשטעלן דעם פוס אויף זיין נאַקן, און באַלד דערנאָך ווידער אָנגעצונדן ווערן מיט אַ נייעם קאַמף, מיט אַ נייעם דורשט נאָך נצחון, נאָך טריאומף איבער אַ קעגנער.

פּרצעס טאַטן־דורשטנדיקער ווילן, — וועלכע טאַטן ציען צו זיך זיין נשמה, ווי אַ מאַגנעט? ניט די פרידלעכע אַרבעט, צי דער הנאהדיקער שפּיל מיט דעם טויטן מאַטעריאַל, נאָר גראָד דער קאַמף, די צו־טריאומף־שטרעבנדיקע טאַט, — אָט דאָס איז וואָס ווירקט מאַגנעטיש אויף פּרצעס נשמה. און אויב ניט קיין טריאומף, מוז דאָס זיין לפּחות אַ ניט־אונטערגעבן זיך אין דעם קאַמף. דערמאָנט זיך אָן דאָס בילד פון נמרודן, וואָס קעמפט אַנטקעגן דעם הימל, וואָס ווערט איינגעזונקען, אָבער וואָס שטאַרבט שטייענדיק אויף די פיס, אָן פחד, אָן קאָמפּראָמיס, אָן אונטערגעבן זיך.

לויט דעם רעזולטאַט פון אונדזער אַנאַליז, קאָנען מיר דעריבער זאָגן, אַז פאַר פּרצן איז וויכטיק אין דער וועלט און אין דעם מענטשלעכן לעבן די קאָנדענסירטע גייסטיקייט, אָבער אין אַ גאַנץ־באַשטימטער פאָרם. דאָס איז די גייסטיקייט אין דער פאָרם פון אַ שטרעבן צו העלדישע טאַטן; פון אַ שטרעבן גובר צו זיין אַלץ, וואָס שטעלט זיך אין וועג דעם ווילן; עס איז אַ טאַטן־דורשטיקער שטרעבן פון דער קאָנדענסירטער גייסטיקייט צו נצחון, צו טריאומפירן איבער יענער ווירקלעכקייט, וואָס וויל ניט וויסן פון איר, אָדער וואָס וויל זי טרעטן מיט די פיס; דאָ איז אַ שטרעבן, אין ערגסטן פאַל, ניט אונטערצוגעבן זיך, אַפילו ווען מען האַלט אין פאַרלירן.

אַלע טרעפלעכע שריפטן פּרצעס טראָגן אויף זיך די קלאָרע סימנים פון אָט די גרונט־מאָטיוון. אין זיי איז ער דורכאויס אָריגינעל, דורכאויס פּרץ. און גראָד זיי לאָזן איבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק.

אָט דער צונויפגעפּרעסטער, טאַטן־דורשטיקער ווילן צו פאַרשאַפן דעם גייסט דעם פולן נצחון איבער אַלץ, וואָס אים שטייט אין וועג, דריקט זיך אויס ריין־טעכניש אין יענע מעשהלעך פּרצעס, וואו עס ווערן אַרויס־געפירט ריין־מאַטעריעלע חפצים, — אַ לאָמפּ אָדער אַן אַלטער שוך, אַן אַלטער קלאָץ אין מיטן מאַרק און דערגלייכן. אומעטום זעען מיר אין זיי דעם איבערוואָג פון גייסט איבער מאַטעריע.

איין מעשהלע אַזאַ הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אין מיטן מאַרק ליגט אַן אַלטער פוילער קלאָץ...“ גאָט מיינער! אויך אָט דער אַלטער פוילער קלאָץ ווערט ביי פּרצן אַ העלד שיער ניט פון אַ טראַגעדיע. די מעשה דערפון אָבער איז, וואָס אָט דער פוילער קלאָץ, ווען ער איז נאָך

געווען יונג און געוואַקסן אין וואַלד, האָט ער געטרוימט, אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אַ זעגל־בוים; אַז אויף אים וועט מען אָנשפּאַנען די לייוונטן פון די גרויסע אָקרענטן, וואָס שניידן די וואַסערן פון די גרויסע ימ׳ען...

אָדער דאָס מעשהלע, ווי דער הענג־לאָמפּ זאָגט מוסר צו דעם טיש־לאָמפּ, מיט אַ קלאָרן סאָציאַלן אינהאַלט, אויף וועלכן מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן. אָדער דאָס מעשהלע „מיסט־חלומות״, וואו צ. ב., צווישן אַנדערן אַלטוואַרג אויף דעם מיסט־הויפן געפינען זיך אויך צוויי אָפּצאַסן, איינער פון אַ רעכטן שוך, דער אַנדערער פון אַ לינקן שוך, און זיי קאָנען ניט הויזן איינער מיט דעם אַנדערן...

אין דער לעצטער צייט האָט דער פּאָעט א. לוצקי באַוויזן אמתע גאונות אין קאָנען טויטע שטיקלעך מאַטעריע, אַ האַלב־אויסגעברענטע שוועבעלע, אַ שטיקל פּאַפּיר, אַרומוועבן מיט מאָטיוון פון אַ מענטשלעכן לעבן. דאָ גייט לוצקי אין אַ וועג, וועלכן פּרץ האָט אויסגעטראָטן. און דערצו האָט איר ניט ביי לוצקין דעם טיפן סאָציאַל־סאַטירישן, צי אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגיש־באַדייטנדיקן אינהאַלט, וועלכע פּרץ ברענגט אַרויס אין אַזוינע מעשהלעך.

די טאָטן־דורשטיקייט ברענגט אויך אַרויס ביי פּרצן, דעם קינסטלער, דאָס שטרעבן צו מאָלן נשמה־צושטאַנדן און פּאַסירונגען דורך כאַראַק־טעריסטישע האַנדלונגען, אין וועלכע עס דריקן זיך אויס די געדאַנקען, געפילן, די ווילנס־שטרעבונגען פון די פּאַרשוינען.

די גייסטיקייט דריקט זיך אויס אין דאָס רוב טעמעס פון זיינע שילדערונגען, וואו זי טריאומפירט אַלע מאָל איבער דער איר פיינטלעכער ווירקלעכקייט, אַפילו ווען אָט די גייסטיקייט פּאַרלירט פיזיש דעם קאַמף. ווייל אויך דער טריאומף און דער נצחון מוז ניט דווקא זיין אַ פיזישער טריאומף, נאָר אַ ריין־מאָראַלישער; דער נצחון באַשטייט אין דער ניט־געבראָכנקייט פון דעם אייגענעם געראָכטן ווילן. דערביי גיט פּרץ, נאַטיר־לעך, אַלע מאָל די אויבערהאַנט דעם האַרצן איבער דעם שכל, דעם ווילן און דער אַקטיוויטעט איבער דעם געדאַנק. אַזוי הייסט עס, צ. ב., אין דער מעשהלע „אַ קאַפּיטל תהילים״: „ווען אַן אורח חיים האָט מחשבות, כוונות, השגות, האָט דער פּראָסטער ייד אַ יד און אַ האַק אין דער יד און קלערט ניט און וואַרפט וואו מען דאַרף און טרעפט.״

אָט די צונויפגעפּרעסטע גייסטיקייט, מיט איר דורשט צו מעשים און צו טריאומף, כאַראַקטעריזירט, האָב איך געזאָגט, צו גאָר אַ גרויסן גראַד פּרצן, ניט נאָר דעם דענקער, ניט נאָר דעם קינסטלער, נאָר אויך פּרצן

דעם יידן. אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע זעט פּרץ, אַזוי צו זאָגן, אַ פּירוש אויף זיין אייגענער נשמה־פילאָסאָפיע. ער רעדט וועגן דער „בלוטיקער שיינקייט" פון אונדזער גלות־לעבן. דאָס שליסט אויס אין דער ערשטער ליניע די אַסימילאַטאָרישקייט. און ווי קאָן דען פּרץ זיין אַן אַסימילאַטאָר? אַסימילאַציע וואָלט דאָך געהייסן זיך אונטערגעבן, זיך אָפּ־זאָגן פון דעם קאַמף. די „בלוטיקע שיינקייט" פון דעם גלות־לעבן איז אויך אַן אָפּלייקענונג פון ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע ענד־צילן, ווייל דאָס וואָלט דאָך געהייסן אַנטלויפן פון דעם שלאַכטפעלד.

אַן אַנדערש מאָל קאָן זיך דוכטן, אַז פּרץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער שאַפונג אין יידיש, ווי נמרוד, וואָס האָט געהאַלטן אין איינזינקען, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם טורעם פון באַגדאַד. פּרץ האָט אָנגעטאָן די יידישע שאַפונג ווי אַ טורעם אויף זיין קאָפּ, כדי אין דעם אונטערגאַנג גופא צו דעמאָנסטרירן דעם אומגעבראָכענעם ווילן צו קאַמפן און טריאומף.

אָבער אַזאַ אויסטייטש וואָלט געווען פאַלש. איך ווייס ניט, צי פּרץ איז ווען עס איז געווען אַן אַסימילאַטאָר, אָבער בעת ער איז געוואָרן דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז ער געווען ווייט פון אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן. ער איז ניט געוואָרן קיין ציוניסט, ווייל דער גאַנצער אידעאַל פון אַ יידישער אידיליע אין אַ קליינעם לענדעלע האָט אים ניט אימפּאָנירט. אַזוי האָט ער מיר פערזענלעך דערקלערט אין טשער־נאָוויץ. הייסט עס, אַז פּרצעס אויסדרוק: „די בלוטיקע שיינקייט פון אונדזער גלות־לעבן" באַדייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער אַזוי־אָנגע־רופענער „גלות־נאַציאָנאַליזם". יאָ, פּרץ האָט געגלויבט, אַז דווקא אין די גלות־לענדער האָט דאָס יידישע פאָלק אַ גרויסע אַלגעמיין־מענטשלעכע מיסיע, — ניט די טעאָלאָגישע מיסיע פון דעם מאָנאָטעאיזם, וואָס וועגן דעם רעדן די יאַהודים, נאָר די פילאָסאָפישע מיסיע, אַרויסצוברענגען פאַר דער וועלט דעם אמת פון הארצן, דעם אמת פון אַ געלייטערטן מענטשלעכן ווילן.

די גייסטיקע טראַגעדיע פון דער מענטשהייט דערבליקט פּרץ אין דעם קעגנזאַץ פון יענע צוויי שטראָמען, וואָס ווערן רעפּרעזענטירט אין דער געשטאַלט פון „שלמה המלך" פון איין זייט און דער געשטאַלט פון פיל־געפּרואווטן „איוב" פון דער אַנדערער. אַ סינטעז פון אָט די צוויי שטראָמען, פון דעם אָפּטימיזם און דעם פּעסימיזם, וועט, האָט פּרץ גע־גלויבט, ברענגען די גייסטיקע גאולה. אָט דעם סינטעז דאַרף אַרויס־ברענגען אַ נייער יידישער נביא, אַ נביאימשער דיכטער, אין דער נייער שפּראַך — יידיש, די שפּראַך פון דעם „פּראָסטן יידן", אויב דער נביא

וועט דורכגעדרונגען ווערן מיט דער ביבלישער אַלט־העברייאישער פּאָעזיע.

אונדזער יידישע נאַציאָנאַלע גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט דאַרפֿן מיר דעריבער אָנשטרעבן ניט צוליב אונדז אַליין, נאָר צוליב דער גייסטיקער גאולה פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

מיט אָט די פּאָר אויבערפֿלאַכלעך־אָנגעוואָרפֿענע געדאַנקען מוז איך מיך היינט באַנוגענען וועגן פּרצן.

עס קאָן ניט זיין מיין היינטיקע אויפֿגאַבע צו קריטיקירן פּרצן דעם דענקער און דעם יידן, באַוואונדערנדיק אין אים נאָר זיין רייכע נשמה, זיין ריזן־גרויסע שאַפֿונגס־קראַפֿט, זיין אויסטערליש־אָריגינעלן טאַלאַנט. איך האָב נאָר געוואָלט קורץ סקיצירן וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט זיין גרויסע השפּעה אויף זיין דור און אויף די אויפֿקומענדיקע דורות פֿון יידישן ליטעראַרישן שאַפֿן, — אַזאַ השפּעה, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען די פֿולע פּאַרקערפּערונג פֿון אונדזער יונגער ליטעראַטור. אין קורצן קאָן דאָס אויסגעדריקט ווערן אַזוי: אין דעם סוף אַכציקער און אין די ניינציקער יאָרן פֿון דעם פֿאַריקן יאָרהונדערט, איז ביי אַ גרויסן טייל פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט און פֿון דער יידישער אינטעליגענציע דערוואַכט געוואָרן דער ווילן צו אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און צו אַ קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די העכסטע אידעאַלן סיי אין דעם אייגענעם יידישן לעבן, סיי אין דעם לעבן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. פּרצעס שאַפֿן איז געווען דער בערסטער אויסדרוק פֿון אָט־דעם אויפֿגעוואַכטן ווילן צו לעבן און צו קעמפֿן און ניט אונטערצוגעבן זיך, ווי עס זאָל זיך אַמאָל ניט דוכטן, אַז די ערד וויל אונדז איינשלינגען.

קעמפֿן! שטרעבן צו טריאומף דורך די העכסטע קרבנות! — דאָס איז פּרצעס רוף; דערפֿון זיין ווירקונג. דאָס איז אויך זיין צוואה צו די דורות.

1940

דער מענטש־פּראָבלעם ביי שלום־עליכם

דער שלום־עליכם־קולט — אַ שטילער קולט אין אפשר הונדער־טער טויזנטער הערצער — וואו האַלט דאָס מיט אים? האַלט ער אין וואַקסן? אין שטיל־שטיין? אין צוריקגיין? מיר ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך אין אָט־דעם פּרט ביי דעם יידישן פאָלק. מיר ווייסן אָבער, אַז אונדזער גרויסער קלאַסיקער איז, פאַר זיינע בעסטע שאַפונגען, ווערט, ער זאָל לעבן אין די הערצער פון דעם פאָלק, אַרומגערינגלט מיט שטראַלן פון ליבע און פאַרערונג.

פון אייניקע קרייזן טראָגן זיך שטימען, אַז שלום־עליכם איז שוין „אַלטוואַרג". דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט, און די מענטשן, וואָס ער פירט אַרויס, האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט. פאַר די יונגע דורות — און בפרט דאָ אין לאַנד — זיינען זיי געוואָרן „אומפאַרשטענדלעך". אָבער די באַקאַנטע פאַקטן פון אונדזער מאָדערנער שול־וועלט לייקענען דאָס אָפּ. שלום־עליכם איז נאָך עד היום דער ליבסטער שרייבער אויך ביי דער יידישער יוגנט. און דאָס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. ווי איז דאָס מיט האָמערס געזאַנגען, וואָס שילדערן דאָס לעבן און די העלדן פון פאַר־טויזנטער יאָרן צוריק? ווי — מיט „דאָן־קיכאָט"? מיט ראַבעליעס פאַנ־טאַגראָעל? מיט דעם לעבן און די העלדן אין שעקספּירס דראַמען? לעבן מיר דען אין זייערע צייטן? ניין! זיי לעבן אין אונדזער צייט. און מיט „זיי" — מיין איך די קונסט־ווערק, אין וועלכע זיי ווערן געשילדערט.

אויף גרויסע קונסט־ווערק האָט די צייט קיין שליטה נישט, ווייל זיי גיבן אונדז אייביק־מענטשלעכקייטן אָפּט אין אַ צייטלעכן מלבוש. כדי איינ־טימער צו פאַרשטיין דעם צייטלעכן מלבוש, איז אָפּטמאָל נויטיק אַ קול־טור־היסטאָרישער פּירוש. אָבער דעם תוך פון דעם קונסט־ווערק דער־שפּירט מען אויך דורך אַ פרעמדער לעבנס־סצענעריע, אָן וועלכע עס איז פּירושים.

דער סאַמע לעצטער תוך פון אַלע גרויסע קונסט־ווערק, וואָס שלום־עליכם האָט אונדז איבערגעלאָזן, איז דער יידישער אָפּטימיזם, דער „כּי־

געשריבן אין 1933, צו דעם 50־יאָריקן יובילײ פון שלום־עליכמס אַרויסטריט אין דער יידישער ליטעראַטור.

טוב״, וועלכן דער „בראשית ברא״ האָט אַרויסגעטראָגן אויף דעם גאַנצן באַשאַף, אויף דער נאַטור און אויף דעם מענטשן; דער „כי־טוב״, וועלכן שפּינאָזאַ האָט איבערגעזעצט פון דער טעאָלאָגישער שפּראַך אין דער פילאָסאָפישער. איך ווייס נישט, צי שלום־עליכם איז אין זיין וועלט־באַנעם געווען אַ פּאַנטעאיסט, אַן אָנהענגער פון דעם גלויבן, אַז גאָט איז וועלט און אַז אַלץ אין דער וועלט איז געטלעך. אָבער די פּאַנטעאיסטישע לופט ווייעט אין יעדער בעסערער אַרבעט זיינער. זיכער איז, אַז אין זיין לעבנס־בליק האָט געהערשט אַ מאָדיפיקאַציע פון פּאַנטעאיזם, וואָס איך וואָלט אָנגערופן פּאַן־הומאַניזם. ווען מען וואָלט געדאַרפט פאָרמולירן „על רגל אחת״, וואָס אַזוינס איז שלום־עליכם אין זיין מיסיע ווי אַ קינסטלער, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז געווען דער מליץ־יושר אויף דעם מענטשן, דער נביא, אָדער דער אַפּאָסטאָל פון צופרידנקייט מיט דעם מענטשן, ווי ער איז, פון דעם „כי־טוב״, וועלכן ער טראָגט אַרויס אויף דעם מהות מענטש בכלל.

דאָס איז גאָר אַ וויכטיקער פּונקט אין יענעם אייביקן שטרייט, וואָס קומט פאָר צווישן דער אָפּטימיסטישער און פּעסימיסטישער שטעלונג צו מענטשן און לעבן. צו אָפט גייט דער פּעסימיזם האַנט אין האַנט מיט דער מיזאַנטראָפּיע, מיט דעם שטרענגן משפּט אויף דעם מענטש און זיין פאַרמשפּטונג. דאָס איז, חלילה, נישט קיין מענטשן־האַס, אפילו ווען די מיזאַנטראָפּיע איז עלול אַריינצופאַלן אין אים. דאָס איז מער בענקשאַפט נאָך דעם אידעאַלן מענטשן, ווי ער זאָל זיין. מיר הערן דאָס קלאָר אַרויס פון יענער מיזאַנטראָפּיע, וואָס ווערט געשילדערט אין שעקספּירס „טימאָן פון אַטען״, אָדער אין מאָליערס „אַלסעסט״.

פון דריי קוואַלן שלאָגט דער שטרענגער משפּט אויף דעם מענטשן: ערשטנס, איז עס די קריטיק פון דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט — דעם גורל פון אַ ווערעמל אין שטויב, וועלכן דער נאַטור־פּראָצעס קאָן אַלע ווײַלע צעטרעטן. דאָס איז דער באַזיס פון איובס פּעסימיזם, פון זיין קלאָג אויף דעם „אדם, ילוד אשה, קצר ימים ושבע רוגז״ (דער מענטש, פון אַ ווייב געבוירן, קורץ אין טעג און פול מיט אומרו). דער צווייטער קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט מיזאַנטראָפּיע, איז דעם מענטשנס אויפפיר, זיין באַגיין זיך מיט די מיט־מענטשן, די איינאָרדענונג פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. און אויך דאָס שטורעמט אַרויס פון איובס משפּט איבער גאָט און מענטש. און דריטנס, איז עס די קריטיק פון דעם מענטשנס כאַראַקטער, פון זיין גאַנצן פּסיכאָלאָגישן מהות, פון זיין גרויזאַמקייט און גראָזיקייט („כל האדם חציר״) און טעמפּקייט.

די גרויסע יידישע נביאים זיינען געווען אָפּטימיסטן. זיי האָבן גע־גלויבט אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דער וועלט און פאַר דער מענטש־הייט. זיי האָבן אויך געהאַט די ריכטיקע השגה פון דער גרויסער וועלט־מיסיע, וואָס דער מענטש האָט, ווען עס פעלט נאָר אַביסל צו זיין אַ גאָט („ותחסרהו מעט מאלהים״, — תהילים). אָבער — מיט וועלכע „עק־דעשן״ האָבן זיי דאָס געשטראָפט די מענטשן פון זייער צייט! תמיד איז פאַר זייערע אויגן געשטאַנען דער דואַליזם פון דעם „צדיק״ און דעם „רשע״. ערשט אין דעם „באחרית הימים״, ווען עס וועט זיין אַ נייער הימל און אַ נייע ערד און „גאָטס תורה״ וועט איינגעקריצט ווערן אין די מענטשלעכע הערצער („ועל לבם אכתבנה״, — ירמיהו) — ערשט דעמאָלט וועט דער נביאישער מענטש־באַנעם קאָנען שלום־מאַכן מיט דעם מענטשן. הימל־ווייט זיינען זיי פונעם מאַניסטישן, איינהייטלעכן „פאַן־הומאַניזם״.

אָבער גראָד ביי שלום־עליכמען, מער ווי ביי יעדן אַנדערן קינסט־לער אין דער וועלט־ליטעראַטור, איז אָט־דער פאַן־הומאַניזם געווען דער גרונט־טאָן פון זיין גאַנצן שאַפן. פון יעדער בעסערער נאָוועלע זיינער — דער קליינער, צי דער גרויסער — גייט דער מענטש אַרויס אַ גערעכט־פאַרטיקטער, מיט אַ קלאָרן „זכות־הקיום״ אויף דער וועלט. און אין זכות־הקיום ווערט אַרויסגעטראָגן בישט אַדאַנק „מילדערנדיקע אומשטענדן״, ניט אַדאַנק דעם געבאָט פון „מחילה וסליחה״, ווייל — וואָס זאָל מען נע־בעך טאָן? — „יצר לב האדם רע מנעוריו״ — אַ בעסטיע איז ער פון גע־בוירן אָן, אָדער ווייל: — „פאַרגיב זיי פאָטער, זיי ווייסן דאָך נישט וואָס זיי טוען״, ווי ישו דער נוצרי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיינע פייניקער. ניין! ביי שלום־עליכמען ווערט דער „זכות הקיום״ אָוועקגעשטעלט פאַר יעדן מענטשן. דער מענטש ווערט גערעכטפאַרטיקט אָט אַזוי ווי ער איז.

עס איז מיר נאָר איין פיגור פון זיין שאַפן באַקאַנט, וואו דער משפט ווערט אַרויסגעטראָגן אויף אַ מענטשן אין דער שאַרפסטער פאָרם. דאָס איז דער משפט אויף „יאָסעפיצן״, אָט יענעם משכיל, דעם קאַלטן בלוט־זויגער און הויט־שינדער, מיט טורגעניעווס אַ ראָמאַן אונטערן אָרעם. אָבער אויך דאָ פילט איר, ווי דעם קינסטלערס האַנט ווערט געפירט נישט פון האַס צו דעם מענטשן, נאָר פון פאַרבאָרגענעם טרויער, וואָס ביי „יאָסעפיצן״ איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק מענטשלעכקייט.

„מענטשן־ליבע״, „סימפּאַטיע״ — דאָ זיינען ווערטער, וואָס זיינען שוין צופיל אָפּגעריבן געוואָרן אין טאָג־טעגלעכן באַנוץ. ס׳איז צייט, מען זאָל זיי איבערגיסן אין קלאָרערע פורעמס. „סימפּאַטיע״ איז מיטגעפיל מיטן אַנדערן. מיטגעפיל איז מיטלייד און מיטפרייד. נאָך וועלכן געפיל פון

זיי האָט געבענקט שלום־עליכמס נשמה? וואָס פון זיי איז געווען דער סטימול פון זיין אַזוי בוילעט אויסגעשפּראָכענער מענטשן־ליבע? מיין איינדרוק איז: ס׳איז מער די מיטפּרייד איידער דער מיטלייד. „לאָכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן — האָט ער געוואָלט האָבן פּאַר אַ מאָטאָ. דער טייטש דערפון איז: פרייען זיך איז נאָרמאַל. דער מענטש איז גע־בוירן צו גליק און פרייד און צו מיטפרייען זיך מיט די אַנדערע מענטשן. דאָס דאַרף ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן! געוויס האָט מיטלייד געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין זיין שאַפן. עדות — זיין בעסט ווערק: „טוביה דער מילכיקער״ און די קרוין אין דעם בעסטן ווערק: חוה — אָט־די גלאָריפיקאַציע פון אַ מענטשנס הארצן, אָט־די פּאָעמע פון געלייטערטער רחמנות.

אָבער, ווי ווייט איז שלום־עליכם פון יענעם מאַרבידן, איך וואָלט געזאָגט: צעלאָזענעם מיטלייד, מיט וועלכן עס איז דורכגעזאַפּט דער אמת־קריסטלעכער, אין גרונט פּעסימיסטישער איינשטעל פון דעם נשמה־לעבן! ווי ווייט פון דעם שטרעבן „צו בוקן זיך פאַר יסורים״, ווי ער האָט געהערשט ביי אַ דאָסטאָיעווסקי! „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין!״ — דאָס איז אויך שלום־עליכמס לאָזונג: פריילעך זיין מיט אַלע מיט־מענטשן, ווייל זיי אַלע זיינען גערעכטפאַרטיקט און שוין ווי מענטשן, פאַר־דינען זיי פרייד און גליק.

דער איינשטעל שלום־עליכמס צו דעם „מענטש־פּראָבלעם״ איז, ווי מיר דוכט, נאָך ווייניק אויפגעקלערט געוואָרן אין דער קריטיק. די לי־טעראַטור־קריטיק האָט אין שלום־עליכמען בכלל אַ האַרטע נוס צו קנאַקן. און דאָס איז דערפאַר וואָס ער איז דער אינטואיטיווסטער פון אַלע אונ־דזערע שרייבער.

אינטואיטיווער אַריינדרינג אין אַ זאַך איז דער טייטש: נישט שטיין דרויסן פון דער זאַך, וואָס מען וויל באַטראַכטן אָדער שילדערן, נאָר זיין אינעווייניק אין איר אַזוי, אַז די זאַך אַליין זאָל רעדן דורך דעם באַטראַכ־טער אָדער דעם שילדערער. דאָס איז ווי אויפנעמען אַ מוזיקאַלישן מאָטיוו, מיט וועלכן די נשמה גיסט זיך אינגאַנצן צונויף. וואָס קען מען דעמאָלט טראַכטן וועגן דעם מאָטיוו? דער מאָטיוו טראַכט זיך אַליין אין אונדז; ריכטיקער: ער זינגט זיך אַליין אין אונדז, אָן אַ שום צוטראַכט. אַלע בעסערע שאַפונגען שלום־עליכמס זיינען אַזעלכע אינטואיטיווע מייסטער־שטיק. זעלטן קאָנט איר אויפדעקן אין זיי אַ שמץ פון אויסגעמוטשטן צו־טראַכט. זיי ווירקן פּונקט ווי דאָס לעבן אַליין — דאָס מענטשלעכע נשמה־לעבן — וואָלט דורך דעם קינסטלער געזונגען זיינע מאָטיוון.

אפילו אין זיינע ריין־הומאָריסטישע ווערק, וואו די קאָמישע סיטו־ציע איז אָפט בפירוש צוגעטראַכט און וואו דער קינסטלער, טאָקע ווייל ער באַגייט זיך מיט דעם ענין הומאָריסטיש, שטייט דרויסן פון דעם גע־שילדערטן לעבן, באַאורטיילט אים פון אַ דיסטאַנץ און חוזקט אים אויס, — דאָס רוב, גוטמוטיק, — אפילו אין אַזוינע ווערק, זאָג איך, ווערט אָפט פאַרגעסן די דיסטאַנץ, און מען פּליושקעט זיך מיט קינדערישער לוסט און פריילעכן געלעכטער אין די קאַסקאַדן פון זיין הומאָר.

אָבער איז דען שלום־עליכם אין דער אמתן נאָר אַ הומאָריסט? מערקט מען אין דער פּאָעמע „טוביה דער מילכיקער" אַ דיסטאַנץ צווישן קינסט־לער און דעם געשילדערטן לעבן? דערמאָנט זיך ווידער אין דעם בעסטן טייל פון דער פּאָעמע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חוה". טיפע אָרגל־טענער טראָגן זיך פון אַזוינע ווערק.

אַ מוזיקאַלישן מאָטיוו קאָן מען ניט באַשרייבן אין ווערטער, אין באַ־גריפן. פּונקט אַזוי קאָן מען אויך קריטיש ניט באַאורטיילן און דערקלערן שלום־עליכמס אינטואיטיווע שילדערונג פאַר יענע לייענער פון דער קרי־טיק, וואָס האָבן אים נישט געלייענט. רעדן וועגן אים איז — צו גע־ברויכן בערגסאָנס אַ פאַרגלייך וועגן אינטואיציע בכלל — איז ווי רעדן וועגן דעם לעבנס־שטראָם, שטייענדיק אויף אַ בריק איבער אים. מען דאַרף שווימען אין אים און מיט אים, כדי אים צו באַנעמען.

שלום־עליכמען דאַרף מען רעציטירן, כדי אים צו פאַרשטיין אומ־מיטלבאַר — נישט דורך געדאַנקען, וואָס זיינען אַבסטראַקטע הייטלעך פון דעם לעבן, נאָר דורך דעם דירעקטן איינדרוק פון דעם געשילדערטן לעבן.

עס איז דעריבער אויך שווער צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם מענטש־פּראָבלעם אין שלום־עליכמס שאַפן פאַר די, אין וועמעס אויערן עס קלינ־גען נאָך נישט די שלום־עליכם מאָטיוון. פאַר יענע אָבער, וואָס האָבן זיי אַריינגענומען אין זייער נשמה, און וועמעס נשמה עס האָט זיך צונויפ־געגאָסן מיט זיי, וועל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן, וואָס וועלן אי־לוסטרירן מיין געדאַנק.

געדענקט איר דאָס קליינע מעשהלע „אויף פּסח אַהיים"? אַ מלמד, אָפּגעקנעלט אין דער פרעמד אַ גאַנצן ווינטער, פּאַרט אַהיים, וואו עס וואַרט אויף אים דאָס גליק און די פרייד פון דעם גרויסן יידישן יום־טוב. ער דאַרף אַריבערפאָרן דעם טייך דניעפּר, אויף וועלכן עס גייען נאָך געפערלעכע קריעס אייז. אַ גוי, אַ שכור, אָבער אַ מומחה אַן אַרי־בערפירער, וויליקט איין אַריבערצושיפן אים פאַר אַ קערבל. מיט דעם פּחד

אין אַלע גלידער, טאַנצט דאָס מלמדל אַרום דעם שיפל. זיינע איברים האָבן נישט דעם מוט אייַנצושטעלן אין קאָן דאָס לעבן. זיין ווילן איז גובר דעם גוף. און אַט פאַרן זיי ביידע. און אַט טראָגט זיך אויף זיי מיטן שטראָם אַ געפערלעכע קריע, און דער קאַלטבלוטיקער גוי דערקלערט אים, אַז איצטער „טרעבאַ אוטיקאַטי״ — איצטער, הייסט עס, דאַרף מען מיטן שיפל מאַכן די פּליטה.

ביי אַט־דער געלעגנהייט דערציילט ער אים, אַז פריער אַמאָל האָט ער אויך אין אַזאַ צייט אַריבערגעפירט אַ רוסישן פּריץ. איז אויך אָנגעלאָפן אַזאַ קריע און האָט איבערגעקערט דאָס שיפל. ער האָט זיך געראַטעוועט, אָבער דער פּריץ איז דערטרונקען געוואָרן. „פּראָפּאַל קאַרבאָוואַניעץ״ (פאַרפאַלן געוואָרן דאָס קערבעל!), סומירט ער דעם תוך פון דעם טראַגישן עפּיזאָד.

ליגט אונדזער מלמדל אינעם שיפל, נישט טויט, נישט לעבעדיק, און אין די געדאַנקען ברומט ער דעם פּסוק פון „אז ישיר״: „צללו כעופרת במים אדירים!״ (ווי בליי זיינען זיי פאַרזונקען געוואָרן אין די שטאַרקע וואַסערן). נאָר — אַט איז שוין דער ברעג און אַ סוף צו אַלע טויט־אַנגסטן!

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ קאָנטראַסט צווישן „ייד״ און „גוי״ און זייער פאַרשיידענע האַלטונג אין אַ לעבנס־געפערלעכער לאַגע. דער ייד גייט שיער נישט אויס אין אימת־מות. פאַר דעם גוי איז נישטאָ קיין ברייטער תהום צווישן לעבן און טויט און ער קוקט אים אומדערשראָקן אין די אויגן. דער ייד טראַכט וועגן דעם מענטשן, וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן, ווי אַ בליי, און פילט מיט שרעק, ווי דער טויט לויערט אויך אויף אים. דער גוי טראַכט נישט וועגן דעם דערטרונקענעם מענטשן, נאָר וועגן דעם פאַרלאָרענעם קערבל. אָבער אין תוך ווייזן זיי דאָך ביידע אַרויס אַ גלייכע העלדישקייט. דער ייד, אפשר נאָך מער, איידער דער גוי. דאָס איז דאָך געווען זיין איניציאַטיוו, צו גיין אויף סכנת נפשות, און פאַר אים איז דאָך דאָס נישט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי פאַר דעם גוי. און וויפל ליבע איז אין דער הומאָריסטישער שילדערונג אויסגעגאָסן געוואָרן אויף ביידן גלייך; אויף ביידן, מיט ביידנס אַזוי פאַרשיידענע מעלות און חסרונות, ווערט אַרויסגעטראָגן אַ קלאָרער „כי טוב״. ביידע גייען זיי אַרויס גערעכטפאַרטיקטע, מיט אַ קלאָרן „עקזיסטענץ־רעכט״.

אָדער, די מעשה מיט יענעם ביטערן קבצן אין אַ קליינעם שטעטעלע, אַ מטופל מיט אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע קינדער, וואָס האַנדלט מיט בראָנפן אָן אַ פּאַטענט. דער „טשאַסטני פּריסטאַוו״ פון שטעטל, אָדער, ווייס איך, וואָס פאַר אַ טיטול ער האָט געהאַט, מאַכט ביי אים

אַ הויז־זוכונג, געפינט די טרייפהנע סחורה, אַרעסטירט אים, ריכט אים אויס מיט אַן עטאַפּ אין דער תפיסה פון דער קרייזשטאָט. דאָ האָבן מיר פּאַר אונדז נישט נאָר ווידער דעם „יידן" און דעם „גוי", נאָר אויך אַ דיי־רעקטן קאָנפליקט צווישן דעם פאַרפאָלגער און דעם פאַרפאָלגטן, דעם אונטערדריקער און דעם אונטערדריקטן. אָבער, ווידער, וויפל ליבע איז אין דער הומאָריסטיש־רעאַליסטישער שילדערונג אויסגעגאָסן געוואָרן אויף זיי ביידן! דער „פאַרפאָלגער" גיט פון זיין אייגענעם געלט דעם „פאַרפאָלגטן" אַ פּאָר קערבלעך, אַ „מילאָסט־חסד נאָ וועצאָוועס". און ביידע גייען זיי אַרויס פון דער שילדערונג גערעכטפאַרטיקטע, מיט אַ כשר־פאַרדינטן זכות־הקיום, מיט אַן עקזיסטענץ־רעכט אויף דער וועלט, נישט ווי אַ קבצן און אַ „טשאַסטני פּריסטאַוו", נאָר ווי ליבע מענטשן.

אין ביידע מעשהלעך הערשט אַן אינעווייניקסטע סימפּאַטיע צווישן די פאַרשיידענע מענטשן אין די פאַרשיידענע פּאָזיציעס. און זיי אַלע נעמען אויף דאָס, וואָס דאָס לעבן ברענגט זיי, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן ביטערן גורל.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַנדערע ביישפּילן, וואָס זאָלן אי־לוסטרירן דאָס, וואָס איך קאָן אָנרופן שלום־עליכמס פּאַנטעאיסטישער הומאַניזם, אָדער אָפּגעקירצט: „פּאַן־הומאַניזם". אין שפּינאָזאָס „פּאַנטע־איזם" לויפן זיך אַלע ליניעס פילאָסאָפיש צונויף אין איין נשמה־איינ־שטעל, וועלכן ער רופט: „די שכלדיקע ליבע צו גאָט", וואָס איז די גאַנצע וועלט. אין דעם פּאַן־הומאַניזם ווערט „די שכלדיקע ליבע צו גאָט" באַרייכערט מיט דער „האַרציקער ליבע צום מענטשן" — דעם אַטאָם אין דעם גרויסן קאָלעקטיוו, וואָס רופט זיך די מענטשהייט.

די קריטיקער פון שפּינאָזאָס פּאַנטעאיזם האָבן אָפּט אויפגעוויזן, אַז אין אים פאַרלירט זיך דער מאָראַלישער תהום צווישן דעם „צדיק" און דעם „רשע"; אַז ער שניידט אונדז אָפּ דעם וועג אָוועקצוזעצן דעם „רשע" אויף דער אָנקלאָג־באַנק, אַרויסטראָגן אים דעם „חייב מיתה", און דערנאָך אים „צושטעלן צום וועגנטל". ענלעכע תרעומות קאָן מען אויך האָבן צו שלום־עליכמס פּאַן־הומאַניזם. אויך דאָ ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דער קאָנטראַסט צווישן „צדיק" און „רשע". אויך דאָ טרעט אין פאָדערגרונט אַרויס דער זכות־הקיום פון יעדן מענטשן, דעם באַגאַסענעם מיט שטראַלן פון האַרציקער סימפּאַטיע. עס איז אפשר טאַקע ניט קיין צופאַל, וואָס אין שלום־עליכמס שאַפן שפּילן אַזאַ קליינע ראָלע די סאָציאַלע און נאַציאָ־נאַלע קאָנפליקטן, וואו אינעם קאַמף פון קלאַסן און פעלקער, ווערט פאַר־טייאיש דורכגעפירט די שייד־ליניע צווישן די „צדיקים", וועלכע דאַרפן

פֿאַרטיידיקט ווערן — הגם דעם אונטערשייד פֿון „אָרעם“ און „רייך“ האָט ער זעלטן אַרויסגעלאָזן פֿון אויג. דער פֿאַן־הומאַניזם איז עלול אָפּצוציען דעם אויפֿמערק פֿון אָט־די אַזוי וויכטיקע שייד־ליניעס.

זיינען אַזעלכע תרעומות באַרעכטיקט? צייטנווייז, מוז איך מודה זיין, האָט זיך מיר געטראַכט, אַז שלום־עליכם געהערט צו יענע קינסטלער, פֿאַראינטערעסירטע אין דעם מענטשנס לעבן, וואָס פֿאַר זיי זיינען די פּראָבלעמען פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן און אַ צווישן־פֿעלקערלעכן לעבן פֿון נישט גאָר קיין וויכטיקן באַדייט. אַזאַ קינסטלער איז, צום ביישפּיל, דער ענגלענדער ה. ד. לאָרענס — אַ קינד פֿון אַן ענגלישן קוילן־גרעבער, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָלעטאַריער בן פּראָלעטאַריער. לאָרענס׳ לעבנס־בליק איז דירעקט אַנטי־סאָציאַליסטיש. ער גלויבט, אַז פֿאַר דעם מענטשלעכן שטרעבן צו גליק און צו אַ רייכן אינהאַלט אין זיין נשמה־לעבן איז גאָר קיין נפֿקא מינה נישט, אין וועלכע סאָציאַלע פֿאָרמען מען לעבט. אָרעמ־קייט און רייכקייט, באַלעבאַטים און לוין־אַרבעטער זיינען ניט אינטע־רעסאַנטע דרויסנלעכע מאָמענטן. אויב עס ווערט נאָר יעדן איינעם גע־געבן די מעגלעכקייט צו באַפֿרידיקן די עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן, אויף וויפֿל דאָס איז נויטיק פֿאַר דעם געזונט, און אויב דערביי ווערט אויך געלאָזן אַביסל צייט פֿאַר דער אייגענער אויסבילדונג, הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן דאָס גרויסע פּראָבלעם מיט וואָס אָנצופֿילן דאָס אייגענע אינ־דיווידועלע לעבן. און דער ריכטיקער ענטפֿער אויף אָט־דעם פּראָבלעם קאָן געפֿונען ווערן און פֿאַרווירקלעכט ווערן אויך אין אַ קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרם פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

ליידער, זיינען מיר נישט באַקאַנט שלום־עליכמס סאָציאַל־פּאָליטישע בליקן, און איך ווייס נישט, צי ער האָט זיך וואו־עס־איז אַרויסגעזאָגט וועגן זיי. אָבער עס איז אויך נישט אינגאַנצן וויכטיק, וואָס דער קינסטלער זאָגט אַרויס. אַ סך וויכטיקער איז, וואָס ביי אים זאָגט זיך אַרויס אַליין.

וואָס זאָגט זיך אַרויס פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן? וואָס איז דער באַדייט פֿון דעם אָפּטימיסטישן פֿאַן־הומאַניזם פֿאַר דעם גרויסן קאַמף פֿון דער צייט?

אין מיינע אויגן האָט שלום־עליכמס בליק אויף דעם מענטשלעכן מהות גאָר אַ געהויבענעם באַדייט פֿאַר דעם גרויסן קאַמף. ער זאָגט אונדז, אָדער ריכטיקער: עס זאָגט זיך ביי אים אַרויס: „גלויבט נישט, אַז פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ גערעכטן, חשובן מענטשלעכן לעבן אין פֿרייד און גליק מוז מען פֿריער האָבן גאָר אויסטערלישע מענטשן, וואָס זיינען איצטער נאָך גאָר אין אַ מציאות נישטאָ, אָדער וואַרפֿן זיך דורך איינער אויף אַ

מיליאָן; אַז פריער, איידער עס קאָן קומען דער סאָציאַליזם, דאַרף פאַר־שווינדן דער איצטיקער מענטש און ס׳דאַרף געבוירן ווערן דער „סאָ־ציאַליסטישער״ צוקונפטס־מענטש. גישקשה! אויך די איצטיקע מענטשן — דער עיקר, פון די פאָלקסמאַסן ביי אַלע פעלקער — זיינען „בכי טוב״. עס איז גוט צו לעבן און צו פרייען זיך מיט זיי. זיי אַלע שטרעבן צו גליק און פרייד. זיי אַלע ווילן אַ היים און אַ יום־טובדיקייט אין דער היים. און ווען זיי וויסן וואו דאָס צו זוכן און וואו דאָס צו דערגרייכן, קאָנען זיי — אין דעם וועג צום ציל — אויך שטעלן זייער לעבן אין קאָן.

און טאָמער דאַרף מען דורכפאָרן שטורעמדיקע וואַסערן, מיט לעבנס־געפערלעכע קריעס, וואָס גייען אויף אונדז, וועלן „ייד״ און „גוי״ זיי דורכ־שניידן — מיט מסירת־נפש דורכשניידן — אפשר אין איין שיפל, ווייל מיר אַלע זיינען אין איין שיף — „ווי אַר אָל אין דהי סעים באָאַט״, ווי מען זאָגט דאָס אין ענגליש. און ווען די שטורעמדיקע וואַסערן וועלן דורכגע־שניטן ווערן, און אויף דעם זיכערן ברעג וועט מען נעמען בויען די יום־טובדיקע היים, וועט אפילו דער געוועזענער „טשאַסטני פּריסטאַוו״ פון דעם שטעטל, דורך זיין אַרבעט און זיין ענערגיע געבן דער געזעל־שאַפט זיין חלק „מילאָסט־חסד נאַ וועצאָוועס״ אויף יענעם וועג וואָס דאַרף פירן צו גליק און פרייד פאַר יעדן מענטשן־קינד.

1933

שלמה־זאַנוול ראַפּאָפּאָרט־אַנסקי

דער נאָמען פון דעם ניט־לאַנג אָזוי־פרי פאַרשטאָרבענעם שלמה־זאַנוול ראַפּאָפּאָרט־אַנסקי און די באַדייטונג פון זיין לעבנס־טעטיקייט איז דעם גרעסערן עולם נאָך בכלל ניט באַקאַנט. אָבער אויך די גרעסטע צאָל פון די, וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהייט באַקענט צו ווערן מיט די אָדער יענע פון זיינע שוין דערשינענע שריפטן אָדער זיך צו דערוויסן עפּעס פון זיין עפנטלעכער טעטיקייט, האָבן נאָך ניט קיין ריכטיקן באַגריף וועגן דער הויפּט־אַרבעט, וואָס איר איז געווען געווידמעט זיין לעבן.

מען ווייסט, אַז אַנסקי איז געווען אַ באַדייטנדיקער קינסטלער, און אַז ער האָט איבערגעלאָזן אַ היפּש ביסל ווערק אין יידיש און אין רוסיש, וואָס מעגן פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין יעדער ליטעראַטור, — ווי, צום ביישפּיל, זיין „אשמדאי״ אין יידיש, פּיאָנערן״, „דער ערשטער דורךבראָך״, „די שעפּסן״ און „אין אַ יידיש הויז״ — אין רוסיש.

מען ווייסט, אַז אַנסקי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איינער פון די גרינדער פון דער רוסישער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע״, שפּעטער אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, אַז ער איז גע־שטאַנען זייער נאָענט צום צענטער פון דער פּאַרטיי, אַז ער איז געווען אַ דעפּוטאַט פון דער פּאַרטיי אין דער פּעטערבורגער רעוואָלוציאָנערער דומע און שפּעטער אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

מען ווייסט, אַז אַחוץ דעם איז ער געווען אַ זייער אָנגעזעענער יידישער כלל־טוער; אַז ער האָט געגרינדעט דעם יידישן עטנאָלאָגישן מוזיי און האָט אָוועקגעגעבן אַ סך צייט פאַר דער זאַמלונג פון דעם יידישן פאָלקלאָר (ווערטלעך, מעשהלעך, לעגענדעס, אָבערגלויבנס, שפּילן און ניגונים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן).

מען ווייסט אויך, אַז אין די צייטן פון דעם קריג האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־אַרבעט פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון אירע היימען.

און די וואָס זיינען געקומען אין אַ נאָענטן פּערזענלעכן באַריר מיט אים, ווייסן אויך עפּעס פון אַנסקין אַליין, פון דעם קרן: פון דער זעלטן גוטער, איידעלער, אָריגינעלער מענטשלעכער נאַטור זיינער.

אָבער נאָר גאָר ווייניקע ווייסן, אַז די הויפּט־באַשעפטיקונג פון זיין לעבן, דער צענטער פון זיין גייסטיקער אינטערעס איז געלעגן ניט אין דער קונסט, ניט אין דער פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער און פּאָליטישער טע־טיקייט, ניט אין דער יידישער קהלשער עסקנות און הילפס־טעטיקייט און אויך ניט אין דעם זאַמלען פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל.

דאָס זאַמלען פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל איז פאַר אים געווען נאָר מאַטעריאַל פאַר אַ גרעסערער, טיפערער און באַדייטנדיקערער זאַך, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן האַרצן און וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר זיין לעבנס־אַרבעט.

אָט־די גרעסערע זאַך איז געווען די אויסבילדונג און באַפעסטיקונג פון אַ נייער וויסנשאַפט, לפּחות פון אַ נייעם צווייג אין אַ שוין עקזיס־טירנדער וויסנשאַפט, — אַ וויסנס־צווייג, וואָס דאַרף לויט זיין מיינונג נאָך, פירן צו זייער וויכטיקע רעזולטאַטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָט אויף דעם שאַפונגס־פעלד איז אַנסקי געווען אַ אָריגינעלסטן און אַם זעלבסטשטענדיקסטן און, לויט דער גרייס פון דעם פאַרנעם און דער טיף פון דער אויפפאַסונג, דאַרף דאָ אַנסקי צוגערעכנט ווערן צו יענע גייסטער, וואָס האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן די יסודות גופא פון אונדזער איצטיקער פּראָגרעסיווער קולטור און האָבן געזוכט פאַר איר גאַנץ נייע וועגן.

ווען איך בין, אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט נעענטער באַקאַנט געוואָרן — דער עיקר אויס פּערזענלעכע געשפּרעכן — מיט זיינע וויסנ־שאַפטלעכע באַשטרעבונגען, האָב איך אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל דעם נייעם וויסנס־צווייג אַ נאָמען געבן: „פאַרגלייכנדיקער סאָציאַל־פּאָליטי־שער פאָלקלאָר“, און ער האָט דעם נאָמען אַקצעפּטירט.

איך וויל דאָ אין קורצן דערקלערן, וואָס אַזוינס עס איז אַ פאַרגלייכנ־דיקער סאָציאַל־פּאָליטישער פאָלקלאָר, וואָס איז געווען אַנסקיס ריכטונג אין אָט־דעם וויסנס־צווייג און וועלכע האָפענונגען ער האָט פאַרבונדן מיט אים.

נאָר קודם — אַ קורצן איבערבליק איבער אַנסקיס טעטיקייט, וואָס וועט אונדז נאָך קלאָרער מאַכן די באַדייטונג פון יענע ריין־וויסנשאַפט־לעכע שטרעבונגען פאַר זיין אייגענעם לעבן.

אַנסקי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1865, איך ווייס ניט גענוי צי אין וויטעבסק, צי אין אַ קליינעם שטעטל „טשאַשניק“, פון וואַנען זיין

פאַמיליע שטאַמט. על כל פנים האָבן זיך זיינע עלטערן פרי באַזעצט אין וויטעבסק, וואו ער איז אויסגעוואַקסן און וואו ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע אייגענע פיס.

פרי איז אַנסקי באַקאַנט געוואָרן מיט די ליידן און צרות פון די אָרעמע מאַסן, די יידישע און די ניט־יידישע: ניט אַזוי פון דעם אייגענעם לעבן — ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי אַ באַלעבאַטישער ערלעכער פרוי (דער פאָטער איז קיינמאָל ניט געווען אין דער היים), וואָס האָט געצויגן איר חיונה פון אַ שענק, — ווי פון יענע סצענעס, וואָס ער האָט זיך אין דער קינדהייט אָנגעזען ביי זיך אין דער היים, אין דער שענק־שטוב.

פרי האָט אין אים זיך אויך דערוועקט דער דורשט צו אַלגעמיין־מענטשלעכער בילדונג און צו שריפטשטעלערישן שאַפן. פרי איז ער אויך געוואָרן אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט. קוים זיבעצן יאָר אַלט, פאַר־פאַסט ער אין יידיש אַ גרויסע נאָוועלע פון דעם יידישן לעבן: די „גע־שיכטע פון אַ יידיש הויז״, וואָס איז דערנאָך דערשינען אין אַ פרעמדער רוסישער איבערזעצונג אין „וואָסכאָד״ און שפּעטער פון אים אַליין אי־בערגעאַרבעט געוואָרן אין יידיש (געווען אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפט״ מיט אַ יאָר 15 צוריק, דאַכט מיר, אונטער דעם נאָמען „דעם מזלס שטיף־קינדער״).

אָט־די נאָוועלע איז געווען — אויב איך מאַך ניט קיין טעות — די ערשטע ריין־קינסטלערישע אַרבעט פון אַ יידישן סאָציאַליסט.

נאָך דער איבעראַרבעטונג פון „די שטיפקינדער״ פאַרשטומט אַנסקיס קינסטלערישע מוזע אויף אַ לאַנגער צייט. וויניקסטנס, פאַרעפנטלעכט ער גאָרנישט פון זיין קינסטלערישן שאַפן. ער פאַרלאָזט וויטעבסק און ליטע בכלל און לאָזט זיך אַוועק פריער אין צענטראַל־רוסלאַנד (קיין יעפּרעמאָוו, לעבן טולא) און דערנאָך קיין דרום־רוסלאַנד. דאָרטן באַזעצט ער זיך אויף אַ לענגערער צייט. ער פאַרדינט זיין לעבן דורך לערעריי און שפּעטער אויך דורך אַרבעט, ווי אַן איינפאַכער אַרבעטער, אין די זאַלץ־מינעס. זיין גאַנצע פרייע צייט גיט ער אַוועק דער טעטיקייט צווישן די דאָרטיקע פויערן און שאַכטיאָרן.

אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע אַרבעט? פירט ער אַן אַ סאָציאַליס־טישע און רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, ווי ער האָט דאָס געפּלאַנט? ניין. ער זאָגט זיך באַלד אָפּ פון דעם דאָזיקן פּלאַן. ער פּראָפּאַגאַנדירט גאָרנישט. ער לייענט נאָר פאַר זיי פאַרשיידענע מעשהלעך און ביכלעך, וואָס זיינען לעגאַל אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר דעם פאָלק, און לאָזט זיי

אַליין זיך דורכשמועסן צווישן זיך און פֿאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם וואָס זיי האָבן געהערט. ער ענטפֿערט נאָר אויף יענע שאלות, וואָס ווערן אים געשטעלט.

אָבער מיט זיין גאַנצער אויפֿמערקזאַמקייט הערט ער זיך איין אין די פּויערישע געשפּרעכן, זוכט זיך אַליין קלאָר צו מאַכן, ווי אַזוי דאָס אָדער יענס ביכל איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון זיינע צוהערער; וואָסערע געדאַנקען דאָס האָט אַרויסגערופֿן אין זיי. דערביי הערט ער זיך באַזונדערס איין אין יענע לעגענדעס און פֿאָלקס־מעשהלעך, וועלכע די פּויערן דערציילן ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט.

געקומען אַהיים, פֿאַרשרייבט ער דאָס געהערטע און געזעענע אין זיין טאָגבוך, שטודירט די גאַנצע רייכע רוסישע ליטעראַטור, וואָס איז געווידמעט דעם ענין פֿון פֿאָלקס־בילדונג — פֿאַרפֿאַסט הויפּטזאַכלעך פֿון די לעגאַלע „נאַראָדניקעס״, — פֿאַרגלייכט די רעזולטאַטן, וואָס אַנדערע האָבן אויסגעפֿונען, מיט זיינע אייגענע, פֿאַרגלייכט די הערשנדיקע מיינונגען וועגן דעם פֿאָלק, זיין שאַפֿן, און זיין ווילן, מיט יענע פֿאַקטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אים טאָג נאָך טאָג (ריכטיקער: אָוונט נאָך אָוונט). ביסלעכווייז זאַמלט זיך ביי אים אָן אַן אומגעהויער רייכער מאַטעריאַל, וואָס פֿירט אים צו גאַנץ אַנדערע שלוסן בנוגע דעם פֿאָלק און „דער נשמה פֿון פֿאָלק״, ווי אויך בנוגע דער פֿראַגע וועגן „אינטעליגענץ און פֿאָלק״, איידער די וואָס האָבן געהערשט סיי ביי די נאַראָדניקעס, סיי ביי זייערע קעגנער.

אַ טייל פֿון יענע רעזולטאַטן פֿאַרעפֿנטלעכט ער אונטער דעם נאָמען: „אָטשערקי נאַראָדנאַי ליטעראַטורי״ (עטיודן וועגן דער פֿאָלקס־ליטעראַטור), פֿריער אין דער „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, דערנאָך אין אַ בוך.

דאָס בוך מאַכט ניט קיין באַזונדערן רושם אויף דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, פֿאַר וועלכער עס איז אייגנטלעך געווען באַשטימט. אָבער ניט קיין קלענערער געלערנטער ווי פּיפּין (טשערנישעווסקיס בוזים־פֿריינט, דער ביאָגראַף פֿון ביעלינסקי און טשערנישעווסקי און אַליין אַ ספּעציאַליסט אין סלאַווישן פֿאָלקלאָר) פֿאַראינטערעסירט זיך מיט דעם בוך און ווידמעט אים צוויי גרויסע אַרטיקלען אין דעם „וויעסטניק יעוו־ראָפּי״, אונטער דעם נאָמען „נעאָ־נאַראָדניטשעסטוואָ״ („ניי־פֿאָלקסטימלערטום״). פּיפּין האָט דערשפּירט אין דעם בוך אַ נייע שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פֿון פֿאָלקסטימלערטום, אַ ניי־וואָרט. איז דאָס נייע וואָרט אַנסקיס געקומען צו פֿרי אָדער צו שפּעט? אפֿשר ביידע זאַכן אין איינעם. ווי אַ טעאָרעטישע ריכטונג פֿאַר דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק

— צו שפּעט. ווי אַן אַלגעמיינער קולטור־פילאָסאָפישער בליק — אפשר צו פרי.

אויף דעם סמך פון דעם זעלביקן, דעמאָלט אָנגעקליבענעם מאַ־טעריאַל פאַרעפנטלעכט אַנסקי אַ צווייטע אַרבעט: „נאַראָד אי קניגאַ״ (דאָס פאָלק און דאָס בוך) און נאָך שפּעטער (אין די „פרייהייטס־צייטן״ פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע) — אַ מערקווירדיקע אינטערעסאַנטע שטו־דיע: „נאַראָד אי צאַר״ (דאָס פאָלק און דער קיסר). פאַר דער לעצטער אַרבעט האָט אַנסקי געהאַט אויסצושטיין אַ פּראָצעס, און דאָס בוך גופא איז אונטערדריקט געוואָרן פון דער רעגירונג. צו דעם זעלביקן פּעריאָד פון אַנסקיס שאַפן דאַרף מען אויך צורעכענען זיין נאָוועלע „אָוצי״ (שעפּסן), וואָס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ״ פון 1892, נאָר האָט געמוזט אַרויסגעריסן ווערן אויף דעם באַפעל פון דער צענזור.

אין 1892 פאַרלאָזט אַנסקי רוסלאַנד, און נאָך אַ קורצן באַזוך אין בערלין און שווייץ, באַזעצט ער זיך אין פּאַריז. זיין לעבן פאַרדינט ער פריער, ווי אַן איינבינדער, דערנאָך ווי אַ פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער פּיאָטר לאַוראָוו. אַן ערך אַ צען יאָר פאַרבלייבט ער אין פּאַריז. וואָס איז זיין הויפּט־באַ־שעפטיקונג אין אָט־דער צייט?

ער שטייט אין נאָענטער באַציאונג צו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און שטרעמונגען, אָבער נעמט ניט קיין אַקטיוון אָנטייל אין קיינער פון זיי. ער „זינדיקט״ פון צייט צו צייט מיט אַ בעלעטריסטישן ווערק אָדער אַן אַרטיקל אין אַ זשורנאַל, אָבער אַלץ טאָקע אויף דעם סמך פון פרי־ערדיקע זכרונות און מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געווען אָנגעקליבן אין רוס־לאַנד. זיין הויפּט־אינטערעס ווערט צוגעצויגן דורך אַ נייעם און אין דער־זעלביקער צייט אַלטן טעטיקייטס־פעלד: ער רייסט זיך באַקאַנט צו ווערן מיט די גייסטיקע שאַפונגען פון די פראַנצויזישע פאָלקס־מאַסן, ווי ער איז באַקאַנט געוואָרן אין רוסלאַנד מיט די שאַפונגען פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן.

ליידער איז פאַר אים אוממעגלעך צו גיין אין די פראַנצויזישע דער־פער און שאַכטעס, כדי דאָרט צו זאַמלען זיין מאַטעריאַל, מוז ער דאָס זוכן אין ביכער. אין פראַנקרייך איז שוין פון לאַנג אַן געזאַמלט געוואָרן און אַרויסגעגעבן געוואָרן דער פראַנצויזישער פאָלקלאָר. שאַפט ער זיך איין פון זיינע קאַרגע פאַרדינסטן אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון ביכער, וועמעס נעמען קיין אָנשטענדיקער ראַדיקאַל האָט קיינמאָל ניט געהערט, און

גראָבט זיך אין זיי, און פֿאַרטיפֿט זיך אין זיי. — מיר וועלן שפּעטער זען, וואָס עס האָט אים געצויגן אַהין און וואָס ער האָט דאָרטן געזוכט.

אין יאָר 1901 זײַנען זײַנע שטודיעס אויף אָט דעם פֿעלד שוין געווען אַזוי ווײַט אויפֿגעקלערט, אַז ער האָט זיך שוין געקאָנט נעמען פֿאַר דער אויסאַרבעטונג פֿון אַ גרעסערן וויסנשאַפֿטלעכן ווערק, אונטער דעם נאָמען: „דער פֿאַרגלײַכנדיקער סאָציאַל־פּאָליטישער פֿאָלקלאָר“, אין וועלכן עס זאָלן אַרײַנגעאַרבעט ווערן זײַנע רוסישע און פּראָווינציזישע מאַטעריאַלן, ווי אַן אילוסטראַציע צו זײַנע גרונט־געדאַנקען. דאָס ווערק האָט געזאָלט דערשײַנען אין דער דײַטשער שפּראַך, אין „דעם אַקאַדעמישן פֿאַרלאַג פֿאַר סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן“, אין וועלכן איך בין דעמאָלט געווען אַ שותּף און דער וויסנשאַפֿטלעכער רעדאַקטאָר.

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען, אַז דאָס וויסנשאַפֿטלעכע ווערק זאָל אויסגעאַרבעט ווערן. נאָך לאַווראָווס טויט פֿאַרלאָזט אַנסקי פּאַריז און באַזעצט זיך אין דער שווייץ, אין דער קאָכיקער, ראַשיקער רעוואָלוציאָנערער קאָלאָניע. אין יענער צײַט האָט אין רוסלאַנד זיך גענומען הויבן דער רעוואָלוציאָנערער געוויסער. אַלץ העכער און העכער האָבן גענומען גיין און ברויזן זײַנע וואַלן. עס איז ניט געווען קיין צײַט פֿאַר רואיקער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אַנסקיס טעטיקייט אין אָט־דער צײַט איז אַ ריין ליטעראַרישע און רעוואָלוציאָנערע. ער גרינדעט — מיט נאָך אַנדערע — די אַגראַר־סאָציאַליסטישע ליגע. ער טרעט אַרײַן אין דעם „פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“. נאָך גערשוניס קומען פֿון אויסלאַנד גייט ער אַרײַן — אינאיינעם מיט דעם גאַנצן פֿאַרבאַנד — אין דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי. באַלד נעמט ער איבער די פֿירונג פֿון איר יידישער אָפּטיילונג. ער האָט פֿיל צו טאָן מיט גאַפּאָנען. נאָך דעם מאַניפֿעסט פֿאָרט ער אַריבער קיין רוסלאַנד, און איז טעטיק אין אַלע אַרבעטן פֿון דער פּאַרטיי, — דערהויפּט אויף דעם זשורנאַליסטישן געביט. אָט־די פֿאָר יאָר פֿון 1902 ביז 1908 זײַנען אויך די רײַכסטע אין זײַן בעלעטריסטישן שאַפֿן. ער פֿאַרפֿאַסט דעם „אשמדאי“ און זײַנע בעסטע רוסישע ראָמאַנען, שרײַבט יידישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע לידער, און רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאַטירעס. שפּעטער, אין פּעטערבורג, שטעלט ער צונויף זייער אינטערעסאַנטע רוסישע „פֿאָלקס־קאַלענדאַרן“, וואָס האָבן דעם צוועק דעם קאַמף אַנטקעגן דער שוואַרצער מאה און די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט. — פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעט ווערט אָפּגערוקט אָן אַ זײַט.

ערשט אַרום 1908 דערוועקט זיך ביי אים ווידער, דער אינטערעס צו איר, אָבער שוין בנוגע אַ גאַנץ אַנדער פאָלק. אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, בעת זיין זיין אין דער שווייץ, קערט זיך אַנסקי אום צוריק צו זיין יידישן פאָלק, וועלכן ער האָט פארלאָזן אין דעם אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן. ער איז, פארשטייט זיך, געוואָרן אַ ייד ניט צוליב דעם יידישן פאָלקלאָר. ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינען לעבעדיק געוואָרן אין זיין ברוסט און האָבן אים געבראַכט אַהיים.

אָבער דאָס יידישע פאָלקסשאַפן האָט דערביי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. וואָס נעענטער ער איז געוואָרן צו די פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן, אַלץ מער זיינען אָפּגעפרישט געוואָרן אין זיין דערינערונג יענע עלעמענטן פון דעם יידישן פאָלקלאָר, וועלכע ער האָט אויפגענומען אין זיינע קינדערשע און יינגלשע יאָרן און אויף וועלכע ער האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אין דעם שפּעטערן לעבן. און וואָס אָפּגעפרישטער עס זיינען ביי אים געוואָרן די דערינערונגען וועגן יידישן לעבן און וועגן יידישע פאָלקס־שאַפן, אַלץ מער צוגעבונדן האָט ער זיך געפילט צו זיין פאָלק און צו זיינע לעבנס־נויטן און פּראָבלעמען, ביז יעדע מחיצה צווישן אים און פאָלק איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן סיי אין געדאַנק סיי אין געפיל.

עס איז פאַר אַנסקין געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז די זעלביקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַזוי פאַרעקשנט באַשעפטיקט זיין געדאַנק בנוגע דעם רוסישן און דעם פראַנצויזישן פאָלק, זאָלן אויפסניי אַרויפשווימען אין דער פאַרבינדונג מיט זיין נייעם נאַציאָנאַל־יידישן „אני מאמין". אָבער דער יידישער פאָלקלאָר, ווי אַ סיסטעמאַטיזירט וויסן וועגן דעם יידישן פאָלקס־שאַפן, איז נאָך גאָרניט געווען געבוירן. דער מאַטעריאַל דערצו האָט נאָך ערשט געדאַרפט צונויפגעקליבן ווערן אויס דעם פאָלקס ליפּן, און דאָס האָט אַנסקין געפירט צו דער גרינדונג פון דעם יידישן פאָלקס־מוזיי און צו זיין פאָלקלאָריסטישער עקספּעדיציע איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך. זיינע זאַמל־אַרבעטן אויף דעם געביט זיינען געווען, ווי ער האָט מיר דערציילט, אומגעהויער דערפאָלגרייך. די אוצרות, וואָס ער האָט געפונען צעשפּרייט און פאַרוואָרפן אומעטום, האָבן אַריבערגעשטיגן אַלע זיינע דערוואַרטונגען. ער האָט געשעפּט פון פולן און האָט געהאָפט, אַז אים וועט זיך איינגעבן צונויפצוקלייבן אַזוי פיל מאַטעריאַל, אַז ער וועט קאָנען מיט זיי אָוועקלייגן דעם יסוד פאַר דער יידישער פאָלקלאָ־ריסטישער וויסנשאַפט.

דער וועלט־קריג האָט איבערגעריסן אַלע זיינע האָפענונגען. אויף

דער יידישער היים האָט זיך אַ גאָס געטאָן די ברענענדיקע לאַווע פון דעם אויסגעבראָכענעם וואולקאַן און האָט אַרויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונט די אויפגאַבן פון אוממיטלבאַרער הילף.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען אַלעמען באַקאַנט, און איך האָב מיך ניט וואָס אָפּצושטעלן אויף זיי. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט אַנסקי פאַרלאָזן רוסלאַנד. זיינע עטנאָלאָגישע זאַמלונגען און פאָלקלאָריסטישע מאַנוסקריפּטן האָט ער איבערגעלאָזן אין מאָסקווע, האָפנטלעך אין זיכערע הענט.

ווי מיר זעען פון אָט־דעם איילִיק־אָנגעוואָרפענעם ביאָגראַפישן עסקיז, פאַרנעמט זיין פאָלקלאָריסטישע טעטיקייט דעם אויבן־אָן אין זיין לעבן און שטרעבן. דער גרויסער פּעריאָד פון 1882 ביז 1902, ד. ה., אַ משך פון צוואַנציק יאָר, איז כמעט אין גאַנצן אויסגעפילט מיט פאָלקלאָריסטישן אינטערעס. און פון דעם לעצטן פּעריאָד אין רוסלאַנד שטייען פאַר אים די זעקס יאָר, פון 1908 ביז 1914, אונטער דעם צייכן פון אַן אינטענסיווער פאָלקלאָריסטישער טעטיקייט.

לאָמיר דעריבער זען קלאָר צו ווערן אין דעם „כשוף“, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך דעם גרעסטן טייל פון אַנסקיס לעבנס־ענערגיע.

אַלע פּראָדוקטן פון דער מענטשהייטס שאַפן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם משך פון איר קולטורעלער אַנטוויקלונג, קאָנען איינגעטיילט ווערן אין צוויי גרויסע קלאַסן: א) דער קאָלעקטיווער שאַפן פון דעם המון־העם (די „עמי־הארצים“) און ב) דער איינצל־שאַפן פון די, ווי מען נעמט געוויינלעך אָן, „העכער“־שטייענדיקע יחידים, די „תלמידי־חכמים“, די „אינטעליגענץ“, צו וועלכער עס געהערן, די כהנים, נביאים, סופרים, געלערנטע און קינסטלער פון יעדער אַרט.

די „העכערע“ קולטור, אין וועלכער מיר לעבן, איז באַשאַפן געוואָרן, ווי מען נעמט אָן, פון אָט דער אינטעליגענץ. די פּראָדוקטן פון דעם פאָלקס־שאַפן באַטראַכט מען געוויינלעך פאַר מינדערוויכטיק. זיי זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאַרישע אַבערגלויבנס אָדער קינדיש־נאַאיווע אַנשויאונגען, אויסגעבורטן פון פינצטערניש און עם־הארצות און קאָנען ניט אַנהאַלטן אין זיך קיין איין וויכטיקן לעבנס־אמת.

ספּעציעל איז אַזאַ בליק פאַרשפּרייט צווישן דעם יידישן פאָלק, וועמענס גייסטיקע געשיכטע איז אָפּטמאָל געווען אַן אָנגעשטרענגטער קאַמף צווישן די באַשטרעבונגען פון די העכער־שטייענדיקע אינדיווידוען, — כהנים, נביאים, סופרים, תלמידי־חכמים, גאונים רבנים, — פון איין זייט און דעם „עם־הארץ“ פון דער אַנדערער. די אַלטע וועלט האָט איבער־

הויפּט ניט געהאַט קיין ברעקל השגה פון דעם מהות און דעם באַדייט פון דעם קאָלעקטיוון פאָלקס־שאַפן. עס איז אַ פאַקט, אַז אַלע יסודות פון דער מענטשלעכער קולטור, אַלע דערפינדונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַ מענטשלעך לעבן, — די דערפינדונג פון דער מענטשלעכער שפּראַך, פון מאַכן פייער, פון קאָכן און באַקן, פון צוגעוואוינען חיות און בהמות, פון אַלערליי מלאכות און פון די נייטיקע געצייגן, — זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם וועג פון קאָלעקטיוון פאָלקס־שאַפן און פון דעם פּראָצעס פון געמיינשאַפטלעכער אַרבעט, וואו יעדן איינעמס איינפאַל פלעגט זיך צונויפפלעכטן מיט דעם איינפאַל פון יעדן אַנדערן אין איין איינציקן געוועב און אויף אַזאַ אופן אינגאַנצן פאַרשווינדן אין אים.

די אַלטע וועלט האָט אפילו אָט־דעם פאַקט ניט געזען אָדער ניט געקאָנט באַנעמען מיט איר שכל. כדי צו דערקלערן די וואונדערבאַרע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער קולטור, האָט זי אויסגעטראַכט אַל־ערליי מיטאָסן. פייער האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל פּראָמעטעאוס, — האָבן דערציילט די גריכן. דער ערשטער צווייגל איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט פּרייטיק בין־השמשות, האָבן דערציילט די יידן („צבת בצבת עשויה״). דער האָט דער ערשטער אויסגעטראַכט די שמיד־קונסט, יענער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן בויען שטעט.

ערשט אין דער מאָדערנער צייט האָט מען גענומען אַנדערש קוקן אויף דעם ענין פון קולטור־אַנטוויקלונג און אויף דער ראָלע פון דעם קאָלעקטיוון שאַפן אין איר, פון דעם האַלב־באַוואוסטזיניקן, האַלב־אינ־סטינקטיוון שאַפן פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן.

1920

שלום אשס „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט"
און ל. שאַפּיראָס „דער צלם"

די צוויי דערציילונגען פון שלום אַש און ל. שאַפּיראָ „בעטן זיך" ממש, מען זאָל זיי פאַרגלייכן.

ביידע זיינען זיי, ערשטנס, שטאַרק און טאַלאַנטפול געשריבן; זיי געהערן ביידע אָן שום ספק צו די בעסטע פערלען פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור.

די ניי־יידישע ליטעראַטור איז שוין, ברוך־השם, ניט אָרעם אין טאַלאַנטפולע קינסטלערישע פּראָדוקטן, און דער וואָס ליבט זי קאָן געוויס שעפּן פיל נחת פון איר וואוקס און פאַנאַנדערבליען־זיך. אָבער איך האָב אָפטמאָל באַמערקט, אַז אַ סך יידישע זאַכן, וואָס האָבן מיך אַנטציקט ביים לייענען, פלעגן פּלוצלינג אין גאַנצן ווערן בלאַ סאון פאַרלירן זייער חן, ווי נאָר איך פלעג אין געדאַנקען אַריינשטעלן זיי צווישן די ניט־יידישע קונסט־געמעלן, אפילו צווישן די ניט גאָר פון דער העכסט־קינסטלערישער מדרגה. עס פלעגט דערביי בוילעט אַרויסטרעטן דער קאָנטראַסט צווישן דער יידישער און ניט־יידישער קונסט, און עס פלעגט מיר ווערן קלאָר, אַז אַ טייל פון מיין התפעלות האָט געשטאַמט ניט אַזוי פון דעם עסטעטישן גוסט, ווי פון דער ליבע צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור. מיר פלעגט זיך דערביי אויסדוכטן, אַז פאַרגלייכן זיי מיט די פּראָדוקטן פון דער ניט־יידישער ליטעראַטור האָט אַקוראַט אַזאַ זין, ווי ווען איך וואָלט וועלן פאַרגלייכן די חכמה פון אַ געראָטענעם קינד מיט די שכלדיקע ווערטער פון אַ דערוואָקסענעם.

נאָר זייער וויניק שריפטשטעלער און ווערק קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ פאַרגלייך. און די צוויי דערציילונגען, וועגן וועלכע מיר רעדן, געהערן צו זיי. זיי טראָגן אויף זיך די סימנים פון אַן אויסגעוואָקסענער ליטעראַטור. די טעכניק איז ביי זיי אַ זיכערע און פרייע; די בילדער און שילדערונגען זיינען קלאָר און בוילעט. דאָס זיינען ניט קיין אַקוואַרעלן, ניט קיין „וואַסער־פאַרבן־שטודיען", ווי דאָס רוב יידישע סקיצן. אַש און שאַפּיראָ געברויכן דאָ, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, „פייער־פאַרבן", וואָס ברענען אַריין דאָס געמאָלטע אין מוח און אין האַרץ. און ווי אמת־קינסטלערישע גע־

מעלן, רופן זיי אַמאָל אַרויס דעם איינדרוק, אַקוראַט ווי אַרום זיי וואָלט זיך אַרומטראָגן אַ גאַנצער שוואַרם פון געדאַנקען, וואָס זיינען אפשר ניט קלאָר געווען דעם קינסטלער אַליין, וואָס האָבן אָבער דאָך אומבאַוואוסט זיך גערירט און גערודערט אין זיין נשמה, וואָס זיינען אַרויסגעשטראָמט אינאיינעם מיט דער אַרבעט פון זיינע פינגער, און זיינען געבליבן הענגען אַרום דעם בילד.

און די טעמעס, וועלכע זיי באַהאַנדלען, זיינען לעבנס־וויכטיקע. דאָס איז דער צווייטער פונקט אין דעם פאַרגלייך. דאָ ווערן ניט געשילדערט די אַלטעגלעכע קליינע מענטשעלעך פון דער אינטעליגענץ און פון דעם פאָלק. דאָס איז ניט אַ מיקראָסקאָפּישע זעלן־שטודיע, וואָס איז איצטער געוואָרן אַזוי באַליבט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, ניט אַ טראָפּן נשמה, אונטערגעשטעלט אונטער אַ גרויס־גלאָז, כדי צו דערזען און צו שילדערן די מיליאָנען קלייניקע ווערעמלעך און שלענגעלעך, וואָס ווידמען זיך אין איר, וועלכע מען וואָלט מיט אַ פּשוטן געזונטן אויג קיין מאָל ניט באַמערקן, ווי מיר באַמערקן ניט די „ווערעמלעך״ און „שלענגעלעך״ אין דעם פרישן געזונטן שטראָם־וואַסער, וואָס מיר טרינקען. ס׳איז דאָ אַ סברה, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור האָט זיך דערפאַר געגומען פאַר די ווערעמלעך און שלענגעלעך (וואָס וואַקסן אויס אין דער געמעלעכץ צו מאָוימדיקע פּיפּער־נאַטערס), ווייל אַלע „פּשוטע״ פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער נשמה זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן און אַנדערש ווי מיט אַ מיקראָסקאָפּ קאָן מען שוין אין איר קיין „נייס״ ניט געפינען. איך ווייס ניט, צי דאָס איז אין גאַנצן אמת. מיר דוכט, אַז די גרויסע פאַרענדערונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין דעם לעבן פון די מענטשן אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן געמוזט אַזוי איבעראַנדערשן דעם מענטשנס נשמה, געמוזט אַרויס־רופן אַזעלכע טיפע און וויכטיקע קאָנפליקטן, וואָס וואָלטן געגעבן גענוג שטאָף פאַר קינסטלערישער באַאַרבעטונג, ווען דער מאָדערנער קינסטלער וואָלט באמת געלעבט מיט דעם לעבן, וואָלט באמת געאָטעמט די לופט פון דעם היסטאָרישן טאָג און נישט די לופט פון דעם קאָפע־הויז אין שפּעטער נאַכט. אָבער לאָמיר לאָזן די מאָדערנע אייראָפּייאישע קינסט־לער אָן אַ זייט. אין דעם יידישן לעבן, וואָס אין אים האָט מען זיך נאָך אַזוי ווייניק קינסטלעריש פאַרטיפט, פעלן געוויס ניט קיין טעמעס פאַר געזונטע מענטשלעכע אויגן. בפרט אין דער לעצטער צייט, ווען אַזוי פיל פאַרשיידענע קרעפטן האָבן זיך גענומען צונויפשטויסן אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם יידן, ווען אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע פעדעם האָבן זיך גענומען צונויפפלאָנטערן און צונויפקניפּלען אין איר, ווען דאָס געשיכט־

לעבע לעבן פון אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל טיפע, שיינע און הערצאַישע קאָנפליקטן, איז באמת אַ גרויס וואונדער, וואָס אונדזערע יידישע דיכטער און קינסטלער זיינען אַזוי ווייניק אַריינגעדרונגען אין זיי. דער אַסקעטיזם פון דער אַלטער יידישער קלויז און די אויסגעלאַסענע לעבנס-שיכרות פון דער הייטנוועלטיקער גאַס, דאָס צעפאַלן פון אַלע אַמאָליקע גרונד-פעסטן און דאָס אומבאַוואוסטע בויען פון נייע נאַציאָנאַלע לעבנס-פאָרמען; די בענקשאַפט נאָך נאַטור און שיינקייט, נאָך גאַנצקייט און פרידן אין דער נשמה, און די צוגעבונדנקייט צו דער שטאָט מיט איר שטויב און שמוץ, אָבער מיט איר אייביקן, אַלע שמערצן פאַרטויבנדיקן ליאַרעם; דער אויפגעוועקטער סקעפּטיציזם פון אַ שאַרף-געשליפענעם מוח אינאיינעם מיט דעם ברענענדיקן דאָרשט נאָך אַ רעליגיעזן גלויבן; די רעוואָלוציע און דער ציוניזם; דאָס וועלן איינשלינגען די גאַנצע גייסטיקע וועלט פון דער גאַנצער מענטשהייט און דאָס וועלן אַנטלויפן פון איר אין די אייגענע פיר ווענט און דאָרטן אין איין דור אויפבויען נאָך אַ שענערע גייסטיקע וועלט, איידער די, וואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט מיט אַזוי פיל מי און פיין אויסגעבויט אין אַ משך פון דורות, — גאָט מיינער! ניט שוין הערן אונדזערע קינסטלער ניט דעם גערודער אין דער מאָדערנער יידישער נשמה, ניט שוין זעען זיי ניט די אָפּטמאָל-קאַלאָסאַלע געשטאַלטן, וואָס דאָס מאָדערנע יידישע לעבן ברענגט אַרויס, וואָס אויך זיי — די קינסטלער מיין איך — מוזן זיך כאַפּן צום מיקראָ-סקאָפּ און נאָכיאָגן זיך נאָך ווערעמלעך און שלענגעלעך! שלום אַשס און שאַפּיראָס דערמאָנטע דערציילונגען זיינען, יעדע אויף איר אָרט, אַן אָפּקלאַנג פון יענעם זעלן-גערודער אין אונדזער נשמה, דער ערשטער פאַרזוך אַריינצוטאָן זיך אין די טיפסטע פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם יידישן לעבן.

און קוראַזש האָבן זיי בײדע, אַש און שאַפּיראָ, יענעם קוראַזש פון מענטשן מיט אייגענע קעפּ אויף די אַקסלען, וואָס האָבן קיין מורא ניט צו שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם: אַש מיט זיין פאַרהערלעכונג פון קריסטוס און מאַריאַ, שאַפּיראָ מיט זיין אָנפאַל אויף אונדזער איבערגעגעבנקייט צו דער רעוואָלוציע.

און אויך דער פונקט, אַרום וועלכן עס דרייט זיך זייער טעמע, איז כמעט איין און דערזעלביקער: מיר און דער צלם! די יידישע וועלט און די גויאישע. דאָס באַגיין זיך פון דער גויאישער וועלט צו אונדז, אונדזער באַגיין זיך צו איר.

ס'וואָלט הייסן צופיל פאַרלאַנגט, ווען מ'וואָלט דערוואַרט, אַז אין צוויי קליינע דערציילונגען זאָלן אַפילו מער ניט ווי אָנגעטייט ווערן אַלע זייטן,

אַלע אָפּגרונטן פון יענעם טיף־טראַגישן פּראָבלעם, וואָס דויערט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. מיר קאָנען זיין צופרידן, וואָס דאָס פּראָבלעם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ׳ן אופן, אַז אין אונדז דערוועקט זיך די אַנונג פון זיין גאַנצער גרויס.

אָבער ווי פאַרשיידן זיינען די רעזולטאַטן, צו וועלכע דיביידע קינסטלער זיינען געקומען! ווי אַנטקעגנגעזעצט די ענטפערס, וועלכע ביידע גיבן אויף דעם צלם־פּראָבלעם!

שאַפּיראָס ענטפער איז אַ ריין־נאַציאָנאַלער, דיקטירט פון אַן אומ־ענדלעכן האַס צו דעם צלם. אַשס ענטפער קאָן מען אָנרופן אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער. ער איז פול מיט סליחה ומחילה, מיט מענטשלעכן טרויער פאַר דעם פאַרפאָלגער און דעם פאַרפאָלגטן.

לאָמיר אָנהויבן מיט שלום אַש.

רעדט מען וועגן דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, וועגן דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, פאַרגעסט מען אָפט, אַז בעצם איז די קולטור און דער פּראָגרעס ניט קיין פּראָדוקט פון דער גאַנצער מענטשהייט, מיט אַלע אירע האָטענטאָטן, בושמענער און אַפילו כינעזער. דער פּראָגרעס און די ציוויליזאַציע, אין וועלכער מיר לעבן, צוליב וועלכער עס לעבן די בעסטע קינדער פון דער מענטשהייט, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַ קליינער גרופּע פעלקער, וואָס זיינען עד היום די טרעגער פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דאָס איז די גרופּע אייראָפּייאישע פעלקער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע. פאַר־שיידענע קולטור־וועלטן, באַשאַפן פון פאַרשיידענע פעלקער, האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין יענעם ציוויליזאַציע־שטראָם, וואָס הויבט איצטער אָן צו פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט. דאָס איז, ערשטנס, די גריכיש־רוימישע קולטור־וועלט, צווייטנס, אַ טייל פון דער קולטור־וועלט פון דעם יידישן פאָלק, פון זיין אָנהויב היסטאָרישן שאַפן ביז צו דעם מאָמענט, ווען די קריסטלעכע קירכע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סינאַגאָגע, און, דריטנס, די גערמאַנישע וועלט. די דריי וועלטן האָבן אינאיינעם אַרויסגעבראַכט די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויפן שטעל אָנגענומען די פאָרם פון קריסטנטום, און קריסטנטום איז געבליבן איר רעליגיעזע פאָרם ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. די קריסטלעכע וועלט־אָנשויאונג, די קריסטלעכע לעגענדעס, די שיינע אויסגעקלערטע מעשיות און ווירקלעכע פּאַסירונגען פון קריסטלעכע העלדן, די קריסטלעכע צערעמאָניעס, מנהגים און אינ־סטיטוציעס פאַרנעמען דעם גרעסטן פּלאַץ אין דעם גייסטיקן אוצר פון דער

מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט און לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף יעדן געבאָרענעם קריסט, אַפילו אויף דעם פרייִדענקער און אַטעאיסט.

אין אַט דער וועלט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט גריכיש־רוימישע, גער־מאַנישע, ביבלישע און קריסטלעכע טראַדיציעס, בילדער און שטימונגען, לעבט דאָס יידישע פאָלק שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. זי איז דעם יידן כמעט אין גאַנצן פרעמד. זיין שטעלונג צו איר איז אַ פיינטלעכע, פול מיט שפּאָט און האַס. אויף דער גריכיש־רוימישער געטער־וועלט און אירע טראַדיציעס קוקט ער פון אויבן אַראָפּ. ער זעט אין איר ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל אין „ליאַלקעס", אָדער אַ צעלאָזנקייט פון שיינער שיכרות און זנות. די גערמאַנישע וועלט, מיט איר מעכטיקער און טיפער טראַגיק, וואָס אַ וואַגנער איז קוים־וואָס אומשטאַנד אויסצודריקן אין מוזיקאַלישע קלאַנגען, איז דעם יידן לגמרי פרעמד, און די קריסטלעכע וועלט, מיט איר גאַנצער הייליק־שוידערלעכער שיינקייט, איז אין זיינע אויגן אומווערדיק, ווי אַ פאַרפּעסטעטע נבלה.

וואָס האָט דאָס יידישע פאָלק אָנשטאָט דעם אַלעם? עס האָט אין גלות אויסגעאַרבעט זיין וועלט, די וועלט פון תלמוד און מדרש, פון שולחן־ערוך און פּלפּול, פון קבלה און חסידות. נאָר אין איין פּונקט קומען זיך די צוויי וועלטן צונויף: אין די ביבלישע געשטאַלטן און שטימונגען. אָבער אויך זיי זיינען דורכאויס פאַרשיידן ביי דעם יידן און דעם קריסט, ווייל זיי האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו דעם פאַרשיידענעם אוצר פון די צוויי וועלטן. די ביבלישע העלדן, די אבות, די נביאים, די שופטים, די מלכים זיינען אין אונדזערע אויגן ניט דאָס, וואָס זיי זיינען אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט, ניט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אין דער ווירקלעכ־קייט: זיי זיינען ביי אונדז געוואָרן פרומע רבנים און רייכע יידישע סוחרים.

אָט די צוויי, אַזוי פאַרשיידענע וועלטן, די יידישע און די קריסטלעכע, לעבן אונטער איין דאַך, זיינען געצוואונגען נאָך אַ סך יאָרן צו לעבן איינ־איינעם און מוזן זען ווי אויסצוקומען צווישן זיך. אויף אַ ווײַלע, אין דעם סוף אַכצנטן און ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די ניי־אויפגעקומענע ריין־וועלטלעכע ציוויליזאַציע, מיט איר פרייער קריטיק פון אַלע רעליגיעזע דאָגמען און טראַדיציעס, מיט אירע וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פאָרשונגען, מיט אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן און אידעאַלן, וועט אָפּמעקן פון זכרון די ביידע אַלטע וועלטן און באַשאַפן אַ שפּאָגל־נייעם, בשותּפותדיקן באָדן פאַר יידן און קריסטן. דער וואָלטעריאַנישער וויץ וועט טויטן קריסטוסן אַזוי גוט ווי משיחן, באַגיסן מיט גרינער גאַל דעם הייליקן ניקאָלאַוס אַזוי גוט

ווי ר׳ ישראל בעש״ט. פריי פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועט די ציוויליזירטע מענטשהייט אין דער קעגנוואַרט פאַרבערייטן די צוקונפט. דאָס האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדוכט אויף אַ ווײַלע. די שוין־טויט געמיינטע פאַר־גאַנגענהייט איז נאָך אַ קליינעם פעריאָד פון טומאה און גלייכגילטיקייט ווידער אויפגעשטאַנען תחית־המתים, אין אַן אַנדער פאָרם, אָבער מיט דעם זעלביקן אינהאַלט. די מענטשהייט לעבט ניט נאָר אין דער קעגנוואַרט און פאַר דער צוקונפט. איר לעבן איז איין איינציקער געשיכטלעכער פּראָצעס, אין וועלכן דער נעכטן, דער היינט און דער מאָרגן זיינען נאָר איינצלנע גלידער, וואָס מען קאָן ניט פאַנאַנדעררייסן. מיר לעבן איבער אין דעם היינט די דערינערונג פון דעם נעכטן און די האָפענונג אויף דעם מאָרגן. און אויב עס איז אונדז באַשערט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דעם קולטור־געשיכטלעכן וועג פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, — אַלץ איינס, וואו מיר זאָלן ניט לעבן: אין גלות אָדער אין אַן אייגענעם לאַנד, — וועט פאַר אונדז נויטיק זיין אַריינצונעמען אין זיך ניט נאָר די זאָרג פון איר היינט, ניט נאָר די האָפענונג אויף איר מאָרגן, נאָר אויך די גאַנצע דערינערונג פון איר נעכטן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איבערנעמען הייסט ניט נאָכקאָפּירן, עס הייסט איבעראַרבעטן, עס הייסט צונויפגיסן מיט אונדזער נעכטן, היינט און מאָרגן אַזוי, אַז פון דיביידע וועלטן זאָל ווערן איין גאַנצעס. איז דאָס מעגלעך? קאָנען די צוויי פיינטלעכע וועלטן צונויפ־געגאָסן ווערן? מוזן ניט דערביי אַרויספאַלן שטיקער פון דער איינער אָדער דער אַנדערער, וואָס קאָנען בשום אופן ניט הויזן איינס מיט דעם אַנדערן? וואָס זאָל זיין דער מאַסשטאַב, מיט וועלכן מען זאָל מעסטן די איינצלנע טיילן פון ביידע וועלטן? זאָל דאָס זיין דער יידישער מאַסשטאַב, דער תלמוד־מדרש־חסידישער, מיט וועלכן מיר זאָלן אָפּשאַצן די ווערטן פון דער קריסטלעך־ציוויליזירטער וועלט? אָדער פאַרקערט: זאָל די קריסטלעך־ציוויליזירטע וועלט זיין דער ריכטער איבער אונדזער גאַנצן אוצר פון דער פאַרגאַנגענער צייט? אָדער עס זאָל זיך אויסאַרבעטן אַ נייער מאַסשטאַב, וואָס זאָל שטיין העכער פאַר די ביידע וועלטן? — אַ האַרבע שאלה, אויף וועלכער עס איז איצטער זייער שווער צו געבן אַ קלאָרן, שאַרף־פאָרמולירטן ענטפער. דערווײַלע זעען מיר, אַז די גרעסטע מענטשן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער איצטיקער מערב־אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, האָבן אויסגעקליבן די קריסטלעך־ציוויליזירטע וועלט פאַר דעם מאַסשטאַב פון אונדזער גאַנצער קולטור, פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. אונדזער פאַר־גאַנגענהייט לעבט אָפּ און אָט דעם אויפלעבונגס־פּראָצעס וועט שוין קיין

„אַפּיקורס“ ניט קאָנען מער אויפהאַלטן; אָבער זי לעבט אָפּ ניט אין איר פריערדיקער געשטאַלט. זי גייט־דורך דורך אַ קריטישן לייטערונגס־פייער, און אָט דער לייטערונגס־פייער איז אַריבערגענומען פון דער קריסטלעך־ציוויליזירטער וועלט. אונדזער ירושה פון די אַלטע דורות מעג זיין ווי גרויס און רייך, קאָנען מיר ניט קוקן אויף איר מיט די אויגן פון די אַלטע, ביי וועמען יעדער פשטל, יעדער קונציקער דריי פון דעם יידישן מוח האָט אַרויסגערופן אַנטציקונג און התלהבות. מיר מעסטן אָפּ און וועגן אָפּ אַלץ, וואָס מיר געפינען אין די אוצרות פון דער אַלטער יידישער קולטור, מיט דער מאָס און דער וואָג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אידעאַל, ד. ה. דעם אידעאַל פון די מערב־אייראָפּייאישע קריסטלעכע פעלקער, וועלכן אויך מיר האָבן געהאָלפן אויסבויען (און שטאַרק גע־האָלפן) דורך אונדזער ביבל אין די ערשטע צייטן פון דער יידיש־קריסט־לעכער קירכע. מיר מעגן ווערן ווי נתפעל פון די רייכקייטן, וואָס מיר געפינען אין אונדזער אַלטן אוצר, מיר מעגן זיין ווי זיכער אין אונדזער גלויבן, אַז די פון אונדז אויסגעגראָבענע עשירות וועט באַרייכערן די גאַנצע מענטשלעכע קולטור מיט נייע ווערטקייטן, — דעם ווערט־מאָס האָבן מיר אַריבערגענומען פון דער מאָדערנער קריסטלעכער ציוויליזאַציע.

ביי די פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן געהאַט אַ ריין־יידישע חדר־אָדער ישיבה־דערציאונג, שטויסט זיך אָן די קריסטלעכע טראַדיציע אָן דעם געפיל פון אומווערדיקייט, מיט וועלכן ביי אונדז איז אַרומגערינגלט אַלץ, וואָס ס׳איז קריסטלעך. זי שטויסט זיך אָן און ווערט צוריקגעשטויסן, און נאָך אין די שפּעטערע יאָרן קאָן אַפילו דער געבילדעטסטער ייד ניט אין גאַנצן פריי ווערן פון אָט דעם געפיל, וואָס ווערט ביי מאַנכע נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דעם האַס צו יעדער רעליגיע. אַפילו שוין גאָר אין די עלטערע יאָרן האָב איך באַמערקט אין זיך אַן אומבאַוואוסטע אומ־צופרידנקייט מיט יענע שטעלן אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, וואו עס ווערן באַשריבן הייליקע שטימונגען, אַרויסגערופן פון דעם קריסטלעכן רעליגיעזן לעבן. עס האָט זיך מיר אומבאַוואוסט אויסגעדוכט, אַז די ליבע־כלע באַשרייבונג פון קלויסטערס, קירכן, קריסטלעכע צערעמאָניעס זיינען מיט אַ כיון אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון דעם מחבר אין אַ פאַלשן ליכט. ערשט דער שכל האָט זיך געמוזט אַריינמישן אין דעם געפיל און לערנען אים דרך־ארץ... און נאָך גאָר ניט לאַנג, לייענענדיק אין מעטערלינקס לעגענדע וועגן דער מאָנאַכין בעאַטריסע, ווי די הייליקע מוטער גאָטס האָט אָנגענומען איר געשטאַלט, כדי מען זאָל אין קלויסטער ניט באַמערקן איר אַנטלויפן מיט דעם געליבטן, איז ביי מיר האַלב־אומבאַוואוסט אין

מוח דורכגעפלויגן אַ שאָטן, — אמת, ניט מער ווי אַ שאָטן, — פון יענע פוילע יידיש־וואָלטעריאַנישע וויצן, מיט וועלכע מיר באַצירן דאָס לעבן פון דער הייליקער מרים. פאַרגיב מיר, שוועסטער מרים, דעם שאָטן פון יענעם פוילן וויץ! אין מיין פריער יוגנט האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז דו ווערסט, אינאיינעם מיט אונדזער מוטער רחל, נייען פלאַכטעס פאַר די יידישע הרוגים. אין דער צייט פון מיין פריער יוגנט וואָלט אַזאַ מין געדאַנק אַליין שוין זיין ערגער ווי געשמדט...

אָבער ביי דער איצטיקער יידישער יוגנט און ביי יענעם טייל פון די עלטערע יידן, וואָס האָבן אויסגעלערנט זייער האַרץ דרך־ארץ צום קריסטנטום, האָבן די אַלע אומווערדיקייט־געפילן געמוזט שוין לאַנג פאַרשווינדן. אונדזער יוגנט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דער אַטמאָספערע פון דער קריסטלעכער טראַדיציע. זי זויגט איין קריסטלעכע שטימונגען פון דער שול, פון דעם לער־בוך, פון דער קינדער־ליטעראַטור, פון דעם שפּיל־פּלאַץ מיט קריסטלעכע חברים, פון דער גאַנצער גייסטיקער אַטמאָספערע אין דער קריסטלעך־ציוויליזירטער וועלט. ביי אונדזערע יידישע שריפטשטעלער אין אייראָפּייאישע שפּראַכן קאָן מען געפינען אַ סך סימנים, וואָס באַווייזן, אַז זייער באַנעמען זיך צו די קריסטלעכע בילדער און געפילן האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם טראַדיציאָנעל־יידישן האַס און שפּאָט און איז כמעט אין גאַנצן אויסגעגליכן געוואָרן מיט דעם באַנעמען זיך צו זיי פון אַ געבילדעטן, רעליגיעז־געשטימטן קריסט. דאָס אויפּפלאַקערן פון דעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם האָט די קריסטנטום־־פריינטלעכע שטימונג אין דער אייראָפּייאיש־שפּרעכנדיקער יידישער ליטעראַטור ניט שוואַכער געמאַכט, נאָר גיכער פאַרשטאַרקט. טראָגט דאָך אין זיך דער ציוניזם דעם געדאַנק, אַז די יידישע נאַציע איז ווי יעדע נאַציע אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון וועלכער עס איז רעליגיע און קאָן הויזן מיט יעדער רעליגיע. אמת, אָפּיציעל האָט דער ציוניזם קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך די קאָנסעקווענץ פון זיין ריין־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; ער האָט זיך פאַר דער קאָנסעקווענץ דערשראָקן, און בעת אייניקע געשמדטע יידן אין דייטשלאַנד האָבן, נאָך דעם ערשטן באַזעלער צוזאַמענפאָר, אָנגעפרעגט, אויב זיי קאָנען צושטיין צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בלייבנדיק קריסטן, ווייל זיי זיינען גלויביקע קריסטן, האָט די דעמאָלטיקע „וועלט״ האַלב־אָפּיציעל דערקלערט, אַז קריסטן קאָנען ניט אַריינגענומען ווערן. דער שרעק פאַר דעם קאָנסעקווענץ פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם איז באַשטאַנען ניט אין דערין, וואָס מען האָט מורא געהאַט אַריינצופאַלן אין די נעצן פון דער קריסטלעכער טומאה, דאָס

קריסטנטום האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין פאַר דעם געבילדעטן יידן אַן אומריינע זאַך. מען האָט זיך פּשוט געשראָקן פאַר דעם האַס און דעם צאָרן פון דעם יידישן פאָלק, אין וועמעס אויגן דער גאַנצער ציוניזם וואָלט געקאָנט דיסקרעדיטירט ווערן, ווען אונטער זיין פאָן וואָלטן זיך געמאָגט זאַמלען אויך יידיש־נאַציאָנאַלע קריסטן.

אָבער וואָס מער די אייראָפּייאישע בילדונג האָט גענומען אַריינדרינגען אין די מאַסן, אַלץ מער האָבן געמוזט קריסטנטום־פריינטלעכע שטימונגען אַריינדרינגען אין דאָס יידישע פאָלק. פריער אָדער שפּעטער האָט געמוזט אויסוואַקסן די באַדערפעניש פאַר געוויסע טיילן פון דעם פאָלק קריטיש איבערצוקוקן אונדזער גאַנצע אַנטי־קריסטלעכע טראַדיציע. פריער אָדער שפּעטער האָט די שטימונג געמוזט געפינען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז שלום אַש „אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט“ — דער ערשטער פּרוּוו צו רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס, אין וועלכן עס ווערט טאָג־טעגלעך פאַרמשפּט און גע־קרייציקט אונדזער אומשולדיקער ברודער פון נצרת. אין דערינען ליגט די וויכטיקע באַדייטונג פון אַשס דערציילונג.

די טעמע „מיר און דער צלם“ האָט שוין אַש פריער באַרירט אין זיין עטיוד „געטער און מענטשן“. אַן אַלטע יידישקע און אַן אַלטע קריסטין האָבן געוואוינט אונטער איין דאַך. זייערע צוויי זין, פון יוגנט־אויף אויס־געוואַקסן אין ברידערלעכער פריינטשאַפט, זיינען ביידע אינאיינעם אַוועק אין אַמעריקע. די הערצער פון די מוטערס האָבן זיך שוין לאַנג צונויפ־געגאָסן אין פורכט און האָפענונג פאַר דעם גורל פון זייערע קינדער; דאָס לעבן האָט זיי פאַראייניקט אין די זעלבע אינטערעסן, די זעלבע געפילן. זיי וואָלטן שטענדיק געלעבט אין פרידן און פריינטשאַפט איינע מיט דער אַנדערער, ווען ניט — זייערע געטער. די יידישע יום־טובים און די גויאישע חגאות — זיי האָבן שטענדיק אַריינגעטראָגן אַ דיסאַנאַנס אין די האַרמאָניש־צונויפגעשטימטע נשמות, זיי און נאָר זיי פלעגן דערמאָנען אַן דעם אָפּגרונט, וואָס דאַרף, ניט על פּי לעבן, נאָר על פּי דין, זיך אויס־ברייטן צווישן די „מענטשן“.

זיינען אָבער די געטער באמת אַזוי פיינטלעך איינער צו דעם אַנדערן? דאָס איז די פראַגע, וועלכע שלום אַש שטעלט אין זיין נייעסטער דער־ציילונג, און אויב די פריערדיקע דערציילונג זאָגט אונדז, אַז די „מענטשן“ וואָלטן געקאָנט לעבן צווישן זיך ווי ברידער, נאָר די „געטער“ דערלאָזן ניט, קאָן מען פון דער לעצטער דערציילונג אַרויסטראָגן דעם איינדרוק, אַז די „געטער“ וואָלטן ווי עס איז שוין געקומען צו אַ וועלכן עס איז אויס־

נלייך, — די מניעה איז אָבער אין די „מענטשן״. דערמיט מאַכט שלום אַש דעם ערשטן שריט אַריינצוגיסן אין דער יידישער פאָלקס־נשמה די קריסטלעכע געפילס־ און בילדער־וועלט.*) אין דעם ערשטן שריט קומען די „געטער״ נאָך ניט צו אַן אויסגלייך, און די קריסטלעכע וועלט ווערט נאָך ניט אין גאַנצן רעהאַביליטירט. אָבער דאָס איז ניט אויס מאַנגל אין מוט און קוראַזש ביי דעם מחבר. דאָס איז אַ קינסטלערישע ווידער־שפּיגלונג פון אונדזערע ווירקלעכע געפילן. גאַנץ אַריינגעמען דאָס קריסטנטום אין דער נשמה, אַרומנעמען קריסטוס און מרים מיט טרערן פון באַרעמהאַרציקייט און איינשליסן זיי אין דעם וואַרעם־געוואָרענע, טיף זיי פאַרגעבנדיקן געפיל, — דאָס קאָן נאָך איצטער ניט דערלאָזן דאָס יידישע האַרץ. קריסטוס און מרים שטייען דערווייל נאָך פון דרויסן. טיף ליידנדיק פון די צרות, וועלכע מען טוט אונדז אָן אין זייער נאָמען, בעטן זיי רחמים ביי אונדז, ביי דער מוטער רחל און משיח, אָבער די גאַנצע פאַרגעבונג געפינען זיי ניט. זיי האָבן נאָר געפועלט, מען זאָל זיי דולדן פּאַסיוו. די מוטער רחל לאָזט צו, איר טאָכטער מרים זאָל איר העלפן אין איר באַרעמהאַרציקער אַרבעט. משיח הערט אויס, ווי זיין ברודער ישו גיסט פאַר אים אויס זיין צעבלוטיקט געטלעך האַרץ, זיין צעפּייניקט יידיש האַרץ... הערט אויס, שטום און פאַרשוויגן.

און אין דער אמתן! וואָס זאָל אים משיח, וואָס קאָן ער אים זאָגן? זיי זיינען אַ צווילינג, געבוירן אין איין צייט, געבוירן פון דער סאָציאַל־עטישער און דער נאַציאָנאַלער נויט פון דעם יידישן פאָלק. זיי זיינען ביידע געבוירן פון דעם „הייליקן גייסט״: פון דעם הייליקן גייסט פון אונדזערע נביאים. די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט, די רעטונג פונעם יידישן פאָלק, — דאָס איז געווען זייער ביידנס שליחות. און בעת ישו איז אוועק צו דער מענטשהייט, האָבן זיינע תלמידים פאַרלאָרן פון אויג די רעטונג פון דעם יידישן פאָלק און סוף־כל־סוף איז פון זיי אויסגעוואַקסן די פיינטלעכסטע מאַכט פאַר אונדזער קיום אויף דער וועלט. און בעת משיח איז געבליבן טריי זיין פאָלק, — וואָס האָט ער אין דער צייט אויפ־געטאָן פאַר דער מענטשהייט? זיי האָבן ביידע פאַרפעלט זייער שליחות...

משיח האָט קיין איין־איינציקן גרונט ניט, פאַר וואָס ער זאָל פאַר־

*) שרייבנדיק האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אויך י. גאָרדין האָט אין זיין דראַמע „אלישע בן אבויה״ אַריינגעפירט עפּיזאָדן פון דעם יונג־געבוירענעם קריסטנטום אין אַ העכסט־סימפּאַטישער באַלייכטונג. אָבער גאָרדין האָט, צוליב דעם היסטאָרישן אמת, געמוזט נעמען די דאָזיקע עפּיזאָדן פון אַזאַ מאָמענט, אין וועלכן עס האָט זיך שוין געוומען אַרויסווייזן דער שאַרפער היפוך פון יידן און קריסטן.

שטויסן פון זיך זיין ברודער, וואָס וויל זיך צוריקקערן צו זיין פאָלק. אָבער אין גאַנצן אים מוחל זיין, בעת יידיש בלוט ווערט נאָך פאַרגאָסן אין זיין נאָמען, — דאָס גייט איבער זיינע כוחות...

און משיח איז געזעסן און געשוויגן...

וואָלטן ניט געווען די פּאָגראָמען און די אייביקע רדיפות פון דער קריסטלעכער וועלט, דעמאָלט וואָלט די רעוויזיע פון דעם קריסטלעכן דרייפוס־פּראָצעס געוויס געגאַנגען אַ סך שנעלער און אַ סך טיפער אין דעם יידישן עפנטלעכן באַוואוסטזיין. אָבער אַנטקעגן דאָס אַריינגעמען פון דער קריסטלעך־אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע אין אונדזער פאָלקס־קולטור און איר צונויפגיסן זיך דאָרטן אין איין־איינציקער אייראָפּייאיש־יידישער וועלט הויבט אָן צו קעמפן אַ היפּשער טייל פון דער יונגער יידישער, פּאָגראָם־פאַרוואונדעטער אינטעליגענץ. צווישן אונדז און דער קריסט־לעכער וועלט, מיט איר גאַנצער ציוויליזאַציע, מיט אַלע אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט, שטעלט זיך אַוועק, מיט אַ פלאַמענדיקן פּראָטעסט, דער „אייזערנער“ מאַן מיט דעם צלם אויפן שטערן.

גריילעך וואָלט איך געוואָלט, מען זאָל קאָנען קוקן אויף שאַפּיראָס „דער צלם“ מער ניט, ווי אויף אַ ריין־קינסטלערישן פּראָדוקט און באַ־טראַכטן אים פון אַ ריין עסטעטיש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. דער שמיץ מיטן בייטש, וואָס יעדער פּראָגרעסיוו־דענקענדיקער און פילנדיקער מענטש מוז שפּירן ביי דער פאַרגוואַלטיקונגס־סצענע, וואָלט דעמאָלט פאַר־לאָרן זיין גאַנצן ברענענדיקן ווייטיק. אַקוראַט ווי בשעת אַ שווערן, שרעקנדיקן קאָשמאַר לויפט אין שלאָף גופא דורך דער טרייסטנדיקער געדאַנק: „ס'איז דאָך נאָר אַ חלום“, און רויבט אַוועק די גאַנצע אימה, אַזוי וואָלט מען אויך ביי שאַפּיראָס דערציילונג געקאָנט טרייסטן זיך: „ס'איז דאָך נאָר אַ מעשה, אויסגעטראַכט פון אַ קינסטלער, צוליב ריין־קינסטלערישע צילן.“ און, איבערגעלייענט די דערציילונג, וואָלטן מיר זיך געפילט ווי אין טעאַטער, ווען דער „הורג נפש“ מיט דער דער־מאָרדעטער גייען, נאָך דעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, ביידע אַרויס האַנט אין האַנט און פאַרנייגן זיך פאַרן עולם. ווי קאָשמאַר־האַפטיק־גרויזאַם די דערמאָרדונגס־סצענע זאָל ניט זיין (דעם מאַן מיט דעם צלם האָט אויך אויף אַ רגע אַנגענומען אַן אימה, ווען ער האָט פלוצלונג פאַר־שטאַנען, וואו ער איז און וואָס ער וויל טאָן), וואָלטן מיר געוויס ניט געהערט צו יענעם עם־האַרצישן קלאַס צושויער פון דער גאַלעריע, וואָס באַגעגענען דעם „הורג נפש“ מיט אַ פּראָטעסטירנדיק־ברומענדיקן „הו־

אָו־אָו״; מיר וואָלטן פיל־מער געהערט צו דעם באַגייסטערט־קלאַטשענ־דיקן עולם פאַר דאָס גרעאָטענע שפּילן פון דעם „הורג נפש״ און זיין קרבן.

אויך מיינען מיר, אַז מיר פאַרשטייען אַביסל אַ שפּאַס; יענעם שפּאַס, וואָס דער מאָדערנער קינסטלער האָט אַ מאָל ליב צו טרייבן מיט אונדז, פּשוטע חי־וקימס: ווי באָדלער, צ. ב., וואָס האָט ליב געהאַט אַ שפּריץ טאָן אונדז פּלוצלינג מיט קאַלט וואַסער און אַ פרעג טאָן, לויט פּשיבי־שעווסקי, אַשטייגער: „האָט איר ליב צו עסן געקאָכטע קינדערשע מאַרכעלעך?״... אַ שפּאַס, אָט זיך גלאַט אַזוי, כדי צוצוזען די קאָמיש־דערשראָקענע מינעס אונדזערע, וואָס מיר מאַכן, ווי נאָר ער הויבט אָן צו זשאָנגלירן מיט די אונדז הייליקסטע געפילן...

וואָלט „דער צלם״ געווען נאָר אַ קונסט־ווערק, דעמאָלט וואָלטן מיר מיט שאַפּיראָן אפשר געהאַט גאָר אַן אַנדער מין וויכוח, אָבער קונסט איז ניט נאָר קונסט, ס׳איז אויך לעבן, און וואָס מער קונסט, אַלץ מער לעבן. אַ קונסט־ווערק איז ניט נאָר אַ מין מאַרמעלאַד, וואָס דער קינסטלער פרעגלט צוליב אונדזער הנאה, אַ „שיין־און־פיין־קוכן״, אַ „שיין־און־פיין־געמאַכטס״, וואָס מיר דאַרפן צוביסלעכווייז נעמען אויפן צונג און, ווי אמתע מבינים אין הלכות זולל וסובא, צוהערן זיך מיט כוונה, ווי עס צעגייט זיך אויפן צונג און פון דאָרטן איבער אַלע גלידער. אַן אמת קינסטלעריש ווערק איז ניט קיין „שיין־און־פיין־געמאַכטס״, נאָר תמיד אַ חשבון־הנפש, און ניט נאָר פון אַן איינצלנעם מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצן דור און — אויף דער העכסטער מדרגה — אַ חשבון־הנפש פון דער גאַנצער מענטשהייט. שאַפּיראָס דערציילונג — איז אויך אַ חשבון־הנפש, אמת ניט פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַפילו ניט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק אָדער פון אַ גאַנצן יידישן דור, אָבער דערפאַר גאַנץ זיכער פון אַ גרויסן טייל פון דער מאָדערנער יידישער אינטעליגענץ.

באַטראַכט מען „דעם צלם״ פון דעם שטאַנדפּונקט, איז קיין נפקא־מינה ניט, צי די מעשה איז געווען אָדער ניט געווען, צי זי האָט געקאָנט געמאָלט זיין אין דער ווירקלעכקייט, אָדער זי האָט אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל ניט געקאָנט פּאַסירן. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ יונגער יידישער קינסטלער האָט זי דורכגעלעבט, דורכגעלעבט אין זיין אייגענער נשמה. און ער האָט זי דורכגעלעבט ניט נאָר ווי אַ קינסטלער, נאָר אויך ווי אַ מענטש, ווייל שאַפּיראָ איז אַ מענטש, וואָס לעבט און ליידט מיט די ווייטיקן פון זיין דור.

די טעמע פון שאַפּיראָס ווערק איז די שילדערונג פון יענעם פּראָצעס, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ

האָט דורכגעמאַכט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. פריער אין גאַנצן אָפּגעריסן פונעם יידישן פאָלק און פרעמד צו אים, ווערט דער יידישער רעוואָלוציאָנער, אַדאַנק די פּאָגראָמען, אַ „בעל־תשובה". איז ער גאָר ראַדיקאַל אין זיין נייעם שטרעבן, פאַרשילט ער זיין פאַרגאַנגענהייט, זאָגט זיך אָפּ אין גאַנצן פון איר און גיט זיך איבער בלב ונפש צו דעם יידישן פאָלק. שאַפּיראָס דערציילונג איז אַ מעשה פון אַזאַ ראַדיקאַלן בעל־תשובה. זיין „פאַרגאַנגענהייט" איז פאַרקערפּערט אין דער פאָרם פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערין „מינאַ", און דער אַקט פון „תשובה־טאָן", נאָך דעם פּאָגראָם, אין וועלכן זיין מוטער איז פאַרגוואַלטיקט און געפּייניקט געוואָרן פון שיכורע פּאָגראָמשטשיקעס, האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ שרעקלעכן, אכזריותדיקן נקמה־אַקט. דער העלד פאַר־גוואַלטיקט און דערווערגט מינאַן, וועלכע ער האָט נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַזוי טיף פאַרגעטערט, אַזוי איניק אָנגעהויבן צו ליבן.

דאָס איז אָבער נאָר דער „גוף" פון דער טעמע. איר ריין־ליטעראַרישע נשמה איז ניט אַזוי ענג־נאַציאָנאַל. זי איז דווקא אַן אַלוועלטלעכע, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע. שאַפּיראָס דערציילונג איז אַ „מעשה מיט אַ העלד", איינע פון יענע העלדן־געזאַנגען און העלדן־שילדערונגען, וואָס זיינען פול און פיל אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, נאָך פון האָמער אָן, נאָך פון דער מעשה מיט „שמשון הגבור" אָן.

דער צלם־מאַן איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין העלד פון פיזישער גבורה. ער איז אַ ריטער פון אונדזער צייט, אַ גייסטיקער קראַפט־מענטש, אַ גבור פון שטאָלצן ווילן, אַ קעמפער פאַר אַן אידייע.

לאָמיר זיך אַביסל מער אָפּשטעלן אָט אויף דער ריין־ליטעראַרישער זייט פון דעם „צלם". דאָס וועט אונדז העלפן אַרויסגעפינען דעם לעבנס־אמת, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אים.

שאַפּיראָ גיט אונדז אָן אַ סך סימנים, וואָס נאָך זיי קאָנען מיר דער־קענען דעם גייסטיקן קראַפט־מענטשן. די מעשה שפּילט זיך אָפּ אין יענער צייט, ווען „דאָס לאַנד האָט שוין געפיבערט פון אויפרעגונג. אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַסן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם און איבער זייערע קעפּ האָט וואָס־אַמאָל אָפטער אויפגעפלאַמט, ווי אַ ראַקעטע, דאָס הייסע, רויטע פייער פון איינצלנע העלדישע טאַטן." דער „צלם־מאַן" איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן קאָמיטעט, — שוין ניט קיין גאָר קליינע מדרגה אויף דעם לייטער פון רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן. אָבער דאָס איז פאַר אים געווען ווייניק: „אַ געדאַנק, שאַרף ווי אַ מעסער, האָט זיך לאַנגזאַם און זיכער געשניטן אַריין אין טיפעניש פון מיין מוח",

דערציילט ער. „וואָס איז דאָס געווען? איך האָב ניט געוואוסט אויף קלאָר און דערווײַלע דערפון ניט געוואָלט וויסן. איך האָב בלויז געהאַט אַזאַ געפיל, ווי מײַנע מוסקולן וואָלטן ווערן וואָס־אַמאָל שטײַפער, אַנגעצויגענער . . .״. שפּעטער איז אים מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן זײַן געדאַנק: „צו ווערן איינע פון די ׳ראַקעטן׳, וואָס באַלײַכטן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע — און באַצאָלן דעם פּרײַז דערפאַר.״ און גייענדיק אַהיים, נאָכדעם ווי דער באַשלוס איז שוין אָנגענומען געוואָרן, „האָב איך געפילט״, זאָגט ער, „ווי אַלע אברים אין מיר זינגען״.

דער „מזל״ האָט אָבער אויסגעקליבן פאַר אונדזער העלד נאָך אַ גלעצנדיקערע טאַט איידער ווערן אַ ראַקעטע. אויף אים וואַרט נאָך אַ העכערער נסיון איידער אָוועקגעבן דאָס לעבן צוליב זײַן גאָט. ער איז באַרופן געוואָרן צו באַקעמפן זײַן גאָט און צו טויטן אים. און ניט נאָר צו טויטן אים, נאָר אויך צו שענדן אים און צו טרעטן אים מיט די פיס. און דאָס אַלץ צו טאָן מיט דעם קלאָרן פאַרשטאַנד, אַז דער, וועמען ער שטראָפט, איז ניט שולדיק אין יענע מעשים, פאַר וועלכע ער שטראָפט אים; אַז אין דעם גרויסן צער, וואָס דער העלד האָט דורכגעלעבט און וואָס ער לעבט דורך, זײַנען די סימפּאַטיעס פון דעם באַשטראָפטן אויף זײַן זײַט; אַז ער, דער וואָס זאָל באַשטראָפט ווערן, איז דורכגענומען מיט דעם זעלביקן צער ווי דער העלד; אַז ער איז אָנגעגרייט אינאיינעם מיט אים צו לײַדן און צו קעמפן. און דאָך פילט דער העלד, אַז ער האָט אַ רעכט אים צו שענדן און צו טויטן. דאָס איז דער העכסטער פּונקט, דער קלימאַקס, צו וועלכן אַ מענטשלעכער גייסט קאָן זיך אַרויפשווינגען אין זײַן קראַפט. מיטן פוס אויף מינאָס אומשולדיק־געשענדעטן קערפּער, שטייט ער, אין דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע, „פריש און שײַנענדיק פון קאָפּ ביז די פיס״, אַ גאָט־באַשטורעמער, אַ גאָט־באַזיגער.

דאָס איז דער ליטעראַרישער גרונט־מאָטיוו פון שאַפּיראָס „העלדן־געזאַנג״.

און נאָך אַ צווייטער מאָטיוו, ניט ווייניקער אינטערעסאַנט פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, קלינגט דורך אין דער דערציילונג.

צוליב וואָס ראַנגלט זיך דער העלד מיט זײַן גאָט? ס׳איז ניט נאָר דער נקמה־מאָטיוו, דער „גואל־הדם״־מאָטיוו, וואָס טרײַבט אים צום קאַמף. וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דער העלד פּסיכאָלאָגיש ניט געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה פאַר דעם ווילדן, וואָס צעברעכט זײַן ליימענעם געץ, ווײַל יענער האָט אים אָפּגענאַרט אין זײַנע האָפענונגען. דעם צלם־מאַנס קאַמף מיט זײַן גאָט איז אַ באַפרייאונגס־קאַמף, אַ קאַמף פאַר זעלישן פרידן

און גאַנצקייט. דער אַלטער גאָט, אין וועמעס הימלען ער האָט געוואָלט אַרויפפליען, ווי אַ ראַקעט, מוז דערוואָרגן ווערן, כדי פריי זאָל ווערן די נשמה צו אַ נייעם שאַפן, כדי אַ נייער גאָט זאָל קאָנען געוועלטיקן אין אים, גאַנץ און זיכער, מיט קיינעם ניט געטיילט זיין מאַכט, פון קיינעם ניט געשטערט אין זיין ווילן. און די שענדלעכסטע טאָט ווערט געטאָן. דער אַלטער גאָט ווערט באַשטורעמט און באַזיגט, אַ געשענדעטער און באַשמוצטער ליגט ער פאַר די פיס פון דעם העלד, און פרידן און רו ציט אַריין אין זיין נשמה...

מנוחה ושלווה נאָך דעם גרעסטן פאַרברעכן! דער גרעסטער פאַרברעכן מער ניט ווי אַ בענקעלע פאַרן פרייען גייסט, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט זיינע אייגענע געבאָטן. אַ בענקעלע, אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אַ ווײלע אָפּשטעלן, איבערכאַפּן דעם אָטעם און ווידער פאַנאַנדערשפּרייטן זיינע פליגלען. ער איז ניט געבראָכן אין דעם קאַמף, ער איז מער ניט ווי מיד. ער דאַרף נאָר אָפּרוען, ביז די קראַפט וועט זיך ווידער אָנזאַמלען. „שוין באַלד דריי יאָר", ענדיקט דער „צלם־מאַן" זיין דערציילונג, „זייט איך וואַנדער אַרום. און איך, ניי־געבוירן קינד, שפּיר, אַז איך בין שוין גענוג קרעפטיק. אין גיכן וועל איך גיין צוריק צום ישוב, און דעמאָלט — — —"

דער צלם־מאַן דערציילט אונדז ניט, וואָס ער מיינט מיט דעם „און דעמאָלט — — —", און פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָס שוין גאָר קיין נפקא־מינה ניט. אַזעלכע העלדנטאַטן, ווי שענדן און טויטן אַ גאָט, פאַסירן ניט צוויי מאָל אין לעבן. צוריק ווידער בלייבן שטיין אויף דעם קלימאַקס, אויף דעם שפּיץ באַרג, איז אויך אַן אוממעגלעכע זאַך. דער העלד וועט זיך מוזן אַראָפּלאָזן פון דער אַנדער זייט באַרג ביז צו זיין פריערדיקער מדרגה, — אַוועקגעבן זיך אין גאַנצן זיין נייעם גאָט, אַרויפפליען אין די נייע הימלען ווי אַ ראַקעט, כדי צו באַלייכטן דעם וועג פאַר די געטרייע אָנהענגער, אָדער אויף אַ וואָסער עס איז אַנדער אופן אַרויסדונערן און אַרויסבליצן זיין קראַפט. און ווידער וועט ער פילן, ווי די מוסקולן ווערן וואָס־אַמאָל שטייפער, אָנגעצויגענער, און ווידער וועלן אַלע אברים זינגען אין אים...

מנוחה ושלווה נאָך דעם גרעסטן פאַרברעכן... דער גרעסטער פאַרברעכן אַ באַפרייאונגס־אַקט פאַר דער נשמה פון אַ העלד... אַ שיינע, ווירקלעך־שיינע טעמע!

אמת, איך האָב דעם איינדרוק, אַז די טעמע איז ניט אין גאַנצן אָריגינעל, און דאָס פאַרמינערט דעם ליטעראַריש־היסטאָרישן ווערט פון

שאַפּיראָס דערציילונג. איך מיין, פאַרשטייט זיך, ניט דעם סיפּור־המעשה, וואָס איז דורך און דורך אייגנאַרטיק. איך מיין די גרונט־שטימונג פון „מעגן באַגיין אַ פאַרברעכן״, פון מעגן טאָן אַזאַ׳ן עוולה, וואָס דער פאַרברעכער אַליין פאַרשטייט, ס׳איז די גרעסטע עוולה, וואָס אַ מענטש קאָן באַגיין. אַזאַ גרונט־שטימונג טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום אין דער ליטעראַרישער לופט. אַ שטורעם־קריג ווערט שוין פון לאַנג אָנגעפירט אַנטקעגן דער גאַנצער מאָראַל, אַנטקעגן דעם הויפּט־פּרינציפּ פון איינטיילן מענטשלעכע געפילן און מעשים אין גוטע און שלעכטע.

„ניטאָ צוויי וועגן: גוט און שלעכט. ס׳איז דאָ נאָר איין וועג: גוט״ — זינגט מינסקי. און אַפילו אונדזער „יידישער גזלן״, מנחם, ברוגזט זיך אויף ערגעץ־וואו מיט גאָט, פאַר וואָס ער, מנחם, האָט נאָך אין זיין לעבן קיינעם ניט דערהרגעט. איך האָב אַ חשד, אַז אויך שאַפּיראָ איז ניט פריי פון דעם ניי־מאָדישן כלל: „ניטאָ צוויי וועגן״. „זאָגט מיר, איך בעט אייך,״ פרעגט דער צלם־מאַן, „וואָס וויס די נאַטור, דער וועלטאַל, וועגן שמוץ און שאַנדע?... וויסן זאָלט איר זיין, נישטאָ אין דער נאַטור אַזאַ זאַך, ווי שמוץ און שאַנדע.״ די נאַטור וויס ניט פון „גוט״ און „שלעכט״. זי וויס נאָר איין חילוק — פון שטאַרק און שוואַך, פון פרייער קראַפט און געבונדענער.

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז, אויך לויט שאַפּיראָס מיינונג, דער סוד כל הסודות פון דער נאַטור און אויך פון דעם מענטשלעכן לעבן, אַז אָט דעם סוד כל הסודות האָט דעם צלם־מאַן אויך דער ים פאַרטרויט, בעת ער האָט אים „אויפגענומען מיט ענדלאָזער ברייטקייט, מיט רויע ווינטן, מיט שאַרפן, געזאַלצענעם אָטעם״ און האָט גערעדט צו אים „פון וואונדערבאַרע זאַכן, גערעדט — גערעדט און געשוויגן — גערעדט״. און דעם זעלביקן סוד, „וואָס דער ים האָט געמיינט מיט זיינע רייד״, האָט אים „די פרעריע גענומען פאַרטייטשן אויף איר לשון״. אויב ס׳איז אַזוי, איז די גרונט־קאָנצעפּציע פון שאַפּיראָס דערציילונג נישט מער ווי איין שטים אין אַ גרויסן, פילשטימיקן כאָר, ווען אַפילו זי ווערט ניט בטול בשישים אין אים.

פון דער אַנדער זייט אָבער, קאָן מען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם צלם־מענטשן אויסטייטשן אַזוי, אַז אין איר זאָל אַ ברעקל קיין סתירה ניט זיין צו די גרונט־פּרינציפּן פון דער מאָדערנער עטיק. ער באַגייט אַ פאַרברעכן צוליב באַפרייען זיין נשמה, אמת! אָבער זיין נשמה, איר רו און גאַנצקייט, איז פאַר אים ניט קיין זעלבסט־צוועק, צוליב וועלכן ער זאָל זיך פילן באַרעכטיקט צו טרעטן מיט די פיס די אידעאַלן פון עטישן יושר. זיין נשמה געהערט אַ נייעם גאָט, און אין זיין נאָמען קעמפט ער אַנטקעגן

דעם אַלטן גאָט. פאַראַן, הייסט עס, צוויי וועגן: „גוט“ און „שלעכט“, אויך פאַר דעם צלם־מאַן. און ער קעמפט מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן דעם „שלעכט“ צוליב דעם „גוט“.

ווי די מעשה איז, איז שאַפּיראָס דערציילונג פון ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אַ שטאַרקע, אויסגעהאַלטענע, געראָטענע זאַך — ביז אויף איין־איינציקן פּונקט: דעם פאַרגוואַלטיקונגס־, דעם באַשמוצונגס־פּונקט. דער פּונקט איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, אַ פּגימה, אַ שאַרפּ אין דעם פיין־געשליפענעם חלף, — אַ שאַרפּ פון דעם שטאַנדפּונקט פון ריינער שיינקייט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך רעד דאָ ניט פון מאָראַלישער שיינקייט אָדער מיאוסקייט פון דעם פאַרגוואַלטיקונגס־אַקט גופא. אויך זיין עסטעטישע שיינקייט אָדער מיאוסקייט האָבן מיר דאָ ניט אין זינען. אין יענע רעגיאָנען, אין וועלכע שאַפּיראָ הויבט אונדז אויף מיט זיין מעשה פון אַ קראַפט־מענטשן, שפּילן אַזעלכע קלייניקייטן קיין ראָלע ניט. אַן אַנדער ווינקל־מאָס פאַר שיינקייט ווערט דאָרטן אָנגעווענדט: די קראַפט. שיין און גרויס הענגט דאָרטן אָפּ פון דעם סכום און דער אַרט פון דער דורכ־גייסטיקסטער ווילנס־ענערגיע, וואָס דער קאַרפּט־מענטש ברענגט אַרויס. וואָס גרעסער עס איז דער סכום און וואָס איידעלער עס איז די אַרט פון דער ווילנס־ענערגיע, וואָס אַ וועלכע עס איז טאַט פאַרקערפּערט אין זיך, אַלץ גרעסער און שענער איז די מאָס גופא. אָבער דווקא מיט דעם ווינקל־מאָס געמאָסטן, איז דער פאַרגוואַלטיקונגס־אַקט ניט מער ווי אַ שטיק אויסערלעכע לאָגיק, אַ קאָנסעקווענץ־מאַכעריי, אַריינגעפּילפּולט אין דער קאָנצעפּציע פון דעם קראַפט־מענטשן, אַ פון־פינגער־אויסגעזויגענע זאַך.

שטאַרק איז דער קראַפט־מענטש. ביי דעם געדאַנק, אַרויפצופליען, ווי אַ ראַקעט, אָוועקגעבן זיין לעבן פאַר דער מענטשהייט, זינגען אין אים אַלע אברים. אָבער ער שטייגט נאָך העכער און דערוועגט זיין גאָט, אַן אומשולדיקן גאָט. אָבער אויך דאָס איז ניט גענוג: ער דערנידעריקט אים און באַשפּייט אים, ער טרעט אים אין שמוץ. אויפן ערשטן בליק איז דאָס אַלץ אַ שטייגערונג פון זיין קראַפט, און דער לעצטער שטאַפּל איז דער העכסטער פּונקט פון זיין גבורה. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי, לויט דער פאָרמעלער לאָגיק, לויט דעם פּרינציפּ: וואָס מער, איז בעסער. אָבער די פאָרמעלע קאָנסעקווענץ־מאַכעריי טרייבט תמיד צו אַ פּונקט, וואו זי ברעכט האַלדז־און־נאַקן, וואו אויף איר ווערט מקוים דער דיאַלעקטישער כלל, אַז „וואָס צו שאַרף, ווערט שאַרפּיק“. דער באַשמוצונגס־אַקט איז ניט נאָר

ניט דאָס העכסטע פאַנאַנדערבליען פון דער קראַפט, ווי דאָס קומט אויס על פּי לאָגיק, ער איז אין דער אמתן גאָר אַ צעבראָכן־ווערן פון דער קראַפט.

אַן אמתער קראַפט־מענטש האָט אַזאַ לאָגיק: דאָס, וואָס פאַרדינט עס זאָל פון מיר באַשמוצט ווערן, איז ניט ווערט איך זאָל עס באַשמוצן. פריער באַשמוצן און דערנאָך דערווערגן — הייסט, אַז ערגעץ־וואו אין האַרצן פיל איך, אַז דער ניט־געשענדעטער גאָט איז — צו גרויס פאַר מיר, איך זאָל קאָנען קעמפן אַנטקעגן אים. איך מוז אים פריער נידעריקער מאַכן, כדי איך זאָל קאָנען דערלאַנגען צו אים. ד. ה., איך מוז צוגעבן, אַז ער איז אַ סך העכער פאַר מיר. און אַריינטראַכטנדיק זיך טיפער אין דער סימבאָליק פון דער באַשמוצונגס־סצענע, ווילט זיך זאָגן דעם אייזער־נעם קראַפט־מענטשן: „ע, דו, מיין שמשון הגבור! דו ביסט נאָך גאָר אַן אפרוח׳ל. הויבסט נאָך גאָר ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קעמפט אַנט־קעגן געטער. געטער דאַרף מען בייקומען אין זייער גאַנצער גרויס, אין זייער גאַנצער גלענצנדיקער פּראַכט. און צולאָזן טאָר מען ניט, זייער גרויס זאָל פאַרשוועכט ווערן, אַ שפּרינקעלע זאָל פאַלן אויף זייער פּראַכט. אָט ווי זיי זיינען, אין זייער גאַנצער געטלעכער שיינקייט און מאַכט, שפּאַן זיי איין אין דיין טריאומף־וואָגן און טרייב זיי צו דיין ציל. ערשט דעמאָלט וועסטו זיין אַן אמתער גאָט־באַשטורעמער און גאָט־באַזיגער, און וועסט באַווייזן, אַז דו ביסט אויך פון געטלעכער נאַטור. ווייל באַזיגן אַ גאָט קאָן נאָר דער, וואָס איז אויך פון געטלעכער נאַטור; קוים אָבער הויבסט דו אויף דיין האַנט אויף זייער געטלעכקייט, קוים לעסטערסט דו זייער מאַכט און פּראַכט, אַזוי אַנטפּלעקסט דו דיין שטויב־נאַטור און ווערסט צוריק־געשליידערט אין שטויב.״ דער שמשון הגבור, דער העלד פון דורכ־גייסטיקסטער ווילנס־קראַפט, ווערט דורך דער פאַרגוואַלטיקונגס־סצענע פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטער מיאוסער בריאה, אַ שיכורער פון צער און נקמה, וואָס לאָזט אויס איר גרימצאָרן צו אַ גאָט, ווייל זי פאַרשטייט שוין ניט, וואָס הייסט עס אַ גאָט.

דער שאַרף אין דעם פּיין־געשליפענעם חלף פאַרדאַרבט דאָס גאַנצע בילד פון דעם גייסטיקן קראַפט־מענטשן און איז דעריבער פון ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אַ גרויסער פעלער. דאָס איז אָבער אַלץ גע־רעדט, ווען מען באַטראַכט שאַפּיראָס דערציילונג נאָר ווי אַ קונסט־ווערק; ווען מען נעמט אָן, אַז זיין צוועק איז געווען אַ ריין־קינסטלעריש־אָביעק־טיווער, — צו שילדערן אונדז איינעם פון יענע אייזערנע קראַפט־העלדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין דער לעצטער צייט און

וואָס זיינען, ווי מיר האָפן, ניט אין גאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט באַווייזט זיך די פאַרגוואַלטיקונגס־סצענע, ווען מען גייט אַראָפּ פון דעם ריין־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט און מען דערמאָנט זיך, אַז קונסט, ווי פאַנטאַסטיש זי זאָל ניט זיין, איז אין ערשטער ליניע לעבן. און, סימבאָליש גענומען, איז שאַפּיראָס ווערק טריי געבליבן דעם לעבן, וואָס ער שפּיגלט אָפּ, אין דער פאַרגוואַלטיקונגס־סצענע אפשר נאָך מער, ווי אומעטום, ווייל זי איז טאַקע אין דער אמתן ניט דער אויס־דרוק פון קראַפט־געפיל, וואָס איז אָנגעוואַקסן ביי אַ קראַפט־מענטשן, נאָר מער ניט ווי די בענקשאַפט נאָך קראַפט פון אַ דור, וואָס פילט זיך דערשלאָגן און קרענקלעך און קליין.

מענטשן, וואָס זיינען נערוועז־קראַנק געוואָרן דורך אַ וואָסער עס איז פסיכישן צער, זעען אָפטמאָל אינסטינקטיוו אויסצומיידן יענע ערטער און פערזאָנען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זייער צער. אינסטינקטיוו פלייסן זיי זיך אַריינצוקומען אין אַזאַ אַטמאָספערע, וואו קיין זאַך זאָל זיי ניט דערמאָנען אָן דעם אַלטן, נאָך ניט שטיל־געוואָרענעם ווייטיק. די צעשלאָגענע „נאַראָדאָוואָלצעס“ פון די אַכציקער יאָרן האָבן אינסטינקטיוו ניט געקאָנט מער אַריבערטראָגן דעם געדאַנק פון אַ טעראָריסטישן קאַמף. די פּאָגראָם־פאַרוואונדעטע יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון יענער צייט האָט פסיכיש ניט מער געקאָנט אויסשטיין דעם געדאַנק פון אַ רוסיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל. זי האָט זיך געוואָלט אויסרוען פון אים, און די חובבי־ציון־באַוועגונג האָט פאַר זיי באַשאַפן יענע אַטמאָספערע, וואָס האָט זיי געבראַכט לינדערונג און טרייסט. אין דער איצטיקער צייט, נאָך די גרויסע פּאָגראָמען פון די אָקטאָבער־טעג, שפּילט זיך אָפּ די זעלביקע געשיכטע נאָך אַ מאָל, נאָר אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ווייל די צייט איז געווען אַ גרעסערע, ווען אי די פּאָגראָמען, אי די רעוואָלוציאָנערע האָפע־נונגען, אי דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, אי די ראָלע פון די יידן אין אים האָבן אָנגענומען קאָלאָסאַלע מאָסן. דעריבער איז אויך דער זעלישער אָפּשטויס פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער נשמה פון דעם נערוון־קראַנק־געוואָרענעם יידן, אַ סך אַ גרעסערער, איידער אין די אַכציקער יאָרן, ווען אויך דער שרייבער פון דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט, אין זיין יוגנט, דורכגעלעבט די גאַנצע טרויעריקע גאַמע פון פּאָגראָם־שטימונגען און געפילן. די בלויז־קרענקלעכע און מיד־געוואָרענע נאַטורן פאַלן איצטער אַריין אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע, אָפּגעחלשטקייט און — גאָט ווייס, אין וואָס זייער פאַרוואונדעטע האַרץ זוכט אַ ברעקעלע מילדן

זון־שיין, אַ שטיל באַהאַלטן ווינקעלע, וואו די וואונדן זאָלן זיך קאָנען פאַרהיילן! די אַקטיווערע, אָבער קראַנק־געוואָרענע פון די אַריבער־געטראָגענע ליידן, באַליידיקט־געוואָרענע דורך דער שוואַכקייט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זייער גורל, לעבן איבער אַ גאַנצן גיהנום פון שנאה־לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס״, צו נעמען אַ מאוימדיקע נקמה.

ווידער ביי אַנדערע האָט געמוזט אַנוואַקסן אַ ביטערער געפיל צו די פון אונדז, וואָס גיבן נאָך עד היום אַוועק אַ היפּשע ביסל ענערגיע זייערע פאַר דעם רוסישן באַפרייאונגס־קאַמף, פאַר דער אַרבעט צוליב דער „מענטשהייט״, בעת אונדזער אייגן יידיש פעלד ליגט פאַרוואָרפן און פאַר־לאָזן. אַ האַס וואַקסט אָן צו יענער צוליבער־מאַכט, וואָס רייסט אַוועק אונדזערע יונגע כוחות און וואָס שאַפירא האָט פאַרקערפּערט אין מינאָס מאַגנעטיש־צוציענדיקער, ערנסט־שיינער געשטאַלט. אַ האַס צו יענער גאַנצער וועלט פון אַלגעמיין־מענטשלעכע און „פריער רוסישע״ אידעאַלן, וועמעס שענסטע בלום זי איז.

דער גאַנצער פאַגראָם־פאַרוואונדעטער אינטעליגענץ ווילט זיך כאַפּן פאַרן גאַרגל „מינאַן״ און מיט געוואַלד זי אָפּשטויסן פון זיך. אַ פאַר־גוואַלטיקונגס־שטימונג מיט טויזנטער קליינע פאַרגוואַלטיקונגען טראָגט זיך אַרום אָט אין דער יידיש־ראַדיקאַלער אַטמאָספערע, און זיי אַלע, די טויזנטער קליינע פאַרגוואַלטיקונגען, האָבן זיך צונויפגעשטראָלט אין דעם קינסטלערס נשמה און אַרויסגעריסן זיך פון איר מיט איין אויסגעשריי: „פאַרגוואַלטיק זי, דערווערג זי, די צוליבער־שיינע, מאַגנעטיש־צוציענדיקע פיינטלעכע מאַכט!...״

דאָס איז אַ שטיק פון לעבן און ניט נאָר פון קונסט. ניט קינסטלערישע פּראָבלעמען ווערן דאָ אַוועקגעשטעלט, לעבנס־אָפּגרונטן אַנטפּלעקן זיך דאָ פאַר אונדז, אָפּגרונטן — פאַר וועלכע מיר שטייען.

„באַשמוץ זי! דערווערג זי!״ — פאַרשטייט זיך, ניט בפועל ממש, ניט אין דעם בוכשטעבלעכן טייטש פון דעם וואָרט, נאָר אין דעם אייגענעם האַרצן, ביי זיך אין דער נשמה.

לעש אויס אין דיין האַרצן יעדן געפיל פון רחמנות און ליבע צו דער „מענטשהייט״ און „פרייער רוסלאַנד״. פאַרגעס, אַז די אידעאַלן פון מענטשן־ליבע, פון זיך אויפאָפּפערן פאַר דער מענטשהייט, האָבן מיר, יידן, אויסגעאַרבעט און אַריינגעטראָגן אין דער מענטשהייט דורך דאָס קריסטנ־טום. פאַרגעס, אַז די קרוין פון דער ציוויליזאַציע איז אָט דער אידעאַל פון אַ ברידערלעך־פאַרבונדענער מענטשהייט און די מסירת־נפש צוליב אַזאַ אידעאַל, און אַז דער שענסטער בריליאַנט אין דער קרוין איז — מינאַ.

טרעט זיי ביידן מיט די פיס אין שטויב, די קרוין און דעם בריליאַנט.

טרעט מיט די פיס אויך יענע ברידער דיינע, וואָס האָבן אַפילו אין רעכטן מיטן פּאָגראָם, אין די מחנות פון דער יידישער זעלבסט־פאַר־טיידיקונג, ניט געקאָנט אַרויסיעטן פון זייער נשמה דעם יידיש־קריסטלעכן געפיל פון ברודער־ליבע און רחמנות צו דער גאַנצער מענטשהייט. זע, ווי ער ליגט, ווי אַ וואָרעם אין שטויב, יענער בלאַסער יונגער ייד אין ברילן, וואָס האָט, אַניאָגנדיק אַ יונגן פּאָגראָמשטשיק, „געקוקט אויפן ווילדן שרעק פון יונגן בלוט און פלייש" און דערנאָך „צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין אייגענעם קאָפּ און האָט אויסגעשאָסן". דערלאַנג אים אַ בריק, דעם „פּאַרבלוטיקטן פּגר", דעם אמתן תלמיד פון ישו דעם קריסט.

וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס אין זיין נשמה האָט זיך נאָר־וואָס אָפּ־געשפּילט איינע פון די טיפסטע און פאַרוויקלטסטע טראַגעדיעס, וועלכע אַ מענטשנס נשמה האָט ווען עס איז דורכגעלעבט! וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס זיין זעלבסטמאָרד איז, אין זיין שיינקייט און גרויס, טויזנט מאָל גרעסער און שענער, איידער אַלע העלדן־טאַטן פון דעם „צלם־מאַן"! לאַך זיך אויס הויך פון זיין יידיש־קריסטלעכן באַוואוסטזיין און געפיל, אַז דער פּאָגראָמשטשיק, אַפילו דער בלינדער פּאָגראָמשטשיק, איז זיין ברודער, אַז ער, דער בלינדער ברודער, איז ניט שולדיק אין דעם פּאָגראָם. זיי מטמא אַזאַ באַוואוסטזיין, פאַרגוואַלטיק אים, דערוואָרג אים...

שפּיי אויף דער גאַנצער יידיש־קריסטלעכער לעגענדע פון ברודער־ליבע, וואָס שטעקט אין דיין יידישן בלוט־און־פלייש, און לערן זיך פון דער גויאיש־קריסטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס וויל פון איר ניט וויסן, — זאָגט שאַפּיראָ...

קוק ניט אויף דער גויאיש־קריסטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס וויל ניט וויסן פון דער יידיש־קריסטלעכער לעגענדע, וועלכע ליגט אין דיין בלוט־און פלייש. שעץ זי און האַלט זי הייליק אונטער די גיפּטיקסטע פיילן פון דער גויאיש־קריסטלעכער ווירקלעכקייט, ווייל זי, די יידיש־קריסטלעכע לעגענדע, איז דער אָטעם פון דיין לעבן, דער זין פון דיין זיין אויף דער וועלט, — זאָגט שלום אַש...

צוויי שטימען פון לעבן... צוויי היפּוכים פון דעם מאָדערנעם יידישן געפיל... ווער וועט וועמען אַריבערהילכן? אָדער מוז אפשר קומען אַ דריטע שטים, וואָס וועט אַריבערהילכן זיי ביידן?

1909

ליטעראַרישע נאָטיצן

שלום אַש אין אַמעריקע

שלום אַש איז איינער פון אונדזערע גדולים. זיין נאָמען האָט אַ רעכט דערמאָנט צו ווערן אינאיינעם מיט די נעמען פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פרץ. אָבער זיין באַדייטונג פאַר דער איצטיקער לאַגע פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַ סך אַ גרעסערע איידער די באַדייטונג פון זיינע באַרימטע פאָרגייער.

די ליטעראַטור פון אַ פאָלק האָט ניט נאָר אַ געברויך־ווערט, — איר אָפּשאַצונג פאַר דעם אייגענעם געברויך אין דער היים, — נאָר אויך אַ טויש־ווערט, — איר אָפּשאַצונג אויף דעם וועלט־מאַרק פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן ליטעראַרישן שאַפן; ניט נאָר אַן אייגענע וואָג, לויט דעם אינהאַלט פון שיינקייט, יושר און אמת, וועלכן זי ברענגט אַרויס, נאָר אויך אַ ספּעציפישן געוויכט, לויט דער וואָג מיט וועלכער די אַרומיקע וועלט וועגט זי אָפּ.

ביז צו שלום אַשן האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט נאָר אַ היימישן געברויך־ווערט און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע וואָג. שלום אַש איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס האָט אַריבערגעוואָקסן דעם צוים פון דעם יידישן תחום. ער איז דאָס ערשטע צווייגעלע, וואָס פלעכט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם געוויקס פון דעם אייראָפּייאישן גייסט. די בילדער און געפילן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ, לעבן נאָר אין די מוחות און אין די הערצער פון יידישע לעזער. די בילדער און געפילן, וועלכע שלום אַש האָט באַשאַפן, פלאַטערן אַריין אין די מוחות און אין די הערצער פון דעם אַלגעמיין־געבילדעטן פובליקום פון דער גאַנצער געבילדעטער מענטשהייט. זיי פלאַטערן אַריין מיט דער פריילעכער בשורה, אַז אַ ניי קינד איז געבוירן געוואָרן אויף דעם שויס פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, אַ קינד מיט אַן אייגענער נשמה, מיט אייגענע געדאַנקען און געפילן, מיט אייגענע פּראָבלעמען און עגמת־נפשן, אָבער מיט דעם זעלביקן אַלגעמיין־מענטשלעכן בענקען נאָך

שיינקייט, מיט דעם זעלביקן שטרעבן אַרויף, צו די אויביקע הימלען פון דער מענטשלעכער פּאָעזיע.

פון וואַנען שטאַמט אָט די וויכטיקע ראָלע, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף שלום אַשס גורל? איז זיין טאַלאַנט אַ גרעסערער, אַ טיפערער, אַ ברייטערער איידער די טאַלאַנטן פון זיינע פאָרגייער? אָדער איז זיין טאַלאַנט אַ בלויז געבוירן־געוואָרענער אין אַ העמדעלע, דערזען די ליכטיקע וועלט אונטער אַ גליקלעכערן שטערן, איידער זייערע? מיר נעמען זיך ניט אָן צו געבן אַן אַבסאָלוטן ענטפער אויף די שאלות. עס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, אַז ניט אַלע מאָל איז דער טויש־ווערט אויפן וועלט־מאַרק באמת ריכטיקער, איידער דער געברויך־ווערט פאַר דער היים. ניט אַלע מאָל איז דער ספּעציפישער געוויכט, וועלכן די אַרומיקע וועלט וועגט אָפּ, ערלעכער און גענויער, איידער די וואָג וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דער אייגענער אַטמאָספערע. אָסטראָווסקי, שטשעד־רין און גליעב אוספּענסקי זיינען געוויס טאַלאַנטן, וואָס שטייגן אַריבער גאָרקיס טאַלאַנט אין פיל און פיל מאָל. אָבער זייערע נעמען קלינגען נאָר אין דער רוסישער היים, און גאָרקי איז דער ליבלינג־דיכטער פון אַ גאַנצן אַלוועלטלעכן דור.

אונדז דוכט, אַז אַקוראַט אַזאַ מעשה ווי מיט גאָרקין האָט אויך פּאַסירט מיט שלום אַשן. ער איז אפשר ניט דער טאַלאַנטפולסטער פון אונדזערע גדולים, אָבער דער מזלדיקסטער. אין זייער שאַפן ליגט עטוואָס, וואָס גראָבט אין דער טיף; אין זיין שאַפן ליגט עטוואָס, וואָס טרייבט אין דער הויך. כדי די דרויסן־וועלט זאָל זיי באַמערקן און שעצן, מוז מען פון יענער זייט תחום אַריבערקלעטערן דעם יידישן צוים, אַריינוואַרפן זיך אין דעם ווילדן געוויקס פון דעם יידישן לעבן, אין די פאַרפלאָנטערטע עגמת־נפשן וואָס ווימלען זיך אין דער יידישער נשמה, האָבן אַ חוש פאַר די ספּעציפישע חלומות, האָפענונגען, קרענק־און־ווייטיקן פון דעם יידישן פאָלק, — אַ זאַך, וואָס איז פאַר דעם ניט־יידן כמעט ווי אוממעגלעך. מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ שטודירן און פאָרשן ניט נאָר דעם מענטשן אין דעם יידן, נאָר אויך נאָך מער — דעם יידן אין דעם מענטשן. זיי זיינען צוגעצויגן דורך דעם מאַגנעט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרשיידנקייט. שלום אַש האָט פאַר זיך נאָר דעם מענטשן, אויסגעמאָלט אין יידישע פאַרבן. ער איז פאַרשטענדלעך יעדן, דעריבער קאָן ער אָפּ־געשאַצט ווערן פון יעדן. איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעטן, אייגענע בולעטע שטריכן, וואָס פעלן דער איבעריקער מענטשהייט, מוזן בלייבן ביי זיך אין דער היים; אַז די

אַלוועלטלעכע ליטעראַטור קאָן זיך רעכענען נאָר מיט דעם אַלגעמיין־מענטשן, אויסגעמאָלט אין נאַציאָנאַלע קאָלירן. ניין, אויך די בוילעטע אייגנטימלעכקייטן פון דער פאָלקס־נשמה האָבן אירע וואָרצלען טיף אין יענעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אָפּגרונט, וואָס לאָזט פון זיך אַרויסשפּראָצן אַלץ, מיט וואָס דער מענטש האָט באַרייכערט און פאַרשענערט זיין לעבן. אָבער ניט יעדער איז מסוגל זיך צו דערגראָבן צו יענע טיפעניש, וואו דאָס נאַציאָנאַלע גיסט זיך צונויף מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן און פליסט פון אים ווידער אַרויס. דאָסטאָיעווסקי איז אַזאַ זשעניע. ער האָט זיך דערגראָבן ביז צו דעם אונטערגרונט, וואו דער מענטשלעכער גייסט האָט זיך צעצווייגט און אַרויסגעבראַכט פון זיך די סלאַוויש־רוסישע נשמה. דערפאַר איז אויך דאָסטאָיעווסקי געוואָרן אַן אַלוועלטלעכער קינסטלער. ער איז נאַציאָנאַל־טיף ווי אָסטראָווסקי, שטשעדרין און אוספּענסקי; ער איז אָבער אויך אַקוראַט אַזוי הויך, און אפשר נאָך העכער, ווי גאָרקי. דאָס אייגענע איז אויך מיט טאָלסטאָיען.

ליידער האָבן מיר נאָך ניט קיין דאָסטאָיעווסקי און קיין טאָלסטאָי אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. לאָמיר פאַר ליב־נעמען מיט אונדזער גאָרקי; ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל ניט מיט די ווערטער ציען אַ פּאַראַלעל צווישן גאָרקיס טאַלאַנט און דעם טאַלאַנט פון שלום אַש; ניט אויסצומעסטן זיי, ווער איז גרעסער, וויל איך, און ניט אָפּצושאַצן, אין וואָס זיי גייען זיך צונויף און אין וואָס זיי זייַנען פאַרשיידן. איך וויל נאָר דערמיט זאָגן, אַז אַש איז ניט דאָסטאָיעווסקי און ניט טאָלסטאָי. און די באָרימטקייט זיינע, וואָס הויבט אָן צו וואַקסן אין דער איראָפּייאישער ליטעראַטור, שטאַמט, לויט דעם גראַד פון זיין טאַלאַנט, פון דעם זעלביקן מקור, פון וועלכן עס שטאַמט גאָרקיס באָרימטקייט: ניט פון דער טיף, נאָר פון דער הויך; ניט פון דעם נאַציאָנאַלן, טיפן און טונקעלן, נאָר פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, לייכטן און פאַרשטענדלעכן.

עס איז ניט דאָ, אין די נאָטיצן, דער פּלאַץ צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון שלום אַשס ליטעראַרישן שאַפן, — ניט לויט זיין געברויך־ווערט און וואָג אין דער היים, ניט לויטן טויש־ווערט און ספּעציפישן געוויכט פאַר דער פרעמד.

דאָ קאָנען מיר נאָר אויסדריקן אונדזער פרייד וואָס אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז שוין געקומען די צייט זיך אַריינצופלעכטן אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער, גייסטיקער אַנטוויקלונג. גליקלעכער שלום אַש, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אַזאַ הויכער גלענצנדיקער כבוד! דורך אים טרעט דאָס יידישע פאָלק אַרויס פון זיינע ענגע ד׳ אמות און

ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער געבילדעטער וועלט, צו די נייע פאָרמען פון איר ווידער־יונג־געוואָרענעם שאַפן. שלום אַשס נאָמען איז איצטער פאַרבונדן מיט דעם כבוד פון דעם יידיש־שאַפנדיקן גייסט. מיר ווילן האָפן, אַז דער קינסטלער אַליין פאַרשטייט, וועלכע גרויסע אחריות עס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ ערנהאַפטער מיסיע; אַז ער שרייבט אַליין אויך ניט צו זיין גאַנצן דערפאָלג צו יענעם טראָפנדל פונעם יידישן ים, וואָס טראָגט דעם נאָמען: שלום אַש; אַז ער אַליין ווייס אויך גאַנץ גוט, אַז אַלץ וואָס ער איז, איז ער עס דערפאַר, ווייל ער שטאַמט פון יענעם ים.

מיר ווינטשן שלום אַשן דעם בעסטן דערפאָלג אין אַלע יענע זיינע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם וואַקסן פון זיין שאַפן און ווירקן. אין אונדזערע אויגן איז אַש ניט אַן איינצלנע פּערזאָן, וואָס קעמפט פאַר זון און גליק צוליב זיך און זיין נשמה; דאָס גייט יונג־יודעאַ אַריינצוהילכן איר שטים אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון דער מענטשהייט. זי טוט עס איצטער מער ניט ווי אין דער ספערע פון ליטעראַטור; עס וועט אָבער קומען די צייט, ווען יונג־יודעאַ וועט זיך דעראָבערן אַ פּלאַץ אויך אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט און דעם טעאָרעטישן גייסט און דערנאָך וועט ניט אויסבלייבן יענער מאָמענט, ווען אויך דער פּאָליטישער וועלט־קאָנצערט וועט מוזן אַריינפלעכטן אין זיך די שטים פון יידישער, נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט.

1910

ב. לאַפּין: „אומעטיקע וועגן"

מיט פינף־און־דרייסיק לידער דעביוטירט דער יונגער יידישער דיכטער, לאַפּין. דאָס איז צו־ווייניק מאַטעריאַל, כדי צו מאַכן אַ באַגריף פון דער טבע און דער גרויס פון זיין טאַלאַנט. אָבער דאָס איז גאַנץ גענוג, מען זאָל קאָנען אויף זיכער באַשטימען, אַז ער איז אַן אמתער פּאָעט. די געפילן, וואָס ער באַשרייבט, די בילדער, וואָס ער באַנוצט, לאָזן איבער דעם קלאָרסטן איינדרוק, אַז דאָס זיינען ניט קיין קאָפּ־אַרבעט, נאָר ריינער האַרץ־געזאַנג. דער געזאַנג איז ניט אומעטום גלייך שטאַרק און רייך. אין אייניקע שטעלן קלינגען דורך מאָטיוון, וועלכע איר האָט שוין ערגעץ־וואו געהערט. דאָ אַ שטיקל לערמאָנטאָוו („כ׳באַדויער ניט די טעג מיינע, וואָס זיינען מיר פאַרגאַנגען, און ס׳שרעקט מיך ניט דער לעצטער טאָג, וואָס

קומט באַלד און פאַרגייט !...״ ז. 10) ; דאָ אַ שטיקל נאַדסאָן (דער גאַנצער שיר „איך קאָן דיך ניט מיטנעמען, עלענדעס קינד״, ז. 19) ; דאָ אַ שטיקל פרץ (אין דער פאָרם „שטערנדלעך פאַלן אין גראָז אָן געזויש... פאַר וואָס לעשט אין האַרצן זיך פלוצלונג וואָס אויס ?... די נאַכט טריפט אין לופט אַזאַ ליכטיקן שיין, וואָס הילט מיין נשמה אַ פינצטערניש איין ?...״ ז. 20). אָבער אויך דאָ, וואו פרעמדע טענער מישן זיך אַריין אין זיין געזאַנג, פילט איר, אַז לאַפין נעמט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער.

דאָס רוב לידער לאַפינס זיינען אָבער זיינע אייגענע. דאָס איז אַזאַ זעלטענע מעלה אין דער יונגער יידישער פּאָעזיע, אַז דערפאַר אַליין פאַרדינט דער דיכטער אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס קומט אויס אין דער טעאָריע, נאָר פאַר מיר איז דער ערשטער סימן פון אַן אייגענער פּאָעטישער נשמה דער אָריגינעלער פאַרגלייך, וואָס באַשאַפט מיט איין שטריך אַ קלאָר בילד און אַ טיפן געפיל. אַזעלכע אָריגינעלע פאַרגלייכן קומען גאַנץ אָפט אין לאַפינס שירים.

„ס׳פרעסט זיך די נאַכט צו די טונקעלע שויבן,
אַזוי ווי אַ קראַנקער פון היץ קילט זיין שטערן.״ (ז. 21).

אָדער :
„ס׳נעסטן זיך שרעקן אין ד׳פאַלבן פון דעקע
און קוקן צו מיר אין געלעגער מיט אומעט.״ (ז. 13).

אָדער :
„עס וויגט דער ווינט זיך נאָך אין אירע האָר
און ס׳שפריצט דער הייסער פראָסט אויף איר געזיכט
מיט ראָזע פייערלעך...״ (ז. 32).

לויט דעם גראַד פון אָריגינאַליטעט און אייגענעם האַרץ־געזאַנג שטייט לאַפין נעענטער פון אַלעמען צו איינהאָרנען. זיינע מאָטיוון זיינען אָבער ניט אַזוי מאָנאָטאָן, ווי ביי דעם ערשטן. אמת, אויף „אומעטיקע וועגן״ קאָנט איר ניט פאַרלאַנגען צו הערן אַ פריילעכן „מזמור לדוד״, אָדער אַ ים־ברייטן הללויה־כאָראַל ; דאָס רוב איז „מן המצר״־שטימונג : אַ פאַרוואונדעטע צאַרטע נשמה צאַפּלט זיך אָפטמאָל אין אַנגסטן פון טויט. אָבער אויך אידילישע און לעבנס־פריידיקע קלאַנגען זיינען לאַפינען ניט פרעמד („זומער־נעכט״, „איך הער, ווי טריט...״ און אַנדערע). מיר האָבן דעריבער אַ רעכט פיל צו האָפן פון לאַפינס אַנטוויקלונג.

י. י. זעווינס געקליבענע שריפטן. היברו פּאַבלישינג קאָמפּ., ניו־יאָרק.

וועגן זעווינס געקליבענע שריפטן קאָנען מיר נאָך איצטער ניט געבן קיין אויספירלעכן באַריכט, קיין אָפּשאַצונג פון זייער ווערט. מיר האָבן דאָס שיין־אויסזעענדיקע בוך פון באַלד 500 זייטן נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו לייענען. מיר האָבן אָבער אַריינגעבליקט אין דריי־פיר שטעלן, און אונדז דוכט, אַז די אַרבעט פאַרדינט די ערנסטע אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק.

זעווין איז אַ הומאָריסט, אָבער יעדעס גוטע הומאָריסטישע ווערק מוז האָבן זיין ערנסט. און דער ערנסט פון דער זאַך ליגט, ווי מיר דוכט, אין דער מיליע־שילדערונג, אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער סביבה. מען וואָלט באַדאַרפט ציען אַ פאַרגלייך צווישן זעווינען און ליבינען, וואָס איז אויך אַ הומאָריסט און וועמעס באַדייטונג עס ליגט אויך אין דער שילדערונג פון זיין מיליע. אַזאַ פאַרגלייך מוז ברענגען אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן, ווייל די מיליע, וועלכע זעווין שילדערט, איז פאַרשיידן פון ליבינס. זעווין האָט צו טאָן מיט אונדזער קליינער בורזשואַזיע, מיט דעם פעדלער, דעם שמש, דעם „בוטשער־באַי", דעם „וועיטער". אויף וויפיל „חיים דער קאָסטאָמער־פעדלער, „דזשאָו דער וועיטער", „שמחה דער שמש" און „בערל דער בוטשער־באַי" זיינען גוט־דורכגעפירטע טיפּן פון דעם לעבן, קאָנען מיר נאָך איצטער ניט זאָגן. זיי זיינען פיליכט ניט מער ווי נעמען, וואָס דייטן־אָן אויף אַ געוויסן קרייז מענטשן, מיט וועלכע זיי קומען אין באַרירונג. אויב די שילדערונגען, וואָס זעווין גיט אונדז, זיינען ניט פון פינגער אויסגעזויגן, קאָנען זיי אונדז געבן אַ קלאָרן בליק אויף דעם כאַראַקטער פון אונדזער קליין־ און מיטל־בורזשואַזיע אין אַמעריקע, אַקוראַט ווי ליבינס ווערק אַנטפּלעקט אונדז די יסודות פון דעם יידישן פּראָלעטאַרישן לעבן אין דער נייער וועלט.

1910

ליטעראַטור: אַ זאַמלבוך

ראַדאַקטירט פון יואל ענטין, יואל סלאָנים, מ. י. חאַימאָוויטש, ניו־יאָרק, 1910

זייער אַן ערנסטע און דערפרייענדיקע דערשיינונג. די זאַמלונג באַשטייט פון דריי גרויסע אָפּטיילונגען: 1) לידער און דערציילונגען, 2) אַרטיקלען, און 3) קריטיק און ביבליאָגראַפיע. דער וויכטיקסטער טייל זיינען די

אַרטיקלען. אין „צווישן מזרח און מערב״ וויל יואל ענטין אונדז געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער מאָדערנער סימבאָליסטישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור. אין „גאָט־זוכעניש און זיך־גופא־זוכעניש״ גיט אונדז מ. קאַטץ אַן איבערבליק איבער פּרצעס „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן״. מ. לעאָנטיעוו שרייבט וועגן „באָדלער און זיין פּאָעזיע״, י. סלאָנים — וועגן „אָסקאַר ווײַלד״.

אין דער זעלביקער אָפּטיילונג געהערט אויך אַן אינטערעסאַנטער אַרטיקל פון יודא א. יאָפע, אונטער דעם נאָמען „שרייבן אָדער שרייבען ?״. דאָס איז זייער אַן ערנסטע פילאָלאָגישע אונטערזוכונג וועגן די גרונט־געדאַנקען פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַ קליינער קאַפּיטל פון אַזאַ ערנסטער אונטערזוכונג. רעכנט מען אַראָפּ יודא יאָפּעס אַרטיקל, זיינען אַלע אַנדערע אַרבעטן ווי פון איין־איינציקן גוס. די טענדענץ, די ריכטונג זייערע, איז אַן אויסגעהאַלטענע, אַן איינהייטלעכע. אמת, לויט דער פאָרם זיינען זיי אָביעקטיווע שילדערונגען, באַריכטן וועגן אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע דערשיינונגען. אָבער דער טאָן איז אַזאַ, אַז וועגן די סימפּאַטיעס פון די פאַרפאַסער קאָן מען ניט בלייבן אין ספק. זיי באַהאַנדלען נאָר די שריפטשטעלער און ווערק פון יענער ריכטונג, צו וועלכער זיי אַליין געהערן.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף אַלע אַרטיקלען, וואָס זיינען אַלע גאַנץ געוויס ערנסטע אַרבעטן. אונדזער שטעלונג צו די עסטעטישע פּראָבלעמען זיינען האָפנטלעך באַקאַנט די לעזער פון „דאָס נייע לעבן״. מיר ווילן נאָר מאַכן אייניקע באַמערקונגען צו יואל ענטינס אַרטיקל, ווייל ער איז טעאָרעטיש דער וויכטיקסטער און קלינגט ווי אַ פּראָגראַם פון דער גאַנצער גרופּע.

דער גרונט־געדאַנק פון „צווישן מזרח און מערב״, קאָן מען זאָגן, איז כמעט אַ געשיכט־פילאָסאָפישער. די געשיכט־פילאָסאָפיע דריקט זיך אויס אין דעם אָנהויב און אין דעם סוף פון דעם אַרטיקל. אין דעם אָנהויב זאָגט אונדז ענטין : „שוין יאָרטויזנטער, אַז די מענטשהייט בלאָנדזשעט און קאָן דעם ריכטיקן וועג ניט געפינען. זייט יאָרטויזנטער וואַנדערט זי אַרום פון מזרח צו מערב און פון מערב צוריק קיין מזרח און קיין סוף צו אירע זוכענישן זעט זיך נאָך אַלץ ניט.״ (ז. 50). און דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער : „די מענטשהייט וואַנדערט אָן ראַסט און אָן רו און איר שיף שניידט זיך שיכור און וואַקלענדיק דורך איר ווייטערן וועג. וואוהין ? טיפער אין מזרח אָדער צוריק קיין מערב ?״ (ז. 87).

יואל ענטין גיט אונדז אויף דער פראַגע קיין ענטפער ניט, אָבער אויב

מען זאָל אים פרעגן, וואוהין וואָלט ער געוואָלט, די שיף זאָל גיין, וואָלטן מיר בלי שום ספק באַקומען דעם ענטפער: „נאָך ווייטער קיין מזרח!“ ווייניקסטנס אַזאַ׳ן איינדרוק האָבן מיר אַרויסגעטראָגן פון דעם גאַנצן אַרטיקל. אָבער — וואָס אַזוינס איז „מזרח“ און וואָס איז „מערב“? אַ שאַרף־אַרומגעגרענעצטע דעפיניציע פון די צוויי באַגריפן גיט אונדז ענטין ניט. אָבער אין אַלגעמיינעם איז ניט שווער אַרויסצוגעפינען זיין געדאַנק. „מזרח“, דאָס איז די מיסטיק, דער „ביטול היש“, דער קאַמף מיטן גוף, דער חלום, וואָס איז דער אויבערהאַר איבער דעם וואָר. „מערב“, דאָס איז דער קלאָרער פאַרשטאַנד, די רעפאָרמאַציע, די דעמאָקראַטיע, דער ראַציאָנאַליזם, די נאַטור־וויסנשאַפט, דער פּאָזיטיוויזם, דער קאָמוניזם און דער רעאַליזם, — קורץ, כמעט אַלע פּרינציפּן פון דער פאָרגעשריטענער, אויפגעקלערטער מענטשהייט. וועגן אַ טערמינאָלאָגיע טאָר מען אייגנטלעך ניט שטרייטן, ווייל דאָ איז דער מחבר זיין אייגענער באַלעבאָס. ער האָט אַ רעכט צו זאָגן: „אַט אַזוי וויל איך אָנרופן אָט־אָ־די דערשיינונגען“, און ווי באַלד איר ווייסט וואָס ער מיינט, קאָנט איר זיך דורכרעדן מיט אים וועגן די דערשיינונגען, הגם איר וואָלט זיי אפשר אָנגערופן אַביסל אַנדערש. די איינציקע פאָדערונג, וואָס מען קאָן אים שטעלן, איז, ער זאָל זיין אויסגעהאַלטן אין זיינע באַגריפן און די איינצלנע דערשיינונגען זאָלן פּאַסן צו דעם באַגריף. ליידער איז יואל ענטין ניט אומעטום אויסגעהאַלטן. דאָס אַלטע פּאַלעסטינע, צ. ב., רעכנט ער צו צו „מזרח“. אמת, אין דעם אַלטן העברייאישן פּאַלעסטינע האָבן מיר ניט געהאַט קיין נאַטורוויסנשאַפטן און זייער ווייניק ראַציאָנאַליזם, אָבער דערפאַר איז דאָרטן גאַנץ באַשטימט געווען אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענער אָפּטימיסטישער בליק אויפן לעבן, אַ קלאָרע אָפּלייקענונג פון יעדן „ביטול היש“, און אויך דער קאָמוניזם, וועלכן ענטין שרייבט־צו צום „מערב“, האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און איז קרעפטיק אויסגעוואַקסן גראָד אין דער אַלטער יודעאַ ביי דער סעקטע פון די איסיים.

אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. לאָמיר בעסער איבערגיין צו יענע געדאַנקען ענטינס וואו ער גיט אונדז צו דערקלערן, פאַר וואָס דער רעאַליזם האָט געמוזט אַראָפּ פון פּלאַץ און דער סימבאָליזם האָט געמוזט פאַרנעמען זיין אָרט. „דער רעאַליזם“, זאָגט ער (ז. 53), „האָט די ליטעראַטור ענג אָנגעפּראָפּט מיט פאַקטן, פּאַסירונגען און אומגעבונג, אַז עס איז אין איר מער קיין פּלאַץ ניט געבליבן פאַרן מענטשן. דער מענטש אַלס מענטש איז פאַרשוואונדן, פאַרשוואונדן זיין ווילן און גייסט, געבליבן איז נאָר זיין פיזיאָלאָגיע. דער סימבאָליזם האָט דעם מענטשן צוריק אומ־

געקערט צו זיין אַלטער הערלעכקייט, אים צוריק וויכטיק און מעכטיק געמאַכט און צוריק דערהויבן זיין גייסט.״ —

אין ענטינס פּלאַן איז ניט אַריינגעגאַנגען צו באַווייזן אונדז, ווי אַזוי אין דעם רעאַליזם איז „דער מענטש אַלס מענטש פאַרשוואונדן״. אַן אַנאַליז פון טורגעניעווס און טאָלסטאָיס ווערק וואָלט באַדאַרפט באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין טעזע, און אונדז וואָלט זיך גרייליך געוואָלט לייענען אַזאַ אַרבעט, וואָס וואָלט אונדז אויפגעוויזן ווי אַזוי ביי אָט די צוויי גרעסטע מייסטער פון דעם רעאַליזם איז „דער מענטש אַלס מענטש פאַרשוואונדן״. ענטינס אויפגאַבע איז געווען צו באַווייזן ווי אַזוי דער סימבאָליזם האָט ווידער „דעם מענטשן אומגעקערט צו זיין אַלטער הערלעכקייט, צוריק וויכטיק און מעכטיק געמאַכט און צוריק דערהויבן זיין גייסט״, און דאָס דערגייען מיר אויס דער שילדערונג פון די איינצלנע גרויסע סימבאָליסטן. ביי דע קווענסי (ז. 55) האָט זיך דער דערהויבענער גייסט אויסגעדריקט אין דעם געברויך פון אָפּיום, וואָס איז געוואָרן אַ מאָדע ביי די פראַנצויזישע שרייבער פון דער נייער ליטעראַרישער שול.

באָדלער (ז. 65) איז געווען אין דער זעלבער צייט אי אַן עלעגאַנטער פּאַריזער, אי אַ קרעפּטיקער אַזיאַט. „די ציוויליזאַציע און דעם פאָרשריט האָט ער פיינט געהאַט בתכלית שנאה״. אין רימבאָ (ז״ז 59 און 60) האָבן מיר דעם „משוגענעם״, דעם חוזה־חזיונות. „אין גרונט גענומען״, פאַר־זיכערט אונדז ענטין, „זיינען דאָך אַלע מענטשן אין פלוג משוגע, נאָר נאָכן ווילדן, ראַשיקן אימפּולס, נאָך דעם מאָמענטאַנעם איינפאַל אָדער אָנצינדונג קומט די אָפּקילנדיקע איבערלייגונג. רימבאָ אָבער האָט זייער ווייניק געוואוסט פון איבערלייגונג און אָפּקילונג״.

וועגן ווערלענס פּאָעזיע דערציילט אונדז ענטין (ז. 60): „ישוב־הדעת, אַלזאָ, געזעצטקייט און געזונטער מענטשן־פאַרשטאַנד, האָבן אין זיין פּאָעזיע קיין אָרט ניט געהאַט, און דאָס איז איינע פון די זאַכן, וואָס נעמען אים אַוועק פון דעם רעאַליזם און מאַכן אים פאַר אַ סימבאָליסט, דאָס נעמט אים אַוועק פון דעם קאַלטן ניכטערן מערב און זעצט אים אַריין אינעם הייס־מאַרכיקן, טרוימערישן מזרח״. „מאַנכעס מאָל״, דערציילט אונדז ווייטער ענטין (ז. 61), „איז אין זיין שפּראַך קיין זין ניטאָ, נאָר בלויז הוילער קלאַנג. ער פאַרפּאַסט זיך זיין אייגענע שפּראַך, ער קלייבט זיך צונויף ווערטער אַזוי ווי אַ קינד אַקאָמפּאַנירט זיין אייגענע שפּיל מיט פּלאַפּלעריי...״

אַ גלענצנדיקערע כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם „ווידער־דערהויבענעם גייסט״ איז פשוט שווער זיך פאָרצושטעלן.

איך לאָז דורך נאָך איינע „ווידער־דערהויבער" און קום־צו צו קנוט האַמסון. זייט 70 לייענען מיר: „אַ סימבאָליסט־מיסטיקער איז קנוט האַמסון. געהיימניספול זיינען זיינע פּרויען, געהיימניספול איז זייער ליבע; ביי זיי אָבער איז דאָס די געהיימניס פון טרוים, אַ געהיימניס וואָס דער־מאָנט עפּעס אויף 'שלאָפענדע מיט וואַכענדע הערצער', ווי שולמית פון שיר־השירים זאָגט אויף זיך, אויף עפּעס אַ ווייך־מאַרכיקייט, ווערנד סאַלאָמעס געהיימניס דערמאָנט מער אויף דער געהיימניס פון בלוט." — מיר מוזן מודה זיין, אַז אונדז איז ניט גאַנץ קלאָר דער זין פון „געהיימניס פון טרוים" און „געהיימניס פון בלוט" און דער חילוק, וואָס איז צווישן זיי. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. דער פּונקט, וואָס אונדז אינטערעסירט, איז, אַז דאָס געהיימניס „דערמאָנט עפּעס אויף אַ ווייך־מאַרכיקייט". דאָס קאָן גרייליך זיין. אָבער — זינט ווען איז ווייך־מאַרכיקייט געוואָרן אַ סימן פון אַ „דערהויבענעם גייסט"?

„האַמסונס העלד פון 'הונגער' גייט אַרום איבער די גאַסן פון כריס־טיאַניאַ מיט אַ פאַרטשאַדעטן, היץ קראַנקן מאַרך, אַזוי ווי די נאַרוועגישע מיטער־נאַכט־זון וואָלט זיך מיט אים אויסגעמישט," דערציילט אונדז ענטין (ז. 72). ליידער, האָבן מיר די שטעלע ניט גאַנץ־גוט פאַרשטאַנען. עס איז אונדז זייער שווער פאַרצושטעלן זיך, ווי אַזוי די נאַרוועגישע „מיטער־נאַכט־זון" מישט זיך אויס מיט אַ מענטשן און וואָס די אויסטייטשונג זאָל באַדייטן: האָבן מיר דאָ אַן אינטערעסאַנטן פאַל פון בלוט־אויסמישונג מיט דער ניט לעבעדיקער נאַטור? אפשר מוז מען האָבן אַ „היץ־קראַנקן מאַרך", כדי צו באַנעמען די גאַנצע טיפקייט וואָס אין דערין שטעקט.

פּשיבישעווסקיס „דערהויבונג פון דעם מענטשלעכן גייסט" ווערט אויסגעדריקט אין דעם רעזולטאַט, צו וועלכן ער קומט, אַז „דער שכל איז נוצלאָז, ער איז אַ טעמפּע געצייג" (ז. 74).

נאָך דער בעסטער באַווייז, ווי אַזוי דער סימבאָליזם האָט דעם מענטשן צוריק אומגעקערט צו זיין אַלטער הערלעכקייט, צוריק וויכטיק און מעכטיק געמאַכט, און צוריק דערהויבן זיין גייסט, איז ד'אַנונציאָ. אויף ז' 76 דער־ציילט אונדז ענטין פון אים, אַז ער איז „באַרבאַריש און שרעקלעך ווי שעקספּיר, ער ווייזט די סאַמע דעק, דאָס רויעסטע, דאָס פּרימיטיוועסטע פון דעם מענטשנס נאַטור, דאָס וואָס איז אַם מיינסטן פאַרוואַנדט מיט משוגעת און בעסטיע"...

און איצטער דער סך־הכל. „דער סימבאָליזם — זאָגט ענטין — האָט דער ליטעראַטור געגעבן אַ פריילעכערן אָפּטימיסטישערן טאָן... דער סימבאָליזם האָט דעם מענטשן צוריך אומגעקערט זיין שאַפענדן גייסט,

זיין ווילן (?!), דערקלערט אים, אַז זיין גייסט איז מעכטיק; אָבער באַ־פרייענדיק דעם מענטשן פון דעם שיקזאַל פון די אומשטענדן האָט ער אים צום טייל אונטערגעוואָרפן אַ מיסטישן שיקזאַל פון דעם אַלוועלט, און באַפרייענדיק אים פון דער שווערער לאַסט פון דערווירקלעכקייט, האָט ער אים אונטערוואָרפן אונטער אומבאַשטימטע שרעקן...״ (ז. 78).

זינגט דעריבער אַ פריילעכן „הללויה״ פאַר דעם „שרעקלעכן״ אָפּ־טימיזם פון שרעק!

איך וויל דאָ מיט מיינע קורצע באַמערקונגען בשום אופן ניט אַראָפּ־שלעפּן דעם סימבאָליזם פון זיין פּעדעסטאַל. זיין ראָלע און באַדייטונג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז אַן אומגעהויערע און פאַרדינט אַ טיפע אונטערזוכונג. אָבער רעדנדיק וועגן אים, לאָזט, זייט מוחל, אָן אַ זייט אַט די אַלע פראַזן וועגן דעם מענטשנס הערלעכקייט, זיין ווילן, מאַכט און גייסט. אויב ווער עס איז האָט געכאַפּט דעם „מענטשן״ פאַרן גאָרגל און אים דערטרונקען אין די שווידערלעכע טיפענישן פון דער פאַרנונפט־פיינטלעכער נאַטור, איז דאָס געווען דער סימבאָליזם.

די בעלעטריסטישע אָפּטיילונג שטייט ניט אויף דער זעלביקער הויך, ווי די אַרטיקלען. אייניקע פון זיי דוכט אויס, זיינען געשריבן אין דעם גייסט פון דער נייער ריכטונג. ווייניקסטנס, איז זייער זין פאַר אונדז, פּשוטע בשר־ודמ׳ס, — אַ בוך מיט זיבן זיגלען. יואל סלאָנים זינגט:

„די נאַכט איז געקומען אין מאַנטל פון שוואַרץ,
מיט שטערן, רבנות, פאַרשלאָסן אין האַרץ.
און בלינד האָט איר אויג אין דעם פענצטער געבליקט,
אַזוי ווי דער גייסט פון אַ זעלע דערשטיקט.״

נאָכן פּשוטן פּשט דאַרף מען טייטשן די לעצטע צוויי פּסוקים אַזוי: דאָס אויג פון דער נאַכט האָט בלינד געבליקט אין „דעם״ פענצטער, אַזוי ווי דער גייסט, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן פון אַ זעלע. קיין אומזין איז דאָס ניט, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז זעלע, דאָס איז די „זי״ פון אַ גייסט. אַ גייסטיכע האָט דערשטיקט אַ גייסט, און... אַקוראַט אַזוי (?) קוקט בלינד דאָס אויג פון דער נאַכט אין „דעם״ פענצטער. צוריק קאָן מען אפשר אויך פאַרשלאָגן אַזאַ פּשט: די נאַכט קוקט אין פענצטער אַזוי ווי עמעצער, וואָס האָט דערשטיקט דעם גייסט פון אַ זעלע. אָדער אפשר נאָך אַנדערש: די נאַכט קוקט אין „דעם״ פענצטער, ווי אַ זעלע, אין וועלכער עס איז דערשטיקט געוואָרן דער גייסט... טיף, טיף, אין לשער...

מיר האָבן פריער געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ פּירוש אויף א. ראַבאָיס „דאָס ברעגכל״, וואָס האָט „בחורים פון פאַרשיידענע פאַרבן, קורצע און

לאַנגע״ (ז. 21), וואָס ווייס פון אַ שטאָט, אין וועלכער עס איז געווען אַ בלאָער ים (ז. 23), און ביי וועמען אַ פרוי האָט מיט אירע „אויגן ווייט דאָס אָפענע פענצטער געווענדט און אָנגעשפּאַרט אין דאָס ווענטל פון פאָטעל״ (ז. 22). אָבער די לעצטע שטעל האָט אונדז אין גאַנצן מטושטש געמאַכט. וואָס הייסט ווענדן אַן אָפענע פענצטער? צומאַכן? ווי האָט זי דאָס צוגעמאַכט דאָס פענצטער מיט אירע אויגן? און וואָס איז אָנגעשפּאַרט געוואָרן אין דאָס ווענטל פון פאָטעל? דאָס געווענדטע (צוגעמאַכטע) אָפענע פענצטער, אָדער די אויגן?

כ׳לעבן, אונדזערע „יונגע״ האָבן געמעגט אַרויסגעבן זייערע ווערק מיט רש״י און עברי־טייטש!

דערפאַר איז די דריטע אָפּטיילונג, די ליטעראַרישע איבערזיכטן, ווירקלעך זייער גוט, ווען אַפילו מיר קאָנען ניט מיט אַלץ מסכים זיין. דער־הויפּט ניט מיט מ. י. ח.׳ס אָפּשאַצונג פון ל. שאַפּיראָס „ים״.

1910

מאָריס ווינטשעווסקיס בוך „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין"

ווינטשעווסקיס בוך איז אַ פריינטשאַפט־דענקמאָל, אַוועקגעשטעלט אויף גאָרדינס קבר, פאַר גאָרדינען, און נאָך מער צום אייביקן זכרון פאַר דער פריינטשאַפט, וואָס ווינטשעווסקי האָט געפילט צו אים. די פריינט־שאַפט, ווי זי מאָלט זיך אַרויס פון דעם בוך, איז געווען באמת אַ לויטערע און טיפע, און פאַרדינט אַזאַ שיינעם דענקמאָל. פאַר דער גאָרדין־ליטע־ראַטור אָבער — אויב עס וועט אויסוואַקסן אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין געווידמעט דער אויספאָרשונג און אָפּשאַצונג פון גאָרדינס לעבן און ווירקן, — האָט דאָס בוך כמעט גאָר קיין ווערט ניט. דער איינציקער ווערט, וואָס מיר האָבן געקאָנט אַרויסגעפינען, באַשטייט אין דעם, וואָס מיר דער־וויסן זיך, ווי טיף גאָרדין איז געווען איינגעבאַקן אין האַרצן פון זיינע בעסטע פריינט, און וויפיל איינער פון זיי, און נאָך דערצו אַזאַ באַדייטנדיקע פערזענלעכקייט ווי „דער זיידע״, האָט געהאַלטן פון גאָרדינס טאַלאַנט און וויכטיקייט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָך קיין ראיה ניט, אַז ווינטשעווסקיס מיינונג איז די ריכטיקע. פאַר די וואָס האָבן אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף גאָרדינען, וועקט עס נאָך אויף די שאלה: ווי קומט „דער זיידע״ דערצו, אַזוי שטאַרק אַריבערצוכאַפּן די מאָס אין דער אָפּשאַצונג פון גאָרדינס

גרויס? ווי קומט ער אַוועקצושטעלן אים אין איין געזעלשאַפט מיט איבסענען, מאָליערן (!), געטען (!!), אים, וואָס האָט געווויס געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אויפקלערונג און דעם יידישן טעאַטער, אָבער וועמעס טאַלאַנט וואָלט אין דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אפשר קוים באַמערקט געוואָרן? וואָלט ווינ־טשעווסקי נאָך באַגרינדעט זיין בליק אויף גאָרדינס גרויס, וואָלטן מיר אַליין געקאָנט אָפּשאַצן, אויף וויפיל ער איז גערעכט אָדער אומגערעכט. אַזוי אָבער, — בלייבט פאַר אונדז ווינטשעווסקיס מיינונג אַ רעטעניש, וועלכע מיר קאָנען ניט פאַרשטיין.

איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז ווינטשעווסקיס בליק אויף גאָרדינען איז אַבסאָלוט פאַלש. אין דער ליטעראַטור־געשיכטע זיינען דאָ פאַלן, ווען אַ קינסטלער, וועמען דאָס רוב קריטיקער און קעגנער פון זיין דור האָט געהאַלטן פאַר אַ צרהדיקער מיטלמעסיקייט, איז ביי די קינפטיקע דורות אויסגעוואַקסן ביז צו די הימלען. דער חוב פון אַבסאָלוטער אָביעקטיוויטעט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל ניט אָפּלייקענען לגמרי אַזאַ מעגלעכקייט אויך פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן דראַמאַטורג. אָבער ווייסט איר, ווי אַזוי יענע זיינען אויסגעוואַקסן צו די הימלען? זייערע פריינט און שעצער, שאַרפע מבינים אין קונסט, זיינען אַרויס אין קריג מיט דער עפנטלעכער מיינונג און האָבן, מיט ערנסטע טיפע אַנאַליזן און אונטערזוכונגען, באַוויזן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען די טיפקייט, אָריגי־נאַליטעט און שיינקייט אין די ווערק פון יענע גאונים. מיט ווערטער אַליין, בלויז מיט פאַרזיכערונגען אויף איינעמס נאמנות, קאָן מען ניט באַגרינדן אַ ליטעראַרישע רעפּוטאַציע, אפילו ווען די ווערטער און די פאַרזיכערונגען ווערן באַגלייט מיט פּויקן, טאַצן און טרומייטן. דערווייל האָבן מיר אָבער וועגן גאָרדינען נאָר ווינטשעווסקיס „על־הן־שלי״, אַז ער איז געווען אַ „מאור הגדול״, און די פּויקן און די טרומייטן פון דער גאָרדין־פריינטלעכער פּרעסע. און כל זמן גאָרדינס פריינט און פאַרערער וועלן אודנז געבן מער ניט ווי על־הן־שלי׳ס און פּויקן, וועט דער גאָרדין־קולט מוזן בלייבן אַ פּריוואַטע עבודה־זרה, פאַר וועלכער די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע קאָן ניט איבערנעמען קיין ברעקל אחריות.

דאָס זאָגן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט אַלס קריטיק אויף ווינטשעווסקיס בוך. דער פריינט ביים טויטן־בעט פון אַ הייס־געליבטן, שטאַרק־פאַר־ערטן פריינט, האָט ניט געטראַכט וועגן דער ליטעראַטור־קריטיק און וועגן דער דרויסנדיקער וועלט. ער האָט אונדז געלאָזט אַריינבליקן אין זיין אייגענער נשמה, וואָס איז געווען אין גאַנצן באַלויכטן מיט אַ ריינעם, מילדן,

ווײ־מוטיקן שײַן פון טרויער און קאַפּ־אײַנגעבויגן פאַר דעם אומפאַרמײַד־לעכן שיקזאַל פון יעדן מענטשן, פאַר דעם טויט.

דאָס בוך האָט אין אונדז אַרויסגערופן, אַ חוץ די נאַר־וואָס דערמאָנטע געדאַנקען, נאָך אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום פאַרלעגער פאַר דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, צו פאַרברענגען אַ פאַר שעה אין דער געזעלשאַפט פון מאָריס ווינטשעווסקי אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט פון „דעם זיידנס" לעבן.

1909

ש. אַנ־סקיס יובּיליי

ש. ז. ראַפּאָפּאָרט (ש. אַנ־סקי) האָט ניט לאַנג געהאַט דעם האַלב־יובל־יום־טוב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט. עס זײַנען געווען אײניקע פאַר־זאַמלונגען אין פאַרשיידענע שטעט אין רוסלאַנד צוליב דעם טאָג, און אַלע האָבן זיי געטראָגן זייער אַ וואַרעמען, סימפּאַטישן כאַראַקטער. אויך די באַריכטן און די אַרטיקלען אין דער פּרעסע האָבן אַרויסגעצייגט דעם זעלביקן צוג פון וואַרעמער ליבע און פאַרערונג צו דעם יובילאַר. דאָס באַווייזט, אַז אין רוסלאַנד הויבט מען איצטער אָן צו פאַרשטיין און צו שאַצן אַנ׳סקיס פּילזײַטיקע טעטיקייט.

איך זאָג: „מען הויבט איצטער אָן". די גאַנצע אָפּשאַצונג פון אַנ־סקיס אַרבעט איז נאָך ניט געקומען, און אפשר איז די צייט נאָך ניט רייף גענוג פאַר איר. וואָלט שוין איר שטונדע געשלאָגן, וואָלטן ניט אַזעלכע יום־טובים געפייערט געוואָרן צוליב אַנ־סקין אין דער יידישער גאַס...

ערשט, ווען מען לאָזט פאַרבײַציִען פאַר דאָס גײַסטיקע אויג אַלץ, וואָס אַנ־סקי האָט באַשאַפן, קאָן מען קלאָר אײַנזען דעם גרונט־כאַראַקטער און די פאַרבאָרגענע אינעווייניקסטע נשמה פון זײַן טאַלאַנט. אַנ־סקי איז, דער עיקר, אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָג. איך וויל דערמיט זאָגן ניט נאָר, אַז אַנ־סקין אינטערעסירן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש אין זייער אײַנווירקונג אויף דאָס לעבן און דאָס טראַכטן פון די איינצלנע מענטשן. די סאָציאַלע ריכטונג אין דער קונסט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם אויסמאָלן פון דער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער סביבה, איז ניט כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אַנ־סקין. אין דעם פּרט איז ער ניט מער ווי איינער פון זייער־זייער פיל, וואָס האָבן געשאַפן אין דער

לעצטער העלפט פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט. אין דעם אויסדרוק „סאָ־ציאַל־פּסיכאָלאָג״ דאַרף מען אָבער אַריינלייגן נאָך אַן אַנדער טייטש. אַנ־סקי זעט אין יעדן איינצל־מענטש, ווען ער מאָלט, קודם כל אַ פאַר־טרעטער פון אַ באַשטימטער גרופּע, וואָס ווערט אַרויסגערופן אין לעבן דורך דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער און היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט ניט, אַז זיינע איינצל־מענטשן — דער אַרבעטער, דער סוחר, דער משולח, דער אַלטער יידישער אינטעליגענט („מענדל דער טערק״, די כתבים) — איז ניט מער ווי אַן אַבסטראַקטער פאַרטרעטער פון דער גאַנצער גרופּע, צו וועלכער ער באַלאַנגט און אַז ער האָט אין זיך נאָר יענע סימנים, וואָס צייכענען אויס דעם גאַנצן קלאַס. ניין, יעדע פיגור אַנ־סקיס אָטעמט אַן אינדיווידועלן לעבן. זי ווייזט אַרויס כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זיינען איר אייגנטום און באַלאַנגען צו קיינעם ניט אַ חוץ איר. אָבער דער גרונט־פּאָן, אויף וועלכן דער אינדיווידואום טרעט ביי אַנ־סקין אַרויס, איז דער קיבוץ, די גרופּע, — אַלץ איינס, צי דאָס איז אַ קלאַסן־גרופּע אָדער אַ פאָלקס־גרופּע. און אינטערעסירן — אינטערעסירט אַנ־סקין קודם כל די נשמה פון דעם גאַנצן קיבוץ, וואָס דריקט זיך אויס אויף פאַרשיידענע אינדיווידועלע אופנים ביי די איינצלנע אינדיווידוען. נעמט אַנ־סקיס פיאָנערן״. דאָס ווערק איז פול מיט איינצלנע מענטשן, וואָס שיידן זיך שאַרף אָפּ איינע פון די אַנדערע. אָבער איבער זיי אַלעמען שוועבט יענע נשמה, וואָס האָט זיי אַלעמען צונויפגענומען אינאיינעם און האָט פון אַזוי פיל פאַרשיידענע אינדיווידועלע כאַראַקטערן געמאַכט איין איינציקע גרופּע, די גרופּע יידישע „אַפּיקורסים״, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דעם פונדאַ־מענט פון דער אַלטער יידישער וועלט. דאָס זעלבע וועט איר געפינען אין זיינע „אָווצי״, אין „מענדל־טוראַק״, אין „איסטאָריאַ אָדנאַוואָ סעמייסטוואַ״, אין „וו׳ יעווּרעיסקאַי סעמיע״. די איינצל־נשמות ווערן דאָרטן אַלע מאָל אַרומגענומען מיט אַ כלל־נשמה, ווי מיט אַ צענטראַל־זון, וואָס באַלייכט דעם אינדיווידואומס לעבן און שאַפן, טרוימען און האָפן.

אַנ־סקי איז אַ געבאָרענער סאָציאַל־ און געשיכטס־פּסיכאָלאָג, דערפאַר איז ער אויך אַ געבאָרענער פאָלק־לאָריסט. אים ציט צו זאַמלען און צו שטודירן אַלץ, וואָס די מאַסן האָבן באַשאַפן, — יענע גרויסע קאָלעקטיווי־טעטן, אין וועלכע דער איינצלנער ווערט אין גאַנצן איינגעשלונגען, ווי אַ טראָפּן אין ים: פאָלקס־לידער, ווערטלעך, שפּילן, מעשהלעך, וואָס האָבן ניט קיין באַשטימטן מחבר, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די נשמה פון אַ גאַנצן כלל.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אָדער „פאָלק־

לאַריסטישע״ קינסטלער דאַרפן געמאָסטן ווערן מיט אַן אַנדער מאָס, איידער די געוויינלעכע „שיינהייטס־באַזינגער״; גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען דאַרף מען שטעלן צו זיי, איידער צו יענע; אַ גאַנץ אַנדער פּלאַץ און אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג האָבן זיי אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור. דאָס פאַרשטייען אונדזערע יונגע קינסטלער און קריטיקער ניט, — זיי, וואָס זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויפן „לעצטן וואָרט״ פון דער מאָדערנער קונסט — דעם פאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען פון דעם אינדיווידועלן פּסיכישן לעבן אָדער דעם אַרומשוועבן אָן אַ ציל איבער די זיבן הימלען פון ריינער שיינקייט.

עס איז נאָך איצטער צו פרי צו שרייבן אַ קריטישע שטודיע וועגן אַנ־סקין. זיינע בעלעטריסטישע ווערק מוזן פריער געזאַמלט ווערן, איבער־געזעצט ווערן אין יידיש און אַרויסגעגעבן ווערן. און אויך דעמאָלט וועלן מיר ניט אין שטאַנד זיין צו געבן אַ גאַנץ בילד פון דעם זייער איב־טערעסאַנטן און טיפן קינסטלער און פאָרשער: מחמת אַנ־סקי האָט דער־וויילע געגעבן דער וועלט אפשר ניט מער ווי אַ פערט־חלק פון דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. גוטע דריי מאָל אַזוי פיל, ווי דאָס, וואָס ער האָט שוין פאַר־עפנטלעכט, ליגן נאָך אין זיינע כתבים, אין פאַרשיידענע שטופן פון באַ־אַרבעטונג: פון נאָך גאָר רויע פּלענער ביז צו כמעט אין גאַנצן דורכ־געטראַכטע ווערק. דאָרטן, אין דעם נאָך ניט פאַרעפנטלעכטן אַנ־סקי, געפינט זיך, אויף וויפיל אונדז געדענקט זיך, זאַכן, וואָס מאַלן אים פון אַ גאַנץ אַנדער זייט. דאָרטן איז ער ניט נאָר אַ סאָציאַל־ און געשיכטס־פּסיכאָלאָג, נאָר אַ טיף־פּאָעטישע נשמה, מיט אַ מאָסע הומאָר און בייסנדיקער סאַטירע. (ביישפּילן פון דער זייט פון זיין טאַלאַנט געפינען מיר אין די שוין־געדרוקטע זאַכן: דער „אשמדאי״ און „באַרבאַ באַגאַוו״.)

ליידער קוקט אַנ־סקי מיט אויגן פון חשד אויף דער זייט פון זיין טאַלאַנט, ווייל אַרבעטן פאַרן פאָלק דורך קונסט איז ביי אים כמעט ווי אַ גאָטעס־דינסט, אַ הייליקע ערנסטע אַרבעט, ביי וועלכער עס פאַרשווינדט די לוסט — גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין קינסטלעריש לוסטיק זיין...

אַנ־סקיס יוביליי איז געקומען אומגעריכט, ווי אַן איבערראַשונג. און דער גאַנצער יום־טוב טראָגט אויף זיך סימנים פון איילעניש... אויך אונ־דזער קליינע נאָטיץ שפּיגלט אָפּ אָט דעם בחיפּזונדיקן צוג. מיר ווילן מיט איר מער ניט ווי אויסדריקן אונדזער טיפע פאַרערונג און הייסע ברידער־לעכע ליבע צו דעם יובילאַר און אויפמערקזאַם מאַכן אונדזער לעזער־עולם, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט אים, אַז אַנ־סקי איז אַ שטיק יידישע עשירות, אַ היפּשער טייל פון אונדזער מאָדערנעם יידישן קולטור־אוצר.

ליידער, איז דער אוצר נאָך פּאַר פילע און פילע כמעט ווי אין גאַנצן פאַרבאָרגן.

מיר ווילן האָפן, אַז צו דעם 50־יאָריקן יובילײ פון זיין געבורטסטאָג, וואָס איז שוין גאַרניט ווייט, וועלן מיר האָבן „אַנ־סקיס געזאַמלטע שריפטן אין יידיש״...

און צום שלוס נאָך אַ פּאָר ווערטער. אַנ־סקי געהערט, ווי דער שרייבער פון די צײלן, צו יענעם דור, וואָס איז „אַנטלאָפן״ פון דעם יידישן פאָלק און וואָס האָט זיך שפּעטער צוריקגעקערט „אַהיים״. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז צווישן די „צוריקגעקערטע״ און די אין דער היים געבליבענע, מוזן פון צייט צו צייט אַרויסקומען סכסוכים און מיספאַרשטענדענישן. אָן אַנדערש מאָל דוכט אויס, אַז ווען מען ווערט אַביסל אומצופרידן מיט אונדז, איז מען געניגט אויפצוװאַרפן אונדז אונדזער „גויאישע״ פאַרגאַנגענהייט און געבן אונדז אָן אײדעלע אָנצוהערעניש, אַז מיר זאָלן זיך ניט מישן אין היימישע אָנגעלעגנהייטן...

עס איז אפשר ניט איבעריק איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו דערקלערן, אַז מיר זיינען צוריקגעקומען אַהיים. און אין דער אייגענער היים פילן מיר זיך אַקוראַט אַזעלכע מיוחסים און באַלעבאַטים ווי אַלע אַנדערע...

1910

מאָריס ראָזענפעלד

ערשטער און צווייטער באַנד (פּאָעזיע), **דריטער באַנד** (פּראָזע).
(די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, ניו־יאָרק)

אויף דעם ערשטן באַנד וועלן מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלן. ס'איז אַ צווייטע אויפלאַגע פון יענע שירים, וואָס „די אינט. ביבל.״ האָט שוין אַמאָל אַרויסגעגעבן און וואָס זיינען אין אַ קורצער צייט אַזוי באַרימט געוואָרן. מיר האָבן אויך איצטער נאָך אַמאָל מיט פאַרגעניגן דורכגעבלעטערט יענע זאַכן, וואָס האָבן אויף אונדז שוין פריער איבערגעלאָזט אַ רושם דורך זייער פאַרבן־פּראַכט, שיינעם פּאָעטישן אָדער טיף־מענטשלעכן געפיל: „וואוהין?״, „שולמית״, „יהודית״, „יום־כיפור צו מנחה״, „אויס יום־טוב״, „אלול־מעלאָדיען״, „ווינטער״, „וואָלט וויטמאַן״, „דער אייביקער סוד״ און נאָך אייניקע. אין די איבעריקע האָבן מיר קוים אַריינגעבליקט: דאָס האַרץ האָט ניט געצויגן... ווייל ראָזענפעלדס פּאָעזיע, דאָס איז אַ רייכ־

האַלטיק, „גאָלדטראָגענד זאַמד־פעלד“, — אַזוי רופט מען יענע זאַמדיקע סטעפּעס, אין וועלכע עס געפינען זיך ניט נאָר אייַנצלנע גאָלד־קערנער, צונויפגעמישט מיט פּשוטן זאַמד, נאָר אויך גאַנצע „קלומפּן“, גאַנצע שטיקער אמתע ריינע גאָלד. די אויבן־דערמאָנטע שירים זיינען אַזעלכע גאָלד־קלומפּן, און די איבעריקע זיינען כמעט אַלע, אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, מער זאַמד, איידער גאָלד.

דעם זעלבן איינדרוק האָבן מיר אַרויסגעטראָגן אויך פון דעם צווייטן באַנד. דאָ זיינען די גאָלד־קלומפּן, אמת, זעלטענער, דערפאַר גרעסער; אָבער אויך דער זאַמד איז דאָ, ליידער, אַרעמער אין גאָלד־געהאַלט.

אַזאַ שיר, ווי „אַלע שווייגן“ (ז. 75; „ווינטן פון די ווייטע סטעפּעס, כוואַליעס פון דעם גרויסן ים“), וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקער פּאָעטישער, ריין־מענטשלעכער טראַגיק — ער אַליין, קאָן אייביק זאָגן עדות, אַז ראָזענפעלד איז בלי שום ספק אַ פּאָעט. די זעלביקע געוויסהייט דרינגט אין אייך אַריין, בעת, נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן אין גאָלד־געהאַלטיקן זאַמד, טרעפט איר פּלוצלונג אויף אַזאַ שטיק „איידל־מעטאַל“, ווי „דאָס בלימל“ (ז. 203, „בלימל ביי דעם ברעג פון שטראָם, וואו די וואַסערס קוועלן“). די מעלאָדיע פון דעם פערז איז דאָ האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט אַ טיפן, פּאָעטיש־פילאָסאָפישן געדאַנק, און ביידע, די מעלאָדיע און דער רעיון, לאָזן דורכבליקן אַ זעלטן־שיינע זעלן־שטימונג פון אַ מענטשן, ביי וועמען דער יאוש, וואָס ער קאָן ניט אַנטפּלעקן די סודות פון דער וועלט, איז שוין אַריבער אין אַ רואיקן טרויער. אָריגינעל און רייך איז אויך דער איינפאַל, באַזינגען דעם „ווינטער“, ווי אַ סימבאָל פון לעבן (ז. 208: „ווינטער! נאַטורס זילבערנע חתונה!“). וואָלטן די צוויי בענד באַשטאַנען לויטער פון אַזעלכע שירים, וואָלט אונדז קיין זאַך ניט גע־שטערט צו גרויסן זיך מיט ראָזענפעלדן... אָבער דער זאַמד!... אַפילו אין גאָר־נישקשהדיקע שירים קלייבט ער זיך אַריין און פירט זיי לגמרי איבער. גאָר אין אַנהויב שוין פילט איר, עס סקריפּען ביי אייך אויף די ציינער אַזעלכע פערזן, ווי: „דאַן, אָ, דאַן, אָ, מוז איך זינגען, דען איך זע אים קומען, דעם געשמאַקן (!) מאַי און ברענגען פייגעלעך און בלומען“ (ז. 6). אָדער: „דאָ ביי דעם טייכעלע, שמעקט דאָס אַ מאכל'ע“ (ז. 10); אָדער אין דעם שיר „ליבע“ (ז. 13), וואָס הויבט זיך אָן אַזוי שיין מיט די ווערטער: „זיסער האָניק, פרישער טוי“, און ענדיקט זיך מיט פערזן אַלאַ בערל פּיסקאַטער: „אַלץ וואָס אירדיש ווייכט מיר און מיין זעלע לייכט מיר. מאַך נאָך ניט דערפון קיין סוף, ניט באַשטראָף מיך מיט דער שטראָף! דען מיט מיר פאַרברינגענדיק, קאָן איך שטערבן זינגענדיק“,

— פערזן, טרוקענע ווי זאַמד, און לחלוטין איבעריקע צו דעם געדאַנק פון דעם שיר (ז. 15) גרילצט אייך אין אויער אַזאַ קליינשטעטלדיקער אויס־דרוק, ווי: „עס שפּראָצט און עס גרינט אַ מחיה"; ז. 135 („דער בית־עולם־סאָלאָוויי") זוכט איר אויסצוגעפינען, אויף וועלכן תרגום־לשון איז אָנגעשריבן אַזאַ מין פערז: „זיסע טרויער־לידלעך זינגט ער, שפּרינגענדיק פון סיינק צו סיינק; פאַר די שטומע פּעפּער קלינגט ער מיט אַ געטלעכן געליינק" (וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה?). ז' 143 („צו אַ באַרוועסער מיידעלע") ווערט איר שוין אָבער גריילעך אין כעס, באַגעגענענדיק אַזאַ שטיק תמעוואַטע פּראָזע, ווי: „זאָג, זייַנען דיר פרעמד די געפילן, דיר פאַלט גאָר ניט איין דער געדאַנק, אַז ווען דו זאָלסט איצט זיך פאַרקילן, דאַן פאַלסטו אַוועק און ביסט קראַנק?".

עס גלויבט זיך כמעט ניט, אַז די גוטע און די שלעכטע שירים ראָזענפעלדס זאָלן שטאַמען פון איין און דער זעלביקער פעדער.

וואָס מער מיר דענקען וועגן ראָזענפעלדס טאַלאַנט, אַלץ מער ווערט אונדז קלאָר, אַז זיין גבורה ליגט דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער נאַטור און מיט דעם אינדיווידועלן לעבן פון דעם מענטשן, מיט יענע אייביקע פריידן און אייביקע ליידן, וואָס בלייבט די אייגענע פאַר אַלע דורות, אונטער וועלכע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן די מענטשן זאָלן ניט לעבן. אין אַזעלכע שירים פילט איר, אַז ראָזענפעלד האָט ניט נאָר אַן אייגענע איינבילדונגס־קראַפט — דער ערשטער באַדינג פון אַ פּאָעטישן טאַלאַנט — נאָר אויך אַן אייגענעם קאָפּ און אַן אייגענע האַרץ. זיין געפילס־וועלט ווערט געוויס באַשטראַלט פון וואָלט וויטמאַנס קלאָרער זון, אָבער אין איר טראָגן זיך אַרום אייגענע וואָלקנס, וואָס פאַרשטעלן אָדער פאַר־טונקלען אָפט וואָלט וויטמאַנס זון, און די וואָלקנס שטאַמען פון יענעם וועלט־שמערץ, אָדער, בעסער, „לעבנס־וויי", וואָס לאָזט ניט די נשמה צעגיין אין גאַנצן אין „שיר־השירים", און טרייבט זי צו „איוב" און „קהלת".

אַ גאַנץ אַנדער ראָזענפעלד איז דער, וואָס פאַרלאָזט דעם מענטשנס אייביקע געפילס־וועלט און די נאַטור און גייט איבער צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, צו סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליריק און סאַטירע. מערק־ווירדיק! זיין באַרימטקייט שטאַמט גראָד פון דער סאָציאַלער ליריק, אָבער אין איר האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט ניט איין ווירקלעך־אָריגינעלן פּאָעטישן מאָטיוו. מאָריס ווינטשעווסקי איז אין דעם פּרט אַ סך טיפער, ערנסטער און אָריגינעלער, איידער ראָזענפעלד, וועמעס שירים עס זייַנען דאָ אָפטמאָל פּשוט איבערגעזונגענע פון ווינטשעווסקי אָדער עדעלשטאַט. אמת, אין רעכטן מיטן סענטימענטאַלע דעקלאַמאַציע, וואָס פון אים באַ־

שטייט דאָס רוב פון זיין סאָציאַלער, האָב־רחמנותדיקער ליריק, גנבענען זיך אַריין אַ פּאָר גאָלד־קערנער אמתע פּאָעזיע (אַזוי צ. ב., אין רעכטן מיטן פון „די ערשטע ווידזשעס" [באַנד 1, ז. 42], אַ מייסטער־געקעכץ פון האָב־רחמנותדיקער דעקלאַמאַציע, רייסן זיך פּלוצלונג אַריין צווישן די בילדער, וואָס דער „עלנטער פּאָעטער" זעט אין פיבער־טרוים, אויך: „אַ פייער און אַ שטראָם, אַ גראָבן פול מיט ביינער, אַ הימל און אַ תהום, אַ מחנה שוואַרצע פייגל, אַ טויטע שוואַלב, אַ בלום, אַ וואַלד מיט האַלבע ביימער און וועגן לאַנג און קרום...). די נאַציאָנאַלע ליריק איז אַביסל בעסער איידער די סאָציאַלע, אָבער ליידט שטאַרק פון געקינסטלטן פּאַטאָס און ביליקער התפּעלות. נידעריקער פאַר אַלץ שטייט זיין סאַטירע. דאָ איז שוין לגמרי אויס ראָזענפעלד. אַזעלכע ניט־טיפע וויצן און שילדערונגען, וואָס רירן אָן נאָר דעם אויבן־אויף פון דעם לעבן, האָבן ניט פאַרדינט געשריבן צו ווערן, אַ פשיטא שוין נאָך אַמאָל אָפּגעדרוקט צו ווערן. גיכער, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון זיינען אים פון די אַרומיקע ווינטן אַריינגעבלאָזן געוואָרן, ווען אַפילו זיי האָבן אים דערגומען ביזן מאַרך פון די ביינער.

און צו דעם זעלביקן רעזולטאַט קומט איר, ווען איר שטודירט דעם דריטן באַנד, ראָזענפעלדס פּראָזע. די ערשטע 24 זייטן, וואו ראָזענפעלד האָט צו טאָן מיט אייביקע מענטשלעכע פּראָבלעמען און מיט דער נאַטור (די ניאַגאַראַ־פאַלס!) לייענט איר מיט אַן אמתן גענוס. אַ פּאָעטישן גענוס באַקומט איר אויך שפּעטער, צום סוף בוך, פון „מוטער־ליבע", „באַרימטהייט" און „זי האָט געוויינט", אָבער אין מיטן ליגט די לאַנגע סאַכאַראַ־וויסטעניש פון סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און כלומרשט־סאַטירישע דרשות, ניי־מאָדישע מגידות, טעמפּע שטעכווערטלעך, צוקער־קאַנדל־טרערן און משטיינס־געזאָגט־וועלט־באַטראַכטונגען. לאַנגזאַם און מיד, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, שלעפּט איר אייערע פיס איבערן זאַמד, פאַר־שילטנדיק די אומנות פון אַ רעצענזענט. אַ גליק, וואָס איר קאָנט זיך אַלע ווייל אָפּפרישן ביי דעם ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל (ניאַגאַראַ־פאַלס), דאָרטן, וואו „אַן אייביקער וואַסער וואַרפט זיך פון אַן אייביקן באַרג, פונקט ווי אַ ים וואָלט וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד, ווי דער אשמדאי וואָלט זיך גע־לערנט שווימען", וואו די אוראַלטע געשפּענסטער „שווימען צוריק ווי פאַרשלייערטע נימפען און בלייבן רייטן אויפן רעגנבויגן איבער ניאַגאַראַ־פאַלס"... (באַנד 3, ז"ז 9־13).

איין זאַך מוזן מיר אָבער מודה זיין: אַלע דריי בענד האָבן אַ רייכן שפּראַך־ווערט, וואָס טאָר ניט אונטערגעשאַצט ווערן אין דעם איצטיקן

אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון אונדזער ליטעראַטור. ראָזענפעלד האָט געוויס אַ רעכט צו זאָגן: „דאָס לעבן קאָן קיין זאַך מיר ברינגען, איך זאָל ניט קענען דאָס באַזינגען. מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ים׳ען און שיין ווי מאַי אין פּולן בליען, איך זינג, און מיינע לידער גליען אין טויזנט־פאַרבעדיקע פלאַמען״ (באַנד 2, ז. 221). מער נישט, וואו־ניט־וואו געברויכט ער פרעמדע ווערטער, אָן וועלכע מען קאָן זיך לחלוטין באַגיין: „לאָטקע״ אַנשטאָט „שיפל״, „דודקע״ אַנשטאָט „פייפל״, „טרופּ״ אַנשטאָט „גוף״ אָדער „מת״ א. ד. גל.

אונדז גלויבט זיך ניט, אַז אין די דריי בענד זאָלן מיר שוין האָבן דעם גאַנצן ראָזענפעלד. מיר ווייסן די טרויעריקע לעבנס־געשיכטע פון דעם דיכטער, וואָס האָט אים ניט געלאָזן לאַנג פאַרבלייבן אין זיין אייגענער געפיל־ און בילדער־וועלט. מיר ווילן האָפן, אַז די פלאָג־יאָרן פון זיין לעבן זיינען שוין צו ענד; אַז אונדזער דיכטער וועט איצטער זיין אין דער לאַגע צו זוכן און געפינען זיך אַליין און נעענטער באַקאַנט ווערן מיט דער נאַטור, די גרענעצן און די באַדינגונגען פון זיין טאַלאַנט. דעמאָלט וועט ער געוויס אַליין נעמען אויף זיך די טרחה איבערצוואַשן זיין גאָלד־זאַמד און ניט געבן אונדז קיין רוי מאַטעריאַל. ערשט דעמאָלט וועט זיך אויך אין גאַנצן אַנטפּלעקן די אמתע געשטאַלט פון זיין זשעני און ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אויספאָרשן, ווי ווייט און הויך עס טראָגן אים זיינע פליגלען.

1910

די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום

(דוד איגנאַטאָוון צו זיין פופציק־יאָריקן יובילײ)

דוד איגנאַטאָווס ראָמאַן אין דריי בענד: „אויף ווייטע וועגן״, איז שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ סימבאָליש ווערק, ד. ה., אַזאַ, וואו די לעבעדיקע פיגורן, די סיטואַציעס פון דעם לעבן, די געשפּרעכן און די האַנדלונגען זיינען ניט געמיינט, ווי לעבעדיקע פיגורן מיט זייערע געדאַנקען, געפילן, שטרעבונגען און האַנדלונגען אין אַזוינע אָדער אַנדערע אומשטענדן, נאָר ווי אַנצוהערענישן אויף אַ פאַרבאָרגענעם תוך. גרייליך מעגלעך, אַז איגנאַטאָווס שאַפן געהערט דעריבער צו אָט דעם מין, און עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פּרוואון דורכצודרינגען דורך די קינסט־

לערישע שילדערונגען פון איגנאַטאָווס לעצטן ווערק צו די טיפער־ליגנדיקע געדאַנקען, וואָס נויטיקן זיך אין אַן אויסטייטש.

איך מיין אָבער, אַז אויך ביי סימבאָלישע ווערק דאַרף מען אַנהאַלטן דעמזעלביקן כלל, וועלכן די אַלט־יידישע דענקער האָבן אויפגעשטעלט פאַר דער אויסטייטשונג פון דער ביבל. אויך יעדער פסוק פון תנ״ך קאָן גע־נומען ווערן אי אין זיין פשוטן פשט, אי ווי אַ רמז (אַן אָנצוהערעניש אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך), אי ווי אַ דרש (אַ חקירה, אַן אויפאַרשונג, ווי אַ טייל פון אַ גרעסערן איינהייטלעכן געדאַנקען־בנין), אי ווי אַ סוד, אַ געהיימניש, וואָס דאַרף נאָך אויפגעדעקט ווערן. „פּרדס״ איז דער שיינער ראשי־תיבות פאַר אָט די מינים אויסטייטש. איז אָבער דער הויפּט־כלל דערביי, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו״. קיין פסוק ווערט ניט אַרויס־געשטופּט פון זיין „פּראָסטן פשט״, וויפיל רמזים און דרשות און סודות ער זאָל ניט טראָגן פאַרבאָרגן אין זיך. און אַלץ איינס, צי די שילדערונג באַנוצט זיך מיט ריין־רעאַלע עלעמענטן פון דערווירקלעכקייט, — ווי דער וואונדערלעכער עפּאָס פון דער „מכירת יוסף״־געשיכטע, — צי די שילדערונג איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַנטאַסטישע עלעמענטן, ווי דאָס רוב וואונדער־געשיכטן פון דעם תנ״ך, בלייבט דער כלל אַ כלל. אויך די וואונדער־געשיכטן דאַרפן גענומען ווערן, ווי שילדערונגען פון פאַקטישע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אַזוי ווי זיי ווערן געשילדערט.

דעם אייגענעם כלל דאַרף מען אויך אָנווענדן, ווען מען האָט צו טאָן מיט סימבאָלישע ווערק. דער קינסטלער דערציילט אונדז אַ מעשה. גראָד אין יידיש האָט דאָס וואָרט „מעשה״ דעם טאָפּלטן באַטייט אי פון אַ פאַקט, פון אַ ווירקלעכער געשעעניש („אַ מעשה אַביסל!״, „אַ מעשה וואָס פאַר־קויפט ניט!״), אי פון אַן אויסגעטראַכטן („דערצייל מיר ניט קיין מעשיות!״). דער קינסטלער דערציילט אונדז אַ מעשה, ס׳איז ווי ער וואָלט אונדז דערביי געזאָגט: „ס׳איז אַ ׳מעשהלע׳ פון מיר אויסגעטראַכט, אָבער איך וויל איר זאָלט זי נעמען ווי אַ ׳מעשה שהיה׳, אַ פאַקט, וואָס האָט זיך באמת ׳פאַרלאָפן׳. וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט זי אויף אייך, ווי אַ שילדערונג פון ממשותדיקע פאַקטן, אַלץ איינס צי די עלעמענטן זיינען פון דער רעאַלער וועלט, אָדער פון מיין אייגענעם כוח הדמיון?״

און דער ערשטער פרעג וועגן דעם איינדרוק איז אַ ריין־קינסטלערי־שער. „האָב איך מיט מיין טאַלאַנט געמאַכט אייך גלויבן, אויפגעוועקט אין אייך די אילוזיע, אַז פאַר אייך שטייט אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט, — אַלץ איינס, צי זי איז אָנגעפּילט מיט זינגענדיקע שטערן און טאַנצנדיקע בלומען, אָדער מיט אמתע בשר־ודמס?״

אויב אָט די אילוזיע ווערט אויפגעוועקט און מיט קיין זאַך אין דער שילדערונג ניט געשטערט, האָבן מיר דעמאָלט צו טאָן מיט אַ קינסטלערישן טאַלאַנט. ערשט דערנאָך קומען די פראַגן וועגן דער גרויס, דער אַרט און די גרענעצן פון דעם טאַלאַנט, וועגן די אַנדערע געפילן און געדאַנקען, — מאָראַלישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און ווייס איך וועלכע, — וואָס די שילדערונגען וועקן אין אונדז אויף און וואָס קאָנען זיין פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע לייענער. דער קינסטלער קאָן דורך דער גרויס און דער אַרט פון זיין טאַלאַנט אונדז לאָזן דורכפילן און דורכטראַכטן גראָד יענע געדאַנקען און געפילן, וואָס דער קינסטלער האָט דורכגעלעבט און געפּרוּווט אַרויסזאָגן דורך זיינע שילדערונגען. מיר קאָנען אויך זיי דורכלעבן, און פאָרט ניט אָפּשאַצן זיי מיט דער זעלביקער מאָס, מיט וועלכער דער קינסטלער שאַצט זיי אָפּ. דערויף זיינען מיר, די לייענער, די באַלעבאַטים. אָבער פאַרגלייכן אונדזער אָפּשאַץ־מאָס מיט דעם קינסטלערס האָט פאַר אונדז אַ זין נאָר דעמאָלט, ווען „אין מקרא יוצא מידי פשוטו“, ווען די „מעשה“, וואָס ווערט אונדז דערציילט, ווערט פאַר אונדז אַ לעבעדיקע געשעעניש.

„איש היה בארץ אַמעריקע; בערמאַן — שמו.“ געווען אַ מאַן אין דעם לאַנד אַמעריקע; זיין נאָמען איז — בערמאַן.“ אָט דאָס איז די מעשה, וואָס איגנאַטאָוו דערציילט אונדז. בערמאַן, זיינע פריינט און באַקאַנטע, זיין גייסטיקע סביבה און דורכלעבענישן, — אָט דאָס איז דער הויפּט־אינהאַלט פון זיין ראָמאַן. פון אַלע עפּיזאָדן נעם איך אַרויס נאָר אַ פּאָר, אָט די וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין טראַגישן סוף: זיין אַנטלויפן פון דער ראַדיקאַלער סביבה; זיינע דורכלעבענישן אין אַ נאַכט אין דער פרעירע; זיין באַזוך ביי די שליאַפּניקאָווס אויף דער פאַרם; זיין צוריקקער צו דעם מענטשלעכן ישוב, זיין ווענדונג צו דער פרום־יידישער וועלט מיט אַ נייעם, סאָציאַליסטישן אויסטייטש פון דער יידישער רעליגיע און זיין פאַרשטייניקט ווערן פון די דערצאָרנטע יידן.

אַלע אָט די עפּיזאָדן זיינען געשילדערט מיט אַזאַ שטאַרקן קינסטלערישן אימפּעט, זיינען אַזוי לעבעדיק, אַזוי רעאַל, אַז מען פאַרגעסט אינגאַנצן אָן מחבר. איז שוין ניט אונדזער באָבעס דאגה, וואָס ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן. מיך אינטערעסירט קודם די שילדערונג, ווי אַ קינסטלערישע דערגרייכונג, און דערנאָך — דורכאויס באַפרידיקט פון דער קינסטלערישער דערגרייכונג — פּרוּוו איך מיר קלאָר־מאַכן, וואָס דאָס געשילדערטע שטיק לעבן דערציילט מיר.

בערמאַן, אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון

יעדער אַרט יידישקייט, איז אויף אייגענע וועגן ווידער געקומען צו אַן אייגנאַרטיקן יידיש־רעליגיעזן גלויבן, ווי אויך צו אַן אַנדער בליק אויף געווויסע יסודות פון דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם. אין אונדזער ראַדיקאַלער וועלט זיינען שוין פאַראַן אַ היפּש ביסל פאַרטרעטער פון דעם זעלביקן מין. אייניקע פון זיי שפּילן אויך אַ חשובע ראָלע אין אונדזער ראַדיקאַלער ליטעראַטור. איך דערמאָן די נעמען פון די ברידער א. און י. שטיינבערג, וויליאַם נאַטאַנסאָן און ב. ריווקין.

דאָס רוב זייערע, ווי פאַרשיידן און אָריגינעל יעדער איינער פון זיי זאָל ניט זיין, האָבן אָבער אַ געמיינשאַפטלעכן שטריך. דער תוך פון זייער שטרעבן קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט דעם אַלט־קאַבאַליסטישן „לשם יחוד נוסח". ס'איז אָדער: „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה סאָציאַליזם", אָדער: „לשם יחוד סאָציאַליזם ושכינתיה קודשא בריך הוא". דער פּסיכאָלאָגישער גרונד־טאָן באַשטייט דערין, וואָס דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, ווי זיי פאַרשטייען אים, און דער רעליגיעזער גלויבן אין זייער אויסטייטש, וואַקסן זיך אָרגאַניש אַזוי צונויף, אַז זיי, די וואָס גלויבן אין דעם „לשם יחוד", דוכט זיך זיי שטאַמען ביידע פון איין־איינציקן וואָרצל, פון זייער אייגענער נשמה־בענקעניש נאָך הייליקייט און גאַנצקייט. דעריבער מוזן זיי זיך פילן פאַרפרעמדט סיי אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס וויל דאָס רוב ניט וויסן פון רעליגיע, סיי אין דער פרום־רעליגיעזער וועלט, וואָס וויל כמעט דורכאויס ניט וויסן פון סאָציאַליזם. פאַר זיי אָבער איז „סאָציאַליזם" און „רעליגיע" איין און די זעלביקע זאַך. מוזן זיי פירן אַ קאַמף אויף ביידע פראָנטן.

דער אַפּאָסטל פּאָול, וואָס האָט געקעמפט אויף די דעמאָלטיקע צוויי פראָנטן, — דער יידישער און דער העלענישער וועלט, — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „מיר פּריידיקן דעם געקרייציקטן, — אַ שפּאָט פאַר די העלענען און אַן ערגערניש פאַר די יידן." די רעליגיעז־יידישע סאָציאַליסטן וואָלטן דאָס אייגענע געקאָנט פאַראַפראַזירן אַזוי: „מיר פּריידיקן דעם יחוד פון רעליגיע און סאָציאַליזם, — אַ שפּאָט פאַר די סאָציאַליסטן, אַן ערגערניש פאַר די פרומע יידן."

ווי מענטשן מיט אַ נייעם וואָרט פאַר ביידע, אַלץ נאָך פּיינטלעכע וועלטן, האָבן זיי זיכער אַ רעכט צו פּריידיקן זייער נייעם גלויבן און זיין גרייט אויף דעם סוף פון דעם הייליקן פּאָול, אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון איין צד און פאַרפייניקט צו ווערן פון דעם אַנדער צד. אויב זיי זאָל זיך אָבער איינגעבן צו באַשאַפן אַ באַדייטנדיקע באַוועגונג, וועט די געשיכטע

דערנאָך אַרויסטראָגן איר משפט אויף איר. איגנאַטאָווס בערמאַן געהערט זיכער צו אָט דעם „לשם יחוד״־טיפּ.

„יאָ״, טראַכט בערמאַן, „די מענטשהייט דאַרף נויטיק אַ רעוואָלוציע אַ גאַנצע, אַ גייסטיקע און מאַטעריעלע... די רעוואָלוציע וועט אָבער קיינמאָל ניט זיין קיין גאַנצע, אויב מען וועט ניט אויפשטעלן קיין נייעם גייסטיקן אָבעליסק פאַר דער מענטשהייט. מע דאַרף צעברעכן אַלע רעליגיעזע הייזער. דער הימל ליגט איצט אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך אונטער אונדזערע פיס. די אידייע פון אַ מאָראַלן צענטער, די אידייע פון ׳דעם אמתן ליכט פון דער וועלט״, איז אַ גרויסע אידייע, נאָר פאַרוואָקסן איז זי ביז איצט געווען מיט אַ גראָבער שאָלעכץ. מען דאַרף אויפברעכן די שאָלעכץ און באַפרייען די ריינע אידייע פון איר. מען דאַרף מאַכן נייע יום־טובים, — יום־טובים, וואָס זאָלן אַפּלייקענען הייזער, וואָס זאָלן אָפּלייקענען גרענעצן. סוכות דאַרף ווערן אַ גרויסער ווינטיקער אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב אויף דער וועלט... מען דאַרף פאַר זיי צעברעכן דעם הימל...״ („אויף ווייטע וועגן״, דריטער באַנד, ז״ז 250־251.)

דאָס מעג זיך זיין אמת, דאָס מעג זיך זיין פאַלש. דער עיקר איז, אַז ביי בערמאַנען זיינען די באַגריפן „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״ אַזוי אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן אין איינעם, ווי די באַגריפן „רויט״ און „בלום״ זיינען אָרגאַניש צונויפגעגאָסן אין אַ רויטער בלום. אין יעדן טיילכעלע פון דער בלומס בלעטעלעך אי זי אי רויט, אי אַ בלום. אַזעלכע „רויטע בלומען״, — רעליגיעזע סאָציאַליסטן, וואו „רויט״ און בלום״ זיינען געווען אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן אין איינס, — האָבן מיר געהאַט אַ היפּש ביסל אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך דערמאָן דאָ נאָר די יידישע „איסיים״ און די קריסטלעכע „אַנאַבאַפּטיסטן״.

ביי דעם אָפּשאַץ פון דעם ענין „רויטע בלומען״ דאַרף מען אָבער האָבן צוויי ווינטיקע שטאַנדפּונקטן אין אויג: איינעם אַ ריין־לאָגישן און דעם אַנדערן אַ היסטאָרישן. לאָגיש זיינען די באַגריפן „רויט״, און „בלום״, ווי די באַגריפן „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״, ניט אידענטיש. עס זיינען פאַראַן אַ סך „רויטע זאַכן״, וואָס זיינען ניט „בלום״. סאָציאַליזם איז אַ סך ברייטער, איידער רעליגיעזער סאָציאַליזם, און קאָן שטיין אויף זיינע אייגענע פיס אָן אַ ברעקל רעליגיעזן גלויבן. וואָס האָט דען געפעלט קראָפּאָטקינען אָדער מאַרקסן צו זיין גוטע סאָציאַליסטן און אין דער זעלביקער צייט זיין אַטעאיסטישע מאַטעריאַליסטן?

פון דער אַנדערער זייט מוז ניט יעדע „בלום״, וואָס מיר געברויכן דאָ פאַר אַ סימבאָל פון רעליגיע, זיין דווקא רויט. אויך די ריינע רעליגיע

קאָן שטיין אויף אירע אייגענע פיס. אַזעלכע ריין רעליגיעז־פרומע מענטשן פון דעם „ביטול היש״־טיש זיינען אַנטלאָפן, פאַקטיש אָדער גייסטיק, פון דער וועלט מיט אירע וועלטלעכע דאגות, שטרעבנדיק נאָר צונויפצוגיסן זיך גייסטיק, אין ריינקייט און הייליקייט, מיט דעם גייסטיקן יסוד פון דער וועלט, וואָס טרעט שוין טויזנטער יאָרן אַרויס אונטער דעם נאָמען „גאָט״, און זאָל דאָס זיין, אַזוי צו זאָגן, זיין „וועלטלעכער פסעוודאָנים״.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ דריטע קאָמבינאַציע פון „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״, וואָס איז איצטער פאַרהערשנדיק ביי די רעליגיעזע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאַטוילישע ווי פראָטעסטאַנטישע. דאָס זיינען די דואַליסטן אין אונדזער ענין. פאַר זיי זיינען „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״ צוויי גאַנץ־פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיינען אָבער ביידע אַבסאָלוט נויטיק פאַר זייער נשמה־לעבן, זאָגן מיר, ווי „ברויט״ (סאָציאַליזם) און „ריינע לופט״ (רעליגיעזער גלויבן). פון דער ריינסטער לופט קאָן מען ניט באַקן קיין לעבלעך ברויט, און מיט די בעסטע „כרעמזלעך״ קאָן מען ניט עטעמען, ניט אָנפילן מיט זיי די לונגען. ביי יעדן ביס „כרעמזל״ דאַרף מען אויך איינאָטעמען ריינע „לופט״, אָבער קיין אינעווייניקסטע לאָגישע שייכות צווישן די ביידע איז ניטאָ.

אָט די ריין־לאָגישע זייט פון די ענינים „סאָציאַליזם״ און „רעליגיע״ לאָזן די „רויטע בלומען״ אַרויס פון זייער אויג. פירנדיק דעם קאַמף אויף צוויי פראָנטן, שטרעבן זיי אויסצוויעטן אַלע „בלומען״, וואָס זיינען ניט „רויט״, און צו פאַרטיליקן אַלע „רויטע זאַכן״. לאָגיש איז דאָס אַ קאָלאָ־סאַלער פעלער. זייער קאַמף „לשם יחוד״ פון סאָציאַליזם און רעליגיע דאַרף טאַקע געפירט ווערן אויף צוויי פראָנטן. עס האָט אָבער קיין זין ניט אַרויפצוצווינגען אויף דעם סאָציאַליזם דווקא די אָדער יענע אַרט גלויבן. דאָ איז גענוג, ווען עס גיט זיך איין צו צעשטערן דעם אבערגלויבן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אַז „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״ שליסן איינס דאָס אַנדערע אויס. און עס האָט אויך קיין זין ניט צו קעמפן אַנטקעגן דעם אָדער יענעם רעליגיעזן גלויבן דווקא אין דעם נאָמען פון אַ וועלכן עס איז ניי־רעליגיעזן וועלט־באַנעם. די רעליגיעזע וועלט קאָן געוואונען ווערן — און ווערט פאַקטיש געוואונען ביי דער רעליגיעזער אַרבעטער־שאַפט — אין דעם נאָמען פון יענע רייך־וועלטלעכע לעבנס־נויטן, וואָס קאָנען פאַר דער אַרבעטערשאַפט פול באַפרידיקט ווערן נאָר אין דעם סאָציאַליזם.

און זאָלן דערביי די אַלט־מאָדיש גלויבנדיקע, פרום־רעליגיעזע סאָציאַליסטן זיך איינשמועסן, אַז דער סאָציאַליזם זאָל און מוז מקוים ווערן

דווקא דערפֿאַר, ווייל יעזוס איז געבוירן געוואָרן פֿון אַ בתולה, אָדער ווייל גאָט האָט געשפּאָלטן דעם ים־סוף פֿאַר יידן.

הייסט עס, אַז אָט די אַלע „זאַבאַבאָנעס״ דאַרף מען לאָזן צורו? — ניין! דאָס הייסט גאָר ניט. חס וחלילה! דער פֿרייער געדאַנק האָט אַ רעכט און אַ חוב פֿון טרייקייט צו זיך אַליין, צו פֿירן אַ קאַמף מיט אַלע יענע געדאַנקען, וועלכע ער באַטראַכט פֿאַר אָפּגעלעבטע און פֿאַלשע, סיי אין דער וויסנשאַפֿט, סיי אין דער פֿילאָסאָפֿיע, סיי אין דער אָדער יענער רעליגיע. אָבער אָט דעם קאַמף דאַרף דער פֿרייער געדאַנק פֿירן אונטער זיין אייגענעם פֿלאַג, אָן אַ ברעקל שייכות צו די פּראָבלעמען פֿון דעם סאָציאַלן לעבן. וואָס איז פֿאַר דעם סאָציאַליזם דער חילוק, צי איינער גלויבט אין דער קאָפּערניקאַנישער שיטה, צי אין דער פּטאָלמייאישער, צי גאָר אין דער מאָדערנער, איינשטייניאַנישער? צי איינער גלויבט אין „מאַטעריע״, אָדער אין „רוחניות״? צי איינער גלויבט אין אַ פּערזענלעכן גאָט, אָדער אין בערמאַנס גייסטיקן קוואַל, וואָס רופֿט זיך „דאָס אמתע ליכט פֿון דער וועלט״? אַלע פֿאַרבינדונגען פֿון אַזעלכע אידייען מיט דעם סאָציאַליזם זיינען אָדער היסטאָרישע אידייען־פֿאַרבינדונגען, אָדער אינ־דיווידועלע אידייען־פֿאַרבינדונגען, על־כל־פּנים ניט קיין לאָגיש־נויט־ווענדיקע, וואָס דאַרפֿן זיין אַ חוב פֿאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן.

דאָס איז די ריין־לאָגישע זייט פֿון דעם ענין. עס איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ היסטאָרישע. היסטאָריש האָט דער איצטיקער סאָציאַליזם צו טאָן ניט מיט אַלע מעגלעכע רעליגיעס, נאָר מיט צוויי גאַנץ־באַשטימטע היסטאָריש־געוואָרענע אמונות אין דעם אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז: די יידישע און די קריסטלעכע. ביידע רעליגיעס זיינען פֿאַקטיש געקומען אויף דער וועלט ווי „רויטע בלומען״. ביי די גרעסטע נביאים, וואָס מיט זיי הויבט זיך אָן אין דער געשיכטע דער שטראָם פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק ווי אויך דער גלויבן אין איין־איינציקן גאָט פֿון צדק, רחמים און אמת, זיינען די ערשטע קערנדלעך פֿון סאָציאַליזם געווען איינס מיט דעם שטאַרקסטן סאָציאַל־עטישן מאָנאָטעאיזם. נאָך ענגער האָט זיך דער סאָ־ציאַליזם פֿאַראייניקט מיט רעליגיע ביי די קאָמוניסטישע איסיים: זיי זיינען געווען די ערשטע גערעטענע „רויטע בלומען״. דאָס אייגענע איז אמת בנוגע ישון, די אַפּאָסטאָלן, די ערשטע יידן־קריסטן (די „אביונים״), ביי אַ סך „קירכן־פֿאָטערס״ און ביי אַ סך קריסטלעכע סעקטאַנטן.

סיי יידנטום, סיי קריסטנטום האָבן אַרויסגעגעבן דער וועלט ווערקסלען, וואָס דאַרפֿן געצאָלט ווערן מיט סאָציאַליזם (זאָל מיך גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר אָט דעם מקח־וממכרדיקן אויסדרוק!). די שפּעטערדיקע, סיי די

יידישע רבנים, סיי די קריסטלעכע גלחים, האָבן יענע וועקסלען געפּעלשט, אָפּגעפֿאַרט די וועלט, צי מיט אַ שלעכטער כוונה, צי אונטער דעם דרוק פֿון עקאָנאָמישע אומשטענדן און אייגענער גייסטיקער פֿאַרבלענדעניש. דער סאָציאַליזם האָט אַ רעכט אויפֿצומאָנען אַלץ, וואָס אים קומט, פֿון אָט די רעליגיעס. און קומען — קומט אים אַלץ, וואָס ער, ווי אַ סאָציאַליזם, האָט צו מאָנען פֿון יעדן מענטשן. די רעליגיעס האָבן אָבער גאָרנישט ניט וואָס צו מאָנען ביי דעם סאָציאַליזם. ער האָט זיי גאָרנישט ניט צוגעזאָגט.

לפּי דעם דאַרפֿן די רעליגיעזע סאָציאַליסטן קודם כּל זיך ווענדן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע צו דער רעליגיעז־גלויביקער וועלט, איבערלאָזנדיק די רעליגיעזע זייט אירע, מיט אַלע אירע פֿאַרשיידענע דאָגמעס און רעליגיעזע צערעמאָניעס, פֿאַר איר אייגענעם פּריוואַט־געברויך, — אויב זי דאַרף דאָס נאָך האָבן, — און אויפֿמאָנענדיק די ריין־סאָציאַליסטישע זייט זייערע פֿאַר אַלע מענטשן, גלויביקע ווי אומגלויביקע, מאַטעריאַליסטן ווי אידעאַליסטן.

בערמאַן האָט זיך דעריבער געווענדט צו דעם ריכטיקן אַדרעס, צו דער רעליגיעז־גלויביקער וועלט, דער יידישער. אָבער ער איז באַגאַנגען סיי אַ לאָגישן, סיי אַ היסטאָרישן, סיי אַ פּסיכאָלאָגישן פֿעלער, וואָס ער איז געקומען אויסקעמפֿן ביי איר דעם סאָציאַליזם אונטער זיין, בערמאַנס, אייגענער פֿאָן פֿון אַ פֿרייען רעליגיעז־סאָציאַליסטישן געדאַנק. און ער האָט דערביי אָנגעגריפֿן דאָס סאַמע הייליקסטע פֿאַרן רעליגיעז־גלויביקן פֿון אונדזער צייט, — די אידייע פֿון אַ פּערזענלעכן גאָט, דעם גלויבן אין אים. דאָס איז זיכער געווען בערמאַנס פּערזענלעכע רעכט. אָבער די יידיש־רעליגיעזע וועלט האָט אים ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. זי האָט געמוזט זען אין אים אַ נייעם מין „מיסיאָנער‟, וואָס קומט אָפּצורייסן זי פֿון איר הייליקסטן גלויבן. האָט זי אים פֿאַרשטייניקט. דאָס איז זיכער אַ טראַגעדיע, וואָס פֿאַלט אָפּט אויס אין דער געשיכטע אויף אַ סך אַזוינע „רויטע בלומען‟, וואָס פֿאָדערן, אַז אַלע בלומען זאָלן זיין רויט און אַז קיין אַנדערע רויטע זאַכן זאָלן אויף דער וועלט ניט זיין, ווי נאָר בלומען, און דווקא נאָר אַזעלכע רויטע בלומען, פֿון דער זעלביקער פֿאָרם, פֿון דער זעלביקער צאָל בלעטלעך, ווי זיי אַליין זיינען.

דאָס איז אַ טראַגעדיע פֿון אַ גאַנצן מין. אָבער אין דער זעלביקער צייט — אַן אינדיווידועלע, ריין־פּערזענלעכע טראַגעדיע פֿון אָט דער ספּעציעלער אינדיווידועלער און אָריגינעלער רויטער בלום, וואָס רופֿט זיך בערמאַן. אָט די טראַגעדיע קאָן און זאָל פֿאַרמיטן ווערן מיט אַביסל מער טאָלעראַנץ צו ביידע צדדים, מיט אַביסל מער איינזען אין די לאָגישע,

היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע זייטן פון אָט דעם זייער אָנגעווייטיקטן און העכסט פאַרוויקלטן פּראָבלעם...

דאָס איז דער מוסר־השכל, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון בערמאַנס טראַגעדיע.

1935

באַגריסונג צו א. ליעסינס יובילײ

מיין באַגריסונג צו א. ליעסינס יובילײ מוז איך אָנהייבן מיט אַ פּאָר ווערטער, וואָס ווערן אפשר קלינגען ווי אַ סקאַרבאָווער נוסח, ווי אַ פּסוק פון דעם „הלל הגדול״, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן ביי אַזאַ געלעגנהייט. בעט איך מיין פריינט ליעסין, ווי אויך די לייענער, זיי זאָלן מיר גלויבן, אַז פאַר מיר איז אות באות אמת, ווען איך זאָג:

„מיין פען איז צו־שוואַך און איך האָב נישט גענוג ווערטער, כדי אויסצודריקן מיין טיפסטע פאַרערונג צו אונדזער בעל־היובל.״

א. ליעסין האָט גאָר אַ גרויסע צאָל אויפריכטיקע פאַרערער איבער גאָר דער יידישער וועלט. איך געהער צו זייער צאָל. איך שעץ ליעסינען, דעם גרויסן פּאָעט, וואָס האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט קלאַסישע פּאָעמען, שיין אין פאָרם און רייך אין אינהאַלט; מיט בילדער, וואָס קריצן זיך איין אין אונדזער דמיון און לאָזן אַ שטאַרקן רושם און געפיל; מיט פערזן, וואָס קלינגען פּלוצים אויף אין זכרון יאָרנלאַנג נאָך דעם, ווי מען האָט זיי צום ערשטן מאָל געלייענט; מיט געדאַנקען, וויכטיקע, וואָס פאָדערן מען זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן זיי.

א. ליעסינען שעץ איך אויך, ווי אַ העכסט טאַלאַנטפולן פּובליציסט פון אַ גאָר גרויסן שוואונג און פאַרנעם. זיין רייכער היסטאָרישער וויסן און זיינע הויכע צוקונפטס־אידעאַלן גיבן זיין אָריגינעלן פּובליציסטישן טאַלאַנט די מעגלעכקייט, אָנעקצושטעלן די פּאַסירונגען פון דער לויפנ־דיקער צייט אין פּאַראַלעל צו ענלעכע פּאַסירונגען אין דעם עבר און צו באַלויכטן דעם ענין מיט יענע שטראַלן, וואָס שטאַמען פון זיין הייסן גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט בכלל, פאַר אונדזער יידישן פאָלק בפרט.

און מער פאַר אַלץ געווינט אונדז ליעסין מיט זיין פּסיכישן איינשטעל,

סאַי אין די לידער, סאַי אין די אַרטיקלען. דער גרונט־טאָן זייערער איז אַ העראָאישער און אַ רעוואָלוציאָנערער. דאָס איז דאָס טיפּסטע מיט־לעבן מיט יענע העלדן, מיט יענע „קדושים וטהורים״, וואָס זיינען אַלע מאָל געווען גרייט צו גיין אויף מסירת־נפש פאַר זייערע אידעאַלן, אין וואָס זיי זאָלן נישט באַשטיין; בפרט, ווען די אידעאַלן וואַקסן אַרויס פון אַ רעוואָלוציאָנערן באַפרייאונגס־קאַמף, סאַי פון דעם אונטערדריקטן אַר־בעטער־קלאַס, סאַי פון די אונטערדריקטע פעלקער. מיט אָט־דעם מסירת־נפשדיקן באַפרייאונגס־קאַמף זיינען דורכגעדרונגען „דאָס בלוט פון זיין האַרצן און די זאַפט פון זיינע נערוון״, מיט וועלכע ער שרייבט זיינע לידער און אַרטיקלען.

דאַרף איך נאָך צוגעבן דערצו יענע טיפע סימפּאַטיע, וואָס אין מיר רופט אַרויס דער גרונט־שטריך פון זיין גאַנצער טעטיקייט, — דאָס שטרעבן צו פאַראייניקן אין איינס די אידעאַלן פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן סאָציאַליזם מיט די אידעאַלן פון דער פעלער און גאַנצער באַפרייאונג פון אונדזער אייגענעם פאָלק, סאָציאַל און נאַציאָנאַל?

עס וועט דעריבער קיינעם ניט וואונדערן, ווען איך וועל זאָגן, אַז אויך אין מיין ברוסט, ווי מסתמא ביי אַלע זיינע פאַרערער, לעבט דער הייסטער וואונטש, צו האָבן אַלע זיינע שריפטן אין בוך־פאָרם. אָט־דער וואונטש ווערט באַזונדערס לעבעדיק, ווען עס שווימט אַרויף אין זכרון אַ פערז, אַ בילד, אַ געדאַנק, וואָס שטאַמען פון ליעסינען. ווי ווילט זיך דעמאָלט, איך זאָל קאָנען צוגיין צום ביכער־שראַנק און אויפזוכן אין אַ באַנד־ליעסין די שטעל, וואָס האָט פאַראינטערעסירט, און ווידער אָפּפרישן דעם איינדרוק פון אַמאָל.

פאַרדריסט עס ביז גאָר, ווען דאָס איז אַלץ נאָך נישט מעגלעך ניט פאַר מיר, נישט פאַר אַנדערע. איך האָב מיר גענומען די פרייהייט ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, צו שרייבן וועגן דעם מיין חשובן פריינט, דעם בעל־היובל. און ניט נאָר אין מיין אייגענעם נאָמען, נאָר אויך אין דעם נאָמען פון זיינע טרייע פאַרערער. דאָ, אין דער עפנטלעכקייט, נעם איך מיר די העזה, צו מאָנען דעם חוב, וואָס עס קומט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור: צו האָבן די געזאַמלטע שריפטן פון אברהם ליעסין. ווי שטאַרק איינעמס זכרון זאָל ניט זיין, קאָן מען ניט געדענקען אַלץ. זאַכן וואָס ליגן צעוואָרפענע און פאַרוואָרפענע אין צייטונגען און זשור־נאַלן, — ניט יעדערער קאָן זיך יאָגן נאָך זיי. אַ נומער צייטונג, אָדער אפילו אַ ביכל פון אַ זשורנאַל פאַרגייט; אַ בוך באַשטייט.

עס איז דאָך באמת אַ גרויסער עגמת־נפש, וואָס אונדזער ליטעראַטור

זאָל נאָך ביז איצט ניט באַזיצן די ווערק פון אַזאַ קלאַסישן פּאָעט, פון אַזאַ אָריגינעלן פּובליציסט, פון אַזאַ באַגייסטערטן פרייהייטס־קעמפער, ווי אונדזער ליעסין.

נאָר — ס'איז ניט פאַר אונדז, לייענער, פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין אָט־דעם עגמת־נפש־פולן ענין. אָבער איך קאָן ניט שליסן מיינע פּאַר איילִיקע שורות אַנדערש, ווי מיט דעם וואונטש פאַר דעם בעל־היובל ניט נאָר פון אריכת ימים, גוטן געזונט־מצב און שטענדיקער התמדה אין זיינע אַרבעטן, נאָך מיט דעם וואונטש פאַר אונדז: צו דערלעבן אין גיכן צו זען אין אונדזער ליטעראַטור „די געזאַמלטע שריפטן פון אברהם ליעסין".

„צוקונפט", מערץ, 1936.

וולאַדעק און ליעסין

אַ פּאָר ווערטער אויף די פרישע קברים

. . . וולאַדעקן האָט אין מיטן אַדלער־פלי געטראָפן אין האַרצן די פייל פון אונדזער אַלעמענס מענטשלעכן גורל אויף דער וועלט. זיין לעבן דאָ אין לאַנד איז טאַקע אין די לעצטע יאָרן געווען אַן אַדלער־פלי אַרויף. מיר, די מזרח־אייראָפּיאישע יידן, זיינען נאָך אַזוי יונג דאָ אין לאַנד, און האָבן דעם לאַנד געגעבן אַזוי ווייניק אין דעם פרט פון אויסטער־לישע פערזענלעכקייטן. מאָריס הילקוויט איז — ביז וולאַדעקן — אפשר געווען דער איינציקער, וואָס האָט געצויגן צו זיך דעם אויפמערק פון דער ניט־יידישער וועלט דאָ אין לאַנד.

אָבער הילקוויט איז געווען אַ טעאָרעטיקער פון דעם סאָציאַליזם און דער אַרבעטער פּאָליטיק, אַ פאַנען־טרעגער אין דעם קאַמף פאַר גערעכ־טיקייט צו די אַרבעטער־מאַסן, אָבער אַ פאַנען־טרעגער פון אַן ענגער ריכטונג. און דער עיקר: הילקוויט, אויך אַ מזרח־ייד, האָט געהערט צו אונדז נאָר לויט זיין געבורט־שיין.

וולאַדעק איז ניט געווען קיין „טעאָרעטיקער". זיינע טעאָריעס, וועלכע פילע האָבן שוין באַצייכנט, ווי פּראַקטישן, סאָציאַליסטישן אידעאַליזם, האָט ער ניט געפּרעדיקט, נאָר געלעבט. הילף פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין הילף, — צי אין דער עפנטלעכער טעטיקייט, צי אין דער אַרבעטער־

באַוועגונג, צי אין פּריוואַטע ענינים, — צי אין דער ראָליע פון אַ פירער און אַ טאַלאַנטפולן רעדנער, צי אין דער ראָליע פון אַן אונטערשטופּער, אָדער גאָר פון אַ פּעקל־טראָגער, — פאַר אַלע אַרטן הילף איז ער געווען גרייט. אין זיי האָט ער זיך אויסגעלעבט. אין זיי זיינען די פליגלען זיינע אויסגעוואַקסן. אין דעם אימפּעט פון אָט־די אומצאָליקע אַרבעטן איז ער געפלויגן אַרויף, וואו אויף אים האָט געוואַרט אַ גאָר חשובער פּלאַץ אין דעם עפנטלעכן לעבן פון אונדזער לאַנד.

און וואָס דער עיקר איז: ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן אומטריי אונדז, מזרח־אייראָפּייאישע יידן: ניט אונדז און ניט אונדזער קולטור אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש. זי, אונדזער יונגע, מאָדערנע וועלט־לעכע קולטור, האָט וולאַדעקן גאָר פיל צו פאַרדאַנקען: ניט נאָר די פּראָ־דוקטן פון זיין פעדער, נאָר אויך זיין דירעקטע הילף פאַר איר אַנטוויקלונג.

זיין אומגעזעטיקטער טאַטן־דראַנג אויף די פאַרשיידענע פעלדער, אַ מאַסן־דראַנג און אַ פליכט־געפיל, וואָס האָבן אים ניט געלאָזן שווינען זיך אַליין און זיין אייגענעם געזונט, האָבן אים אָפּגעצערט. די רוסן האָבן אַ ווערטל פאַר אַזאַ לעבן: „געברענט ווי אַ ליכט, אַן אָנגעצונדענע פון ביידע זייטן.“

זיינער אַ נאָענטער פריינט האָט מיר, בעת די הספּדים אויף אים, געזאָגט: „איר מיינט, וולאַדעק האָט געלעבט נאָר צוויי־און־פופציק יאָר? ניט צוויי־און־פופציק, נאָר צוויי הונדערט . . .“

וולאַדעק איז געווען איינער פון יענע שיינע פּרוכטן, וואָס זיינען צייַ־טיק געוואָרן אויף דעם בוים פון דעם יונגן יידישן סאָציאַליזם. און אַזאַ אויסטערליש שיינע פּרוכט פון דעם זעלביקן בוים איז געווען זיין נאָענט־סטער פריינט און חבר אברהם ליעסין. אויך אָט־די פּרוכט האָט דער מענטשלעכער גורל אַראָפּגעטרייסלט פון דעם בוים באַלד נאָך וולאַדעקס טויט, און זי איז געבליבן ליגן לעבן איר. עס איז, ווי דער גורל וואָלט באַשטימט, זייערע נעמען זאָלן פאַרבונדן ווערן אין איינעם אין דעם זכרון פון די דורות: צוויי באַזונדערס שיינע עקזעמפּליאַרן, מיט וועלכע די בונדישע באַוועגונג האָט באַרייכערט אונדזער געשיכטע.

אברהם ליעסין, דער פּאָעט פון גרויסן פאַרנעם און טיפן באַדייט, דער פובליציסט, דער היסטאָריקער, — הגם ער האָט ניט געשריבן קיין באַזונדערע היסטאָרישע ווערק, — ועל כולם דער פייערדיקער ייד, — ליעסין וועט מוזן געמאָסטן ווערן מיט אַ גאַנץ אַנדער מאָס, איידער וולאַדעק.

עס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן וואָלאָדקען אין פאַרבינדונג מיט ליעסינען און וועגן ליעסינען אין פאַרבינדונג מיט וואָלאָדקען, ביז דער גורל האָט באַשטימט, זיי זאָלן ביידע ווערן פאַרבונדן אין איינעם אין דעם „צרור החיים״ פון דער יידישער געשיכטע.

ווען איך זע זיי איצטער אין מיין זכרון, שטעלן זיי מיט זיך פאָר געוואַלטיקע קאָנטראַסטן ניט נאָר אין דער אָרט פון שאַפן און זייערע טעטיקייטן, נאָר אויך ווי טיפּן פון דעם מין „יידישער מענטש״.

וואָלאָדקע, אַן אַרומגייענדיקער בינטל פון נערוון, אַלע מאָל אָפּגעזדעקטע, זיך אָפּרופנדיק אַלע מאָל אויף יעדן רוף פּערזענלעך צו אים.

ליעסין — אַן אין זיך איינגעשלאָסענער, אַן אייזן־שטאַרקער מענטש אי פיזיש, אי גייסטיק. אַזאַ איינדרוק פלעגט ער מאַכן. אַזאַ איינדרוק באַקומט זיך פון יענע ווייניקע יוגנט־עפּיזאָדן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון אים. עס האָט זיך געשפּירט, אַז גראָד אין זיין יוגנט איז ליעסין געווען געגאָסן פון יענעם מעטאַל, פון וועלכן עס ווערן געפורעמט העלדן.

ער האָט טאַקע פאַרקערפּערט אין זיך דעם אויפקום פון דעם העראָאישן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. ער האָט געאָטעמט מיט — און אַרויסגעבראַכט יענע לופט, וואָס האָט געבראַכט דעם שטורעמדיקן אויפברויז פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905־1907.

ליעסין איז, לויט דעם עצם־כאַראַקטער זיינעם, געווען דורכגעדרונגען מיט אַ באַזונדערער ליבע צו העלדישקייט, צום אויפברויז פון מענטשלעכער קראַפט, אַן אָנגעשפּאַרטער, וואָס פליט פאָרויס ווי אַ פייל, אַן אַראָפּגעלאָזענער פון דעם שטאַרק־אָנגעצויגענעם בויגן. און מער פאַר אַלץ איז געווען טייער זיין נשמה די מסירת־נפש פאַר אַ גרויסן גלויבן, דאָס אויפגיין אין פלאַמען מיט איין מאָל, ווי אַ קרבן עולה.

ליעסין דעם פּאָעט, — איינעם פון אונדזערע גרעסטע — און ליעסין דעם קינסטלער, וועט מען קאָנען גערעכט אָפּשאַצן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן שוין האָבן אַלע זיינע ווערק, — אויך די בעסטע פּובליציסטישע, ווען דער קינסטלער אין אים דינט דעם קעמפער און דעם רעוואָלוציאָנער.

ווי אַ פּאָעט, האָט ליעסין געהערט צום עלטערן דור און איז ניט געווען אָריגינעל אין דער פאָרם, אין דעם וואָרט־אָפּקלייב און דער שאַפונג פון נייע ווערטער. אַלץ מעלות, מיט וועלכע עס גלאַנצן אונדזערע שפּעטערע דורות פּאָעטן. ער איז אָבער געווען אָריגינעל אין דעם העכערן זין פון דעם וואָרט. „אָריגינעל״ איז דאָ דער טייטש, ניט שעפּן פון קיינע אַנ־

דערע קוואַלן, ווי נאָר פון דעם אייגעעם רייכן געמיט, פון דער אייגענער טיפער איבערלעבונג. זי, אָט־די איבערלעבונג, אַרויסצוברענגען, — און דווקא אַזוי קלאָר, ווי זי איז געשטאַנען פאַר זיין אינווייניקסטן אויג, — דערויף האָט געאַרבעט ליעסין דער פּאָעט.

ווען אין דער פּובליציסטיק דינען די קינסטלערישע אויפבליצן ליעסינען, דעם רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן קעמפער, קומט פאָר פּונקט דער היפּוך אין זיין פּאָעזיע. ער איז אין איר אַ סך ברייטער, איידער דער קעמפער. אין זיין פּאָעטישן שאַפן דינט דער קאַמף דעם פּאָעטישן זיך אויסלעבן.

אין זיין פּובליציסטיק, — זיכער פון ערשטן ראַנג, — דינען זיינע אויפגאַבן ניט נאָר די קינסטלערישע אויפבליצן, נאָר אויך די טיפע היסטאָרישע קענטענישן, דער וואונדערבאַרער אייגענער זכרון. זיי ביידע ברענגען אַרויס אַזוי פיל געלונגענע כאַראַקטעריסטיקעס פון פּערזאָנען, גרופּעס, פּאַרטייען, פּאַסירונגען, דאָ און דאָרטן באַלויכטן מיט דעם אַלגע־מיין־מאַרקסיסטישן איינשטעל, וועמען ליעסין איז אַלעמאָל געבליבן טריי. אין איר, אין זיין פּובליציסטיק, האָבן מיר די שאַרפסטע קריטיק פון די בורזשואַזע פּאַרטייען און זייערע פירער, דעם פעסטן גלויבן אין דעם טריאומף פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון דעם סאָציאַליזם. איז פאַר ליעסינען דעם פּובליציסט די הויפּט־זאַך ניט די קינסטלערישע פאָרם, נאָר דער וויכטיקער אינהאַלט.

גאַנץ אַנדערש ליעסין, דער ייד, וועמעס יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון קלינגען אָפט אַריבער אַלע אַנדערע. אין זיינע יידישע מאָטיוון, — דער עיקר פון דער שפּעטערער צייט, — איז פאַר אים ניט וויכטיק דער יידישער אינהאַלט: איך מיין דער אינהאַלט פון יענער יידיש־נאַציאָנאַלער עטיק, דער באַגרינדעטער פון די נביאים, וואָס האָט אונדזער פאָלק געמאַכט פאַר איינעם פון די הויפּט־באַשאַפער פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָ־גרעס. אָט־דעם נביאישן, אוניווערסאַל־מענטשלעכן אינהאַלט האָט ליעסין אַריבערגעטראָגן, — ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך. און ווי דעם באַלעבנדיקן גייסט אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון און פּובליציסטישע אַר־בעטן. אָבער אין די נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון זיין פּאָעזיע איז ליעסין אינ־דיפערענט צו אָט־דעם וויכטיקסטן אינהאַלט פון אונדזער היסטאָרישער ירושה.

ליעסין מערקט ניט די מאוימדיקע ירידה פון אָט־דער ירושה אין אונדזער גאַנצן היסטאָרישן לעבן. אַן עמוס, אָדער אַ צפניה, אָדער אפילו אַ ישעיהו, וואָס איז לויט דער לעגענדע, געשטאָרבן אַ מאַרטירער־טויט,

— האָט ליעסינען ניט באַגייסטערט. אים האָט באַגייסטערט גראָד דאָס, וואָס וואָלט לויט דעם אידייאישן אינהאַלט, אָפּט ניט אויסגעהאַלטן די קריטיק פון אַ פריינציפּיעלן סאָציאַליסט.

דערפאַר צינדט זיך אָן ליעסינס התלהבות אין זיין פּאָעזיע פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן פאָרם. באַטירלעך, מיינען מיר דאָ ניט די דרויסנלעכע פאָרם. ליניעס, פאַרבן אָדער וואָרט־קלאַנגען. מיר מיינען דאָ „פאָרם״ אין דעם פילאָסאָפישן זין פון דעם וואָרט, די „פאָרם״, ווי אַ פאָרמאַטיווע קראַפט, וואָס ברענגט אַרויס דעם אָדער יענעם אינהאַלט.

ליעסינען באַצויבערט די פאָרמאַטיווע עטישע קראַפט פון דעם יידן, — אַלץ איינס, אין וואָס ער גלויבט, פאַר וואָס ער קעמפט: די ביז צו גלוט אָנגעברענטע, אייזן־פעסטע טרייקייט צו דעם אייגענעם גלויבן, — אין וואָס ער זאָל ניט באַשטיין, — און די גרייטקייט צו מסירת־נפש פאַר „קידוש השם״, וואָס דער „שם״ זאָל ניט זיין.

וולאָדעק — אַ בינטל אָפענע נערוון, — אָפן פאַר אַ גאַנצער וועלט פון אינטערעסן, פערזאָנען און טעטיקייטן. ליעסין — אַן אין זיך איינגע־שלאָסענע ווי פון אָנגעגליטן אייזן אויסגעשמידטע פיגור.

דאָס איז דער איינדרוק, וואָס זייערביידנס טעטיקייטן מאַכן אויף מיר, אַן איינדרוק, וואָס שטימט צונויף מיט די זכרונות, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי מיר פון מיינע, ליידער צו זעלטענע, פערזענלעכע באַגעגענישן מיט זיי.

אָבער — וואָס ביידע זאָלן ניט האָבן געווען, — שטאָלץ מעגן מיר זיין אויף זיי ביידן, ווי אויף צוויי שענסטע עקזעמפּליאַרן פון דער מזרח־אייראָפּיאישער יידנשאַפט בכלל, און פון אונדזער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג בפרט.

זיי וועלן ניט פאַרשווינדן פון אונדזער זכרון. אַלץ, וואָס איז געווען אומשטערבלעך אין זיי, זאָל אונדז נאָך ווייטער לייכטן אויף אונדזער שווערן היסטאָרישן וועג!

„צוקונפט״, דעצעמבער, 1938.

לאַמעד שאַפּיראָ

צו דעם היינטיקן ערן־אָוונט פֿון אונדזער זייער חשובֿן, זייער באַדייט־פֿולן שרייבער לאַמעד שאַפּיראָ בין איך געקומען מיט דעם איינציקן ציל, צו באַגריסן אים פֿון דעם טיפֿסטן האַרצן און אויסצודריקן מיין טיפֿסטע פֿאַרערונג צו אים, צו זיין טאַלאַנט און צו דעם באַדייט פֿון זיין שאַפֿן.

נאָר צוליב דעם בין איך געקומען. דאָס וויל זאָגן, אַז איך קאָן ניט נעמען אויף זיך די אויפֿגאַבע, וואָס איז מיר צוגעשריבן געוואָרן אין דער אָנקינדיקונג פֿון דעם היינטיקן אָוונט אין דער היגער פּרעסע, — די אויפֿגאַבע צו געבן אַן אָפּשאַץ פֿון לאַמעד שאַפּיראָס ליטעראַרישן שאַפֿן.

דאָס דאַרף געטאָן ווערן פֿון אַ מומחה, אַ ליטעראַטור־קריטיקער. ליטעראַטור־קריטיק איז אָבער ניט מיין פֿאַך. אין דער שיינער ליטעראַטור בין איך העכסטנס נאָר אַן אינטעליגענטער לייענער.

לייענער אָבער זיינען אין אַ געוויסן פּרט „שטומע נשמות". זיי שפּירן די שיינקייט פֿון דער אָדער יענער שילדערונג, די רייכקייט פֿון דעם אָדער יענעם בילד. אָבער זיי האָבן ניט קיין ווערטער, ווי אַזוי אויסצודריקן יענע עסטעטישע געפֿילן אָדער שטימונגען, וועלכע אַ טאַלאַנטפֿול ווערק רופֿט אין זיי אַרויס. דאָס נעמט זיך מסתמא דערפֿון, וואָס דער לייענער איז פֿאַראינטערעסירט דער עיקר אין דעם ענין, אין דעם וואָס פֿון דער שילדערונג; טראַכט ער נאָר וועגן דעם ענין. ערשט דערנאָך אָדער נאָר צייטנווייז בעתן לייענען, דערמאָנט ער זיך האַלב־אומבאַוואוסטזיניק, אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ קונסט־ווערק; אַז דאָס שטאַמט פֿון אַן אינדיווידועלער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, וואָס ברענגט אַרויס דעם עסטעטישן עפֿעקט מיט זיינע אייגענע אינדיווידועל־קינסטלערישע מיטלען, אין וועלכע עס דריקן זיך אויס די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון זיין טאַלאַנט.

און ווערט ער, דער לייענער, באַגייסטערט פֿון דעם ריין־עסטעטישן איינדרוק, האָט ער נאָר די שאַבלאָנסטע ווערטער אויף צו כאַראַקטעריזירן דעם איינדרוק. „פּראַכטפֿול!", „אויסגעצייכנט!", „ווי רייך!" וכדומה, אויב אים געפֿעלט עפּעס. און אויב עפּעס געפֿעלט אים ניט זייער גוט ריין־עסטעטיש, מאַכט ער ביי זיך אָפּ: „נו, ניט אַזוי אַי־אַי־אַי!". היינט גיי, טרעף, אין וואָס עס באַשטייט די פּראַכט, די אויסגעצייכנטקייט, די רייכקייט פֿון די שטעלן, וואָס רופֿן אין אים אַרויס די עסטעטישע התפּעלות,

---

רעדע געהאַלטן אויף ל. שאַפּיראָס אָוונט אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין 1942.

און פאַרוואָס אין די ווייניקער־געראָטענע שטעלן איז פאַרלאָרן געגאַנגען אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן די גאַנצע „אײ־אײ־אײקייט״.

אַ קונסט־קריטיקער פון גאָטס גענאָד, — פאַר אים שטייט אויפן ערשטן פּלאַן דאָס ווי פון דער שאַפונג און דער שאַפנדיקער קינסטלער; דער געשילדערטער ענין איז פאַר אים נאָר דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכן ער דאַרף אַרויסדיסטילירן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט, דעם מהות פון די באַשטימטע באַשאַפערישע כוחות, כדי צו זיין אין דער לאַגע אויך אָנצואווייזן, וואו דער קינסטלער שפּרייזט אפשר אַריבער די גרענעצן פון זיין אייגענעם קאָנען.

אָט אין אַזאַ קונסט־קריטיקער פון גאָטס גענאָד נייטיקט זיך אונדזער לאַמעד שאַפּיראָ. ער איז נאָך ניט געקומען, אָט דער קונסט־קריטיקער, אויף וועמען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור וואַרט. אָבער אויב אונדזער נייע קולטור־ספּערע אין דער יידישער שפּראַך וועט האָבן אריכת־ימים — און איך בין גרייט צו וועטן זיך מיט אייך, אַז אין אַ פּאָר הונדערט יאָר פון היינט אָן וועט זי נאָך זיין אַ לעבעדיקע און אַ געזונטע, — וועלן אויך לאַמעד שאַפּיראָס גאַנץ־אייגנאַרטיקע שאַפונגען ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן ריין־קינסטלעריש.

מיר, די לייענער, די „שטומע נשמות״ אין עסטעטישן זין, ווערן אָבער באַרעדעוודיק, ווען עס פרעגט זיך וועגן דעם אינהאַלט, וועגן דעם וואָס, וועגן דעם געשילדערטן ענין. און דאָ קומט יעדער לייענער מיט זיין אייגענעם, זייער באַרעכטיקטן מענה־לשון.

וועל אויך איך מיר נעמען די פרייהייט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם איינדרוק אָדער די איינדרוקן, וואָס עס זיינען אין מיר אַרויסגערופן געוואָרן פון שאַפּיראָס וויכטיקע שאַפונגען.

לאַמעד שאַפּיראָ געהערט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, צו אַ דור, וואָס האָט אין אָנהייב נאָך ניט אויסגעהאַרמאָנירט די ענינים „ייד״ און „מענטש״. שטייענדיק שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון די פּאַר־פּאַלגונגען און שחיטות אויף אונדז, פון די טייכן יידישע טרערן און בלוט, איז אָט דער גאַנצער דור געוואָרן עלול אַריינצופאַלן אין דעם קראַנק־האַפטעסטן, פּינצטערסטן, פאַנאַטישסטן יידישן שאָוויניזם, וואָס האָט בלב ונפש די גאַנצע „גויאישע״ וועלט, ד. ה. די גאַנצע ניט־יידישע מענטשהייט.

לאַמעד שאַפּיראָ איז, ווי איך גלייב, ניט אונטערגעפאַלן אונטער דעם גורל, וואָס האָט געהויערט איבער זיין דור, אָבער אין גאַנצן זיך באַפרייען פון אים, האָט ער ניט געקאָנט. ניט אין די ערשטע צייטן. אין די ערשטע

צייטן איז „ייד" געשטאַנען פאַר אים אויף דעם ערשטן פּלאַן, דער „מענטש" ערשט הינטער דעם יידן. אָבער אויך דעמאָלט איז דאָס געווען אַ מענטשלעכער „ייד", וועמענס ווילן איז געווען דיריגירט פון מענטשלעך־חשובע לייִדנשאַפטן, אַרויסגעבראַכט פון גאַנץ־אויסעראָרדנטלעכע אומשטאַנדן אין דעם יידישן לעבן.

ביסלעכוויַיז אָבער האָט זיך, ווי מיר דוכט, איינגעשטעלט ביי שאַפּיראָן אַ פולע האַרמאָניע צווישן „ייד" און „מענטש". זיינע וויכטיקערע העלדן זיינען באַטירלעך יידן, אָבער זיי טראָגן אין זיך גאָרנישט ספּעציפיש־יידישעס. זיי זיינען מענטשן, וועמענס ווילנס, געדאַנקען און געפילן ווערן דיקטירט פון ריין־מענטשלעכע מאָטיוון, אַלץ איינס אין וואָס פאַר אַ סביבה זיי לעבן — אין אַ יידישער, צי אַ ניט־יידישער.

קאָנען מיר זאָגן, אַז שאַפּיראָ איז פאַראינטערעסירט אין אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָטיוון, שטרעבונגען און האַנדלונגען? יאָ, אָבער פון אַ גאַנץ־אייגנאַרטיקן שטאַנדפּונקט אויף דעם לעבן.

שאַפּיראָ האָסט דעם איצט־הערשנדיקן לעבנס־שאַבלאָן ביי די מענטשן בכלל, יידן צי ניט־יידן. שילדערט ער אים, — אָט דעם שאַבלאָן, — פילט איר, אַז דאָס דאָזיקע לעבן איז עפּעס זשעליע־אַרטיקס, באַשאָטן מיט דעם דיקן שטויב פון דער טאָג־טעגלעכקייט, — אַ מין זומפּ, וואָס ציט איינעם אַראָפּ צו זיין גרונט. שאַפּיראָ שילדערט אויך גראָד יענע מענטשן, וואָס שטעקן אין אָט דעם שטויביקן לעבנס־זשעליע און טרייסלען זיך אינאיינעם מיט אים. אָבער ביי אָט די מענטשן אינטערעסירן אים יענע נשמה־פּראָצעסן, וואָס באַווייזן, אַז די נשמות פון אָט די געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע העלדן זיינען אומצופרידן, בענקען נאָך עפּעס, וואָס זאָל זיי אַרויסהייבן פון זשעליע־אַרטיקער טאָג־טעגלעכקייט.

ווען שאַפּיראָ איז פריער געווען דער מליץ־יושר פון דעם יידן אין דעם מענטשן, איז ער לסוף געוואָרן דער מליץ־יושר פון דעם מענטשן, אַלץ איינס, דעם יידישן, צי דעם ניט־יידישן.

און דאָס איז, דוכט מיר, דערפאַר, וואָס שאַפּיראָ אַליין איז פול מיט בענקשאַפט נאָך אַ פאַרביקן, אינהאַלטסרייכן מענטשלעכן לעבן, אין וועלכן עס זאָלן זיך פאַנאַנדערבליען אַלע כוחות און פייאיקייטן פון אַ מענטשלעכער נשמה.

איך גלייב באמונה שלמה, אַז מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס וועט אָפּשאַפן די גרוי־שטויביקע זשעלי־אַרטיקייט פונעם מענטשלעכן לעבן.

אַ נייע צוקונפט גרייט זיך פאַר, ווי איך גלייב, פאַר אַ מענטשלעך לעבן. אונדזער צייט, מיט אַלע אירע טראַגישע פּאַסירונגען, יאָגט זיך צו דעם

שוועל פון אַט דער נייער צוקונפט.

אַט די צוקונפט־שטראַלן האָבן אַריינגעלויכטן אין שאַפּיראָס נשמה און באַשטימט זיין שאַפן.

און אויב אַ לייענער האָט אַ רעכט אַריינצוררייסן זיך אין די ספערן פון ליטעראַרישער קונסט־קריטיק, וואָלט איך געזאָגט, אַז שאַפּיראָ איז גאָרניט קיין רעאַליסט אין דעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט. ער איז גיכער אַ ראָמאַנטיקער, וואָס בענקט נאָך העלדישקייט, נאָך נשמה־רייכקייט! דער רעאַליזם איז פאַר אים נאָר אַ מיטל צום ציל.

באַשטייט אפשר דער ליטעראַרישער באַדייט פון שאַפּיראָס שאַפן גראָד דערין, וואָס עס איז אַ מין סינטעז פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם? — די שאלה וועט דאַרפן פאַרענטפערן דער קונסט־קריטיקער.

פאַר מיר איז אָבער ניטאָ קיין ברעקל ספק, אַז גראָד אין אָט דעם סינטעז ליגט די צויבער־קראַפט, מיט וועלכער שאַפּיראָ ציט־צו זיינע לייענער. אָט גראָד פאַר אָט די צוקונפט־שטראַלן אין שאַפּיראָס נשמה, גראָד אָט פאַר דער בענקשאַפט נאָך אַ נשמה־רייכן לעבן, פאַרער איך אַזוי שטאַרק שאַפּיראָן און זיין שאַפן. גראָד אין דער איצטיקער צייט, ווען די מענטשהייט, ווען דער מענטש טרינקט זיך אין ימען בלוט און שמוץ, בין איך שאַפּיראָן פון גאַנצן האַרצן דאַנקבאַר ניט נאָר פאַר די עסטעטישע הנאות, וואָס ער האָט מיר געגעבן, נאָר אויך פאַר אָט דעם טיפן גלויבן אין אַ מענטשלעכער נשמה, אין דער שיינער מענטשלעכקייט זיינער, וואָס קאָן ניט דערשטיקט ווערן אַפילו אין דער זשעליע־אַרטיקער, מיט גרויען שטויב באַדעקטער טאָג־טעגלעכקייט. ווינטש איך אים פון גאַנצן האַרצן קודם כל לאַנגע, לאַנגע יאָר, אַזוינע לאַנגע ווי ער ווינטשט זיך אַליין. און איך בענטש אים מיט דער ברכה, ער זאָל ווערן לעבן לאַנג; ער זאָל ווערן לעבן און שאַפן און האַלטן הויך די פאָן פון דעם מענטשן, די פאָן פון דער מענטשלעכער בענקשאַפט נאָך אַ רייכן נשמה־לעבן.

איך גלייב פון גאַנצן האַרצן, אַז גראָד אָט די בענקשאַפט וועט אונדז העלפן ניט נאָר איבערצוקומען די מאַוימדיק־שווערע צייט, נאָר וועט אויך ניט דערלאָזן, אַז די ספּאַזמען, אין וועלכע עס קאָנוואולסירט די איצטיקע מענטשהייט, זאָלן זיך ניט פאַרענדיקן מיט אַ נייעם טריאומף פון דער זשעליע־אַרטיקער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, נאָר מיט דעם טריאומף פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אין וועלכער דער מענטש זאָל קאָנען פאַנאַנדערוויקלען אַלע זיינע מענטשלעכע עשירותן און נשמה־אוצרות...

צוליב אַזאַ צוקונפט לוינט זיך צו לעבן, לוינט זיך צו ליידן און צו שאַפן. איך גלויב, אַז שאַפּיראָ איז טריי אָט דעם גלויבן אונדזערן.

ז. ווײַנפּער

(צו זײַן 50סטן געבוירנטאָג)

פון מײַן גאַנצן האַרצן באַגריס איך דעם דיכטער ווײַנפּער צו זײַן הײַנטיקן יום־טוב, דעם 50־יאָריקן יובילײ, וואָס ווערט געפײַערט אי־בערן לאַנד.

איך באַגריס אים, קודם־כל, ווי אַ ייִדישן סאָציאַליסט, וועמען עס זײַנען גלײַך טײַער די אידעאַלן פון אַ באַפרײַטער אַרבעטאַרישער מענטש־הײט און פון אַ באַפרײַטן, זיך נאָרמאַל אַנטוויקלענדיקן אַרבעטאַרישן ייִדישן פאָלק. אין דינסט פון אָט די צוויי גרויסע אידעאַלן איז ווײַנפּער טעטיק מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט און טרײַקייט.

ז. ווײַנפּער האָט אָבער אויך כשר פאַרדינט אונדזער טיפע אַכטונג אי ווי אַ דיכטער און ייִדישער שרײַבער, אי ווי אַ קולטור־טוער, אי ווי אַ טרעגער פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישער פאָן, ווי אַן אָנהענגער פון אַ באַ־שטימטער ריכטונג אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער.

ווי אַ דיכטער געהערט ער צו יענע זעלטענע דיכטער בײַ אונדז, וואָס זייערע שאַפונגען שליסן אויס יעדן אײַנדרוק פון געקינצלטקייט, פון פּאָזע, פון וועלן באַשאַפן אַ קונסט־ווערק.

מיר האָבן גרויסע דיכטער, בײַ וועמען זייער שאַפן שטאַמט ניט נאָר פון אַ דראַנג אַרויסצוזאָגן זיך, אָפּצוועפּענען דאָס האַרץ און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, נאָר אויך אויפצובויען אַ שײנעם קינסטלערישן בנין, — רײַך אויסצונוצן דערבײַ די אַזוי רײַך־געוואָרענע טעכניק פון פּאָעטישן שאַפן, און אַליין צו באַשאַפן דערבײַ אַ וועלכן עס איז נײַעם ריין־קינסטלערישן אויפטו.

אונדזער יובילאַר געהערט נישט, לויט זײַן שאַפן, צו זייער צאָל. עס קאָן זײַן, אַז לויט זײַן טאַלאַנט, לויט זײַן קאָנען, וואָלט ער אפשר אויך געקאָנט אַרויסברענגען די קונציקסטע קינסטלערײַען. מײַן אײַנדרוק אָבער איז, אַז ער איז, ווי אַ דיכטער, גראָד דערין ניט פאַראינטערעסירט. זײַנע

לידער זײַנען אַזױ נאַטירלעך, װי אַ בריװ צו אַן אינטימען פרײַנט, װי טאָג־בוך־בלעטלעך אין אַ שמועס מיט זיך אַלײן.

***

אונדזער גרױסער דיכטער יהואש, װײַנפּערן צו לאַנגע יאָר, האָט אַמאָל, רעדנדיק װעגן דעם תנ״ך און אונדזערע אַלטע נביאים, אַרױסגעבראַכט אַן אונטערשײד צװישן פּאָעזיע און קונסט. דער תנ״ך, האָט ער געזאָגט, איז ניט קונסט, נאָר פּאָעזיע. מיר, יידן האָבן נאָך אַ דריט װאָרט: דער קונץ. דאָס װאָרט שטאַמט פון דעם דײַטשישן װאָרט די קונסט, און בײדע װערטער שטאַמען אָפּ פון דעם װאָרט קאָנען. אָבער גראַד אין דעם יידישן לשון זעט מען אײן, אַז ניט יעדער שפּראַכלעכער קונץ אין אַ ליד איז קונסט. דעם אמת געזאָגט, מוזן מיר זײער הױך שעצן אױך די שאַפער פון נײַע פאָרמען פאַר דעם פּאָעטישן אױסדרוק, אַפילו דעמאָלט, װען די קונסט כאַפּט שױן דעם אָנבליק פון אַ קונצנמאַכערײַ.

אָבער נאָך העכער פאַר קונסט און קונץ מוזן מיר שעצן אין חשיבות און באַדײַט די פּאָעזיע, דעם שײַנעם צױבער פון דעם נאַטירלעכן געפיל.

אין װײַנפּערס שאַפן ליגט די הױפּט־װאָג ניט אױף דעם קונץ און נישט אױף דעם קונסט, נאָר אױף דער רײן־פּאָעטישער איבערלעבונג פון זײַנע לידער.

זײַן שאַפן איז דער נאַטירלעכסטער אױסדרוק פון אַ פּאָעטישן געמיט. דאָס איז דער אוממיטלבאַרער אָפּרוף, דער ניט־איבערגעאַרבעטער אָפּרוף פון דעם דיכטערס נשמה אױף די אײַנװירקונגען פון דער דרױסנדיקער װעלט און פון דעם מענטשלעכן לעבן.

און מײַן אײַנדרוק איז, אַז לױט אָט דעם פּאָעטישן נשמה־אָפּרוף איז װײַנפּער אײנער פון די יוגנטלעכסטע, אױב ניט דער יוגנטלעכסטער פון אַלע אונדזערע דיכטער. איך װיל דערמיט זאָגן, אַז די גאָר־גרעסטע צאָל פון זײַנע שאַפונגען מאַכט דעם אײַנדרוק פון לעבנס־פרײדיקער יוגנט, װאָס נעמט־אױף װעלט, לעבן און מענטשן אױף אַן אופן, װאָס איז אַזױ כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ניט־אָנגעקרענקלטער יוגנט.

װײַנפּערס יוגנטלעכער װעלט־באַנעם איז פול מיט דעם האַרציקסטן צוטרױ צו דער װעלט, גראַד צו אונדזער דאָאיקער, ערדישער װעלט, פול מיט האַרציקסטן צוטרױ צום לעבן, װאָס קאָן ברענגען פרײד און גליק פאַר יעדן אײנעם, פול מיט דעם האַרציקסטן צוטרױ צום מענטשן, װאָס קאָן װערן אַ ברודער און טרײַער העלפנדיקער פרײַנט צו אַלע מיטמענטשן אין דער װעלט.

ווײַנפּערס שאַפן לאָזט איבער דעם אײַנדרוק פון אַ בליענדיקן פרילינג. ער מײַדט אויס אין זײַנע לידער און באַשרײַבונגען דאָס מאָרבידע, דאָס נוטה־למותדיקע, דאָס אינעווײניק־צעװיפּגעבראָכענע. אים ציט צו זיך דאָס האַרמאָנישע, דאָס זוניקע. ניט די בלײַכע לילִיע איז ווײַנפּערס בלום, נאָר די רויז און אויך די שטילע פעלד־בלומען, די פאַרגעס־מיך־ניט און די מאַי־גלעקלעך.

דאָס הייסט ניט, אַז אין זײַן זוניקן, אין זײַן פרילינגדיקן אײַנשטעל זעט ער ניט די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף דעם האָריזאָנט פון דער מענטשהייט און ספּעציעל אויף דעם האָריזאָנט פון אונדזער אייגענעם פאָלק.

ער זעט זיי, ער פילט זייער מאוימדיק־צעשטערערישע קראַפט, ער פאַרשווײַגט זיי ניט. אָבער זיי ברעכן ניט זײַן מוט, זיי טרײַבן אים ניט אין יאוש. אדרבה! זיי שטאַרקן זײַן ווילן צום קאַמף.

דאָס זײַנען אַ פּאָר פון מײַנע אײַנדרוקן פון ווײַנפּער, דעם פּאָעט און פון זײַן דיכטערישן שאַפן.

*
**

און נאָך — אַ פּאָר ווערטער וועגן ווײַנפּערן, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער. אין דעם לאַגער פון דעם יידישן סאָציאַליזם איז אונדזער יוביליאַר אַ געטרײַער אַפּיצער. ער איז אַ געטרײַער אָפּיצער אין יענעם אָפּטייל, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן די אינזשענערן־דיוויזיע, וואָס טוט די נויטיקע בוי־אַרבעט אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף פון אונדזער צײַט. די אינזשענערן־דיוויזיע בויט באַסטיאָנען פאַר דעם קאַמף פון דעם סאָציאַליזם אַנטקעגן דעם אָפּגעלעבטן קאַפּיטאַליזם, וואָס ראַנגלט זיך איצטער מיט אַ משונה־ווילדער אכזריות פאַר זײַן עקזיסטענץ און פאַר זײַן אויבער־הערשאַפט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווי אַן אָפּיצער אין דער סאָציאַליסטישער אינזשענערן־דיוויזיע, העלפט ער בויען יענע בנינים, וואָס גיבן די מעגלעכקייט צו באַשיצן די אייגענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס און צו פאַרשטאַרקן די קראַפט פון אונדזער אָנפאַל אויפן איבעוויניקסטן און דרויסנדיקן פײַנט.

אָבער באַזונדערס געטריי דינט ווײַנפּער דער קעמפער יענער בוי־אַרבעט, וואָס אונדזער מאָדערנע יידישע אינזשענערן־דיוויזיע בויט אין די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק. איך האָב דאָ אין זינען יענע פעסטונגען פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער קולטור אין יידיש, וועלכע ווײַנפּער העלפט בויען אַזוי איבערגעגעבן געטריי, ווי אַ סעקרעטאַר פון דעם איקוף,

— פעסטונגען, וואָס דאַרפן שיצן אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און פאַר־זיכערן אונדזער פרייע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער ברודער אין דער גרויסער משפחה פון דער באַפרייטער פאַרברידערטער מענטשהייט.

***

פון גאַנצן האַרצן באַגריס איך דעריבער ווינפערן, דעם געטרייען יידישן סאָציאַליסט, וואָס קעמפט אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער אַנט־קעגן אַלץ וואָס שטייט אין וועג דער מענטשהייט צו אַ גליקלעכן, חשוב־מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, און וואָס קעמפט אויך אין דעם פּראָ־גרעסיוון יידיש־סאָציאַליסטישן חייל אַנטקעגן אַלץ, וואָס שטייט אין וועג דעם יידישן פאָלק צו אַ גליקלעכן פרייען לעבן און אַן אומגעשטערטער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אין אַ באַפרייטער וועלט, אַ גע־בויטער אויף די יסודות פון פרייהייט און גערעכטיקייט.

ווינטש איך ווינפערן פון גאַנצן האַרצן, ער זאָל נאָך פיל, פיל צענדליקער יאָרן בלייבן יונג, פול מיט מוט און בטחון, פול מיט פּאַטישער און געזעלשאַפטלעכער שאַפונגס־קראַפט, פול מיט האַרציקער מענטשלעכ־קייט צו אַלע מענטשן־קינדער און ספּעציעל צו די קינדער פון אונדזער אייגענעם יידישן פאָלק.

אַפּריל, 1943

וועגן דעם ווערט פון איבערזעצונגען

.1

די יידישע קריטיק, וואָס האָט שוין אַזעלכע ערנסטע פאַרטרעטער, ווי בעל־מחשבות, ש. ניגער, בעל־דמיון און אַנדערע, באַהאַנדלט נאָך דערוויל די איבערזעצונגען ווי שטיף־קינדער פון דער יידישער ליטעראַטור. דער יידישער ביכער־מאַרק איז אין דער לעצטער צייט באַרייכערט געוואָרן מיט אייניקע ווערטפולע ווערק פון דעם אייראָפּייאישן שאַפן, וואָס שטייען, לויט זייער טאַלאַנט, געוויס ניט נידעריקער, איידער אונדזערע היימישע פּראָדוקטן, און פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט געריצט די לוסט פון אונדזערע קריטיקער אָפּצושטעלן זיך אויף זיי.

פילן אונדזערע קריטיקער, אַז זייערע קרעפטן זיינען אָפּגעמאָסטן און קלעקן נאָר פאַר דעם אַנאַליז פון אונדזער אייגענער אָרעמקייט? געוויס ניט. ווער עס דענקט זיך אַריין אין די בעסערע קריטישע אַרבעטן פון אַ בעל־מחשבות, אָדער אַ ש. ניגער, מוז מודה זיין, אַז זיי וואָלטן געהאַט צו זאָגן אַן אייגן וואָרט אַפילו וועגן אַ שעקספּיר און אַ געטע. איך גלויב, אַז די אמתע קאָריפייען פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור וואָלטן זיי, אדרבה, געגעבן אַ סך אַ בעסערע געלעגנהייט פאַנאַנדערצוּוויקלען דעם קריטישן טאַלאַנט, איידער די דערוויל נאָך זייער ענגע וועלט פון דעם ריין־יידישן שאַפן. זיי שליסן זיך אָבער איין אין אונדזערע ענגע פיר ווינקעלעך, ניט דערפאַר ווייל די פליגלען זיינען צו קורץ און קאָנען זיי ניט אויפהויבן צו אַ גרעסערער הויך, נאָר ווייל די פיר ווינקעלעך זיינען אונדזערע, ווייל אין זיי דריקט זיך אויס די אייגענע יידישע אינדיווידואַלי־טעט, ווייל די ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק נעמט די אויבערהאַנט איבער דער ליבע צו דער קונסט בכלל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן קיין רעכט ניט צו מאַכן זיי אַ פאָר־וואורף אין דעם פּרט. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע פּסיכאָלאָגיע פון אַ דור, וואָס דאַרף אויסשטיין אַ האַרטן קאַמף פאַר דאָס רעכט צו פירן אַן

---

*) פאָרוואָרט צו יהואשעס איבערזעצונג פון ה. וו. לאָנגפעלאָס „הייאַוואַטאַ“.—רעד.

אייגענעם לעבן, צו „פאַרפירן זיך״ אַ אייגענע קולטורעלע באַלע־
באַטישקייט. דעם פאַרמער, וואָס דרינגט צום ערשטן מאָל אַריין אין אַ
ווילדערניש, איז דאָס אומגעהובלטע קלעצער־הויז, געבויט פון אייגענע
הענט, אַ סך טייערער, איידער פּרעמדע מאַרמאָרנע פּאַלאַצן. פאַר דער
מוטער איז יעדעס שכלדיק וואָרט פונעם קינד אַ סך טיפער, איידער די
גאַנצע וויזהייט פון אַ שלמה־המלך, — און זי איז נוטה צו דערבליקן אין
אים גאונות דאָרטן, וואו דער זייטיקער מענטש באַמערקט בלויז סימפּטאָמען
פון אַ גאַנץ־געוויינלעכער אַנטוויקלונג. די יידישע שרייבער פונעם איצטיקן
דור איז אָבער שווער, כמעט אוממעגלעך, צו שטעלן זיך אויף דעם שטאַנד־
פּונקט פון זייטיקע מענטשן. ניט נאָר פאַרבלענדט אונדז די נאַטירלעכע
„מוטער־ליבע״. פון איר כישוף וואָלטן מיר זיך געקאָנט באַפרייען, ווי עס
באַפרייט זיך יעדער אינטעליגענטער מענטש, ווען ער וויל אָדער מוז אַ
בליק טאָן מיט ניכטערע אויגן אויף די מעלות און חסרונות פון זיין אייגן
בלוט־און־פלייש. אונדז פאַרבלענדט דער קאַמף מיט דעם אומגערעכטן
שונא. די אויסגערעכנטע שנאה צו דער יידישער ליטעראַטור און אירע
טרעגער, די ראַפינירטע לוסט צו מאַכן „תחת חרב״ אַלץ, וואָס איז באַ־
שאַפן געוואָרן אין איר, רופט פּסיכאָלאָגיש אין אונדז אַרויס אַן איבער־
שאַצונג פון איר ווערט. אונדזער ליבע איז שוין ניט קיין נאַטירלעכע,
נאָר אַ געררייצטע, אַ נערוועזע, אַ פאַרבלענדטע. מיר קאָנען ניט האָבן קיין
אויג אויף די חסרונות און דעם ריכטיקן וואוקס פון דער יידישער ליטע־
ראַטור, ווייל דער קעגנער ציט זי אַראָפּ ביז צו דער „שאול תחתיה״. איר
וואוקס ווערט דעריבער פּסיכאָלאָגיש אין אונדז אויסגעמאָסטן ניט לויט
איר אייגענער,ווירקלעכער גרויס, נאָר נאָך דער לענג פון דער שטריק,
מיט וועלכער מיר דאַרפן זי ווידער אַרויפציען צו דער ליכטיקער זון. איך
רעד דאָ ניט וועגן יענער פאַרביסענער, גרין־און־געל שפייענדיקער פּאָ־
לעמיק, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צייט אַרויסגעריסן פון דער פּען
פון אַ באַדייטנדיקן העברייאישן שריפטשטעלער, וואָס טוט אונדז דעם
כבוד, פון צייט צו צייט „אַראָפּצונידערן״ אין אונדזער אָרעם שטיבל פון
זיין אָלימפּישער הויך. די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט אַרויסגעפּלאַצט ערשט
ניט לאַנג, און ניט זי האָט געקאָנט האָבן אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף
אונדזער ביז־איצטיקער יידישער קריטיק. אָבער די דאָזיקע פּאָלעמיק איז
ניט מער ווי אַ סימפּטאָם פון אַ טיפער שטימונג, וואָס הערשט שוין פון
לאַנג אָן אין דער „יידיש״־פיינטלעכער אינטעליגענץ — דאָס איז דער
אייטער פון אַ וואונד, וואָס איז אָנגעשוואָלן ביסלעכווייז פון לאַנג אָן, פון
זינט די יידישע שפּראַך האָט שטאָלץ אויפגעהויבן די פאָדערונג צו ווערן

גלייכבאַרעכטיקט מיט דער „האַרנטע" (העברייאיש), אָדער גאָר אין גאַנצן פאַרנעמען איר פּלאַץ. די אַטמאָספערע פון שנאה און קנאה האָט תמיד אַרומגערינגלט דאָס וואַקסן פון דער יידישער ליטעראַטור: די שנאה פון דעם אַסימילאַטאָר און די שנאה פון דעם ציוניסט, — זיי ביידע האָבן אונדז געשטערט צו זיין אויסגערעכנטער אין אונדזערע קריטישע אָפּשאַצונגען; זיי ביידע האָבן דורך דעם קאָנטראַסט אַרויסגערופן התפעלותן דאָרטן, וואו אַ באַשיידענערער לשון וואָלט געווען אַ גרעסערע ציר פאַר דעם אמת.

די זעלביקע פסיכאָלאָגיע פון געגרייצטער, נערוועזער און אַביסל פאַרבלענדטער איבערגעגעבנקייט צו דעם אייגענעם שאַפן אין יידיש האָט געמוזט זיך אָפּרופן אויף דעם מעמד פון אונדזער איבערזעצונגס־ליטעראַטור, אויף דער אָפּשאַצונג פון איר ווערט און באַדייטונג. איך קען אַ סך מענטשן, ביי וועמען די בעסטע איבערזעצונג פון אַזאַ ווערק, לאָמיר זאָגן, ווי געטעס „פאַוסט", וואָלט אַרויסגערופן אַ סך וויניקער התלהבות, איידער אַ נייע גוטע סקיצע פון פרצן אָדער שלום אַשן. איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב אַליין דורכגעמאַכט אַזאַ פּסיכישן פּעריאָד (איצטער ליגט ער שוין ווייט הינטער מיר) און מיר דוכט, עס איז שוין צייט זיך אָפּצוגעבן אַ ניכטערן דין־וחשבון וועגן איר פּרינציפּיעלער באַרעכטיקונג. איך וויל די פראַגע אַוועקשטעלן אַזוי שאַרף ווי נאָר מעגלעך: וואָס זאָל מיך מער פרייען — אַ גוטע, אמת־קינסטלערישע יידישע איבערזעצונג פון געטעס „פאַוסט", אָדער די געזאַמלטע שריפטן פון . . . לאָמיר אַרויסלאָזן די נעמען?

איך ווייס, אַז די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינזייטיק, תלמודיש, און קלינגט אַביסל מיט „נפל מן הגג". אָבער דער איין־זייטיק־פּלפּוליסטישער „נפל מן הגג" איז אַלע מאָל דער ריכטיקער מעטאָד דאָרטן, וואו דער פאַל מוז כירורגיש אַרויסגעשניטן ווערן פון אַלע איינצלנע מיט־דערשיינונגען, וואָס פאַרטונקלען זיין ריכטיקן „תוך".

ובכן, נאָך אַ מאָל: זאָל זיין, אַז דער מלאך גבריאל קומט צו מיר און זאָגט בזה הלשון: „איך האָב אין דער איצטיקער צייט נאָר איין־איינציקן שפּראַך־טאַלאַנט. ווילסטו, וועט ער אים אין גאַנצן אַוועקלייגן אויף דער איבערזעצונג פון 'פאַוסט', און דאָס וועט שוין איין מאָל זיין אַן איבערזעצונג! אָבער אויב דו ווילסט, וועט ער שרייבן אייגענע סקיצן און דראַמען, און מיר וועלן דערלעבן צו די 'געזאַמלטע שריפטן' פון . . . לאָמיר אַרויסלאָזן דעם נאָמען. ווי דו וועסט זאָגן, אַזוי וועט עס זיין."

וואָס זאָל זיין מיין ענטפער?

אָט דאָס דאַרפן מיר איצט באַטראַכטן, און איך רעכן, אַז אַ פאַרוואָרט צו אַ גוטן אייראָפּייאישן ווערק איז דער פּאַסנדיקער פּלאַץ דערצו.

.2

אַלע מאָל, ווען אַן אונטערדריקט פאָלק וואַכט אויף פון זיין היסטאָרישן שלאָף און נעמט זיך בויען אַן אייגענע קולטור אין אַ שפּראַך, וואָס פלעגט נאָר גערעדט ווערן פון דעם נידעריקן המון, זעט די יונגע נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ צו פאַרענטפערן זיך פאַר דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק און באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז זי האָט אַ רעכט „צו מאַכן שבת פאַר זיך.״

עס קאָן זיין, אַז דאָס זוכן „היתרים״ פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג איז אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך. אַ פאָלק איז אַ זעלבסט־צוועק, פּונקט ווי אַן איינצל־מענטש. אָבער אויך דער איינצל־מענטש פאַרטראַכט זיך אַ מאָל וועגן דעם זין פון דעם לעבן און קומט אָפטמאָל צו דעם רעזולטאַט, אַז „טוב לו לאדם שלא נברא משנברא״: בעסער גאָר ניט געבאָרן ווערן אויף דער וועלט. פאַר וואָס זאָל די זעלביקע פראַגע פון אָפּטימיזם און פעסימיזם ניט טאָרן אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אויף דאָס לעבן פון פעלקער? מילא, אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין זיין אייגענעם קולטורעלן לעבן, איז אויף אים קיין שאלות ניטאָ. אָבער אַ פאָלק, וואָס דאַרף מיט אַזוי פיל אָנשטרענגונגען ווידער־באַלעבן זיינע כוחות, ניט שוין טאָר מען גאָר ניט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם זין פון די נייע איבעריקע אָנשטרענגונגען, פון דעם נייעם קאַמף און די נייע אָפּפער, וואָס ווערן געפאָדערט פון יעדן איינצלנעם? דערמאָנט מען זיך אָן דעם גאַנצן פעקל צרות, וואָס די מענטשהייט איז אויסגעשטאַנען אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס זי איז צעריסן אין איינצלנע פעלקער, וועט אונדז גאָר ניט זיין קיין וואונדער, וואָס די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ פילט זיך פאַר־פליכטעט — אַרויסצונעמען אַ „הכשר״ ביי דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אויף אַן אייגענער נאַציאָנאַל־קולטורעלער עקזיסטענץ.

איך ווייס, אַז דאָס זוכן גופא פון דעם הכשר איז שוין אַ סימן פון אַן אָנגעוואַקסענער לעבנס־ענערגיע, פון אַ דערוואַכטן ווילן צו אַן אייגענעם זיין; אַז „דער ערשטער באַוועגער״ איז דאָ, ווי אומעטום, דער געפיל און אַז די לאָגיק פון דעם הכשר איז מער ניט ווי די פאָרם, אין וועלכער דער געדאַנק ווערט צוגעפּאַסט צו דעם געפיל און האַרמאָניש צונויפגעשטימט מיט אים. אָבער אַזוי איז שוין די טבע פון דעם מענטשלעכן שכל. דער שכל וויל זיך אויסגעבן פאַר דעם באַלעבאָס און איינשמועסן, אַז די געפילן זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין שכלדיקער אַרבעט, און ניט אומגעקערט: אַז ער איז ניט מער ווי דער געשוואָרענער משולח פון די געפילן. און דער

זעלביקער טבע זיינער בלייבט דער שכל טריי אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָ אפשר נאָך מער, איידער אומעטום, ווייל די „קליפּה" פון דעם נאַציאָנאַל־געפיל איז אפשר די שטאַרקסטעליידנשאַפט, וואָס האָט ווען עס איז געברויזט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

עס וואָלט דעריבער געווען זייער אינטערעסאַנט פאַנאַנדערצופּאַלמעסן אַלע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע „הכשרים", וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן ביז אַהער, כדי פּסיכאָלאָגיש אַרויסצודרינגען פון זיי יענע בלינדע נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן. ליידער, געהערט דאָס ניט אין די גרענעצן פון פאָרוואָרט. אויך מוז איך מיך אָפּזאָגן צו ברענגען דאָ באריכות אַלע יענע לאָגישע אַרגומענטן, וואָס זיינען ביז אַהער אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון געדאַנק, ווען אַפילו כמעט אַלע פון זיי האָבן אַ שטאַרקע שייכות צו אונדזער ענין. צוליב מיין ציל וועט זיין גענוג, ווען איך וועל ברענגען נאָר די צוויי גרונט־אַרגומענטן, וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע ביי דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, אַלע מאָל, ווען זי האָט געהאַט אין זין צו האַרמאָניזירן דעם פאַרלאַנג נאָך אַן אייגענער קולטור מיט די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

איין אַרגומענט איז געווען — די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער אייגענער פאָלקס־קולטור. דער אַנדערער אַרגומענט איז געווען — די נויטיקייט צוצוציען די גרויסע מאַסן צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. דער ערשטער קלינגט מער נאַציאָנאַליסטיש, דער צווייטער — מער קאָסמאָפּאָליטיש.

דער ערשטער אַרגומענט האָט געטענהט, אַז די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור איז אַ גאָרטן פון פאַרשיידענע פעלקער־קולטורן, וואָס דריקן אַלע אויס, אין זייער אייגענער שפּראַך און פאָרם. דעם זעלביקן אַלגעמיין־מענטשלעכן געדאַנק. וואָס רייכער אין איינצלנע פעלקער־קולטורן, אַלץ רייכער דער אַלגעמיין־מענטשלעכער גאָרטן. און דעריבער, ווען מיר זעען, אַז עס וואַקסט אויס נאָך אַ נייע קולטור, דאַרף דאָס אין אונדז אַרויסרופן אַ פרייד־געפיל, ווייל עס ווערט באַשאַפן אַ נייע אַטמאָספערע, אין וועלכער די שטראַלן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע וועלן זיך פאַנאַנדערברעכן אויף אַ באַזונדערן אופן און פאַנאַנדערשפּילן זיך אין פאַרבן, וואָס מען האָט זיי נאָך ערגעץ ניט געזען.

דער צווייטער אַרגומענט איז מער דעמאָקראַטיש און אוטיליטאַריש. די געשיכטע פון די אונטערדריקטע פעלקער אינעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט באַוויזן, אַז די גרויסע מאַסן קאָנען נאָר דעמאָלט צוגעצויגן ווערן

צו אַ העכערער פּראָגרעסיווער קולטור, ווען דערפאַר נעמט זיך איר גאַנצע אינטעליגענץ. זי גיסט איבער דעם גייסטיקן אוצר פון דער מענטשהייט אין אַ שפּראַך, וואָס איז צוגענגלעך צו דעם גאַנצן פאָלק, און אין פאָרמען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די פאַרשיידענע בילדונגס־מדרגות פון זיינע איינצלנע שיכטן. אמת, אַט די פּעדאַגאָגישע אַרבעט קאָן ניט בלייבן ריין־פּאַסיוו און מעכאַניש. אַפילו אירע נידעריקסטע און פּאָפּולערסטע פאָרמען מוזן אַרויסרופן נייע מער אָדער ווייניקער אָריגינעלע באַשאַפונגס־כוחות, וואָס ברענגען אַריין אַ געוויסע אייגענע שאַטירונג אין דעם באַאַרבעטן מאַטעריאַל. ווער שמועסט שוין פון דער אַרבעט אויף אַ העכערער בילדונג־מדרגה אין קונסט און וויסנשאַפט! דאָרטן מוז דאָס פאָלק, אויב עס האָט נאָר אין זיך אַ פונק פון אייגענעם זשעני, אַרויסברענגען אייגענע גרויסע טאַלאַנטן, וואָס וועלן מוזן איבערשמעלצן די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אויף אַן אייגענעם אופן און אַריינגיסן זי אין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרמען. אָבער דער עיקר איז ניט די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער קולטור. דאָס איז אַ „מהיכא־תיתא״־זאַך, נאָך וועלכער מיר דאַרפן זיך ניט יאָגן. דער עיקר איז די באַשאַפונג פון אַ מענטשלעכער קולטור פאַר אַלע שיכטן פון דעם פאָלק.

ווענדן מיר אָן די צוויי שטאַנדפּונקטן אויף דער פראַגע: איבער־זעצונגען אָדער אייגענעם שאַפן, — קאָן איינעם אויסדוכטן, אַז די פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן זייער לייכט, עס מאַכט נאָר אויס, אויף וועלכן שטאַנדפּונקט מען שטעלט זיך.

איז אונדזער ציל די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער קולטור, איז דעמאָלט וויכטיקער פאַר אַלץ דאָס אייגענע שאַפן. מען קאָן ניט דער־וואַרטן, אַז דאָס פאָלק זאָל שוין פון די ערשטע שריט אָן אַרויסברענגען פון זיך די געטעס און די טאָלסטאָיס, די דאַרווינס און די ניוטאָנס; מוז מען זיך באַנוגענען מיט פּראָדוקטן פון אַ קלענערן קאַליבער. אונטער גינסטיקע אומשטענדן וועט די קולטור פון דעם פאָלק זיך שוין אַליין דער־שלאָגן צו יענער הויך, אויף וועלכער דאָס פאָלק איז מסוגל לויט זיין טבע. פון דעם שטאַנדפּונקט קאָנען די איבערזעצונגען ווייניק וואָס אויפטאָן. אדרבה, זיי קאָנען נאָך שאַטן. וואָס געווינט די מענטשהייט דערפון, ווען געטעס „פאַוסט״ וועט עקזיסטירן נאָך אַמאָל אין אַ יידישער וואַריאַציע? איר קולטור־אוצר ווערט דערמיט אויף אַ האָר ניט פאַרמערט, בעת איין פּרעצעס „צווישן צוויי בערג״ איז שוין אַ גרעסערער אָדער קלענערער צוגאָב צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן קולטור־אוצר. און שאַטן קאָן „פאַוסט״, ווי איבערהויפּט דאָס פרעמדע, דורך דעם, וואָס ער לייגט אַרויף אַ שאַרף־

אויסגעשפּראָכענעם שטעמפּל פון פרעמדן זשעני אויף דער יונגער, נאָך ניט פּאַרטיק־אויסגעוואָקסענער שאַפונגס־קראַפט, צווינגט זי אַריין אין פרעמדע פאָרמען און שטערט אויף אַזאַ׳ן אופן איר אייגענער אָריגינעלער אַנט־וויקלונג. אייגער, אַ יונגער יידישער שריפטשטעלער, איז קאָנסעקווענט דערגאַנגען צו דער פאָדערונג, מען זאָל זיך אין גאַנצן (אויף אַ געשיכט־לעכער ווײַלע) אָפּרייסן זיך און זיך אָפּשליסן סיי פון דעם העברייאישן עבר, סיי פון דעם אייראָפּייאישן היינט, און פּרוּוון אָנהויבן וואַקסן אַליין פון זיך אַרויס, ביז אונדזערע שאַפונגס־כוחות וועלן ווערן אַזוי שטאַרק, אַז קיין זאַך פון דער פרעמד וועט ניט קאָנען ברעכן אונדזער אָריגינאַליטעט.

אַ גאַנץ אַנדער ענטפער באַקומט מען, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון צופירן דאָס פאָלק צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן קול־טורעלן לעבן. דעמאָלט מוזן מיר אָפּשאַצן די ווערק ניט לויט דער אָריגי־נאַליטעט, וואָס אין זיי שטעקט, נאָר לויט דעם בילדונגס־אינהאַלט, וואָס זיי טראָגן אַריין אין דעם פאָלקס נשמה, לויט זייער ווערט פאַר אונדז אין דער היים. דאָ האָבן מיר ניט וואָס צו פרעגן, צי איז דאָס ווערק געשאַפן געוואָרן פון אונדז אָדער ניט. אַלץ וואָס די מענטשהייט האָט באַשאַפן, האָט זי באַשאַפן פאַר דער מענטשהייט, און מיר זיינען אַ טייל פון איר. געטעס „פאַוסט" איז אונדזער „פאַוסט", און אויב ער פעלט נאָך אונדז, איז געוויס בעסער אָנצוואוועגדן אַלע מי, כדי צו קריגן אים, איידער אַרויס־צוברענגען פּראָדוקטן, וואָס קאָנען ניט שטיין אויף דער זעלביקער הויך.

אין דער אַרגומענטאַציע פון די צוויי שטאַנדפּונקטן ווייזט זיך אַרויס אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַדאָקס: דער מער־נאַציאָנאַליסטישער שטאַנד־פּונקט פון אייגענער אָרגינעלער אַנטוויקלונג פאַלט אַריין אין אַ מער־קאָסמאָפּאָליטישער שטימונג, בעת דער „אַלגעמיינער מענטש" בויט אויף אַ האַרט־נאַציאָנאַליסטישן עגאָאיזם. אין דער אמתן! אַן אָריגינעלע אַנט־וויקלונג איז נאָר דעמאָלט אָריגינעל, ווען מען פאַרגלייכט זי מיט די פּראָ־דוקטן פון די אַנדערע פעלקער. און איר ווערט באַשטייט ניט אין דעם, וואָס אין איר דריקט זיך אויס פריי אונדזער אייגענער „איך", ווייל אָט דער דאָזיקער אייגענער „איך" קאָן אפשר זיין אַ צווילינג פון אַן אַנדער פאָלקס־נשמה, און דעמאָלט וועט ער אין זיין אַבסאָלוטער „פרייהייט" ניט אַרויסברענגען קיין איין ווערטפולן אָריגינעלן שטריך. און פאַר וועמען האָט די אָריגינאַליטעט אַ ווערט? פאַר זיך גופא דאָך ניט, ווייל כל זמן איך לעב אין זיך און פאַר זיך קאָן גאָר מיין אָריגינאַליטעט מיר קיינמאָל ניט קומען צום באַוואוסטזיין. אַ ווערט האָט די אָריגינאַליטעט נאָר פאַר דער גאַנצער איבעריקער מענטשהייט דרויסן פון אונדזער פאָלקס שאָפן,

ווייל אַדאַנק איר וועט באַרייכערט דער מענטשהייטס אוצר מיט נייע קולטור־פּראָדוקטן, וועלכע זי אַליין וואָלט שוין בשום אופן ניט אַרויס־געבראַכט. צוריק, ווייל דער „צוציער״, וואָס זעט, אַז דער אַלגעמיינער פּראָגרעס זאָל הערשן אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק, כמעט גאָר־ניט טראַכטן וועגן דעם באַרייכערן די מענטשהייט מיט מער נאַציאָנאַל־אָריגינעלע פּראָדוקטן. וויכטיק פאַר אים איז נאָר די הויכע קולטורעלע מדרגה אין דער היים, אַלץ איינס, ווי זי זאָל ניט אָפּגעשאַצט ווערן אין דער פרעמד, וואָס עס זאָל ניט זיין איר ראָלע אין דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אוצר.

3.

דער וואָס האָט טיפער שטודירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, ווייס פון וועלכן מקור עס נעמט זיך אָט דער פּאַראַדאָקס און וואָס איז זיין „יכטיקער זין: די צווי שטאַנדפּונקטן, וועגן וועלכע מיר רעדן, זיינען אין תוך אַריין דער אויסדרוק פון צווי אַרטן נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דאָס זיינען די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס ווילן פירן אַן אייגענע קולטורעלע באַלעבאַטישקייט, אַלץ איינס, אין וואָס די באַלע־באַטישקייט זאָל ניט באַשטיין, און די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרשיידנקייט, וואָס ווילן, אַז יעדעס פאָלק זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ מיט־גליד פון דער מענטשהייט, אָבער וואָס האָט אַן אייגענעם פּנים און אַן אייגענע באַדייטונג. די צווי אַרטן אינטערעסן קאָנען נאָר אין דער אַבסטראַקטער לאָגיק פאַנאַנדערגענומען ווערן באַזונדער. אין דער ווירק־לעכקייט זיינען זיי תמיד צונויפגעפלאָכטן איינאיינעם און רוען אויף דעם שטילן גרונט־געדאַנק, אַז די פאָלקס־אַנטוויקלונג איז אַ טייל פון דער אַל־געמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס זיי גייען איבער איינע אין די אַנדערע; וואָס דער „נאַציאָנאַליזם״ אָדער דער „קאָסמאָפּאָליטיזם״ נעמט באַלד ביי דעם צד, באַלד ביי דעם אַנדערן די אויבערהאַנט. ווי צונויפגעוויקלט זיי זאָלן אָבער ניט זיין, ווי שווער עס איז פאַנאַנדערצונעמען זיי אין לעבן, מוז מען דאָך מיט באַשטימטקייט זיך אַליין פאַרענטפערן די פראַגע: וואָס איז פאַר אונדז וויכטיקער: די זעלבסטשטענדיקייט אָדער די אָריגינאַליטעט? די הויכע קולטורעלע מדרגה, אָדער „דאָס אייגענע וואָרט״, ווען אַפילו עס איז נאָך שוואַך און פון קליינער באַדייטונג?

איך מוז מודה זיין, אַז עס איז מיר זייער שווער צו געפינען אַן

אַבסאָלוט־זיכערן פּרוּאוו־שטיין, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען רייך־אָביעקטיוו פאַרענטפערן די פראַגע. איך קאָן נאָר רעדן פאַר מיר און פאַר די, וואָס שטייען אויף דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פראַגע, ווי איך. אונדז איז געוויס טייער די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און פאַר מיר ווייניקסטנס ליגט דער גאַנצער „היתר״, דער גאַנצער זין פון אַן אייגענער פאָלקס־עקזיסטענץ אין יענע נייע פּראָדוקטן, וועלכע אַ באַגאַבט פאָלק מוז אַרויסברענגען פון זיך, וויבאַלד עס שאַפט זיך אַן אייגענע קולטורעלע אַטמאָספערע. אָבער ווי טייער מיר זאָל דאָס ניט זיין, שטייט ביי מיר אויף דעם ערשטן פּלאַן די הויכע קולטורעלע מדרגה פון דעם גאַנצן פאָלק, לויט די בילדונגס־גראַדן פון זיינע פאַרשיידענע שיכטן, וואָס קאָנען זיך נאָר אין אַ לאַנגזאַמען אַנטוויקלונגס־פּראָצעס מער אָדער ווייניקער אויסגלייכן. קודם כל — די זעלבסטשטענדיקייט און דער רייכער אינהאַלט פון דער קולטור! דערנאָך ערשט די דאגה וועגן איר אייגנאַרטיקייט. אָדער ריכטיקער: און אויך דערנאָך ניט געדאגהט וועגן דעם! די אייגנאַרטיקייט מוז אַרויסוואַקסן ביי אַ פאָלק, וואָס האָט איניקע טויזנט יאָר געלעבט אַ באַזונדער היסטאָריש לעבן און האָט דעריבער אויסגעאַרבעט און גיט איבער בירושה פון דור צו דור אַ געוויסן קערפּערלעך־גייסטיקן אַפּאַראַט, אַ געוויסע נערוון־ און מאַרך־קאָמפּאָזיציע, וואָס מוז אַרויפלייגן איר שטעמפּל אויף איטלעכן אינהאַלט, וועלכן זי וועט באַאַרבעטן.

וועגן פעלקער, וואָס דאַרפן ערשט אָנהויבן זייער היסטאָרישן וועג, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט באַוויזן וואָס זיי קאָנען, מעג מען נאָך אפשר זיין אין ספק, ווי לאַנג עס וועט דויערן ביז אויך זיי וועלן אַרויסברענגען אין זייער מאַרך־ און נערוון־אַפּאַראַט אינטערעסאַנטע אָריגינעלע שטריכן, וואָס וועלן פירן צו אינטערעסאַנטע אָריגינעלע פּראָדוקטן. אָבער אַזעלכע ספיקות קאָנען ניט האָבן קיין פּלאַץ פאַר דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס נעמט זיך איצטער באַשאַפן אַ נייע קולטור־אַטמאָספערע אין דער יידישער שפּראַך. דער באַשטימטער, אָריגינעלער יידישער מאַרך־ און נערוון־אַפּאַראַט איז שוין דאָ אַ פאַרטיקער, און ביישפּילן פון זיין קראַפט און אייגנקייט האָט ער שוין צוגעשטעלט איבערגענוג, סיי אין דעם העברייאישן שאַפן פאַר זיך אין דער היים, סיי אין דעם אייראָפּייאישן שאַפן פאַר דער פרעמד. די פראַגע פון אַן אָריגינעלער אייגענער קולטור אין יידיש הענגט דעריבער ניט אָפּ פון דעם סכום און דער באַדייטונג פון יענע ווערטן, וואָס זיינען שוין באַשאַפן געוואָרן אין איר. וואָלטן מיר היינט נאָך געשטאַנען ביי דעם „צאינה וראינה״ און די פאָלקס־מעשהלעך, וואָלטן מיר

אויך דעמאָלט געהאַט דאָס זעלביקע רעכט צו פאַרפירן זיך אויף אַן אייגענער רייכער באַלעבאַטישקייט אין אונדזער פאָלקס־שפּראַך ווי איצטער, ווייל אין שאַפנדיקע כוחות איז ביי אונדז קיינמאָל קיין מניעה ניט געווען. די פראַגע וואָלט געווען (און זי איז נאָך ניט אין גאַנצן פאַרשוואונדן עד היום), צי איז יידיש, ווי אַ שפּראַך, מסוגל איבערצוגעבן די גאַנצע רייכקייט פון דער מאָדערנער קולטור, אויפהויבן די מדרגה פון אונדזער בילדונג אויף דער זעלביקער הויך, אויף וועלכער עס געפינט זיך די קולטור פון אַלע אַנדערע געבילדעטע און ציוויליזירטע פעלקער. די פראַגע אָבער קאָן אַ סך לייכטער פאַרענטפערט ווערן דורך איבערזעצונגען, איידער דורך דאָס אייגענע שאַפן.

ווער קאָן וויסן, וויפיל געדאַנקען און בילדער, שטימונגען און ניואַנסן עס ווערן פון דעם איצטיקן יידישן שרייבער אונטערדריקט, ווייל די שפּראַך גיט אים נאָך ניט די מעגלעכקייט פּינקטלעך איבערצוגעבן אַלץ, וואָס עס טראָגט זיך פאַר זיין גייסטיקן אויג? איך ווייס, אַז ניט די שפּראַך איז אין דעם שולדיק, נאָר, ערשטנס, איר נאָך ניט גאַנץ־אַנטוויקלטער צושטאַנד, און צווייטנס — אין נאָך אַ שטאַרקערן גראַד — דאָס, וואָס מיר זיינען אַזוי וויניק באַקאַנט מיט איר. איך האָב מיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ בקי אין יידישע שפּראַך־מיטלען, אָבער אַז איך לייען אַן אַרטיקל פון אונדזער יונגן שפּראַך־ווירטואָז, ש. ניגער, ווער איך פשוט נשתומם פון דעם שפּרודלענדיקן קוואַל נייע אויסדרוקן און וואָרט־געשטאַלטונגען, וואָס שלאָגט שפּילנדיק און אָן אַן אויפהער אין אַלע זיינע בעסערע אַרטיקלען. אָבער ווער גאַראַנטירט מיר, אַז זיין אינעווייניקסטע אידייען־וועלט איז ניט נאָך רייכער אין האַלב־ און פערטל־טענער, פאַר וועלכע אויך ער קאָן לעת־עתה נאָך ניט געפינען דאָס ריין־יידישע וואָרט?

איבערזעצונגען, אמתע, גוטע, ריין־יידישע פון די רייכסטע ווערק פון דער מענטשהייט וואָלטן מיט אַמאָל אָפּגעראַמט פון דער וועלט די פראַגע וועגן דער יידישער שפּראַך־אָרעמקייט, און וואָלטן אין גאַנצן פאַרשפּאָרט דעם קינסטלער יענע מי, וועלכע ער מוז איצט אָנווענדן אויף צו באַשאַפן אָדער אַנטדעקן דעם נויטיקן יידישן אויסדרוק. די חבלי־לידה פון דער שפּראַך וואָלט מען אין גאַנצן געקאָנט איבערגעבן דעם איבערזעצער, און אויב דער מלאך גבריאל וואָלט באמת אַוועקגעשטעלט פאַר מיר די אַלטערנאַטיווע: אָדער איבערזעצונגען, אָדער אייגענעם שאַפן אויף דער איצטיקער מדרגה, וואָלט איך אַ רגע ניט געקווענקלט זיך און וואָלט פעסט אַרויסגעטראָגן מיין גזר־דין: „איבערזעצונגען!״

און מחמת נאָך אַ וויכטיקערן טעם וואָלט איך געקומען צו דעם

זעלביקן רעזולטאַט. אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור הייסט פאַר מיר — דער אייראָפּיאישער קולטור־קרייז. אָט דאָס איז די מענטשהייט, דער העכסטער שטאַפּל פון איר אַנטוויקלונג, און ניט די הונדערטער מיליאָנען, וואָס זיינען געבליבן דרויסן פון אים, און הינטער אים. אַ פאָלק, וואָס וויל לעבן מיט דער מענטשהייט, אין דער מענטשהייט, מוז זען קודם־כל אַריינצונעמען אין זיך אַלע זיינע אוצרות, די גאַנצע אומגעהויערע עשירות, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אים פון האָמער אָן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג; פאַרשטייט זיך, ניט זיינע טויזנטער קליין־גייסטער, נאָר זיינע גאונים און קאָריפייען. דאָס הייסט ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט אין דער היים, — בפרט ניט דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל אַריינגעטראָגן אין דעם זעלביקן אוצר פון דער אייראָפּייאישער קולטור. עס הייסט אָבער, אַז דאָס היימישע מוז האַרמאָניזירט ווערן מיט דעם נייעם אוצר, אַז ער, דער אייראָפּייאיזם, — ווי איך וויל אים אָנרופן מיט איין וואָרט, — מוז ווערן דער באַזיס פון אַ נייעם אָריגינעלן שאַפן און אַז פון דעם גאַנצן היימישן אוצר זאָלן נאָר יענע עלעמענטן זיך ווייטער אַנטוויקלען, וואָס גייען ניט להיפּך צו אים. כל זמן אָט דער געדאַנק וועט ניט אַריין אין אונדזער פלייש־און־בלוט, איז אָן עבירה אונדזער גאַנצע מי: אַ נייע קאָמבינאַציע פון אַזיאַטישער קולטור איז ניט ווערט צו דערבליקן דעם שיין פון דער זון. אונדזער „יחוס־בריוו, וואָס גרייכט ביז צו די פּיראַמידן“, האָט נאָר דערפאַר אַזאַ אומגעהויערן ווערט, ווייל מיר זיינען געווען, ווי דאָס האָט היינע טיף באַמערקט, „אַ שטיק אייראָפּע, פאַרוואָרפן אין אַזיע“. אַדאַנק דעם, וואָס מיר זיינען געווען „אַ שטיק אייראָפּע“, האָבן מיר געקאָנט ווירקן אויף דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם מענטשלעכן גייסט; האָט געקאָנט דער אייראָפּייאישער גייסט אַזוי שטאַרק ווירקן אויף אונדז. מיר זיינען אייראָפּייער, און דאָס אין אונדז, וואָס גייט להיפּך צו אייראָפּייאיש, מעג פון מיינעטוועגן שוין היינטיקן טאָג גיין לעזאזל!

אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם „אייראָפּייאישן“ שאַפן, אין שטענדיקן נעמען פון אים און געבן אים, זאָל זיך אַנטוויקלען די יידישע קולטור. אָבער דערצו מוז זי קודם־כל שטיין אויף אַן אייראָפּייאישער הויך, באַזיצן דאָס, וואָס די אַנטוויקלטע מענטשהייט פאַרמאָגט שוין איצטער. אָבער דאָס קאָן פון אונדז דערוואָרבן ווערן נאָר — דורך איבערזעצונגען. און אויב מיר וואָלטן די פינף־און־צוואַנציק יאָר אָנגעווענדט אונדזער ענערגיע אויף גוטע איבערזעצונגען, אָנשטאָט אַרויסצוקוועטשן פון אונדזער אָרעמקייט דאָס ביסל „אָריגינאַליטעט“ וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָלטן מיר, כ'לעבן, שוין

געהאַלטן אַ סך ווייטער אין דעם אָריגינעלן שאַפן גופא, איידער מיר זיינען איצט...

איך האָב אַנידערגעלייגט די פעדער און האָב געלאָזן פאַרבייציען פאַרן זכרון די בעסטע זאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אַביסל קלעמען. ווי? איז מיר לייכט זיך אויסצואיינען מיט דעם געדאַנק, אַז אָט די זאַכן וואָלטן געבליבן ניט געשריבן? ניין, געוויס ניט. און עס וואָלט אויך געווען ניט גאַנץ גערעכט צו מאָנען פון דעם עבר, נאַכסאָל האָט ער בעסער ניט געמאַכט קיין גוטע איבערזעצונגען אויף דעם חשבון פון די אַנדערע זאַכן (אַך! זיי זיינען אַזוי פיל!...). איך טרייסט מיך אָבער מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס, וואָס איז שוין אָנגעשריבן, קאָן קיין טעאָריע ניט אויסמעקן; אַז קיין טעאָריע אין דער וועלט קאָן סיי־ווי־סיי ניט אָפּשטעלן דעם שטראָם פון דעם אייגענעם שאַפן. און אַלץ, וואָס איך קאָן, על פי שכל און על פי יושר, דערוואַרטן פון אַ טעאָריע, איז ניט די אָפּשטעלונג פון דעם שטראָם פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר זיין באַרייכערונג דורך אַ נייעם צופלוס פון גוטע, טאַלאַנטפולע איבערזעצונגען. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, פיל האָבן שוין פאַרדינט אַ גוטן נאָמען אויף איר פעלד, און אונדז קאָן עס נאָר פרייען, ווען מיר זעען, אַז אויך אַ שריפטשטעלער פון יהואשעס ראַנג האָט, ניט אויפגעבנדיק זיין אייגענעם שאַפן, אין דער לעצטער צייט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר דער יידישער איבערזעצונגס־ליטעראַטור.

.4

פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור האָט יהואש אויסגעקליבן לאָנגפעלאָס פּאָעמע „הייאַוואַטאַ“ (דער לעזער פאַרשטייט, אַז מיר רעכענען אַמעריקע גייסטיק צו אייראָפּע). פאַר וואָס איז דער גורל אויסגעפאַלן גראָד אויף דאָס ווערק? דערויף איז דער דיכטער ניט מחויב צו געבן אַן ענטפער. ס׳איז לאָנגפעלאָס מזל! יעדעס אַנדערע גרויסע ווערק האָט ניט ווייניקער פאַרדינט דעם כבוד. אָדער ריכטיקער: דאָס יידישע פאָלק פאַרדינט די זכיה צו האָבן אויך יעדע אַנדערע גרויסע ווערק אין זיין ליטעראַטור.

אָבער אויב מען וואָלט אַוועקגעשטעלט די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ מין פּאָעזיע עס נויטיקט זיך איצטער די יידישע ליטעראַטור מער פון אַלץ, וואָלט אפשר פון דעם שטאַנדפונקט שווער געווען אויסצוקלייבן אַ בעסערע זאַך, איידער „הייאַוואַטאַ“.

וואָס אונדז, שטאָט- און שטעטל-מענטשן, פעלט, איז די נאַטור און די ליבע צו איר. אין אונדזער גייסטיקן אוצר פעלן, אָדער רעדן נאָך ניט גענוג שטאַרק, יענע שטימונגען, וועלכע וואַלד און פעלד, באַרג און וואַסער רופן אַרויס. עס פעלט דער „ריח השדה“, און גראָד מיט דער פעלד- און וואַלד-לופט, מיט דעם באַרג- און וואַסער-גייסט איז אַזוי רייך אָנגעזאַפּט לאָנגפעלאָס דיכטונג.

אָבער אויך דאָס פעלט אונדז (צו קיין גנאי זאָל דאָס אונדז ניט זיין!): דאָס קאָנען אַריינדרינגען אין דאָס לעבן פון אַ פרעמד פאָלק, ניט נאָר מיטן מוח, „על פי טעאָריע“, נאָר מיטן געפיל און מיט דער פאַנטאַזיע. אין אונדזערע געדאַנקען זיינען מיר דאָס קאָסמאָפּאָליטישסטע פאָלק פון דער וועלט. אין דעם געפילס-לעבן אָבער האָבן די צרות אין גלות אַזוי ענג געמאַכט אונדזער נשמה, אַז מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם „ואהבתם את הגר, כי אתם ידעתם את נפש הגר“ (און ליבט דעם פרעמדן, ווייל איר פאַרשטייט דעם פרעמדנס נשמה). מיר האָבן אויפגעהערט צו פאַרשטיין די נשמה פון אַ ניט-יידן, און אונדזער גאַנצער אַטמאָספערע איז אָנגעפילט מיט אַזוי פיל שאָוויניזם, קליינלעכן האַס צו דעם אַנדערן, אַז עס הויבט באַלד אָן אויסצופעלן לופט, מיט וואָס צו אָטעמען... און גראָד צווישן די פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלן, גראָד צווישן די, וואָס לאָזן פון מויל ניט אַרויס דעם פּזמון: „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט אייך“, גראָד פון זיי, קאָנט איר אָפטמאָל הערן אַזעלכע דיבורים, אַז, כ׳לעבן, אין דער לופטן הויבט אָן אַרומשווועבן דער שאָטן פון קרושעוואַן... דאָס שטאַמט ניט פון אַ מאַנגל אין טעאָרעטישער בילדונג, דאָס איז אַ רויקייט פון געפיל, וואָס קאָן אויסגעפיינערט ווערן ניט דורך טעאָריעס און מוסר, נאָר דורך דער אַלגעמיין-מענטשלעכער פּאָעזיע. די פּאָעזיע פון אַ פרעמדן פאָלק לערנט אונדז מיטפילן מיט דעם פרעמדן, מיטפרייען זיך און מיט-ליידן מיט אים. אין דעם פּרט איז לאָנגפעלאָס „הייאַוואַטאַ“ איינע פון די ווערטפולסטע זאַכן אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. „הייאַוואַטאַ“ איז אייגנטלעך אַ זאַמלונג פון לעגענדעס, וועלכע די ווילדע אינדיאַנער-שבטים פון נאָרט-אַמעריקע האָבן באַשאַפן. די לעגענדעס זיינען צום טייל נאַטור-מיטאָסן, — איבערנאַטירלעכע דערציילונגען, וואָס זאָלן דערקלערן די אָדער יענע נאַטור-דערשיינונג; צום טייל זיינען זיי אָבער אויך קולטור-מיטאָסן, דערקלערונגען פון יענע וואונדער, וואָס דער פּרימיטיווער מענטש באַ-געגנט אין זיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין זיינע קענטענישן און השלמות, וואָס ער קאָן ניט דערקלערן זייער אורשפּרונג. די לעגענדע פון „מאָנדאַמין“, דעם געל- און גרין-באַקליידטן יונגגמאַן, מיט „די לאָקן

ווייך און גאָלדיק״, ווען ״הייאַוואַטאַ״ האָט באַזיגט, געהערט צו דער אַרט קולטור־לעגנדעס. ״מאָנדאַמין״ איז ניט קיין אַנדער וועזן, ווי דער מאַיס, וואָס האָט געגעבן די אינדיאַנער די מעגלעכקייט צו לעבן ניט נאָר פון געיעג.

די אַלע לעגענדעס האָט אָבער לאָנגפעלאָ צונויפגרופּירט אַרום דער צענטראַל־פיגור פון דעם אינדיאַנישן עפּאָס, דעם מיטהישן העלד ״הייאַוואַטאַ״. הייאַוואַטאַ איז דעריבער ניט קיין איינצל־העלד, דאָס איז דאָס גאַנצע אינדיאַנישע פאָלק, די פּערסאָניפיצירונג פון אַלע בעסערע זייטן פון זיין כאַראַקטער און זיין לעבן. ער איז דער אידעאַל פון דעם פאָלק, וואָס שפּיגלט אָפּ אַלץ, וואָס דעם פאָלק איז הייליק און טייער.

אַריינלייגנדיק זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם גאַנצן אינדיאַנער פאָלק, מיטפילנדיק זייערע צרות און ליידן, ווייל דאָס זיינען אין תוך די זעלביקע צרות און יסורים, וואָס פּלאָגן אַלע מענטשן אומעטום, הויבט אָן אין געפיל צו פאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, דער פיינט־לעכער היפּך צווישן דעם נאַציאָנאַלן ״איך״ און דעם נאַציאָנאַלן ״דו״. עס וואַקסט אָנשטאָט אים אויס יענער געפיל פון סאָלידאַריטעט, וואָס דאַרף סוף־כל־סוף אַלע פעלקער פאַרבינדן צו איין ברידערלעכער משפחה, אין איין פרייען פעלקער־בונד, וואו יעדעס פאָלק זאָל קאָנען ניט געשטערט אַרויסוויקלען פון זיך אַלץ, וואָס עס וואַקסט אָן אין זיין נשמה, און העלפן יעדן אַנדער פאָלק אין דעם געמיינזאַמען פּראָגרעס פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אין דעם קאַמף פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם קאָסמאָפּאָליט, פאַרגעסן מיר אָפט אויף די געבאָטן פון ברידערלעכער פעלקער־ליבע, אויף דער נשמה פון אונדזער גאַנצן פּראָגרעסיוון גלויבן, אויף דעם ״כי היא חייך״ פון אונדזער גאַנצן אידעאַל. אַזעלכע ווערק ווי ״הייאַוואַטאַ״ פרישן אָפּ די דאָזיקע נשמה מיט יענעם ריינעם ״הומאַניזם״, דער אידעלער ליבע צו דעם מענטשן, וואָס איז ביי לאָנגפעלאָ אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דער ליבע צו דער נאַטור.

1910

וועגן פּאָעזיע און איר באַדייט

.1

ווי אַ פאָרוואָרט צו לאַפּינס אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליריק, וואָלט זיך מיר געוואָלט מיטטיילן דעם לעזער אייניקע פון יענע געדאַנקען, וואָס האָבן מיך באַשעפטיקט בשעתן לייענען די איבערזעצונגען אין די קאָרעקטור־בויגנס.

דאָס זיינען — געדאַנקען וועגן פּאָעזיע און איר באַדייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן און דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

וואָס אַזוינס פּאָעזיע איז, ווייס קיינער ניט, דאָס הייסט: אַלע ווייסן דאָס, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ מענטש אין אונדזער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן איבערגעלעבט אַ וועלכן עס איז פּאָעטישן צושטאַנד, און עס איז ניטאָ אַזאַ לעזער אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן געשטאַנען אונטער דער צויבער־ווירקונג פון אַ וועלכן עס איז פּאָעטישן ווערק.

„מען ווייס ניט וואָס אַזוינס פּאָעזיע איז" — איז דער טייטש: מען קאָן אין ווערטער ניט אויסדריקן דעם תוך פון אַ „פּאָעטישער" דערשיינונג, אין איר אונטערשייד פון אַ „פּראָזאַאישער", ווי מען קאָן אין ווערטער ניט באַשרייבן די נפקא־מינה פון אַ רויטער פאַרב ביז אַ גרינער פאַרב.

ווייל „פּאָעזיע", „פּאָעטישער צושטאַנד", „פּאָעטישע שטימונג" איז אַן אייגנאַרטיקער גייסט־צושטאַנד, וואָס שיידט זיך אָפּ מער אָדער ווייניקער שאַרף פון דעם געוויינלעכן, געזונטן, קלאָרן וואַך־זיין.

פון דעם לעבן און פון דער וויסנשאַפט זיינען מיר באַקאַנט מיט אייניקע אַנדערע גייסט־צושטאַנדן, וואָס שיידן זיך אויך אָפּ מער אָדער ווייניקער שאַרף פון דעם געוויינלעכן, געזונטן, קלאָרן וואַך־זיין. דאָס איז דער צושטאַנד פון חלומען אין שלאָף; פון „פאַרחושט" און פאַרחלומט זיין אויפן וואַר; פון דעם היפּנאָטישן שלאָף און דרעמל, מיט וועלכן די וויסנשאַפט איז ערשט ניט לאַנג באַקאַנט געוואָרן; פון „סאָמנאַבוליזם", „קלאָר־זען" און „ספּיריטיסטישן טראַנס", מיט וועלכע די וויסנשאַפט

פאָרוואָרט צום בוך „רוסישע ליריק", איבערגעזעצט פון ב. לאַפּין (פאַרלאַג „נײַ־צייט", ניו־יאָרק, 1919).

הויבט ערשט איצטער אָן נעוענטער באַקאַנט צו ווערן; אויך דער צושטאַנד פון משוגעת אין אַלע זיינע שטופן און מינים.

אַלע אַזעלכע אַלגעמיינע צושטאַנדן פון דעם מענטשלעכן גייסט רופֿ איך אָן, אויף מליצה־לשון: „קאָלירטע פּסיכישע שטראַלן", ווייל זיי שטעלן אַוועק אין אַ געוויסער „פאַרביקער באַלייכטונג" אַלץ, וואָס קומט דעמאָלט פאָר אין דער מענטשלעכער נשמה: אַלע אירע געפילן, געדאַנקען, ווּלע־נישן, ווי אויך אירע פריידיקע און טרויעריקע שטימונגען.

דער „פּאָעטישער צושטאַנד" איז אפשר אַ געמיש פון אַ סך אַזעלכע אייגנאַרטיקע „קאָלירטע פּסיכישע שטראַלן": אַ חלומען אויפן וואָר, אַביסל טירופֿ, אַ סך זעלבסט־היפּנאָז, אַביסל „קלאָר־זעאונג" און אפשר אויך „טראַנס". אָבער ווען אַפילו אַ צונויפגעשטעלטער, טרעט ער דאָך אַרויס ווי אַן איינהייטלעכער גאַנצער, און גיט אונדז דעריבער אַ רעכט צו באַ־האַנדלען אים ווי אַ באַזונדער אַרט „קאָלירטע פּסיכישע שטראַלן". דערפון נעמט זיך די שווערקייט, אָדער גאָר די אוממעגלעכקייט צו באַשרייבן זיין „פאַרב".

דיכטער זיינען מער, איידער אַנדערע מענטשן, עלול אַריינצופאַלן אין אַזאַ פּאָעטיש־„באַפאַרבטן" גייסטיקן צושטאַנד. זיי קאָנען אויך כמעט אינסטינקטיוו אויסקלייבן די פּאַסנדיקע ווערטער און צונויפשטעלן זיי אַזוי, אַז די ווערטער זאָלן קאָנען אָנזאָפּן אין זיך דעם פּאָעטישן צושטאַנד, ווי אַ באַשטימטן פאַרפום, און דערנאָך אַרויסגעבן פון זיך דעם זעלביקן דופט פון פּאָעזיע, וועלכן דער דיכטער האָט דורכגעלעבט; מאַכן, אַז אויך דער לעזער, אָדער דער הערער זאָלן אַריינטרעטן אין דעם זעלביקן פּאָעטישן „היפּנאָז".

אויב אָבער מען קאָן ניט וויסן אויף קלאָר דעם אינעווייניקסטן תוך פון אַ פּאָעטישן צושטאַנד, קאָן מען אָבער זייער אַ סך אויספאָרשן און וויסן וועגן דעם ענין פון פּאָעזיע, — צ. ב., וועגן איר אורשפּרונג און באַדייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן."

דער פּאָעטישער צושטאַנד איז אַ נייער צושטאַנד אין דער וועלט, אַ רייך־מענטשלעכער, געבוירן אויף אַ געוויסן עטאַפּ אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג. זיינע קערנדלעך זיינען אפשר נאָך עלטער, איידער אין דער רעליגיע. אָבער צו אַן אייגנאַרטיקער פלאַנץ איז די פּאָעזיע אויסגעוואַקסן ערשט אין דעם רעליגיעזן לעבן: אין זיינע צערעמאָניעס, פּראָצעסיעס.

שוין אין די עלטערע פאַרמען פון דער רעליגיע האָבן מיר אַ רייכן שפּיל פון דער פאַנטאַזיע אין דער באַשאַפונג פון אַן איבערנאַטירלעכער גייסטער־וועלט פון געטער, מלאכים, דעמאָנען. מיר האָבן דאָרטן נייע,

אומגעווײַנלעכע געפילן פון שוידער, צונויפגעגאָסן מיט האָפענונג, פון בענקשאַפט, צונויפגעגאָסן מיט גלויבן, פון הכנעה, צונויפגעגאָסן מיט ליבע. מיר האָבן דאָרטן עקסטאַזן, וואָס פאַרצויבערן די נשמה אין אַ היפּנאָטישן צושטאַנד. די נאַטור אין די אַלטע רעליגיעס איז אַ באַלעבטע: באַרג און טאָל, וואַלד און טײַך, שטיין און קוואַל האָבן זייערע נשמות, וואָס קאָנען אַרײַנטרעטן אין אַ פאַרבינדונג מיט מענטשן. עס זײַנען אין דער רעליגיע אויך פאַראַן די געוויינלעכע היפּנאָטישע ווירקונגען פון ריטמישע קלאַנגען און באַוועגונגען אין דעם געזאַנג, דער מוזיק, דעם רעליגיעזן טאַנץ.

דאָס אַלץ זײַנען עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין אַביסל אַן אַנדערער פאָרם, אין יענעם גײַסטיקן צושטאַנד, וועלכן מיר רופן אַ פּאָעטישן. פונדעסטוועגן איז פּאָעזיע פאָרט ניט רעליגיע און רעליגיע איז ניט נאָר פּאָעזיע.

ווען אַ רעליגיעז־גלויביקער מענטש איז געשטאַנען פאַר אַ הייליקן קוואַל אין דער שטילער נאַכט און האָט בחוש געזען, ווי דער קוואַל „שלאָפט", איז דער שלאָפן פון דעם קוואַל געווען פאַר אים אַן אוממיטלבאַרער פיזישער פאַקט, ווי דאָס שלאָפן פון דעם פערד און דעם הונט. דער קוואַל איז פאַר אים געווען אַ באַלעבטער, וועמענס נשמה עס נויטיקט זיך אין רו און שלאָף.

ווען אָבער דער דיכטער זעט, ווי „ס'שלאָפט די ערד אין בלויען ליכט", אָדער ווען ער גיט זיך איבער דער ווירקונג פון דעם „זילבער־ליכט און וויכן וויגן פון פאַרשלאָפענעם קוואַל", ווייס ער, אַז דער „שלאָפן" פון דער ערד און דעם קוואַל איז ניט קיין אוממיטלבאַרער פיזישער פאַקט. אמת, עס איז אויך פאַר אים אַ פאַקט. ער זעט דאָס אַזוי, ווײַל ער געפינט זיך אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד, וואָס צויבערט חלומות אויפן וואָר, אָבער ער ווייס, אַז דער „שלאָפן" פון דעם קוואַל געהערט ניט צו דעם קוואַל, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ בילד, וואָס איז רעפלעקטירט געוואָרן אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע. דער אמתער קוואַל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם דיכטערס כוח־הדמיון; דאָרטן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בילד פון אַ שלאָפנדיקן קוואַל, און דעם אמתן קוואַל זעט ער דורך זײַן פאַנטאַסטישן בילד, דורך זײַן אילוזיע.

דער אייגנטימלעכער פּאָעטישער צושטאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס די ווירקלעכקייט און די אילוזיע גיסן זיך דאָ ניט צונויף אין איינעם אין גאַנצן, וואָס די אילוזיע איז ווי אַ דורכזיכטיקער דינער שלייער, דורך וועלכן דער דיכטער קוקט אויף דער ווירקלעכקייט; און ער ווייס דאָס

האַלב־אומבאַוואוסטערהייט, און בעת די פּאָעטישע אילוזיע שטייט פאַר אים אין דעם פאָדערגרונט, ציטערט ערגעץ־וואו אין דעם הינטערגרונט דער באַוואוסטזיין פון דעם נאַקעטן, ניכטערן ניט־פּאָעטישן „אמת״.

באַזונדערס שאַרף און בולעט טרעט אַרויס אָט דער פּאָעטישער שפּיל פון אילוזיע אוןווירקלעכקייט, ווען מיר זיצן אין טעאַטער און זעען צו און פייניקן זיך מיט די יסורים פון דעם העלד. מיר זעען זיי, די יסורים, און מיר פילן זייער פּיין, און מיר זיינען „אין גאַנצן״ אונטער דער מאַכט פון דער אילוזיע. אין גאַנצן? אָ, ניין! וואָלט דאָס געווען „אין גאַנצן״, וואָלטן מיר זיך אַ וואַרף געטאָן אויף דער בינע און אויסגעלייזט דעם העלד פון זיינע פּייניקער. מיר טוען דאָס ניט, ווייל מיר זיינען פּאַרהיפּנאָטיזירט דורך דער פּאָעטישער אילוזיע, ד. ה. דורך אַזאַ אילוזיע, וואָס ווייס ערגעץ־וואו אין הינטערגרונט, אַז זי איז אַן אילוזיע, אַז זי פאַראַנדערשט אין דער פאַנטאַזיע די ווירקלעכקייט; אַז אין דער ווירקלעכקייט איז דער „ליידנ־דיקער העלד״ גאָר אונדזער פריינט, דער אַקטיאָר, אַ גוטמוטיקע, תמיד לוסטיקע און גליקלעכע בריאה; אַז די איינגעפאַלענע באַקן און די טיפע רינגען אַרום די אויגן פון דעם העלד זיינען אייגנטלעך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי בליי־פאַרב, אָנגעשמירט אויף דעם פּנים פון אונדזער פריינט, דעם אַקטיאָר.

אין דער רעליגיע איז אָבער ניטאָ קיין נפקא מינה צווישן ווירקלעכ־קייט און אילוזיע; דאָרטן גיסן זיי זיך צונויף אין גאַנצן אין איינעם. די אילוזיע ווערט אַן אוממיטלבאַרע איבערלעבונג, אַ ריינע „ווירקלעכקייט״.

דער פּאָעטישער צושטאַנד איז דעריבער אַ צושטאַנד פון אַ האַלב־באַוואוסטער אילוזיע. דאָס איז דאָס אוממיטלבאַרע לעבן, נאָר אַ רעפלעק־טירט לעבן, אַן אָפּגעשפּיגלט אין אַ מענטשלעכן דיכטערישן געמיט, אַ לעבן מיט אַ צוטראַכט, מיט אַן אויסטראַכט.

אין אָט דעם פאַקט ליגט די אורזאַך, פאַר וואָס ערנסטע רעליגיעזע נאַטורן, ווי די צ. ב. פון דער אַלטער יידישער וועלט, האָבן צו דער וועלט־לעכער, פרייער, ניט־רעליגיעזער פּאָעזיע אַזאַ אומפריינטלעכע שטעלונג. וואָס פאַר אַ ווערט קאָן ביי זיי האָבן אַ מענטשלעכע צוטראַכטעכץ און אויסטראַכטעכץ? זיי ווילן זיך בעסער האַלטן פאַר יענער פּאָעזיע, וואָס געפינט זיך אין דער רעליגיע, וואו די אילוזיע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אוממיטלבאַרן פאַקט און שטעלט זיך אַוועק אין גאַנצן אויף דעם פּלאַץ פון דער ווירקלעכקייט. זיי ווילן דאָס דערפאַר, ווייל פאַר זיי איז די רעליגיעזע אילוזיע ניט קיין אויסטראַכטעכץ און צוטראַכטעכץ, נאָר דער אמתער אָנהאַלט פון דעם וועלטלעכן געשען.

מחמת דעם זעלביקן טעם, וואָס די פּאָעזיע האָט אין זיך דעם עלעמענט פון שפּילן מיט אילוזיעס, האָט דער גרויסער עולם אַ קנאַפּן באַגריף פון איר ווערט און באַדייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן און דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ס'איז סוף־כל־סוף — מיינען זיי — ניט מער ווי אַ שפּיל, ווי אַ צייט־פאַרטרייב; אַ גאַנץ שיינער צייט־פאַרטרייב, אָבער — צו דעם ערנסט פון דעם לעבן קומט ער ניט.

עס איז מיר ליידער אוממעגלעך אַרויסצוברענגען דאָ דעם גאַנצן ווערט און דעם גאַנצן באַדייט פון דער פּאָעזיע, אָבער צו איין איינציקן פּונקט מוז איך דאָ צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לעזער.

2.

ווען די ווירקלעכקייט טונקט זיך אָפּ אין דעם טיפן פּאָעטישן געמיט, קומט זי ווידער אַרויס אַ באַרייכערטע, אַ פאַרשענערטע: דער קוואַל „שלאָפט", די וויסטע „הערט גאָטס אַנטפּלעקן", „ס'רעדט אַ שטערן מיט אַ שטערן" א. ד. גל. זי באַקומט אויך נייע אייגנשאַפטן: דאָס וויגן זיך פון דעם קוואַל אין לאַפּינס איבערזעצונג פון פּעט'ס אַ ליד — איז „וואַך" און אַז. וו.

אָבער ניט נאָר נייע בילדער און אייגנשאַפטן באַקומט זי. אין דער טיף פון דעם פּאָעטישן געמיט רופט זי אַרויס געוויסע געפילן, שטימונגען און אָפּטמאָל אויך קלאָרע געדאַנקען. די געפילן, שטימונגען און געדאַנקען זיינען די אָפּקלאַנגען פון דעם דיכטערס נשמה אויף דער שטיק ווירקלעכ־קייט וואָס איז אַריינגעזונגען געוואָרן אין זיין געמיט. זיי, אָט די אינער־וויניקסטע אָפּקלאַנגען דיקטירן זיין פאַנטאַזיע יענע בילדער און אייגנ־שאַפטן, יענע פאַרשטעלונגען און באַגריפן, אַפילו יענעם ריטם און זינג־טאַקט, וועלכע ער וועגדט אָן, כדי די ווירקלעכקייט ווידער אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין.

טראַכט זיך אַריין אין די פּאָר פערזן פון פּאָלאָנסקיס „נאַכט":

„נאַכט, פאַר וואָס איז מיר טייער דיין זילבערנער שיין?
מאַכט ער זיס דיר אין אויג דיין באַהאַלטענער טרער?
רוימט ער בשורות אין גרינגן האַרצן דיר איין?
צי באַשיידט ער די רעטעניש, וואָס מאַטערט דיך שווער?"

אין אָט דעם ליד האָבן מיר פאַר אונדז אַ לבנה־נאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעטונקט אין אַ דיכטערס געמיט און איז אַרויסגעשוואומען צוריק ניט

נאָר אַ באַרייכערטע, אַ פאַרשענערטע מיט נייע בילדער און אייגנשאַפטן זי „מאַכט פון דעם בלומען־טוי גאָלדענעם שוים״ און „זי שטראַמט אויפן ים מיט דורכזיכטיקע טריט״, נאָר זי איז אויך אַרומגעשוועבט מיט געפילן, שטימונגען און געדאַנקען. די אַלע אָפּקלאַנגען פון דעם דיכטערס נשמה אויף דער לבנה־נאַכט זיינען דעם דיכטערס, אָבער אין זיין פּאָעטישער אילוזיע זיינען זיי דער נאַכטס געפילן, דער נאַכטס שטימונגען, דער נאַכטס געדאַנקען, און זיי אַלע זיינען „טייער״ דעם דיכטער.

דורכדעם גופא באַקומט די לבנה־נאַכט אַן אָפּשאַצונג אין דעם דיכטערס געפיל און שטימונג.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דערווירק־לעכקייט, וועלכע דער דיכטער לאָזט אַראָפּ אין דעם אָפּגרונט פון זיין נשמה. ער ברענגט זיי ווידער אַרויף אין זיין פּאָעטישן ווערק באַ־רייכערטע, פאַרשענערטע און אַרומגעוועבטע מיט זיינע געפילן און שטי־מינגען, און דורכדעם גופא אויך אָפּגעשאַצטע אין זיין געפיל און אין זיין שטימונג.

וואָס איז די ווירקונג פון אַזאַ פּאָעטישן ווערק? אויב עס שטאַמט פון אַ גרויסן, אָריגינעלן דיכטער, וועט ער קודם כל (א) אויפוועקן אין אונדז די זעלביקע געפילן, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעלעבט, ער וועט דער־נאָך (ב) פאַרבינדן יענע געפילן מיט דער פון אים „באַזונגענער״ דער־שיינונג, און וועט לסוף (ג) אַריינפליסן אין דערזעלביקער אָפּשאַצונג פון דער ווירקלעכקייט אין געפיל, וואָס האָט געלעבט אין דעם דיכטערס נשמה.

אין אָט די דריי מאָמענטן ליגט אַ טייל פון דער אומגעהויערער קראַפט און דעם אומגעהויערן באַדייט וואָס די פּאָעזיע האָט אין דער מענטשלעכער קולטור, אין דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויפוועקן אין אַ מענטשנס ברוסט די זעלביקע געפילן און שטימונגען, וואָס דער פּאָעט לעבט איבער, הייסט באַרייכערן די מענטשלעכע נשמה מיט אַ נייעם אינהאַלט, וואָס וואָלט איר אפשר אָן דעם דיכטערס הילף געבליבן פרעמד. און האָט מען אין אויג, אַז דער נייער אינהאַלט איז קודם כל געפיל און שטימונג, ווערט דעמאָלט אינגאַנצן קלאָר די פולע וויכטיקייט פון דער נייער באַרייכערונג, ווייל — ווי אַן אַלטער פּסיכאָלאָג האָט דאָס שוין אַמאָל באַמערקט — געפילן און שטימונגען זיינען די שפּייז פון דער נשמה. מיט זיי דערנערט זי זיך, זי לעבט מיט זיי. אַ נשמה, וואָס איז אָרעם אין געפילן און שטימונגען, איז אַן אָרעמע נשמה, אַ דאַרינקע נשמה, וואָס ווערט פאַרשמאַכט אין הונגער און דאָרשט.

דעם פּאָעטס נשמה איז אָבער די רייכסטע אין דעם פּרט. אויף דערויף איז ער אַ פּאָעט. ער האָט אוצרות און אוצרות פון געפילן און שטימונגען. און דאָרטן, וואו זיין אייגן לעבן רופט זיי ניט אַרויס, באַשאַפט זיין פאַנטאַזיע אַן אַנדער לעבן, אַ סך אַנדערע לעבנס, מיט אַ סך אַנדערע מענטשן, וואָס לעבן דורך אַלערליי אַרטן געפילן און שטימונגען.

די רייכקייט און די טיפקייט פון דעם פּאָעטס געפילס־לעבן איז אַזוי גרויס, אַז אַ סך פאַרשער וואונדערן זיך ממש, ווי אַזוי איז דאָס פּסיכאָלאָגיש מעגלעך, אַ שעקספּיר, אַ געטע, אַ שילער, אַ היינע, זאָלן קאָנען אין זייער געמיט טראָגן אַזוי פיל מענטשלעכע וועלטן, אַזוי פיל כאַראַקטערן מיט אַזוי פיל פאַרשיידענע נשמות און געפילן אין זיי.

(די ריכטיקע דערקלערונג פון אָט דער דערשיינונג האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געפונען דער יידישער דענקער, געאָרג זימעל, אָבער ס׳איז ניט דאָ דאָס אָרט צו רעדן וועגן איר.)

על־כל־פנים איז אַ פאַקט, אַז דער אמתער פּאָעט איז דער גאון אין געפילס־לעבן, ווי דער אמתער דענקער איז דער גאון אין דער געדאַנקען־וועלט און ווי דער העלד פון דער ווילנס־טאַט, דער פאָלקס־פירער, דער רעוואָלוציאָנער, דער אמתער שטאַטסמאַן, דער לאַסאַל, דער גאַריבאַלדי, דער נאַפּאָלעאָן, — איז אַ קוואַל פון ברויזנדיקער ענערגיע און פון פּראַקטישע ווילנס־שטרעמונגען. און ס׳איז אויך אַ פאַקט, אַז די געפילן און שטימונגען, וואָס ווערן געבוירן אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד, פאַרשפּרייטן זיך אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, אַדאַנק דער ווירקונג פון דער געהערטער אָדער געלייענטער פּאָעזיע: דורך דעם פאָלקס־ליד, דורך די רעליגיעזע תפילות, צערעמאָניעס און געזאַנגען, דורך דער פּאָעטישער ליטעראַטור.

אַ סך נייע געפילן, וואָס זיינען דעם פּרימיטיוון מענטשן געווען דורכאויס פרעמד, ווי צ. ב. די ראָמאַנטישע ליבע צו אַ פרוי, די באַוואונדערונג פון נאַטור־שיינקייטן, די איידעלע און צאַרטע רעליגיעזע איבערלעבונגען, זיינען געבוירן געוואָרן אין אַ פּאָעטישן צושטאַנד און האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דער געזעלשאַפט דורך דער טעטיקייט פון די פּאָעטן.

די נייע געפילן רופט דער דיכטער אין אונדז אַרויס דער עיקר מיט דער מאַכט פון די קלאָרע בילדער, וועלכע ער רופט אַרויס דורך זיין טאַלאַנט אין אונדזער כח הדמיון. אויך אין דעם ליגט אַ גרויסע באַרייכערונג פון אונדזער נשמה־לעבן. די לעבנס־דערפאַרונגען פון אַ דורכשניטלעכן איינצל־מענטשן, אַ פאַרנומענעם אין זיין דאגת־חיונה, זיינען זייער מאָגערע. און אַפילו ווען זיי זיינען רייך, גיט דער דורכשניטלעכער מענטש ווייניק אַכטונג אויף זיי: זיין ווילן, זיינע אינטערעסן און אַפּעטיטן

זיינען צו אָנגעשפּאַנט, ער זאָל קאָנען אַרויסגיין פון זיך און זיך אַריינלייגן, אַריינטראַכטן, זיך פאַרחושן (וואָס פאַר אַ טייערער אויסדרוק!) אין די איינצלנע מאָמענטן פון זיין אייגענעם לעבן. אויך דאָ קומט אונדז צו הילף דער דיכטער. מיט דעם צויבער פון זיין טאַלאַנט שטעלט ער אונדז אָפּ אין דעם מיטן פון אונדזער פאַרשמייעטן הו־האַ און צווינגט אונדז נאָכ־אַמאָל איבערצולעבן מאָמענטן, פאַרביי וועלכע מיר זיינען לייכטזיניק פאַרבייגעגאַנגען, אָן אַ ברעקל השגה וועגן זייער אינעווייניקסטן רייכטום; אָדער באַקאַנט צו ווערן מיט אַזעלכע מאָמענטן, וואָס מיר וואָלטן קיינמאָל ניט אָנגעטראָפן אין אונדזער לעבן, ניט אין דעם לעבן פון אונדזער „אַרום“.

אָבער דאָס וויכטיקסטע אין דעם פּרט איז די דריטע־ווירקונג פון אַ פּאָעטישן ווערק: די אָפּשאַצונג פון די לעבנס־דערשיינונגען אין געפיל, די קריטיק פון דעם לעבן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּאָעטס געפילן און שטימונגען. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע עובדא פון דער פּאָעזיע, אפשר פון דער גאַנצער קונסט בכלל. און „קריטיק“ מיינט דאָ ניט דווקא פאַרמיאוסונג און פאַרשוואַרצונג, נאָר אויך גוט־הייסונג און שיין־הייסונג.

די אָפּשאַצונג קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, ניט דורך דעם קלאָרן אורטייל פון דעם פּאָעט און זיין דירעקטן אָנווייז, אַז „דאָס איז זיס“ און „דאָס איז ביטער“. די אָפּשאַצונג שטראָמט אַרויס פון דעם גאַנצן ווערק פון דעם פּאָעט, פון זיין אינעווייניקסטער שטעלונג צו די געמאָלטע דער־שיינונגען. און אָט די אינעווייניקסטע שטעלונג זיינע צו די איינצלנע עלעמענטן פון דעם לעבן, ווי צו דעם לעבן בכלל, גיט זיך איבער צו דעם לעזער, אָדער דעם הערער.

און אויך דאָס דאַרף מען ניט פאַרזען, אַז אַפילו ווען דער דיכטער מאָלט די פאַנטאַסטישע „ניט־געשטויגענע — ניט־געפלויגענע מעשיות“ פון אַן אויסגעטראַכטער וועלט מיט אויסגעטראַכטע וועזנס, ליגט אויף דעם אומזיכטבאַרן גרונט פון יענער פאַנטאַסטישער וועלט דאָס ווירקלעכע מענטשלעכע לעבן, און זי ליגט אַן אָפּגעשאַצטע אין דעם דיכטערס געמיט.

אָפּטמאָל קומט די אָפּשאַצונג פאָר ניט נאָר דורכדעם, וואָס דער דיכטער באַזינגט, נאָר אויך וואָס ער פאַרשווייגט, דורכדעם וואָס ער קערט זיך אום צו אַ געוויסן לעבן מיט זיין רוקן. דערהויפּט איז דאָס אמת, ווען מען באַטראַכט די פּאָעזיע פון אַ גאַנצן דור אָדער אַ פּעריאָד. אַזוי געפינען מיר זיך איצטער אין אַ פּעריאָד פון דער פּאָעזיע (און דער קונסט בכלל), ווען זיי — די פּאָעזיע און די קונסט בכלל — האָבן זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דעם הערשנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און די מינים מענטשן,

וואָס אַזאַ געזעלשאַפטלעך לעבן ברענגט אַרויס. אָט אין דעם פּאַרמיאוסן דיווירקלעכקייט אַזוי, אַז עס ווילט זיך גאָר ניט נעמען קיין אָנטייל אין איר מיט דעם פּאָעטישן געפיל, ליגט איר שאַרפסטע פּאַראורטיילונג. דאָס איז איינער פון די באַדייטנדיקסטע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן אונדזער רעוואָלוציאָנערע צייט.

דער פּאָעט שאַצט אָפּ דאָס לעבן אין געפיל. ער טוט דאָס באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט. באַלד זיינען דאָס טיילן פון דעם דרויסנדיקן לעבן, — זיין שטעלונג אין געפיל צו קינד, ווייב, פאָלק, ליבע, נאַטור, געזעלשאַפט, שטאָט און דאָרף, — באַלד זיינען דאָס טיילן פון זיין אינעווייניקסטן לעבן און דעם אייגענעם „איך”; באַלד דאָס לעבן פון אַ באַשטימטן דור און אַ באַשטימטער צייט; באַלד דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן און די עקזיס־טענץ פון דעם וועלט־אַל.

דורך די אָפּשאַצונגען פון דעם לעבן אין געפיל פורעמט די פּאָעזיע פון אַ דור דאָס גאַנצע געפילס־לעבן פון איר צייט; ווי די דענקער פון דעם דור פורעמען אירע געדאַנקען און אָנשויאונגען; ווי די ווילנס־העלדן פורעמען אירע האַנדלונגען.

מיר קאָנען איגנאָרירן לאָזן אָן אַ זייט די טיפע געשיכטס־פילאָסאָפישע חקירה, צי אָט די אַלע פורעמונגען זיינען אמתע ניי־באַשאַפונגען, אָדער ניט מער ווי קלאָרערע פאָרמולירונגען פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָנ־געוואַקסן אין דער געזעלשאַפט, אָדער זיי זיינען פאָרמולירונגען און ניי־באַשאַפונגען אין דערזעלביקער צייט.

אַפילו ווען זיי אַלע זאָלן זיין ניט מער ווי קלאָרערע אַרויסברענגונגען און אַרויסקריסטאַליזירונגען פון יענע נעפּלען אין געדאַנק, געפיל און ווילן, וואָס ווערן געבוירן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און טראָגן זיך אַרום ווי וואָלקנס איבער אים, — וואָלט אויך דעמאָלט זייער באַדייט געווען אַ קאָלאָסאַלער, ווייל נאָר אין זיי און דורך זיי ווערט אָפּגעקלערט און אויס־געפורעמט דער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק, דער געזעלשאַפטלעכער געפיל און דער געזעלשאַפטלעכער ווילן; נאָר אין זיי און דורך זיי ווערט פאַר־ווירקלעכט דער מענטשלעכער פּראָגרעס.

און וואָס העכער מיר מוזן שאַצן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געפילס־וועלט, אַלץ העכער מוז שטייגן אין אונדזער אָפּשאַצונג דער פּראָ־גרעסיווער באַדייט פון דער קונסט בכלל, פון דער פּאָעזיע בפרט.

3.

איך ווייס, אַז דער ענין פון פּאָעזיע און איר באַדייטונג, ווי אַן אָפּ־שאַצונג פון דעם לעבן אין געפיל, איז דאָ ביי אונדז ניט מער ווי באַרירט געוואָרן פון אויבן־אויף. אָבער — מען דאַרף זיך רעכענען מיט די גרענעצן פון אַ פאָרוואָרט. און דערצו איז דער אייגנטלעכער צוועק פון דעם פאָר־וואָרט, — ווי אַזוי צו לייענען דאָס ווערק גופא, אויף וואָס מער פאַר אַלץ אַכטונג צו געבן אין אים, פאַרשטיין זיין ווערט און באַדייט ווי אַ פּאָעטיש ווערק אין דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור, — דער צוועק, רעכן איך, קאָן דערגרייכט ווערן מיט די פּאָר געדאַנקען, וואָס מיר האָבן אַרויסגעזאָגט.

עס בלייבט אונדז נאָר צו זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ווערט פון דער איבערזעצונג גופא; טאַקע ניט מער ווי אַ פּאָר ווערטער, ווייל דער נאָמען פון אונדזער יונגן דיכטער ב. לאַפּין איז צו באַקאַנט אין אונ־דזער ליטעראַרישער וועלט, ער זאָל זיך דאַרפן נויטיקן אין וועמענס עס איז הסכמות.

אויך האָבן זיך אַ פולע פון זיינע איבערזעצונגען פריער געדרוקט אין אונדזערע בעסטע זשורנאַלן און צייטונגען, און זיינען געוויס באַמערקט געוואָרן פון דער לעזער־וועלט.

דאָ וועל איך נאָר אַרויסטרעטן ווי אַן עדות, וואָס ווייס, ווי שווער עס איז איבערצוגיסן אַ געדיכט פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער און דערביי זאָל זיך ניט פאַרלירן איר ריח און טעם.

איך בין באַקאַנט מיט די דייטשע איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליריק, דער עיקר מיט פיעדלערס. און פיעדלער ווערט גערימט פאַר זיינע איבערזעצונגען ניט נאָר פון דער דייטשער קריטיק, וואָס האָט אפשר קיין השגה ניט פון דעם רוסישן טעקסט, נאָר אויך פון דער בעסערער רוסישער קריטיק.

פאַרגלייכט מען אָבער אַ לאַפּינשע איבערזעצונג מיט אַ פיעדלערשער, באַמערקט מען אויפן שטעל, אַז די ערשטע איז אַ סך נעענטער צו דעם אָריגינאַל, סיי אין וואָרט און בילד, סיי אין ריטם, סיי אין דעם פּאָעטישן איינדרוק, וועלכע די איבערזעצונג לאָזט איבער, איידער די לעצטערע.

געוויס קאָן אונדז לאַפּין ניט איבערגעבן דעם צויבער פון די רוסישע שפּראַך־קלאַנגען, — אַ זאַך, וואָס קיין איבערזעצער קאָן דאָס ניט טאָן; אָבער דערפאַר האָבן מיר דאָ פאַר אונדז לאַפּינס אייגנאַרטיקן, קרעפטיקן יידיש; זיינע פון אים געפורעמטע אויסדרוקן, וואָס באַרייכערן אונדזער שפּראַך.

יולי, 1919.

דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צום תנ״ך

די וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונג פון אונדזערע הייליקע שריפטן האָט געפירט צו דעם העכסט־וויכטיקן רעזולטאַט, אַז די איינצעלנע ביכער זייערע, וואָס ווערן צוגעשריבן צו איין־איינציקן מחבר, זיינען אין דער אמתן קינסטלעכע צונויפשטעלונגען פון פריערדיקע שריפטן אָדער מינדלעכע טראַדיציעס, — אַ צונויפוועבונג פון עלעמענטן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע מענטשן, פון פאַרשיידענע געדאַנקען־קרייזן און פאַרשיידענע עפּאָכעס.

די היסטאָריש־ליטעראַרישע קריטיק, וואָס גייט אַרויס פון אָט־דעם רעזולטאַט, איז פאַרנומען מיט דעם פאַנאַנדערשיידן פון יענע איינצעלנע טיילן, וואָס זיינען אַזוי קונציק צונויפגעפלאָכטן געוואָרן אין איין גאַנצעס. די אַרבעט איז נאָך ניט צו ענד, און מען קאָן באמת ניט פאָראויסזען, ווען זי וועט קומען צו אַ פּאָזיטיוון אָפּשלוס.

אָבער איינצעלנע רעזולטאַטן זיינען שוין געוואונען געוואָרן, וואָס האָבן אַ גרויסן גראַד פון וואַרשיינלעכקייט פאַר זיך, ווייל זיי באַפרידיקן די פאָדערונגען, וועלכן מען קאָן על פּי וויסנשאַפטלעכן יושר שטעלן צו זיי.

אַזוי מוז מען, נאָך מיין מיינונג נאָך, עד היום אָננעמען פאַר וויסנשאַפטלעך יענע טעאָריע, וועלכע לייגט פאַנאַנדער דעם חומש אין פיר ביז פינף באַזונדערע „קוועלן“, וואָס זיינען אין משך פון צייטן צונויפגעאַרבעט געוואָרן אין איינעם. איך זאָג דאָס, ניט קוקנדיק אויף דעם פאַקט, וואָס גראָד אין דער לעצטער צייט האָט זיך אויפגעהויבן אַן ערנסטע קריטיק פון דער פיר־קוועלן־טעאָריע, — וואָס וויל זי פאַרבייטן, ווי עס ווייזט אויס, מיט דער טעאָריע, אַז דער חומש איז דירעקט אַרויסגעוואַקסן פון אַ סך איינצעלנע צעוואָרפענע פראַגמענטן.

די נייסטע אָנשויאונגען וועגן דעם ענין, ווי אינטערעסאַנט זיי זאָלן ניט זיין און אין וויפיל איינצעלנע פּרטים זיי זאָלן ניט האָבן געטראָפן דעם אמת, האָבן אָבער דערווייל פאָרט ניט די קראַפט מבטל צו זיין די

פאָררעדע צום בוך „ביבלישע געזאַנגען“ פון חיים שויס, „ליטעראַרישער פאַרלאַג“, ניו־יאָרק, 1916.

יסודות פון יענער טעאָריע, וואָס איז נאָך ביז איצט די הערשנדיקע אויף דעם פעלד פון דער פרייער ביבל־פאָרשונג.

שטייט מען אָבער אויף דעם באָדן פון די אַנגענומענע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, וואַקסט אַרויס די זייער שווערע אויפגאַבע, ווי אַזוי דורכצופירן אַ ריין־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון די טעקסטן און איבערזעצונגען.

דער פשוטסטער וועג וואָלט געווען אַזאַ: פּאַרזיכטיק פאַנאַנדער־פּאַלמעסן דעם טעקסט אין זיינע איינצעלנע טיילן און אַרויסגעבן יעדן טייל באַזונדער. דער וועג איז נאָך פון קיינעם ניט באַטראַכט געוואָרן: די שוועריקייטן פון אַזאַ וועג זיינען אויך צו גרויס, ווייל אין פאַרשיידענע שטעלן זיינען די איינצעלנע חלקים אַזוי צוגעפּאַסט געוואָרן איינער צו דעם אַנדערן, אַז ווען מען נעמט זיי פאַנאַנדער, פאַרלירן אַלע טיילן יעדן פאַרנונפטיקן זין. אגב וואָלט דער איצטיקער טעקסט, ביי אַזאַ מעטאָדע, אינגאַנצן פאַרלאָרן געוואָרן פון אויג און נאָר מיט גרויס מי וואָלט מען געקאָנט ווידער געווינען די פאָרשטעלונג פון זיין געשיכטלעכן אויפבוי.

אַן אַנדער וועג, וואָס איז נאָענט צו דעם נאָר־וואָס געשילדערטן, וואָס בלייבט אָבער אויך נעענטער צו דעם איצטיקן טעקסט, באַשטייט אין דעם, וואָס מען נעמט אַן איינצעלנעם אָפּשניט פון דער ביבל (צ״ב די מבול־זאַגע, יציאת־מצרים, דודס אויסבאַהאַלטן זיך פון שאולן אאַז״ו, אאַז״ו), מען לייגט דעם אָפּשניט פאַנאַנדער אין זיינע איינצעלנע קוועלן, און מען דרוקט אָפּ די קוועלן אין פּאַראַלעלע קאָלאָנעס, איינע לעבן דער אַנדערער. דאָס גיט אויפן שטעל די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די טעקסטן און צו זען, ווי די פאַרשיידענע מחברים האָבן פאַרשיידן באַהאַנדלט דעם ענין. אַזאַ פאַר־גלייכנדיקע, פּאַראַלעלע ביבל האָט אין ענגליש אַרויסגעגעבן טש. פ. קענט („סטודענטס אָלד טעסטאַמענט״). אָבער אויך דער וועג האָט זיינע חסרונות, וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיי אויסצורעכענען.

דער אַנגענומענסטער אופן, ווי אַזוי צו רעדאַגירן אַ וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון דעם טעקסט אָדער דער איבערזעצונג, איז דער, וועלכן די אַזוי־אָנגערופענע „פאַרביקע אָדער קאָלירטע ביבל״ האָט אָנגעווענדט פאַרן טעקסט און ק. קויטצש האָט אָנגעווונדט פאַר דער דייטשער איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע.

דער טעקסט אָדער די איבערזעצונג ווערט געדרוקט „ווי זי שטייט און גייט״ אין דער טראַדיציע. נאָר צווישן די איינצעלנע קוועלן אין יעדן אָפּשניט ווערט געלאָזן אַ קליינער שטח, און די פאַרשיידענע מחברים ווערן קענטיק געמאַכט אָדער דורך פאַרשיידענע קאָלירן, אָדער דורך בוכשטאַבן

ביי דער זייט פון דעם טעקסט, ווי אין קויטצשעס איבערזעצונג (יעדער מחבר האָט זיין בוכשטאַב).

אויף אַזאַ אופן זעט מען בחוש (אַמקלאַרסטן אין דער פּאַרביקער ביבל) פון וועלכע פאַרשיידענע טיילן עס איז צונויפגעשטעלט דער טעקסט און מיט וועלכע פעדים זיי זיינען צונויפגענייט.

אַ גאַנץ־נייער וועג, ווי צו רעדאַגירן אַ וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון די הייליקע שריפטן, ווערט פאָרגעשלאָגן אין דעם בוך, וואָס איז איצטער אין די הענט פון דעם לעזער. ח. שויס טיילט איין די גאַנצע ביבלישע ליטעראַטור ניט לויט די איינצעלנע קוועלן, פון וועלכע זי איז צונויפגעזעצט, ניט נאָך דער כראָנאָלאָגיע פון איר אַנטוויקלונג, נאָר נאָך די איינצעלנע ליטעראַטור־אַרטן, פון וועלכן זי באַשטייט: געזאַנגען, ליריק, שפּריכווערטער, געזעץ־פאַרשריפטן אד״גל און ערשט די איינצעלנע אַרטן ווערן ווידער איינגעטיילט (אויף וויפל דאָס קאָן געמאַכט ווערן) אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדענונג.

דערווייל ליגט דאָ פאַר אונדז דער ערשטער טייל פון דער ערשטער ליטעראַטור־אַרט, וועלכע דער מחבר האָט גענומען אין זיין באַאַרבעטונג: „ביבלישע געזאַנגען״, ערשטער טייל: „די געזאַנגען פון חומש און נביאים ראשונים״. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, הענגט זיין ווייטערע אַרבעט, ביז דעם פולקאָמען אויספיר פון דעם גאַנצן פלאַן, זייער פיל אָפּ פון דעם דערפאָלג, וועלכן דער ערשטער אָנהויב וועט געפינען ביי דעם יידישן לייענענדיקן פובליקום.

עס לאָזט זיך געוויס זייער פיל דעבאַטירן וועגן דעם ווערט פון אַזאַ נייער איינטיילונג פאַר דער ריין־וויסנשאַפטלעכער באַהערשונג פון דעם גאַנצן ביבלישן מאַטעריאַל. דאָ קאָנען מיר זיך גאַנץ זיכער ניט אַריינלאָזן אין אַלע „פּראָ׳ס״ און „קאָנטראַ׳ס״. עס מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז ווי אַ צוגאָב צו די שוין פאַראַנענע מעטאָדן, איז אויך אָט־דער וועג בלי שום ספק אַ זייער ווערטפולער, ווייל ער וועט אונדז געבן אַן איבערבליק איבער די ליטעראַטור־פעלדער, וואָס דער זשעני פון דעם אַלט־יידישן פאָלק האָט באַאַרבעט, אויף די פּראָדוקטן, וואָס יענער זשעני האָט אַרויסגעבראַכט, און אויף דעם ספּעציפישן אינטערעס, וואָס די צונויפשטעלער פון דעם תנ״ך האָבן אַרויסגעוויזן צו דעם אָדער יענעם פעלד.

דער ווערט פון דער נייער אונטערנעמונג וואַקסט אָבער נאָך מער אין באַדייטונג, — און דערביי פאַרשווינדן אַלע „קאָנטראַ׳ס״ און עס בלייבן נאָר די „פּראָ׳ס״, — ווען מען באַטראַכט די שטעלונג, וועלכע אונדזער מחבר

האָט אָנגענומען בנוגע צו דער ביבלישער ליטעראַטור, און די ספּעציעלע צילן, וואָס ער האָט אין אויג מיט זיין יידישער איבערזעצונג.

געוואַלטיק רייך איז דער גייסטיקער אוצר, וועלכן דאָס אַלט־יידישע פאָלק האָט אין דעם תנ״ך איבערגעלאָזן בירושה פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט: הערכסט־ווערטפולע דאָקומענטן פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויק־לונג פון דער מענטשלעכער קולטור אין אַ באַשטימטער צייט; קינסטלע־רישע באַשרייבונגען פון פּערזאָנען, כאַראַקטערן, זעלישע צושטאַנדן, — פּרעכטיקע שילדערונגען פון דעם אייביקן און מענטשלעכן אין דעם מענטשנם ברוסט; גלענצנדיקע שפּראַך־שיינקייט; מאָראַלישע פאָרשריפטן פון דער הומאַנסטער אַרט, דורכגעזאַפּט מיט דער ברענענדיקסטער בענק־שאַפט נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט און צווישן־פעלקערלעכן פרידן; אַ רעליגיעזע קאָנצעפּציע וועגן דער שייכות פון גאָט, וועלט און מענטש, וואָס וועט אפשר בלייבן אַזוי אייביק, ווי אייביק עס וועט וואַקסן דער רעליגיע־זער צווייג אויף דעם בוים פון דער אַל־מענטשלעכער קולטור; אַ לעבנס־באַטראַכטונג, וואָס רעגט אויף אַלע פאַזעס פון אונדזער געמיט פון די פינצטער־טראַגישסטע ביז די העלסטע און באַפרידיקסטע; גראַנדיעזע צור־קונפטס־האָפענונגען, אין וועלכע די מענטשהייט קומט צום ערשטן מאָל צו דעם באַוואוסטזיין פון איר איינהייט, גאַנצקייט, איר מענטשלעכן מהות און איר מענטשלעכע מיסיע אויף דער ערד. עס איז ניט קיין חידוש, וואָס מען גלויבט, אַז דאָס אייביקע בוך וועט אייביק געהערן צו דער חשובסטער גייסטיקער שפּייז פון דער מענטשהייט.

אַזאַ בוך האָט געמוזט צוציען צו זיך דעם אינטערעס פון די פאַרשיידנ־אַרטיקסטע פאָרשער. עס שטודירן אים די סאָציאָלאָגן, ארכעאָלאָגן און גע־שיכטע־שרייבער; עס לערנט אים דער גלוביקער ייד און קריסט, כדי איינצוהאָרכן זיך אין גאָטס וואָרט; עס פאַרטיפט זיך אין אים דער פריי־זיניקער טעאָלאָג, כדי זיך קלאָר צו מאַכן די אַנטפּלעקונג פון דער געט־לעכער מאַכט אין דער מענטשלעכער רעליגיעזער באַשאַפונג; עס אַנאַלי־זירט אים דער פילאָלאָג; עס באַוואונדערט אים דער ליטעראַטור־היס־טאָריקער. יאָ, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט ביז צו דער לעצטער צייט אונדזער בוך מער באַוואונדערט, איידער געשטודירט. די ביבל־וויסנ־שאַפט, ווי אַ צווייג פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, איז באַאַרבעט געוואָרן כמעט דורכאויס נאָר פון דעם טעאָלאָג, דעם פילאָלאָג, דעם גע־שיכטס־פאָרשער און דעם קולטור־היסטאָריקער.

דער ליטעראַטור־היסטאָריקער שטייט דאָ כמעט ווי אָן אַ זייט. אים זיינען פרעמד די רעזולטאַטן פון דער ביבל־קריטיק און דער ביבל־פאָר־

שונג. לפּחות בויט ער ניט אויף זיי און אַרבעט זיי ניט איין אין זיינע אונטערזוכונגען אָדער ריכטיקער: זיינע באַשרייבונגען, כאַראַקטעריסטיקן און התפּעלותן.

איז אים דאָס בוך צו הויך, ער זאָל זיך דערלויבן צוטרעטן צו אים מיט דעם שאַרפן לאַנצעט פון דער וויסנשאַפטלעכער קריטיק? איז אים זיין אייגענער פאַך צו נידעריק, ער זאָל זיך דערוועגן אויך דעם תנ״ך צו באַהאַנדלען, ווי אַ מאַטעריאַל פאַר זיין וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג?

ווי די מעשה איז, גראָד די ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכע באַהאַנדלונג פון דער ביבל איז בדרך כלל שטאַרק הינטערשטעליק אין דעם פּרט פון וויסנשאַפטלעכקייט און ווערט ווייניק באַפרוכטעט פון די רעזולטאַטן, וועלכע דער פרייער טעאָלאָגיע, פילאָלאָג און געשיכטס־פאַרשער האָבן אַרויסגעבראַכט אין זייערע פאַך־שטודיע.

ה. שויס, ווייזט אויס, וויל באַהאַנדלען די ביבל ניט פון קיין אַנדערן, ווי נאָר פון אַ ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט און דערמיט גופא איז שוין גע־געבן ניט נאָר די באַרעכטיקונג, נאָר אויך די נויטווענדיקייט פון יענער נייער מאַטעריאַל־גרופּירונג, וועלכע ער פּירט דורך אין זיין איבערזעצונג פון דער ביבלישער ליטעראַטור. אָבער זיין ליטעראַרישער שטאַנדפּונקט איז אין דער זעלביקער צייט אַ ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכער, וואָס רעכנט זיך ערנסט מיט די דעראָבערונגען, וועלכע די אַלגעמיינע ביבל־וויסנשאַפט האָט ביז אַהער געמאַכט.

דער אויסוואַל פון דעם ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט מוזן מיר באַטראַכטן פאַר זייער צייט־געמעסט, ווען מיר דערמאָנען זיך נאָך, אַז דעם מחברס ציל מיט זיין איבערזעצונג אין דער יידישער שפּראַך איז ניט נאָר די באַרייכערונג פון אונדזער דערקענטעניש אין אַ געוויסן צווייג פון דער מענטשלעכער פאַרשונג, נאָר קודם־כל און מער פאַר אַלץ — איינצו־פלאַנצן ליבע און אַכטונג אין די הערצער פון אונדזער לייענענדיקן עולם צו די פּראָדוקטן פון אונדזער אַלט־יידישער שאַפונג.

די ליטעראַטור איז אַ שאַפונגס־צווייג, וואָס איז אַלגעמיין פאַרן גאַנצן פאָלק און דער אינטערעס צו איר קאָן דערוועקט ווערן ביי די גרויסע מאַסן און ניט אין אַ קלענערן גראַד, איידער ביי דעם געלערנטן ספּעציאַליסט.

געוויס וועט דער בקי אין דער מאָדערנער ביבל־וויסנשאַפט נאָך האָבן אַ ספּעציעלע באַפרידיקונג, לייענענדיק ה. שויס׳ אַרבעט און אָפּשאַצנ־דיק מיט וואָס פאַר אַ גענויקייט דער מחבר באַוועגט זיך אין דעם לאַבי־רינט פון איינצעלנע סברות, וועלכע די ביבל־וויסנשאַפט האָט אַרויסגע־בראַכט, און מיט וואָס פאַר אַ געזונטן טאַקט ער מיידט אויס די ראַדיקאַ־

לע עקסטרעמען, וואָס וועלן אפשר ווערן די הערשנדיקע אין דער צוקונפטיקער ביבל־פאָרשונג, אָבער וואָס זיינען נאָך דערווייל צו ווייניק איינגעפונדעוועט, מען זאָל אויף זיי בויען אַ ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכען בנין. דער בקי וועט אויך קאָנען בעסער באַאורטיילן, וואָס פאַר אַ מאַסע אַרבעט עס שטעקט אין די פאָר הונדערט זייטלעך פון אָט־דעם באַנד. אָבער די רייך־עסטעטישע הנאָה פון דעם אינהאַלט, וואָס איז אַזוי רייך באַלויכטן געוואָרן מיט דעם ליכט פון דער טיפערער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, — די הנאָה, וועט קאָנען אַרויסטראָגן יעדער לייענער, אויף וואָס פאַר אַ מדרגה פון ביבל־קענטניש ער זאָל ניט שטיין.

צום סוף נאָך אַ קליינע ברכה דעם ערשטן באַנד אויפן וועג. ניט נאָר זאָל ער פאַרשאַפן דעם מחבר די מעגלעכקייט אָנצוגיין ווייטער מיט זיין אַרבעט; נאָר עס זאָל זיך אים איינגעבן צו דערוועקן דעם וואונטש אין אונדזערע מאַסן נעענטער און בעסער באַקאַנט צו ווערן מיט דעם וועלטבוך, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן באַשאַפן.

דער וואונטש וועט אַרויסרופן פרואוון צו באַפרידיקן אים, ביבל־איבערזעצונגען און ביבל־שטודיען וועלן זיך מערן און — ווער ווייס? אפשר וועט דאָס גרעסטע בוך פון דעם יידישן פאָלק אַרויסרופן אינטערעס צו זיך אויך ביי דעם יידישן פאָלק ניט אין אַ קלענערער מאָס, איידער ביי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון דער מענטשהייט?

1916

וועגן דער איבערזעצונג פון „זאראטוסטרא״

אין אַ בריוו צו אַ סקאַנדינאווישן שריפטשטעלער שרייבט הענריק איבסען: איך מיין, אַז אַ געדיכט דאַרף אַזוי איבערגעזעצט ווערן, אַקוראַט ווי דער מחבר אַליין וואָלט עס געדיכטעט, ווען ער וואָלט געהערט צו דעם פאָלק, פאַר וועלכן עס ווערט געדיכטעט.״

דאָס איז געוויס זייער אַ געזונטער און פאַרנונפטיקער פרינציפ, און דערצו אַ דורך און דורך נאַציאָנאַלער. איך ווייס אָבער ניט, צי ער מעג אין דער איצטיקער צייט זיין דער אַליין־הערשנדיקער אין דער יידישער איבערזעצונגס־קונסט.

דאָס לעבן פון דעם יידישן פאָלק און די געדאַנקען־וועלט פון דעם יידישן פאָלק זיינען אַזוי פאַרשיידן פונעם לעבן און דער געדאַנקען־וועלט פון די מאָדערנע אייראָפייאישע פעלקער, אַז גראָד אין אַ קונסט־ווערק וואָלט די איבערזעצונג אָפט מאָל געמוזט אַזוי וויט אָפּשטיין פון דעם אָריגינאַל, אַז קיינער וואָלט אים ניט געקאָנט דערקענען אין איר.

עס איז דעריבער אין אונדזער ליטעראַטור אַרויסגעוואַקסן אויך אַן אַנדער טענדענץ, — פונקט דער היפּך פון דעם אויבן־דערמאָנטן פרינציפ: איבערזעצן אַן אייראָפייאיש ווערק אַזוי, אַז ניט נאָר דער אייגנאַרטיקער סטיל פון דעם מחבר, נאָר אויך די גאַנצע ניט־יידישע שפראַך־אַטמאָספערע פון דעם ווערק זאָל וואָס גענטער געבראַכט ווערן פאַר די אויגן פון דעם יידישן לייענער.

עס שפּילט דעריבער אַ ראָלע דער באַרעכטיקטער וואונטש, ברייטער צו מאַכן דעם האָריזאָנט פון דער יידישער לייענער־וועלט און אַריינפירן זי אין די שיינקייטן פון אַ פרעמדער שפראַך־ספערע.

אָט־דער פרינציפ איז אָבער פאַרבונדן מיט אַ גרויסער סכנה: עס קאָנען צו לייכט דערביי פאַרלוירן גיין די נאַטירלעכקייט און די אינטי־מיטעט, וואָס דאַרף הערשן צווישן דעם ווערק און די לייענער. מען גע־פינט זיך, ווי אין אַ פרעמדער, זעלטזאַמער לאַנדשאַפט, וואָס קאָן דער־

נאָכוואָרט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי צו זיין איבערזעצונג פון ניטשעס „זאראטוסטרא״, וואָס איז דערשינען אין 1919, אין ניו־יאָרק.

וועקן נאָר די נייגיר זי איין מאָל אָנצוקוקן, אָבער ניט דעם באַגער, זיך צו באַזעצן אין איר, זיך איינצולעבן אין איר, און אַזוי ווי דאָס ווערק ווערט דאָך פאָרט געגעבן אין יידיש, נאָר אין אַ פאַרגויאישטן יידיש, קאָן מען זיך ביים לייענען אָפטמאָל ניט איינהאַלטן פון דער אומבאַוואוסטזיניקער קריטישער באַמערקונג: „ס׳אַ מין לשון דער מענטש רעדט דאָס!״

דער אידעאַל פון אַן איבערזעצונג אין יידיש וואָלט דעריבער געווען אַזאַ: אין דעם פונדאַמענט דאַרף אַוועקגעלייגט ווערן דער איבסענישער פרינציפ — איבערזעצן אַזוי, אקוראט ווי דער מחבר וואָלט דאָס לכתחילה געשריבן אין יידיש פאַר אַ יידישן לייענער, — און האָבנדיק תמיד אין אויג אָט־דעם גרונט־כלל, זיך מיען אַריבערצוטראָגן אין יידיש דעם גאַנצן שפּראַך־אוצר פון דעם אָריגינאַל און דערביי, — אויף וויפל עס לאָזט זיך, אָן געוואַלט, — זען, אַז די איבערזעצונג זאָל מאַכן אויך דעם זעלביקן שפּראַכלעכן איינדרוק, וועלכן דער טעקסט לאָזט איבער ביי דער ניט־יידישער לייענער־וועלט.

אָט צו דעם אידעאַל האָב איך געשטרעבט אין מיין איבערזעצונג פון ניטשעס „זאראטוסטרא״. און אויב אָט־דער אידעאַל איז נאָך ניט דער־גרייכט געוואָרן, זיינען אין דעם שולדיק, נאָך מיין מיינונג נאָך, נאָר פיר אומשטענדן (אויב מען זאָל אַראָפוואַרפן פון חשבון מיין אייגענע פער־זענלעכע פייאיקייט אָדער אומפייאיקייט צו אָט־דעם מין אַרבעט).

קודם איז דאָס, אַזוי צו זאָגן, „דער ערשטער אָפגוס״. רעכנט מען זיך מיט דער אייגנטימלעכקייט און שפּראַכלעכער פיינקייט פון דעם אָריגי־נאַל, מוז מען אפשר אָננעמען, אַז קיין איבערזעצער וואָלט ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַ פולקאָמענע איבערזעצונג גלייך צו דעם ערשטן מאָל. דער רוסישער איבערזעצער, צום ביישפיל, האָט אין משך פון מערערע אויפלאַגעס געאַרבעט אויף דעם ווערק ניט ווייניקער ווי ניין יאָר. צוווייטנס, אָבער קאָן קיין איינצל־מענטש ניט באַזיצן דעם גאַנצן שפּראַך־אוצר פון זיין אייגנטום לשון, און אויך דעם טייל, וואָס ער פאַרמאָגט, קאָן ער ניט האָבן שטענדיק אָנגעגרייט אַ פאַרטיקן אין זכרון. עס האָט שוין מיט מיר ניט איין מאָל פּאַסירט, אַז ווען אַ טייל מאַנוסקריפּט איז שוין געווען אָפּ־געפאַרטיקט מיט אַלעמען צום דרוק, פלעג איך מיך דערמאָנען אָן אַ פּאַסנ־דיקן יידישן וואָרט, וועלכן איך וואָלט געקאָנט אָנווענדן, כדי איבערצו־געבן די ספּעציפישע שאַטירונג פון דעם טעקסט.

די ניט־יידישע איבערזעצער העלפן זיך אין אַזאַ פאַל מיט די צאָל־רייכע ווערטער־ביכער, אין וועלכע די שפּראַך־אוצרות זיינען „עקספּראָ־פּריאירט״ געוואָרן פון די איינצעלנע באַלעבאַטים און „נאַציאָנאַליזירט״

געוואָרן פאַר יעדן איינעם פון דעם פאָלק. מיר האָבן נאָך ניט אַזעלכע ווערטער־ביכער.

דערצו קומט דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דעם „זאראטוסטרא"־סטיל. ער איז געשריבן געוואָרן אויף אַ שטייגער, וואָס דאַרף מאַכן דעם איינדרוק פון אַן אַלט־אָריענטאַלישן, כמעט ביבלישן. ניטשע ווענדט דעריבער זייער זעלטן אָן מאָדערנע ווערטער, אַריבערגענומענע פון דעם אַלוועלטלעכן לאַטייניש און גריכישן שפּראַך־אוצר. זיין ענגלישער איבערזעצער האָט ניט געקוקט דערויף און האָט געשאָטן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט לאַטיינישע און גריכישע אויסדרוקן, וואָס געפינען זיך אין דער מאָדערנער ענגלישער שפּראַך. איך האָב געפילט, אַז אין יידיש וואָלט דערביי אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען דער אַנטיקווירטער סטיל, וואָס קאָן אָפּטמאָלס גאַנץ ריין איבערגעגעבן ווערן נאָר אין יענעם כאַראַקטעריסטישן און רייכן „צאינה וראינה"־לשון, וועלכער איז אונדז, מאָדערנע יידישע שרייבער, ליידער, שוין פרעמד געוואָרן. אויף אַזאַ'ן אופן האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון גאַנצן קוואַל ווערטער און אויסדרוקן, וואָס וואָלטן מיר לייכטער געמאַכט די פּינקטלעכע אַריבערטראָגונג פון דעם געדאַנק.

ועל כולם דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסן, אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון דייטש. עס איז אַ דבר ידוע לכל אנשי שלומינו, אַז די שווערסטע זאַך צו איבערזעצן אין אַ גוטן יידיש, איז — פון דייטש.

דאָס אַלץ ברענג איך אַרויס צוליב דעם, כדי מען זאָל די חטאים פון דער איבערזעצונג, חלילה, ניט וועלן אַרויפוואַרפן אויף אונדזער יידישער שפּראַך, פאַר וועמעס אינעווייניקסטער שיינקייט און רייכקייט עס זיינען נאָך אַזויפיל יידישע אויגן אַזוי פאַרעקשנט בלינד.

אין דעם משך פון דער אַרבעט איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז אונטער אַנדערע אומשטענדן — און אפשר אויך אין בעסערע הענט — וואָלט אַ „זאראטוסטרא"־איבערזעצונג געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען אַ סך אַ גלענצנדערן שפּראַך־רייכטום, איידער דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן, און עס וואָלט דעמאָלט יעדן איינעם געוואָרן קלאָר, אַז דער „קעניגלעכער זאראטוסטרא" וואָלט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען מיט דעם נייעם שפּראַך־מאַנטל, וואָס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף זיינע קעניגלעכע אַקסלען.

די פריידיקע שטונדן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם דיכטערישן דענקער, זיינען אַלעמאָל נאָך פאַרשיינט געוואָרן דורך דעם תענוג פון מיין ליבע צו אונדזער לשון און דעם געשטאַרקטן גלויבן אין דער באַרוישנדיק־גלענצנדער צוקונפט, וואָס וואַרט אויף אים, אויב עס זאָל זיך אונדז

איינגעבן, צו באַוואָרענען אים מיט יענע „עקזיסטענץ־מיטלען״, וואָס זיינען נויטיק פאַר אַ שפּראַך: אַן אייגן לאַנד און די ליבע פון פאָלק.

וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פון דעם זאַראַטוסטראַ־בוך, איז דאָ אַ סך וואָס צו ריידן וועגן דעם. בשום אופן ניט מיט אַלץ קאָן מען מסכים זיין ביי ניטשען. אַ סך פּסולת פון אונדזער קולטור האָט זיין פייער־גייסט אויסגעברענט, אָבער זיין פייער האָט אויך געוואָלט פאַרכאַפּן אַזוינס, וואָס געהערט בשום אופן ניט צו די פּסולת, נאָר דווקא צו די העכסטע אוצרות פון דער נייער מענטשלעכער קולטור, ווי צום ביישפּיל, דער סאָציאַליזם, דער רחמנות־געפיל און די ליבע צו דעם מענטשן. פון אַן אַנדערער זייט האָט ער געלאָזן אומבאַרירט אַזעלכע — זאָל ער מיר מוחל זיין — באַר־באַרישע אידעאַלן, ווי פיזישער קריג און די הערשאַפט פון אַ העכערער קאַסטע, אַ „נייער״ אַריסטאָקראַטיע.

אין „זאַראַטוסטראַ״ איז דאָ גענוג געדאַנקען־מאַטעריאַל, מיט וועלכן מען קאָן פאַרריכטן זיינע ביידע טעותן. עס איז אָבער ניט דאָ דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם באריכות.

על־כל־פּנים, קאָן קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז ניטשעס פילאָסאָפישע פּאָעמע: „זאַראַטוסטראַ״ געהערט צו יענע ווערק פון דעם מאָדערנעם ראַ־דיקאַלן געדאַנק, וואָס טאָרן ניט פעלן אין קיין מאָדערנער ליטעראַטור.

1919

פאַרוואָס אַנטלויפט די יוגנט פון פאָלק?

(וועגן דער דראַמע „געטאָ“ פון הערמאַן הייערמאַנס *)

הייערמאַנס „געטאָ“ איז זיכער ניט דאָס בעסטע ווערק פון דעם באַרימטן האָלענדישן דראַמאַטורג און נאָוועליסט. פון אַ ריין־קינסטלערישן שטאַנדפונקט קאָן אָט דאָס ווערק, מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט און זיך קונה שם געווען ווי אַ דראַמאַטורג, זיך גאָר ניט פאַרגלייכן מיט זיינע שפּעטערע מייסטערווערק, ווי צ. ב. „די האָפענונג“.

אָבער גראָד פאַר אונדז יידן — און אין דער איצטיקער צייט — האָט „דאָס געטאָ“ אַ באַזונדערן אינטערעס. די דראַמע גיט אונדז אַן אַריינבליק אין יענער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט געטריבן די האָלענדיש־יידישע בעסערע יוגנט צו פאַרלאָזן איר פאָלק און צוצושטיין צו דעם האָלענדישן סאָציאַליזם. דאָס איז זיכער אַ וויכטיקער מאָמענט פאַר דעם אויפקום פון די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן ביי דער סאָציאַליסטישער יידישער יוגנט פון מערב־אייראָפּע.

יידער זיינען ניט אַלע פיגורן אַרויסגעקומען גלייך לעבנס־געטריי. פאַרדראָסיקער פאַר אַלץ איז, וואָס גראָד די צוויי הויפּט־העלדן פון דער דראַמע זיינען אַרויסגעקומען ווייניקער בוילעט פון אַלע אַנדערע פּערסאָנאַזשן: דער יונגער ייד, רפאל, און די קריסטלעכע „שיקסע“, ראָזע, וואָס דינט אין זיין פאָטערס הויז.

רפאלס לאַנגע מאָנאָלאָגן כאַראַקטעריזירן זיינע איבערצייגונגען, — אמת, אויפריכטיקע, אויסגעליטענע און אַרויסגעטראָגענע פון דער לעבנס־דערפאַרונג, אָבער זיי שילדערן אים ניט ווי אַ מענטשן. ראָזע האָט אַפילו ניט קיין לאַנגע מאָנאָלאָגן, און אַלץ, וואָס מ׳קאָן זאָגן וועגן איר, ווי וועגן אַ מענטשן, איז דאָס, אַז זי איז — אַ וואויל מיידל, און מער גאָרנישט. אויב אונדזער ציל וואָלט געווען צו שרייבן וועגן „געטאָ“ אויסשליסלעך פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט, וואָלט אונדז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך

*) דער אַרטיקל איז געווען צוערשט געדרוקט אין רוסיש, אין „וואָסכאָד“ פונעם יאָר 1904. זי איז אין 1939 אָנגעשריבן פונדאָסניי דורך ח. זשיטלאָווסקי מיט קירצונגען און ־נייטיקע ענדערונגען.

אויף רפאלן ווייניקער פון אַלעמען. אין דער אמתן אָבער מוז מען ווענדן דעם אויפמערק פון לעזער גראָד אויף רפאלן און זיינע מיינונגען, ווייל אין רפאלס מאָנאָלאָגן שטעקט דער אידייאישער זין פון דער גאַנצער דראַמע: דער קאָנפליקט צווישן דער אַלטער יידישער וועלט, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין די שאַבלאָנישע פאָרמען, צוגעפּאַסט צום קליינבירגערלעכן לעבן אין גלות, און צווישן דעם יידישן יונגן דור, וואָס רייסט זיך פון די ענגע ראַמען פון „געטאָ“ אין דער פרייער וועלט אַריין, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם באַגייסטערטן בליק, — אַנטפּלעקט זיך ניט אין דער היינטיקער קריסטלעכער קולטור, נאָר אין יענער נייער סאָציאַליסטישער אָרדענונג און אין יענער נייער אידייאישער ספערע, וואָס מוז, לויט דער מיינונג פון די בעסטע מענטשן פון אַלע איראָפּייאישע פעלקער, אָנקומען אויפן אָרט פון דער איצטיקער איראָפּייאישער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט שוין אויסגעלעבט איר פּאָזיטיוון אינהאַלט. דער דאָזיקער קאָנפליקט איז ניט קיין ספּעציפישע באַזונדערקייט פון האָלענדישן יידנטום. ער איז פאַראַן איצט אומעטום, וואו עס האָט זיך איינגעהיט אַ יידיש לעבן און וואו די אויפקלערונג האָט דורכגעבראָכן ניט אין די ריס אין די דיקע מויערן, וואָס דאָס מיטלאַלטערלעכע יידנטום האָט זיך מיט זיי אָפּגעצאַמט פון דער פרעמדער קולטורעלער השפעה.

מ׳וואָלט אַפילו געקאָנט מיינען, אַז דווקא האָלאַנד וואָלט געדאַרפט אויסגעמיטן ווערן פון אַזאַ מין קאָנפליקט אין יידישן לעבן. סך־הכל זיינען יידן אין האָלאַנד פאַראַן עפּעס קרוב צו הונדערט טויזנט נפשות אָדער עפּעס מער; זיי זיינען אויסגעגלייכט אין די רעכט מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג שוין לאַנג; דער עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס פונעם האָלענדישן יידנטום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך פאַר־ענדיקט נאָך אין די צענער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ס׳וואָלט געקאָנט דוכטן, אַז וועגן אַ וואָסער עס איז „געטאָ“ אין האָלאַנד וואָלט גאָר אַפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין. און אויב מ׳זאָל אונטערן וואָרט „געטאָ“ פאַרשטיין אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן, דעמאָלט איז קיין אויסערלעך, רעכטלעך „געטאָ“ אין האָלאַנד באמת מער ניטאָ. און ווען רפאל זאָגט אין זיין שמועס מיטן רב העזר: „איך פיל, אַז מיר מוזן אויפרייסן אונדזער ‚געטאָ‘,“ — האָט דער רב פון ריין־רעכטלעכן שטאַנדפּונקט געהאַט דאָס פולע רעכט אָפּצופרעגן: „געטאָ? געטאָ? כאַ־כאַ־כאַ! איר האָט גע־הערט? וואו איז דאָס אָט דאָס געטאָ? מיר לעבן מער ניט אין קיין געטאָ, נאַרישער מענטש!... וואו געפינסטו אין אונדזער לאַנד אַ געטאָ? צי דען פאַרווערט מען דיר צו פאָרן, וואוהין דו ווילסט? צי דען ביסטו ניט

פונקט אַזאַ בירגער, ווי אַלע אַנדערע? צי דען פאַרנעמען יידן ניט די העכסטע פּאָסטנס? (מיט באַטאָנונג): צי דען ווערן יידן ניט צוגעלאָזן מיטן געהעריקן כבוד צום קיניגלעכן הויף? וואָס ווילסטו מיט דיין געטאָ?" — און די אַלטע מומע אסתר, וואָס איז געווען ביי דעם שמועס, איז פון זעלביקן שטאַנדפּונקט אויך, אָן ספק, געווען גערעכט, ווען זי האָט אַריינגעשטעלט איר באַמערקונג: „ער רעדט ווי אַ קינד. פולשטענדיקער שטות. ער רעדט ווי אַן אַנטיסעמיט — די יידן מאַכן היינט־צו־טאָג אַליין דעם גרעסטן רשעות."

און פּאָרט איז רפאל געווען פולקום גערעכט, ווען ער האָט געענטפערט: „געטאָ?... די טויערן זיינען אומגעוואָרפן, די ווענט אַראָפּגעטראָגן, — אָבער די גריבער זיינען פאַרבליבן, די גריבער פון אונדזער שנאה און פון זייער שנאה."

אין זיין דראַמע שילדערט אונדז הייערמאַנס ניט „זייער" שנאה און נאָר טיילוויז דירט ער אָן „אונדזערע", און אויך דאָס — ביי אַזעלכע אומשטאַנדן, וואָס נעמען ביי איר אָפּ די גאַנצע ספּעציפישע באַדייטונג פון דעם יידנס שנאה צום „גוי". פונדעסטוועגן גלייבן מיר רפאלן אויפן וואָרט. די דאָזיקע „גריבער" זיינען נאָך פאַרבליבן. זיי זיינען פאַרבליבן אַפילו אין האָלאַנד, וואו די יידן האָבן דערגרייכט צו אַזאַ גלענצנדער אויסערלעכער לאַגע. און דאָס וואָס הייערמאַנס שילדערט אונדז פון לעבן פון דער יידישער סביבה ווייזט, אַז אויך אין האָלאַנד האָט די אויסערלעכע רעכטלעכע עמאַנציפּאַציע פון יידן ניט געקאָנט ענדערן די ספּעציפישיידישע קליינבירגערלעכע יסודות פון לעבן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן יידישן פאָלק אין גלות, אַלץ־איינס וואו אים איז נאָר אויסגעקומען צו לעבן. אַז מען לייענט די שילדערונגען פון לעבן אין געטאָ, דוכט זיך, אַז מען טראָגט זיך אַריבער קיין אַמאָליקן בערדיטשעוו אָדער ווילנע: אַזוי איז דאָרטן, ביים עמאַנציפּירטן האָלענדישן יידנטום, אַלץ פאַרבליבן ניט גערירט.

אָבער „אונדזער" שנאה און „זייערע" זיינען ניט די איינציקע סימנים פון דעם אינעווייניקסטן יידישן געטאָ, צום אונטערשייד פון אויסנווייניקסטן, וואָס איז שוין געווען געפאַלן אין מערב־אייראָפּע און וואָס איז גראָד אין אונדזערע טעג ווידער אויפגעלעבט געוואָרן אין אַ מאָוימדיקער מאָס אין צענטראַל־אייראָפּע און אין איטאַליע. די אָפּשאַפונג פון רעכטלעכן געטאָ אין האָלאַנד האָט ניט בטל געמאַכט זיינע אָפּגעשטאַנענע קולטור־יסודות. די קינסטלערישע שילדערונג פון די דאָזיקע קולטור־יסודות און דער קאָנפליקט, וואָס וואַקסט אויס אויף זייער גרונט צווישן

דעם אַלטן און דעם יונגן דור, בילדן דעם הויפּט־אינהאַלט פֿון הייערמאַנס דראַמע.

די אַקציע קומט פֿאָר אין הויז פֿון אַ בלינדן זקן, זאַכעל, וואָס האַנדלט מיט אַלטע קליידער, שמאַטעס און אָפּפֿאַלן פֿון דער וועב־פּראָדוקציע. מיט דער פֿאָרשטעלונג וועגן דעם דאָזיקן האַנדלס־צווייג איז אין אונדזער גייסט פֿאַרבונדן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן שטאַרקער אָרעמקייט. אָבער זאַכעל איז זייער אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש, און אַלע אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דעם דאָזיקן „געשעפֿט", וואָס טרעטן אַרויס אין דער דראַמע אָדער וואָס ווערן אין איר דערמאָנט, ווערן אויך געשילדערט ווי פֿאַרמעגלעכע מענטשן, — גראָד ווי אַ סך שמאַטע־הענדלערס ביי אונדז אין אַמעריקע. אין מערבֿ־אייראָפּע איז אַזאַ דערשיינונג אין דער אמתן ניט געווען קיין זעלטנהייט. פֿאַראַן אַפֿילו אַזעלכע יידישע פֿירמעס (ווי, למשל, אַ אונדז פּערזענלעך באַקאַנטע פֿירמע אין באַזעל), וואָס האָבן פֿון „שמאַטעס" אָנגעלעבט מיליאָנען.

זאַכעל האָט אַ זון, רפֿאל, וואָס איז שוין דערצויגן אין אַ קריסטלעכער שול, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאַרטוכלעטער אַטמאָספֿערע פֿונעם אַרומיקן לעבן און האָט, פֿאַרשטייט זיך, אין גאַנצן אָפּגעשלאָגן זיך פֿון האַנדל. און אָט אין דעם זעלביקן אָוונט, ווען עס הייבט זיך אָן די האַנדלונג, קומט צו זאַכעלן אַ סוחר, אהרן, פֿאָרלייגן אים אַ פֿאַרטיע אָפּפֿאַל פֿון וואָל און — אין דער זעלביקער צייט — זיין טאָכטער רבקה פֿאַר אַ כּלה פֿאַר רפֿאלן; דאָ האָבן זאַכעל און זיין שוועסטער אסתּר די געלעגנהייט צו באַקלאָגן זיך פֿאַר אהרנען אויף דעם יונגנמאַן.

די סצענע, וואו עס ווערן געפֿירט די דאָזיקע צוויי געשעפֿטן, געהערט צו די בעסטע סצענעס אין דער גאַנצער פּיעסע, הגם זי איז היפּש צעצויגן. אַלע אָנטיילנעמער זיינען מודה, אַז דער שידוך מיט רבקהן וואָלט פֿאַר רפֿאלן געווען אַ ישועה. אָבער דער „האַנדל" דערגייט דאָס מאָל פֿונדעסטוועגן ניט צו קיין גליקלעכן סוף. דער גאַליקער און פֿאַר'עקשנטער זאַכעל גיט פֿאַר הונדערט קילאָ ניט מער ווי צו צוויי גולדן און פֿאַרלאַנגט 5,000 גולדן נדן פֿאַר זיין זון, בעת אהרן קאָן אָפּגעבן די וואָל ניט פֿאַר ווייניקער, ווי צו דריי גולדן, און רבקהן קאָן ער געבן ניט מער ווי 3,000 גולדן נדן.

דער שמועס מיט רפֿאלן, וואָס מעלדעט דעם פֿאָטער, אַז ער האָט בדעה אויף אַלעמאָל צו פֿאַרלאָזן זיין עלטערן־הויז, באַוועגט זאַכעלן צו ווערן נאָכגיביקער צו אהרנען און צוצואיילן מיט דער חתונה. וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט רפֿאלס באַשלוס אַוועקצוגיין פֿון עלטערן־הויז? פֿאַר

אַ מאָטיוו פון זיין באַשלוס האָט רפאל אין שמועס מיטן פאָטער אַרויס־געשטעלט דאָס, וואָס זאַכעל פלעגט אין האַנדל אָנווענדן אומערלעכע גענג. כאָטש סיי זאַכעלן, סיי זיין שוועסטער זיינען אויסגעקומען ווילד די דאָזיקע טענות קעגן דער האַנדלס־פּראַקטיק, וואָס איז אָנגענומען אומעטום און איינגעשטעלט זינט יאָרהונדערטער, באַשליסט זאַכעל פאָרט אָפּצוזאָגן זיך אויף ווייטער פון אַזעלכע גענג. זאַכעל באַשליסט צו פאַרבעטן צו זיך דעם רב העזר, בכדי יענער זאָל אַרויסשלאָגן דעם שטות פון יונגנמאַנס קאָפּ און אים אַרויפפירן אויפן דרך הישר.

בעת דעם שמועס מיטן רב און מיטן פאָטער האָט רפאל אויסגעזאָגט, וואָס איז די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס ער מוז אַוועקגיין פון דער פאַמיליע: ער האָט ליב אַ קריסטלעך מיידל, יענע אייגענע ראָזע, וואָס דינט אין זאַכעלס הויז. זאַכעל האָט מיט דער שפּירעוודיקייט פון אַ בלינדן שוין לאַנג געהאַט אַ חשד, אַז צווישן רפאלן און ראָזען קומט פאָר עפּעס ניט קיין פיינער עסק, און דעריבער האָט ער נאָך אַפריער באַזאָרגט, מ׳זאָל ראָזען אַוועקשיקן ערגעץ מיט עפּעס אַ שליחות, בכדי זי זאָל ניט זיין אין שטוב בעת דעם שמועס מיט רפאלן. פונדעסטוועגן ווירקט אויף אים די דאָזיקע ידיעה, ווי אַ דונער, און רייסט אַרויס פון זיינע ליפּן קודם־כל אַ קללה דעם זון. אָבער זאַכעל האָט צופיל ליב דעם זון, און אַז רפאל איז אַוועקגעגאַנגען זוכן ראָזען און קערט זיך לאַנג ניט אום צוריק, האָט דער פאָטער מורא בלויז פאַר איין זאַך: צי איז רפאל ניט אַוועק שוין אויף אַלעמאָל. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז ווען אהרן האָט זיך דערוואוסט פון זיין טאָכטער וועגן רפאלס ליבע צו ראָזען און קומט צום אַלטן מיט טענות און תביעות און פאַרלאַנגט, ער זאָל ווי עס איז אויסגלעטן דעם ענין, גייט תיכף זאַכעל אַריבער אויפן צד פון זון: ער פאַררופט זיך דערויף, וואָס קיין שום פאָרמעלע תנאים איז צווישן אים און אהרנען נאָך ניט געווען, און ער מעלדעט שטאָלץ, אַז ער וועט ניט צווינגען זיין זון חתונה צו האָבן מיט רבקהן. פונדעסטוועגן, ווען אהרן און די מומע אסתר פּלאַנעווען אויסצוקויפן רפאלן ביי ראָזען פאַר אַ פּאָר הונדערט גולדן, גיט זיי זאַכעל די פולע פרייהייט צו טאָן וואָס זיי קאָנען. אגב, גלייבט ער ניט, אַז זיי וועלן עפּעס פועלן, און אַליין וויל ער זיך ניט באַטייליקן אין דער זאַך. באַלד נאָכדעם, ווי זאַכעל איז אַוועקגעגאַנגען, קערט זיך ראָזע אום צוריק. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז זי האָט מיט פאַראַכטונג און צאָרן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, וואָס מ׳האָט איר געמאַכט. אָבער אהרנען און אסתרן, וואָס האָבן געשפּילט „וואַבאַנק“, האָט פונדעסטוועגן אָפּגעגאָלטן צו פאַרוואַרפן אין איר נשמה אַ ספק אין רפאלס ליבע צו איר, און אַ

טיפער יאוש האָט אַרומגענומען איר נשמה ביים געדאַנק, אַז די געשיכטע פון איר ליבע מיט רפאלן איז געווען אַ פּשוטע טאָג־טעגלעכע געשיכטע: אַ שטיפעריי פון אַ יונגן באַלעבאַטישן זונדל מיט אַ דינסט־מיידל. עס איז אויך ביי איר דערוועקט געוואָרן דער חשד, צי דער פאַרשלאָג פון אסתרן און אהרנען איז ניט אין דער אמתן — ווי זיי האָבן פאַרזיכערט, גאָר געמאַכט געוואָרן פון רפאלן אַליין.

אין איר יאוש ווענדט זי זיך צו זאַכעלן און בעט אים רחמים, ער זאָל איר זאָגן דעם אמת, ווייל זי ווייס, אַז זאַכעל וועט ניט זאָגן קיין ליגן. עס שפּילט זיך אָפּ אַ סצענע פול טראַגיזם, און זי ענדיקט זיך דערמיט, וואָס ראָזע וואַרפט זיך אַריין אין וואַסער און דער בלינדער זאַכעל לויפט ראַטעווען זי.

ראָזען שלעפּט מען אַרויס, און אַז רפאל קערט זיך אום צוריק, געפינט ער דעם טויטן קערפּער פון זיין געליבטער.

מיט שרעקלעכע באַשולדיקונגען קעגן דעם אייגענעם פאָטער און דער גאַנצער אַלטער יידישער וועלט, פאַרלאָזט ער די יידישע גאַס, בכדי אָפּצוגעבן זיך מיט אויספירן „די גרויסע התחייבותן, וואָס גאָט האָט אַרויפ־געלייגט אויפן מענטשן, דער גאָט, וואָס איר קענט אים ניט, ניט איר און ניט די קריסטן".

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דער דראַמע. די קריטיק האָט צווישן אַנדערע זאַכן אָנגעוויזן, אַז דער מחבר האָט געמאַכט אַ פעלער, וואָס דער זעלבסטמאָרד איז דאָ אַ פּועל־יוצא פון אַ ריינעם צופאַל. אין דער אמתן, אויב רפאל וואָלט געקומען אַהיים מיט איינע צען מינוטן פריער, וואָלט אפשר קיין שום דראַמע ניט געווען, און עס וואָלט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אידיליע פון אַ חתונה פון רפאלן מיט ראָזען און פון אַ שלום צווישן זאַכעלן און דער יונגער פּאָר. אין דער דראַמע גופא זיינען ניטאָ קיין שום עלעמענטן, וואָס זאָלן מאַכן דעם דאָזיקן אויסגאַנג אַבסאָלוט אוממעגלעך. זאַכעל האָט ליב דעם זון אָן אַ שיעור, איז גרייט פאַר אים אויף אַלע מעגלעכע קרבנות, און אויב רפאל זאָל זיך ניט איינשפּאַרן אויף זיין פּרינ־ציפּ פון אַ וועלטלעכער חתונה, וואָלט ער געקאָנט אין דעם פּרט מאַכן אַ הנחה דעם אַלטן פאָטער, וואָלט געקאָנט דערלויבן זיין ראָזען זיך מגייר צו זיין, וואָס קעגן דער דאָזיקער רעליגיעזער צערעמאָניע האָבן גאָרנישט ניט זי, ניט די האָלענדישע געזעצגעבונג. אויף אַזאַ אופן וואָלט די זאַך זיך געקאָנט פאַרענדיקן מיט אַ גליקלעכער „געמישטער חתונה", מיט אָט דעם אידעאַל פון אַלע אַסימילאַטאָרן אויף דער און אויף יענער זייט ים.

אָבער אַ פשוטער צופאַל האָט ערגעץ פאַרהאַלטן רפאלן אויף איבעריקע צען מינוט, און דאָס אָרעמע מיידל האָט אין אַן אָנפאַל פון יאוש גענומען זיך דאָס לעבן...

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אַ צופאַל שפּילט אין לעבן אַ פיל גרעסערע ראָלע, איידער מ׳מיינט געוויינלעך. ס׳רוב טראַגישע אויסגאַנגען, דאַרף מען רעכענען, נעמען זיך פון אַ ניט־פאַראויסגעזעענעם, לגמרי צופעליקן צוזאַמענטרעף פון אומשטענדן. אַ וואָסער עס איז אומפאַרזיכטיק־געוואָרפן וואָרט קאָן אין אַ קריטישן מאָמענט ווערן אַ דירעקטע סיבה פון דער שרעקלעכסטער טראַגעדיע.

דינער פאָדעם רייסט זיך. פאַר אַ כלי פון אַ ניט־סטאַבילן גלאָז איז גענוג דער קלענסטער ראַץ מיט אַ שאַרפן שטיין, זי זאָל זיך צעפּליען אין פיץ־פיצלעך. ווען די אומשטענדן גרייטן צו אַ לעבנס־קריזיס, ווען דער מצב ווערט לחלוטין אומזיכער, דעמאָלט קאָן די ראָלע פון אַ שאַרפן שטיינדל שפּילן אַלץ: אַ צופעליק־אָנגעשריבענער אַדרעס, אַ קנעפּל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן ניט אין דער צייט. אַזוי קומט עס גראָד אָפּט פאָר אין לעבן, אָבער די דאָזיקע צופאַלן שפּילן קיינמאָל ניט און קאָנען ניט שפּילן די ראָלע פון אַ סיבה אין אַ טראַגעדיע, וואָס ווערט געשפּילט. ביי אַ נאָרמאַלן לעבן, ביי לאַגעס מיט אַ שטאַנדהאַפטיקן גלייכוואָג ווערן זיי לגמרי ניט באַמערקט, ווייל זיי ווערן באַלד נייטראַליזירט דורך טויזנט אַנטקעגנדיקע צופאַלן אָדער זיי ווערן אַנולירט דורכן געזונטן נאַטירלעכן גאַנג פון לעבן. און אַפילו די מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע געשעענישן, וואָס שטעלן אין סכנה די גאַנצקייט און שטאַנדהאַפטיקייט פון דער לאַגע, געפינען זייער קעגנוואָג אין דער „וויס מעדיאַטריקס נאַטורע״, וואָס ווייזט אַרויס איר מאַכט ניט בלויז אין ביאָלאָגישן אָרגאַניזם, נאָר אויך אין די אָדער יענע איינגעשטעלטע אָרדענונגען פון לעבן און פון מענטשלעכע פאַרהעלטענישן. נאָר ווען די דאָזיקע „וויס מעדיאַטריקס״ ווערט אונטערגעגראָבן אָדער שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ווען דער איינגעשטעלטער אָרגאַניזם פון צווישנמענטשלעכע פאַרהעלטענישן איז נאָענט צום פאַנאַנדערפאַל, — נאָר דעמאָלט פאַלט אויס אויף דעם צופאַל די שליחות פון דעם גורל — צו רעאַליזירן דאָס, וואָס איז צוגעגרייט דורך דעם צונויפטרעף פון רעאַלע אומשטענדן, טיף־פאַרוואָרצלטע אין די אַל־געמיינע געזעצן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט איז אויך ראָזעס טויט גופא, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ צופאַל, אַליין אויך ניט מער ווי אַ צופאַל,

וואָס האָט רעאַליזירט רפאלס איבערדרייס מיט דער יידישער סביבה און מיט דער גאַנצער יידישקייט, — אַן איבערדרייס, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אַלע אומשטענדן. די דאָזיקע אומשטענדן זיינען אין לעצטן גרונט דער אַלוועלטלעכער פּראָגרעס און יענע היסטאָרישע סיבות, וואָס געוועלטיקן איבערן לעבן פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן גורם געווען דערצו, אַז ווי אַ פאָלק האָבן מיר אַ לאַנגע צייט זיך ניט געקאָנט באַטייליקן אין דער וועלט־היסטאָרישער באַוועגונג פון דער מענטשהייט, און וואָס עד היום זיינען מיר נאָך ניט אין דער לאַגע צו טאָן דאָס אויף אַ נאָרמאַלן אופן, ווי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער פון דער וועלט.

ביים פּאַרטיידיקן זיין נאַציאָנאַלן קיום האָט דאָס יידישע פאָלק זיך איינגעשלאָסן אין דער ענגער אַטמאָספערע פון דער תלמודיש־רבניסטישער געזעצגעבונג, וואו ס׳האָבן געמוזט פאַרוועלקט און אַטראָפירט ווערן אויך יענע ליכטיקע געזונטע יסודות פון די יידישע נביאים, וואָס האָבן געגעבן דעם יידישן פאָלק דאָס רעכט צו רעכענען זיך פאַר דעם ערשטן צווישן אַנדערע פעלקער, פאַר דעם ערשטן לויט די סאָציאַל־עטישע יסודות פון זיין לעבן און לויט די לעבנס־אידעאַלן ביי זיינע בעסטע קינדער. אין דער אַטמאָספערע פון אַ קינסטלעכער געזעצגעבונג, וואָס האָט געהאַט בלויז איין הויפּט־צוועק — אָפּצוצאַמען יידן פון ניט־יידן, האָט די פּערזענלעכקייט פון אַ יידן, וואָס האָט ניט אָנגעוואָרן די שטרעבונג צו לופט און ליכט, געשטיקט זיך אָן אַן אָטעם, און דאָס יידישע פאָלק האָט היפּש דעגענערירט סיי פיזיש און סיי מאָראַליש.

אין דער זעלביקער צייט האָבן די פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט, נאָך לאַנגע אָנשטרענגונגען אַרויסגעקליבן זיך אויף אַ ליכטיקן און רחבותדיקן וועג. דער אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנער פעלקער־קרייז האָט אַריינגעאַרבעט אין זיין קולטור הן די אידייען פון די נביאים, הן דעם גאַנצן ציקל געפילן, געדאַנקען און בילדער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קריסטנטום, הן די גאַנצע אינטעלעקטועלע און עסטעטישע אַטמאָספערע פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, הן די גאַנצע פּאָעזיע פון די האַלב־באַרבאַרישע אייראָפּייאישע פעלקער. אַז זי האָט אויפגעוואַכט נאָכן מיטל־אַלטער, האָט זי געלייגט אַ יסוד פאַר אַ נייער, אַ וועלטלעכער ציוויליזאַציע, וואו די וויסנשאַפט געוועלטיקט איבער די אומדערוויזענע און פאַנטאַסטישע גלויבונגען, וואו שכלדיקע מאָראַל, וואָס שעפּט אירע געבאָטן פון די נאַטירלעכע פאָדערונגען פון דער אויטאָנאָמער פּערזענלעכקייט, דאַרף געוועלטיקן איבער די דאָגמעס, פאַרהיילִיקט דורך אויסגעוויינקסטער אויטאָריטעט; דאָס טעכנישע אויסנוצן די נאַטור צוליב די צוועקן פון מענטשלעכן

לעבן האָט באַקומען די אויבערהאַנט איבער פאַסיווער אונטערטעניקייט פאַר די „געבאָטן פון גורל"; וואו דאָס פאָעטישע געפיל געוועלטיקט איבער דער גראָבער און טרוקענער אויסרעכענונג. די דאָזיקע נייע ציוויליזאַציע האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן פאַר אַזעלכע סאָציאַליסטישע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זאָלן עפענען אַ רחבותדיקן פלאַץ אויף אַרויסצואווייזן און צו אַנטוויקלען אָן שום מניעות אַלע כוחות און פייאיקייטן, וואָס זייַנען באַהאַלטן אין מענטשן. דאָס אַלץ האָט דער אייראָפייאיש־אַמעריקאַנישער קולטור־קרייז געשטרעבט דורכצופירן אין זיין לעבן... ביז צו דער איצטיקער מאוימדיקער רעאַקציע, וואָס שלעפט די פראָגרעסיווע וועלט ווידער צו דעם טיפסטן מיטלאַלטער...

אין דער דאָזיקער גאַנצער שטאַרק־קאָמפּליצירטער און פרוכפערדיקער פראָגרעסיווער אַרבעט פון דער אייראָפייאישער מענטשהייט האָבן יידן, ווי אַ פאָלק, זיך ניט באַטייליקט און ניט געקאָנט באַטייליקן. ווי אַ פאָלק זייַנען זיי פאַרבליבן פרעמד די גייסטיקע רייכטימער פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, פון קריסטלעכן אידייען־ און השגות־קרייז. עס איז זיי געבליבן פרעמד די פאַרקריסטלעכטע קולטור פון די אייראָפייאישע פעלקער און דער מעכטיקער קאַמף פון געדאַנק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער תקופה פון רענעסאַנס און וואָס האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעבראַכט די יסודות פון אַ פראָגרעסיווער ציוויליזאַציע מיט אירע גרויסע פראָבלעמען פון געדאַנק און לעבן.

איז דען אַ חידוש, וואָס די יידישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אַזוי צי אַנדערש אַרויסגעריסן פון אונטער דער מאַכט פון דער ספּעציפיש־יידישער גייסטיקער אַטמאָספערע און וואָס איז פאַרכאַפט געוואָרן פון אַלגעמיינעם שטראָם פון דער אייראָפייאישער ציוויליזאַציע, — איז דען אַ חידוש, וואָס זי האָט אויף יעדן טריט געמוזט אַרייַנטרעטן אין אַ קאָנפליקט מיט איר היימישער סביבה? וואָס איז דער וואונדער, וואָס זי האָט געשטרעבט זיך לגמרי אָפּצורייסן פון איר אייגענעם פאָלק? אַנדערש וואָלט געווען, ווען פאַר דער דאָזיקער פערזענלעכקייט וואָלט געשטאַנען קלאָר די מעגלעכקייט צו באַהעפטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט דער אַלגעמיין־אייראָפייאישער קולטור, ניט ווי איינצלנע מענטשן, נאָר ווי אַ גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס טרעט אַריין אין אַ גלייכבאַרעכטיקטער קעגנזייטיקער ווירקונג מיט די אַנדערע פעלקער אויפן וועג פון אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג. אָבער די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָבן זיך דאָך גענומען אַנטפּלעקן פאַר דער יידישער פראָגרעסיווער יוגנט ערשט אין דער סאַמע לעצטער צייט.

הייערמאַנס גאַנצע דראַמע איז געבויט אויף אָט דעם קאָנפליקט צווישן דער יוגנט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די צוואַנגען פון דער יידישער קליינבירגערלעכער וועלט און אַנגעשלאָסן זיך אָן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון איין זייט, און צווישן דער פאַרגליווערטער יידישקייט פון דער אַנדערער.

שוין די ערשטע באַגעגעניש רפאלס מיטן פאָטער אין ערשטן אַקט דעקט אויף פאַר אונדז, לויט איין נישטיקער קלייניקייט, דעם גאַנצן תהום, וואָס איז פאַראַן צווישן די „פאָטערס" און די „קינדער". רפאל, וואָס האָט קנאַפּ־וואָס געזאָרגט וועגן „געשעפט", האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויפן קבר פון דער מוטער און געבראַכט אַהיים פון דאָרטן — בלימעלעך! דער פאָטער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן אויף דעם דיל, ווי עפּעס אַ מיאוסע זאַך, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַ מענטשן אַ בר־דעת. דער איינזייטיקער אינטעלעקטואַליזם פון תלמוד און דאָס פינצטערע לעבן אין גלות האָבן דערוויטערט די יידן פון דער נאַטור, און זיי האָבן אויפגעהערט „פילן גאָט אין דער ליכטיקייט פון דער זון, אין דעם ריח־ניחוח פון טאָג, אין דעם טוי פון פעלד, אין גלאַנץ פון וואַסער, אין די בלימלעך אויפן קבר פון מיין מוטער", — ווי רפאל קלאָגט זיך. „פאָטער, דו האָסט זיי אַוועק־געוואָרפן אויף דעם דיל, אָט די אַלע בלימלעך, די פאַרגעסמיכנים און מאַרגעריטקעס! אַוועקגעוואָרפן אַהין, אין שטויב פון דיינע שמאַטעס!" — זאָגט ער מיט פאַרוואורף צום פאָטער. די „בלימלעך" זיינען זיכער אַ קלייניקייט, אָבער רפאלס און זאַכעלס באַציאונג צו זיי סימבאָליזירט צוויי פאַרשיידענע וועלטן, — צוויי רעליגיעזע וועלט־באַנעמען: דעם וועלט־באַנעם פון אַ טראַנסצענדענטן יענע־וועלטיקן גאָט, וואָס איז פרעמד דער וועלט און איר שיינקייט, און דעם וועלט־באַנעם פון שפינאָזען און זיין גאָט, וואָס איז גלייך דער נאַטור און איז ניט אָפּצוטיילן פון איר.

זאַכעל, וואָס וואַרפט אַריין די בלימלעך אין שטויב פון זיינע שמאַטעס, איז אַ דירעקטער איינקל פון יענע אַמסטערדאַמער רבנים, וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן שפינאָזען פון דער יידישער סביבה פאַר זיין האַלטן, אַז גאָט און וועלט זיינען איינס. אָבער זאַכעל איז אין דעם דאָזיקן פרט, ווי כמעט אין אַלע אַנדערע פרטים, אַ טיפּישער פאָרשטייער ניט בלויז פון די אַמסטערדאַמער, נאָר אויך פון אַ קאָלאָסאַלן סך אַנדערע יידן, וואָס די גאַנצע נשמה זייערע איז דורכגעזאַפּט מיט אינטעלעקטואַליזם און אוטילי־טאַריזם, וואָס די גראָבע זאָרג וועגן עולם הזה און עולם הבא — אָט דאָס איבערטרייסלען די אַלטע, כמעט שוין צעפוילטע שמאַטעס, — איז פאַר זיי נאָך עד היום דער איינציק־שכלדיקער ציל פון לעבן. און וויפיל פאַר־

שיידענע אידייאישע „בלימלעך, פאַרגעסמיכנייט און מאַרגאַריטקעס" וואַרפן זיי מיט ברוגזן ביטול אַריין אין שטויב פון זייערע „שמאַטעס"!

דאָס, וואָס אין יידישן לעבן איז ניט געווען די שיינקייט און די פּאָעזיע ווי אַ באַוואוסטזיניקער קולט, און ניט נאָר דאָס, וואָס עס איז ניט געווען דער דאָזיקער קולט, נייערט דער בפירושער ביטול, דאָס אָוועקמאַכן אים מיט דער האַנט, ווי עפּעס זינדיקס אָדער אין בעסטן פאַל ווי עפּעס קינדיש־נאַרישס, — דאָס איז געווען דער ערשטער גרונט־שטריך פון יידישן לעבן, וואָס האָט אָפּגעשטויסן רפאלן פון זיין פאָלק.

דער קולט פון נאַטור און פּאָעזיע, וואָס איז אַריין ווי אַ באַשטאַנד־טייל אין דער היינטיקער אייראָפּייאישער קולטור, איז ניט פרעמד געווען אויך דעם אוראַלטן יידנטום, אָבער דער תּלמודיזם און רבניזם האָבן אים כמעט אין גאַנצן אַרויסגעשטויסן פון דאָרטן. אָנשטאָט אָט דעם קולט האָט זיך ביים יידישן פאָלק אויסגעאַרבעט אַ נייער קולט, וואָס איז אים גאָר אין סאַמע אָנהייב געווען לגמרי פרעמד, — אַ קולט פון עשירות און געלט. און וויפיל קרבנות שליגט נאָך עד היום אָט דער קולט איין! די פאַר־קרימונג פון דער נשמה, די פאַרדרייאונג פון אַלע געזונטע מאָראַלישע באַגריפן, — אָט דאָס איז די הויפּט־קרענק, וואָס דער מקח־וממכר־יידנטום האָט איר צו פאַרדאַנקען זיין מאָראַלישע דעגענערירונג, — און אָט דאָס מקח־וממכר־יידנטום לעבט נאָך עד היום אומעטום ביי אַ געוויסן טייל פון אונדזער פאָלק.

לייענט דורך רפאלס טראַגישע דערציילונג וועגן די נשמה־יסורים, וואָס ער, נאָך גאָר אַ יונגער בחור, האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז זיין בלינדער פאָטער נוצט אויס דעם צוטרוי פון די קונים צו זיין בלינדקייט און דריקט אַראָפּ אין געהעריקן מאָמענט מיטן פוס די וואָג, — און איר וועט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ דיסאָנאַנס עס מוז זיך באַקומען אין זיין נשמה, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם בילד פון דעם אוראַלטן יידנטום, וואָס טרעט אַרויס פאַר אונדז אין די אונדזז הייליקע שריפטן. „איך האָב געלייענט וועגן דעם פאָלק", — זאָגט רפאל אין זיין שמועס מיטן רב וועגן דער הייליקער שריפט, — „איך האָב געלייענט וועגן פאָלק, וואָס איז געווען גרויס מיט קראַפט, מוט און מיליטערישער גבורה. איך האָב געלייענט וועגן אַ פאָלק, וואָס האָט צעטיילט די ערד צווישן אַלע־מען גלייך. איך האָב געלייענט, אַז פון אַרעמעלייט טאָר מען ניט מאָנען קיין שום פּראָצענטן; אַז יעדעס זיבעטע יאָר פלעגן די פעלדער און וויינ־גערטנער פאַרבלייבן אומבאַאַרבעט, בכדי צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע; אַז די ערד־נחלאות האָבן ניט געטאָרט פאַרקויפט ווערן אויף שטענדיק...

אַז עס מוז זיין אַ יובל־יאָר און אַן אַלגעמיינע באַפרייאונג פון חובות... און אַ סך אַנדערע זאַכן״, — און ביים לייענען האָט ער געהאַט אַ געפיל, אַז ער „געפינט זיך איצטער אין אַ טויטער וועלט״, ווייל דאָס אַלץ איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן אין יידישן לעבן, צוגעשטיקט דורכן קולט פון געלט און האַנדל.

איז וואָס־זשע פאַר אַן אַפּאָלאָגיע פון יידישקייט האָט אים געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער רב העזר, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שליחות צו פאַרטיידיקן די יסודות פון יידישן לעבן, פון וועלכע רפאל האָט זיך אָפּ־געריסן? דער רב לויבט די יידישע פאַמיליע, די קרובהשאַפטלעכע צונויפּ־געבונדנקייט פון יידישן פאָלק, די באַקוועמלעכקייט פון זייער לעבן, די קליינבירגערלעכע פּאָעזיע פון וואַרעמען היימישן ווינקל... וואָס שייך אָבער העגדלערישן גייסט, רופט דער רעפאָרמירטער רב צו ווענדן זיך פון „אות״ פון דער הייליקער שריפט צו איר „גייסט״, צום „יידישן גייסט״; ער קאָן אָבער ניט קאָנקרעטיזירן פינקטלעכער דעם דאָזיקן באַגריף און צועגבן אים אַ מער־מענטשלעכן און הומאַנעם באַטייט. נאָך ווייניקער איז זאַכעל ביכולת צו פאַרטיידיקן זיין פּאָזיציע אין דעם דאָזיקן פונקט. זיין איינציקע טענה איז — דער פאַררוף אויף די איינגעשטעלטע אָרדע־נונגען: „צי דען האַנדלען די אַנדערע אַנדערש?״ — אויף דער דאָזיקער פראַגע איז רפאל געצוואונגען טרויעריק צו קאָנסטאַטירן, אַז „אונדזער גאַנץ פאָלק איז דעגענערירט״.

אמת, אויף צו פאַרטיידיקן די יידן קעגן דער באַשולדיקונג אין קולט פון געלט און האַנדל, ווערט אָפּט אַרויסגעשטעלט די גאַנץ־ריכטיקע סברה, אַז אויך די קריסטלעכע פעלקער, באַזונדערס די האַנדלס־קלאַסן זייערע, שטייען אין אָט דעם פּרט בשום אופן ניט העכער פאַרן יידישן פאָלק. ווי אַן אַרגומענט קעגן דער אויסשליסלעכער גזעצגעבונג פאַר די יידן קאָן די דאָזיקע סברה זיין אַ גוטער כלי־זיין. די יידן האָבן, אָן ספק, דאָס פולע רעכט זיך סומך צו זיין אויף דער ניט־יידישער עקספּלואַטאַציע און פאָדערן, מ׳זאָל אויך די אַנדערע פאַרבאָטן דאָס אַלץ, וואָס מען רעכנט פאַר פאַרברעכעריש, ווען דאָס טוט אַ ייד, אָדער פאַרקערט — סאַנקציאָנירן די פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע הן פאַר די, הן פאַר יענע. אַ־ניט זיינען די אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן אַן אָפענער שוץ פאַר די ניט־יידישע עקס־פּלואַטאַטאָרס קעגן דער קאָנקורענץ פון זייערע יידישע מיטבירגער. אָבער דאָרטן, וואו עס גייט ניט אין פאַרטיידיקן פאַרן יידישן פאָלק די אַבסטראַקטע יורידישע גערעכטיקייט, נאָר אין זיין מאָראַלישער און קול־טורעלער אויפלעבונג, אין דער אָפּשאַפונג פון יידישן גייסטיקן „געטאָ״, —

איז דער דאָזיקער זיך באַרופן אויף פרעמדער אָפּגעשטאַנענקייט — אַ שלעכטע טובה דעם אייגענעם פאָלק.

דער גאָט ממון האָט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע, די איינגעשמירטע אין שמוץ און בלוט, אויפן העכסטן פּראָדוקט פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע — אויף דעם שידוך פון ליבע, ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך אומעטום, וואו עס זיינען אויפגעבויט מזבחות פאַר דעם דאָזיקן פּרעסערישן אָפּגאָט, איז דער ענין חתונה אַן ענין פון האַנדל, אַ שטרעבונג אַריינצודרייען איינער דעם אַנדערן וואָס אַ שפּלערע סחורה פאַר וואָס אַ העכערן פּרייז.

„פאַרוואָס האָט איר ניט געבראַכט קיין פינף טויזנט?" — פרעגט רפאל סאַרקאַסטיש ביי רבקהן, ביי דער כלה, וואָס זיינע עלטערן האָבן פאַר אים צוגעגרייט. — „אויף דריי זיינען מיר ניט מסכים — מיין פאָטער און איך. אויף דריי וועלן מיר אויף קיין פאַל ניט דורכקומען — מיין פאָטער און איך. פאַר דריי זיינען מיר אָפּגענאַרט — מיין פאָטער און איך. ביי דריי וועט נאָר איר האָבן געוואונען — אייער פאָטער און איר." צי קאָן דען רפאל זיך צוגויפרעדן אויף אַ וועלכן עס איז אופן מיט דעם קליינבירגערלעכן יידנטום? מיר באַמערקן, אַז בנוגע אָט דעם פונקט לאָזט רפאל זיך ניט אַריין אין קיין שום וויכוחים ניט מיטן פאָטער, ניט מיטן רב. וואָס האָט ער זיי געקאָנט זאָגן? אַז דער איינציקער יסוד פון אַ שידוך קאָן זיין נאָר — קעגנזייטיקע ליבע און קעגנזייטיקע אַכטונג? אָבער בנוגע דער דאָזיקער פראַגע האָט ער לכתחילה געקאָנט זיין זיכער, אַז זיי וועלן אים האַלטן פאַר אינגאַנצן גערירט... רפאל באַגנוגנט זיך דעריבער דערמיט, וואָס ער מעלדעט פשוט זיין פאָטער און זיין מומען פאַרן רב אין די אויגן, אַז ראָזע — איז זיין ווייב...

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין זאַכעלס פּסיכאָלאָגיע אין דריטן אַקט לויפט דורך אַזוי ווי אַן אומבאַוואוסטזיניק שלום־ווערן מיטן געדאַנק, אַז רפאל זאָל חתונה האָבן מיט ראָזען, נאָר ער זאָל אים ניט פאַרלאָזן אין זיין אומענדלעכער גייסטיקער איינזאַמקייט. באַזונדערס שטאַרק רייסט זיך דאָס אַרויס אין דעם מאָמענט, ווען ראָזע האָט זיך געוואָרפן אין וואַסער אַריין: געפּלעפט פון דער דאָזיקער פאַר אים אומגעריכטער געשעעניש, באָט ער איר אָן זיין הילף — בעת דער שטראָם טראָגט זי שוין אַראָפּ אַ דערטרונקענע... אָבער דאָס איז — די ריין־אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע פון זאַכעלן, דעם איינזאַמען, אומבאַהאָלפענעם מאַן, וואָס האָט ליב זיין זון ביז משוגעת... דאָ האָט זיך ביי הייערמאַנען דורכגעריסן דער אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער שטריך, געשעפּט פון די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס שטרעבט, כאָטש מאָמענטנווייז און אין אויסנאַם־פאַלן, אַראָפּ־

צוואָרפן פון זיך די גאַנצע שווערע משא פון פאָראורטיילן, — רעליגיעזע, ראַסאָווע און אַנדערע, — און אויסגלייכן זיך אין איר גאַנצן נאַטירלעכן וואוקס.

די אַנגעוויזענע מאָמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם שטייגער לעבן פון קליינבירגערלעכן יידנטום, און דער קאָנפליקט, וואָס האָט אומפאַר־מיידלעך געמוזט אויפקומען אויף זיין באָדן צווישן זאַכעלן און רפאלן, זיינען גענוג אויף צו מאָטיווירן דעם אומפאַרמיידלעכן אויסגאַנג פון דער דראַמע — רפאלס אַוועקגיין פון „געטאָ״ צוליב דער אַרבעט לטובת יענע נייע פּרינציפּן, וואָס מוזן, לויט זיין חשבון, אונטערגראָבן די עצם יסודות פון „געטאָ״, „הן אונדזערן, הן זייערן״... די טראַגישע צופאַלן זיינען אויס־געוואַקסן אויפן באָדן פון יענעם קאָנפליקט, וואָס האָט אין זיך בשעתו געטערט מיט די זאַפטן, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם גאַנצן היסטאָרישן לעבן פון יידן אין גלות צווישן די פּראָגרעסירנדיקע פעלקער.

**
*

איצטער שטייט די פראַגע: צי איז ניט דער אויסגאַנג, וואָס מיט אים האָט זיך געענדיקט דער איינצלנער קאָנפליקט צווישן זאַכעלן און רפאלן, דער ראַציאָנאַלסטער באַשייד אויך פאַרן הויפּט־אַנטאַגאָניזם, וואָס אויף זיין באָדן איז ער אויסגעוואַקסן? אפשר זאָלן מיר אָנווענדן אַלע אָנ־שטרענגונגען דערויף, אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן זייער „געטאָ״ און זאָלן צושטיין צו די פּראָגרעסיווע קולטורן פון די היינטיקע פעלקער? אפשר איז די צונויפגיסונג מיט די אַרומיקע פעלקער דער בעסטער פאַרענטפער פאַר דער יידישער פראַגע בכלל? ווייל — איינס איז דאָך קלאָר, אַז אויב יידן פאַרשווינדן, פאַרשווינדט אויך די יידישע פראַגע און דאָס יידישע געטאָ... ווי טראַכט וועגן דעם אונדזער מחבר אָדער רפאל, וואָס רעדט אין זיין נאָמען?

הגם רפאל הייערמאַנס האָט תרעומות אויף די יידן, פאַרוואָס זיי זיינען איינגעשלאָסן אין זיך און אָפּגעזונדערט, פונדעסטוועגן האָט ער אין ערגעץ ניט זיך אויסגערעדט מיט קיין איינציקן וואָרט, וואָס פון דעם וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז פאַר אים וואָלט געווען געוואונטשן, יידן זאָלן זיך אויסמישן מיט קריסטן. לויט דער מיינונג פון רפאל הייערמאַנס, וואָלט דאָס באַטייט איין געטאָ אויף אַ צווייטער. אויב ער חלומט בכלל וועגן דער צעשטערונג פון אַלע מחיצות צווישן יידן און האַלענדער, איז דאָס נאָר פאַר יענער ווייטער צוקונפט, ווען הן יידן, הן האַלענדער וועלן אַרויס־גיין פון זייערע שטיקנדיקע געטאָס און וועלן אָנהויבן דינען יענעם נייעם

גאָט, וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר די מענטשן, בעת די נייע געזעלשאַפט וועט שוין זיין פאַרווירקלעכט אין דעם לעבן. ס'איז אויך קיין ספק ניט, אַז רפאל איז בשום אופן ניט גלייכגילטיק צו זיין פאָלק. אַן איין אָרט זאָגט ער, אַז דער גייסט פון רב העזר האָט איינגעשמידט אין קייטן דאָס יידישע פאָלק און שטערט אים אויפצוהויבן זיך. ס'איז באַשיינפּערלעך, אַז ער וואָלט זיך געוואונטשן זיין פאָלק זאָל זיך ניט געפינען אין אַזאַ קלאָגעדיקן מצב, ווי עס געפינט זיך איצט. פונדעסטוועגן געפינען מיר אין ערגעץ ניט ביי רפאלן אַפילו קיין שאָטן פון אַ וואָסער עס איז באַשטימטן געדאַנק וועגן די וועגן און מיטלען, וואָס מיט זייער הילף וואָלט מען געקאָנט פאַנאַנדערשמידן דאָס יידישע פאָלק, אַראָפּנעמען פון אים די קייטן, וואָס זיינען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך די רבנים פון אַלע צייטן און דורות, און געבן אים די מעגלעכקייט אויפצוהויבן זיך אויף אַ העכערער מדרגה אין זיין קולטור. עס איז קלאָר, אַז הייערמאַנס רפאל האָט אַליין נאָך ניט גוט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין זיין שטעלונג צום יידישן פאָלק און צו זיין צוקונפטיקן לעבן. דערווייל שטויסט ער זיך אָן נאָר מיטן חוש, אַז עס קומט אויף אַ נייער וועלט־היסטאָרישער פּעריאָד, וואָס וועט אויך דעם יידישן פאָלק געבן אַ מעגלעכקייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די הונדערטיאָריקע פּענטעס און צו באַטייליקן זיך אין אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. ווייטער פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם באַשייד גייט ער ניט, און דעריבער גייט ער עס אַוועק מיט אַזאַ לייכטן האַרצן פון געטאָ און אויך פון זיין יידישן פאָלק, בכדי מיט זיין טעטיקייט צוצוגרייטן דעם דאָזיקן נייעם פּעריאָד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער גייט אַוועק, ניט פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, ווער וועט עס נעמען באַפרייען דאָס יידישע פאָלק פון העזרס „גייסט", ווער וועט אים העלפן איבערבויען זיין לעבן אויף די יסודות פון שכל און יושר. די רפאלס האָבן נאָך דעמאָלט ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען אַלע רפאלס וועלן אַוועקגיין, ווי נאָר זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן דאָך דעמאָלט פאַרבלייבן אין דער יידישער אינטעליגענציע נאָר די העזרס. דער אַוועקגאַנג פון געטאָ קאָן בשום אופן ניט זיין קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז. דאָס, וואָס די רפאלס אַנטלויפן פון „געטאָ" איינציקוויז, פאַרשטאַרקט בלויז די מאַכט פון די העזרס און מאַכט נאָך פעסטער די מויערן פון געטאָ גופא, אָבער בכדי אַוועקצוגיין פון דעם געטאָ־לעבן מאַסנוויז (זאָל זיין אַפילו ביים אָנקומען פון די צוגעזאָגטע משיחס־צייטן, וואָס צוליב זייער אַריינטריט אין לעבן אַרבעט עס רפאל), איז נויטווענדיק, די רפאלס זאָלן דווקא פאַרבלייבן ביי זייער פאָלק און דאָ אין זיין סביבה, זאָלן זיי אַרבעטן לטובת

יענער גליקלעכער צוקונפט, ווען עס וועט — לויט דער מיינונג פון אַ סך רפאלס — ניט זיין ניט קיין העלענער, ניט קיין יהודים...

נו, און וואָס וועט זיין, אויב אַזעלכע צייטן וועלן קיינמאָל גאָר ניט זיין? וואָס וועט זיין, ווען צווישן די העלענער און די יהודים וועלן, נאָך דעם טריאומף פון דעם נאַציאָנאַליזם, זיך איינשטעלן גוטע ברידערלעכע באַציאונגען, אָן דעם, אַז יעדערער פון זיי זאָל מוזן דוקא אויפהערן צו זיין דאָס, וואָס ער איז?

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין דער געשטאַלט פון רפאלן, אין דעם בוי פון זיינע געדאַנקען און געפילן, אַלץ מער קומט מען צום איינזען, אַז גראָד ער וואָלט בשום אופן גאָרניִשט געהאַט קעגן דעם. וואָס שייך צו זיין אַוועקגאַנג פון געטאָ, איז ווי אומפאַרמיידלעך ער איז אויך געווען צוגעגרייט דורך די אומשטענדן, וואָלט ער געוואָרן לגמרי איבעריק און ניט מאָטיווירט, אויב ביי דער האָלענדישער יידנשאַפט וואָלטן זיך געפונען געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס אויף זיי וואָלט רפאל געקאָנט זיך אָנשפּאַרן אין זיין קאַמף קעגן דער אָפּגעלעבטער אַלטער וועלט. מיר מיינען דערמיט אַ קרעפטיקע יידישע אַרבעטערשאַפט אין שטאָט און דאָרף. ס׳איז באַשיינפּערלעך, אַז די דאָזיקע עלעמענטן זיינען ביי דער האָלענדישער יידנשאַפט ניט געווען, אָדער געווען אין אַ צו־קליינער צאָל. אין יענע לענדער אָבער, וואו עס איז אויפגעגאַנגען אַ יידישע אַרבעטערשאַפט, באַמערקן מיר שוין לאַנג, צוגלייך מיטן אַנטלויפן פון אַ סך רפאלס, גראָד אויך אַן אומגעקערטן פּראָצעס: דעם צוריקקער פון אַ סך אַנטלאָפענע צוריק צו זייער אייגענעם פאָלק, כדי צו אַרבעטן אין דער אייגענער פאָלקס־סביבה אין דעם נאָמען פון יענעם אידעאַל, וואָס איז זיי טייער און הייליק.

און וואָס גרעסער עס וועט ווערן די צאָל פון ריין־אַרבעטאָרישע קלאַסן ביי אונדזער פאָלק, — וואָס אַ גרעסערע השפעה זיי וועלן האָבן אויף אונדזערע קליינבירגערלעכע עלעמענטן, און וואָס שטאַרקער עס וועט זיך פאַנאַנדערבליען די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור ביי אונדזערע גרויסע פאָלקס־מאַסן, — אַלץ גיכער און גרינגער וועט זיין סיי דאָס אָפּשטעלן דעם אַסימילאַטאָרישן פּראָצעס ביי אונדזער פּראָגרעסיווער יוגנט, סיי דער צוריקקער פון די „רפאלס״ אַהיים, וואו מען נויטיקט זיך אין זיי אַזוי שטאַרק.

1939

וועגן לעאָניד אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ“

איידער איך וועל איבערגיין צו מיין אייגנטלעכער טעמע, דערלויבט מיר צו מאַכן אַ פּאָר קליינע הקדמות.

קודם־כּל וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַנדרעיעווס שאַפן בכלל.

אַ סך מענטשן מיינען נאָך עד היום, אַז דער גלאַנץ און די גרויס פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך געענדיקט מיט די קאָריפייען פון דער רוסישער בעלעטריסטיק: די טורגעניעווס, דאָסטאָיעווסקיס, טאָלסטאָיס; אַז נאָך זייער טויט האָט דער רוסישער גייסט שוין ניט אַרויסגעבראַכט קיין איין גאון, וואָס זאָל זיך קאָנען מעסטן מיט יענע „גדולים“. אויף די צענדליקער נייע טאַלאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין דעם משך פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן און וואָס הערן ניט אויף צו באַווייזן זיך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, האָט מען געקוקט ווי אויף קליין־געוויקס, וואָס באַדעקט דעם באָדן, אויף וועלכן עס שטייען יענע ריזן, — אַ קליין־געוויקס, וואָס ווערט אין גאַנצן באַהאַלטן אין דעם שאָטן פון די גרויסע.

דאָס איז אַ געוואַלטיקער טעות, און דער טעות האָט זיך גענומען דערפון, וואָס קיינער פון דעם יונגוואַרג איז ניט אַרויסגעטראָטן גלייך פון דעם ערשטן מאָל מיט אַזעלכע ווערק, וואָס זאָלן זיין אַבסאָלוט ניי און זאָלן איבערלאָזן אַזאַ שטאַרקן רושם, ווי דאָס האָבן געטאָן דאָסטאָיעווסקיס „אָרעמע מענטשן“, טורגעניעווס „כתבים פון אַ יעגער“, טאָלסטאָיס „קינדהייט און יינגלשע יאָרן“. דאָס „יונגוואַרג“ איז געקומען מיט שייניקע קליינִיקייטן, מיט סימנים פון אמתן טאַלאַנט, אָבער אין זייער שאַפן איז נאָך געווען ניכּר די השפּעה פון די גדולים, פון וועמענס מאַכט זיי האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען. אין בעסטן פאַל האָט מען באַמערקט אין זיי טאַלאַנטן פון דער זעלביקער אַרט וואָס ביי די גרויסע, נאָר פון אַ סך אַ שוואַכערן גראַד. אָבער אין דער צייט, וואָס מיר האָבן אַלץ ניט געקאָנט אָפּרייסן אונדזער אויג פון די הויכע, שלאַנקע, פיל־צווייגיקע ביימער, איז זיך דאָס „קליינוואַרג“ געוואַקסן אויף זיין אייגענעם שטייגער און איינצלנע פון אים זיינען געוואָרן אַלץ העכער און דיקער און צווייגיקער, ביז דער דור, וואָס איז גייסטיק אויפגעוואַקסן מיט זיי אינאיינעם, האָט פּלוצלונג

באַמערקט, אַז זיי זיינען שוין „מיט לייטן גלייך“ און אַז זיי דאַרפן ביי זיך בשום אופן ניט אַראָפּפאַלן פאַר די באַוואונדערטע גאונים.

דאָס איז געוואָרן קלאָר קודם־כל וועגן טשעכאָוו, וואָס די קריטיק האָט אין דער ערשטער צייט גאָר ניט פאַרשטאַנען „מיט וואָס מען עסט אים“, דערנאָך איז גאָרקי דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ גאון. אמת, איצטער גייט אָן אַ היפּשע פּלוגתא צווישן די תנאים פון דער קריטיק מכח גאָרקין. אַ טייל וויל האָבן, אַז זיין גרויס און באַרימטקייט האָט ער צו פאַרדאַנקען ניט דעם אייגענעם טאַלאַנט, וואָס איז בעצם פון אַ גאַנץ־מיטעלן וואוקס, נאָר דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט גראָד אים אויסגעקליבן פאַר זיין נביא און האָט אים אַרויסגעשטופּט אין פראָנט. אויס רעוואָלוציע — אויס גאָרקי! — מיינען איצטער זיינע פאַרקלענערער. פון דער אַנדערער זייט ווייזן אַנדערע אויף די אייביקע געשטאַלטן און לעבנס־בילדער, וועלכע ער האָט געשאַפן, און קאַווירן אים אַ בכבודן פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון דער רוסישער ליטעראַטור גלייך לעבן טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי און טשעכאָוו.

און עס מערן זיך איצטער שטימען, וואָס זאָגן מיט רעכט, אַז אויב גאָרקין קומט אַזאַ בכבודער פּלאַץ, איז שוין אַנדרעיעוון אַוודאי און אַוודאי.

איך קאָן דאָ מיך ניט אַריינלאָזן אין דעם סכסוך פון דער רוסישער קריטיק. דאָס וואָלט אונדז פאַרוויקלט אין אַ נעץ פון ריין־ליטעראַרישע אַנאַליזן. איך וויל מיך דאָ באַנוגענען מיט אַ פּאָר באַמערקונגען, וואָס האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט די פּרעטענזיע אויסצודריקן דעם אַבסאָלוטן אמת. זיי זיינען ניט מער, ווי מיין פּערזענלעכע מיינונג וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט פון די דריי גרויסע „יונגע“: טשעכאָוו, גאָרקי און אַנדרעיעוו, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די קאָריפייען.

אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט נאָר טשעכאָווס נאָמען באמת אַ רעכט דערמאָנט צו ווערן „בנשימה אחת“, אין איין אָטעם, מיט די נעמען פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו, — אָבער ניט גאָרקיס. ניט גאָרקיס דערפאַר, ווייל ער איז צו פאַרבנרייך, צו זוניק. דאָס קלינגט אַביסל ווי דער חסרון, וואָס „די כלה איז צו שיין“. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ווען „די כלה איז צו שיין“ — קאָן עס אפשר זעלטן־ווען שאַדן צו אַ שידוך, אָבער דאָס קאָן אָפּטמאָל גאַנץ געוויס ווערן אַ באַדייטנדיקער חסרון אין דער קונסט. די כלה, וואָס איך מיין דאָ, איז דאָס לעבן און די איינדרוקן פון לעבן, מיט וועלכע דער קינסטלער איז פול און וועלכע ער רופט אין אונדז אַרויס. גאָרקי האָט געוויס אַ חוש אויך פאַר די טונקעלע זייטן פון דעם מענטשלעכן לעבן און איז באַקאַנט אויך מיט אַ סך פינצטערע אָפּ־

גרונטן אין דעם מענטשנס ברוסט. אָבער זיין נשמה ווערט מער צוגעצויגן צו די ליכטיקערע, צו די זונעז־מענטשן, וואָס פּאַרקערפּערן אין זיך, יעדערער פּיצלעכווייז, — דעם אידעאַל פון זיין האַרצן. און גראָד דאָ, אין דער שילדערונג פון זיינע ליבלינגס־פיגורן, אין וועלכע גאָרקי האָט אויסגעשפּרייט זיין טאַלאַנט אין זיין גאַנצער גרויס, איז לייכט צו באַמערקן זיין שוואַכקייט: ער איז צו סוביעקטיוו, זיינע פליגלען קאָנען אים ניט אויפהויבן העכער, איידער דאָס לעבן און די אים ליבע מענטשן, וועלכע ער מאָלט. איר באַמערקט, ווי ער קוועלט פון זיי אָן. איר פילט, אַז ער איז ניט נאָר זייער מאָלער, נאָר אויך זייער אַדוואָקאַט. ווי ווייט גאָרקי זאָל ניט אָפּשטיין פון יענער אַלטער, שוין לאַנג פאַרשימלטער קונסט, וואָס האָט אַרויסגעפירט „העלדן“, כדי מען זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון זיי, — אין אים איז דאָך געבליבן אינעווייניק אַ שטיק העלדן־דיכטער, און זיינע גרעסערע ווערק זיינען ניט פריי פון העלדן־ראָמאַנטיק, — אַ זאַך, וואָס איר וועט קיינמאָל ניט געפינען ניט ביי דאָסטאָיעווסקין, ניט ביי טורגעניעוו און טאָלסטאָיען, אַ פשיטא שוין ניט ביי טשעכאָוון. ביי זיי, ביי אַלעמען זיינען געוויס דאָ פיגורן און לעבנס־מאָמענטן, וואָס זיינען זיי טייערער, איידער אַנדערע, און דעריבער מאָלן זיי זיי אויס מיט גרעסערער ליבשאַפט און וואַרעמקייט. אָבער אַפילו די שענסטע געשטאַלטן און די פּרעכטיקסטע לעבנס־מאָמענטן ווערן געשילדערט מיט אַלע זייערע פעלערן, מיט אַלע חסרונות און קליינלעכקייטן, אַקוראַט אַזוי, ווי דאָס קומט פאָר אין דעם ווירקלעכן לעבן.

אין דעריגען דריקט זיך אויס יענער וויכטיקער כאַראַקטער־שטריך, וואָס מאַכט די גרויסע רוסישע קינסטלער צו אַ גאַנץ באַזונדערער דערשיינונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט צו זיך אין ערגעץ קיין גלייכן ניט. אין יעדן פון זיי לעבט אומבאַוואוסט אַ בענקשאַפט נאָך פולקאָמענהייט, נאָך אַבסאָלוטער שיינקייט און האַרמאָניע, און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אַ שאַרף און ניכטער אויג, וואָס לאָזט זיך פון קיין זאַך ניט פאַרבלענדן, וואָס זעט יעדן שפּרינקעלע אויף דער קלאָרסטער און ריינסטער זאַך. דער רעזולטאַט פון די צוויי עלעמענטן, דעם אידעאַל, וואָס לעבט אין האַרצן, און דער ווירקלעכקייט, וואָס שטייט פאַר די אויגן, איז אַלעמאָל ביי זיי אַ געוויסער ציכטיקער, ענייוותדיקער אומעט, וואָס ליגט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אויף דעם גרונט פון זייער נשמה. אין יעדן שטריך, וואָס זיי מאָלן, אין יעדן פיר מיטן פּענזל זייערן פילט איר, אַז מען גיט אייך איבער ניט נאָר דעם אינהאַלט פון מענטשן און לעבן, נאָר אויך זייער גרענעץ, זייער מהלך פון דעם אומענדלעכן אידעאַל. דער

אידעאַל ווערט, פאַרשטייט זיך, ניט געשילדערט אין ווערטער, אַפילו ניט אָנגעטייט מיט אַ „ודי לחכימא״, אָבער איר שפּירט אים אין יענעם לייכטן, דורכזיכטיקן נעפּל פון בענקשאַפט, וואָס טראָגט זיך אַרום יעדן ווערק פון די גרויסע רוסישע קינסטלער. אין דערינען ליגט זייער צויבער־קראַפט אויף דער נשמה פון יעדן מענטשן. אין דעם פּרט פון ציכטיקער, עניוות־דיקער טרויעריקייט, וואָס לאָזט אונדז אַריינבליקן אין דעם תוך פון מענטש און לעבן און אין דער זעלביקער צייט מאַכט אונדז אומבאַוואוסט פילן זייער מהלך פון דעם אידעאַל, שטייט טשעכאָוו אפשר נאָך העכער, איידער זיינע פאַרגייער. אָבער איר וועט קיין שמץ דערפון ניט געפינען אין גאָרקיס שאַפן.

נו, און אַנדרעיעוו? — עס איז ניט לייכט פּאַרטיק צו ווערן מיט דעם ענטפער וועגן אים.

די צרה מיט אַנדרעיעוון איז, וואָס מיר האָבן ניט איין אַנדרעיעוון, נאָר עטלעכע. אין אייניקע פון זיינע ווערק, ווי אין זיין „שווייגן״, „דאָס לעבן פון וואַסילי פיווייסקי״, „דער גובערנאַטאָר״, „די זיבן געהאַנגענע״, איז ער אַ באַגאַבט קינד פון יענער גרויסער משפחה. אויך ער האָט די גאָב צו מאָלן דעם מענטשן און דאָס לעבן מיט יענער ציכטיקער עניוות, אין וועלכער עס איז איינגעוויקלט די בענקשאַפט נאָך דעם אומענדלעכן. דעם אַנדרעיעוו קאָן מען גאַנץ זיכער, ניט געקווענקלט אַ מינוט, אַוועקשטעלן אין איין שורה מיט די רוסישע גדולים.

אָבער אָט איז נאָך אַן אַנדרעיעוו, דער אַנדרעיעוו פון דעם „רויטן געלעכטער״ און דער „וואַנט״, דער אַנדרעיעוו פון ציין־קריצעניש און האַר־רייסעניש, מיט די משוגענע העוויות פון אַ בעל־שם, וואָס וויל אַרויסטרייבן אַ דיבוק, — אַנדרעיעוו דער „שאַמאַן״, וואָס וויל באַשווערן אַלע בייזע רוחות און פאַנאַנדערטרייסלען די זיילן פון דער באַשאַפונג. דאָ איז שוין קיין שפּור ניטאָ פון ציכטיקע עניוות. און די גרעסטע צרה דערביי איז, וואָס איר קוקט־צו צו זיין ווילדן וואָרפן זיך מיט אַ קאַלטבלוטיקן געמיט, מיט ווייניק צוטרויענדע אויגן. אייך דוכט זיך, אַז ער וויל אין זיך אַליין אַריינטרייבן אַ דיבוק, אָדער נאָך ערגער: איינשמועסן אונדז, אַז דער דיבוק זיצט שוין אין אים, בעת די אויגן זיינע זיינען נאָך גאָר ווי ביי אַ „קלאָרן״ און דער הייזעריקער קרייען זיינער איז ניט מער ווי „געמאַכט״. דעם אַנ־דרעיעוון האָב איך קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען און איך זאָג מיך אָפּ אים צו פאַרשטיין. דאָס הייסט: די געדאַנקען זיינע, וואָס ער וויל אַרויסברענגען מיט זיין פאַר׳עקשנטן שלאָגן זיך אָפּ אָן דער וואַנט, איז גראָד ניט אַזוי שווער צו פאַנאַנדערשיפרירן. אָבער אַז איר שיפרירט זיי פאַנאַנדער, גע־

פינט איר, אַז ער האָט אײך ניט מיטגעטײלט קײן אײנציקן נײעם „סוד״, ניט צוגעגעבן קײן אײנציקן נײעם שטריך צו די אוראַלטע װעלט־סודות, — צו די סודות פון מענטשלעכן לעבן און טויט, — װאָס פײניקן זײן מוח. און איר פרעגט זיך: צו װאָס האָט ער געדאַרפט דעם גאַנצן, אַזױ משונהדיק־געקינסטלטן שיפר? סימבאָליש אױסצומאָלן, צו אילוסטרירן די גרױסע רעטענישן? איבערזעצן די ערנסטע, טיפע שאלות פון דעם מענטשלעכן שכל און געפיל אין די װילדע קולות פון דער משוגע־געװאָרענער פאַנטאַזיע? ס׳װאָלטן אפשר דערפון אַרױס זײער װיכטיקע קינסטלערישע װערק, װאָס טראָגן אין זיך ניט קײן קלענערע זאַך, װי דעם שטרענגן משפט איבער דעם גאַנצן מענטשלעכן גורל, װען נאָר ניט דער חסרון זײערער, װעלכן איך האָב שױן באַרירט: זײער געקינצלטקײט און אױפגעבלאָזנקײט; דאָס, װאָס אַנדרעיעװס געװאָלדװען נעמט אונדז ניט, װאָס זײנע אױסגעשרײען גרילצן נאָר אין די אױערן און דרינגען ניט אַרײן אין האַרצן, װען אַפילו אױך אין אונדזערע הערצער האָבן זיך צונױפּ־געפּרעסט שרעקן פון פינצטערניש און זײ װאָלטן זיך גרײלעך געװאָלט אַרױסרײסן אין אַן אימהדיקן אױסגעשרײ...

צום גליק, האָבן מיר אַ דריטן אַנדרעיעװ, װאָס איז שױן ניט גלײך צו די ערשטע צװײ: דער אַנדרעיעװ, װאָס האָט אָנגעשריבן אונדזער „אַנאַטעמאַ״, און נאָך פריער — אַ װערק, װאָס איז זײער נאָענט צו אים: „דאָס לעבן פון אַ מענטשן״. אין „אַנאַטעמאַ״ און ענלעכע װערק איז אַנדרעיעװס טאַלאַנט אַ מין צונױפגוס פון זײנע צװײ פריערדיקע אַרטן: פון דעם אָביעקטיװן פאַרטיפן זיך אין די אײנצלנע בילדער פון לעבן און די אײנצלנע נשמות פון די מענטשן, װי אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעװסקי, און פון דער אַנדערער זײט — פון דעם סוביעקטיװן פּראָטעסט אַנטקעגן די צרות פון לעבן בכלל, פון דעם גזר־דין און דעם משפט איבער דעם גורל פון דעם מענטשלעכן לעבן. דערהױפּט אין „אַנאַטעמאַ״. דאָ זײנען די צװײ זײטן פון אַנדרעיעװס שאַפן אַזױ ענג צונױפגעװאַקסן אינאײנעם, אַז זײן טאַלאַנט טרעט ערשט דאָ אַרױס װי אַ נײע, דורכאױס־אָריגינעלע דערשײנונג און ציט־צו אונדזערע הערצער מיט אַ נײעם, זײן אײגענעם חן.

װי די װערק פון דעם „שאַמאַניש״־שרײערישן טיפּ, באַשטײען זײ אױך אין גרונט פון פילאָסאָפיש־מעטאַפיזישע סימבאָלן, אָבער די סימבאָלן זײנען דאָ צונױפגעגאָסן מיט רעאַליסטישע לעבנס־בילדער. דער דענקער װעגן דעם לעבן בכלל גײט דאָ האַנט אין האַנט מיט דעם מאָלער פון דעם לעבנס אײנצלהײטן. עס קאָן זײן, אַז אין דערינען ליגט טאַקע דער כישוף פון אַזעלכע װערק, װאָס זײ רעדן צו דער זעלביקער צײט אי צו אונדזער

עסטעטישן כח־הדמיון, אי צו אונדזער אויפגערודערטן שכל. און בעת דער כח־הדמיון קוועלט אָן פון דעם עסטעטישן נחת, וואָס ער האָט, ווייל ער זעט פאַר זיך דאָס פולע לעבן, אויסגעדריקט אין אַ קורצן בילד, הערט דער געדאַנק ניט אויף צו צאַפּלען זיך אין די נעצן פון יענעם רעטעניש, וואָס אַנדרעיעוו וויקלט פאַר אים פאַנאַנדער אין דעם גאַנצן ווערק.

אויך „אַנאַטעמאַ״ איז, ווי יעדעס סימבאָליש ווערק, אַ קונציקע שיפריר־אַרבעט. אָבער זיין פאַנאַנדערשיפרירן קומט ניט אָן אַזוי לייכט, און ווען די אַרבעט ווערט שוין געטאָן און דער געדאַנק — אָדער דער סכום פון געדאַנקען — ווערט אַרויסדיסטילירט פון די איינצלנע בילדער, — האָט מען דעמאָלט פאַר זיך ניט נאָר אַן אַלטן־אַלטן פסוק, מיט וועלכן מען איז שוין באַקאַנט געווען פון לאַנג, נאָר אויך אַ נייע „גירסא״ פון דעם פסוק, וואָס שטעלט אים — דעם פסוק מיין איך — אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

דורך אַזעלכע ווערק ווי „אַנאַטעמאַ״ האָט אַנדרעיעוו אין דער רוסישער ליטעראַטור פאַרנומען אַ גאַנץ אייגענעם פּלאַץ. דורך דער גרויס און רייכקייט פון זיין טאַלאַנט, גאַנץ נאָענט צו טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי — און נאָענט זיין צו זייביידן איז, ווי איר פאַרשטייט אַליין, גאָר ניט קיין קליינער שבח, — וואַקסט ער זיי ביידן אַריבער דורך דער ריכטונג פון זיין טאַלאַנט און דער אויפגאַבע, וואָס ער שטעלט זיך אַוועק — צו מאָלן די גרונט־פּראָבלעמען פון דעם פילאָסאָפישן און רעליגיעזן דענקען, יענע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַזוי וויכטיק פאַר דעם מענטשן.

וואָלטן די דריי אַנדרעיעווס, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געשילדערט, געווען אָפּגעטיילט איינער פון דעם אַנדערן אין דער צייט; וואָלטן זיי אין לעבן אַרויסגעטראָטן איינער נאָך דעם אַנדערן אין יענעם סדר, ווי איך האָב זיי געשילדערט, וואָלט איך מיר דעמאָלט לייכט געקאָנט דערקלערן די אַנטוויקלונג פון אַנדרעיעווס שאַפן.

אויסגעפּרואווט זיין „דאָסטאָיעווסקי״ אין אַזעלכע מייסטערווערק, ווי „דאָס שווייגן״ אָדער די „פינצטערניש״; דורכגעשפּירט אין זיך די קראַפט פון אַ טאָלסטאָי אין „די זיבן געהאַנגענע״, דוכט זיך אויס אַנדרעיעוון, אַז ער קאָן מיט די צוויי גרויסע אַרטן פון קינסטלערישן זען אַריינדרינגען אין די אייביקע סודות פון דעם מענטשלעכן געדאַנק. זיין גייסט הויבט זיך אויף אין אַ ראַשן פלי ביז צו די גרענעצן פון די לעצטע הימלען, דאָרטן, וואו עס הערשן די אייביקע אידייען. אָנגעשטרענגט שטעלט ער אָן אויף זיי זיין קינסטלערישן בליק און דאָס, וואָס ער זעט, וויל ער אונדז איבער־געבן אין בילדער און שטימונגען. אָבער ביי די גרענעצן פון דעם מענטש־

לעכן ווייסן באַווייזט זיך אויך די גרענעץ פון זיין קראַפט. די אַבסטראַקטע, פילאָסאָפישע אידייען און פּראָבלעמען — איר מעגט ווי גלויבן, אַז זיי זיינען ניט מער ווי דער אינעווייניקסטער תמצית פון אונדזערע ערדישע ליידן און זאָרגן, — קוים האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון אונדז צו די הימלען פון דעם ריינעם געדאַנק, לאָזן זיי זיך, הפּנים, ניט אַריינפּאַסן אין דער קאַמעראַ אָבסקוראַ פון דעם קינסטלערישן כּוח־הדמיון; און אפשר איז אַנדרעיעווס קראַפט צו שוואַך פאַר אַזוינס, מיט וואָס אַ געטע איז קוים פאַרטיק געוואָרן אין דעם צווייטן טייל „פאַוסט“. ווי די מעשה איז: אַנשטאָט בילדער פון טראַנסצענדענטאַלע אידייען זיינען ביי אַנדרעיעוון אַרויסגעקומען קאַריקאַטורן פון איבער־אָנגעצויגענע געפילן, און ער האָט געמוזט זיך אַ לאָז טאָן צוריק צו דער ערד. אָבער פליענדיק צוריק, איז ער געקומען צו אַ שטעל, וואו די הימלען פון דעם ריינעם געדאַנק האָבן נאָך ניט אויפגעהערט, אָבער שוין האָבן גענומען דורכשימערן דורך זיי די איינצלנע געשטאַלטן פון דער ערד, וואָס האָבן באמת אַ גאַנץ־נייעם אויסזען, ווען זייערע שטראַלן הויבן זיך אָן איבערצוברעכן אין דער ספערע פון דעם פילאָסאָפיש־רעליגיעזן געדאַנק. באַצויבערט פון דעם נייעם אויסבליק, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים, איז זיין גייסט געבליבן שוועבן אין יענע הימלישע רעגיאָנען, דורך וועלכע עס זעט זיך די ערד. ער לאָזט זיך אַ מאָל אַראָפּ נידעריקער צו דער ערד — און דעמאָלט איז אין אים גובר דער רעאַליסט; ער גיט זיך אַ מאָל אַביסל אַ העכערן הויב אין די הימלען — און דעמאָלט ווערט ער מער סימבאָליסט, — אָבער קיין מאָל גייט ער שוין ניט אַרויס אין גאַנצן פון דער הימלישער אידייען־אַטמאָספערע, דורך וועלכער עס שימערט דורך דאָס רעאַלע לעבן, און קיין מאָל ווערט ער ניט אומטריי צו זיין נייער קינסטלערישער אויפגאַבע — מאָלן די רעאַלע לעבנס־בילדער אַזוי, ווי זיי ווערן דורכגעבראָכן דורך דער פּריזמע פון דער פילאָסאָפישער אידייע.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער טויג ניט אַזאַ דערקלערונג פון אַנדרעיעווס אַנטוויקלונג דערפאַר, ווייל די דריי ריכטונגען פון אַנדרעיעווס שאַפן גייען ניט איינע נאָך די אַנדערע, לויט דעם, טעאָרעטיש גאָר ניט מיאוסן, סדר, וואָס מיר האָבן אויפגעצייכנט. זיי זיינען ביי אַנדרעיעוון כמעט אַלע מאָל געווען און זיינען נאָך עד היום צונויפגעמישט אין זיין נשמה. אָט איז ער אונדז מזכּה מיט אַ שטיק אייגן־אויסגעטראָגענעם „דאָסטאָיעווסקי“ אָדער „טאָלסטאָי“, און אָט קומט אַ בלענדנדיק־שיינער געפלעכט פון רעאַליסטיק און סימבאָליק, און אָט גיט ער אונדז אַ שטיק ציין־קריצעניש, האָר־רייסעניש און „קאָפּ־אָן־דער־וואַנט־שלאָגעניש“, און

תיכף נאָכדעם —איבעראַנייס אַ ניי ווערק פון ריינעם רעאַליזם, אָדער פון רעאַליזם געמישט מיט סימבאָליק.

עס ווייזט אויס, אַז אַנדרעיעוו איז נאָך אַליין ניט אין גאַנצן קלאָר מכח דער טבע פון זיין אייגענעם טאַלאַנט און איז ניט אין גאַנצן צופרידן מיט קיין איינער פון זיינע ריכטונגען. האָט ער נאָך עד היום ניט געפונען זיך אַליין? וואַקסט אין אים ערגעץ־וואו אין דער טיף נאָך אַ נייער אַנ־דרעיעוו, דער אמתער אַנדרעיעוו, וואָס דאַרף ערשט קומען, וועלכן ער פילט אין זיך, אָבער וועלכן ער קאָן נאָך ניט אַרויסברענגען — און זאָל דאָס זיין די אורזאַך פון זיין אומרו, פון זיין אומצופרידנקייט מיט זיין אייגענעם שאַפן? אָדער איז שוין אַזאַ טבע ביי זיין גייסט, אַז ער קאָן בשום אופן ניט פאַרגליווערט ווערן אין אַ וועלכער עס איז איין־איינציקער פאָרם, אַז ער מוז אַלע ווײַלע בייטן זיין אויסערע געשטאַלט, אַז ער האָט קיין מורא ניט ווידער אַרויפצושלעפּן אויף זיך די פעל פון אַ ווילדן טיגער, ווען אַפילו ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז אין איר אַ סך מער לעכערלעך, איידער שרעקלעך, — אַבי ניט בלייבן אין דער פאָרם, אין וועלכער ער איז נאָר־וואָס געווען? — ווער קאָן דאָס וויסן? און וואָס איז אין גרונט דאָס אונדזער דאגה? מיר האָבן אים צו נעמען אַזוי ווי ער איז; און אַזוי ווי ער איז, איז ער אַ גרויסער קינסטלער, אַ טיף־פילנדיקער, ווען אויך ניט גאָר קלאָר זעענדיקער דענקער, וואָס קאָן אין אַ סך פּרטים אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט גאָר די גרעסטע אין דער מענטשלעכער ליטעראַטור. געוויס וועט ניט אַלץ פאַרבלייבן אויף דורי־דורות פון דעם, וואָס ער האָט גע־שאַפן. באַלד פאַרדאַרן און אַראָפּפאַלן וועלן, ווי איך גלויב, יענע ווערק פון דעם „צווייטן" אַנדרעיעוו, וואו ער האָט זיך געפּרואווט רייסן אויף גלייכע ווענט. אָבער צו די ווערק, וואָס האָבן אַ רעכט געלייענט צו ווערן און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט צו ווערן אויך פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, געהערט בלי שום ספק אויך זיין „אַנאַטעמאַ", מיט וועלכן מיר ווילן איצטער אַביסל נעענטער באַקאַנט ווערן.

דאָס איז איין הקדמה. אָבער מיר מוזן מאַכן נאָך איינע.

„אַנאַטעמאַ", ווי איך האָב שוין באַמערקט, געהערט צו יענער ריכטונג פון אַנדרעיעווס טאַלאַנט, וואו די סימבאָליק גיסט זיך ביי אים צונויף מיט דער רעאַליסטיק. זיי זיינען אַלע, ווי איך האָב שוין אויך אַנגעטייט, קונציקע שיפריר־ווערק, וואָס זיינען גאָר ניט אַזוי לייכט פאַנאַנדערצושיפרירן אין גאַנצן. איך וויל אָבער מיט דעם בשום אופן ניט זאָגן, אַז דער געדאַנק, אָדער דער סכום פון געדאַנקען, וואָס איז איינגעוויקלט אין זיי האָט זיך פריער אַנטפּלעקט פאַר אַנדרעיעווס שכל אין זייער ריינער פילאָסאָפישער

פאָרם און דערנאָך איז אַנדרעיעוו אומגעגאַנגען און כסדר געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ קונציקן שיפר פון בילדער און שטימונגען ער זאָל אויס„מוח׳ן“, כדי עס זאָל אויסקומען אי שיין פאַר דעם עסטעטישן כח־הדמיון, אי מאַגנעטיש פאַר דעם פאַראינטערעסירטן געדאַנק, אי — דער עיקר! — אַביסל אינטריגעריש פאַר דעם לעזער דורך דער אויסערלעכער פאַרפלאָנטערטקייט און נעפלדיקייט פון דעם סימבאָל.

אַזוי שאַפט קיין איינציקער גרויסער דיכטער ניט. אַזוי האָט אפשר דער „צווייטער“ אַנדרעיעוו געשאַפן, דער פון דעם „רויטן געלעכטער“ און דער „וואַנט“, אָבער בשום אופן ניט דער פון „אַנאַטעמאַ“. וואָס מער איך טראַכט וועגן דער ניט־קלאָרקייט פון אַנדרעיעווס סימבאָלן אין זיינע בעסערע ווערק, אַלץ מער לייגט זיך מיר אויפן שכל אַזאַ מין סברה.

זעלטן־ווען אַ דיכטערס געמיט איז צו אַ געוויסער צייט באַפרוכטעט נאָר מיט איין־איינציקער טעמע. דאָס רוב טראָגט די נשמה אין זיך קערנדלעך פון עטלעכע טעמעס מיטאַמאָל, וואָס וואַקסן זיך אַלע אין איין צייט, אָפטמאָל אין דעם אומבאַוואוסטן און האַלב־באַוואוסטן שאַפן. און עס טרעפט אויך אַזוי, אַז בעת דער דיכטער איז באַשעפטיקט מיט דעם באַ־וואוסטן אויסאַרבעטן פון אַ וועלכן עס איז קינסטלערישן געדאַנק, בעת זיין „אויבערשטיבל“ פון דעם קלאָרן פאַרשטאַנד איז פול פון געשטאַלטן און בילדער, וואָס געהערן צו יענעם ענין, גייט אָן אַן אינטענסיווע, גייסטיקע, האַלב־אומבאַוואוסטע אַרבעט אין דעם „אונטערשטן גאָרן“. דאָרטן קאָן אין דער צייט אויסגעטראָגן ווערן גאָר אַן אַנדער קינסטלעריש ווערק, וואָס האָט מיט דעם ערשטן קיין ברעקל שייכות ניט. אַזוי איז ביי דוד פינסקין, צ. ב., אין גאַנצן פאַרטיק געוואָרן „דער שטומער משיח“ גראָד אין יענער צייט, ווען ער האָט פיבערהאַפט געשריבן אַ גאַנץ אַנדערע דראַמע. ער האָט געמוזט גיכער „אָפ׳פטרן“ די ערשטע אַרבעט, כדי צו קאָנען מקבל־פנים זיין דעם נייעם גייסט, וואָס האָט זיך גלייך אַרויסגעגאָסן אין דער פאָרם, ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן אין דעם אומבאַוואוסטן אָדער האַלב־באַוואוסטן שאַפן.

דאָרטן קאָן אָבער פאָרקומען נאָך אַן אַנדער פּראָצעס. בעת די נשמה איז פול, ווי אַ בייט, מיט דער זריעה פון עטלעכע געדאַנקען מיטאַמאָל, פאַסירט אָפטמאָל, אַז אין דעם אומבאַוואוסטן שאַפן פלאָנטערן זיך צונויף די טעמעס מיט זייערע וואָרצלען אָדער זייערע צווייגן. דער דיכטער פאַנ־טאַזירט, לאָמיר זאָגן, האַלב־אומבאַוואוסט וועגן די געשטאַלטן פון „די זיבן געהאַנגענע“, וואָס ליגן נאָך אין זייער ערשטער ניט־אַנטוויקלטער פופן־פאָרם, אָבער פון די געשטאַלטן וויקלט זיך פלוצלונג אַרויס אַ בילד,

וואָס פּאַסט גאָר צו דער טעמע פון „פינצטערניש״. אָבער דאָס אומ־באַוואוסטע פאַנטאַזירן באַמערקט דאָס ניט, און דאָס לעצטע בילד בלייבט אַ לאַנגע צייט איינגעוויקלט אין די ערשטע. אָדער: דער דיכטער ווערט צוגעצויגן צו אַ וועלכער עס איז פּאַסירונג פון דעםווירקלעכן לעבן, ער ווערט נשתומם פון אַ נייעם שטריך אין דער מענטשלעכער נשמה, וועלכן ער האָט נאָר־וואָס אַנטדעקט. ער טראַכט זיך אין זיי אַריין און ער פילט אומבאַוואוסט, אַז זיי האָבן אַ שייכות צו די טעמעס, וואָס צייטיקן זיך אין דער שטיל פון זיין קינסטלערישן געמיט. צו די טעמעס! אָבער צו וועלכער פון זיי? אין דעם מאָמענט וואָלט אים זייער שווער געווען צו ענטפערן דערויף, און ער טראַכט גאָרניט וועגן דעם ענטפער. די נייע זעאונג אָדער דעם נייעם באַמערק שיקט ער גלייך אַראָפּ צו דעם אומבאַוואוסטן, ווייל דאָס „איבערשטיבל״ איז פאַרנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש, און דאָרטן אין דער „אָראַנזשערעיע״ זעצט עס זיך אָפּ אפשר גאָר ניט אויף דעם פּאַסנדיקן פּלאַץ. און אַזוי וואַקסט און פלאָנטערט זיך צונויף דער גאַנצער מאַטעריאַל, ביז איין טעמע ווערט אין גאַנצן צייטיק. דעמאָלט הויבט זיך אָן די אַרבעט אויך פון דעם קלאָרן פאַרשטאַנד. ער פּלאָנטערט אַרויס די צייטיקע פּלאַנץ פון אַלע איבעריקע, נאָך ניט פאַרטיקע, רייניקט זי אָפּ פון אַלע בילדער און באַמערקן, וואָס געהערן ניט צו איר, נאָר צו אַנדערע, אָדעח וואָס האָבן אפשר אין זיך אַליין די קראַפט צו ווערן אַ זריעה פאַר אַ באַזונדער פּלאַנץ, און שילדערט זי אָפּ אין איר אינדיווידועלער פּראַכט. אַזוי ווערן אויסגעאַרבעט די קלאָרע, שאַרף־דורכגעטראַכטע מייסטער־ווערק, וועלכע מיר באַוואונדערן ביי אַ טאָלסטאָי אָדער טורגעניעוו.

עס קומט אָבע אַמאָל פאָר, אַז אין דעם האַלב־באַוואוסטן שאַפן פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע ווערן די וואָרצלען און די צווייגן פון די פאַרשיידענע טעמעס ניט נאָר צונויפגעפּלאָנטערט איינאיינעם, נאָר אַזוי צונויפגעוואַקסן, אַז זיי ווייזן אויס ווי איין־איינציקער גאַנצער אָרגאַניזם. די באַהעפטונגס־קראַפט, וואָס בינדט צונויף איינאיינעם די פאַרשיידענע טעמעס, באַשטייט דעמאָלט ניט נאָר אין דער פּשוטער פּסיכאָלאָגישער קרובהשאַפט צווישן בילד און בילד. אַ וועלכער עס איז טיפער לעבנס־געדאַנק נעמט זיי אַלעמען אַרום, און די צונויפגעוואַקסענע טעמעס ווערן אין דער אמתן איין־איינציקע האַרמאָנישע זאַך, וואָס האָט אַ גאַנץ אייגענע באַדייטונג און אַ באַזונדערן, אייגענעם קיסטלערישן חן. די צונויפגעגאָסענע בילדער פון פאַרשיידענע טעמעס מוזן אָבער דערביי פאַרלירן זייער לאָגישע קלאָרקייט, דער שאַרפער געדאַנק מוז ביי זייער אָנבליק ווערן אַביסל מטושטש. דערפאַר אָבער העלפן די איינצלנע צונויפגעגאָסענע טיילן

אײנע די אַנדערע אַרױסצוּבּרענגען יענעם אָפּקלאַנג אין אונדזער געפיל, װאָס שטימט צו זײער אַלעמענס גרונד־טאָן, צו דעם טיפן לעבנס־אמת, װאָס נעמט זײ אַלעמען אַרום.

אַדאַנק דער גרױסער ראָלע פון דעם „אומבאַװאוסטן“ אין דעם באַשאַפן פון אַזעלכע װערק, קאָן געמאָלט זײן, אַז דער קינסטלער אַלײן װײס אױך ניט אױף קלאָר, װאָס אַזױנס עס איז בײ אים באַשאַפן געװאָרן. און פרעגט מען בײ אים װעגן דעם, האָט ער קײן אַנדער תירוץ ניט, װי: „עס האָט זיך מיר אַזױ פאַרװאָלט.“ װאָלט אָבער דער קינסטלער פאַרשטאַנען, אַז אין דעם באַשאַפן פון גרױסע װערק איבערהױפּט שפּילט דער באַװאוסטער װילן נאָר אַ באַהעלפערישע ראָלע; אַז דאָרטן, װאו ער פּילט אין זיך אַ שטאַרקן קאַפּריז פון דעם װילן, װעלכן ער קאָן ניט בײשטײן, איז דאָס גאַנץ געװיס אַ סימן, אַז זײן „זשעני“, דער קלוגער בעל־חלום פון זײן שאַפן, האָט דערבײ אַ גאַנץ ערנסטן, טיפערן מײן, װאָלט ער דעמאָלט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם שטיפערשן „עס־האָט־זיך־מיר־אַזױ־פאַרװאָלט“; נאָר, אָנצײגנדיק אױף זײן װערק, װאָלט ער זיך גאַנץ פּשוט מודה געװען: „חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא“, — „אַ טרױם האָט מיר געטרױמט, און איך װײס ניט װאָס עס באַדײט“. זאָלן די קריטיקער, אויב זײ קאָנען, מיר „פּותר־חלום־זײן“.

אָט אַזאַ מין צונױפגעװאַקסן װערק איז אַנדרעיעװס „אַנאַטעמאַ“. פאַר־שײדענע טעמעס האָבן זיך דאָ צונױפגעגאָסן אינאײנעם, פון װעלכע יעדע אײנע װאָלט געקאָנט אַרױסװאַקסן צו אַ באַזונדערן קינסטלערישן װערק. עס איז גאָר ניט שװער אַרױסצושײלן פון „אַנאַטעמאַ“ װײניקסטנס דרײ אײנצלנע קינסטלערישע מאָטיװן: אַן אינדיװידועל־פּסיכאָלאָגישן מאָטיװ, — די נשמה־פּײן פון אַן אינטערעסאַנטן ײדן, דוד לײזער; אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן מאָטיװ, — די פאַרבאָרגנסטע פאָדערונגען, װאָס לעבן אין דער נשמה פון די גרױסע מענטשן־מאַסן, און אַ פילאָסאָפישן מאָטיװ, — דער קאַמף פון דעם מענטשלעכן שכל אַנטקעגן די אײביקע סודות פון דער װעלט. אָבער די אַלע דרײ מאָטיװן זײנען אין דעם דיכטערס נשמה געװען אַרומגענומען מיט אײן־אײנציקן לעבנס־צער, דעם צער פאַר דעם מענטשן און זײן לעבן אױף דער װעלט. אָט דער צער טרײבט אַנדרעיעװן, װי אױך אַנדערע, אמתע קינסטלער, צו זוכן אַן ענטפער אױף דער גרױסער שאלה װעגן דעם װערט פון דעם מענטשנס לעבן, אױסצוגעפינען סוף־כל־סוף, װי אַנדרעיעװ דריקט זיך אױס, „דעם אמת װעגן דעם מענטשנס גורל“. און דער ענטפער אױף דעם פּראָבלעם, װאָס איז אױסגעװאַקסן אין דעם קינסטלערס געמיט, װאָס איז אים אַלײן אפשר ניט אינגאַנצן קלאָר,

איז געוואָרן אַ קריסטאַליזאַציע־פּונקט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך אַרומ־געזעצט דער אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער, דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער און דער ריין־פילאָסאָפישער מאָטיוו.

פאַרגעסן מיר ניט: אַנדרעיעוו איז קודם־כל אַ פילאָסאָפישער שריפט־שטעלער, וועמען עס האָבן קיינמאָל ניט געלאָזט צו רו די גרויסע פראַגן וועגן לעבן און טויט, וועגן דעם מענטשלעכן מאַרטירערטום, וועגן די אומ־גערעכטע, ניט־פאַרדינטע ליידן פון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער וועלט, וועגן די גרענעצן פון דעם מענטשלעכן וויסן. עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגן, אַז אין דעם פּונקט איז אַנדרעיעוו גראָד אַן אויסנאַם אין דער רוסישער ליטעראַטור. מען האָט אין דער לעצטער צייט איינגעזען, אַז אָט דער ברענענדיקער אינטערעס צו די אייביקע פילאָסאָפישע פראַגן איז אַ סימן מובהק פאַר אַלע גרויסע רוסישע שריפטשטעלער. געוויס, עס איז ניטאָ קיין איין גדול אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין פריי פון די אייביקע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, און וואָס גרעסער דער קינסטלער, אַלץ שטאַרקער איז אין אים דער פילאָסאָפישער פאַרלאַנג. אָבער ביי קיין איין ליטעראַטור פון קיין איין פאָלק האָט דער פילאָסאָפישער אינטערעס, די אָפּשאַצונג פון וועלט, לעבן און מענטש בכלל, ניט געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, ווי גראָד אויף די רוסישע גייסטער. מען קאָן זאָגן, אַז איבער דעם גאַנצן רוסישן שאַפן אין דער קונסט, פון פּושקינען אָן ביז אַראָפּ אין אונדזערע טעג, הענגט, ווי אַ בלייערנער וואָלקן, דער וועלט־סוד, וואָס לאָזט ניט צו רו דעם רוסישן געדאַנק. אָבער ביי קיינעם פון די רוסישע שריפטשטעלער איז דער „וועלט־סוד״ ניט געוואָרן דער באַוואוסטזיניקער צענטער פון זיין קינסטלערישן שאַפן, ווי גראָד ביי אַנדרעיעוון.

פון וואַנען שטאַמט אָט דער פילאָסאָפישער שטריך אין דער רוסישער ליטעראַטור?

איך וויל נאָך מיט אַ פּאָר ווערטער אויף די פראַגע קורץ באַרירן — און מיר זיינען פאַרטיק מיט אונדזערע הקדמות.

עס וואָלט געווען צו פריי אַרויסצודרינגען פון דעם חשק צו פילאָ־סאָפירן, וואָס מיר געפינען אין דער רוסישער ליטעראַטור, אַז די רוסישע ראַסע איז באַזונדערס מסוגל צו דעם ריין־פילאָסאָפישן שאַפן. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דערווייַלע האָבן די סלאַוון זיך ווייניק אויסגעפיינט אויף דעם פעלד פון דער ריין־פילאָסאָפישער קולטור, אַקוראַט אַזוי ווייניק ווי די רוימער און די איטאַליענער, און אפשר נאָך ווייניקער איידער זיי. דער גרויסער אינטערעס צו די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון לעבן, טויט און ניט־פאַרדינטע ליידן נעמט זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווי איך

גלויב, פון אַ גאַנץ אַנדער מקור: פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די רוסישע אינטעליגענץ. ווייניקסטנס, איז דאָס אמת ביז צו אַ גאַנץ גרויסן גראַד. פון פּושקינס צייטן אָן איז פאַר דער רוסישער אינטעליגענץ אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער פּראָבלעם פון פּאָליטישער פרייהייט, און דער קאַמף פאַר איר איז פון זיין באַגינען ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, אות באות, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

דער שיקזאַל פון די דעקאַבריסטן, — די געהאַנגענע און אין סיביר־פאַרמאַטערטע, — האָט שווער געדריקט אויף דעם געוויסן און דעם באַוואוסטזיין פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, ביעלינסקי, הערצען און דעם דור, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט גאָגאָלן. דער שיקזאַל פון די „פּעטראַשעווצי“ האָט פאַרפינצטערט דעם פרימאָרגן פון דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, נעקראַסאָוו און זייער דור. אין דעם סוף פון די 50ער און דעם אָנהויב פון די 60ער יאָרן האָט די אינטעליגענץ, אמת, אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט און דעמאָלט האָבן זיך אויך באַוויזן לעבנס־פריידיקע קלאַנגען אין דער ליטעראַטור און דער קריטיק. באַלד האָט זיך אָבער ווידער אָנגעהויבן דער ביטערער קאַמף, וועלכן די „נאַראָדניקי“ און „נאַראָדאָוואָלצי“ האָבן מיט אַזוי פיל מסירת־נפש געפירט, און אין דער אַטמאָספערע, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט זייערע קרעכצן, מיט דעם לעצטן כאָרכלען פון זייערע יונגע לעבנס, זיינען אויסגעוואַקסן די טאַלאַנטן פון אַ גאַרשין, מערעזשקאָווסקי און טשעכאָוו. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די 90ער יאָרן און די ערשטע יאָרן פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט האָט געזסוד׳עט אין די אויערן פון אַ גאָרקי און אַן אַנדרעיעוו דאָס ליד פון טויט און מאַטערניש.

די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער די קלאַנגען פון תפיסה־קייטן, אונטער דעם פייפן פון דעם תליונס בייטש. דער געהאַנגענער האָט זיך אויף זיין תליה תמיד געוויגט פאַר די אויגן, אין דער לופט האָט זיך תמיד געטראָגן דער טרויעריקער ניגון פון די „הרוגי מלכות“, וואָס האָט אַקאָמפּאַנירט צו די זיפצן פון דעם גאַנצן געמאַטערטן פאָלק. שוין באַלד הונדערט יאָר, ווי איבער די קעפּ פון די בעסטע רוסישע קינדער שוועבט דער שוואַרצער פויגל — טויט — און פאָכעט מיט זיינע פליגלען. איז דען אַ חידוש, וואָס ער וויעט אָן געדאַנקען פון טויט, ליידן, באַליידיקטן יושר און מסירת־נפש! געוויס, אַזאַ אַטמאָספערע מוז אַרויסברענגען ניט נאָר פּעסימיסטישע פילאָסאָפיע, נאָר אויך „דאָס ליד פון דעם שטורעם־פויגל“ און דעם ענטוזיאַזם פון קאַמף ביי די העלדן פון קאַמף. אָבער די שיינע ליטעראַטור איז זעלטן

דער דירעקטער אויסדרוק פון די, וואָס גייען פריידיק אין דעם טויט. זי שפּיגלט אָפּ קודם־כל די פּסיכאָלאָגיע פון די, וואָס בלייבן לכתחילה דרויסן פון קאַמף, וואָס קוקן אים צו און פילן אים מיט, אָדער די, וואָס האָבן, פאַרוואונדעטע, מיט געבראָכענע הערצער, מיט אַ גיהנום אין געוויסן, געמוזט אַרויסגיין פון דער צייל. אויף זיי, אויף אַלעמען פאַכעט אָן דער שוואַרצער פויגל די אימה פאַרן לעבן און ביי זיי, ביי אַלעמען, וואַקסט אויס צו קאָלאָסאַלע מאָסן דאָס אייביקע פּראָבלעם פון דעם זיין אויף דער וועלט. וואָס איז די וועלט? וואָס איז דער זין פון דעם לעבן? וואָס איז דער ווערט פון דעם מענטשן? פאַרוואָס הערשט תמיד רויב און רציחה איבער איידלמוט און יושר? וואָס איז יושר? איז דאָס ניט מער ווי אַ מענטשלעכער אויסטראַכט, אָדער איז ער אַ געטלעך געבאָט? קאָן אים דער מענטשלעכער שכל משיג זיין? — די אַלע פראַגן שטייען תמיד פאַר די אויגן אין לעבן און פאָדערן אַן ענטפער.

דער פּעסימיזם און דער אָפּטימיזם קעמפן, ווי איר ווייסט, פאַר דעם ענטפער אויף די דאָזיקע שאלות, און דער גרונט־צוועק פון דעם ווערק „אַנאַטעמאַ״ איז אויך ניט קיין אַנדערער, ווי אויפצוווייזן דאָס פּראָבלעם פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם אין זיין גאַנצער גרויס און פרואוון געבן אויף אים אַן אייגענע תשובה.

דאָס איז, אין איין וואָרט, דער סימבאָלישער צוועק פון דער דראַמע.

לאָמיר פריער באַקאַנט ווערן מיט דעם סיפור־המעשה.

דער פּראָלאָג שפּילט זיך אָפּ אויף אַ שיפּוע פון אַ באַרג, וואָס זיין שפּיץ ווערט פאַרלוירן אין דער אומבאַגרענעצטער הויך. אין דערמיטן פונעם אַרויף־באַרג שטייען מוראדיק־גרויסע אייזערנע, פעסט־פאַרשלאָסענע טויערן, וואָס דריקן די ערד מיט זייער מאויםדיקער שווערקייט. די טויערן מאַרקירן מיט זיך „דעם סוף פון דער וועלט, אויף וויפל דער שכל קאָן אים משיג זיין״; הינטער די טויערן וואוינט, שווייגזאַם און איינגעוויקלט אין דעם אייביקן סוד, „דער אָנהויב פון יעדן זיין, דער גרויסער שכל פון דעם וועלט־אַל״. ביי די טויערן שטייט אומבאַוועגלעך און פאַרשוויגן דער „עמעצער, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג״. דער גאַנצער פּראָלאָג באַשטייט אין דעם, וואָס „אַנאַטעמאַ״, דער פאַרשאָלטענער, בעט זיך באַלד מיט רחמים, באַלד מיט רוגזה ביי דעם פאַרגליווערטן שומר פון אַריינגאַנג, ער זאָל אים צולאָזן אַ בליק טאָן הינטער די טויערן, ערגעץ־וואו דורך אַ שפּעלטעלע דערזען די אייביקייט. אַז ניט, זאָל ער אים לפּחות אויסזאָגן דעם נאָמען פון דעם, וואָס וואוינט הינטער די טויערן...

— „דעם נאָמען, דעם נאָמען!״ — בעט זיך אַנטאַטעמאַ. — „אַלץ אין

דער וועלט בענקט נאָך גוטס און ווייס ניט ווי צו געפינען אים. אַלץ אין דער וועלט וויל לעבן און געפינט נאָר דעם טויט. וואָס איז דער נאָמען פון גוטס? וואָס איז דער נאָמען פון דעם אייביקן לעבן?“

און אַז אַלע בקשות העלפן ניט, אַז דאָס בילד פון די מענטשלעכע ליידן און די זיפצן פון דער וועלט רירן ניט דעם שומרס הארץ, באַרימט זיך אַנאַטעמאַ, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט אים דערפאַר מיט דוד לייזערס לעבן. דוד לייזער, זאָגט ער, איז „אַ נאַרישער, אָבער ערלעכער מענטש און אויב מען זאָל אים גוט דורכפּעכן און אָנצינדן, וועט פון אים אַרויס ניט קיין שלעכטער פאַקל פאַר מיין יום־טוב“. „דיין טרויעריק לעבן“, זאָגט ער אין געדאַנק צו דוד לייזערן, „וועל איך ווי אַ שטיין פון אַ שליידער־האַלץ אַ שאָס טאָן אין דעם שטאָלצן הימל — און עס וועלן אַ ציטער טאָן די יסודות פון די הויכע הימלען.“

בעת איך האָב געלייענט דעם פּראָלאָג פון אַנאַטעמאַ, האָבן מיר אין די אויערן געקלונגען אַ פּאָר לידלעך פון היינריך היינע, וואָס וואָלטן געקאָנט אַוועקגעשטעלט ווערן ווי עפּיגראַפן צו אַנדרעיעווס דראַמע. איין לידל לייענט זיך אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג אַזוי:

בײם ים, בײם װיסטן, נאַכטלעכן ים
שטײט אַ יונגער מאַן.
די ברוסט פול צער, דער קאָפּ פול ספיקות,
און מיט פינצטערע ליפּן פרעגט ער די װאַלן:
אָ, אַנטפּלעקט מיר די סודות פון לעבן,
די פּײנפולע, אוראַלטע סודות,
װאָס אויף זײ האָבן שױן אַ סך מוחות געדאַרט, —
קעפּ אין היעראָגליפן־היטלען,
קעפּ אין טורבאַן און אין שװאַרצן באַרעט,
קעפּ אין פּאַריקן און טױזנטער אַנדערע
אָרעמע, שװיצנדיקע מענטשלעכע קעפּ, —
זאָגט מיר, װאָס באַטײט דאָס דער מענטש?
פון װאַנען קומט ער? װאוהין גײט ער אַװעק?
װער װאױנט דאָרטן אויבן, אויף די גילדערנע שטערן?
עס מורמלען די װאַלן זײער אײביק געמורמלט,
עס װײעט דער װינט און עס פליען די װאָלקנס,
עס פינקלען די שטערן גלײכגילטיק און קאַלט, —

און אָט איז נאָך אַ לידל אויף דער טעמע פון די אייביקע סודות; שוין אין אַביסל אַ קינסטלערישער, אָבער דערפאַר, אַ פרייערער איבערזעצונג:

לאָז די הייליקע משלים
און די דריידלעך פון גמרא!
אויף די שווערע, האַרבע שאלות
גיב אַ תשובה אונדז אַ קלאָרע.

פאַרוואָס שלעפּט זיך בלוטענד, עלנט
אין יסורים דער גערעכטער,
בעת עס פאָרט אום זיגרייך, גליקלעך
אויף אַ הויכן פערד דער שלעכטער?

וואו ליגט דאָ די שולד? איז אפשר
ניט גאַנץ יכולדיק דער בורא?
אָדער טוט ער׳ס מיט אַ כיוון
און מאַכט חוזק פון זיין תורה?

דאָס אַלץ פרעגן מיר כסדר,
ביז עס קומט מיט בלאָטע הענט ווער
און פאַרשטאָפּט מיט ערד די מיילער...
אָבער — איז דאָס דען אַן ענטפער?

שוין אין דעם ״פּראָלאָג״ צו דעם ״אַנאַטעמאַ״ טרעט אַרויס די גאַנצע בענקשאַפט נאָך דעם ענטפער, אויף וועלכן ״דער נאַר״ איז געשטאַנען און געוואַרט ביי דעם נאַכטלעכן ים.

״רוף מיר אָן דעם נאָמען פון דעם, וואָס הינטער די טויערן״, בעט זיך אַנאַטעמאַ ביי דעם ״עמעצן, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג״. ״שטילערהייט רוף אים אָן, קיינער׳ט ניט הערן. נאָר איך, דער ווייזער אַנאַטעמאַ, וואָס בענקט נאָכן אמת, וויל דאָס וויסן.״

״דערגרייכן צו דיר ניט״, פרעגט ער אים, ״די שטימען, וואָס שילטן? וואָס גייען אויס פון די כוחות אונטער דער משא פון שלעכטס?... וואָס בענקען אומענדלעך און שרעקלעך?...״

נאָך דייטלעכער טרעט אַרויס דער ים־מאָטיוו ביי דוד לייזערן. ״איין מאָל, אויפן ברעג ים״, דערציילט אַלץ נאָך אַנאַטעמאַ, ״האָב איך באַגעגנט דוד לייזערן, בעת ער האָט געפרעגט די וואַלן, אויף וואָס זיי באַקלאָגן זיך

אַזוי.“ און שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז דוד לייזער פלעגט טאַקע אָפט גיין זיך דורכשמועסן מיט די וואַלן.

„וואָס האָסטו געטאָן ביים ים?“ — האָט אים אַמאָל געפרעגט זיין ווייב, שרה.

דוד: „איך האָב געקוקט אויף די וואַלן, שרה, און האָב זיי געפרעגט: פון וואַנען קומען זיי און וואוהין גייען זיי? איך האָב געטראַכט וועגן דעם לעבן, שרה: פון וואַנען איז ער געקומען און וואוהין גייט ער אַוועק?“

שרה: איז וואָס האָבן דיר געזאָגט די וואַלן, דוד?“

דוד: „זיי האָבן גאָר נישט געזאָגט, שרה... זיי קומען און גייען ווידער אַוועק, און דער מענטש אַוויפן ברעג ים וואַרט אומזיסט אויף אַן ענטפער פונעם ים.“

אָבער — ווער און וואָס איז דוד לייזער?

דוד, מיט דעם פאַמיליע־נאָמען לייזער, איז אַ פּשוטער ייד מיט אַ גרויער לאַנגער באָרד, וואָס האָט געהאַנדלט לעבן אָדעס אין אַן אָרעמען ביידל מיט סאָדע־וואַסער און הערינג. אינאיינעם מיט זיין ווייב, שרה, פירט ער זיין קבצנישן מסחר און, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע קאָנקורענטן זיינע, וואָס האָבן זייערע ביידלעך לעבן אים — אויך מיט דער זעלביקער סחורה — קוקן זיי אויס זייערע אויגן — אויף אַ קונה. אַ זון האָט ער, נחום, אַ דערריקן, שוין באַלד ביים שטאַרבן, גייט ער אום איבערן שטאָט און „זוכט“ פאַר דעם מסחר „קרעדיט“. אויך אַ טאָכטער האָבן זיי די לייזערס, רויזע, אַ בילד־שיינהייט, פון וועלכער מען פאָדערט אָבער, אַז זי זאָל אומגיין תמיד פאַרשמוצט און איינגעהויקערט, כדי זי זאָל אויסזען ווי אַ משלחת, „ווייל שיינקייט איז אַ צו געפערלעכער אוצר“ פאַר אַן אָרעמאַן, ווי שרה דערקלערט דאָס, „און עס איז גרינגער איינהיטן געלט פון אַ גזלן, איידער שיינקייט פון אַ שלעכטן“.

פאַרוואָס האָט אַנדרעיעוו אויסגעקליבן גראָד אַזאַ דוד לייזערן, אַנאַ־טעמאַ זאָל פון אים „אויספּעכן אַ פּאַקל צוליב זיין יום־טוב“?

איך האָב מורא, אַז טיילווייז איז אין דעם שולדיק אַנדרעיעווס קנאַפּע באַקאַנטשאַפט מיט דעם איצטיקן יידן. צו דעם יידישן לעבן און צו די יידישע טיפן האָט ער, הפנים, קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך נעענטער צוקוקן. ביי זיין גאַנצער פריינטלעכקייט צו יידן, ביי זיין אמת־וואַרעמער סימפּאַטיע צו אונדז, וואָס רעדט אַזוי קלאָר אין זיינע יידישע פיגורן, האָט ער ניט געקאָנט באַפרייען זיי פון אַ געוויסן שטריך, מיט וועלכן זיי טרעטן אַרויס אין דער רוסישער, בייזוויליקער קאַריקאַטור, איבערהויפּט ביי דעם שוין איצט פאַרגעסענעם פּאַוועל וויינבערג: דאָס

איז דער שטריך פון גרענעצלאָזער נאַאיוויטעט. אָבער בעת אין דער רוסישער קאַריקאַטור איז דער שטריך פאַרבונדן מיט פשוטער דומהייט און האַרצלאָזיקייט, פאַרבינדט אים אַנדרעיעוו מיט אַ שטריך פון סענטי־מענטאַלער טיפקייט אין געפיל און געדאַנקען. אַ פשוטער מענטש מיט אַ סענטימענטאַל־נאַאיווער טיפקייט אין געפיל און געדאַנק איז דער ייד דוד לייזער — און אַזאַ ניט קיין איבערגעשפּיצטער, פון נאַטור אויס גוטער מענטש קאָן לייכטער געמאַכט ווערן פאַר דעם סימבאָל פון יענעם מענטש איבערהויפּט, וועלכן אַנאַטעמאַ ברויכט פאַר זיין פּלאַן: אַ פרומער, גאָט־איבערגעגעבענער, וואָס קאָן גיין אויף דער עקידה פאַר דער מענטשהייט.

דערצו דוכט זיך אַנדרעיעוון, אַז ביי די איצטיקע יידן לעבט דער רעליגיעזער גלויבן כמעט אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי אַמאָל אין די ביבל־צייטן: מיט דער תמימותדיקער נאָענטקייט צו גאָט, ווען דער רבונו־של־עולם איז געווען כביכול אַ גאַנצער בן־בית ביי אונדזערע אבות, הערט אויס, צום ביישפּיל, אַ געשפּרעך צווישן נחומען און שרהן.

דער דערריקער זון זאָגט צו זיין מוטער: „מאַמע, איך וועל מער ניט גיין זוכן קרעדיט. איך וועל מיט דעם טאַטן גיין אויפן ברעג ים. עס איז שוין מיר צייט צו פרעגן ביי גאָט וועגן מיין גורל.״

שרה: „פרעג ניט, נחום, פרעג ניט!״

נחום: „ניין, איכ׳ל פרעגן.״

שרה (בעט זיך): „מען דאַרף ניט, נחום, ניט פרעג.״

אַנדרעיעוו גלויבט, הפּנים, אַז אַזאַ געשפּרעך, וואָס וואָלט אפשר געקאָנט מעגלעך זיין אין דעם אַלטן פּאַלעסטינע, קאָן זיך נאָך עד היום אָפּשפּילן איצטער אין אַדעס. אַנדרעיעוו איז אַזוי ווייניק באַקאַנט מיט דעם איצטיקן יידן, אַז — אַ קליינינקייט, אָבער אַ כאַראַקטעריסטישע! — ער לאָזט דעם אַלטן, פרומען דוד לייזערן, ביי אים זאָל זיך וואַלגערן אַ תנ״ך אונטערן טיש, און ער זאָל דאָס מערקן און עס ניט אויפהויבן, און ניט אַ קוש טאָן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין דער שילדערונג פון דוד לייזערן טרעט אַזוי ווייניק אַרויס דער ייד. פאַר אַנדרעיעוון איז געווען אינטערעסאַנט ניט דער ייד דוד, נאָר דער מענטש דוד מיט דער סענטימענטאַל־נאַאיווער טיפקייט אין דער נשמה, מיט דער תמימותדיקער נאָענטקייט צו גאָט. אַזאַ מענטשן האָט זיך אַנדרעיעוו געקאָנט פאָרשטעלן נאָר ביי יידן, און דערפאַר, אפשר, האָט ער אויסגעקליבן פאַר דער הויפּט־פיגור פון זיין דראַמע דעם יידן דוד לייזער.

און פונדעסטוועגן, — ווי ווייניק עס פּאַסן צו דעם איצטיקן יידן סענטימענטאַל־נאַאיווע טיפקייט און תמימותדיקע נאָענטקייט צו גאָט, —

איז דאָס פּאָרט געווען אַ ריכטיקער קינסטלערישער אינסטינקט ביי אַנדרעיעוון — צו זוכן זיין העלד ביי די איצטיקע יידן. פּרוּוּט אין געדאַנק אַוועקשטעלן אָנשטאָט דוד'ן אַן אַנדער מענטשן, אַ רוסישן „מיעשטשאַנין“, אַ פּוילישן „שליאַכטשיטש“, אַ מענטשן פון וועלכן פאָלק איר ווילט, פון וועלכן קלאַס איר ווילט, און עס וועט אייך ווערן קלאָר, אַז אויב די מעשה, וואָס אַנדרעיעוו דערציילט אונדז, וואָלט איבערהויפּט געקאָנט ערגעץ־וואו פּאַסירן, וואָלט זי זיך געקאָנט אָפּשפּילן נאָר מיט אַ יידן אין דער ראָלע פון דעם הויפּט־העלד.

ווי סימבאָליש די פיגור פון דוד לייזערן זאָל ניט זיין, — ער איז דער סימבאָל פון דעם גוטן און גערעכטן מענטשן, אויב איר ווילט, פון גוטס און גערעכטיקייט בכלל, — ווי בלאָס עס זאָלן ניט זיין די נאַציאָנאַל־יידישע שטריכן אין אים, בלייבט דוד לייזער דאָך אַ יידישער טיפּ, — אַ פערטער גרויסער יידישער טיפּ, געמאָלט פון אַ ניט־יידן, וואָס קאָן אַוועק־געשטעלט ווערן לעבן די דריי אַנדערע גרויסע טיפּן אין דער וועלט־ליטעראַטור, געמאָלט פון ניט־יידן: לעבן שעקספּירס „שיילאָק“, לעסינגס „נתן החכם“ און גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, — דוד לייזער איז אפשר דער יידישלעכסטער פון זיי, פון אַלעמען.

על כל פּנים איז די טראַגעדיע פון דוד לייזערס נשמה אַ טעמע פאַר זיך, וואָס איז גענוג רייך און אינטערעסאַנט, מען זאָל צוליב איר אַליין זיך אָפּשטעלן אויף אַנדרעיעווס ווערק.

ווען דוד לייזער איז געקומען צו זיין אָרעמען סאָדע־ביידל צוריק פון ברעג ים, וואו ער האָט, ביי דעם אָנבליק פון די וואַלן, געטראַכט וועגן דעם גורל פון דעם מענטשלעכן לעבן, האָט אים דער שיקזאַל באַגעגנט מיט אַ הויפן גליק. אַן אַדוואָקאַט האָט אים געבראַכט אַ גרויסע ירושה פון אַמעריקע, פון אַ פאַרשטאָרבענעם ברודער. אין דער יוגנט איז דער ברודער אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט און דוד האָט געדאַרפט דינען אָנ־שטאָט אים. איצטער, נאָכן טויט, באַצאָלט דער ברודער דוד'ן פאַר דער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען אַנטקעגן אים. דער גאַנצער פאַרמעגן פון דעם אַמעריקאַנער גביר, צוויי מיליאָן דאָלער — „פיר מיליאָן רובל!“ — פאַרטייטשט עס דער אַדוואָקאַט — גייט איבער צו דוד לייזערן. דער אַדוואָקאַט איז ניט קיין אַנדערער ווי אונדזער אַנאַטעמאַ, וואָס האָט זיך אומגעקערט צוריק צו דער ערד, כדי אויסצופירן זיין קריגס־פּלאַן אַנטקעגן די הימלען.

אָבער דוד לייזער וויל אין אָנהויב גאָר ניט וויסן פון דער ירושה. אויסגעמאַטערט פון לעבן, אין האַרצן זיך שוין פון לאַנג צוגעוואוינט צו

דעם געדאַנק פון טויט, שוין לאַנג פרידן געשלאָסן מיט גאָט, זעט ער אין דעם באַרג גאָלד אַ נייע סכנה פאַר דער רו פון זיין נשמה, אַ נסיון, וואָס קאָן ניט שטאַמען פון גאָט.

„טרייבט אים אַוועק״, שרייט ער צו די אַרומיקע. „דאָס איז דער שטיין. איר מיינט, ער האָט געבראַכט פיר מיליאָן רובל? ניין, פיר מיליאָן באַליידיקונגען האָט ער געבראַכט. פיר מיליאָן געלעכטערס האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף מיין קאָפּ... פיר ימ׳ען ביטערע טרערן האָב איך פאַרגאָסן אויפן לעבן, פיר ווינטן פון דער ערד זיינען געווען מיינע זיפצן; הונגער און קרענק האָבן אויפגעגעסן מיינע פיר קינדער, און איצטער, בעת איך האַלט ביים שטאַרבן, ברענגט מען מיר פיר מיליאָנען. וועלן זיי מיר אומקערן מיינע יונגע טעג, פאַרבראַכט אין דחקות און אין צער, אַרומגעריגלט פון יסורים, באַקרוינט מיט עגמת־נפש? וועלן זיי מיר צו־ריקברענגען לאָז זיין איין טאָג פון מיין הונגער, לאָז זיין איין טרער, וואָס איז געפאַלן אויף אַ שטיין, לאָז זיין איין שפּיי, וואָס מען האָט מיר געשפּיגן אין פּנים?...״

שוואַר אי געווען דוד לייזערס לעבן. אָבער, הפּנים, אויך אַזאַ לעבן איז אים טייער, און די פּלוצלעכע עשירות וואָלט פאַר אים געהאַט אַ ווערט, ווען זי וואָלט נאָר געקאָנט צוריקברענגען די אויף־אייביק־פאַר־פלאָסענע טעג פון הונגער, טרערן און באַליידיקונגען, — אַן עכט־יידישע צוגעבונדנקייט צום לעבן, וואָס פאַר אַ לעבן דאָס זאָל ניט זיין, אַפילו צו דעם שפּיי פון דעם לעבן, דריקט זיך דאָ אויס אין דוד לייזערס קלאָגן.

אָבער פיר מיליאָן רובל האָבן ניט די קראַפט צוריקצוברענגען „לאָז זיין איין שפּיי, וואָס מען האָט אים געשפּיגן אין פּנים״. און דוד לייזער פאַרשילט די מיליאָנען.

„פיר מיליאָנען קללות, — אָט דאָס זיינען דיינע פיר מיליאָן רובל״, טענהט ער ווייטער, איבערבליקנדיק זיין גאַנצן לעבן. „אוי, חנה! אוי, בנימין און רפאל! אוי, מיין קליינינקער משהלע! איר, מיינע קליינע פייגעלעך, געשטאָרבן פון קעלט אויף די הוילע צווייגעלעך פון ווינטער — וואָס וועט איר זאָגן, ווען אייער טאַטע וועט זיך צורירן צו דעם געלט? ניין, איך דאַרף ניט קיין געלט! איך זאָג אייך, איך דאַרף ניט קיין געלט, איך בין אַן אַלטער ייד, וואָס שטאַרבט פון הונגער. איך זע ניט אין דעם גאָט.״

אַנאַטעמאַ ווערט ניט נתפעל פון די אַלע קלאָגן. ער קען צו גוט דעם מענטשן. ער ווייס, אַז סוף־כל־סוף וועט דוד לייזער אײַנוויליקן, אפשר ניט צוליב זיך, איז, וויניקסטנס, צוליב זיין ווייב און קינדער. און — כך הוה! — דוד נעמט אָן די ירושה, דינגט אַ רייכן פּאַלאַץ און הויבט אָן

צו פירן, — דערוויילע אויף קרעדיט, — דאָס געלט איז נאָך ניט געקומען פון אַמעריקע, — אַ לעבן פון אַ גרויסן עושר.

די שיינע טאָכטער, רויזע, דאַרף שוין ניט באַהאַלטן איר שיינקייט. זי בילדעט זיך, לערנט זיך פאַרן רייטנדיק, איז אַרומגערינגלט מיט אַריסטאָ־קראַטישע קאַוואַליערן, און אין איר יונגן שיינעם קאָפּ האָבן זיך אויפ־געוועקט חלומות פון גלאַנץ און מאַכט. די מוטער שרה קוועלט אָן פון איר גליק. אַפילו דער דערריקער נחום, וואָס האָט שוין ביים טויט, האָט זיך געלאָזט דינגען אַ טאַנץ־לערער און ווענדט אָן זיינע לעצטע ביסל כוחות, כדי אַרויסצובורעגען אַ ריכטיקן „פּאַ“. — אַנאַטעמאַ, אונטער דעם נאָמען פון „נוליוס“, האָט אויפגעגעבן זיין יורידישע פּראַקטיק און איז געוואָרן אַ פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי דודן. אָבער דוד לייזערן האָט דער גליקלעכער אומבייט אין זיין לעבן ניט געבראַכט קיין נחת. דער אַלטער, פון לעבן אויסגעמאַטערטער ייד קאָן שוין ניט געפינען קיין גליק אין געלט און די הנאות פון דעם עולם הזה. זיין נשמה איז איינגעוויקלט אין שווערע וואָלקנס פון צער. די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר אים איבער־געביטן און האָט זיך צוגעקערט צו אים גאָר ניט פון איר שענסטער זייט. קודם־כל איז אים, דעם פרומען, תמימותדיקן מאַן, צואווידער געוואָרן די שפלקייט פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, מיט וועלכן ער איז ערשט איצטער באַקאַנט געוואָרן.

„שווער צו קוקן אויף מענטשן“, באַקלאָגט ער זיך פאַר נוליוסן... „פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די מענטשן אַזוי ניט שיין איבערגעביטן. גע־פעלט אייך, אַז מען פאַרנויגט זיך פאַר אייך צו נידעריק, נוליוס? מיר געפעלט דאָס ניט: מענטשן זיינען ניט קיין הינט, וואָס זאָלן קריכן אויפן בויך. און געפעלט אייך, נוליוס, ווען מענטשן זאָגן אייך, אַז איר זייט דער קליגסטער, דער איידלסטער, דער בעסטער פון אַלע, וואָס לעבן, בעת איר זייט אַ געוויינלעכער אַלטער ייד, ווי אַ סך אַנדערע. מיר געפעלט דאָס ניט, נוליוס: פאַר קינדער פון גאָט פון אמת וחסד פּאַסט ניט צו ליגן, אַפילו ווען די אכזריות פון דעם אמת זאָל זיי ברענגען דעם טויט.“

און דערנאָך — די שווערע אומרו אין דעם אייגענעם האַרצן. עס איז אין אים אויפגעוואַכט געוואָרן אַ הונגער צום לעבן, צו דעם עולם הזה, בעת דער טויט הענגט שוין אויפן נאָז. „קאָן איך פאַר כל הגעלטן קויפן לכל הפחות איין טאָג געזונט און לעבן?“ — פרעגט ער ביי נוליוסן. און כדי נאָך שאַרפער צו פילן די ביטערע איראָניע פון זיין שיקזאַל, דאַרף ער נאָך אַלע טאָג זען פאַר זייַנע אויגן ווי זיין זון, נחום, לערנט זיך טאַנצן פאַרן טויט.

איך קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעגינגן, דורכלייענען פאַר אייך, אַביסל אָפּגעקירצט, ווייניקסטנס, די ערשטע העלפט פון דער מאוימדיקער טאַנץ־סצענע.*)

„אַ רייכער זאַל, מיט ווייסן מאַרמאַר באַפּוצט, מיט גרויסע איטאַ־ליענישע פענצטער און אַן אַרויסגאַנג צו דער וועראַנדע. ס׳איז מיטאָג־צייט. פון די אָפענע פענצטער זעען זיך האַלב־טראָפּישע פלאַנצן און די טיפע בלאָקייט פון ים...ביים טיש זיצט דוד לייזער. ער איז זייער טרויעריק. אַביסל ווייטער אויפן דיוואַן זיצט ברייטלעך שרה, רייך, אָבער אָן געשמאַק געקליידט. זי קוקט ווי נחום לערנט זיך טאַנצן. נחום איז זייער בלייך, הוסט און קאָן זיך קוים האַלטן פון שוואַכקייט, דערהויפּט ווען ער דאַרף, לויט די רעגעלן פון טאַנצן, שטיין אויף איין פוס. אָבער ער לערנט זיך האַרטנעקיק; ער איז זייער עלעגאַנט געקליידט, נאָר דער אויסער־געוויינלעכער בונטער זשילעט פון אַ שרייענדיקער פאַרב און דער האַלדז־טוך פאַרדאַרבן דעם איינדרוק. אַרום נחומען דרייט זיך, באַלאַנסירנדיק און זיך אַראָפּלאָזנדיק, דער טאַנץ־לערער מיט אַ פידל און סמיק אין די הענט. דאָס איז אַ נעטער מאַן, אומגעוויינלעך לייכט אין באַוועגונגען; טראָגט אַ ווייסע וועסט און לאַקירטע שיכלעך. ביים אַריינגאַנג שטייט אשמדאי (אַנאַטעמאַ) מיט אַ טרויעריקן פּנים און קוקט מיט אַ פאַרוואורף.

„לערער: איינס־צוויי־דריי; איינס־צוויי־דריי.

„שרה: זע, דוד, זע, ווי נחומען גייט דאָס דער טאַנץ. איך וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט אַזוי שפּרינגען — אָרעמער יונג!

„דוד: איך זע.

„לערער: הער נחום איז זייער טאַלאַנטפול. ביטע... איינס... צוויי־דריי. דערלויבט נאָר, ניט גאָר אַזוי. דעם פוס דאַרפט איר מאַכן עכטער, די באַוועגונג פון דעם רעכטן פוס דאַרף זיין נעט אָפּגערונדעט. אָט אַזוי, אָט אַזוי (ער ווייזט ווי). טאַנצן, מאַדאַם לייזער, איז גאָר אַזוי ווי מאַטע־מאַטיק; מען דאַרף דאָ אַ צירקל... ביטע, מאָסיע נחום. איינס־צוויי־דריי; איינס־צוויי־דריי (שפּילט אויפן פידל).

„נחום (אָן אָטעם): איינס־צוויי־דריי; איינס־צוויי־דריי...

„ער דרייט זיך און פלוצלונג פאַלט ער שיער אום. שטעלט זיך אָפּ מיט אַן אויסגעמאַטערטן פּנים, בלוטלאָז און טויטלעך דער בליק — דער הוסט שטיקט אים. הוסט זיך אויס און טאַנצט ווייטער.

*) איך גיב עס איבער אין דער איבערזעצונג פון מ. קאַץ, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אונטער דעם טיטל: „דער אשמדאי״.

„נחום: איינס־צוויי־דריי.

„לערער: אָט אַזוי, אַזוי, מאָסיע נחום. נעטער, נעטער, איך בעט אײַך. איינס־צוויי־דריי..."

דוכט אײַך ניט, אַז דאָס האָט זיך דער מלאך־המוות אַליין אָנגעטאָן פֿאַר אַ טאַנץ־לערער און מיט גראַציעזע, קיילעכדיקע, נעט־אָפּגערונדעטע „פּאַ" דרייט ער זיך אַרײַן מיטן נחומען אין דעם קבר אַרײַן? װײיניקסטנס האָט דאָס אַזוי געווירקט אויף דוד לייזערן.

דאָס גליק, וואָס רײַכקייט קאָן ברענגען, פֿאַרשטייט שוין דוד לייזער גאַנץ גוט. מען קאָן פֿאַר כל הגעלטן ניט קויפֿן איין־איינציקן טאָג פֿון לעבן און געזונט. און אַפֿילו, אַז מען וואָלט שוין דאָס יאָ געקאָנט קויפֿן, — וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן, אַפֿילו דאָס רײַכסטע און שענסטע, אויב ניט אַ גראַציעזער טאַנץ מיט קיילעכדיקע, נעט־אָפּגערונדעטע „פּאַ" — גלײַך אין קבר אַרײַן, אונטער דעם מאַטעמאַטיש־אָפּגעצירקלטן טאַקט פֿון דעם ביינערנעם טאַנץ־לערער?

דוד לייזער זיפֿצט, קרעכצט ביטער אונטער דער שווערער לאַסט פֿון יענע אייביקע פֿראַגן, וואָס וואַקסן פּלוצלונג אויס פֿאַר דעם מענטשן, ווען ער ווערט אַוועקגעשטעלט פּנים לפּנים צום טויט, וואָס זײַנען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אויך פֿאַר טאָלסטאָי, בעת ער איז געשטאַנען אויף דעם העכסטן שטאַפּל פֿון דעם אויסערן גליק.

אַלעמען איז באַקאַנט טאָלסטאָיס תּירוץ אויף דעם אייביקן פּראָבלעם פֿון דעם מענטשלעכן לעבן און טויט: ווילסטו לעבן נאָר פֿאַר זיך, וועסטו קיינמאָל ניט געפֿינען קיין אמתן גליק, ווײַל אַלץ וועט אײַנשלינגען דער שוואַרצער פּחד פֿאַרן טויט. גליק, פֿרייד און דעם באַוואוסטזײַן פֿון אומ־שטערבלעכקייט קאָנסטו האָבן נאָר דעמאָלט, ווען דו לעבסט ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דער מענטשהייט, צוליב גאָט, וואָס איז די ליבע צו אַלעמען.

אויך פֿאַר דוד לייזערן האָט זיך סוף־כל־סוף אויפֿגעעפֿנט יענע טאָלסטאָישע טיר אין גן־עדן. אָבער — מערקווירדיק! ניט ער, דוד לייזער, האָט צוערשט דערזען דעם אַרויסגאַנג. אָנגעוויזן אויף אים האָט אים גאָר — אַנאַטעמאַ. יאָ, אַנאַטעמאַ, דער גילגול פֿון דעם שטן, וואָס איז, באַקאַנטלעך, אויך דער מלאך־המוות און דער יצר־הרע. ער האָט גענומען רעדן פֿון דוד לייזערס געוויסן, ווי אַן אַגיוסט קאָנט אָדער אַ טאָלסטאָי, וועגן דער ליבע צו דער מענטשהייט.

אין דעם מאָמענט פֿון דעם העכסטן יאוש, ווען דוד פֿילט זיך פֿאַר־יתומט און אין גאַנצן אָפּגעריסן פֿון גאָט, „ווען די נשמה יאָמערט פֿאַרן פּחד פֿון טויט", ווײַזט אים גוליוס אָן אויף די אָרעמע לײַט, וואָס זײַנען

געקומען נאָך אַ נדבה, און גיט אים די עצה — אָוועקצוגעבן זיי זיין גאַנצן פאַרמעגן.

„דיין משוגעת באַשטייט אין דעם, דוד לייזער,״ דערקלערט נוליוס־אַנאַטעמאַ־טאָלסטאָי, „וואָס דו האָסט דעם גאַנצן לעבן געזוכט גאָט, און ווען גאָט איז צו דיר געקומען — האָסטו געזאָגט: איך קען דיך ניט. דיין טויט באַשטייט אין דעם, דוד לייזער, וואָס, אַ פאַרבלענדטער פון אומגליק, אַזוי ווי אַ פערד, וואָס דרייט אין דער פינצטער די ראָד אַלץ אין דעם זעלביקן קרייז, האָסטו פאַרלאָרן אויסן אויג די מענטשן און איינזאַם ביסטו געבליבן צווישן זיי מיט דיינע עשירות און מיט דיין חלאת. דאָרטן, דרויסן וואַרט אויף דיר לעבן — און דו, בלינדער, פאַרמאַכסט פאַר אים די טיר. טאַנץ, דוד, טאַנץ — דער טויט האָט אויפגעהויבן דעם סמיק און וואַרט אויף דיר. אַביסל גראַציעזער, דוד לייזער, בריהשדיקער, קיילעכיקער דעם פאַ!״

„דוד: וואָס ווילסטו פון מיר?

„אַנאַטעמאַ: גיב אָוועק צוריק גאָט, וואָס האָט האָט דיר געגעבן.

„דוד (אַנגערוקט): האָט מיר דען גאָט וואָס געגעבן?

„אַנאַטעמאַ: יעדער רובל אין דיין קעשענע איז אַ מעסער, וואָס דו שטעכסט אַריין אינעם האַרץ פון דעם הונגעריקן. צעטייל דיינע גיטער פאַר אָרעמע לייט, גיב ברויט די הונגעריקע און דו וועסט באַזיגן דעם טויט.

„דוד: קיין סקאָרקע האָט קיינער דוד׳ן ניט געגעבן, בעת ער האָט געהונגערט, וועל איך מיט זייער זאַטקייט אָנזעטיקן דעם הונגער, וואָס איז אין מיינע ביינער?

„אַנאַטעמאַ: אין זיי וועסטו זאַט זיין.

„דוד: וועל איך דען צוריק אומקערן דעם געזונט און די קראַפט?

„אַנאַטעמאַ: אין זיי וועסטו שטאַרק זיין.

„דוד: וועל איך פאַריאָגן דעם טויט, וואָס איז שוין אינעם בלוט, דעם שיטערן, ווי אַ וואַסער, וואָס איז שוין אין מיינע אָדערן, די האַרטע, ווי טרוקענע שטריק? וועל איך דען צוריק אומקערן דאָס לעבן?

„אַנאַטעמאַ: מיט זייער לעבן וועסטו פאַרכפלען דיין לעבן. איצט האָסטו נאָר איין האַרץ, דוד. ביי דיר וועלן ווערן מיליאָנען הערצער.

„דוד: אָבער איך וועל שטאַרבן?

„אַנאַטעמאַ: דו וועסט זיין אומשטערבלעך!״

פון וועלכער אומשטערבלעכקייט רעדט דאָ אַנאַטעמאַ? — מיינט ער די רעליגיעזע, יענע־וועלטיקע אומשטערבלעכקייט, מיט וועלכער דער רבונו־של־עולם באַצאָלט דעם מענטשן, פאַר וואָס ער האָט גוט אויסגעפירט

זיין געבאָט? אָדער האָט ער אפשר אין זינען יענע אומשטערבלעכקייט, וועלכע אָגיוסט קאָנט האָט אונדז געלערנט, — דאָס אייביקע לעבן אין דעם זכרון פון דער מענטשהייט דורך די גוטע מעשים, וואָס ער טוט פאַר איר? אָדער איז דאָ געמיינט נאָך אַן אַנדער אַרט אומשטערבלעכקייט — די, אויף וועלכער טאָלסטאָי האָט אונדז אָנגעוויזן?... ווען דער מענטש הויבט אָן צו לעבן אין ליבע און ליידן פאַר דער מענטשהייט, אַזוי ווערט אין אים דערוועקט, לערנט אונדז טאָלסטאָי, יענער פונק פון דער געטלעכער ליבע, וואָס איז פאַראַן ביי יעדן איינעם פון אונדז און וואָס קאָן ניט פאַרשווינדן מיט דעם טויט. מיט דעם דערוואַכן פון דער געטלעכער ליבע אין זיין ברוסט, דערוועקט זיך אין דעם מענטשן אויך דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ טייל פון דער אומשטערבלעכער גאָטהייט און ממילא אַליין אומשטערבלעך — און עס פאַרשווינדט פון אים דער פחד פאַרן טויט. אָדער האָט דאָ אַנאַטעמאַ אין זין נאָך אַן אַנדער מין אומשטערבלעכקייט?

די שאלה בלייבט ניט קלאָר פאַר דעם לעזער, אָבער דערווײַלע איז דאָס אויך ניט וויכטיק פאַר אונדז. וויכטיק איז, אַז די אַלע טאָלסטאָישע טענות און טעאָריעס פון אַנאַטעמאַ זיינען געפאַלן אויף אַ גוטן באָדן. אייגנטלעך, האָט דער געטלעכער פונק פון ליבע צו דער מענטשהייט שוין לאַנג געלעבט אין דוד לייזערס ברוסט. ער איז נאָר געווען צוגעדעקט מיט אַ באַרג ביטערנישן, אָנגעזאַמלט פון דעם אומגליקלעכן לעבן. דער וויכוח מיט אַנאַטעמאַ־טאָלסטאָי האָט נאָר פאַנאַנדערגעראַבן דעם באַרג אַש — פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם פונק — און פון דאָרטן האָבן גענומען שלאָגן די העלע פלאַמען פון ליבע. ער באַשליסט פאַנאַנדערצעטיילן זיין פאַרמעגן.

„אַך, קלוגער בוליוס; אַך, נאַרישער בוליוס", זאָגט ער צו אַנאַטעמאַ.

„ביסט שוין האָסטו ניט פאַרשטאַנען, אַז איך וואָרט שוין לאַנג אויף די אָרעמע לייט און זייער קול איז אין מיינע אויערן און אין מיין האַרצן... רוף אַהער די אָרעמע לייט."

אָבער די מאָטיוון פון דוד לייזערס באַשלוס זיינען דאָ אַביסל אַנדערע, איידער די, וועלכע אַנאַטעמאַ לייגט אים פאַנאַנדער. דער אייגנטלעכער „טאָלסטאָי" איז דאָ פאַרט דוד לייזער און ניט אַנאַטעמאַ. „ניט דעם מענטשן", זאָגט דוד, „נאָר גאָט האָב איך אַוועקגעגעבן מיין נשמה, און זיין מאַכט איז אויף מיר." ער פאָלגט ניט דער שטים פון מענטשן־ליבע, ווען אַפילו דער קול פון די אומגליקלעכע איז „אין זיינע אויערן און אין זיין האַרצן", נאָר דער „שטים פון גאָט", אַן אינעווייניקסטן האַלב־קלאָרן רעליגיעזן באַוואוסטזיין, אַז דורך די מעשים־טובים פון ליבע און רחמנות ווערט ער נעענטער צו זיין באַשעפער.

אין פלוג איז דאָ צווישן דוד׳ן און אַנאַטעמאַ גאָר אַ קלייניקער אונטערשייד. און עס ווייזט אויס, אַז אַנאַטעמאַ באַמערקט אים ניט. אָבער אין דער אמתן איז דער אונטערשייד אַ געוואַלטיקער.

פאַר וואָס איז אַנאַטעמאַ געוואָרן אַזאַ מענטשן־פריינט? פאַר וואָס קעמפט ער אַזוי פאַר דער מענטשהייט און דער מסירת־נפש צוליב איר? פאַר וואָס ווייזט ער אַזוי קלאָר אָן אויף דאָס גליק און די פרייד פון מסירת־נפש? — ער איז דאָך דער גילגול פון דעם שטן, זיין אויפגאַבע וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין צו פאַרדאַרבן דודס נשמה, אַנשטאָט דעם דער־הויבט ער זי גאָר צו אַן אומענדלעכער מאָראַלישער הויך?

מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּשטעלן אַביסל לענגער אויף דעם סימבאָל פון אַנאַטעמאַ. דערווײַלע איז גענוג, ווען מיר וועלן וויסן, אַז ער איז זייער אַ שפּעטער גילגול פון דעם שטן, אַז ער איז אַ גאָטס־פיינט, אָבער אַ מענטשן־פריינט, און עס איז אים דעריבער באמת לייכט צו רעדן, ווי טאָלסטאָי, אָדער ריכטיקער, ווי אָגיוסט קאָנט, וועגן דער מענטשהייט און דעם גליק פון מסירת־נפש צוליב איר. פון דער אַנדערער זייט אָבער וואַקסט אין זיין ברוסט אָן אַ ביטערער געלעכטער, ווען ער דערמאָנט זיך ווי אָנמעכטיק דער מענטש איז, אַפילו אויף זיין העכסטער מאָראַלישער הויך, לגבי דער נאַטור, וואָס ווערט באַהערשט פון געטלעכע סודות, וועלכע זיינען אויף אייביק פאַר אונדז פאַרדעקט. פון זיין ,אַנאַטעמאַס, שטאַנדפונקט איז גאָטס וועלט אַ מאָוימדיקע משוגעת, אַ שפּיי אין פּנים דעם שכל און דעם יושר, — אַ שפּיי מיט בלוט און גאַל. אַט דעם פּונקט וויל ער אַרויסברענגען קלאָר אָן אַ ברעקל ספק אין זיין קאַמף אַנטקעגן די הימלען. צוליב דעם צוועק וויל ער „גוט אויספּעכן" דוד לייזערן. ער וויל בשום אופן ניט פאַרדאַרבן דוד לייזערס נשמה. אדרבה, וואָס העכער זי איז, וואָס שטראַלנדיקער זי לייכט אין איר געטלעכער ריינקייט, אַלץ בעסער פאַר אים. די רעזולטאַטן פון דוד לייזערס מעשים, וואָס זיינען דיקטירט פון די איידלסטע מאָטיוון, וועלן שוין אין גאָטס שיינעם וועלטל זיין אַזעלכע, וואָס וועלן מוזן אויפטרייסלען די יסודות פון אַלע הימלען, אויב דאָרטן איז נאָך דאָ אַ פונק פון שכל און יושר.

דער העכסטער מאָראַלישער אידעאַל פאַר אַנאַטעמאַ איז קאָנט׳ס מענטשהייטס־ליבע, וואָס דאָס איז אויך דעם אויבערשטנס געבאָט. אָבער דוד לייזער שטעלט זיך לכתחילה אַוועק אויף אַ מאָראַלישער ליניע, וואו די ליבע צו דער מענטשהייט איז ניט דאָס לעצטע וואָרט, נאָר דאָס ערשטע וואָרט, ניט דער ענד־ציל, נאָר דער וועג צום ציל. דאָס ציל איז די ליבע צו גאָט, דאָס געריינקטע רעליגיעזע געפיל. דאָס געפיל איז ניט די

ליבע צו דער מענטשהייט, ווען אַפילו ער דריקט זיך אויס אין איר. די מסירת־נפש און די מעשים־טובים איז נאָר די אויסערלעכע שפּראַך, אין וועלכער עס רעדט צו אונדז גאָטס שטים. ניט דעם מענטשן, נאָר גאָט גיט דוד לייזער אַוועק זיין נשמה...

און האָבנדיק אין דער לעצטער ליניע ניט דעם מענטשן, נאָר גאָט אין זינען, קאָן זיך דוד לייזער אויפהויבן אין זיין מאָראַלישער הויך איבער די מענטשלעכע איינטיילונגען פון „גוט" און „שלעכט", פון „ערלעכע" מענטשן און „ניט־ערלעכע". ער שטעלט זיך דאָ אַוועק כמעט ווי אויף ניצשעס שטאַנדפּונקט: „יענזייטס פון גוט אונד בעזע". אַלע מענטשן זיינען גלייך אין ליידן, און ער לאָזט רופן צו זיך אַלע ליידנדיקע. אַלעמען וויל ער ברענגען פרייד, אויף אַלעמען אויסגיסן זיין הילף, ווי די שטראַלן פון דער זון, וואָס לייכטן גלייך העל אויף דעם צדיק און דעם רשע.

אַנאַטעמאַ זעט הפּנים ניט איין די נפקא־מינה, וואָס צווישן זיין „קאַנטיזם" און דוד לייזערס „טאָלסטאָיזם". ער מיינט, ווייזט אויס, אַז דוד לייזער טאַנצט־נאָך נאָך זיין פייפל, און אפשר זעט ער דערפאַר ניט איין די נפקא־מינה, ווייל פאַר די רעזולטאַטן איז אַלץ איינס: ליידנשאַפט־לעכע ליבע צו דער מענטשהייט, אָדער טרייע גאָט־איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין דוד לייזערס ברוסט. סיי־ווי־סיי מוז דער סוף דער־פון זיין — וואַנזיניקע ליידן פאַר דער מענטשהייט, איבערמענטשלעכע יסורים דוד לייזערן.

אָבער — לאָמיר ניט כאַפּן די פיש פאַרן נעץ. מיר האַלטן נאָך ניט ביי די יסורים. אדרבה! מיר שטייען איצטער ביי די טירן פון אַ גן־עדן, וואָס אַ שענערן פון אים האָט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קיינמאָל ניט געקאָנט אויסמאָלן: דעם גן־עדן פון דעם ריינעם, אמתן גליק, וואָס עפנט זיך דעם מענטשן, בעת ער פילט, אַז ער האָט די אַנדערע באמת גליקלעך געמאַכט.

דוד לייזער האָט צעטיילט זיין פאַרמעגן, און די פינצטערע וואָלקנס זיינען פאַרשוואונדן פון זיין נשמה און פון דער אַרומיקער וועלט. אַ נייע פרישע, פריילעכע זון איז אויפגעגאַנגען אויף אַ נייעם, פריש־געבוירענעם, פריילעכן הימל, און אַלץ שטראַלט און גלאַנצט אין דעם שיין פון ליבע און פרייד.

דעם העכסטן שטאַפּל פון גליק דערגרייכט דוד לייזער אין יענעם מאָמענט, ווען אים ווערט אַליין קלאָר די גאַנצע באַדייטונג פון זיין גליק פאַר דעם גרויסן פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן לעבן. ער וואַקסט

דעמאָלט אויס צו אַ געוואַלטיקער גרויס: ער ווערט אויף אַ מאָמענט אַ נביא, וואָס ברענגט דער מענטשהייט די פרייד־לעכע בשורה פון גליק און אומשטערבלעכקייט, פון „בלע המות לנצח״.

געשען איז עס בשעת דעם טריאומפאַלן קבלת־פנים, וועלכן די אָרעמע לייט האָבן געגעבן דוד לייזערן. אמת, אויסערלעך איז דער קבלת־פנים, וועלכן מען האָט אַראַנזשירט ביי די סאָדע־ביידלעך, וואו דוד לייזער האָט אָפּגעפּינצטערט זיין גאַנצן לעבן, אַרויסגעקומען גאַנץ אָרעמלעך. די מוזיק איז געווען אַ היימישע, פון היימישע קלעזמער, מיט אַ דורכגעלעכערטן פויק, אין וועלכן אַ הונט האָט געקאָנט אַריינקריכן, און אַ צעבויגענעם מעשענעם טרומייט, מיט עפּעס אַ יוצא־דופן׳דיקן קול. די מוזיק, וואָס אַזאַ אָר־קעסטער האָט געקאָנט אַרויסברענגען, האָט געמוזט זיין אַ הימל־שרייענ־דיקער קאַצנ־יאָמער, פון וועלכן נאָר אַן אַנאַטעמאַ האָט געקאָנט מיט איראָנישער התפעלות אַרויסהערן „די האַרמאָניע פונעם וועלט־אַל״. אָבער אַנאַטעמאַ האָט זיך ניט איינגעהערט אין אַן אַנדער „האַרמאָניע פונעם וועלט־אַל״, אין דער מוזיק פון די הערצער, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד דוד לייזערן און אָפּדאַנקען אים פאַר זיין טובה.

מערקווירדיק, אַז אויך ביי דער געלעגנהייט האָט אים אַנאַטעמאַ גע־האָלפן צו מאַכן אַ ווייטערן שריט אין דער מאָראַלישער פולקאָמענהייט. אויף דער שמחה איז דוד געקומען אַן אומעטיקער. ווייל ער האָט געטראַכט, אַז ער פאַרדינט ניט דעם גאַנצן כבוד; הייסט עס, ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן זיך. ערשט אַנאַטעמאַ דערמאָנט אים, אַז עס איז ווייניק אָוועקצוגעבן דאָס מאַטעריעלע פאַר דער מענטשהייט, אַז מען דאַרף איר אָוועקגעבן די גאַנצע נשמה, דעם טרויער און די פרייד, מען דאַרף לעבן מיט זיי, מיט די מענטשן, מיט זייערע אומגליקן און מיט זייערע שמחות. נאָך אַמאָל האָט זיך דערביי אַרויסגעוויזן, אַז אַנאַטעמאַ שפּילט באמת זייער גוט די ראָלע פונעם יצר־טוב, ווייל אין תוך אַריין איז ער אַ יצר־טוב פאַרן מענטשן. און נאָך אַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער דערציילט ניט קיין נייעס דוד לייזערן; אַז אין דער טיף פון דוד׳ס האַרצן זיינען די דאָזיקע אמתן שוין לאַנג געווען אַ לעבעדיקע פּסיכישעווירקלעכקייט. און אויך דאָס איז ווידער געוואָרן קלאָר, אַז דוד לייזערס געדאַנקען־גאַנג איז פאַרשיידן פון אַנאַטעמאַס, אפילו ווען יענער איז דער יצר־טוב: מיט זיין אומעטיקייט, מיינט דוד לייזער, איז ער באַגאַנגען אַ זינד ניט אַנטקעגן מענטשן, נאָר אַנטקעגן גאָט. „ווען מען האָב איך געוואָלט נאָרן מיט מיין פאַרשטעלן זיך?״ — מאַכט ער זיך אַליין דעם פאַרוואורף. „לעב איך דען ניט טאָג ווי נאַכט אין שמחה און שעפּ ניט מיט פולע הויפנס ליבע

און גליק? איז — פאַר וואָס האָב איך מיך פאַרשטעלט פאַר אַן אומעטיקן?"

אָבער דאָס האָט אַנאַטעמאַ גאַנץ געוויס ניט דערוואַרט, אַז דוד לייזערס נשמה זאָל זיך דערהויבן צו אַזאַ הויך פון קלאָרקייט און גרויס און מיט אים זאָל פּאַסירן דאָס, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אויף אים איז געקומען עפּעס אַזוינס, פאַר וועלכן מיר האָבן קיין אַנדער נאָמען ניט, ווי נאָר „רוח הקודש" און „רוח הנבואה". גייענדיק מיט זיין ווייב און נוליוסן צוריק אַהיים פון דער שמחה, קערט זיך אום דוד לייזער און באַטראַכט דעם אָרט, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין אָרעמען לעבן. אַנגעלענט אויף שרהס אַקסלען, רעדט ער צו איר:

„זע, שרה, אָט איז דער פּלאַץ, וואו עס איז אַוועק אונדזער לעבן — ווי טרויעריק און אָרעם ער איז, און פון אים אָטעמט ווי פון אַ הימלאָזן מדבר. אָבער האָב איך דען ניט דאָ דערגאַנגען דעם גרויסן אמת וועגן דעם מענטשנס גורל? איך בין געווען אָרעם ווי אַ בעטלער, איינער אַליין און נאָענט צום טויט, אַ נאַרישער אַלטער מאַן, וואָס האָט געזוכט אַן ענטפער ביי די וואַלן פון ים, אָבער — אָט זיינען געקומען מענטשן — בין איך דען עלנט? בין איך דען אָרעם און נאָענט צום טויט? הערט מיך אויס, נוליוס: ניטאָ קיין טויט פאַר מענטשן. וואָס פאַר אַ טויט? וואָס הייסט טויט? וואָר, דער צדיקער, האָט אויסגעטראַכט אַזאַ משונהדיק ווערטל: טויט? ס'קאָן זיין, ער איז דאָ, איך ווייס ניט, אָבער איך, נוליוס... איך בין אומשטערבלעך. (ווי פון אַ ליכטיקן שלאַג געטראָפן, בויגט ער זיך איין און הויבט אויף די הענט צום הימל). אוי, ס'אַראַ'ן אימה: איך בין אומשטערבלעך. וואו איז דער סוף פון הימל? איך האָב אים פאַרלאָרן. וואו איז דער סוף פון דעם מענטשן? איך האָב אים פאַרלאָרן — איך בין אומשטערבלעך. אדוני! אדוני! יהי שם ד' מבורך, געבענטשט אין אַלע אייביקייטן זאָל זיין דער פאַרבאָרגענער נאָמען פון דעם, וואָס גיט אומשטערבלעכקייט דעם מענטשן... דער אומבאַגרענעצטער ווייט פון די צייטן גיב איך איבער דעם מענטשנס גייסט: ער זאָל לעבן אומשטערבלעך אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם פייער. ער זאָל לעבן אומשטערבלעך אין דער אומשטערבלעכקייט פונעם ליכט, וואָס איז לעבן. און די פינצטערניש זאָל בלייבן שטיין ביי דער שוועל, וואו עס וואוינט די אומשטערבלעכע ליכטיקייט. איך בין גליקלעך, איך בין אומשטערבלעך — אָ, גאָט!"

איך בעט אייך, איר זאָלט אַריינבעמען אין זכרון די דאָזיקע ווערטער, ווייל איך וועל שפּעטער רעדן באריכות וועגן דעם ענין פון יענער אומשטערבלעכקייט, וואָס דוד לייזער האָט פּלוצלונג דערבליקט. דערווייל

לאָמיר פשוט גלויבן דוד לייזערן אָדער אַנדרעיעוון אויפן וואָרט: דוד לייזער האָט דערשפּירט אין זיך די אומשטערבלעכקייט.

אַ מעכטיקער שטראָם פון דעם ליכטיקן אָפּטימיזם שלאָגט דאָ פון לייזערס נביאות. ווי האָט דאָס געווירקט אויף אַנאַטעמאַ?

בעת דער רוח הקודש איז פלוצלונג אַראָפּ אויף דוד לייזערן און די ליכטיקע אייביקייט האָט זיך פלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר זיין געפיל און ער האָט געמאַכט „שהחינו" אויף דער אומשטערבלעכקייט, האָט אַנאַטעמאַ זיך מיט אימפּעט געווענדט צו אים: „דעם נאָמען! דעם נאָמען! דו ווייסט זיין נאָמען. דו האָסט מיך אָפּגענאַרט." אָבער דוד האָט אים ניט געהערט. ער איז געווען אין דער מאַכט פון דעם הייליקן גייסט, וואָס איז געקומען איבער אים. ער האָט געבענטשט דעם מענטשן אין דער ווייט פון די צייטן, און זיין נשמה האָט געשוועבט אין פריידיקער התפּעלות פון דעם אייביקן לעבן: „איך בין גליקלעך, איך בין אומשטערבלעך — אָ, גאָט!"

דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַנאַטעמאַן פון אַלע כלים. איז דען די הייליקע נביאות פון דוד לייזערן עפּעס מער ווי אַ געפּלאַפּל פון מענטשלעכער שיכרות? ווילדע, אין צאָרן, אָבער פאַרט אַ מטושטשער, שרייט ער אויס: „דאָס איז אַ ליגן! אָ, ביז ווי לאַנג וועל איך נאָך הערן דעם שוטה! צפון און דרום, מזרח און מערב, איך רוף אייך. גיכער, אַהער, דעם טייוול צו הילף! מיט די פיר ימ'ען פון טרערן גיט אַ שטראָם אַהער און באַגראָבט אין אייער תהום דעם מענטשן. אַהער! אַהער!"

„קיינער", דערציילט אַנדרעיעוו, „הערט ניט דעם יאָמער פון אַנאַ־טעמאַ, ניט דוד, וועלכער איז אין גאַנצן באַלויכטן מיט דעם טריאומף פון אומשטערבלעכקייט, ניט שרה, ניט די איבעריקע מענטשן. זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז צוגעשמידט צו זיין הערלעך־לייכטנדיקן פּנים און די אויפגעהויבענע הענט צום הימל. איינער אַליין צאַפּלט זיך אַנאַטעמאַ און שילט."

דוד לייזערס נביאות קאָן אים ניט אַראָפּברענגען פון זיין פּלאַן. ער קאָן אין איר ניט זען דעם ענטפער אויף די פּראָבלעמען, וואָס פּלאָגן זיין גייסט. ער מוז זען אין איר ניט מער ווי דאָס געפּלאַפּל פון מענטשלעכער שיכרות: דוד לייזערס גאַנצער גן־עדן מוז דאָך פאַרטרונקען ווערן אין די פיר ימ'ען פון מענטשלעכע טרערן.

און די פיר ימ'ען זיינען געקומען, און מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן די אייגנטלעכע טראַגעדיע אין דוד לייזערס לעבן. זיין טריאומף, — דער נצחון פון גאָט איבער דעם טייוול, — איז פאַרכלינעט געוואָרן אין אַ ים פון מענטשלעכע יסורים. עס האָט געגומען שטייגן דער ים, און אַלץ

העכער און העכער איז געשטיגן דער טריאומף פון דעם טייוול איבער גאָט. דודס נאָמען האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט. און פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט האָט געגומען שטראָמען צו אים די ליידנדיקע מענטשהייט, מיט אַלע אירע נויטן, מיט אַלע אירע ווייען. דוד איז פאַר זיי געוואָרן דער משיח, וואָס זאָל אויסלייזן זיי פון אַלע אירע פלאָגן און פאַרווירקלעכן אירע טיף־פאַרבאָרגנסטע אידעאַלן.

שוין ביי דעם קבלת־פנים איז געקומען אַ וואַנדערער פון ווייטע מקומות, וואָס צו זיי האָט דערגרייכט דער קלאַנג פון דוד׳ס נאָמען. ער איז געקומען אויסצוגעפינען דעם אמת, ווייל די אַלע קלאַנגען זיינען געווען אַזוי וואונדערלעך שיין, אַזוי מאַגנעטיש צוציענדיק פאַר דאָס מענטשלעכע האַרץ. דאָס ביי דעם, דאָס ביי יענעם אין דעם עולם פרעגט ער אויס וועגן דוד׳ן: איז דאָס אמת, אַז דוד האָט אויסגעהיילט אַ קראַנקע פרוי, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן? איז דאָס אמת, אַז ער האָט געמאַכט זעענדיק אַ בלינד־געבאָרענעם? איז דאָס אמת, אַז דוד לייזער וויל אויסבויען אַ פּאַלאַץ פון ווייסע שטיינער און בלאָע גלאָז און פאַר־זאַמלען אַהין אַלע אָרעמע פון דער וועלט? איז דאָס אמת, אַז ער וויל אָפּנעמען די מאַכט פון די רייכע און אַוועקגעבן זי צו די אָרעמע, און אָפּנעמען די הערשאַפט פון די מעכטיקע, די באַפעלנדיקע און צעטיילן עס צווישן אַלע מענטשן, אַלעמען גלייך? און איז דאָס אמת, אַז ער האָט געשיקט שלוחים קיין עטיאָפּיע צו די שוואַרצע מענטשן, אַז אויך זיי זאָלן זיך פאַרטיק מאַכן אויפצונעמען די נייע מלוכה, ווייל ער וויל אויך די שוואַרצע געבן אַ גלייכן חלק מיט די ווייסע, „אַלעמען גלייך, יעדן אַזוי פיל, וויפיל ער פאַרלאַנגט, עס זאָל זיין על פּי יושר?“

דער עולם לייקנט די אַלע זאַכן, אָבער די שאלות אַליין רופן אין אים אַרויס אַ חשד, אַז דוד איז ניט קיין פּשוטער מענטש, און אויך פאַר זיי, פאַר דעם גרויסן עולם, עפענען זיך פאַנאַנדער ליכטיקע האָריזאָנטן פון מענטשלעכן גליק און יושר, וואָס דאַרפן אפשר פאַרווירקלעכט ווערן דורך דוד לייזערן. שרה אַליין, דוד לייזערס ווייב, הויבט אָן צו גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער קראַפט פון איר דוד׳ן.

דער וואַנדערער ווענדט זיך מיט זיינע פראַגן בסוד צו אַנאַטעמאַ. דער קלוגער טייוול לייקנט אַלץ אָפּ, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף ניין, אָבער שמייכלט און גלעט דעם אַלטן איבערן אַקסל, און פאַרשטאַרקט נאָך דער־מיט אפשר דעם וואַנדערערס גלויבן.

דער געדאַנק, אַז דוד באַווייזט וואונדער, אַז ניט נאָר ער היילט קראַנקע, נאָר ער מאַכט אויך לעבעדיק טויטע, האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פייער

אין אַ טרוקענער סטעפּ. זיין פּאַלאַץ איז באַלאַגערט געוואָרן פון אַלע אָרטן ליידנדיקע. עס זיינען געקומען צו אים קראַנקע און פאַרהויקערטע; מענטשן, וואָס זיי ברענט דער געוויסן; מענטשן, וואָס זוכן דעם אמת, און זייערע טויטע האָבן זיי מיטגעבראַכט, דוד זאָל זיי אומקערן צום לעבן.

שרה, דוד׳ס ווייב, איז גאַנץ איינגעגלויבט אין דוד׳ס איבערמענטש־לעכער קראַפט, און דאָס, וואָס ער וויל ניט העלפן די אומגליקלעכע מאַסן, דערקלערט זי אויף אַ מיסטישן אופן, — אַז דוד איז נאָך ניט „פאַרטיק״. און דער גאַנצער עולם, מיט זיינע פאַרהויקערטע און טויטע, וואַרט, ביז דוד וועט ווערן פאַרטיק.

די ערשטע צייט האָט דוד נאָך וואָס ס׳איז געקאָנט טאָן פאַר די מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו אים נאָך הילף און פרייד. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעטיילט זיין שוין אַמאָל צעטיילטן פאַרמעגן. גענומען ביי איינע, געגעבן די אַנדערע, ביז עס איז צעפאַלן געוואָרן אין שטויב דער גילדערנער באַרג און עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער אידעאַל פון אַבסאָלוטן יושר, אַלע האָבן סוף־כל־סוף באַקומען גלייך, — אַלע ניט מער ווי צו איין קאָפּיקע. דערנאָך האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן די איבער־נאַטירלעכע פאָדערונגען, דאָס ניט וועלן גלויבן, אַז ער איז אַ פּשוטער בשר ודם. עס האָבן געבעטן די אויסגעשטרעקטע הענט, די אויסגעשמאַכטע הערצער אַ שטיקעלע הילף אַנטקעגן דער מענטשלעכער הילפלאָזיקייט, און — דעם אַלטנס האַרץ וויינט מיט זיי, און העלפן קאָן ער ניט.

אָט איצטער ערשט האָט זיך אָנגעהויבן דער גיהנום, מיט וועלכן דוד לייזער האָט געמוזט באַצאָלן פאַר זיין רגע פון אומשטערבלעכן גליק.

„בין איך דען ניט אַ פאַררעטער, נוליוס, וואָס רופט און גיט ניט, וואָס ליבט, כדי צו פאַרדאַרבן? אוי, ווי דאָס האַרץ טוט וויי!״ — באַ־קלאָגט ער זיך פאַר אַנאַטעמאַ. „אוי, ס׳איז מיר קאַלט ווי דער ערד, וואָס איז באַדעקט מיט אייז, און אינעווייניק אין איר ברענט אַ היץ און אַ ווייסער פייער. אוי, נוליוס, האָסט ווען געזען אַ ווייסן פייער, אויף וועלכן די לבנה ווערט שוואַרץ און די זון ווערט איבערגעברענט ווי געלע שטרוי?״

די זון פון דודס גליק איז ווי געלע שטרוי איבערגעברענט געוואָרן אויף דעם ווייסן פייער פון זיין גיהנום.

„צו וואָס דאַרף דער מענטש ליבע, אַז זי איז אָנמעכטיק; צו וואָס טויג דאָס לעבן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אומשטערבלעכקייט?״

אַנאַטעמאַ ווייס ניט קיין אַנדער עצה, ווי אַרויסגיין צו דעם עולם און דערציילן אים דעם גאַנצן ריינעם, פינצטערן, אכזריותדיקן אמת. דוד לייזער טוט עס, אָבער ער האָט מיט דעם גאָר נישט געפועלט.

„איר ווייסט, גוליוס״, דערציילט ער אים, „מיט מיר פּאַסירט עפּעס אַזוינס — איך האָב גאָרנישט, אָבער אָט בין איך אַרויסגעגאַנגען צו זיי, אָט האָב איך זיי דערזען, און איך האָב מיט אַמאָל דערפילט, אַז ס׳איז ניט אמת. איך האָב עפּעס יאָ. איך רעד צו זיי און אַליין גלויב איך ניט; איך רעד און אַליין שטיי איך מיט זיי און שריי אַנטקעגן זיך גופא און פאָדער מיט רוגזא. מיט די ליפּן לייקן איך, און מיטן האַרצן זאָג איך צו, און מיט די אויגן שריי איך: יאָ! יאָ! יאָ!״

וואָס טוט מען? און דאָ קומט נאָך אַריין שרה, וואָס פירט אַ פרוי פאַרן האַנט, און די פרוי טראָגט אין די אָרעמס אַ טויט קינד. די סצענע איז אַ רירנדיקע דורך דער נאַאיוויטעט פון דעם פאָלקס גלויבן, דורך דעם תהום פון מענטשלעכן יאָמער, וואָס אין איר ליגט, און איר ווירקונג אויף דודס נשמה האָט געמוזט זיין אַזוי שטאַרק, אַז איר מוזט מיר דער־לויבן, איך זאָל זי אייך פאַרפירן אין גאַנצן.

„שרה (וויין): זיי ניט בייז, דוד. אָבער אָט די פרוי זאָגט, אַז זי קאָן מער ניט וואַרטן. זי זאָגט, אַז אויב עס זאָל נאָך לענגער דויערן איין ווײַלע וועט זי שוין אין דעם ווידערבאַלעבטן ניט דערקענען איר קינד. טאָמער דאַרפט איר וויסן זיין נאָמען, איז — משה האָט מען אים לגערופן, דער קליינינקער משה. אַ שוואַרצינקער, איך האָב אים געזען.

„פרוי (פאַלט אויף די קני): זייט ניט בייז, דוד, וואָס איך שטופּ מיך דורך פריער פאַר די אַנדערע. אָבער דאָרטן זיינען דאָ אַ סך, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן, און איך טראָג אים שוין דריי טעג און דריי נעכט ביי מיין ברוסט. אפשר דאַרפט איר אויף אים אַ קוק טאָן, וועל איך אים אָפּדעקן. איך נאַר אייך דאָך ניט, דוד.

„שרה: איך האָב אים שוין געזען, דוד. זי האָט מיר אים געגעבן צוהאַלטן. זי איז זייער אויסגעמאַטערט, דוד.

„דוד (שפּרייט אויס די הענט מיט די לאַדאָניעס פאַראויס, טרעט אָפּ לאַנגזאַם צוריק הינטערווײַלעכס, ביז וואַנען ער שטויסט זיך אָן אָן אַ וואַנט. אַזוי בלייבט ער שטיין מיט אויסגעצויגענע הענט): האָט רחמנות! האָט רחמנות! (ביידע פרויען וואַרטן געדולדיק). וואָס־זשע זאָל איך טאָן? איך בלייב אָן כוחות, אָ, גאָט! נוליוס, זאָגט זיי, אַז איך בין ניט קיין מחיה מתים.

„פרוי: איך בעט אייך רחמים, דוד. פאַרלאַנג איך דען איר זאָלט צוריק לעבעדיק מאַכן אַן אַלטן מענטשן, וואָס האָט שוין פיל געלעבט און האָט פאַרדינט דעם טויט מיט זיינע שלעכטע מעשים? פאַרשטיי איך דען

ניט, וועמען מען קאָן און וועמען מען קאָן ניט לעבעדיק מאַכן ? אָבער — עס קאָן זיין, איך האָב עס ניט געוואוסט — איז — זייט בייז אויף מיר. און איך האָב אים דאָך צוגעזאָגט, בעת ער איז געשטאָרבן: האָב קיין מורא ניט צו שטאַרבן, משהלע. דוד, וואָס דערפרייט מענטשן, וועט דיר צוריק־לויבן, איך זאָל זי אייך פאַרפירן אין גאַנצן.

„דוד: ווייז מיר אים. (קוקט, שאָקלט מיטן קאָפּ און וויינט שטיל, ווישט די אויגן מיט דעם רויטן טוך, און פאַרטרוילעך, אַנגעלענט אויף זיין אַקסל, קוקט שרה.)

„שרה: ווי אַלט איז ער ?

„פרוי: צוויי יאָר געוואָרן, אויפן דריטן.

„דוד (גיט זיך אַ קער מיטן פאַרוויינטן פנים צום אַנאַטעמאַ, דאָס פנים כמעט ווי ביי אַ געדירטן, און רעדט ווי ניט מיט זיין קול): זאָל איך אפשר פּרוּוון, נוליוס ? (בויגט זיך פלוצלינג צונויף און שרייט הייזעריק): שמע ישראל ! אַוועק פון דאַנען ! אַוועק ! דיך האָט געשיקט דער טייוול. זאָג זיי דאָך, נוליוס, אַז איך בין ניט קיין מחיה מתים, חוזק מאַכן פון מיר זיינען זיי געקומען... זעט, אַן לאַכן זיי ביידע. אַרויס פון דאַנען ! אַרויס !

„אַנאַטעמאַ (צו שרה׳ן שטיל): גייט אַרויס און פירט אַוועק די פרוי. דוד איז נאָך ניט אין גאַנצן פאַרטיק.״

(זיי גייען אַוועק. אַן אויסגעמאַטערטער, לאָזט זיך דוד אַראָפּ אין פאָטעל און הענגט קראַפטלאָז אַראָפּ זיין גרויען קאָפּ.)

וואָס טוט מען ? אַנאַטעמאַ קומט מיט אַ נייער עצה: אַנטלויפן ! זאָל זאָל זיך די וועלט גיין ווי זי גייט ! זאָל זיך די מענטשהייט בלייבן ביי אירע ליידן, פאַר וועלכע עס איז סיי־ווי־סיי ניטאָ קיין תרופה. און דוד לייזער זעט איין, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר אים ווירקלעך ניטאָ; ער האָט זיך איבערגעטאָן אַזוי, אַז מען זאָל אים ניט דערקענען, און איז שוין פאַרטיק געווען אויסצופירן דעם פּלאַן מיט אַנאַטעמאַס הילף, ערשט אַ נייער שטראָם מענטשלעכע צרות האָט זיך אַ גאָס געטאָן צו זיינע פיס.

אין די צעעפנטע פענצטער רייסט זיך אַריין אַ קופּער־קלאַנג פון אַ מאַסע טרומייטן. די טרומייטן ווערן פאַרשוויגן און עס הערט זיך די טופּעריי פון מאַרשירנדיקע חיילות און דער יאָמער־רוף פון נייע קולות: דאָ־אָ־וויד ! — און די געטאָפּלטקייט פון דוד לייזערס האַרצן, דער דואַליזם זיינער, אויף וועלכן איך האָב שוין פריער אָנגעמערקט, טרעט אַרויס אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם. ער איז אין האַרצן מיט זיי, מיט די נייע מחנות ליידנדיקע. ער שטופּט אָפּ אַנאַטעמאַן אָן אַ זייט, און, אויס־

געשטרעקט ביידע הענט צו די אומגליקלעכע פון דער ערד, שרייט ער צו זיי: „אַהער! אַהער! צו מיר! איך בין מיט אייך!" און אַז אַנאַטעמאַ פרעגט ביי אים פאַרוואונדערט: „וואָס? דו רופסט זיי? דו — רופסט — זיי?" און בעט אים, ער זאָל קומען צו זיך, ענטפערט אים דוד מיט כעס: „שווייג! דו פאַרשטייסט ניט. מיר זיינען מענטשן, און מיר וועלן גיין אינאיינעם (מיט התלהבות) און מיר וועלן גיין אינאיינעם. אַהער, ברידער, אַהער! זע, נוליוס, זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, זיי קוקן, זיי האָבן דערהערט. אַהער! אַהער!" און אַז אַנאַטעמאַ גיסט אים אָפּ מיט קאַלטע וואַסער מיט דער שאלה: „וועסטו באַווייזן וואונדער?", ענטפערט דוד מיט דעם זעלביקן כעס: „שווייג, דו ביסט אַ פרעמדער! דו רעדסט ווי אַ פיינט פון גאָט און מענטשן. דו ווייסט ניט פון קיין רחמנות און פון קיין חסד. מיר זיינען אויסגעשמאַכט, מיר זיינען מיד און די טויטע האָבן זיך איינגעמאַטערט צו וואַרטן. אַהער, און מיר וועלן גיין אינאיינעם, אַהער!" אַנאַטעמאַ רעכנט אויס דעם גאַנצן רייסטער צרות, וואָס זיי ברענגען מיט און צו וועלכע דוד קאָן גאָר נישט ניט העלפן. אָבער דוד שיירט אויס אין יסורים: „דו ווייסט נישט וואָס הייסט ליבן, נוליוס!" ערשט, אַז אַנאַטעמאַ הויבט אָן אַליין אין פענצטער מיט געשרייען צו רופן די אומגליקלעכע צו דוד'ן, ערשט דעמאָלט פאַלט ווידער דוד אַראָפּ, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, פון הימל צוריק אויף דער קאַלטער ערד, און איז מסכים — אַנטלויפן מיט נולליוסן אין מדבר, ווייט פון מענטשן און זייערע ליידן.

דאָרטן, אין מדבר, שפּילט זיך אָפּ דער לעצטער אַקט פון דוד לייזערס טראַגעדיע. איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן לאַנג אויף אים. עס איז געשען דאָס, אויף וואָס דוד לייזער האָט שוין אַ סך פריער מיט אַ פאַרקלעמטן האַרצן געוואָרט. די מאַסן האָבן דערשלאָגן דוד'ן.

די מענטשן האָבן אויסגעפונען דוד'ן אויך אין דער מדבר. אין ליבע און צוטרוי זיינען זיי געקומען צו אים מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַ וואָרעם וואָרט פאַרלאַנגען זיי פון אים און — נאָך עפּעס, אמת, גאָר אַ קלייניקייט, — איין־איינציקע זאַך, וואָס איז כולל אין זיך אַלע פאָדערונגען, אַפילו די וואַנזיניקסטע, וואָס לעבן אין זייער ברוסט. די קלייניקייט איז — יושר!

„וואָס ווילט איר?" — פרעגט ביי זיי דוד אין פּיין, און דער וואַנדערער ענטפערט שטיל: „יושר!" — „וואָס ווילט איר?" — פרעגט נאָך אַ מאָל דוד, און אַלע ענטפערן מיט אַמאָל: „יושר"!"

דוד: נו, זאָגט, נוליוס, איז יושר — וואונדער?

אַנאַטעמאַ (ביטער): דאָרטן זיינען בלינדע און זיי זיינען אומ־שולדיק; דאָרטן זיינען טויטע, און זיי זיינען אומשולדיק...״

אין דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, וועלכע אַנאַטעמאַ דער־קלערט זייער ריכטיק, איז יושר און דער גלויבן אין וואונדער באמת איין און די זעלביקע זאַך. הפּנים, ניט נאָר דער עגאָאיזם טרייבט די מאַסן צו דעם וואונדער־גלויבן, נאָר אויך דער טיף־איינגעוואָרצלטער אינסטינקט פון גערעכטיקייט.

דוד לייזער גיסט צום לעצטן מאָל אויס זיין ביטער האַרץ פאַר דאָס פאָלק. ער רעדט צו זיי אין דעם נאָמען פון דעם שכל. ווי קאָן ער, דער שוואַכער מענטש, געבן זיי די גערעכטיקייט. און אַז ער וועט דעם בלינדן אַ שפּיי טאָן אין די אויגן, וועט יענער דען ווערן זעענדיק, און אַז ער וועט אָנהויבן בייסן שטיינער — שטיינער בייסן, ווי אַ וואַנזיניקע חיה, וועט דען ווער זאַט ווערן דערפון?

די מאַסן האָבן אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין דוד׳ן און אין זיינע ביישפּילן האָבן זיי נאָר געפילט, אַז ער שפּייט זיי אין פּנים און וויל אין זיי וואַרפן מיט שטיינער... עס איז געשען דאָס וואַנזיניקסטע... ווי אַ צערייצטע חיה האָט זיך די מאַסע אַ וואָרף געטאָן אויף דוד׳ן מיט שטיינער — און ערשט אַז ער איז געפאַלן שוין כמעט אַ דערשלאָגענער, ערשט דעמאָלט צעלויפט זיך די מאַסע אין טויטלעכן שרעק, טרעטנדיק איינער דעם אַנדערן.

אָבער דוד איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן טויט. אַ גוססער קריכט ער אויף אַלע פיר צו זיי, צו די מאַסן: „וואַרט, וואַרט אויף מיר!“ „אוי, איך וועל ניט דערגיין. טראָגט מיך, נוליוס. זאָג איך דען, אַז מען דאַרף מיך ניט שלאָגן מיט שטיינער? אַך, זאָלן זיי מיך שלאָגן מיט שטיינער... טראָגט מיך, נוליוס", בעט ער זיך, שוין ביים שוועל פון טויט, פאַר־לירנדיק דאָס באַוואוסטזיין. „איך וועל מיך שטיל אָוועקלייגן אויפן שוועל, איך וועל נאָר אַ קוק טאָן אין אַ שפּעלטל, ווי עס עסן די קליינינקע קינדערלעך... קינדערלעך מיינע, קליינינקע קינדערלעך...״

און דאָ — דאָ איז דער סוף פון דוד לייזערס לעבן, דעם דערפרייער פון דער מענטשהייט. זיין גאַנץ לעבן ליגט איצטער אָפן פאַר אונדז און מיר קאָנען אונדז איצטער אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זיין סימבאָלישער באַדייטונג.

איך האָב שוין פריער באַמערקט, אַז דוד לייזער איז ניט נאָר אַ טיפּ פון אַ יידן, ניט נאָר אַ לעבעדיקע, ליידנדיקע, תמימותדיק־ליבנדיקע, אין

ליידן און ליבע שטראַלנדיקע יידישע געשטאַלט. ער איז, אַ חוץ דעם, אַ סימבאָלישע פיגור פון דעם גוטן און גערעכטן מענטשן בכלל, וועמעס גורל אויף דער וועלט איז צו פאַלן ווי אַ קרבן פאַר זיין ליבע און גערעכטיקייט. זיין לעבן און ליידן איז גאַנץ געוויס אַ גאַנץ־גוטע אילוסטראַציע צו היינעס שאלות, — יענע אייביקע שאלות, אויף וועלכע ער פאַרלאַנגט אַ קלאָרע תשובה פון דער רעליגיע: „פאַר וואָס שלעפּט זיך בלוטנדיק, עלנט דער גערעכטער, בעת עס פאַרט אום זיגרייך, גליקלעך אויף אַ הויכן פערד דער שלעכטער? וואו ליגט דאָ די שולד? איז אפשר ניט גאַנץ יכולדיק דער בורא? אָדער טוט ער'ס מיט אַ כיוון און מאַכט חוזק פון זיין תורה?" דוד לייזער איז דער שענסטער פאַקל, וועלכן אַנאַטעמאַ האָט געקאָנט אויספּעכן און אָנצינדן, כדי צו באַווייזן, ווי אומזיניק עס איז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן.

טראַכט מען זיך אַריין אין דעם לעבן און דעם שיקזאַל פון דוד לייזערן, אַזוי דערמאָנט מען זיך ניט־ווילנדיק אָן וויכטיקע אַנאַלאָגיעס אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער מענטשלעכער געשיכטע. קודם־כל שווימט אַרויף דאָס בילד פון דעם פיל־געפּלאָגטן איוב'ן. ווי איוב, ווערט דוד לייזער געמאַטערט מיט איבערמענטשלעכע ליידן; ווי ביי איוב'ן, קומען צו אים די ליידן פון דעם שטן. ווי ביי איוב'ן, וויל דער שטן געווינען אים אין אַ שפּיל מיט גאָט. ווי ביי איוב'ן, דאַרפן אויך זיינע ליידן זיין די אילוסטראַציע צו דעם הויפּט־פּראָבלעם: דער פראַגע וועגן דער געטלעכער גערעכטיקייט. אָבער אין אמתן איז דוד לייזער אין פיל פּונקטן דער רייבער היפּך פון איוב'ן, ווי אויך אַנאַטעמאַ איז אין פיל פּונקטן דער היפּך פון דעם שטן. איוב איז געפּלאָגט מיט פיזישע ליידן, און זיין פּראָטעסט ברענט זיך פאַנאַנדער ערשט דעמאָלט, ווען זיין ערדישער גליק פאַרשווינדט און ווען די יסורים האָבן געטראָפן זיין לייב. אין די צייטן פון גליק איז זיין האַרץ געווען איינס מיט גאָט. דוד לייזער האָט זיין איוב־פּעריאָדע שוין געהאַט לאַנג הינטער זיך, אויב ער האָט זי איבער־הויפּט ווען עס איז געהאַט. עס קאָן זיין, אַז גאָר אין די ערשטע צייטן, ווען ער פלעגט שטיין ביים ים און אויספרעגן די וואַלן, האָט זיך ערגעץ־וואו אין דער נשמה גערירט אַ שוואַכער שאָטן פון פּראָטעסט אַנטקעגן דער געטלעכער הנהגה, אָבער אויך ער איז שוין לאַנג פאַרשטומט געוואָרן ביי אים.ריין און גאַנץ מיט גאָט איז שוין געווען זיין האַרץ, ווען מיר באַגעגענען אים צום ערשטן מאָל. זיין איוב־ליד, זיין „אָרור יום אולד בו" שרייט ער אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען די פיזישע אָרעמקייט איז שוין אַריבער, ווען ער האָט באַקומען אַלץ, מיט וואָס דער אויבערשטער האָט

אַמאָל באַלוינט איוב׳ן פאַר זיינע יסורים: די פערצן טויזנט שעפסן, מיט די זעקס טויזנט קעמלען, מיט די טויזנט שפּאַן רינדער און די טויזנט אייזלען. און דערנאָך, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע יסורים, די יסורים פאַר דער מענטשהייט, וואָס, פאַרגליכן מיט זיי, זיינען איובס ליידן געווען ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל, האָט זיך פון דוד לייזערס האַרץ שוין ניט אַרויסגעריסן קיין איין טענה אַנטקעגן גאָט. ביז צו דעם טראַגישן טויט איז ער געבליבן טריי יענעם געטלעכן פונק, וועלכן זיינע פּערזענלעכע ליידן האָבן לעבעדיק געמאַכט אין אים.

ניין, דוד לייזער איז ניט איוב. אַן אַנדער פיגור פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, — וואָס איז געווען אפשר אַ משל, ווי איוב, און אפשר אַ שטיק היסטאָרישעווירקלעכקייט, — שטעלט זיך אַוועק לעבן אים און פאַרלאַנגט מיט מער רעכט אַ פאַרגלייך. איך מיין דאָ ישו דעם קריסט, דעם משיח בן דוד, דעם פאָטער פון דעם קריסטלעכן גלויבן. אין דער אמתן! אין די בענקענדיקע און טריאומפירנדיקע געשרייען פון דער ליידנדיקער מענטשהייט: „דאַ־אַ־וויד!״, „דאַ־אַ־וויד!״ הערט זיך צו קלאָר די אייביקע בענקשאַפט נאָך דעם בן־דוד. דוד לייזער סימבאַליזירט אין זיך אין געוויסע פּרטים „בן־דוד, דעם דערלייזער״, און די פאָדערונגען, וועלכע די מענטשהייט שטעלט צו דוד לייזערן, זיינען די זעלביקע, וועלכע זי שטעלט צו דעם „דערלייזער״. אויךביידנס לעבן און שיקזאַל זיינען אין די וויכטיקסטע פּונקטן כמעט אידענטיש. דוד לייזער רעאַליזירט אין זיינע מעשים דאָס, וואָס יענער האָט געפּאָדערט אין זיין תורה. ווי יענער, לעבט ער דורך אַ צייט פון טריאומף, ווען דער עולם באַגעגנט אים מיט אַ פריילעכן „הושענא!״ און באַדעקט זיין וועג מיט קליידער; ווי יענער, פאַרשווינדט ער אויף אַ צייט מיט דעם שטן אין דעם מדבר; ווי יענער, טרינקט ער דעם כוס פון זיין ליידן ביז צום סוף און שטאַרבט דעם טויט פון אַ מאַרטירער, און אויך ווי ביי יענעם האָט זיין מאַרטירער־טויט גע־בראַכט דער מענטשהייט מער צרות, איידער גליק. הערט, ווי אַנאַטעמאַ קלאָגט אָן דוד׳ס לעבן פאַר דעם „שומר פון דעם אַריינגאַנג״: „ניט געשטילט דעם הונגער פון די הונגעריקע, ניט געמאַכט די בלינדע זעענדיק, ניט צוריקגעקערט דאָס לעבן צו די אומשולדיק־געשטאָרבענע; געבראַכט קריגעריי און אַמפּעריי און אכזרישע בלוט־פאַרגיסונג, — ווייל עס האָבן זיך שוין דערהויבן די מענטשן איינע אַנטקעגן די אַנדערע און טוען גע־וואַלדן אין דוד׳ס נאָמען, הרגענען און גזלנען...״ און אויך ווי דוד לייזערס לעבן, קאָן דאָס גאַנצע קריסטנטום, זיין גלענצנדער אַנהויב און די מיאוסע געשטאַלט, וועלכע ער האָט באַקומען אין די הענט פון דער הערשנדיקער

מאַיאָריטעט, זיין אַ שאַרפער כלי־זיין פאַר דעם פעסימיזם אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם גלויבן און דאָס לעבן.

און ניט נאָר דעם יידישן טישלער פון גאַלילעאַ סימבאַליזירט דוד לייזערס פיגור, נאָר אויך די בעסטע מענטשן פון אַלע צייטן ,וואָס דולדן פאַר דער מענטשהייט און זיינען זיך מוסר־נפש צוליב איר. ווייניקסטנס איין מאָמענט פון זייער לעבן איז אַריינגעפּלאָכטן געוואָרן אין דוד לייזערס דראַמע, — דאָס אַנטלויפן אין מדבר. „אַנטלויפן אין מדבר“ איז אַלע מאָל געוועזן דער איינציקער אויסוועג, — אויף אַ צייט, פאַרשטייט זיך, — פאַר די, וואָס האָבן שוין אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, אָוועקגעגעבן דער מענטשהייט, אָדער זייער פאָלק, אָדער זייער פאָטערלאַנד, אָדער זייער אידעאַל, — און אַלץ אומזיסט. ווען דער לעצטער טראָפּן ענערגיע איז שוין אויסגעלאָשן, די לעצטע האָפענונג אויף אַ בעסערער צייט פאַר־שוואונדן, דעמאָלט פאַלט אָן אַן אַפּאַטיע אויף דער נשמה און נאָר איין וואונטש ווערט לעבעדיק אין איר, — פאַרקריכן ערגעץ וואוהין אין אַ ווינקל, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, און זען לכל הפּחות, אַז די ריינקייט פון דער אייגענער נשמה זאָל ניט ווערן פאַרפלעקט. דאָס זיינען די פּרושים, די גלות־אַפּריכטער, די וואָס טוען אויף זיך פריוויליק אָן די דאָרענע קרוין פון יסורים של אהבה, ניט כדי צו העלפן די אַנדערע — ניטאָ פאַר זיי קיין הילף! — נאָר כדי צו באַפרידיקן די אייגענע מאָראַלישע באַדערפעניש.

ערגעץ איז אַנאַטעמאַ ניט אַזוי בייסיק־שאַרף, ערגעץ איז ער ניט אַזוי דער אמתער יצר־הרע, ווי גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער גיט דעם מענטשן אַן עצה אַנטלויפן פון די מענטשן און זייערע ליידן.

„אַנאַטעמאַ: אין מדבר וועל איך דיך אָוועקפירן. מיר וועלן פאַר־לאָזן די אַלע בייזע און זינדיקע מענטשן, וואָס אויף זיי איז אָנגעפאַלן אַ בייסעניש פון יסורים און זיי וואַרפן איין קלעצער און צאַמען, אַזוי ווי חזירים, וואָס קראַצן זיך.

דוד (קווענקלט זיך): אָבער זיי זיינען דאָך מענטשן, נוליוס!

„אַנאַטעמאַ: זאָג זיך אָפּ פון זיי — און אַ ריינער דערשיין פאַר גאָט אין דעם מדבר. זאָל אַ שטיין דיין צוקאָפּנס זיין, זאָל דער יאָמערנדיקער שאַקאַל דיין פריינט זיין, זאָלן בלויז הימל און ערד הערן די קרעכצן פון דוד'ס תשובה־טאָן, — קיין איין שפּרינקעלע פון פרעמדע זינד וועט זיך ניט ווייזן אויף דעם זויבערן שניי פון זיין נשמה. ווער עס בלייבט מיט די קרעציקע, יענער ווערט אַליין באַפאַלן פון קרעץ, און נאָר אין התבודדות וועסטו גאָט דערזען. אין מדבר, דוד, אין מדבר!...

„דוד: איך וועל דאָרטן תפילה טאָן.
„אַנאַטעמאַ: דו וועסט תפילה טאָן!
„דוד: איך וועל פּייניקן דעם גוף מיט תעניתים.
„אַנאַטעמאַ: דו וועסט פּייניקן דעם גוף מיט תעניתים!
„דוד: איך וועל באַשיטן מיין קאָפּ מיט אַש.
„אַנאַטעמאַ: צו וואָס? אַזוי טוען אומגליקלעכע. דו וועסט אָבער גליקלעך זיין, דוד, אין דיין צדקות. אין מדבר, דוד, אין מדבר!״

אַלע מאָל, ווען גוטס און בייז טוען זיך אַ מאָסט מיט די כוחות און דאָס בייז, ווי אַזוי אָפּט אין לעבן, שטעלט מיט נצחון זיין שמוציקע פוס אויף דעם נאַקן פון גוטס, — ווערט לעבעדיק אין דער געזעלשאַפט דער מדבר־אידעאַל, דאָס גלות־אַפּריכטן, דאָס וועלן אַנטלויפן פון דעם מענטשן און זיינע ליידן. וויפיל אַזעלכע „מדבר־מענטשן״, אַזעלכע גלות־אַפּריכטער, גייען איצטער אום אין רוסלאַנד מיט דעם האַרענעם העמד אויפן לייב, נאָכדעם ווי די גרויסע רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרן אין שמוץ און בלוט. און — וואָרט! דוכט איך ניט, אַז דוד לייזער איז ביז צו אַ געווויסן גראַד אַ סימבאָל פון דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע? האָבן אויך ניט אירע שאַטנס זיך געטראָגן פאַר אַנדרעיעווס אויגן, ווען אין דעם שטילן קעמערל פון זיין האַלב־באַוואוסטזיניקן שאַפן איז אויסגעוואַקסן דוד לייזערס פיגור? איז זי — די רעוואָלוציע — ניט אויך געקומען מיט גאַנצע פיר מיליאָן רובל, — און נאָך דערצו פון אַמעריקע, — מיט גילדערנע בערג פון אויסלענדישע אידעאַלן, און האָט זי סוף־כל־סוף ניט געגעבן יעדן איינעם — אַ קאָפּיקע?

דער געדאַנק, אַז דוד לייזער איז די רעוואָלוציע, וואָס ווערט סוף־כל־סוף פאַרשטייניקט פון די, וועמען זי איז געקומען העלפן, איז מיר פּלוצלונג אַרויף אויפן זין, ווען איך האָב געלייענט אין דער לעצטער סצענע, ווען דאָס פאָלק פאַרלאַנגט יושר:

„דוד: וואָס פאַרלאַנגט איר?
„וואַנדערער (שטיל): יושר.
„דוד: וואָס ווילט איר?
„אַלע: יושר.״

„בלויז איין וואָרט״, שרייבט אַנדרעיעוו, „אָבער ווי אַ דונער האָט ער אַריינגעשלאָגן אין דער ערד און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ נאָענטער און אַ וייטער, און עס ווייס שוין ניט דער מענטש: האָט ער דאָס געהערט, האָט ער דאָס געזאָגט, האָט ער דאָס אַ טראַכט געטאָן — אָדער עס איז גאָרנישט ניט געווען. — מען וואַרט.״

עס איז שווער צו געפינען אַ בילד, וואָס זאָל אין אַזוי ווייניק ווערטער אַזוי קלאָר איבערגעבן די שטימונג, וועלכע די רעוואָלוציע האָט איבערגעלאָזן אויף די, וואָס האָבן אויך מיט אַלעמען פּלוצלונג אַרויסגעדונערט דאָס וואָרט „יושר!“ און האָבן זיך געגומען איינהערן אין דעם פּלוצלונג־אַנטשוויגענעם קלאַנג...

דוד לייזער איז אַן איינהייטלעכע אינדיווידועלע פיגור, „דער דימענטענער מענטש“, די גרויסע גוטע מענטשלעכע האַרץ, וואָס האָט זיך היסטאָריש באַוויזן צום ערשטן מאָל ביי דעם יידישן פאָלק. ווי אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער טיפּ איז ער אויסגעהאַלטן פון אָנהויב ביזן סוף. אָבער ווי אַ סימבאָל איז ער — ווי איר זעט — ניט איינהייטלעך, נאָר צונויפגעגאָסן פון עטלעכע געשטאַלטן, — פאַרשיידענע געשטאַלטן, וואָס האָבן אָבער איין־איינציקן גרונד־טאָן: די ליבע צו דער מענטשהייט און די מסירת־נפש פאַר איר. דעריבער טויגן זיי אַלע פאַר אַנאַטעמאַס פאַקל, צו באַלייכטן מיט אים דעם גורל פון דעם מענטשן.

אָבער אויך אַנאַטעמאַ איז ניט קיין איינהייטלעכע פיגור, אַפילו ניט ווי אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער טיפּ, אַ פּשיטא שוין ניט ווי אַ סימבאָל. אויך ווען אים האָט זיין מוטער, די קינסטלערישע פאַנטאַזיע, געטראָגן אונטער איר ברוסט, האָט זי זיך פאַרקוקט אויף אַנדערע געשטאַלטן, און אַזוי איז אויך ער געוואָרן צו אַ פיל־פאַכיקן סימבאָל, מיט איין־איינציקן גרונד־טאָן.

אַנאַטעמאַ, דער פאַרשאָלטענער, איז דער מאָדערנער גלגול פון דעם שטן, דעם טייוול, דעם פיינט פון מענטש און גאָט, וועמעס בילד עס לאָזט ניט צו רו דאָס מענטשלעכע שאַפן, זינט די מענטשהייט האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די אייביקע פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, פון גוטס און שלעכטס, פון וויסן און גלויבן. דער וואָס וויל אין גאַנצן פאַרשטיין אַנאַטעמאַ, מוז גוט קענען די געשיכטע פונעם טייוול, פון דעם ערשטן באַגינען ביז אויף אונדזערע טעג.

אויב איך האָב ניט קיין טעות, מוזן מיר זוכן דעם אָנהויב פון דעם טייוול־געדאַנק נאָך אין יענע פּאָליטעאיסטישע צייטן, ווען געטער האָבן געקעמפט אַנטקעגן געטער און איינער פון די קאַמף־מאָטיוון איז געווען — דער מענטש. אין דער אַלט־באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע געפינען מיר שוין דעם דאָזיקן קאַמף־מאָטיוו. דאָרטן זעען מיר שוין אַ גאָטהייט, וואָס נעמט אין שוץ דעם מענטשן אַנטקעגן דעם צאָרן פון די איבעריקע געטער. אָט דער מענטשן־פריינטלעכער גאָט איז — מערקווירדיק גענוג — דער אָנהויב פון דעם טייוול.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די לעגענדע פון דעם שלאַנג און דעם עץ־הדעת, וואָס מיר געפינען אין חומש, איז אַן איבערבלייבס פון יענע מיפן, וואָס האָבן געשילדערט דעם קאַמף פון די מענטשן־פריינטלעכע געטער אַנטקעגן די מענטשן־פיינטלעכע, און זי געהערט צו דעם זעלביקן ציקל פון געדאַנקען, וועלכע האָבן אין גריכנלאַנד אַרויסגעבראַכט די גע־שטאַלט פון פּראָמעטעאוס, וואָס האָט געגנבעט ביי די געטער דעם פייער און האָט עס געבראַכט צו די מענטשן.

אין דער יידישער לעגענדע וועגן דעם נחש און דעם עץ־הדעת, איז דער געטלעכער כאַראַקטער פון דעם שלאַנג אין גאַנצן פאַרשוואונדן גע־וואָרן. דער נחש, ווי ער ווערט געשילדערט אין חומש, איז אַ פּשוטע שלאַנג, מער נישט די קליגסטע פון אַלע חיות. אויך איז שווער צו געפינען אין איר אַ שפּור פון באַזונדערער מענטשן־פריינטלעכקייט. דער נחש איז אַ ריינער טעאָרעטיקער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער זאַך, ווי זי איז, צוליב דעם ריינעם אמת, — אַ ריינער טעאָרעטיקער, וואָס לעבט נאָר מיטן שכל, אָן אַ ברעקל האַרץ און געפיל. ער האָט געוואוסט, אַז גאָט האָט פאַרבאָטן דעם עץ־הדעת מיט דער באַגרינדונג, אַז זיינע פּירות ברענגען דעם טויט, און דאָס איז געווען ניט אמת, האָט ער עס דערציילט דעם מענטשן. ער האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דער זאַך מיטן געפיל; ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אַ שטערב־לעכער און אַז אין אַזאַ לאַגע מוז אים דאָס וויסן ברענגען פּיין — יוסיף דעת, יוסיף מכאוב, — און אַז עס איז בעסער פאַר דעם מענטשן תמימותדיק צו גלויבן אין גאָט און ניט צו טראַכטן וועגן קיין זאַך, אויב ער וויל בלייבן אין גן־עדן. און דערפאַר האָט אים גאָט פאַרשאָלטן. דאָס, וויי־ניקסטנס, איז דער אינעווייניקסטער זין פון דער פרומער ביבלישער לעגענדע.

געוויס בייט זיך אין גאַנצן איבער דאָס בילד, ווען מיר גייען איבער פון דעם ביבלישן שלאַנג צו דעם נחש הקדמוני, ווי ער ווערט אויס־געמאָלט אין דער תלמודישער און דער קאַבאַליסטישער פעריאָדע פון דעם יידישן שאַפן. אָבער די אַלע לעגענדעס קאָנען מיר לאָזן אָן אַ זייט, ווייל עס גלויבט זיך ניט, אַז אַנדרעיעוו האָט פון זיי עפּעס געוואוסט. פון דעם יידישן שאַפן מוזן מיר נאָר דערמאָנען אַנאַטעמאַס דריטן גלגול, דעם שטן, מיט וועלכן מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן ביי אויב׳ן. איוב׳ס שטן איז שוין אַן אויסגעשפּראָכענער פיינט פון דעם מענטשן. ער זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות צו דעם טעאָרעטישן וויסן, צו דעם עץ־הדעת, זעט מען ניט אײן. ער איז איינער פון די בני־אלהים, וואָס האָט ניט וואָס צו טאָן, שפּאַצירט ער איבער דער וועלט און איז געפאַלן אויף זייער אַן אײדעלער

באַשעפּטיקונג. ער איז געוואָרן מיטן אייגענעם ווילן אַ שפּיאָן אין דעם אויבערשטנס אינטערעסן ; גאָטס אַ טרייער דינער און משולח. אויב איר ווילט : אַן ערלעכער פּראָוואָקאַטאָר אין דעם דינסט פון זיין אַלמעכטיקייט, דעם האַר פון דער וועלט. ער פלעגט אַריינגאַרן די נשמה אין די נעצן פון דער טומאה, און פלעגט דערנאָך באַריכטן וועגן דעם אין דער הימלשער „טרעטיע אָטדעלעניע“.

די געשטאַלט פון דעם אַלטן שטן איז פון דער מענטשהייט אויסגעטראַכט געוואָרן אין יענער צייט, ווען פאַר איר איז „רעליגיע“ און „מאָראַל“ געווען איין־און־דיזעלביקע זאַך. ווען זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַ מאָראַלישן לעבן אָן דעם גלויבן אין גאָט. אויף דעם מענטשנס שכל, וואָס האָט שוין דעמאָלט געפּרואווט אַריינוואַרפן אין ספק גאָטס אַלמאַכט אָדער גאָטס גערעכטיקייט, אָדער — גאָט זאָל שומר ומציל זיין! — די עקזיסטענץ גופא פון אַ גאָט, האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אָנשיקעניש פון דעם טייוול, אין בעסטן פאַל — ווי אויף אַ נסיון פון גאָט — אויסצופּרואוון די שטאַרקייט פון דעם מענטשלעכן גלויבן, און טאָפּלט צו באַלוינען יענע, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרבלענדן פון דעם פאַלשן ליכט, וואָס דעם מענטשנס שכל קאָן אַרויסברענגען.

די צייטן האָבן זיך אָבער געענדערט. דער אַלטער גלויבן איז אונטערגעגראָבן געוואָרן פון דעם מענטשנס ספיקות, און דער שכל האָט גענומען בויען זיין וועלט אויף דעם שטודיום פון דער נאַטור, — דאָס איז געווען אַ שטאָלצער שכל, אַ פרייער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעריסן פון די גלויבנס־קייטן און האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפּרואווט זיין זעלבסטשטענדיקייט און מאַכט אויף דעם שטודיום פון דער נאַטור און אין דעם באַהערשן פון אירע קרעפטן. גאָט און גלויבן זיינען געוואָרן איבעריק. די באַפרידיקונג פון די מאַטעריעלע נויטן האָט מען גענומען זוכן אין דעם קאַמף אַנטקעגן די אַלטע יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע די אַלטע רעליגיע האָט געהאַלטן פאַר הייליק. דעם מקור פון די מאָראַלישע געבאָטן האָט מען אויסגעפונען אין דער טבע פון דעם מענטשלעכן שכל גופא און אין די באַדינגונגען פון דעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס האָבן זיך געענדערט די צייטן און אויך דער שטן האָט באַקומען אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט. פון אַ „פּראָוואָקאַטאָר מיט גאָטס חסד“, איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער פון דעם שכלס גענאָד. דאָס איז שוין בייראָנס „לוציפער“, לערמאָנטאָווס „דעמאָן“. פאַר דעם מענטשן טרעט ער נאָך אַלץ אַרויס ווי אַ יצר־הרע, וואָס רעדט אָן אויף דעם רבונו־של־עולם אַלדאָס בייז און טרייבט דעם מענטשן צו באַגיין „זינד“, וואָס זיינען אַן אומ־

ווערדיקייט אין די אויגן פון גאָט. אָבער זיינע מאָטיוון זיינען ניט פּראָ־וואָקאַטאָרישע, נאָר ריין רעוואָלוציאָנערע. ער קעמפט אַנטקעגן גאָט, אַ שטאָלצער און אַ פרייער. ער קעמפט אַנטקעגן דער גאַנצער דמיון־וועלט, וואָס דעם מענטשנס רעליגיעזער געפיל האָט באַשאַפן; ער קעמפט אויך אַנטקעגן יענע „מצוות" און „עבירות", מיט וועלכע דער רעליגיעזער גייסט האָט געוואָלט האַלטן אין צוים דעם שטאָלצן, פרייען, זעלבסטשטענדיקן מענטשלעכן ווילן. און האָבן לוציפער און דעמאָן ניט געמאָגט זיין שטאָלץ אויף זייער קראַפט? האָבן זיי ניט אַראָפּגעשלעפּט דעם רבונו־של־עולם פון זיין טראָן? האָבן זיי ניט אַרויסגעריסן דעם דונער און דעם בליץ פון זיינע הענט און ניט אַריינגעלייגט זיי אין די הענט פון דעם פיזיקער? און איבער דעם מענטשנס שכל איז ניט אין גאַנצן געוואָרן דער באַלעבאָס איבער דער נאַטור, — האָבן זיי דען ניט געמאָגט גלויבן, אַז זיין מאַכט וועט פאַרשטאַרקט ווערן פון טאָג צו טאָג און אַז זיין פולשטענדיקע הערשאַפט איז ניט מער ווי אַ פראַגע פון צייט? —

אויך „לוציפער" און „דעמאָן" זיינען געווען „אַנאַטעמאַס", פון גאָט פאַרשאָלטענע, אַריינגעוואָרפענע אין חרם. אָבער אין דעם גופא האָבן זיי געשעפּט זייער שטאָלץ. עס איז געקומען פאַר זיי אַ צייט, ווען זיי האָבן אויף אַ חרם געקאָנט ענטפערן מיט אַ חרם...

אונדזער אַנאַטעמאַ איז אַ זון אָדער אַן אייניקל פון לוציפער און דעמאָן. ריכטיקער: זייער איצטיקער גילגול, דער דעמאָן פון אונדזער טאָג. אָבער — אַך, ווי ער האָט זיך איבערגעביטן, ווי ער קוקט, נעבעך, אויס! זעט, ווי אַנדרעיעוו מאָלט אים אָפּ:

„אַרומקוקנדיק זיך ווילד און צעשראָקן", לייענען מיר גאָר אין אָנהויב פון דעם פּראָלאָג, „באַווייזט זיך צווישן די שטיינער אַנאַטעמאַ — אַזוי רופט מען דעם, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן. צופאַלנדיק צו די גרויע שטיינער, אַליין גרוי, פאַרזיכטיק און בייגזאַם ווי אַ שלאַנג, וואָס זוכט אַ נאָרע, גנבעט ער זיך שטיל אונטער צו עמעצן, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג, טראַכטנדיק צו דערשלאָגן אים מיט אַן אומדערוואַרטן קלאַפּ. אָבער ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגענער העזה און, אויפשפרינגענדיק אויף די פיס, לאַכט ער, בייז און זיך רייצנדיק. ער זעצט זיך צו דערנאָך אויף אַ שטיין, גאָר אַזוי ווי פריי, אומאָפּהענגיק, און וואַרפט קליינע שטיינדלעך צו די פיס פונעם עמעצן, וואָס היט דעם אַריינגאַנג. זייענדיק ביטרע, באַהאַלט ער זיין שרעק אונטער דער מאַסקע פון שפּאָס און פון לייכטער פרעכהייט. אַדאַנק דער שוואַכער באַלייכטונג, וואָס איז גרוי און פאַרבלאָזט, זעט אויס דער קאָפּ פון דעם פאַרפלוכטן מוראדיק גרויס. באַזונדערס

גרויס איז זיין שטערן, וואָס איז ווי אַ קופּאָל און איז דורכגעשניטן מיט קנייטשן פון פּרוכטלאָזע געדאַנקען און פון אומגעלייזטע, זינט יאָרהונדער־טער אויפגעשטעלטע פראַגן. דאָס שיטער בערדל פון אַנאַטעמאַ איז אין גאַנצן גראָ. ווייס־גראָ זיינען אויך זיינע האָר, וואָס זיינען אַמאָל געווען שוואַרץ ווי פּעך און איצט זיינען זיי אויפגעקודלעט אויף זיין קאָפּ ווי ווילדע קאָלטענעס. אומרואיק אין זיינע באַוועגונגען, וויל ער אומזיסט באַהאַלטן די שטענדיקע אומרואיקייט און אויפרעגונג, וואָס צעפרעסט אים, און זיין אימפּעט, וואָס איז אָן אַ צוועק. אין זיין אַנמעכטיקן אייפער קעגן דער שטאָלצער אומבאַוועגלעכקייט פון דעם עמעצן, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג, ווערט ער אויף אַ ווײַלע שטיל אין אַ פּאָזע פון שטאָלצער גדלות; אָבער אין אַ מינוט אַרום, אַ געמאַטערטער פון זיך יאָגן תמיד נאָך עפּעס, וואָס פאַרשווינדט, וואַרפט ער זיך און קנייטשט זיך אין שטומע באַוועגונגען, אַזוי ווי אַ וואָרעם אונטערן פוס. און אין זיינע פראַגן איז ער שנעל, אויפגעבראַכט, אַזוי ווי אַ וויכער, שעפּנדיק זיין קראַפט אין זיין בייזקייט און זיין אייגענעם אַרומדרייען זיך; אָבער מיטשלעפּנדיק מיט זיך קליינינקייטן, צעפּאַלט ער אַנמעכטיק פאַר דעם פנים פון דער פאַר־שוויגנקייט."

איך זעט דאָ אין דער באַשרייבונג קודם־כל שטריכן פון דעם אַלטן „נחש", זיין גאַנץ שלאַנגענאַרטיק אויסזען. שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז אויך ווי דער נחש געבליבן דער ריינער טעאָרעטיקער, וואָס זוכט דעם אמת צוליב דעם אמת, דעם גרויסן קאָפּ מיט דעם ליידיקן האַרץ. און אויך דעם שטנ'ס געוואויגונג אַרומצודרייען זיך איבער דער וועלט און אומגיין „שלינג און שלאַנג" שטעקט נאָך אים אין דעם בלוט. אָבער וואָס איז געוואָרן פון יענעם גרויסן שטאָלץ, וועלכן זיינע עלטערן „לוציפער" און „דעמאָן" האָבן געהאַט אין זיך? אַך, פון יענעם שטאָלץ איז שוין ניט געבליבן קיין שפּור. שטעלט ער זיך אַמאָל אַוועק אין דער פּאָזע פון אַן אַקטיאָר, מאַכט ער חוזק פון זיך אַליין. זייער חוזק האָט ער געירשנט, יענעם וואָלטעריש|ן חוזק, מיט וועלכן די השכלה־צייט האָט באַ־גאַסן דעם רעליגיעזן גלויבן, אָבער אויך דער איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היינעשער זעלבסט־איראָניע. אַנאַטעמאַ לאַכט פון זיך אַליין.

און פונדעסטוועגן איז ער געבליבן דער לוציפער! דער פירשט פון דעם שכל מיט דעם שטאָלצן גלויבן, אַז נאָר מיט דעם שכל קאָן מען געפינען דעם אמת און דורך דעם שכל ווערן אַ גאָט. דער גאַנצער אומגליק, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, איז, וואָס אין זיין שטאָלצן קלעטערן באַרג־אַרויף, צו דעראָבערן אַלע הימלען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף די

אייזערנע טויערן, די אייביק־פאַרשלאָסענע טויערן, וואָס לייגן אַוועק אַ גרענעץ צו זיין וויסן און ממילא צו זיין מאַכט. אים גלויבט זיך נאָך ניט, אַז דאָ איז דער סוף פון זיין הערשאַפט. ער וויל נעמען די הימלען מיט שטורעם, אָבער ער ווערט צוריקגעשליידערט ניט דורך אַן איבערנאַטיר־לעכער מאַכט, נאָר דורך דעם אייגענעם ספק אין זיינע כוחות. אַך! ווי אים וואָלט זיך געוואָלט אַריינבליקן הינטער די טויערן, אויסגעפינען דעם סוד פון גאָטס מאַכט און אַליין ווערן אַ גאָט — ווערן אַ גאָט — ווערן אַ גאָט! און צייטנווייז פלאַמט אין אים אויף דאָס באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער גרויס און פון דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן. און אין דעם נאָמען פון זיין גרויס פירט ער דעם פּראָצעס פון דעם מענטשן, דעם פּראָצעס פון דעם מענטשלעכן שכל אַנטקעגן דעם גאָט, אַנטקעגן דעם רעליגיעזן געפיל.

„איך ווייס אַלץ", זאָגט ער וועגן זיך. „איך האָב אַריינגעדרונגען אין דעם זין פון אַלץ. איך ווייס די געזעצן פון די צאָלן און דער ספר פון שיקזאַל איז אָפן פאַר מיר." „מיט איין בליק נעם איך אַרום דאָס לעבן." און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „איך בין אין גאַנצן מאָס און צאָל..."

יאָ! דאָס איז ער, דער מענטשלעכער שכל, ווי ער האָט זיך אַרויס־געוויקלט אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, מיט זיינע גרויסע נצחונות אויף דעם פעלד פון דער מאַטעמאַטישער נאַטור־וויסנשאַפט און מיט דער נאָך גרעסערער פּרעטענזיע — אַלע סודות פון דער וועלט צוריקצופירן צו אַ שפּיל פון טויטע אַטאָמען. אָבער בעת אין דעם אַנהויב פון זיין שטאָלצן וויסנשאַפטלעכן פּאַרשן האָט ער געמיינט, אַז ער ברענגט גליק מיט זיך, אַז דורך אים וועט דער מענטש ווערן דער באַלעבאָס איבער דעם אייגענעם שיקזאַל, און אַלע דמיונות פון דער אַלטער רעליגיע וועלן פאַרשווינדן אין דעם שיין פון דעם מענטשלעכן גליק, האָט ער געמוזט איינזען אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, און פון דעם אָפּטימיסט איז ער געוואָרן אַ פּעסימיסט.

איך קאָן דאָ ניט אַריינלאָזן זיך אין אַ חקירה, וואָס וואָלט אונדז באַ־וויזן, ווי אַזוי דער מאַטעריאַליזם און דער מיט אים אָפט פאַרבונדענער אַטעאיזם מוזן פירן צו אַ פינצטערן בליק אויף דעם מענטשנס גורל. דאָ וועט גענוג זיין, ווען איך וועל אייך דערמאָנען נאָר איין זאַך. אויב די גאַנצע וועלט איז ניט מער, ווי אַ טויטע מעכאַניק, וואָס איר אַרט אַ ברעקל ניט וועגן דעם מענטשן, ווייל זי איז איבערהויפּט טויט און בלינד, און אויב דעם גאַנצן מענטשנס לעבן איז ניט מער ווי אַ חלום, וואָס געדויערט העכסטנס אַ יאָר זיבעציק, — איז דעמאָלט די גאַנצע וועלט פון דעם מענטשלעכן שטאַנדפּונקט באמת ניט מער ווי אַ משוגעת. מיט וואָס קאָנען

פאַרענטפערט ווערן די אומציילליקע ליידן, וואָס דער מענטש טראָגט אַריבער? וואָס קאָנען אים געבן די פּאָר צענדליקער יאָר זיין אויף דער וועלט, אויף דער טויטער, בלינדער וועלט, וואָס איז טויב צו אַלע אונדזערע געשרייען און פאָדערונגען? דאָס איינציקע אָפּטימיסטישע פּראָגראַם, וואָס דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם קאָן על פּי שכל אַרויסברענגען, איז — „אכול, שתה, כי מחר נמות!“ לאָמיר עסן, טרינקען, ווייל מאָרגן ווערט פון אונדז אַ הויפן מיסט! אָבער דאָס איז אַ פּראָגראַם פאַר דער חיה, ניט פאַר דעם מענטשן. להיפך צו אַט דעם געבאָט פונעם שכל, בויט דער מענטש וועלטן פון אמת, יושר און שיינקייט; וועלטן, וואָס צו זיי איז די נאַטור אַרום אין גאַנצן גלייכגילטיק; וועלטן, וואָס קאָסטן אים אָפּ אומציילליקע ליידן און קרבנות — נישיים איז דאָס אַלץ נאָר צוליב די פּאָר צענדליק יאָר פון דעם יחידס לעבן? און דער מענטש פילט, אַז אַלע זיינע ליכטיקע וועלטן זיינען אויפגעבויט אויף אַ פינצטערן תהום פון דער נאַטורס גלייכגילטיקייט, און ער האָט נאָר איין מיטל אויסצופילן דעם תהום —אַ גלויבן אין אַ גאָט, פון וועמען עס מוז שטאַמען אַ זין אין דער וועלט, און אַ גלויבן אין דער אייגענער אומשטערבלעכקייט, וואָס גיט ערשט אַ זין דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

פאַרגעסן מיר ניט, אַז גראַד אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז געזאָגט געוואָרן דאָס גרויסע וואָרט: „גאָט איז אַ טרער, געוויינט אין דער שטיל פון דעם מענטשן אויף זיין אייגענעם גורל.“ געזאָגט האָט דאָס גרויסע וואָרט איינער פון די גרעסטע מאַטעריאַליסטן — פייערבאַך. פייערבאַך האָט געמיינט, אַז מיט דעם אויפדעקן פון דעם אמת און מיט דעם וואַקסן פון דעם מענטשנס מאַכט איבער דער נאַטור, וועט דער מענטש אָפּווישן זיין טרער, און פרייד וועט הערשן אין זיין האַרצן. אָבער דאָ איז גראַד געלעגן דער טעות פון דעם מאַטעריאַליזם און דעם אַטעאיזם. די טרער איז פאַרטריקנט געוואָרן, אָבער ניט פון פרייד, נאָר פון אומענדלעכער פּיין. בעת דעם מענטשס אויגן האָבן, אַדאַנק דעם מאַטעריאַליזם, צום ערשטן מאָל אַריינגעבליקט ווי דער סדר איז אין דעם טויט און אויסגעפונען, אַז ער, דער טויט, איז ניט אויפצופלייסן, אַז ער איז דער גרויסער, שוואַרצער „נישט“, דער אמתער סוף און דער לעצטער תכלית פון דעם מענטשנס זיין, איז די טרער פאַרשוואונדן פון די אויגן, אָבער זי איז צוריק אַריין אין דעם מענטשנס האַרצן, און ברענט דאָרטן מיט אַ העלישער פלאַם. זי רייסט זיך שוין ווידער אַרויס פון דאָרטן, אָבער דערווײַלע איז זי נאָך געבליבן שטעקן אויפן מיטן וועג ערגעץ־וואו אין האַלדז...

אָט די ביטערע, אין האַלדז שטעקן־געבליבענע, ניט־אויסגעוויינטע

טרער איז אַנאַטעמאַ. דאָס איז דער אַטעאיזם, וואָס בענקט נאָך אַ נייעם גלויבן אין גאָט און קאָן ניט קומען צו דעם גלויבן, ווייל עס איז ניטאָ וואו אַהין צו שטעלן אים אין דער ממשלה פון דעם מענטשלעכן שכל, אין דער ממשלה פון מאָס, וואָג און צאָל. „אַנאַטעמאַ״ליידט הויפּטזאַכלעך פון דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך. ער וואָלט צוגעפּאַלן מיט די ליפּן צו דעם זוים פון דעם „שומרס״ קלייד און האָט דערנאָך חרטה, און באַרימט זיך: „ס׳איז ניט אמת, אַז איך האָב געוואָלט אַ קוש טאָן דעם זוים פון דיין קלייד״, און שילט אים מיט די ערגסטע קללות און זלזולים. אַנאַטעמאַ איז דער סימבאָל פון דעם מענטשלעכן שכל איבערהויפּט, בעת ער טראַכט וועגן זיך אַליין, וועגן זיין אייגענעם מהות, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אייביקער פאָרמול: „איך בין אַ גאָט, וואָס באַהערשט די גאַנצע וועלט — איך בין אַ וואָרעם, וואָס דרייט זיך אין דרייען אין שטויב.״ דאָס איז אַ טראַגעדיע, — אַ טראַגעדיע, וואָס לאַכט פון זיך אַליין. אַנאַטעמאַ איז יענע טראַגישע זעלבסט־איראָניע, וואָס האָט אין דער וועלט־ליטעראַטור געפונען איר העכסטן אויסדרוק אין דער סקעפּטישער פּאָעזיע פון היינריך היינע, און מיך וואָלט אַ ברעקל ניט געוואונדערט, אויב עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געשטאַלט פון אַנאַטעמאַ איז אויסגעוואַקסן אין אַנדרעיעווס קינסטלערישער פאַנטאַזיע אונטער דעם איינדרוק, וואָס אויף איר האָט געמאַכט דאָס לייענען פון היינעס ווערק.

אין דעם צושטאַנד פון דעם מענטשלעכן שכל איז „אַנאַטעמאַ״ דער געבוירענער פאַרטרעטער פון דעם פּעסימיזם. דאָס מענטשלעכע לעבן קאָן ניט האָבן קיין זין, כל זמן דער שכל באַוויזט, אַז פאַר אים, פאַר דעם מענטשן, איז ניטאָ קיין אומשטערבלעכקייט. און דער גלויבן אין גאָט און אין אומשטערבלעכקייט קאָן ניט האָבן קיין זין, כל זמן אין לעבן קאָן פּאַסירן אַזאַ זאַך, ווי דוד לייזערס שיקזאַל.

אָט פאַר וואָס דוד לייזער איז דער בעסטער פּאַקל פאַר דעם פּעסימיזם אין זיין קאַמף קעגן דעם אָפּטימיזם, ד. ה. אין דער לעצטער שורה — אַנטקעגן דעם גלויבן אין גאָט און אומשטערבלעכקייט. און אָט פאַר וואָס ער לויפט מיט אַזאַ שמחה צוריק צו דעם שומר פון דעם אַריינגאַנג מיט דוד׳ס שיקזאַל אין די הענט, ווי מיט אַ קריגס־רויב, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן.

אַנאַטעמאַ האָט גוט אויסגעפּעכט זיין פּאַקל. ער איז זיכער, אַז ער האָט אין יענע הימלען, וואו עס וואוינט דער גלויבן אין דעם שכל פון דעם וועלט־אַל, ווי פון אַ שליידער־האַלץ אַריינגעוואָרפן אַ שאלה, פון וועלכער „עס מוזן אַ ציטער טאָן די יסודות פון די הויכע הימלען״.

אָבער דאָרטן דערוויסט ער זיך פון דעם „שומר", אַז דוד לייזער געהערט ניט אים, און זיין שטאַרקסטער שליידער־שטיין — די טענה פון דעם פעסימיזם — ווערט צוריקגעשליידערט צו אים...

ווי אַזוי? ווער איז דער שומר פון דעם אַריינגאַנג?

אויב אַנאַטעמאַ איז דער גייסט פון סקעפּטיציזם און פּעסימיזם, פון אייביקע ספיקות אין דעם לעבן און אין דעם מענטשן, איז דער שומר פון דעם אַריינגאַנג — דער סימבאָל פון דעם רעליגיעזן געפיל. דער רעלי־גיעזער געפיל שטייט, לויט אַנדרעיעוון, אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן. „ער זעט אויס ווי אַ מענטש, אין אמתן אָבער איז ער אַ גייסט". ער שווייגט, אָבער דאָס שווייגט ער נאָר פאַרן שכל. אין אמתן רעדט ער גאַנץ קלאָר. און אַפילו דער שכל, ווען ער הערט זיך צו צו דעם שווייגן, דוכט זיך אים אויס, אַז דאָרטן ווערט עפּעס גערעדט.

„שווייגסטו אָדער דו רעדסט?" — פרעגט אַנאַטעמאַ ביי דעם שומר. „איך פאַרשטיי ניט. ביי דעם פאַרשאָלטענעם איז אַן איידעלער געהער. אין דיין שווייגן כאַפּט ער אויף שאָטנס פון עפּעס ווערטער. אַן אומקלאָרע באַוועגונג פון געדאַנקען פילט ער אין דער אומענדלעכקייט, — אָבער ער פאַרשטייט ניט."

און דער שומר דערקלערט אים, פאַר וואָס ער פאַרשטייט ניט. אַנאַטעמאַ קאָן פאַרשטיין נאָר דאָס, וואָס לאָזט זיך באַנעמען מיט דעם מענטשלעכן שכל הישר, נאָר דאָס וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין מאָס, אין וואָג און אין צאָל. דער שכלדיקער וועלט־גרונד אָבער איז אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט אַריינגעמען אין וועלכע עס איז גרענעצן. ער איז ניט ליבע, ניט שכל, אַפילו ניט גאָט, דערקלערט ער אַנאַטעמאַן, ווייל אָט די אַלע קלאָרע געפילן, קרעפטן און באַגריפן קאָן דער מענטשלעכער שכל ביז צו אַ געוויסער מאָס פאַרשטיין. צו דעם שכלדיקן וועלט־גרונד אָבער קאָן מען אויף דעם וועג פון דעם קלאָרן געדאַנק בשום אופן ניט קומען.

„מיין פנים איז אָפן", זאָגט דער „שומר" צו אַנאַטעמאַן, „אָבער דו זעסט אים ניט; מיינע באַפעלן קלאָר, אָבער דו הערסט זיי ניט. און קיינ־מאָל וועסטו ניט דערגיין, דו, אומשטערבלעכער אין צאָלן, וואָס איז אָבער נאָך ניט געבוירן פאַרן לעבן..."

אַנאַטעמאַ פאַרשטייט דעריבער אויך ניט דעם זין פון דוד לייזערס לעבן, ליידן און טויט.

„ניט מיט מאָס ווערט אויסגעמאָסטן און ניט מיט צאָל ווערט אויס־גערעכנט און ניט מיט אַ וואָג ווערט אָפּגעוואויגן דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, אַנאַטעמאַ. די ליכטיקייט האָט ניט קיין גרענעצן, און עס איז ניט געזעצט

קיין גבול פאַר דעם פאַנאַנדערגליען פון דעם פייער. פאַראַן אַ רויטער פייער, פאַראַן אַ געלער פייער, פאַראַן אַ ווייסער פייער, אויף וועלכן די זון ווערט פאַרברענט ווי געלער שטרוי, און פאַראַן נאָך איינער, אַן אומבאַקאַנטער פייער, וועמעס נאָמען קיינער ווייס ניט, ווייל עס איז ניט געזעצט קיין גבול צו דעם פאַנאַנדערגליען פון דעם פייער... דוד לייזער, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער ממשלה פון צאָלן, וואָס איז טויט לויט דער מאָס און דער וואָג, האָט דערגרייכט די אומשטערבלעכקייט און ער לעבט אומשטערבלעך אין דער אומשטערבלעכקייט פון פייער... ער לעבט אומשטערבלעך אינעם ליכט, וואָס איז דאָס לעבן.״

אין די ווערטער דריקט דער שומר אויס די גרונד־פרינציפן פון דעם גלויבן, דעם ענטפער אויף אַנאַטעמאַס סקעפּטיציזם און פעסימיזם. דוד לייזער איז אומשטערבלעך! ווי אַזוי? אין וואָס באַשטייט די אומשטערבלעכקייט פון דעם מענטשן, לויט אַנדרעיעווס אַנשויאונג? אין דעם ענין מוזן מיר זען קלאָר צו ווערן, ווייל ער איז דער צענטראַל־פונקט פון דעם גאַנצן ווערק.

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אומקערן צוריק צו יענעם מאָמענט אין דוד׳ס לעבן, ווען ער האָט אין זיך דערשפּירט, אַז ער איז אומשטערבלעך און ער האָט אָפּגעגעבן אַ שבח דערפאַר דעם רבונו־של־עולם און ער האָט געבענטשט דעם מענטשנס גייסט, „ער זאָל לעבן אומשטערבלעך אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם פייער, ער זאָל לעבן אומשטערבלעך אין דער אומשטערבלעכקייט פונעם ליכט, וואָס איז לעבן.״

מיר האָבן דעמאָלט פשוט אָנגענומען דעם פאַקט — ווי אַ פאַקט און געגלויבט דוד לייזערן אָדער אַנדרעיעוון אויפן וואָרט. עס איז אַ פאַקט, אַז דוד לייזער האָט דערשפּירט אין זיך אַ געוויסן נייעם, אים פריער ניט־באַקאַנטן צושטאַנד, וועלכן ער האָט אָנגערופן אומשטערבלעכקייט.

איצטער מוזן מיר זיך אַביסל טיפער אַריינטראַכטן אין דעם פאַקט, ווייל אויך דער „שומר פון דעם אַריינגאַנג״ ברענגט אים ווי אַן ענטפער אויף אַלע טענות פון אַנאַטעמאַ.

אויב מען זאָל אין פשוטע לאָגישע ווערטער אויסדריקן דאָס, וואָס לאָזט זיך אפשר בשום אופן ניט אַריינדריקן אין לאָגישע פאָרמולעס, קאָן מען זאָגן, אַז דוד לייזער האָט אין איין מאָמענט איבערגעלעבט די אומשטערבלעכקייט, ד. ה., אַז זיין געפיל איז אין דעם מאָמענט געווען אַקוראַט אַזוי אומענדלעך אין דער טיף, ווי די געוויינלעכע אומשטערבלעכקייט דאַרף, לויט אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן, זיין אומענדלעך אין דער לענג פון דער צייט. און אַנדרעיעוו, ווייזט אויס, זאָגט אונדז אַזוי: ניטאָ

קיין טויט, ווייל עס איז דאָ אומעשטערבלעכקייט. אָבער מיר זאָלן די דאָזיקע אומשטערבלעכקייט ניט זוכן, ווי ביז אַהער, אין דער אומענדלעכער לענג פון דער צייט. מיר האָבן אַן אַנדער אומשטערבלעכקייט, אַ בעסערע, וואָס איז אַקוראַט אַזוי פיל, ווי זי, אָבער ניט אין דער לענג, נאָר אין דער טיף פון דעם מאָמענט.

אַזאַ אויסטייטשן פון אומעשטערבלעכקייט איז אין דער לעצטער צייט שוין געוואָרן ניט ניי. מען געפינט זי אַחוץ אַנדרעיעוון אויך, צ. ב., ביי פּשיבישעווסקין. אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט פון פּריוואַט־געשפּרעכן מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט דעם דאָזיקן נייעם פּירוש אויף דעם אייביקן לעבן און וואָס האָבן געטראַכט וועגן אים, האָבן אַ פולע פון זיי ביט נאָר ניט געקאָנט איינזען זיין אמת, — דאָס בלייבט געוויס אַ שאלה, ווי אַלע אַנדערע אייביקע שאלות, — נאָר דער געדאַנק גופא פון אַן אומ־ענדלעכקייט, וואָס דויערט אין דער צייט ניט מער ווי אַ מאָמענט, ווייל זיך ביי זיי ניט גאָר גוט לייגן אויפן שכל.

אָבער אין דעם באַגריף פון אַן „אומענדלעכן הרף־עין“ איז בעצם ניטאָ קיין ברעקל ווידערשפּרוך, און דעם געדאַנק, וואָס ליגט אויף זיין גרונד, קאָן מען גאַנץ גרינג פאַרשטיין.

שטעלט אייך פאָר, אַז דער מלאך גבריאל וואָלט געקומען צו אייך און וואָלט אייך צוגעזאָגט אַן אייביקן לעבן אויף דער וועלט, נאָר מיט דעם תנאי, אַז אַלע אייערע קרעפטן זאָלן זיך אויסלעבן, ווי זיי לעבן זיך אויס ביי אַלע מענטשן; אַז איר זאָלט דערגרייכן דעם העכסטן עלטער, און מיט יעדן יאָר זאָלן פאַרשווינדן אייערע דאגות און אייערע תאוות, אייערע השלמות און אייערע באַדערפענישן. סוף־כל־סוף וועט איר אַריינפאַלן אין אַן אייביקן אומבאַוואוסטן דרעמל אָן חלומות, און דאָס איינציקע, וואָס איר וועט האָבן פון דעם לעבן, וועט באַשטיין, לאָמיר זאָגן, אין דעם: איר וועט זיך אַלע פרימאָרגן אויפכאַפּן פונעם שלאָף, אַריינגעמען אַ פינף־זעקס לעפעלעך מעטשניקאָווס זויער־מילך, — ניט מער ווי זעקס לעפעלעך זויער־מילך, — ווייל דאָס איז אַלץ, וואָס איר קאָנט פאַרטראָגן, צו וואָס איר האָט אַ לוסט און וואָס איר דאַרפט, כדי ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם פון אייער אומשטערבלעכקייט. נאָר אין יענע פאָר רגע׳ס, ווען איר וועט עסן אייער זויער־מליך, וועט איר וויסן, אַז איר לעבט. פריידיק און מעשה גרויסער בריה וועט איר דעמאָלט זאָגן צו זיך אַליין: „און היינט האָב איך ווידער אויפגעגעסן זעקס לעפעלעך זויערינקע מילכעלע“ — און איר וועט ווידער אַריינפאַלן אין דעם אומבאַוואוסטן דרעמל אָן חלומות. און אַזוי כסדר עד סוף כל הדורות...

געפעלט איך אַזאַ׳ן אידעאַל פון אומשטערבלעכקייט?

געוויס: אויב איר זייט איינגעמאַטערט פונעם לעבן און אין דער זעלביקער צייט איז אין אייך נאָך ניט געשטילט געוואָרן דער דאָרשט צום לעבן, וועט איר, מיט אַ פריידיקן זיפץ, ענטפערן: „אַך, פאַרוואָס ניט? מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן! קיין בעסערן טויט וואָלטן מיר זיך ניט געקאָנט ווינטשן!...״

אָבער — הערט זיך איין, וואָס איר רעדט. איר האָט נאָר־וואָס געזאָגט: דער טויט. און אין דער אמתן! די גאַנצע נפקא־מינה צווישן אייער אומשטערבלעכן לעבן און דעם טויט איז איינגעשרומפּט געוואָרן צו — זעקס לעפעלעך „זויערינקע מילכעלע״...

איצטער לאָזט מיך מיט אייך — זיך אַ ביסעלע דינגען. ווי איז, אַז איך וועל אייך אין דעם נאָמען פון דעם מלאך גבריאל געבן אָנשטאָט דער גאַנצער אומשטערבלעכקייט, ניט מער ווי אַ העלפט פון איר, דערפאַר וועל איך אָבער צולייגן צו די זויער־מילך אַ זעקס לעפעלעך שאַמפּאַניער אַלע טאָג? — נעמט אָן! נעמט אָן! איך זאָג אייך, עס איז אַ מציאה פון אַ גנב! ווייל דאָ גיט מען אייך פאַר יעדעס לעפעלע זויער־מילך — אַ לעפעלע שאַמפּאַניער.

איר פאַרשטייט שוין, וואוהין אונדזער דינגען זיך וועט פירן. מיר וועלן בייטן און בייטן אַלץ מער ליידיק־וויסטע צייט אויף אַלץ אַ רייכערן און טיפערן געפיל. עס איז אַקוראַט, ווי מיר וואָלטן פון דעם צענטער פון אונדזער „איך״ געצויגן צוויי אומענדלעכע ליניעס: איינע אין דער לענג פון דער צייט, די אַנדערע — ווי אַ פּערפּענדיקולאַר צו איר — אין דער טיף פון דעם געפיל. און וואָס מער „לענג״ מיר שניידן אָפּ פון דער צייט, אַלץ מער „טיף״ גיבן מיר צו אין געפיל, ביז עס קומט דער מאָמענט, ווען די גאַנצע אומענדלעכע לענג פון דער צייט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אומענדלעכן טיף פון געפיל, וואָס דויערט ניט מער, ווי איין הרף־עין.

דאָס איז די לאָגיש־מאַטעמאַטישע זייט פון דעם נייעם אומשטערבלעכקייט־געדאַנק. אָבער דער לאָגיש־מאַטעמאַטישער באַגריף דריקט אויס ניט מער, ווי אַ געדאַנקלעכע מעגלעכקייט. ווירקלעך קאָן די מעגלעכקייט ווערן ערשט אין דעם געפיל גופא; ווען זי הערט אויף צו זיין לאָגיק און מטושטשע פאַרשטעלונג, און ווערט רעאַלע פּסיכאָלאָגיע, — אַ געפיל פון אומענדלעכן „פייער״ אין דער נשמה, ווי דוד לייזער כאַראַקטעריזירט אים.

איז אַזאַ געפיל מעגלעך? קאָנען מיר, די אַלע, וואָס האָבן אים ניט דורכגעלעבט, קאָנען מיר זיך פאַרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל פילן די אומשטערבלעכקייט אין דער טיף פון דעם געפיל? — פאַרוואָס ניט? כדי

צו פילן די ענדלעכקייט, אָדער די שטערבלעכקייט פון דעם געפיל, מוז אין דער נשמה זיין אַ וועלכער עס איז אַנדער געפיל, אָדער אַ וועלכער עס איז אַנדער פסיכישער צושטאַנד, וואָס באַגרענעצט אים, וואָס פאַרנעמט פלאַץ לעבן אים. עס איז אויך גענוג, אַז ערגעץ־וואו אין דער נשמה זאָל זיך פילן אַ שטיקעלע פוסטקייט, כדי מיר זאָלן אויפן שטעל שפירן, אַז דער גרעסטער גליק, וואָס מיר לעבן דורך, איז ניט אומענדלעך, אַז ער איז פאַרגאַנגלעך און ד. ה. שטערבלעך. ווי איז אָבער, אַז דער גליק איז אַזוי טיף און שטאַרק, אַז ער פילט מיט איין מאָל אויס אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה, אַז אַלע אירע פאַרוואָרפנסטע און פאַרשלאָפנסטע פייערן ציגדן זיך מיט אַמאָל אָן צו אַ העלן פלאַקער, — אַזוי אַז קיין אַנדער געפיל קאָן דעמאָלט ניט אַריין אין איר? מוז זיך דעמאָלט ניט אויסדוכטן, אַז מען איז אומשטערבלעך? איר קאָנט אין קאָפּ אויך נאָך איצטער האָבן דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז אַלע מענטשן שטאַרבן און ממילא וועט איר אויך מוזן אַוועק פון דער וועלט. נאָר — כדי דער געדאַנק זאָל האָבן אַ ברעקעלע ממשות פאַר אייך, ער זאָל אייך, לאָז זיין, אַ האָרעלע רירן, אייך זאָל אַ האָרעלע אַרן פאַר אים, מוז ער אַרויסרופן אין אייך, לכל הפחות, דעם שוואַכסטן שאָטן פון אַ געפיל. אָבער אַלע וועלטן פון אייער נשמה שטייען אין העלע פלאַמען פון ליבע און גליק. און אַז איר גייט דעמאָלט אַריין אין אייער אייגענער נשמה מיט דעם געדאַנק פון טויט, געפינט איר, אַז פאַר אים איז דאָרטן בפועל־ממש ערגעץ קיין פלאַץ ניטאָ. און דאָס וואָס קאָן ניט זיין אין אונדזער געפיל, קאָן ניט זיין אין אונדזער אמתן גלויבן. איר פאַרשטייט פשוט דעמאָלט ניט, ווי אַזוי מען קאָן רעדן וועגן טויט, און איר פרעגט אינאיינעם מיט דוד לייזערן: „וואָסער טויט? ווער, דער צרהדיקער, האָט דאָס אויסגעטראַכט דאָס משונהדיקע ווערטל — טויט?“ אָבער דאָרטן וואו עס איז ניטאָ קיין טויט, איז דאָ — אומשטערבלעכקייט, און עס איז דעריבער קלאָר, אַז דוד לייזער האָט נאָר אות באות פאָרמו־לירט זיין אומענדלעכן גליק־געפיל, בעת ער האָט אויסגעשריען: „ניטאָ פאַרן מענטשן קיין טויט! איך בין אומשטערבלעך.“

עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די אומשטערבלעכקייט, וואָס ווערט געפילט אין אַזעלכע גליק־מאָמענטן, איז ניט נאָר אַ נעגאַטיווע, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם, וואָס די נשמה קאָן צו זיך ניט צולאָזן דעם געדאַנק פון טויט און עס אַרט איר ווי די וואַנט. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, זאָג איך, אַז דער אומשטערבלעכקייט־געפיל טרעט אַרויס מיט אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער. צו דעם געפיל פון אומענדלעך־טיפער פרייד קומט צו נאָך אַ נייער געפיל, — אַ מין באַוואוסטזיין, אַז ער דויערט אומענדלעך

אין דער צייט. אויך דאָס איז פּסיכאָלאָגיש מעגלעך. טרעפט דאָך אָפט, אַז אונדז חלומט זיך אַזוינס, וואָס דויערט שטונדן און שטונדן, בעת פאַר דעם פּראָצעס אין חלומען איז ניט געווען קיין צייט מער ווי אַ פּאָר סעקונדעס. פאַר וואָס זאָל די סעקונדע, וואָס קאָן זיך אין חלום אויסציען אין שעהען, זיך ניט קאָנען אין גליק־עקסטאַז אויסציען אין אומענדלעכקייט?

און נאָך אַ דריטע פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט טאָר מען ניט אַרויסלאָזן אויסן אויג. עס קאָן אין דעם מאָמענט פון העכסטן עקסטאַז געבוירן ווערן גאָר אַ נייער געפיל, וועלכן מענטשן אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד קאָנען גאָר ניט משיג זיין. מען קאָן נאָר זאָגן אין זאַך: מען האָט געפילט „אומ־ענדלעכקייט״, אַ גאַנץ־באַשטימטע זאַך ,וועלכע מען קאָן אָבער בשום אופן ניט באַשרייבן. וויניקסטנס, פאַרזיכערט אונדז דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט געליטן פון דער פאַליקער, אַז אַ סעקונדע פאַר דעם, ווי עס פלעגט קומען אויף אים דער אַנפאַל, פלעגט ער איבערלעבן ניט נאָר אַ געפיל פון אומ־ענדלעכער פרייד, נאָר אויך אַ פריידיקן געפיל פון אומענדלעכקייט.

וועגן די אַלע דריי אַרטן פון פּסיכאָלאָגישער אומשטערבלעכקייט, מוזן מיר צוגעבן, אַז זיי קאָנען פּאַסירן מיט דער מענטשלעכער נשמה, און אַז באמת גליקלעך איז געווען דער, וואָס האָט זיי דורכגעלעבט. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער רעזולטאַט, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם פון דעם מענטשלעכן גליק. אָבער ער פאַרענטפערט ניט די שאלה וועגן לעבן און טויט. פאַר דוד לייזערן און דאָסטאָיעווסקין איז די אומשטערבלעכקייט געווען אַ פאַקט. דאָס איז, אמת, גענוג וואונדערלעך און שווער באַגרייפ־לעך, — אָבער ס׳איז אַ פאַקט, וועלכן מיר האָבן קיין רעכט ניט צו באַ־צווייפלען, ווייל מיר האָבן פאַר אים אַ לאָגישע, שיער ניט קיין מאַטע־מאַטישע, און אַ פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג. אָבער די אומשטערבלעכקייט איז דאָך פאָרט געווען ניט מער ווי אַ סוביעקטיווע, אַ זאַך, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָר אין זייער נשמה.

מיר אָבער, וואָס שטייען דרויסן און זעען דוד לייזערן, אָדער דאָ־סטאָיעווסקין, ווי ער צאַפּלט זיך מיט שום אויף די ליפּן אין דער חולה־נופלדיקער, — פאַר אונדז איז קלאָר, אַז זייער אומשטערבלעכקייט און אומענדלעכקייט איז ניט מער ווי אַ דמיון פון אומשטערבלעכקייט און אומ־ענדלעכקייט, ווייל אין דער אמתן איז זייער „אייביקייט״ אַרומגעגרענעצט אין רוים און אין צייט. זי שפּילט זיך אָפּ ניט ערגעץ־וואו אַנדערש, נאָר אין די פאָר קובישע דעצי־מעטערן, וואָס זייער גוף פאַרנעמט אין רוים, און ניט ערגעץ־ווען אַנדערש, ווי נאָר אין איין איינציקער רגע, אין איין־איינציקן פּולס־שלאָג פון דער צייט. עס פאַרפליט דער הרף־עין און

מיט אים אויך די גאַנצע אומענדלעכקייט פון דער טיף. וואָס פאַר אַ ווערט האָט זי דען פאַר דאָס גאַנצע זיין?

אויף דער שאלה איז נאָר דאָ איין ענטפער, די דריטע מעגלעכקייט, וואָס מיר האָבן נאָך ניט באַטראַכט, די מעטאַפיזישע.

איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען אַלע יענע פילאָסאָפישע אַרגומענטן, וואָס האָבן זייער גרויסע דענקער געבראַכט צו דער דערקענטעניש, אַז רוים און צייט זיינען ניט קיין רעאַלעווירקלעכקייטן אין דער וועלט, נאָר: אָדער נישט מער ווי אַ דמיון אין אונדז, — אַ נויטווענדיקער דמיון, — פון וועלכן מיר קאָנען זיך ניט באַפרייען, אָבער פונדעסטוועגן פאָרט ניט מער ווי אַ דמיון; אָדער ניט מער ווי אַ דמיונדיקער מלבוש, וואָס עקזיסטירט אויך דרויסן פון אונדז. דער מלבוש פאַרדעקט, ווי מיט אַ פאַנטאַסטישן שלייער, דעם אייגנטלעכן תמצית פון דער וועלט, וואָס איז, לויט זיין טבע נאָך, אַ ריין רוחניותדיקע זאַך, אויף וועלכער עס איז ניט נופל צו זאָגן „רוים“ אָדער „צייט“. דער דאָזיקער רוחניותדיקער תוך, לאָמיר זאָגן, די גאָטהייט, איז אומעטום אין דער וועלט, אָבער אומעטום, וואו מיר קאָנען זי זען, איז זי אַנגעטאָן אין דעם מלבוש פון רוים און צייט. צוריק ליגט אומעטום, וואו עס איז דאָ רוים און צייט, אין דעם מלבוש, — אַלע מאָל גאַנץ, — ווייל זי נויטיקט זיך ניט אין רוים, — די פאַרבאָרגענע גאָטהייט. איך קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף יענע אַרגומענטן, ווייל דאָס וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט. אָבער די פון אייך, וואָס זיינען אַביסל באַקאַנט מיט דער פילאָסאָפיע און איר געשיכטע, ווייסן, ווי ערנסט יענע אַרגומענטן זיינען און ווי גרויס די דענקער זיינען, וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט.

לאָמיר אויף אַ ווײַלע אָננעמען, אַז יענע אַרגומענטן זיינען ריכטיק, — אָפּגעפרעגט געוואָרן זיינען זיי סיי־ווי־סיי קיינמאָל ניט אין דער פילאָ־סאָפיע, ווי קיין פילאָסאָפישע טעאָריע איז נאָך עד היום ניט אָפּגעפרעגט געוואָרן אַבסאָלוט. אָבער אויב יענע אַרגומענטן זיינען ניט אויף־צו־פּלייסן אמת — וואָס שטערט אונדז דען אַ טראַכט צו טאָן, אַ שטייגער, אַזוי: אין דעם מאָמענט, ווען די אומענדלעכע טיף פון דעם געפיל שטעלט זיך אַוועק אויף דעם פּלאַץ פון דער אומענדלעכער לענג אין דער צייט, ווען אין דער נשמה ווערט געבוירן די פּסיכאָלאָגישע אומשטערבלעכקייט, — דעמאָלט ווערט אויף אַ הרף־עין פאַרברענט אין אירע פריידיקע פלאַמען דער דמיון פון רוים און צייט, דער מלבוש, וואָס דעקט צו דעם פאַר־באָרגענעם גייסטיקן תוך פון דער וועלט, — די גאָטהייט, וואָס איז אומעטום און איז אומעטום גאַנץ. און ווי נאָר דער מלבוש ווערט אויף אַ הרף־עין

פאַרבּרענט, אַזוי ווערט איינעמס נשמה אַריינגעזונקען אין דער גאָטהייט, און ווי פון אַ בּליץ געטראָפן ווערט איר קלאָר, אַז זי און די גאָטהייט זיינען איין און די זעלביקע זאַך אָדער, לכל הפּחות, אַז זי איז אַקוראַט אַזוי אומ־שטערבּלעך, אַקוראַט אַזוי למעלה מן המקום ומן הזמן, אַקוראַט אַזוי פריי פון רוים און צייט, ווי די גאָטהייט אַליין. דאָס געפיל פון אומשטערבּלעכ־קייט ווערט דעמאָלט אַ געצייג, מיט וועלכן מיר געווינען דעם מעטאַפיזישן אמת, — יענעם אמת, וועלכן מיר קאָנען קיינמאָל ניט געפינען מיטן שכל. דאָס געפיל בּליט אויף אַ הרף־עין אַריין אין דער הייליקער ממשלה, וואָס „הינטער די אייזערנע טויערן״, אָבּער דאָס קאָן ער בּאַר דעמאָלט, ווען די אומענדלעכע לענג פון דער צייט ווערט אין אים פאַרוואַנדלט אין דער אומענדלעכער טיף, — נאָר דעמאָלט, ווען ער איז אַליין הייליק און ריין פון יעדער גשמיות, ווי בּיי דוד לייזערן.

די אומשטערבּלעכקייט איז שוין איצטער ניט אַ דמיון, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט די גרענעצן פון רוים און צייט. זי איז דער ווירקלעכער פייער, אין וועלכן עס ווערט פאַרבּרענט דער מלבּוש פון רוים און צייט.

די התלהבותדיקע בּרכה, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דוד לייזערס מויל, איז דעריבּער אפשר דער „שהחינו אויף אומשטערבּלעכקייט״, וועלכן זיין נשמה האָט געמאַכט, ווי נאָר זי האָט אין דעם פּשוטסטן זין פון דעם וואָרט זיך צונויפגעשטויסן מיט דער פאַרבּאָרגענער אייבּיקייט.

איך גלויבּ, אַז דאָס איז אייגנטלעך דער מעטאַפיזישער געדאַנק, וועלכן אַנדרעיעוו וויל אונדז איבּערגעבּן. דער טויט איז ניט דאָס לעצטע וואָרט אין דעם לעבּן פון אַ מענטשן. די רעליגיע איז אין דעם פּונקט גערעכט. אַחוץ דער וועלט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט דער דמיון־נעץ פון רוים, צייט און אייזערנע נויטווענדיקייטן, איז נאָך דאָ אַ יענע־וועלט, די וועלט פון דעם ריינעם גייסטיקן זיין. און אַריינדרינגען אין דער „יענע וועלט״ קאָן מען ניט דווקא דורך דעם טויט. אויך בּיים לעבּן קאָן זיך טרעפן, אַז איינעמס נשמה זאָל זיך, לאָז זיין אויף אַ רגע, אַרויסרייסן פון די אילוזיאָ־רישע נעצן און אַריינבּליקן אין דעם ריינעם, רוחניותדיקן וועלט־זיין. אָט איז דאָך דוד לייזערס נשמה אַריין אויף איין רגע אין גדן־עדן, — איין רגע, וואָס איז אָבּער ווערט די גאַנצע ערדישע אייבּיקייט.

אויבּ אַנדרעיעווס ווערק וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דוד׳ס גליק, וואָלטן מיר אין אים געקאָנט זען ניט מער ווי אַ קינסטלערישע אילוסטראַציע צו טאָלסטאָיס טעאָריעס. די אייבּיקע פּראָבּ־לעמען פון לעבּן און טויט זיינען פאַרענטפערט. דער „אמת וועגן דעם מענטשנס גורל״ איז אויסגעפונען אויף קלאָר. דאָס מענטשלעכע לעבּן איז

ניט נאָר חושך און וואַנזין. אין דעם פּראָצעס פון מענטשן־ליבע רייסט מען זיך אַרויס פון פינצטערניש צו ליכטיקייט, פון גיהנום צו גן־עדן, — אַ גן־עדן פון העכסטן גליק אויף דער וועלט, וואָס טראָגט נאָך אין זיך ניט נאָר די האָפענונג, נאָר די קלאָרסטע געוויסהייט וועגן אַן אייביקן זיין פון דער אייגענער נשמה. און אַפילו אַז די אומשטערבלעכקייט וואָלט געווען ניט גאָר קיין זיכערע זאַך, נאָר אַ זייער מעגלעכע השערה, וואָס גיט שפּייז צו דער גילדענער האָפענונג? און אַפילו אַז עס וואָלט ניט געבליבן קיין ברעקל פּלאַץ פאַר אַ וועלכער עס איז האָפענונג אויפן לעבן נאָכן טויט, — ווער, וואָס האָט נאָר טיפער דורכגענומען דעם צער פון אונדזער די־וועלטיקן זיין, — וואָלט ניט וועלן אַוועקגעבן זיין גאַנצן גיהנומדיקן לעבן פאַר איין רגע אין גן־עדן? פאַר אַזאַ רגע, וואָס זאָל ביזן טויט אָנפילן זי מיט דער דערינערונג פון דעם גן־עדן און אויף אייביק אויסבערענען דעם פּחד פון טויט?

געוויס, — וועט איר מיר ענטפערן, — פאַר אַזאַ מאָמענט פון העכסטן מענטשלעכן גליק, וועלכן דוד לייזער האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון זיין טריאומף, איז ווערט אַוועקצוגעבן אַ גאַנצן לעבן, ווען ניט זיינע שפּעטערדיקע ליידן. אָט, אַז אין דער צייט, ווען אים האָט געטראָפן דער גייסטיקער בליץ פון אומשטערבלעכקייט, וואָלט אים געטראָפן אויך אַ פיזישער דונער, וואָס וואָלט אים פאַרשפּאָרט דעם שפּעטערדיקן גיהנום, — אָדער ווען ער וואָלט אַ לעבעדיקער אַרויפגענומען געוואָרן אויפן הימל, ווי אליהו הנביא, דעמאָלט וואָלט זיין גן־עדן געווען פולקאָם; אָבער דעמאָלט וואָלט ער ניט געקאָנט זיין קיין ביישפּיל און קיין סימבאָל פאַר דעם מענטשנס לעבן, וואָס איז פול פון יסורי־גיהנום, דערהויפּט ביי די דוד לייזערס. עסט ניט אויף דער גיהנום דעם גן־עדן? ווערט ניט דער גן־עדן פאַרברענט אין דעם פייער פון דעם גיהנום?

יאָ, ענטפערט אַנדרעיעוו, דורך דעם „שומר". דאָס, וואָס איר רופט אָן גיהנום, עסט אויף דעם גן־עדן. האָט דוד לייזער אַליין ניט געזאָגט, אַז אינעווייניק אין אים ברענט אַ ווייסער פייער, אויף וועלכן די לבנה ווערט שוואַרץ און די זון ווערט איבערגעברענט ווי געלע שטרוי? אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז ליידן איז גיהנום? דאָס איז די פראַגע, וואָס אַנדרעיעוו שטעלט, און זיין ענטפער איז, אַז די ווייסע פלאַמען פון יסורים איז נאָך אַ טיפערע מדרגה אין דעם געטלעכן לעבן, איידער די געלע פלאַם פון גליק, פרייד און ליבע.

גאָט, אָדער דאָס וואָס מיר זוכן אונטער דעם נאָמען, איז לויט אַנ־דרעיעוון, ניט שכל, ניט ליבע, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס מיר קאָנען אויס־

דריקן נאָר בילדלעך, ווען מיר זאָגן, אַז ער איז „דער פייער פון דעם געפיל״. און עס איז ניטאָ קיין גבול צו דעם פאַנאַנדערגליען פון דעם פייער. גליק און אומגליק, פרייד און יסורים, זיינען די ערשטע שטופּעס, צו וועלכע אויך דער מענטש קאָן דערגרייכן אין זיין לעבן. אָבער „די ליכטיקייט״ האָט ניט קיין גרענעצן, און עס איז דאָ נאָך איינער אַן אומבאַקאַנטער פייער, וועמעס נאָמען קיינער ווייס ניט.

וואָס איז דער תוך פון דער וועלט? און וואָס איז דער גרונד פון דעם לעבן? די גאַנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע דרייט זיך אַרום דעם ענטפער אויף דער פראַגע. העגעל מיינט, אַז דער וועלטן-גרונד איז שכל. פיכטע זאָגט: ער איז דער ווילן צו דעם מאָראַליש-גוטן. שעלינג זאָגט: דאָס אַבסאָלוטע איז אַ שטרעבן צו דעם עסטעטיש-שיינעם. אַנדרעיעוו שטעלט זיך אויף דער זייט פון די, וואָס גלויבן, אַז אין דעם געפיל דריקט זיך אויס דער גאָטלעכער פּרינציפּ פון דער וועלט און אַז דאָס געפיל איז דער מקור, פון וואַנען עס שלאָגט דער קוואַל פון לעבן. און וואָס טיפער איינעמס געפיל איז, אַלץ נעענטער איז ער צו גאָט און צו דעם מקור פון לעבן. אין די ליידן איז ער נאָך נעענטער צו אים, איידער אין די פריידן, ווייל די ליידן זיינען שטאַרקער און טיפער, איידער די פריידן...

אָט דאָס איז דער מעטאַפיזישער תמצית פון אַנדרעיעווס אַנאַטעמאַ, וואָס דאַרף אונדז פאַרענטפערן די גרויסע שאלה פון לעבן און טויט.

עס איז ניט דאָ דער אָרט אָפּצושאַצן דעם פילאָסאָפישן ווערט פון אַנדרעיעווס געפילס-מעטאַפיזיק. פאַר אונדז איז נאָר געווען וויכטיק קלאָר צו מאַכן אַנדרעיעווס געדאַנק און זיין שטעלונג צו די גרויסע פּראָבלעמען אין דער פילאָסאָפיע. מיר האָבן געפונען, אַז אין דער לעצטער ליניע איז ער אַן אָפּטימיסט, — אַ מענטש, וואָס גלויבט אין דעם זין פון דעם לעבן און פון דער וועלט, ווייל דער פאַקט פון יסורים און טויט איז ניט קיין באַווייז פאַר דעם פּעסימיזם, נאָר אדרבה! — אַ באַוויז פאַר דעם אָפּטימיסט. יסורים זיינען אַ העכערער אויסדרוק פון לעבן אויף דער וועלט און דער טויט איז נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ וועלכן עס איז אַנדער פייער פון געפיל, וואָס מיר קאָנען מיטן שכל גאָר ניט באַנעמען זיין מהות.

פאַר אַנאַטעמאַ, פאַר דעם שכל, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ענטפער. בלייבט ער אין דער ממשלה פון צאָל, מאָס און וואָג, פון רוים און צייט, איז דעמאָלט מוזן אים די אַלע דערפאַרונגען פון אַ דוד לייזער אָדער פון אַ דאָסטאָיעווסקי אויסקומען ווי אַ געפּלאַפּל פון אַ שיכורן. פאַרגעסן מיר אָבער אויף דאָס, וואָס אונדז לערנען די אויסערלעכע חושים

און דער פֿאַרשטאַנד, פֿאַרטיפֿן מיר זיך אין די סודות פֿון דעם אייגענעם געפֿיל, אַזוי בייט זיך איבער אונדזער מאָס, און דער שיכורער איז אין אונדזערע אויגן ניט דער געפֿיל, נאָר דער פֿאַרשטאַנד. זעען מיר דען ניט, ווי ער צאַפּלט זיך אין דעם נעץ פֿון די אויסערע חושים, ווי ער ליגט אָנמעכטיק ביי דעם פֿוס פֿון די אייזערנע טויערן, בעת אין דער אמתן זיינען זיי אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם. ניט אין דער אומענדלעכקייט פֿון דעם געדאַנק דאַרפֿן מיר זוכן דעם אַריינגאַנג צו דער אייביקער גאָטהייט, לערנט אונדז אַנדרעיעוו, נאָר אין דער אומענדלעכקייט פֿון דעם געפֿיל.

דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון אַנדרעיעווס דענקען וועגן די רעטע־נישן פֿון דער וועלט. עס איז ניט קיין ניי וואָרט, אָבער דערפֿאַר אַרויס־געזאָגט אָריגינעל און מיט קראַפֿט.

מיט דעם וואָלט איך געקאָנט ענדיקן מיין היינטיקע פֿאָרלעזונג. אָבער איך וויל נאָך זאָגן אַ פֿאָר ווערטער פֿאַר די ,וואָס באַנוגענען זיך ניט מיט דער באַקאַנטשאַפֿט פֿון אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק, אַרויסגעזאָגט אין אַן אינטערעסאַנטער פֿאָרם. זיי ווילן האָבן דעם קלאָרן פּועל־יוצא: „נו — איז אַנדרעיעוו גערעכט אָדער ניט?“

איך מוז מיך אין אומעט און הכנעה מודה זיין, אַז אויף דער פֿראַגע קאָן איך ניט געבן קיין ענטפֿער.

די פֿראַגן פֿון דער מעטאַפֿיזיק שפּילן זיך אָפּ אויף די גרענעצן פֿון אונדזער דערקענטעניש, וואו עס הערט אויף צו רעדן די דערפֿאַרונג און דער געוויינלעכער פֿאַרשטאַנד. מען קאָן, אויב איר ווילט, פּשוט אַוועק־מאַכן די אַלע פֿראַגן כלאחר יד און זיך זאָגן: מיר ווילן ניט גיין אַזוי ווייט, פֿאַר אונדז איז גענוג געררוים די וועלט פֿון דער דערפֿאַרונג און דעם וויסנשאַפֿטלעכן דענקען. אָבער דעמאָלט דאַרף מען זיך לכתחילה אָפּזאָגן פֿון אַ וועלכן עס איז ענטפֿער אויף די אייביקע פּראָבלעמען און דערוועגן אין זיך דעם דאָרשט צו דעם אייביקן אמת. ניט אַלע אָבער קאָנען האָבן אין זיך דעם העראָאיזם פֿון באַשיידנקייט.

און איז דאָס אין דער אמתן אַ באַשיידנקייט, ווען איינער שמועסט זיך איין, אַז ער פֿרעגט ניט, אַז ער האָט דעם כח גאָר ניט אַ טראַכט צו טאָן וועגן די אייביקע פּראָבלעמען, בעת אין דערווירקלעכקייט האָט ער ערגעץ־וואו אין דער בוזעם־טאַש אַ קליינינקן, הויז־געבאַקענעם אמתל, אַ גאָטל פֿון אברהמען, יצחקן און יעקבֿן, אָדער אַ „מאַטעריעלע“ פֿון ביוכנער, פֿאָכט און מאָלעשאָט, אָדער אַן אייזערנעם „געשיכטס־גאַנגעלע“ פֿון אַ מאַרקס און ענגעלס, און ער קוויקט זיך מיט זיין אמתל אין דער שטיל?

און איז דאָס באמת אַ העראָאיזם, ווען איינער האָט מורא אַרויסצושלעפּן

זיין אמת אויף דער ליכטיקער זון און אַוועקשטעלן אים אין קאַמף מיט אַלע אַנדערע ענטפערס, וועלכע דער מענטשלעכער שכל ברענגט אַרויס?

די, וואָס האָבן ניט קיין „גאָטעלע״, נאָר אַ גאָט, ניט קיין „מאַטעריעלע״, נאָר אַ גרויסע מאַטעריעלע וועלט, וואָס אירע געזעצן פאָרשן זיי אויס, ניט קיין „געשיכטס־גאַנגעלע״, נאָר אַן אייזערנעם געשיכטס־גאַנג, — זיי אַלע האָבן גרויסע אמתן און זיי דאַרפן קיין מורא ניט האָבן צו שטעלן זיך ביי דעם ברעג פון דעם אָפּגרונט, און זיי דאַרפן גאָר ניט איינשמועסן זיך, אַז זיי בלייבן „אין די גרענעצן פון דער דערפאַרונג און דער וויסנשאַפט״. זיי זיינען מעטאַפיזיקער, און האָבן אַ רעכט צו קעמפן קעגן אַנדערע מעטאַ־פיזיקער, ווייל יעדער ענטפער וועגן דעם מהות פון דער וועלט און דעם גורל פון דעם מענטשן נאָך דעם טויט איז אַ מעטאַפיזישער ענטפער, וואָס לאָזט איבער די „גרענעצן פון דער דערפאַרונג און דער וויסנשאַפט״ ווייט הינטער זיך.

אָבער דאָ, אין דער מעטאַפיזיק, האָבן מיר ניט קיין אַבסאָלוטן מאָס־שטאָב, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען אָפּמעסטן דעם אמת פון יעדן סיסטעם. אַלע מעטאַפיזישע סיסטעמען זיינען גלייך באַרעכטיקט. קיין איינע פון זיי איז ניט אָפּגעפרעגט געוואָרן אַבסאָלוט. קיין איינע פון זיי קאָן ניט באַוויזן ווערן אויף קלאָר, און יעדע פון זיי האָט אַרגומענטן פאַר זיך און ערנסטע טענות אַנטקעגן דעם צד שכנגד.

קריטיקירן יענע מעטאַפיזיק, וועלכע אַנדרעיעוו פריידיקט אין זיין „אַנאַטעמאַ״, וואָלט דעריבער געהייסן אַוועקשטעלן אַנטקעגן איר די אַנדערע מעטאַפיזיק, אין וועלכער איך גלויב, און זי אויסמאָלן אין ליכטיקע פאַרבן. דאָס קאָן ניט זיין די אויפגאַבע פון מיין הייניטיקער פאָרלעזונג.

איין פונקט וויל איך נאָר דאָ באַרירן צום שלוס. אין „אַנאַטעמאַ״ ווערט דער שומר פון דעם אַריינגאַנג אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם סקעפּטישן שכל. ער, דער שומר, איז אַ קראַפט, וואָס וואוינט דרויסן פון דעם מענטשלעכן שכל. אין דער אמתן אָבער וואָלטן מיר קיינער ניט געוווּסט פון דעם דאָזיקן שומר, ווען ניט „אַנאַטעמאַ״, ווען ניט דער מענטשלעכער געדאַנק, ער האָט אויסגעפונען די גרענעצן פון זיין אייגענער מאַכט, און ניט ערגעץ־וואו אויף אַ מיסטישן באַרג, נאָר אין זיינע אייגענע טיפענישן. עס איז, אין די אינטערעסן פון דעם קינסטלערישן אויפבוי פון דעם פּראָבלעם, גאַנץ געוויס דעם קינסטלער דערלויבט פאַנאַנדערצוטרייסן דעם איינהייטלעכן מענטשלעכן שכל אין צווייען און זיין אינעווייניקסטן קאַמף פאָרצושטעלן ווי אַ קאַמף פון צוויי דרויסנדיקע קרעפטן, וואָס עקזיסטירן איינע דרויסן פון דער אַנדערער.

ביי דעם פילאָסאָפישן באַטראַכטן פון דעם פּראָבלעם טאָר מען דאָס אָבער ניט אַרויסלאָזן פון אויג. אַנאַטעמאַ און דער שומר זיינען איין־און־דיזעלביקע זאַך: דער אייביק־זוכנדיקער און פאָרשנדיקער מענטשלעכער גייסט. און נאָר אין דער אַבסטראַקציע קאָנען מיר זיי פאַנאַנדערדרייסן און אַוועקשטעלן איינעם אַנטקעגן דעם אַנדערן און מאַכן, אַז אַלע ליכט־פאַרבן זאָלן פאַלן אויף דעם סימפּאַטישן שומר און אַלע שאָטן־פאַרבן אויף דעם שטן.

איך גלויב, אַז אויך אַנדרעיעוו ווייס עס, און אויב ער פילט ניט, אַז ער איז באַגאַנגען אַן אומרעכט צו דעם אומגליקלעכן אַנאַטעמאַ, איז דאָס דערפאַר, וואָס ער פאַרשטייט, אַז אונדזער פריינט אַנאַטעמאַ וועט אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן: ער איז צו קלוג דערצו, און קאָן אַריבערטראָגן אַ שפּאַס.

אַנאַטעמאַ, וואָס „בענקט נאָך דעם אמת", ווייס, וואָס ער ווייס, און וואָס קיינער וועט אים ניט קאָנען אָפּלייקענען, אַז דאָס האָט ער אויסגעפונען די גרענעצן פון דער דערקענטעניש, אַז דאָס האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם שומר פון דעם אַריינגאַנג, אַז דאָס האָט ער און ניט אַנדערער אויך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק פון אַ גאָט און אויסגעטראַכט אַלע מיאוסע מעשיות אויף זיך אַליין. און ער איז עס, און ניט קיין אַנדערער, וואָס לאָזט זיך איצטער אַראָפּ אין די טיפעניש פון דעם מענטשלעכן געפיל, טאָמער וועט ער דאָרטן אויסגעפינען אַ שטראַל פון האָפענונג און גליק, ניט פאַר זיך, נאָר פאַר זיין ליבלינג נאָך פון די פאַר־ביבלישע צייטן — דעם מענטשן.

1911

מעטערלינקס „בלויער פויגל"

די פּרעסע פון די לעצטע טעג, — ניט נאָר די יידישע, נאָר אויך די ענגלישע, — איז געווען פול מיט אַרטיקלען וועגן מעטערלינקס „בלויען פויגל". באַשרייבונגען פון דעם פּרעכטיקן אויפפיר, וואָס דאָס ווערק האָט באַקומען אין דעם נייעם ענגלישן טעאַטער, פילן אָן גאַנצע צייטונגס־שפּאַלטן. דער לויב־געזאַנג אויף מעטערלינקס טאַלאַנט איז אַן אייב־שטימיקער. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס אייניקע פריינט האָבן מיך געבעטן איך זאָל איינע פון מיינע פאָרלעזונגען אָוועקגעבן פאַר מעטערלינקס ווערק.

איך טו דאָס מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, ווייל סיי דער נאָמען פון דעם מחבר, סיי דאָס ווערק גופא פאַרדינען עס, מיר זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט זיי.

אָבער — קודם כל, אַ קליינינקן אָפּמאַך. די גאַנצע קינסטלעריש־ליטעראַרישע זייט פון דער זאַך וועל איך לאָזן גאָר אָן אַ זייט: לאָז דאָס בלייבן פאַר די עסטעטישע קריטיקער פון פאַך. מעטערלינקס „בלויער פויגל" איז דאָך ניט פשוט אַ קונסט־ווערק: ס'איז אַ סימבאָל, אַ משל — דאָס גיט צו יעדערער. און וואו עס איז דאָ אַ משל, מוז זיין אַ נמשל, — וואו אַ סימבאָל, דאָרטן אַ געדאַנק. אָבער דאָרטן וואו עס איז דאָ אַ געדאַנק, זיינען מיר דאָך עפּעס אויף־דערויף גמרא־קעפּ: ווי קאָנען מיר דורכלאָזן דעם „מאי־קא־משמע־לן" ?

„מאי־קא־משמע־לן דער ‚בלויער פויגל'? וואָס קומט ער אונדז צו לאָזן הערן?" — דאָס צו פאַרענטפערן איז די הויפּט־אויפגאַבע פון מיין היינטיקער פאָרלעזונג. אָבער ניט די איינציקע. איך וויל גלייך אין אָנהויב אָפּשטעלן זיך און זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער באַדייטונג פון מעטער־לינקס שאַפן בכלל. ווייניקסטנס קלאָר מאַכן איין פונקט, וואָס מיך אינ־טערעסירט דערביי מער פאַר אַלץ.

די גרויס פון מעטערלינקס טאַלאַנט אַלס דיכטער איז באַשטאַנען און

רעדע, געהאַלטן צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק אין 1911.

באַשטייט נאָך אין דעם, וואָס ער קאָן אַזוי גוט — דורך סימבאָלישע און האַלב־סימבאָלישע פיגורן — אַרויסרופן אין אונדז געוויסע שטימונגען, סיי פון די איינצלנע לעבנס־דערשיינונגען, סיי פון דעם מענטשלעכן לעבן בכלל.

מאָלן שטימונגען איז אפשר די שווערסטע זאַך אין דער קונסט. דעם מענטשנס שׂכל האָט זיך בכלל צו ווייניק אינטערעסירט מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער אייגענער נשמה. די דרויסנדיקע וועלט האָט אַלע מאָל צוגעצויגן צו זיך דעם גרעסטן טייל פון זיין ענערגיע, און אַז ער האָט שוין גענומען אַריינבליקן אין די טיפענישן פון דעם מענטשלעכן האַרצן, האָבן אים קודם־כּל פאַראינטערעסירט יענע קלאָרע געפילן, וואָס גרענעצן זיך אָפּ בוילעט און שאַרף אויף דעם אַלגעמיינעם פאָן פון דעם פסיכישן לעבן: ליבע, האַס, אייפערזוכט, פרייד, אומעט, טרויער, כּעס, פּראָטעסט און דערגלייכן. דאָס לעבן פון די דאָזיקע געפילן האָט קודם־כּל באַשעפטיקט דעם פּסיכאָלאָגישן קינסטלער. באַשרייבן זייער געבורט, אַנטוויקלונג, קאַמף און שיקזאַל איז געווען און בלייבט נאָך עד היום זיין ליבלינג־טעמע. אָבער נאָך רייכער, איידער אין קלאָרע, שאַרף־אַרויס־געצירקלטע געפילן, איז דעם מענטשנס נשמה אין שטימונגען, — אין יענע צושטאַנדן אירע, וועלכע עס איז אַזוי שווער צו באַשרייבן מיט ווערטער, ווייל דעם מענטשנס שׂכל האָט פּשוט נאָך ניט גענוג געאַרבעט אויף זיי, ווייל ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג גענומען אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן זייער מהות.

ווי רייך דעם מענטשנס נשמה מוז זיין אין איינצלנע שטימונגען, קאָן מען איינזען פון אַ פּשוטן חשבון. די מוזיק, — דאָס ווייסן אַלע, — איז די שפּראַך פון די מענטשלעכע געפילן. און אין דער אמתן איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי דירעקט רעדן צו אונדזער האַרצן, ווי די קלאַנגען פון די מוזיקאַלישע טענער. אויף יעדער מעלאָדיע פון דער מוזיק ענטפערט דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט אַ באַזונדער אָפּקלאַנג פון געפיל. אָבער באַשטייט דער אָפּקלאַנג ניט מער ווי פון אַ באַזונדער געפיל? לאָמיר זען! אָט האָט מען אונדז פאָרגעשפילט צוויי חופּה־מאַרשן אָדער צוויי לוויה־מאַרשן. אין דעם ערשטן פאַל האָבן מיר דורכגעלעבט צוויי געפילן פון פרייד, אין דעם לעצטן — צוויי געפילן פון טרויער. זיינען אָבער די צוויי פרייד־געפילן געווען אַקוראַט פון איין־און־דערזעלביקער אַרט? געוויס ניט! ווי באַלד די קלאַנגען זיינען געווען פאַרשיידן, האָבן שוין אויך די אָפּקלאַנגען געמוזט זיין גאַנץ אַנדערע. אָבער פרייד איז דאָך פרייד און טרויער איז טרויער? — יאָ, נאָר, הפּנים, אַז ניט גאָר אין גאַנצן.

משמעות, אַז ניט אַלע פריידן לאָזן איבער אַקוראַט דעם זעלביקן פריידיקן רושם אין אונדזער נשמה און ניט אַלע טרויער־געפילן ברענגען אַרויס די זעליבקע טרויעריקע ווירקונג. מענדעלסאָנס טרויער־מאַרש לאָזט איבער אַן אַנדער רושם, איידער דער טרויער־מאַרש פון גריעג. דער אונטערשייד פון זייער ווירקונג אויפן געפיל שטאַמט פון דער שטימונג. מענדעלסאָנס טרויער־געפיל האָט געהאַט אַן אַנדער שטימונג, איידער גריעגס טרויער־געפיל, און דער רושם, וואָס זיי לאָזן איבער אויף דער נשמה, איז פאַרשיידן דערפאַר, ווייל זיי רופן אַרויס אין אונדז, אמת, דעם זעלביקן טרויער־געפיל, אָבער דערפאַר גאַנץ פאַרשיידענע שטימונגען.

איצט באַרעכנט: וויפיל איינצלנע מעלאָדיעס זיינען דאָס דאָ אין דער וועלט פון דער מענטשלעכער מוזיק און וויפיל איינצלנע מעלאָדיעס קאָנען און וועלן נאָך באַשאַפן ווערן אין איר. און אַז איר דערמאָנט זיך, אַז יעדע מעלאָדיע לאָזט איבער איר רושם אין דער נשמה, ד. ה. אַז זי רופט אַרויס איר שטימונג אין איר, און אַז מען באַטראַכט נאָך ווייטער, אַז ניט נאָר קלאַנגען קאָנען אַרויסרופן שטימונגען, נאָר אויך אַ סך אַנדערע דער־שיינונגען פון דעם לעבן, דעמאָלט קאָנט איר באַקומען אַ באַגריף ווי אומ־ענדלעך צאָלרייך עס זיינען די שטימונגען אין אונדזער האַרצן און ווי אומענדלעך אָרעם, ווי צרהדיק אָרעם אונדזער מענטשלעכע שפּראַך איז, וואָס האָט פאַר זיי, פאַר אַלעמען, אפשר ניט מער ווי אַ טוץ ווערטער, ווי, למשל: „אומעטיק״, „טרויעריק״, „פריילעך״, „געהויבן״ און אַזוי ווייטער. און אויך דאָ מוז די שפּראַך באָרגן ווערטער פון אַנדערע, ניט־פּסיכאָ־לאָגישע דערשיינונגען: מיר זאָגן, צ. ב., אַז עס איז אונדז „ימים־נוראימ־דיק אויפן האַרצן. „עס איז אונדז עפּעס אויפן האַרצן״, — דאָס איז דער געוויינלעכער אויסדרוק פאַר דער שטימונג. מיר קאָנען אָבער בשום אופן ניט אויסדריקן אין ווערטער, וואָס עס איז אַזוינס, און מיר באַצייכענען אַלע שטימונגען מיט יענעם געפיל, וואָס שפּילט אין זיי די הערשנדיקע ראָלע.

פון וואַנען נעמען זיך די שטימונגען אין דער מענטשלעכער נשמה? — אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז דער אומענדלעכער סכום פון שטימונגען, — דאָס איז דער עצם פון דער מענטשלעכער נשמה, דאָס איז איר ים, וואָס בייט אַלע ווילע זיין פאַרב, — אַ ים פון מיליאָנען איינצלנע קאָלירן, וואָס גיסן זיך אַריין איינער אין דעם אַנדערן, און אַז די קלאָרע געפילן (און די קלאָרע פאָרשטעלונגען, ווי אויך די קלאָרע געדאַנקען, וואָס וואַקסן אַרויס פון די פאָרשטעלונגען) זיינען ניט מער ווי איינצלנע וואַלן, וואָס הויבן זיך אויף אַ ווילע פון דעם אַלגעמיינעם שטימונגס־ים און גיסן זיך דערנאָך

ווידער צונויף מיט אים. אָבער עס קאָן גרייליך געמאָלט זיין, אַז די סברה איז ניט מער ווי אַ דמיון אין מיר. אויב מען זאָל זיך האַלטן פאַר דער מאָדערנער עמפּירישער פסיכאָלאָגיע, מוז מען אפשר קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די שטימונגען זיינען ניט דער אורשטאָף, ניט דער „חומר החיולי", פון וואַנען עס ווערן געפאָרעמט די קלאָרע פסיכישע געשטאַלטן, נאָר אַ שפּעטערדיקע דערשיינונג, אַ פּועל־יוצא פון די קלאָרע איבער־לעבונגען פון אונדזער נשמה.

אַ גרויסער טייל געלערנטע נעמט נאָך עד היום אָן, אַז דאָס גאַנצע פסיכישע לעבן פון דעם מענטשן, אַלע זיינע פאָרשטעלונגען, באַגריפן, אידייען, בילדער, געפילן, שטרעבונגען און געדאַנקען וואַקסן אַרויס פון די עמפּינדונגען און די שפּירונגען, וואָס מיר באַקומען פון אונדזערע חושים, די דרויסנדיקע און די אינעווייניקסטע. פאַרבן, קלאַנגען, גערוכן — טאַפּ־ און געשמאַק־עמפּינדונגען, — די שפּירונגען, וואָס די טעטיקייט פון אונדזערע אינעווייניקסטע אָרגאַנען און מוסקולן לאָזט איבער אין אונדז, — דאָס אַלץ איז דער אורשטאָף, וואָס פון אים ווערן אויפגעבויט אַלע געשטאַלטן פון דעם פסיכישן לעבן. עס איז היינט ניט מיין דאגה צו באַווייזן אייך, ווי אַזוי, למשל, די אַבסטראַקטסטע געדאַנקען וועגן גאָט און אומשטערבלעכקייט קאָנען צוריקגעפירט ווערן צו די איינצל־עמפּינדונגען על פּי דער דאָזיקער עמפּירישער פסיכאָלאָגיע. וויכטיק פאַר אונדז איז נאָר צו באַווייזן, ווי אַזוי מען קאָן דורך דעם עמפּירישן פּרינציפּ פאַר־ענטפערן די שאלה, פון וואַנען עס נעמט זיך ביי אונדז די אומענדלעכע צאָל שטימונגען.

דאָס רוב עמפּיריקער נעמען אָן, אַז יעדע איינצל־עמפּינדונג, — סיי אַ פאַרב, סיי אַ גערוך, סיי אַ קלאַנג, ווערט געבוירן אינאיינעם מיט אַ באַשטימטן געפיל־טאָן, אַזוי רופט מען דאָס אין דער וויסנשאַפט. יעדע איינע פון זיי געפעלט אונדז אָדער געפעלט אונדז ניט אויף אַ געוויסן אַרט. אויב מען זאָל, צ. ב., נעמען אַ געוויסן גרויסן סכום פאַרביקע סטענגעס פון פאַרשיידענע שאַטירונגען, אָבער פון דער זעלביקער גרויס און פאָרם, און מען זאָל זיך פרעגן, וועלכע פון זיי געפעלן אונדז און וועלכע ניט, וועלן מיר קאָנען דעם גאַנצן סכום פאַנאַנדערשיידן אין צוויי טיילן: די אָנגענעמע און די ניט־אָנגענעמע. און אויך אין יעדן טייל באַזונדער וועלן מיר קאָנען פאַנאַנדערסאָרטירן די סטענגעס אַזוי, אַז די פאַרבן זאָלן גיין כסדר, לויט דעם גראַד און דער שטאַרקייט פון דעם אָנגענעמען אָדער ניט־אָנגענעמען רושם, וואָס זיי מאַכן אויף אונדז. סוף־כל־סוף קאָן מען צונויפשטעלןביידע טיילן אַזוי, אַז זיי זאָלן בילדן איין גרויסע פאַרבן־

טייל, אָנגעהויבן, לאָמיר זאָגן, לינקס מיט די גאַר־אומאָנגענעמע, איבער־גייענדיק דורך די אַלץ־ווייניקער אומאָנגענעמע ביז צו יענע פאַרבן, וואָס דוכטן זיך אויס כמעט ווי גלייכגילטיקע, וואָס לאָזן כמעט גאָר קיין רושם ניט איבער אויף אונדזער נשמה, פון דאָרטן ווייטער דורך די אַלץ־מער אָנגענעמע, ביז צו דער לעצטער, עקסטער פאַרב רעכטס, וואָס רופט אַרויס אין אונדז די אָנגענעמסטע ווירקונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף דערצו האָבן ניט נאָר אַ שאַרף אויג, כדי צו דערקענען די שאַטירונג פון דער פאַרב, נאָר אויך אַ שאַרפן פסיכישן געהער, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אָבער גאָר אַ שאַרפן, כדי ריכטיק אַרויסצוהערן זייער אָפּקלינגען אין אונדזער נשמה.

דאָס אייגענע איז אויך מיט די קלאַנגען, גערוכן, געשמאַקן, מוסקול־עמפּינדונגען און אַזוי ווייטער. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין געפיל־טאָן, זיין אָפּקלאַנג אינעווייניק אין אונדז.

ווען פון די איינצלנע עמפּינדונגען ווערן אויפגעבויט די העכערע פסיכישע געשטאַלטונגען, — די פאַרשטעלונגען, באַגריפן, אידייען, גע־דאַנקען, שטרעבונגען, — דעמאָלט גיסן זיך צונויף זייערע געהילפס־טענער אינאיינעם און פון זיי וואַקסן אַרויס אָדער קלאָרע געפילן, ווען איין אָדער נאָר עטלעכע געפילס־טענער האָבן די אויבער־האַנט איבער די אַנדערע, — אָדער אָנשטאָט קלאָרע געפילן ווערן געבוירן האַלב־קלאָרע שטימונגען, ווען קיין געפיל־טאָן האָט ניט די קראַפט אַריבערצוקלינגען זיינע חברים. אַביסל קלאָרערע שטימונגען הערשן אין דער נשמה דעמאָלט, ווען זי איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער שליטה פון אַ וועלכן עס איז בוילעטן און שאַרפן געפיל. האָט אונדזער נשמה דורכ־געפילט אַ שטאַרקן צער, דעמאָלט צעגיסט זיך דער צער איבער אַלע טיילן און פאַרבט זיי אַלעמען אָפּ אין אַ שוואַרצן קאָליר. און אַפילו ווען דער געדאַנק האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם צער, און ווען דער צער אַליין איז שוין איבערגעלעבט געוואָרן, ציטערט נאָך ערגעץ־וואו אין דער נשמה זיין שאָטן און וויקלט אַלץ דאָרט איין אין אַ קאַלטן גרוי. דאָס אייגענע, פאַרשטייט זיך, איז אויך מיט דעם געפיל פון פרייד, וואָס לאָזט איבער אַ ראָזעווען טוי אויף אַלע דערשיינונגען פון אונדזער פסיכישן לעבן.

די שטימונגען, — די פאַרשיידענע שאַטירונגען פון גרוי אָדער רויז, פון ליכט אָדער פינצטערניש אין אונדזער נשמה, — זיינען אויף אַזאַ׳ן אופן די שאָטנס פון די געפילן און די עמפּינדונגען, וועלכע דאָס לעבן האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין די טיפענישן פון אונדזער געמיט.

איך האָב מיך דאָ אָפּגעשטעלט אַביסל לענגער אויף דער שטימונגס־

טעאָריע פון דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, ניט דערפאַר, ווייל איך בין אַזוי שטאַרק איינגעגלויבט אין איר. אדרבא, איך רעכן, אַז די האַניק־וואָכן פון איר יום־טוב אין דער וויסנשאַפט זיינען שוין לאַנג אַריבער. זי ווערט איצטער שטאַרק אָפּגעפרעגט אין דער ערנסטער פאָרשונג. אירע גרונד־זיילן זיינען שוין פאַנאַנדערגעשאָקלט, ווען אַפילו מען מוז מודה זיין, אַז זי האָט אונדז געגעבן אַ סך טיפע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן און קלאָרע באַשרייבונגען פון איינצלנע פּסיכישע געשעענישן, וואָס וועלן בלייבן אין דער וויסנשאַפט אפשר אויף אייביק.

איך האָב נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז אַפילו לויט דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע מוז אויסקומען, אַז דער גרעסטער טייל פון דער נשמה איז פאַרנומען מיט שטימונגען, ווען אַפילו מיר מערקן זיי ניט, און אַז יעדע נייע עמפּפינדונג, ד. ה. יעדער פּולס־שלאָג פון אונדזער לעבן, יעדער הרף־עין אונדזער מוז פאַרמערן דעם אוצר פון אונדזערע שטימונגען, מוז צופירן ווידער און ווידער נייע שטרעמונגען אין זייער אומענדלעכן ים.

עס ווערט דעריבער קלאָר, וואָס פאַר אַ וויכטיקער און שווערער פעלד פאַר דער קונסט דאָס איז, אַרויסצורופן אין אונדז מיט דער הילף פון ווערטער די פאַרשיידענע שטימונגען פון דער נשמה. און ווען מען דער־מאָנט זיך, וואָס פאַר אַן אָרעם געצייג דאָס מענטשלעכע וואָרט איז, ווי ווייט און פרעמד עס איז דעם גאַנצן געפילס־לעבן פון דעם מענטשן, — דעמאָלט ווערט דורך דעם גופא אויך קלאָר די גאַנצע באַדייטונג פון אַ מעטערלינקן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער ליטעראַטור און וואָס פאַר אַ גרויסער שבח דאָס איז, ווען מיר זאָגן, אַז ער איז אפשר דער גרעסטער מייסטער אויף יענעם ניי־אַנטדעקטן פעלד.

מעטערלינקס באַדייטונג וואַקסט אָבער נאָך מער אויס אין אונדזערע אויגן, ווען מיר דערמאָנען זיך נאָך אַן אַ וויכטיקן פונקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער זעלביקער שטימונגס־ליטעראַטור.

עס איז געוויס אַ גרויסע נפקא־מינה, מיט וואָס פאַר אַ פּשט איר לערנט דעם ענין פון שטימונגען.

אויב זיי זיינען ניט מער ווי שאָטנס, אָנגעזאַמלט אין דער נשמה פון דעם גאַנצן לעבן, סך־הכּלס אין געפּיל פון פאַסירונגען, וואָס זיינען שוין פאַרגעקומען אין דער דרויסנדיקער וועלט און אין אייער גוף, קאָנען זיי ניט האָבן קיין ברעקל מיסטישע באַדייטונג פאַר דער קעגנוואַרט און צו־קונפט פון דער וועלט, וואָס ליגן דרויסן פון אייך. איר זיצט אין אַ פריילעכער מסיבה און פּלוצלונג פאַרקלעמט אייך דאָס האַרץ. אַ משונהדיק־שווערע שטימונג הויבט זיך אויף פון דעם גרונד פון אייער נשמה און

וואָלקנט זי איין ווי אין אַ געדיכטן פינצטערן נעפל, אַקוראַט ווי מיט אייך וואָלט אַ גרויס אומגליק פּאַסירט. אויב איר זייט פעסט איינגעגלויבט אין דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, וועט איר אַליין בלייבן גאַנץ רואיק ביי דער שווערער אומרו, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אייער געמיט. איר ווייסט אויף זיכער, אַז די דאָזיקע אומרו איז אפשר אַ פּועל־יוצא פון אַ צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך איצטער אַ טייל פון אייער גוף, — די לעבער, די מילץ, די בלוט־געפעסן. אַז ניט, איז דאָס אַ קנויל פון „שאָטנס״, וואָס האָט זיך ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אָנגעזאַמלט אין אייער נשמה, איז געלעגן דאָרטן מיט עפּעס צוגעדריקט, און האָט זיך פלוצלונג אַרויס־געריסן, אַדאַנק פּסיכאָ־פיזישע, ריין־נאַטירלעכע אורזאַכן, וועלכע איר קאָנט אין דעם מאָמענט ניט קאָנטראָלירן. אַז אייער שווערע שטימונג זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות מיט פאַר אייך וויכטיקע פּאַסירונגען אין דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס שפּילן זיך גראָד איצטער ערגעץ־וואו אָפּ, אָדער האָבן זיך נאָר־וואָס, אָן אייער וויסן, אָפּגעשפּילט, אָדער דאַרפן ערשט פאָרקומען אין דער נאָענטסטער צוקונפט, — דאָס וועט אייער שכל בשום אופן ניט צוגעבן. און אַפילו ווען איר דערוויסט זיך שפּעטער, אַז גראָד אין יענעם מאָמענט האָט באמת געטראָפן מיט אייך אַן אומגליק, — אַ קינד אייערס איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן אין דער פרעמד, — אַפילו דעמאָלט, ווען עפּעס טענהט אין אייך, אַז דאָס האָט אייך „דאָס האַרץ געזאָגט״, בלייבט איר שטייף אין אייער עמפּירישן גלויבן און דערקלערט די גאַנצע מעשה דורך דעם שפּיל פון אַ צופאַל.

גאַנץ אַנדערש וועט איר קוקן אויף די פלוצלונג־אַרויסגעשפּרונגענע שטימונגען, ווען איר זעט אין זיי די אייגנטלעכע סובסטאַנץ, דעם „חומר״ פון דער נשמה, און ווען איר גיט נאָך צו די מעגלעכקייט, אַז די מיליאָנען איינצלנע שטימונגען, וואָס לעבן אין אייער ברוסט, זיינען אפשר — ווער ווייס ? — טיילן פון דער גרויסער גייסטיקער וועלט־סובסטאַנץ, וואָס שטייט מיט זיי אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג. דעמאָלט קאָן מען גאַנץ גוט גלויבן, אַז אייער נשמה און די וועלט־נשמה טראָגן זיך אויף איינע מיט די אַנדערע אויף אַ וואונדערלעכן אופן דורך די ווענטלעך פון אייער גוף. און אויב איר האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר דעם מיסטיציזם, גלויבט איר אפשר, אַז ניט די שטימונגען זיינען איינגעשלאָסן אין אייער ברוסט, נאָר אַז איר און אייער גוף שווימען אַרום אין דעם אַלוועלטלעכן רוחניותדיקן ים. דעמאָלט האָט פאַר אייך אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג דאָס, וואָס „דאָס האַרץ זאָגט אייך״, בעת אייער שכל ווייס ניט, מיט וואָס עס צו באַנעמען. די קלעמעניש, וואָס האָט פלוצלונג באַפאַלן אייער האַרץ, איז פאַר אייך אַן

אמתער סימן, וואָס וועט אייך ניט אָפּנאַרן, אַז ערגעץ־וואו הענגט אַ שטיין איבער אייער קאָפּ און אַז איר דאַרפט זיך היטן פאַר אַ קלאַפּ, וועלכן דאָס לעבן האָט שוין פאַר אייך אָנגעגרייט. און ווען פון דעם גאַנצן פאַרגעפיל אייערן זאָל זיך אויסלאָזן גאָרנישט מיט גאָרנישט, וועט דאָס אַקוראַט אַזוי וויניק צעשטערן אייער מיסטישן גלויבן, ווי דער פאַקט פון צוטרעפן האָט ניט געקאָנט צעשטערן דעם עמפּירישן. איר וועט, טריי צו אייער מיסטיק, זיך זאָגן: דער שטיין איז געהאַנגען איבער מיין קאָפּ, מיין אינעווייניקסט אויג האָט אים קלאָר געזען, אָבער עס איז ניט געווען קיין „מוז“, ער זאָל אַראָפּפאַלן איבער מיין קאָפּ, און מיין מזל האָט זיך איבערגעביטן צום גוטן.

איר זעט — דער מהלך צווישן די צוויי אויסטייטשונגען איז אַזוי גרויס, ווי פון דער עמפּיריש־מאַטעריאַליסטישער ערד ביז צו דעם מיסטיש־אידעאַליסטישן הימל. און פונדעסטוועגן האָט די גרויסע נפקא־מינה נאָר אַ זין, ווען מיר רעדן פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם איינצלנעם מענטשן. קוים שטעלט איר אָוועק די פראַגע וועגן די שטימונגען ניט פון אַן איינצל־מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצן דור, אַזוי פאַרשווינדט לגמרי יענער מעטאַפיזישער אָפּגרונט, וואָס צווישן עמפּירישן מאַטעריאַליזם און מיסטישן אידעאַליזם. די שטימונגען פון אַ גאַנצן דור, זיינען שטימונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין זיי שפּילט זיך אָפּ דער געפילס־סך־הכל, וואָס דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן לאָזט איבער אין די אינטעליגענטע מוחות און הערצער. דאָס וועט אפילו ניט לייקענען דער מיסטישער אידעאַליסט, וואָס גלויבט, אַז דער גאַנצער גאַנג פון דער געזעלשאַפט ווערט, ווי ביי אַ מין זייגער, אָנגעצויגן דורך אַן איבערנאַטירלעכער וואָג און רעגולירט דורך אַן איבערנאַטירלעכן גייסטיקן אומרו. די שטימונגען פון אַ דור און דער איבערבייט אין יענע שטימונגען, מוזן אויך פאַר אים זיין סימנים פון אינעווייניקסטע פראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט גופא.

מעטערלינקס גרויסע באַדייטונג אין דער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זיין האַרץ איז תמיד געווען ווי אַ באַראָמעטער, אויף וועלכן עס האָט געווירקט דער אַלגעמיינער דרוק פון דער פּסיכישער אַטמאָספערע. די שטימונגען פון זיינע ווערק, זיינען געווען די שטימונגען פון זיין דור, — די פייל, וואָס האָט אויפן באַראָמעטער־בלאַט אָנגעצייכנט, וואָס עס טוט זיך אין די העכערע פּסיכישע רעגיאָנען פון דער געבילדעטער, פאָראויס־טרייבנדיקער געזעלשאַפט, פון יענער אינטעליגענטער קראַפט, וואָס איז דער אַוואַנגאַרד פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

די פייל אין מעטערלינקס שאַפן האָט אין אָנהויב זיך תמיד געוויגט

אַרום דעם פּעסימיזם און האָט זיך דערנאָך פאַר׳עקשנט אָוועקגעשטעלט גאָר ביי דעם לעצטן ברעג פון דעם פּעסימיסטישן טייל, אַנטקעגן יענע שטריכעלעך, וואו עס שטייט די אויפשריפט: „חלשות״ און „סם־המות״.

אַז איר לייענט די דראַמעס פון זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד, ווי „די בלינדע״ און „דאָרטן אינעווייניק״, נעמט אייך אַרום אַן אייז־קאַלטע אימה פאַרן לעבן. שוואַכע, איינגעשרומפּענע מענטשעלעך, אַן אַ טראָפּן בלוט אין געזיכט, זיצן, איינגעהויקערטע, צוגעטוליעטע איינע צו די אַנדערע, טאַפּן אין דער פינצטערניש אַרום זיך און עס קלאַפּט זיי אַ צאָן אָן אַ צאָן. זיי אַלע זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ בלייערן־שווערער אַטמאָספערע פון שטילן פּחד. — וואָס ציטערן זיי אַזוי? פון וואַנען נעמט זיך זייער פאַרגליווערטע אימה?

איבער זיי אַלעמען הענגט דער בלינדער „מוז״ פון דעם מענטשלעכן גורל, און זייערע צאַרטע נשמות שפּירן אומבאַוואוסט דאָס ווייען פון זיינע פליגלען. איינגעבויגענע, וואַרטן זיי אומבאַוואוסט אויף אַ וועלכן עס איז דונער פון קלאָרן הימל, וואָס וועט מאַכן אַ תּל פון זייער לעבן אָדער זייער גליק. און ניטאָ קיין מיטלען ווי אָפּצואווענדן דעם טויטלעכן בליץ. ס׳איז דאָך אַלץ פון אייביק אָן באַשערט אַזוי און קיין קראַפט אין דער וועלט קאָן ניט גיין אַנטקעגן דעם פינצטערן באַשערט־זיין.

אָט פאַר וואָס זיי זיינען אַלע אַזוי פּאַסיוו. די קריטיק האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז מעטערלינקס העלדן פון יענער צייט טוען גאָרנישט. מיט זיי קומט נאָר עפּעס פאָר. אָרעמע שעפּעלעך זיינען זיי, איבערגעענטפערט אין די הענט פון אַן אומברחמנותדיקן שוחט. און דאָס זיינען ניט קיין מענטשן פון אַ וועלכער עס איז געשיכטלעכער צייט, פון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן פאָלק, פון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן קלאַס, אָדער עלטער. ווי אינדיווידועל זיי זאָלן ניט זיין, פאַרלירט זיך זייער אינדיווידואַליטעט אין יענעם תּוך זייערן, וואָס טרעט בוילעט אַרויס ביי אַלעמען. זיי זיינען אַלע נאָר עקזעמפּלאַרן פון דעם מענטשלעכן מין, פון דעם מענטש בכלל. זיי אַלע, די אַלטע און די יונגע, און די קינדער, די מאַנען און די פרויען, — זיי אַלע זיינען ניט מער, ווי אָרעמע, פאַריתומטע, פאַרוואָגלטע שעפּעלעך, שוין פון אָנהויב פאַרמשפּט, אַן אַ ברעקל זינד פון זייער זייט, צו מאַטערניש און טויט.

דאָס איז געווען דער געפילס־סך־הכל פונעם לעבן, וועלכן מעטערלינק האָט אונדז אויסגעמאָלט אין די דראַמעס פון די אַכציקער און דעם אָנהויב נײַנציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט.

און ניט נאָר ביי מעטערלינקן אַליין האָט געהערשט דער פאַטאַליזם

און די פעסימיסטישע שטימונג. אויך אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון זיין דור, — ביי אַנדרעיעוו און סאָלאָגובן, אַזוי גוט ווי ביי האַמסונען און פשיבישעווסקין, האָבן זיך אין די שריפטן אַרומגעטראָגן די וואָלקנס פון פעסימיזם אין פאַרשיידענע גראַדן פון „חלשות“ און „סם־המות“. און אומעטום איז ביי זיי דער מענטש געווען דאָס אָרעם שעפעלע, וואָס צאַפּלט זיך אין די נעגל פון דעם בלינדן שיקזאַל, — אַלץ איינס, צי דער שיקזאַל האָט געשטאַמט פון דרויסן אָדער פון די פינצטערע טיפן אין דער אייגענער נשמה; אַלץ איינס, צי דאָס שעפעלע איז געווען ריין און ווייס, ווי דער נאַר־וואָס אַרויסגעפּאַלענער שניי, אָדער זיין לייב איז געווען באַדעקט מיטביילן און קרעץ פון קאָפּ ביז די פיס.

און אָט מיט דער „חלשות“, מיט דעם „סם־המות“ האָט זיך געקוויקט דער גאַנצער דור פון דעם גוססן יאָרהונדערט, כמעט די גאַנצע פּראָגרעסיווע יוגנט, ווייל אין די ווערק האָט זי געזען אַ שפּיגל פון איר אייגענער נשמה, ווייל אין זייער „סם־המות“ האָט זי געפילט דעם זעלביקן טעם פון לעבן, וואָס איז געלעגן אויך ביי איר אויפן צונג.

איינער אַ מאַרקסיסטישער קריטיקער פון יענער צייט, הענריעטע פאַן ראָלאַנד־האָלסט, — אגב, זייער אַ קלוגע און טיפע פרוי, — האָט געפונען אַ מאַרקסיסטישע דערקלערונג צו מעטערלינקס בלינדן טויט־שרעק, וואָס האָט געהערשט אין זיינע דעמאָלטיקע ווערק. דאָס איז, זאָגט זי, דער טויט־שרעק פון דער בורזשואַזיע, אויף וועמען די קומענדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע וואַרפט אָן אַן אימה. די בורזשואַזע נשמה דרייט זיך ווי אַ וואָרעם אין די שאָטנס פון יענעם אומברחמנותדיקן שיקזאַל, וואָס רוקט זיך אומפאַרמיידלעך אויף איר אָן. דערפון שטאַמט איר פעסימיזם און איר פאַטאַליזם.

אָבער גראָד אין דעם פונקט האָט די אויסגעצייכנטע פרוי ניט אין גאַנצן געטראָפן דעם אמת. מעטערלינק איז דווקא אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט, אויב ניט קיין אַנאַרכיסט. און אויך די איבעריקע „יונגע“ פון זיין ליטעראַרישן דור זיינען אין לעבן געשטאַנען גאַנץ ווייט פון דער בורזשואַזיע און די בורזשואַזע לעבנס־אידעאַלן. אגב, וואָלט שווער געווען אויפצואווייזן אין דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון יענער צייט אויף קלאָר־אויסגעשפּראָכענע סימנים פון דער טויט־אַנגסט, וואָס האָט געזאָלט הערשן ביי דער בורזשואַזיע. זי האָט זיך דווקא געפילט אויף דעם שפּיץ פון איר מאַכט. שטאָלץ און פעסט האָט זי געהאַלטן איר שווערן פוס אויף דעם רוקן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווען אַפילו זי האָט שוין געשפּירט, אַז דאָרטן איז שוין לאַנג איבערגעבראָכן געוואָרן דער חוט־השדרה פון

דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט: ביסמאַרק מיט זיין אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ איז געפאַלן, און אין דער פּראָלעטאַרישער לופט האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן שטימונגען, וועלכע דער אַלטער ענגעלס האָט באַלד פאָרמולירט אין זיין טעאָריע פון אַ רעוואָלוציע אין גוטער טרייקייט צום געזעץ. בערנשטיינס אָפּאָרטוניסטישער סקעפּטיציזם איז שוין דעמאָלט געלעגן אין די ווינדעלעך.

געוויס קאָן מען ניט לייקענען, אַז די אַלגעמיינע נידערגעשלאָגנקייט, וואָס האָט געהערשט אין די אַכציקער יאָרן, האָט אויך גערעדט צום האַרצן פון יענע ווייניקע ערלעכע אידעאַלאָגן, וואָס האָבן בתמימות געגלויבט אין די יסודות פון דעם איצטיקן לעבן — דער עיקר — די רעליגיעזע, און האָבן גאַנץ ערנסט געטרויערט אויף דעם חורבן פון יענע יסודות. אָבער ניט זיי האָבן געגעבן דעם גרונד־טאָן צו דעם הערשנדיקן פּעסימיזם.

וויל מען אויף זיכער אויסגעפינען, פון וואַנען עס האָט געשלאָגן יענער פּאַרסמטער קוואַל אין דער יונגער ליטעראַטור, מוז מען זיך אַריבערטראָגן אין דער גייסטיקער אַטמאָספּערע, אין וועלכער די יוגנט האָט געלעבט, יענע יוגנט, וואָס האָט געשאַפן אירע ווערק להיפך צו דעם הערשנדיקן שאַבלאָן, וואָס איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער הערשנדיקער בורזשואַזער קריטיק, דווקא ווייל זי איז געווען פיינטלעך צו דער בורזשואַזער יום־טובדיקער שטימונג פון לעבן. און טראָגט מען זיך אַריבער אין יענער גייסטיקער אַטמאָספּערע, באַמערקט מען אָן מי, אַז די שווערע לאַסט האָט גענומען דריקן אויף איר פון דעם מאָמענט אָן, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאָליטישע רעאַקציע פון די אַכציקער יאָרן, מיט רוסלאַנד בראש...

עס איז ניט היינט אונדזער עסק אָפּצושטעלן זיך אויף יענעם טרויעריקן קאַפּיטל פון דער גייסטער געשיכטע און שילדערן די ווירקונג פון דער פּאָליטישער רעאַקציע אויף דער יונגער שיינער ליטעראַטור פון מעטערלינקס דור. אָבער אויב איר ווילט איינגאַנצן פאַרשטיין יענעם גרויסן איבערקער אין דער שטימונג פון דער פּראָגרעסיווער וועלט, וועגן וועלכן עס זינגט אונדז דער „בלויער פויגל“, מוזט איר האָבן אין זינען יענע טונקעלע פּאָליטישע נאַכט, אַ נאַכט אָן שטערן־ און לבנה־שיין, אַ נאַכט פון שווערער שטילקייט, אין וועלכער מעטערלינק איז אַרויסגעטראָטן אויף זיין ליטעראַרישן וועג.

פאַרגלייכט איר יענע צייט מיט דער שטימונג, וואָס הערשט אין דעם „בלויען פויגל“, איז אַקוראַט ווי איר וואָלט צוגעבראַכט אַ נאַכט אין די נעצן פון אַ דריקנדיקן קאָשמאַר, וואָס האָט אייך געהאַלטן די גאַנצע צייט

אין אַנגסט און מורא, און — פּלוצלונג כאַפּט איר זיך אויף, לויפט צו צום פענצטער, רייסט אויף די לאָדן — און אין חדר רייסן זיך אַריין גאַרבן פון דעם ליכטיקן זונען־שיין און קלאַנגען פון דעם פריילעך־פּלאַטערנדיקן לעבן — און עס פאַרפליען די שאָטנס און די אַנגסטן פון דער נאַכט.

אָדער — נאָך אַן אַנדער פאַרגלייך; אַ פאַסנדערער.

שטעלט אייך פאָר אַ יונגן קליינעם פויגל אין דאָרף, וואָס לעבט איבער צום ערשטן מאָל אין לעבן אַ זונען־פינצטערניש. דאָס גאַנצע אומוויסנדיקע דאָרף איז אויפגערעגט: מען וואַרט באַשטימט אויף דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט. און אָט קומט זי — די קיילעכדיקע פינצטערע מאַכט, אָט האָט זי שוין איינגעשלונגען אַ האַלבע זון, אָט ווערט די זון באַלד באַדעקט אינגאַנצן; אַן אומרו לויפט דורך צווישן די חיות און עופות, אפילו די הינער ווייסן ניט וואו זיך אַהינצוטאָן — און אָט איז זי, די זון, שוין אין גאַנצן פאַרפינצטערט. אַ פּאָר סעקונדעס דוכט אויס, אַז ביי דער וועלט האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, און דאָס קליינע פויערן־קינד שטייט, אויך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי אַ באַנומענער און וואַרט אין אַנגסט אויף דעם סוף פון דער וועלט. און פּלוצלונג — שניידט דורך איין־איינציקער זון־שטראַל די פאַרכישופטע פינצטערניש. אינאיינעם מיט דעם ערשטן שטראַל קלינגט אַרויס אַ פריילעכער צוויטשער פון אַ פויגל־האַלדז — און דער גאַנצער אַנגסטלעכער כישוף פאַרפליט. די זון איז דאָ! די זון איז דאָ! די וועלט בלייבט גאַנץ!

בנוגע צו גייסטיקע זון־פינצטערנישן, צו די שווערע רעאַקציאָנערע צייטן, וועלכע מען מוז דורכלעבן, זיינען מיר אַלע, ווי יענער קליינער פויערל אין דאָרף. אונדז דוכט זיך — די וועלט גייט אונטער און שוין קיינמאָל וועלן מיר ניט זען קיין ליכטיקן שטראַל; אָבער — אָט קומט ער, דער ערשטער שטראַל, און ווי דאַנקבאַר זיינען מיר פאַר דעם ערשטן פריילעכן צוויטשער פון אַ פויגל־האַלדז, וואָס דריקט אויס אונדזער דער־וואַכטן געפיל פון פרייד און פון האָפענונג.

אַזאַ פריילעכער צוויטשער איז מעטערלינקס „בלויער פויגל״. דאָס איז אַן אָפּטימיסטישער שיר־השירים פון זעלטענער קראַפט און שיינקייט, אַ געזאַנג פון גלויבן אין דעם מענטשן און אין דעם מענטשלעכן לעבן, אַ געזאַנג פון האָפענונג אויף אַ ליכטיקער צוקונפט, — אַ תמימותדיקע, בלוי־אויגיקע קינדער־פרייד פון דער וועלט און פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. און נאָך מער חן געווינט די בלוי־אויגיקע פרייד דערפון, וואָס, ניט קוקנדיק אויף איר קינדיש־נאַאיווער אויסדרוקס־פאָרם, שפּירט איר, אַז הינטער איר ליגט אַ פעריאָד פון שווערן צווייפל און האַרץ־

קלעמעניש, אַז דאָס איז באמת אַ זון־שטראַל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון געדיכטע שאָטנס. און אויב אונדזער בילד פאַסט ניט אין גאַנצן פאַר מעטערלינקס אָפּטימיזם, איז דאָס דערפאַר, וואָס מעטערלינק איז ניט פּשוט אַריבערגעשפּרונגען פון טויט־ציטערניש צו לעבנס־פרייד אָן אַ „פאַרוואָס“ און אַ „פאַרוועןְ“. איר פילט, אַז די לעבנס־פרייד איז אַרויסגעוואַקסן פון דער טויט־ציטערניש נאָך אַ שווערן קאַמף און אַז אייניקע לייכטע שאָטנס פון דעם פּעסימיסטישן עבר זיינען געבליבן אויף אייביק אַריינגעוועבט אין דעם ליכטיקן אָפּטימיסטישן שטראַל.

אָבער — עס איז בעסער אָפּריער צו דערמאָנען אייך אין קורצע שטריכן דעם הויפּט־אינהאַלט פון דעם „בלויען פויגל“, איידער מיר גייען ווייטער רעדן וועגן אים.

צוויי קינדער, — טילטיל און מיטיל, אַ ברודער און אַ שוועסטער, — חלומען אין דעם ווייַנאַכט־אָוונט ביידע איין און דעם זעלביקן חלום, אַז זיי ווערן אויסגעריכט פון דער פייע בעריליונאַ צו זוכן דעם בלויען פויגל. דעם בלויען פויגל דאַרף זי פאַר איר אייניקל, אַ קראַנק מיידעלע, וואָס ליידט פון אַ משונהדיקער קרענק: „איר ווילט זיך זיין גליקלעך.“ די פייע גיט די קינדער אויפן וועג אַ גרין מיצל, מיט אַ צויבער־דימענט אין אים, וואָס ווי נאָר מען גיט אים אַ דריי, אַזוי גייען אַרויס אין דרויסן די נשמות פון אַלע זאַכן, וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט: די נשמה פון ליכטיקייט און פון וואַסער, און פון ברויט און פון צוקער און פון אַלע ביימער און חיות. דאָס איז נויטווענדיק, כדי צו קאָנען געפינען דעם בלויען פויגל. די קינדער לאָזן זיך אַוועק אין זייער נסיעה ניט אַליין, מיט זיי גייען מיט אַ סך נשמות פון יענע זאַכן, וועלכע דער וואונדער־דימענט האָט באַפרייט פון זייער מאַטעריעלער תפיסה. די נשמה פון דעם הונט און פון דער קאַץ און פונעם ברויט און פונעם צוקער און פונעם פייער און פונעם וואַסער אַן פון דער ליכטיקייט. די הויפּט־ראָלע שפּילט די נשמה פונעם ליכט, וואָס פירט אָן די גאַנצע עקספּעדיציע, לויט די פּלענער פון דער פייע. זיי זוכן דעם פויגל אין דעם לאַנד פון דער דערינערונג, דערנאָך אין דער ממשלה פון דער נאַכט, דערנאָך אינעם וואַלד, דערנאָך אויפן בית־עולם, דערנאָך אין דער ממשלה פון דער צוקונפט. אומעטום, — אַחוץ אויפן בית־עולם, — געפינען זיי דעם „בלויען פויגל“, און ווען זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבן אים שוין געכאַפּט, שטעלט זיך באַלד אַרויס, אַז דאָס איז געווען אַ טעות. צום סוף, ווען זיי שטייען־אויף אויף מאָרגן פרי פון שלאָף, באַמערקט טילטיל דאָס בלוילעכע טייבעלע, וואָס הענגט ביי אים אין שטייגל. אמת, ער איז ניט אַזוי בלוי, ווי דער פויגל, וועלכן מען האָט

געזוכט אין חלום, אָבער פאַרט אַ בלויער פויגל. און בעת עס קומט די שכנטע בערלענגאַ, וואָס איז ענלעך צו דער פייע בעריליונאַ פון חלום, — די קינדער, אגב, ווייסן ניט אַז דאָס איז געווען אַ חלום, זיי זיינען זיכער, אַז זיי זיינען אַ גאַנץ יאָר ניט געווען אין דער היים, — און בעט דאָס בלוילעכע טייבעלע פאַר איר קראַנקן אייניקל, איז טילטיל זיכער, אַז ער האָט סוף־כל־סוף אויסגעפירט די שליחות, אין וועלכער די פייע בערלענגאַ־בעריליונאַ האָט אים געשיקט. „נעמט, שכנטע בערלענגאַ", זאָגט ער, אַוועקגעבנדיק איר זיין טייבעלע מיטן שטייגל. „זי איז נאָך ניט אין גאַנצן בלוי, אָבער איר וועט שוין זען, זי וועט ווערן אַקוראַט אַזאַ, ווי מען דאַרף. טראָגט עס נאָר גיכער אַוועק צו אייער אייניקל." דאָס קראַנקע אייניקל ווערט געזונט פון דעם „בלויען פויגל", וואָס איז תמיד געהאַנגען ביי טילטילן אין שטייגל, און קומט דאַנקען טילטילן. אָבער בעת טילטיל וויל נעמען ביים מיידעלע דאָס טייבעלע, צו פיטערן עס, רייסט זיך עס אַרויס פון זיינע הענט און פליט אַוועק. דאָס מיידעלע שרייט אין פאַר־צווייפלונג: „באָבעניו! — אַוועקגעפלויגן!" און וויינט זיך הויך פאַנאַנדער. אָבער טילטיל טרייסט זי: „נישקשה, וויין ניט, איך וועל דאָס כאַפּן", און ווענדט זיך צום סוף פון דער שטיק צו דעם עולם אין טעאַטער און בעט אים: „אויב ווער פון אייך וועט עס געפינען, זייט אַזוי גוט און ברענגט עס אונדז צוריק. מיר דאַרפן דאָס זייער נויטיק האָבן, כדי צו זיין גליקלעך דערנאָך."

דאָס איז די גאַנצע מעשה. דאַכט זיך, ניט גאָר קיין פריילעכע. אדרבא, אַ מעשה ניט פון נצחונות, נאָר פון שטענדיקן פאַרלירן — און פונדעסטוועגן שלאָגט פון יעדער סצענע אירער אַזוי פיל פרייד, אַז איר נעמט אָן אַלע פאַרלוסטן, ווי אַ נויטווענדיקע אומפאַרמיידלעכע זאַך, פון וועלכער מען טאָר בשום אופן ניט אַריינפאַלן אין יאוש.

דערהויפּט איז פול מיט אָפּטימיזם די הויפּט־פיגור פון דער שטיק, טילטיל, — אויב דאָ קאָן מען בכלל רעדן פון אַ וועלכער עס איז הויפּט־פיגור.

שוין גאָר אין אָנהויב פון דעם שטיק, איידער די קינדער גייען שלאָפן, קוקן זיי, הונגעריקע און אָרעמע, דורך אַ שפּאַלט אין לאָדן, ווי די רייכע קינדער פון אַנטקעגן זיינען זיך משמח מיט די געשאַנקען און די אַלע מיני גוטע זאַכן, וואָס מען האָט זיי געגעבן צו קריסטוסעס געבורטס־נאַכט. דאַכט זיך, דאָס קאָן אַרויסרופן געגנוג שנאה און קומער אין קינדערשע הערצעלעך. אָבער ניט ביי טילטילן, ער לעבט מיט די פריידן פון די אַנדערע; און ווען זיי טאַנצן, פאַרווילט זיך אויך אים כאַפּן אַ טענצל, און

בעת זיי קוויקן זיך מיט די געשמאַקסטע פּלעדלעך, קוועלט ער אָן פון שמחה, און שטעקט אָן מיט זיין אָפּטימיסטישער שטימונג אויך זיין שוועסטערל. שפּעטער, ווען ער קומט (אין חלום שוין) אין דאָס לאַנד פון דער דערינערונג, צו דעם געשטאָרבענעם זיידן צוגאַסט, און שטיפט זיך פאַנאַנדער ביים טיש און קריגט אַ רעכטן פלאַם אין באַק אַריין פון דעם זיידן, ווערט ער, אמת, אויף אַ רגע מטושטש, דערנאָך ליגט ער צו די האַנט צו דער באַק און רעדט אַרויס מיט שמחה: „יאָ, פּונקט אַזוי פלעג איך קריגן פון דיר, ווען דו האָסט נאָך געלעבט. זיידעניו, ליבינקער, ס׳איז אַזאַ מחיה, ווען דו פּאַטשסט! ווייז, איך וועל דיך דערפאַר אַ קוש טאָן!״

ס׳איז הפנים, ניטאָ קיין צרות און קיין גליקן דרויסן פון אונדז. דאָס הענגט אַלץ אָפּ פון אונדז, ווי מיר נעמען דאָס אויף; פון דער גרונד־שטימונג, אין וועלכער מיר געפינען זיך. איז דאָס האַרץ פול מיט פרייד און לעבנס־לוסט, קאָן דער גרעסטער ווייטיק ניט אַריינוואַרפן אונדז אין טרויער, און מיר וועלן שטענדיק געפינען אַ טעם, פאַר וואָס מען דאַרף זיך פרייען.

אויב די גאַנצע באַדייטונג פון דעם „בלויען פויגל״ וואָלט באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס ער שטאַרקט אין אונדז, דורך אינטערעסאַנטע סצענעס, די פריידיקע שטימונג און די לוסט צום לעבן, וואָלט דאָס אַליין שוין אויך געווען אַ גרויסער פאַרדינסט. אָבער דאָס ווערק איז אַחוץ דעם אַ סימבאָליש ווערק, וואָס רעדט ניט נאָר צו אונדזער געפיל און צו דעם עסטעטישן געמיט, נאָר אויך צו אונדזער געדאַנק, — וועלכן געדאַנק וויל מעטערלינק אַרויסברענגען? ווער אָדער וואָס איז דער בלויער פויגל, וועלכן מיר זוכן אומעטום, וועלכן מיר קאָנען ניט געפינען, וואָס איז אונדז אַזוי נויטיק און וואָס פונדעסטוועגן זאָלן מיר זיך ניט שטאַרק נעמען צום האַרצן, ווען מיר האָבן עס ניט, אָדער ווען מיר קאָנען עס ניט האָבן אין גאַנצן „בלוי״?

מען דערציילט, אַז ווען מען האָט מעטערלינקן אַליין געפרעגט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן מיט זיין ווערק, האָט ער געענטפערט: „גאָרנישט! ס׳איז אַ שיינע קינדערשע מעשהלע.״

אַז דאָס איז אַ שיינע קינדער־מעשהלע, אַ בלומען־גאָרטן פון ריינער פּאָעזיע, וואָס פאַרכישופט דאָס אויג, אין דעם איז גאָר קיין ספק ניטאָ. אָבער אַז ער האָט גאָר נישט געוואָלט זאָגן דערמיט, זיינען מיר ניט מחויב צו גלויבן. אָדער האָט אפשר מעטערלינק אַליין ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס עס האָט זיך ביי אים געזאָגט? אַזאַ מעשה טרעפט אָפטמאָל מיט אַ קינסט־לער, וואָס איז נאָר אַ קינסטלער און ביי וועמען „דער גאַנצער שכל איז אַריין אין טאַלאַנט״, ווי ביעלינסקי האָט זיך אויסגעדריקט. איך געדענק

שוין ניט אויף וועמען. מעטערלינק אָבער איז ניט נאָר אַ דיכטער, נאָר אויך אַ דענקער. ביי אים לעבט דער שכל אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן נאָך דרויסן פון דעם טאַלאַנט אויך. אין אַזאַ פאַל איז שווער אָנצונעמען, אַז ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען דעם שכלדיקן געדאַנק, וועלכן ער האָט אַרויסגעבעראַכט.

אויב די דערציילונג וועגן מעטערלינקס ענטפער איז אמת, — פאַרגעסט ניט, איך האָב עס פון אַ נאָטיץ אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, הייסט עס, אַז מען קאָן גוטע ניין-און-ניינציק פראָצענט זיין אין ספק וועגן איר ריכטיקייט, — האָט מסתמא זיך מעטערלינק געשעמט אויסצוזאָגן דעם אינעווייניקסטן מיין פון זיין ווערק, — געשעמט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געפרעגט, — ווייל דער געדאַנק איז גאָר ניט אַזוי טיף פאַרבאָרגן, מען זאָל דאַרפן שטאַרק ברעכן דעם קאָפּ און — לאָמיר שוין דאָס איצטער אַרויסזאָגן אין גאַנצן: ער איז גאָר ניט אַזוי טיף פאַר זיך, — איך מיין, ניט אַזוי אָריגינעל און ניי, עס זאָל שווער זיין אים צו באַנעמען.

איינע פון די אורזאַכן, פאַר וואָס מען האָט דעם „בלויען פויגל" ניט פאַרשטאַנען אויפן שטעל, באַשטייט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין דעם, וואָס דאָס רוב עולם האָט געזען אין אים ניט נאָר אַ סימבאָליש ווערק, נאָר אויך אַ טיפּע אַלעגאָריע. דער „בלויער פויגל" איז אָבער ניט קיין אַלעגאָריע, נאָר אַ סימבאָל.

אַן אַלעגאָריע איז אַ גאַנצע, פולע איבערזעצונג פון אַ וועלכן עס איז געדאַנק אין דער שפּראַך פון בילדער, אַזוי, אַז יעדעס בילד אָדער עלעמענט פון דער איבערזעצונג האָט זיין טייטש און פאַרבאָרגענעם מיין אין דעם גאַנצן סיסטעם פון דעם געדאַנק. אַזאַ אַלעגאָריע איז ווי אַ גאַנצער בוים, וואָס נעמט אַריין דעם געדאַנק אין אַלע זיינע איינצלהייטן: זיינע וואָרצלען, דעם שטאַם, די צווייגן, ריטלעך, בלעטער, בלומען און פירות. קיין בילד, קיין וואָרט, טאָר דאָרטן ניט זיין „סתם אַזוי"; יעדערער דאַרף זיין אַ רמז אויף אַ וועלכן עס איז טייל פון דעם בוים, אַן אָנצוהערעניש אויף אַ פאַרג'אָרגענעם געדאַנק. אַ סימבאָליש ווערק איז אין דעם פּונקט אַ סך פרייער. דער סימבאָל איז ניט מער ווי אַ רמז אויפן געדאַנק, וואָס ווערט אָנגעטייט מיט אַ פּאָר וויכטיקע שטריכן — ער איז דער אינעווייניקסטער פאָדעם פון דער פּערל-שנור. די איינצלנע פּערל ווערן אָבער אָנגעטאָן אויף אים לויט אַ גאַנץ אַנדער לאָגיק, איידער די לאָגיק פון דעם גרונד-געדאַנק.

אַז דער „בלויער פויגל" איז ניט קיין אַלעגאָריש ווערק, נאָר אַ סימבאָליש און אַז מיר דאַרפן דעריבער ניט זוכן קיין פאַרבאָרגענע געדאַנקען

אין יעדן שטריך פון זיינע בילדער, קאָן מען באַווייזן אַזוי קלאָר ווי דער טאָג.

פאַראַן אין דעם ווערק אַ גאַנצער אַקט, וואו די קינדער קומען ביינאַכט אויף דעם בית־עולם צו זען, אפשר האָט איינער פון די מתים צוגענומען דעם „בלויען פויגל" מיט זיך אין קבר.

עס איז אַ לבנה־נאַכט. טילטיל און מיטיל שטייען אויפן בית־עולם, וואַרטן ביז עס וועט שלאָגן צוועלף, ווען עס וועלן זיך עפענען די קברים, און פירן דערווײַלע אַ געשפּרעך וועגן די מתים. לאָמיר זיך גוט אַריינהערן אין אַ טייל פון זייער שמועס.

„מיטיל: גייען זיי אַרויס, ווען עס איז שיין אין דרויסן?

„טילטיל: זיי קאָנען אַרויסגיין נאָר ביינאַכט.

„מיטיל: פאַרוואָס?

„טילטיל: ווייל זיי זיינען דאָך נאָר אין איינע העמדער."

די מתים, הייסט עס, גייען אַרויס נאָר ביינאַכט, ווייל זיי האָבן ניט קיין קליידער... הם! דאָ מוז אַוודאי עפּעס שטעקן! אָבער וואָס? אפשר, אַז פאַר די מתים, וואָס זיינען אין דעם עלמא דקשוט, איז דער אמת ניט אַזוי פאַרדעקט מיט מלבושים ווי פאַר אונדז? — אָבער לאָמיר הערן ווייטער: טאָמער וועט דאָס ווערן קלאָרער.

„מיטיל: גייען זיי אַרויס אויך אין רעגן?

„טילטיל: ניין, ווען עס רעגנט, זיצן זיי אין דער היים."

שוין אַביסל צו טיף...

„מיטיל: איז ביי זיי שיין דאָרטן, זאָג?

„טילטיל: מען זאָגט, אַז דאָרטן איז זייער ענג."

„ענג"? הם!

„מיטיל: און קינדערלעך האָבן זיי?

„טילטיל: ווי דען־זשע? אַלע, וואָס שטאַרבן, קומען צו זיי..."

הם!

„מיטיל: און פון וואָס לעבן זיי?

„טילטיל: זיי עסן וואָרצלען..."

אַהאַ! דאָ האָבן מיר, ענדלעך, עפּעס קלאָרעס, אַ שטיקל פאָדעם פון אַ געדאַנק. די מתים, וואָס לעבן אין דעם עולם־האמת, שפּייזן זיך מיט די טיפסטע פאַרבאָרגנסטע אמתן, מיט די וואָרצלען פון די זאַכן, און ניט מיט די אויבערפלעכלעכע פּירות, וואָס יעדעס מענטשלעכע אויג קאָן עס זען און יעדע מענטשלעכע האַנט אָראָפּרייסן... טיף, זייער טיף... אָבער

וואָס איז פאַרט מיט די העמדלעך זייערע און מיט דעם רעגן, וואָס לאָזט זיי ניט אַרויסגיין, און מיט דער ענגקייט, און מיט די קינדערלעך?

אָבער — אַביסל ווייטער! מיטיל נעמט זיך אַלץ ניט איין, זי וויל דערגרונטעווען די סודות פון די טויטע ביזן סוף.

„מיטיל: וואָס וועלן זיי זאָגן?

„טילטיל: זיי וועלן גאָרנישט ניט זאָגן; זיי רעדן דאָך ניט.

„מיטיל: פאַר וואָס רעדן זיי ניט?

„טילטיל: ווייל זיי האָבן ניט וואָס צו זאָגן.

„מיטיל: און פאַר וואָס האָבן זיי ניט וואָס צו זאָגן?

„מילטיל: הער אויף, דו האָסט מיר דערעסן."

ווי קומט דאָס? וואָס הייסט, די מתים, וואָס איינער פון זיי האָט אפשר באַהאַלטן דעם „בלויען פויגל" ביי זיך, וואָס אַלע פון זיי שפייזן זיך מיט די פאַרבאָרגנסטע וואָרצלען פון אַלע אמתן, — וואָס הייסט, זיי זאָלן ניט האָבן וואָס צו זאָגן?

אָבער אָט — קומט אָן די שרעקלעכע מינוט, ווען די קברים עפענען זיך. מיטיל איז אין איינע ציטערניש: „טילטיל! איך קאָן ניט!... איך האָב מורא! זיי וועלן אַרויס פון דער ערד!" — „ציטער ניט אַזוי", טרייסט זי טילטיל, „זיי וועלן אַרויסגיין נאָר אויף איין מינוט!" אָבער אַליין, הפנים, האָט ער, דער גאָר ניט שרעקנדיקער יינגל, אויך אַביסל פחד.

„טילטיל טוט אַ דריי דעם דימענט. אַ שוידערלעכע מינוט פון שטיל־שווייגן און אומבאַוועגלעכקייט. דערנאָך הויבן אָן די צלמים זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערשאָקלען, די בערגלעך עפענען זיך און די מצבות הויבן זיך אויף.

„מיטיל (דריקט זיך צו פעסט צו טילטילן): זיי גייען אַרויס! אָט זיינען זיי!

„פון אַלע אָפענע קברים הויבט זיך ביסלעכווייז אויף אַ מאַסע בלומען, צוערשט אַ לייכטע און בלייכע, ווי אַ דאַמף, דערנאָך אַ ווייסע, יונגפרוילעכע, וואָס ווערט אַלץ מער און מער געדיכטער, מער און מער העכער, פּרעכ־טיקער. מעשה האַר, פילט זי אויס אַלץ אַרום און פאַרוואַנדלט דעם בית־עולם אין אַ צויבער־גאָרטן, און אויפן שטעל הויבט אָן איבער אים טאָגן די מאָרגן־רויט. דער טוי גלאַנצט, די בלומען עפענען זיך, דער ווינט וויספערט צווישן די בלעטער, די בינען זשומען, די פייגל דערוואַכן און טרינקען אָן די לופט מיט די ערשטע צאַרטע קלאַנגען פון זייער שירה צו דער זון און צו דעם לעבן. פאַרחידושטע, געבלענדטע, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, מאַכן טילטיל און מיטיל עטלעכע שריט צווישן די בלומען, זוכנדיק די שפורן פון די קברים.

„מיטיל (זוכט אין גראָז) : איז, וואו זיינען די מתים?
„טילטיל (זוכט אויך) : ניטאָ קיין מתים!״ *)

און דערמיט ענדיקט זיך דער אַקט אויפן בית־עולם — אָבער: אויב עס זיינען ניטאָ קיין מתים — און דאָס וויל מעטערלינק אַרויסברענגען מיטן גאַנצן סימבאָל פון דעם אַקט — הייסט וואָס איז שייך צו רעדן וועגן זייערע העמדלעך און וועגן זייער וואָרצלהאַפטער שפּייז?

איז דער תירוץ: דער גאַנצער שמועס פון די קינדער אויפן בית־עולם האָט קיין ברעקל אַלעגאָרישע באַדייטונג ניט, און עס האָט קיין סימן שייכות ניט צו דעם סימבאָל. נאָר — קינדער שטייען אַליין בײַנאַכט אויפן בית־עולם, פאַרגלוסט זיך דעם דיכטער אַריינצוקריכן אין זייער קינדערש מוחל און זען, ווי דאַרטן מאָלט זיך אויס זייער פאָרשטעלונג וועגן דער מתים־וועלט. און איז דען זייער קינדערשע פּסיכאָלאָגיע אַזוי ווייט פון אונדזערער? גלויבן דען מיר ניט ערגעץ־וואו אין דער טיף, אַז די מתים וואוינען אין די קברים, אַפילו דעמאָלט, ווען זייער שטאָף איז שוין לאַנג אַריבער אין די בלומען און אין די גראָז? קומען מיר ניט צו גאַסט צו אונדזערע טייערע, אייביק־אומפאַרגעסלעכע מיט פרישע קרענץ און מיט אַ האַרץ, פול טרויער און בענקשאַפט? — מעטערלינק איז אין דער סצענע געווען ניט אַזוי דער סימבאָליקער, ווי דער רעאַליסטישער פּסיכאָלאָג, וואָס לאָזט זיך פירן ניט דורך דעם הויפּט־געדאַנק פון זיין ווערק און אויך ניט פון זייטיקע סימבאָלישע נויטן, נאָר מער פאַר אַלץ, דורך דער פּסיכאָלאָגישער לאַגע, וואָס ווערט באַשאַפן אין דעם גאַנג פון דעם סימבאָל, דורך די רעאַלע באַציאונגען, וואָס הערשן צווישן זיינע אויסגעטראַכטע פיגורן.

אמת, אַפילו אויך דאָ, וואו ער האָט ניט קיין באַשטימטע פּניה אין זין, וואו זיין האַנט ווערט געפירט פון דער פּסיכאָלאָגישער לאַגע און דעם רעאַלן כאַראַקטער פון זיינע פיגורן, שפּרינגען אַרויס אָפט אומדערוואַרטעטע סימבאָלן, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינע לעבנס־באַדייטונג. זיי נעמען אַרום אַ סך ענלעכע פאַלן פון לעבן און האָבן ניט אין זינען קיין איין־איינציקן באַשטימטן פון זיי. עס איז ווי אַ טרויעריקער מאָטיוו אין דער מוזיק, וואָס איינעמס האַרץ גיסט אין אים אויס זיין צער, ווייל זיין אידעאַל האָלט ביים שטאַרבן, און דעם אַנדערנס האַרץ צעגייט אין דעם זעלביקן טרויער, ווייל זיין ליב מיידל איז פון אים אַוועק.

---

*) פאַר מיינע ציטאַטן פון דעם „בלויען פויגל״ האָב איך דאָ, ווי אויך אומעטום, באַנוצט די רוסישע איבערזעצונג פון בינשטאָק און ווענגראָוואַ (אויס דער רוסישער אוניווערסאַל־ביבליאָטעק), ווי אויך די יידישע איבערזעצונג פון מ. מייער (לאָנדאָן).

איך קאָן מיך קיינמאָל ניט דערמאָנען אָן אַ טרויעריקן שמייכל יענע קאָמישע סצענע אין דעם ערשטן אַקט, ווען די נשמות פון די באַלעבאַטישע חפצים זיינען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, אַדאַנק דעם דריי פון דעם צויבער־דימענט. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און טילטיל האָט צו־שנעל אַ דריי געטאָן דעם דימענט צוריק, אַזוי אַז די נשמות האָבן ניט געקאָנט ווידער אַריינקריכן אין זייערע גופים. וואָס פאַר אַ פּאַנישע שרעק האָט אַרומגענומען די דאָזיקע באַלעבאַטישע חברה! איבערהויפּט דער בכבודיקער לאַבן ברויט, וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צוריק אַריינ־צוקריכן אין דייזשע! וואָס פאַר אַ קלאָגן און פאַרצווייפלטע געשרייען! הערט זיך צו צו אַ שטיקל פון דער סצענע!

„די פייע: וואָס איז אַזוינס געשען?

„דאָס ברויט (באַגריסט זיך מיט טרערן): אין דייזשע איז שוין ניטאָ קיין אָרט פאַר מיר.

„די פייע (בויגט זיך איין איבער דער דייזשע): ס'ט'זיך געפינען. (שטופּט פאַנאַנדער די איבעריקע ברויטלעך, וואָס האָבן שוין פאַרנומען זייערע ערטער). נו־נו, מאַכט אַ פּלאַץ. (מען קלאַפּט ווידער אין טיר).

„דאָס ברויט (מטושטש, פּלייסט זיך אומזיסט אַריינצוקריכן אין דייזשע): ניטאָ פאַר מיר וואוהין אַריינצוקריכן... ער וועט מיך, דעם ערשטן, אויפּפרעסן!

„דער הונט (שפּרינגט אַרום טילטילן): דו, גאָטהייט מיינע!... איך בין נאָך דאָ... איך קאָן נאָך רעדן צו דיר... איך קאָן נאָך דיך קושן. נאָך און נאָך און נאָך!

„די פייע: זע, דו ביסט נאָך אויך דאָ, הונט?

„דער הונט: יאָ, גאָר ניט קיין הינטישער מזל!... איך האָב מיך ניט געקאָנט אומקערן צוריק אין דער ממשלה פון שווייגן. דער טראָפּ האָט זיך צו גיך פאַרמאַכט.

„די קאַץ: און מיין טראָפּ אויך. איז וואָס וועט איצטער זיין? דאָ בלייבן איז אַ שאַרפע סכנה.

„די פייע: יאָ, איך וויל אייך ניט לייקענען. אַלע, וואָס וועלן מיטגיין מיט די צוויי קינדער, וועלן צום סוף פון דער נסיעה מוזן שטאַרבן.

„די קאַץ: און די, וואָס וועלן ניט גיין מיט זיי?

„די פייע: יענע וועלן אויך שטאַרבן. גיין מיט זיי אָדער בלייבן, — איין סוף פאַר אַלעמען.

„די קאַץ (צו דעם הונט): קום, לאָמיר צוריק אַריין אין טראָפּ.

„דער הונט: ניין, ניין! איך וויל ניט... איך וועל גיין אינאיינעם מיט מיין גאָט. איך וועל די גאַנצע צייט רעדן מיט אים!

„די קאַץ: שוטה! (ווידער אַ קלאַפּ אין טיר).

„דאָס ברויט (גיסט זיך מיט הייסע טרערן): איך וויל ניט שטאַרבן צום סוף נסיעה. איך וויל גיכער צוריק אין דער דייזשע."

דאָס פייער איז די גאַנצע צייט אומגעלאָפן אין אַ שווינדלענדיקער גיכקייט איבערן צימער און לאָזט אַרויס רחמנותדיקע געשרייען, אַז ער קאָן ניט געפינען צוריק דעם אויוון. דאָס וואַסער האָט זיך אומזיסט גע־פלייסט אַריינצוקריכן צוריק אין קראַנט אַריין. דער צוקער האָט צעריסן זיין היטל פון בלויע, בולבולע־פּאַפּיר, און די מילך קאָנסטאַטירט פאַרשעמט און קאַלטבלוטיק, אַז איר קריגל איז צעבראָכן.

„די פייע: רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ שוטים! וואָס פאַר אַ פּראָ־אָדמס! וואָס פאַר אַ ציטערדיקע נפשות! נישיים, וואָלט זיך אייך בעסער געוואָלט לעבן ווי פריער אין די פאַרמאַכטע קעסטלעך, טראָפּעס, קראַנטן, איידער צו גיין מיט די קינדער נאָך דעם בלויען פויגל?

„אַלע (אַ חוץ דעם הונט און דער נשמה פון ליכטיקייט): יאָ! וואָס־גיכער צוריק אויף דעם אַלטן אָרט! אין קראַנט... אין דייזשע... אין אויוון... אין טראָפּ..."

אין אונדזערע צייטן האָט מיט אַ סך, אַ סך נשמות געטראָפן פּונקט אַזאַ'ן אומגליק. די רוסישע רעוואָלוציע האָט, ווי יענער צויבער־דימענט, אַרויסגערופן צום לעבן נשמות, וואָס האָבן פריער אין פרידן גערוט אין דער ממשלה פון שווייגן אין זייערע דייזשעס און קראַנטן. אָבער — אָט האָט מען דעם דימענט צו שאַרף אַ דריי געטאָן און פיל פון זיי האָבן ניט געקאָנט אַריין צוריק... און דאָס האַרץ בענקט אַזוי נאָך דער „דייזשע"! זאָל מען מיטפילן מיט זייער טראַגעדיע? זאָל מען לאַכן פון זייער קאָמישן צער? אי לאַכן, אי וויינען, — דערהויפּט, ווען מען האָט פאַר די אויגן די אָרעמע נשמות פון פוטער און פון צימעס, וועלכע מען האָט ניט אַריינ־געלאָזן צוריק אין זייערע טעפּלעך, און וואָס מוזן נעבעך בלייבן מיט די, וואָס גייען זוכן זייער „בלויען פויגל"...

אַ צווייטן טעות אין דעם אויסטייטשן פון מעטערלינקס ווערק מאַכן יענע מפרשים, וואָס ווילן זען אין דעם בילד פון דעם בלויען פויגל דעם סימבאָל פון דעם מענטשלעכן גליק. מענטשן זוכן אומעטום דאָס גליק, נאַרן זיך אַלע מאָל אָפּ, ווילן זיך נאָכדעם באַפרידיקן מיט דעם האַלבן גליק, — דעם ניט גאָר בלויען, — וואָס זיי האָבן אין שטייגל ביי זיך אין

דערהיים, — און אויך דער גליק רייסט זיך אַרויס פון זייערע הענט. אַט דאָס, מיינען זיי, האָט געוואָלט מעטערלינק זאָגן מיט זיין ווערק.

די „מפרשים", וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, דערמאָנען אָן דעם, אַז ערגעץ־וואו אין זיד־פראַנקרייך האָט די פאָלקס־לעגענדע שוין סימבאָליזירט אַמאָל דאָס גליק אין דעם בילד פון אַ „בלויען" פויגל. זיי וואָלטן אויך געקאָנט ברענגען אַ פּאָר שטעלן פון דעם ווערק גופא, וואָס וואָלטן זיין אַ ראיה צו זייערע רייד.

אָבער אַז מען טראַכט זיך אַריין טיפער אין יענע שטעלן, וואו די פּערסאָנאַזשן פונעם ווערק רעדן וועגן דעם „בלויען פויגל", זעט מען ווי אויבערפלעכלעך אַזאַ פּעסימיסטישער אויסטייטש איז, וואָס גייט, אגב, אינגאַנצן להיפּך צו דעם געזונטן אָפּטימיסטישן, לעבנס־פרײדיקן טאָן, מיט וועלכן דאָס גאַנצע ווערק איז דורכגעדרונגען.

לאָמיר זיך דעריבער ניט פוילן און דורכגיין, איינס נאָכן אַנדערן, יענע שטעלן, וואו דער דיכטער גיט אונדז אָליין דעם סוד אין די הענט, ווי אַזוי פאַנאַנדערצופלאָנטערן זיין רעטעניש.

גאָר אין אָנהויב דערקלערט די פייע, אַז זי דאַרף נויטיק ווי אין לעבן דעם בלויען פויגל פאַר איר קליינער טאָכטער. „וואָס פעלט איר דען ?" — פרעגט טילטיל. „איך ווייס אַליין אויך ניט קלאָר, וואָס מיט איר איז. איר ווילט זיך זיין גליקלעך", — ענטפערט די פייע. פון דעם ענטפער קאָן מען באמת מיינען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם פּראָבלעם פון גליק און נאָר פון גליק. אָבער שוין אין דעם ערשטן אַקט ווערט דער געדאַנק אַביסל קשהדיק. די פייע גיט די קינדער דאָס גרינע מיצל מיט דעם צויבער־דימענט, וואָס אַדאַנק אים קאָן מען זען די פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן פון אַלע זאַכן. „דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב", זאָגט זי, „כדי צו העלפן אייך זוכן דעם בלויען פויגל." דער צויבער־דימענט, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז די פאַרבאָרגענע נשמות פון די דערשיינונגען, קאָן זיין אָדער די וויסנשאַפט, אָדער די מעטאַפיזיק. על כל פנים, דאָס מענטשלעכע טעאָ־רעטישע פאָרשן. גלויבט דען מעטערלינק באמת, אַז דאָס גליק קאָן געפונען ווערן אויף דעם וועג פון ריינער טעאָריע ? האָט ער דען גאָר פאַרגעסן וועגן דעם אַלטן שפּרוך פון דער אַלטער יידישער לעבנס־חקירה, אַז „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב" ? און אויב ער איז ניט איינפאַרשטאַנען מיט יענעם אַלטן זיפץ, — גלויבט ער דען, אַז דורך דעם, וואָס מיר וועלן אויסגעפינען די נשמה פון ברויט און פון וויין און פון פעפער ; דורך דעם, וואָס מיר וועלן אָנזאַמלען אוצרות און אוצרות פון איינצלנע פאַקטן, וועלן מיר זיך דערנעענטערן צו דעם העכסטן אידעאַל פון מענטשלעכן גליק ? — אַזאַ

געדאַנק וואָלט אפשר געקאָנט געבוירן ווערן אין די פליטער־וואָכן פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט, אָבער ניט איצטער, ווען מיר האָבן יאָרהונדערטער פון וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען הינטער אונדז.

איך וויל אויך באַמערקן, אַז דער געדאַנק פּאַסט אויך ניט צו דעם בילד פון מעטערלינקן, דעם דענקער, אויף וויפיל ער מאָלט זיך אונדז אויס אין זיינע פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. אָבער מיר קאָנען דאָ לאָזן זיינע אַנדערע שריפטן אינגאַנצן אָן אַ זייט! מיר האָבן אין דעם „בלויען פויגל״ גופא גענוג מאַטעריאַל, כדי פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דער פראַגע.

אין דעם צווייטן אַקט, ווען די פייע גרייט אַלץ אָן צו דער קינדערס רייזע, הויבט אָן די קאַץ צו אינטריגירן אַנטקעגן די קינדער. אין דעם געפינען פון דעם „בלויען פויגל״ זעט זי אַ גרויסע געפאַר פאַר זיך און דער גאַנצער ניט־מענטשלעכער נאַטור — און וויל איינשמועסן אויך די איבעריקע ניט־מענטשלעכע מיטהעלפער, זיי זאָלן ניט דערלאָזן, אַז דער פלאַן פון דער פייע זאָל מקוים ווערן.

„הערט זיך איין״, זאָגט די קאַץ צו זיי. „מיר אַלע, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט, — חיות, חפצים און סטיכיעס, — האָבן אַ נשמה, וואָס דער מענטש קאָן זי נאָך ניט משיג זיין. אַדאַנק דעם איז דערווייל פאַרבליבן ביי אונדז אַ ברעקעלע אומאָפּהענגיקייט. אָבער, אויב דער מענטש וועט געפינען דעם ‚בלויען פויגל׳, וועט ער אַלץ וויסן, אַלץ זען, און מיר וועלן זיין אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן אונטער זיין מאַכט. איך האָב מיך דערוואוסט דערפון פון מיין אַלטן פריינט, די נאַכט, — זי איז דאָך דער שומר פון דעם סוד פון לעבן. מען מוז דעריבער זען מיט אַלע כוחות בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל געפינען דעם פויגל.״

אויב דער „בלויער פויגל״ איז דאָס גליק, איז דעמאָלט די גאַנצע טענה פון דער קאַץ לגמרי ניט צו פאַרשטיין. וואָס קאָן דאָס שאַדן דער אומאָפּהענגיקייט פון דער נאַטור, ווען דער מענטש וועט זיין גליקלעך? די סכנה פאַר דער נאַטור באַשטייט, ווי די קאַץ זעט דאָס גאַנץ קלאָר, אין דער מענטשלעכער וויסנשאַפט און אין זיין הערשאַפט איבער די נאַטירלעכע קרעפטן. אָבער — איז דען גליק דער וועג צו דערקענטעניש? אויב יאָ, וואָלטן מיר דאָ געהאַט פאַר זיך דעם איבערגעקערטן געדאַנק פון פריער. דאָרטן איז די וויסנשאַפט געווען דער איינציקער וועג צום גליק, — דאָ, ווייזט אויס, איז גאָר דער גליק דער איינציקער וועג צו דער דערקענטעניש.

דער געדאַנק, אַז דער „בלויער פויגל״ דאַרף פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דעם מענטשן איבער דער נאַטור און עפענען פאַר אים אַלע סודות פון

דעם זיין, ווערט אויך אַרויסגעבראַכט אין דער וואַלד־סצענע, וואו די קאַץ האָט אויפגערודערט אַלע לעבעדיקע נאַטור־קרעפטן צום קאַמף אַנטקעגן דעם מענטשן. „טילטיל, דער זון פון דעם האַלץ־האַקער, וואָס האָט אייך אַזוי פיל רעות אָנגעטאָן״, דערציילט זי די ביימער פון וואַלד, „זוכט דעם בלויען פויגל, וואָס איר האָט אים באַהאַלטן פון דעם מענטשן, זינט דעם אָנהויב פון דער וועלט, און וועלכער ווייס אַליין אונדזערע סודות.״

שטעלט דאָ אַריין אָנשטאָט דעם „בלויען פויגל״ — „דאָס מענטשלעכע גליק״, און דער גאַנצער זאַץ פאַרלירט יעדן זין. דער וואַלד האָט באַהאַלטן דאָס מענטשלעכע גליק פון אָנהויב אָן, ווייל דאָס מענטשלעכע גליק ווייס אַלע סודות פון דער נאַטור! אַ גרעסערן אומזין איז זיך שווער פאָר־צושטעלן.

אויך אין די רייד פון דעם דעמב, דעם מלך פון וואַלד, צו די לעבעדיקע באַשעפענישן פון דער נאַטור קלינגט דורך דער זעלביקער מאָטיוו, וואָס מאַכט אוממעגלעך צו גלויבן, אַז דער „בלויער פויגל״ זאָל זיין דאָס גליק. „דאָס יינגעלע, וואָס שטייט דאָ פאַר אייך״, דערקלערט ער זיי, „פאַרמאָגט אַ קמיע, וואָס מען האָט צוגעגנבעט ביי דעם מעכטיקן גייסט פון דער ערד. אַדאַנק דער קמיע קאָן ער אַוועקנעמען פון אונדז דעם ׳בלויען פויגל׳ און דערמיט גופא אַרויסרייסן פון אונדז דעם סוד, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן זינט דעם אָנהויב פון די צייטן.״

אַז דער „בלויער פויגל״ איז ניט דער סימבאָל פון גליק, קאָן מען זען אויך פון דעם דעמבס רייד צו טילטילן: „איך ווייס״, זאָגט ער אים, „אַז דו דאַרשט נאָך דעם ׳בלויען פויגל׳ כדי איינצונעמען דעם גרויסן סוד פון די זאַכן און פון דעם גליק. אָבער דעמאָלט וועט אונדזער שקלאַפעריי ווערן נאָך גרעסער...״

ס׳איז קלאָר: דער „בלויער פויגל״ איז ניט דאָס גליק, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז בויטיק פאַרן גליק, עפּעס אַזוינס, וואָס עפנט־אויף אונ־דזערע אויגן אויף די סודות פון דער נאַטור און אויך אויף דעם סוד פון גליק.

און כדי עס זאָל קיין ברעקל ספק ניט בלייבן, אַז דער „בלויער פויגל״ קאָן ניט זיין דער סימבאָל פון גליק, וועל איך אייך דערמאָנען, אַז אין דער „ממשלה פון דער צוקונפט״, וואו טילטיל זוכט צולעצט דעם „בלויען פויגל״ צווישן די לאַזורנע קינדער, וואָס דאַרפן נאָך ערשט געבוירן ווערן און באַרייכערן אויף דער וועלט דאָס מענטשלעכע לעבן, געפינט זיך אויך איינער, וואָס וועט ברענגען דעם מענטשן דאָס לאַנג־געזוכטע גליק. „אַז

איך וועל זיין אויף דער ערד״, זאָגט ער צו טילטילן, „וועל איך דאַרפן דערפינדן דאָס, וואָס מאַכט דעם מענטשן גליקלעך״, און ער בויט שוין איצטער, אויף יענער וועלט, די גרויסע בלויע פליגלען, וואָס זיינען נויטיק דערצו. אויב דאָס גליק דאַרף ערשט דערפונדן ווערן פון דעם מענטשן אויף דער וועלט, קאָן דאָס ניט זיין דער „בלויער פויגל״, וועלכן דער מענטש האָט ניט דעראָבערט אויך אין דער ממשלה פון דער צוקונפט.

מיר דוכט, אַז מיר האָבן שוין איבער־גענוג מאַטעריאַל, כדי אויף זיכער צו באַשטימען, וואָס דער סימבאָל פון דעם „בלויען פויגל״ באַטייט. דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער אַבסאָלוטער אמת, וועלכן דער מענטש זוכט שוין פון לאַנג אָן, פון דעם אָנהויב פון די צייטן, — יענער העכסטער פילאָסאָפישער גרונד־פּרינציפּ, וואָס זאָל אונדז געבן דעם שליסל צו אַלע סודות פון דעם וועלטלעכן זיין און אויך צו די סודות פון דעם מענטשלעכן גליק, — דער אַבסאָלוטער, אייביקער, אומפאַרענדערלעכער אמת, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט דאָס העכסטע גוט, דער העכסטער אידעאַל פאַר דעם מענטשן.

אָט דעם אַבסאָלוטן, אייביקן, אומפאַרענדערלעכן אמת וועגן וועלט און מענטש וויל די פייע אַרויסברענגען דורך די מענטשן־קינדער מיט דער הילף פון דער מעכטיקער קמיע, דעם צויבער־דימענט: דעם קלאָרן איינזען אין דאָס געהיימע און פאַרבאָרגענע פון אַלע זאַכן.

אויב אונדזער פירוש איז דער ריכטיקער, — און מיר וועלן באַלד זען, אַז ער לייגט זיך זייער אויפן שכל, — איז דעמאָלט אויך ניט שווער צו טרעפן, ווער די פייע איז: דאָס איז דער פילאָסאָפיש־מעטאַפיזישער געדאַנק, וועלכער קאָן זיך ניט צופרידנשטעלן מיט דער ריינער עמפּירישער וויסנשאַפט, וואָס זעט נאָר דעם דרויסן פון די דערשיינונגען, — דאָס איז דער אָביעקטיווער, אָן־פּניותדיקער פאַרטיפן־זיך אין די אינעווייניקסטע נשמות פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, פאַר וועמען די נשמה פון פעפער איז ניט מער מיוחס, איידער די נשמה פון צוקער. מיט אַ פיינער איראָניע אויף דאָס מעטאַפיזישע דענקען, — אייגנטלעך אַ זעלבסט־איראָניע, ווייל מעטערלינק מוז אַליין צוגערעכנט ווערן צו די מעטאַפיזיקער, — מאָלט ער אונדז אויס איינעם פון די וויכטיקסטע שטריכן פון דער מעטאַפיזיק.

ווען די קינדער זיינען מרוצה צו גיין זוכן דעם „בלויען פויגל״, ווייזט די פייע אָן מיטן פינגער אויפן באַלקן, דעם אויוון און די פענצטער, און פרעגט זיי: „ווי ווילט איר אַרויסגיין: מיט דעם וועג, אָדער מיט דעם?״ — טילטיל ווייזט אָן מיט אַביסל מורא אויף דער טיר. אָבער די פייע ווערט אין כעס. „דאָס קאָן איך ניט צולאָזן״, זאָגט זי, „וואָס פאַר אַ

מידה מגונה צו גיין דורכן טיר! מיר וועלן אַרויסגיין דורך דאַנען״, באַ־שליסט זי, טייטלענדיק אויפן פענצטער.

נאָך אַ דאַנק דער פייע דערפאַר! דאָס רוב מעטאַפיזיקער קאָנען זיך ניט באַרואיקן, ביז מען קריכט ניט דורכן קוימען...

דער „בלויער פויגל״, וואָס דער פילאָסאָפישער געדאַנק טרייבט אויס־צוגעפינען אים מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, — דער נשמה פון ליכטיקייט, — די נשמה פון ליכטיקייט שטעלט זיך אין מעטערלינקס ווערק אויף דעם צד פון דעם מענטשן, — איז קיין אַנדער זאַך, ווי דער אַבסאָלוטער אמת, — דער לעצטער פרינציפּ פון דעם זיין, וואָס האַלט פאַרבאָרגן אין זיך דאָס העכסטע גוט, צו וועלכן דער מענטש זאָל שטרעבן. און די איינצלנע ערטער, וואו די קינדער זוכן דעם „בלויען פויגל״, — דאָס לאַנד פון דערינערונגען, די ממשלה פון דער נאַכט, דער וואַלד און די ממשלה פון דער צוקונפט, — זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי סימבאָלן פון יענע וויכטיקסטע אינסטאַנצן, צו וועלכע דער מענטש־לעכער געדאַנק ווענדט זיך, ווען ער גייט אַרויס זוכן דעם אַבסאָלוטן אמת. איך וויל מיט זיכערקייט ניט זאָגן, אַז מעטערלינק האָט דאָס געהאַט אין זין; אַז זיין מעשהלע וויל באַוואוסטערהייט סימבאָליזירן דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער פילאָסאָפיע אין איר קאַמף פאַר דעם אַבסאָלוטן אמת. סוף־כל־סוף, — ווער קאָן וויסן, וואָס אַ דיכטער, און נאָך אַזאַ ניט־קלאָרער, ווי מעטערלינק, האָט געוואָלט זאָגן? אָבער איינס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די שילדערונג פון די איינצלנע סטאַנציעס טראָגט שאַרפע און בולטע סימנים, נאָך וועלכע מען קאָן דערקענען יענע אינסטאַנצן. זי איז געמאַכט געוואָרן אַקוראַט אַזוי, ווי ווען מעטערלינק וואָלט באַוואוסטערהייט געוואָלט סימבאָליזירן די געשיכטלעכע שיקזאַלן פון דער מענטשלעכער אמת־זוכעניש.

דאָס וועט אונדז ווערן אינגאַנצן קלאָר, ווען מיר וועלן איבערגיין צו די איינצלנע אינסטאַנצן.

לאָמיר אָנהויבן מיט דעם לאַנד פון דער דערינערונג, — דאָרטן וואו עס לעבן די געשטאָרבענע. די פייע שיקט די קינדער אַהינצו, וויל „דאָס לאַנד פון דער דערינערונג ליגט אויפן וועג צו דעם בלויען פויגל״. „עס איז מעגלעך״, זאָגט זי אין אַן אַנדער אָרט, אַז „דער ׳בלויער פויגל׳ איז באַהאַלטן אין דעם לאַנד פון דערינערונג, אין דעם לאַנד, וואו עס זיינען איצטער דער זיידע און די באָבע פון די קינדער.״

אין טילטילס „לאַנד פון דערינערונג״ שטייט אונטער אַ געוועלב פון בלעטער — אַ פריילעך פויעריש הייזל, באַדעקט מיט געשלענגלטע פלאַנצן.

טיר און פענצטער זײנען פאַרמאַכט. עס זעען זיך בינשטאָקן אונטער אַ דעכל, בלומען־טעפּ שטייען אויף די פענצטער, אַ שטייגל הענגט מיט אַ שלאָפנדיקן שטאַר. לעבן טיר — אַ באַנק, אויף װעלכן עס זיצן אין טיפן שלאָף אַן אַלטער פויער און זײן װײב: טילטילס זײדע און באָבע.

אין דעם לאַנד פון דערינערונגען איז אַלץ געװען אײנגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף, ביז די קינדער זײנען געקומען צום באַזוך. אָבער װי נאָר זײ זײנען געקומען, האָט אַלץ װידער אָנגעהויבן צו לעבן, פּונקט אַזוי װי דאָס איז געװען אויף דער װעלט. דער אַלטער זײדע האָט נאָך אַלץ זײן רומאַטיזם; די קאַץ, װעמען טילטיל האָט ביים לעבן אונטערגעשאָרן דעם עק, לויפט אום אַזוי מיט דעם אָפּגעשאָרענעם עק. די געשטאָרבענע ברידער און שװעסטער זײנען ניט צוגעװאַקסן: די ייִנגסטע קריכט נאָך אַלץ אום אויף אַלע פיר, און ביי איין שװעסטער איז אַפילו דאָס בלאָטערל אויפן נאָז געבליבן, װי אין דער לעצטער רגע פון איר לעבן: עס קאָן שוין מער ניט אַראָפּגיין.

„דאָ בלייבט אַלץ, װי עס איז געװען!״ — דערקלערט מעשה־רבי דער זײדע.

אָן װאָס פאַר אַ פּאָזע אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק דערמאָנט אָט דער גרונד־שטריך פון דעם „דערינערונג־לאַנד״? די פון אײַך, װאָס זײנען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די רעליגיעזע פאָר־שטעלונגען, אײדער דער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט זיך אַרײנגעמישט אין זײ, װעלן גאַנץ גרינג דערמאָנען זיך אָן דעם גריכישן „האַדעס״, דער „ממשלה פון שאָטנס״, און דעם אַלט־העברייִשן „שאול״. װי אין האַדעס און אין דעם שאול, אַזוי בלײבן די מענטשן אויך אין מעטערלינקס „דערינערונג־לאַנד״ אויף אײביק אין דעם זעלביקן צושטאַנד, אין װעלכן דער טויט האָט זײ געטראָפן. איז אײנער פאַרװאונדעט געװאָרן, בלײבט ער אין „שאול״ און אין „האַדעס״ מיט זײן װאונד. איז אײנער מיט בלוט באַדעקט, גייט פון אים דאָס בלוט ניט אַראָפּ, און װען אײנער שטאַרבט מיט פרידן אין האַרצן, װערט זײן פרידן שוין קײנמאָל ניט צעשטערט; און האָט אײנער טיפן קומער, װערט ער שוין פון אים קײנמאָל ניט באַ־פרייט. װען בנימינס ברידער בעטן ביי יעקב אָבינו ער זאָל מיט זײ אָפּלאָזן בנימינען קיין מצרים, װײל ניט דער אַלטער פאָטער: ער האָט מורא, טאָמער טרעפט אַ סיבה אין װעג און דעמאָלט, זאָגט ער, „װעט איר אין שאול אַראָפּנידערן מײן עלטער אין קומער״. פאַרן שטאַרבן זאָגט דוד אָן זײן זון שלמהן, װי אָפּצורעכענען זיך מיט יואב בן־צרויה און שמעי בן־גרא. אויף דעם ערשטן זאָגט ער: „זאָלסט זײן עלטער אין שאול ניט אַראָפּ־

נידערן אין פרידן", און אויפן צווייטן: „זאָלסט זיין עלטער אין שאול אַראָפּנידערן אין בלוט".

דאָס דערינערונג־לאַנד איז דעריבער יענע יידישע פּעריאָדע, די פּעריאָדע פון דער נאַטור־רעליגיע, וואָס האָט געהערשט ביי דער ציוויליזירטער מענטשהייט, ביז דאָס יידישע קריסטנטום האָט געמאַכט צו איר אַ סוף.

מיר וועלן שפּעטער זען, ווי אַזוי מעטערלינק וויל ווידער־אויפלעבן דעם אומשטערבלעכקייטס־גלויבן פון יענער צייט אין אַ מאָדערנער אויס־טייטשונג. פריער פאַר אַלץ מוזן מיר אָבער פרעגן: וואָס טוט זיך מיט דעם „בלויען פויגל" אין יענעם לאַנד?

דאָס דערינערונג־לאַנד — און דאָס איז דאָס מערקווירדיקסטע אין דער דערציילונג — האָט אַ „בלויען פויגל".

ווי נאָר די קינדער האָבן דערמאָנט אין זייער געשפּרעך דעם אַלטן שטאָר, אַזוי האָט זיך דער פויגל אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און ער האָט אָנגעהויבן הויך זינגען. אָבער אַ גרויסע ענדערונג איז מיט אים פאָר־געקומען: ער איז אינגאַנצן געוואָרן בלוי. „יאָ, ער איז אַ בלויער", באַ־מערקט טילטיל, „הייסט עס, אָט דאָס איז ער, דער בלויער פויגל, וואָס איך מוז געפינען פאַר דער פייע... און איר האָט מיר גאָר געזאָגט, אַז ער איז ביי אייך... אָה, ער איז בלוי, בלוי, בלוי, ווי אַ בלוי, גלעזערן קייקעלע."

טילטיל בעט זיך, מען זאָל אים אָוועקגעבן דעם שטאָר. די עלטער־עלטערן גיבן אים נאָך. אָבער בעת ער טראָגט אים אַרויס צוריק אויף דערווירקלעכער וועלט, דערזעט טילטיל, אַז דער פויגל איז שוין ניט מער בלוי; ער איז געוואָרן שוואַרץ...

דער סימבאָלישער געדאַנק, וואָס ליגט אין דער פאַרוואַנדלונג פון ז'עם בלויען פויגל פון אונדזערע עלטער־עלטערן ווידער אין שוואַרץ, איז ניט קיין נייער. איך האָב שוין ניט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרטיידיקן אים סיי אין מיינע פאָרלעזונגען, סיי אין מיינע שריפטן. אָבער איר וועט מיר דערלויבן אָפּצושטעלן זיך אויף אים, ווייל ער דריקט אויס אַ גרויסן אמת און גיט אונדז דעם ריכטיקן בליק, ווי מיר זאָלן קוקן אויף די גלויבונגען און מיינונגען פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס.

עס איז שוין איצטער גאָר ניט קיין נייעס פאַר אַ סך אמת־געבילדעטע און אויפגעקלערטע דער געדאַנק, אַז יעדע צייט בויט־איבער דעם אמת, וואָס זי באַקומט בירושה פון דעם עבר. זי בויט אים איבער אָפטמאָל אַזוי, אַז פון אים ווערט גאָר אַ נייע זאַך, וואָס גייט אין גאַנצן להיפּך צו דעם היילִיקסטן גלויבן פון אַמאָל. אין דעם ליכטיקן שיין פון דעם נייעם

אמת פון דער נייער צייט מוז די אַלטע וועלט־אַנשויאונג אויסזען ווי אַ וועלט פון באָבע־מעשיות און ווילדע פאַנטאַזיעס, באַשאַפן אפשר פון פּראָים אָדער שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבן געפירט פאַרן נאָז דאָס גאַנצע פאָלק, דעם גרויסן בלינדן פּרא־אָדם.

אָבער אויב דאָס איז אמת פאַר יעדער צייט אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, — און ביז אַהער איז דאָס געווען אַבסאָלוט אמת, — הייַנט, וואו איז די גאַראַנטיע, אַז די קינפטיקע דורות וועלן זיך ניט באַגיין מיט אונדזערע הייליקטימער אַקוראַט אַזוי, ווי מיר באַגייען זיך מיט די הייליקטימער פון אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן? אונ־דזערע עלטערן האָבן געגלויבט אין זייערע אַנשויאונגען, ווי אין דעם לעצטן, ריינסטן אמת צו וועלכן עס קאָן דערגרייכן דער העכסטער מענטש־לעכער שכל. און פונדעסטוועגן זיינען זיי פאַר אונדז ניט מער ווי אַ שפּינ־וועבס פון שקרים און דמיונות. הייַנט ווער קאָווירט אונדז, אַז אונדזער וויסן און גלויבן וועט ניט אויסזען אין די אויגן פון אונדזערע קינדער אויך ווי אַ שפּינוועבס פון שקרים און דמיונות? און אויב מיר קוקן אויף אונדזערע עלטערן, אין בעסטן פאַל, ווי אויף ערלעכע פּראָים און ווילדע פאַנטאַזיאָרן, הייַנט ווער וועט פאַרווערן אונדזערע קינדער, זיי זאָלן זען אין אונדז די זעלביקע ערלעכע פּראָים און ווילדע פאַנטאַזיאָרן?

קיינער קאָן אונדז ניט קאָווירן, אַז עס וועט ניט זיין אַזוי. קיין אמת פון קיין דור קאָן ניט און וועט ניט אַרויסנעמען קיין פּאַטענט אויף אומ־שטערבלעכקייט. איז אויב מיר וועלן קוקן אויף אונדזערע עלטערן ווי אויף פּראָים, און אויב אונדזערע קינדער וועלן קוקן אַזוי אויף אונדז, און אויב פאַר אונדזערע אייניקלעך וועלן מחמת דעם זעלביקן טעם אונדזערע קינדער זיין די ווילדע פאַנטאַזיאָרן און נאַאיווע שוטים, — וועט דאָך סוף־כל־סוף אויסקומען, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק איז באַשאַפן געוואָרן און ווערט באַשאַפן פון נאַראָנים און האַלב־משוגענע, און אַלץ וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט, איז ניט מער ווי אַ הויפן פון ווילדע נאַרישקייטן.

און פונדעסטוועגן האָט די נאַרישע מענטשהייט, — אַזוי בינו לבינו, — אויפגעבויט גאָר אַ קלייניקייט: די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, מיט אירע טעמפּלען פאַר קונסט, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, מיט איר אַלץ־וואַקסנדיקער מאַכט איבער די בלינדע כוחות פון דער טבע, מיט דעם אַלץ־טיפערן יושר אין דעם באַגיין זיך פון מענטש צו מענטש.

אַ־מער, לאָמיר אַ דריי טאָן דעם ענין צוריק. לאָמיר זאָגן, אַז אמת איז ערגעץ ניטאָ דרויסן פון דעם מענטשלעכן שכל, אָדער אַז פאַר דעם

מענטשן איז נאָר דאָס אמת, וואָס ער קאָן מיט זיין שכל אַרויסברענגען. און אַרויסברענגען מוז ער צו פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע אמתן, — ווייל אמת פאַר אים איז נאָר דאָס, אין וואָס ער מוז גלויבן, לויט די אומשטענדן, צווישן וועלכע ער לעבט. די אמתן, אין וועלכע דער מענטש גלויבט, זיינען ווי לעבעדיקע ברואים וואָס ווערן געבוירן, וואַקסן אויס, עלטערן זיך און שטאַרבן אָפּ. ניט „פראים באַשאַפן וויסטע פאַנטאַזיעס״ איז דער תוך פון דער מענטשלעכער געשיכטע, נאָר „מענטשן באַשאַפן אין יעדער צייט זייערע הייליקע אמתן״, — דאָס איז דער אמת וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן גייסט.

יעדער דור האָט זיך דעריבער זיין „בלויען פויגל״. ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין די אומשטענדן פון דעם דור און דעם צושטאַנד פון דעם מענטשלעכן שכל אין יענער צייט און שטודירן די אָנשויאונגען, וואָס דוכטן זיך אונדז אויס, ווי ווילדע באָבע־מעשיות, ווערן מיר פאַרחידושט, וויפיל שכל מיר אַנטדעקן אין זיי, וויפיל טיפע און מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך אמת, יושר און חן עס ליגט אין זיי פאַרבאָרגן. אונדז ווערט קלאָר, אַז אין די „ווילדע באָבע־מעשיות״ ליגט דער ריינער אמת פון יענעם דור און מיר שרייען אויס אַנטציקט: ער איז בלוי, בלוי, בלוי, און זיין פאַרב איז עכט און ריין.

אָבער אויב מיר מיינען, אַז מיר קאָנען דעם גלויבן פון דעם עבר זיך אַזוי פשוט אַרויסטראָגן אויף דער ליכטיקער זון פון דער איצטיקער צייט און זיין פאַרב וועט דעריבער בלייבן די אייגענע, וואָס אַמאָל, מאַכן מיר אַ גרויסן טעות. דער „בלויער פויגל״ פון אַמאָל איז שוין געשטאָרבן, ער איז בלוי נאָר אין דעם „לאַנד פון דערינערונג״, — אין דער אומפּאַרטייאישער געשיכטלעכער פאָרשונג, — פאַר דער געגנוואַרט ווערט ער ווידער שוואַרץ.

אַ ביישפּיל פון אונדזערע טעג וועט אייך נאָך קלאָרער מאַכן דעם ענין. עס איז אין דער לעצטער צייט אין דער יידישער ליטעראַטור ווידער אויפגעוואַכט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם ווערט פון חסידות און קבלה, — יענעם הייליקן, גרויסן, טיפן אמת, מיט וועלכן עס האָבן געלעבט די נשמות פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס.

עס זיינען דאָ ניט ווייניק מענטשן, וואָס וואָלטן וועלן, ווי צ. ב. הערהלל ציישלין, אַז דער גלויבן פון אַמאָל זאָל אויך דערוואַרעמען אונדזערע הערצער. אין וואָס באַשטייט הערר ציישלינס פעלער? — אין דעם, וואָס ער מיינט, אַז אויב דער פויגל איז געווען אין גאַנצן בלוי אַמאָל, מוז ער בלייבן בלוי אויף אייביק. ער באַמערקט ניט, אַז ווי נאָר ער טראָגט אים

אַרויס מחוץ דעם לאַנד פון דער דערינערונג, אַזוי ווערט ער תיכף אין גאַנצן שוואַרץ.

עס זיינען אָבער נאָך דאָ צווישן אונדז מענטשן, צו וועלכע עס געהערט, צ. ב., הער ב. פייגנבוים, דער ערלעכער, טאַלאַנטפולער „טאַמבור־מאַזשאָר״ פון דער אַלטער אַפּיקורסישער גוואַרדיע, וואָס קאָנען עד היום ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר דער חסידות און קבלה אַפילו ווען מען מיינט נאָר יענע צייט, אין וועלכער זיי זיינען געווען דער אינעווייניקסטער אמת פון דער יידישער נשמה. פאַר אים זיינען חסידות און קבלה געווען אין אַלע צייטן אַ ווילדע באַרישקייט. אין וואָס באַשטייט זיין פעלער? — ער זעט, אַז איצטער איז דער פויגל שוואַרץ און קאָן זיך גאָר ניט פאַרשטעלן, אַז אַמאָל האָט ער געמוזט זיין אַקוראַט אַזוי בלוי, בלוי, ווי דער בלויסטער פון אַלע זיינע אפּיקורסישע אמתן. דערפאַר קאָן ער זיך אויך ניט פאַרשטעלן, אַז דער „בלויער פויגל״ פון זיין צייט זאָל קאָנען אויסקוקן שוואַרץ אין אונדזערע אויגן.

דעם ריכטיקן בליק אויף דער זאַך גיט אונדז דאָ מעטערלינק. שטייגן מיר אַראָפּ אין דאָס לאַנד פון דערינערונג, דאַרפן מיר ניט שלעפּן אונדזער אמת אַהין. וואָס מער מיר לעבן זיך אַריין אין דער אַלטער צייט, אַלץ מער לעבט אָפּ דאָ פאַר אונדזער גייסטיקן אויג אויך איר אַלטער אמת, און מיר באַוואונדערן זיין שיינקייט אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר טאָרן אָבער ניט מאַכן טילטילס קינדערשן פעלער: מיר זאָלן דעם „בלויען פויגל״ פון אַמאָל ניט אַריינטראָגן אין אונדזער לעבן, — פאַר אונדז איז ער שוין געוואָרן — שוואַרץ.

דאָס „לאַנד פון דער דערינערונג״ איז דעריבער ניט נאָר אַ סימבאָל פון דעם היידנטום און דער נאַטור־רעליגיע, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן דאָס ערנסטע מענטשלעכע דענקען; עס שטעלט מיט זיך פאַר דעם גאַנצן גייסטיקן עבר פון דער מענטשהייט, אויף וויפיל מען קאָן זיך רעכענען מיט אים פאַר דעם אמת, אין וועלכן מיר בויטיקן זיך היינט. אויך היינט לויפן מיר קודם־כל צו דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, ווען עס הויבן אונדז אָן צו פּלאָגן די אייביקע פראַגן. אָבער די „אַבסאָלוטע אמתן״ פון די אַלטע דורות פאַרלירן באַלד אין אונדזערע אויגן זייער בלויען הימל־פאַרב. אונדזער אמת מוזן מיר זוכן נאָך ערגעץ־וואו אַנדערש, איידער אין דעם לאַנד פון דער דערינערונג.

אָבער איידער מיר וועלן זיך מיט אים אָפּזעגענען, דאַרף מען נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן יענעם אומשטערבלעכקייט־געדאַנק, וועלכן

מעטערלינק געפינט אויס אין דעם לאַנד פון דער דערינערונג. דער געדאַנק קאָן אויסגעדריקט ווערן אין אַ פּאָר ווערטער. ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אומשטערבלעכקייט פאַר דעם מענטשן, סיידן די, וואָס אין דעם זכרון פון די לעבעדיקע מענטשן. און נאָר דער איז באמת אומשטערבלעך, ווער עס האָט אַריינגעפלאָכטן זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער געדאַנק אַליין, אויב איך האָב ניט קיין טעות, שטאַמט פון אָגיוסט קאָנט און איז שוין אָפטמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן זינט קאָנטס צייטן. אויף וויפיל ער קאָן אין גאַנצן אויסאיינען דעם מענטשן מיטן טויט און פאַרענטפערן פאַר אים די גרויסע שאלה, ווייס איך ניט. לאָמיך אייך זאָגן: דעם גאַנצן אמת גערעדט, האָלט איך עד היום, אַז דער טויט איז אַ סקאַנדאַל גדול ונורא, וואָס קאָן מיט קיין זאַך ניט פאַרענטפערט ווערן און מיט קיין זאַך ניט באַפּוצט ווערן, אַפילו ניט מיט די שיינע בלומען פון מעטערלינקס פּאָעטישן בית־עולם. אָבער אַ שטיקל טרייסט ליגט אפשר אין יענעם געדאַנק.

אין דער אמתן! דער סקאַנדאַל פון דעם טויט באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס „איך“ מוז שטאַרבן, נאָר אפשר נאָך מער אין דעם, וואָס די אַנדערע, די וואָס זיינען אונדז ליב און טייער, מוזן אַוועקגיין פון דער וועלט. מילא, מיט מיר ווי מיט מיר; איך קאָן מיך נאָך אפשר טרייסטן מיט דעם אַלטן ווערטל פון עפּיקור, אַז „איך קאָן ניט שטאַרבן, ווייל כל זמן 'איך' בין דאָ, איז דער טויט ניטאָ, און ווי נאָר עס קומט דער טויט, — ערשט איך בין שוין ניטאָ“. ווען מען טראַכט וועגן עפּיקורס געדאַנק, קאָן מען פילן אַ זיסע נקמה אָן דעם טויט. שטעלט אייך פאָר דעם משונה־אויס־געצויגענעם נאָז פון דעם טויט, בעת אָט־אָט וויל ער מיך כאַפּן, ערשט „איך“ בין שוין גאָר ניטאָ; אָבער אַלע מאָל — לאָמיך אייך זאָגן דעם אמת — קאָן איך דערביי ניט פאַרשטיקן די גרויסע שאלה: ווער בלייבט באמת מיט דער אויסגעצויגענער נאָז: איך אָדער דער טויט? אָבער, ווי די מעשה איז, עפּיקורס פיינע המצאה קאָן אונדז ניט געבן קיין סימן פון טרייסט, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם טויט פון אונדזערע ליבע. און דאָ קומט יענער קאָנטישער אומשטערבלעכקייט־געדאַנק און פרעגט אונדז: ווער זאָגט אייך, אַז זיי זיינען טויט? און וואָס האָט איר פאַרלאָרן מיט זייער טויט?

לאָמיר אין דער אמתן אַביסל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. נעמט די שענסטע מענטשלעכע פיגור, וואָס איז אייך אַמטייערסטן. איך וועל נעמען דעם מענטשן, וואָס איז מיר טייערער פאַר אַלע, וועלכע האָבן געלעבט ביז אַהער: ישעיה הנביא. פאַר וואָס זאָל דער טויט פון ישעיה הנביא אַזוי

באַטריבן מיין הארץ? שטעלט אייך פאָר, אַז איך דערוויס מיך גאָר אין ערנסט, אַז ישעיה הנביא איז קיינמאָל ניט געשטאָרבן, נאָר זיין גייסט איז אויף אייביק פאַרטונקלט געוואָרן און ער לעבט איצטער אין ניו־יאָרק, — אַ מיטאַרבעטער אין אַ געוויסער טעגלעכער יידישער צייטונג. עס פאַר־שטייט זיך, אַז ניט נאָר איז אין אים ניטאָ קיין שפור פון דעם אַלטן ישעיה; ער ווייס אַפילו ניט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ נביא און וואָס אַזוינס ער האָט געפּריידיקט אין זיין צושטאַנד פון נביאות. וואָלט מיך אַזאַ לייבלעכע אומשטערבלעכקייט ישעיהס צופרידנגעשטעלט? געוויס ניט! איך וואָלט געקוקט אויף דער לעבעדיקער שאָלעכץ פון דעם אַלטן גייסט און וואָלט מיר געזאָגט: פאַר אַ ישעיה הנביא איז, איידער אַזאַ לעבן, שוין טויזנט מאָל בעסער דער טויט. מיך פאַרדריסט, וואָס ישעיה הנביא איז ניטאָ, ניט דערפאַר, וואָס זיין קערפער איז פאַרשוואונדן, — זיין קערפער איז מיר קיינמאָל ניט געווען טייער, — נאָר ווייל זיין גייסט האָט אויפגעהערט צו שאַפן, ווייל די נבואה זיינע איז פאַרשטומט געוואָרן. אָבער דאָך מאַך איך טאַקע אַ געוואַלדיקן טעות. זיין נבואה איז ניט פאַרשטומט געוואָרן. זי קלינגט נאָך אַזוי פריש און לעבעדיק, אַקוראַט ווי אין דעם טאָג, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעגאָסן זיין הארץ פאַר דער מענטשהייט. וועט איר זאָגן: דערפאַר באַשאַפט ער אָבער ניט קיין נייע נביאות! אָבער — ווער זאָגט דאָס? האָט זיך דען ישעיהס גייסט ניט ווייטער אַנטוויקלט? איז ניט פון זיין „איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו״, — יעדערער אונטער זיין וויינגאָרטן און אונטער זיין פייגנבוים,—אויסגעוואַקסן דער גראַנדיעזער קאָמוניזם פון די איסיים? וואָס איז מיר און דער גאַנצער מענטשהייט די נפקא־מינה, צי ישעיה אַליין האָט געמאַכט יענעם געוואַלטיקן שריט, אָדער דאָס האָבן געטאָן זיינע תלמידים, די וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אונטער דער השפעה פון זיין גייסט? ישעיהס גייסט לעבט, ווירקט און אַנטוויקלט זיך; וועלכע סימנים פון אומשטערבלעכקייט דאַרפט איר נאָך? ער לעבט אייביק „אין דעם לאַנד פון דער דערינערונג״, אין דעם דאַנק־רייכן מענטשלעכן זכרון פון דורות און דורות. די מענטשהייט געדענקט אירע העלדן ווי אין דעם לעצטן מאָמענט פון זייער זיין, און אין דער דערינערונג זיינען זיי נאָך שענער, איידערביים לעבן.

„טילטיל: דו האָסט זיך ניט געענדערט, זיידעניו! קיין ברעקל ניט, קיין ברעקל ניט... און די באָבעניו האָט זיך אויך אַ סימן ניט געענדערט... איר זעט גאָר אויס שענער...

„דער זיידע: געוויס! מיר פילן זיך ניט שלעכט... מיר האָבן אויפ־געהערט זיך צו עלטערן.״

זיי שלאָפן, די אונדז ליבע, כל זמן מיר טראַכטן ניט וועגן זיי, און ווערן ווידער לעבעדיק, ווי נאָר זייער בילד וואַכט־אויף פאַר אונדזער גייסטיק אויג. און אַז טילטיל דערמאָנט דאָרטן דאָס וואָרט „טויט“, פאַרשטייען זיי ניט, וואָס דאָס באַטייט. „ווי נאַריש זיי זיינען דאָרטן אונטן“, זאָגן זיי אויף אונדז, וואָס גלויבן אין דעם אמתן, ניט אויף־צו־פליישנדיקן טויט... די אומשטערבלעכקייט אין דעם זכרון פון דער מענטשהייט איז פאַר אַ סך מאָדערנע מענטשן אַן אמתע טרייסט, ווייל — אויב מען קאָן ניט האָבן וואָס מען וויל, מוז מען וועלן וואָס מען האָט. אָבער „איז דען דאָס אַן ענטפער ?“ — פרעגט ווידער דער אַלטער מקשן היינע, און אַן עכאָ פון טויזנט דורות ענטפערט אים: תיקו. אויף יידיש ווערט דאָס געזונגען: „עס בלייבט דאָך פאָרט די אַלטע קשיא!“...

אָבער לאָמיר לאָזן די אַלטע קשיא, וועלכע די וועלט פרעגט און פרעגט און וועט ניט אויפהערן צו פרעגן. לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער „בלויען פויגל“.

אויב „דאָס לאַנד פון דער דערינערונג“ איז דער סימבאָל פון דער אַלטער היידנישער וועלט און דער געשיכטע פון דעם גייסטיקן עבר, איז דער צווייטער אָרט, וואו טילטיל זוכט דעם אַבסאָלוטן אמת, „די ממשלה פון דער נאַכט“, — דער סימבאָל פון דעם קריסטלעכן גלויביקן מיטל־אַלטער און דער רעליגיע איבערהויפּט, אויף וויפיל זי הערשט נאָך איצטער אין אונדזער גייסטיקן לעבן. די רעליגיע איז די צווייטע אינסטאַנץ, וואו מיר זוכן דעם אַבסאָלוטן אמת.

אין דעם פּאַלאַץ פון דער „נאַכט“ זיינען דאָ אַלערליי חדרים, פול מיט שרעקן און פיינטלעכע מאַכטן. אין איין חדר זיינען פאַרשלאָסן די געשפּענסטער, די שדים און רוחות; אין דעם אַנדערן — די פאַרשיידענע מינים קרענק און אָנשיקעכישן; אין דעם דריטן — דער קריג. נאָך אין איינעם — אַזעלכע שרעקן, פאַר וועלכע דער מענטש האָט נאָך גאָר קיין נאָמען ניט, וואָס פאַרשטיינערן איינעם, ווי נאָר מען טוט אַ בליק אויף זיי. פאַראַן אָבער אויך אַ חדר, אין וועלכן עס איז איינגעשלאָסן דער אומענדלעכער הימל מיט זיין גאַנצער פּראַכט. ווי איר זעט: דער גן־עדן און דער גיהנום געפינען זיך דאָרטן. די אַלע סטיכישע קרעפטן, — נאַטירלעכע, ווי די פאַרשיידענע חלאתן, און די סאָציאַלע, — ווי דער קריג, — שטייען אונטער דער ממשלה פון דער קעניגין נאַכט, — דעם רעליגיעזן גלויבן, וואָס איז אין מיטלאַלטער געווען די איינציקע אָרגאַניזירטע מאַכט, וואָס האָט געוועלטיקט אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע, איינגעשלאָסן די שרעקן און אַוועקגעשטעלט אונטער אַ קאָנטראָל, אָבער אויך אַרויסגעלאָזן

זיי אויף דער וועלט, ווען דאָס איז געווען בויטיק אין די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער רעליגיע.

אַז „די ממשלה פון דער נאַכט״ איז דער רעליגיעזער גלויבן און די גייסטיקע אַטמאָספּערע, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון איר, גייט אַרויס קלאָר און שאַרף פון דעם דיאַלאָג צווישן דער נאַכט און דער קאַץ, וואָס איז געקומען אָנזאָגן איר, אַז טילטיל קלייבט זיך אַרויסצורייסן פון איר מאַכט דעם „בלויען פויגל״.

„די קאַץ: . . . די נשמה פון ליכטיקייט, וואָס פירט אים (טילטילן), גיט אונדז אַלעמען אַרויס. זי האָט זיך אינגאַנצן אָוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון דעם מענטשן. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער ׳בלויער פויגל׳, דער אמתער, דער איינציקער, וואָס קאָן פאַרטראָגן דעם שיין פון טאָג, באַהאַלט זיך דאָ, וואו עס וואוינען די ׳בלויע פייגל׳ פון חלומות, וועלכע לעבן פון לבנה־שטראַלן און שטאַרבן, ווי נאָר זיי דערזעען דעם ליכטיקן שיין. די נשמה פון ליכטיקייט ווייס, אַז עס איז איר פאַרווערט אַריבער־צוטרעטן דעם שוועל פון אייער פּאַלאַץ, און דערפאַר שיקט זי אַהער די קינדער. איר אָבער קאָנט דאָך ניט פאַרמאַכן פאַרן מענטשן די טירן פון אייערע סודות, — איז ווייס איך ניט, וואָס עס וועט זיין דער סוף דער־פון... זאָל חלילה טרעפן דער אומגליק און זיי וועלן באַקומען אין זייער מאַכט דעם אמתן ׳בלויען פויגל׳, איז דעמאָלט — אויס מיט אונדז! מיר וועלן מוזן אויף אייביק פאַרשווינדן.

„די נאַכט: גאָט, מיין גאָט!... אין וואָס פאַר אַ צייטן מיר לעבן!... אַ מינוט לאָזט מען ניט צו רו... אין די לעצטע יאָרן האָב איך פּשוט אויפ־געהערט צו פאַרשטיין דעם מענטשן. וואוהין ציט אים? נישיים וויל ער וויסן אַלץ? ער האָט שוין אין זיין מאַכט אַ דריטל פון מיינע סודות: אַלע מיינע אָנשרעקענישן זיינען פול מיט פּחד, האָבן מורא דאָס הויז צו פאַר־לאָזן, מיינע רוחות און דיבוקים זיינען זיך צעלאָפן, און דער גרעסטער טייל פון מיינע חלאתן פילט זיך גאָר ניט פויגלדיק.

„די קאַץ: יאָ, אמת, שווערע צייטן. נאָר איך און דו קעמפן נאָך אַנטקעגן דעם מענטשן.״

ווען טילטיל קומט אין דער ממשלה פון דער נאַכט, מוז די נאַכט אים אַרויסגעבן אַלע שליסלען, און ער זוכט דורך אַלע אירע חדרים. פון איין חדר, וואו עס זיינען איינגעשלאָסן די שדים און רוחות, רייסן זיך אַרויס אַ פּאָר פון דער חברה, און מען פאַרטרייבט זיי צוריק. „זיי איז אומעטיק״, באַמערקט די נאַכט, „זינט דער מענטש האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר זיי.״ ביי דעם חדר פון די קראַנקהייטן באַרואיקט זי טילטילן, אַז

פאַר זיי איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך: „זיי זיינען נעבעך געוואָרן רואיק, די אָרעמע באַשעפענישן... ניט גוט איז זיי. פון אַ צייט אָן לאָזט זיי דער מענטש ניט אָן אָטעם־טאָן פריי. רק ער פירט מלחמה מיט זיי. דער עיקר, די מיקראָבן; ווי נאָר מען האָט זיי אויסגעפונען, איז גאָר אַ צרה."

די „נאַכט" האָט אַמאָל געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט. די רעליגיע איז געווען דער איינציקער מיטל אַנט־קעגן אַלע פיינטלעכע מאַכטן. אין אירע חדרים, דערציילט זי טילטילן, זיינען איינגעשלאָסן אַלע מענטשלעכע פּלאָגן, אַלע אָנשיקענישן, אַלע מגפות, צרות, קאַטאַסטראָפעס, אַלע געהיימניספולע שרעקן, וואָס האָבן פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון דעם אָנהויב פון די צייטן. „געגנוג כוחות האָט מיך געקאָסט, ביז איך האָב זיי אַלעמען אַריינגעשפּאַרט אַהער מיט דער הילף פון דעם שיקזאַל." און עס פאַרדריסט איר, דער נאַכט, וואָס איצטער לערנט זיך דער מענטש אינגאַנצן אויסצוקומען אָן איר הילף.

אַלע חדרים האָט טילטיל דורכגעזוכט. אויך דעם, וואו עס ליגן די אַלט־געוואָרענע שטערן, דער נאַכט־טוי און די נאַכטיגאַל־קלאַנגען, — ערגעץ־וואו ניטאָ דער „בלויער פויגל". עס איז געבליבן נאָר איין חדר, אָבער די נאַכט וויל מיט אַלע כוחות ניט דערלאָזן, טילטיל זאָל אַריינבליקן אַהין. זי פּרואווט אים אָנשרעקן מיט דער סכנה, וואָס אויף אים וואַרט דאָרטן.

„די נאַכט (מוטערלעך): הער מיך אויס, מיין קינד. איך בין געווען גוט צו דיר, איך האָב דיר געטאָן אַלץ, וואָס דו האָסט געוואָלט, דאָס וואָס איך וואָלט פאַר אָן אַנדערן קיינמאָל ניט געטאָן. איך האָב דיר געעפנט אַלע מיינע סודות... דו ביסט מיר ליב געוואָרן... אַ רחמנות אויף דיין יוגנט און דיין אומשולד... איך רעד צו דיר איצטער, ווי אַ מאַמע. פאָלג מיך, גלויב מיר, מיין קינד, פּרואוו ניט דעם מזל — עפן ניט די טיר!

„טילטיל (אַביסל שוואַנקענדיק): אָבער, אייגנטלעך, פאַרוואָס?

„די נאַכט: ווייל איך וויל ניט, דו זאָלסט געניזקט ווערן. ווייל קיין איינציקער פון די — דו הערסט? — קיין איינציקער פון די, וואָס האָבן געעפנט די טיר אַפילו נאָר אויף אַזוי פיל ווי אַ האָר איז ברייט, האָט זיך ניט צוריקגעקערט צום לעבן און צו דעם שיין פון דער זון. ווייל יעדע שרעקלעכע זאַך, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, אַלע שוידערלעכקייטן און טויט־שרעקענישן, וועגן וועלכע מען רעדט אויף דער ערד, זיינען אַ גאָרנישט לגבי דעם קלענסטן פּחד, וואָס וואַרט אויפן מענטשן, ווי נאָר זיין בליק דערנעענטערט זיך צו דעם ברעג פון יענעם אָפּגרונט, וועלכן קיינער האָט ניט דעם קוראַזש אָנצורופן מיט אַ נאָמען."

אויף אַלע, וואָס גייען מיט טילטילן, פֿאַלט אָן אַן אימה ביי די רייד פֿון דער נאַכט, און אַלע בעטן זיך ביי אים, ער זאָל ניט עפֿענען די געהיימניספֿולע טיר. נאָר טילטיל און טילאָ, זיין הונט, פֿאַרלירן ניט דעם מוט — און די שרעקלעכע טיר ווערט געעפֿנט. אָבער אַנשטאָט די אַלע אויסגעטראַכטע שרעקענישן פֿון דער מוטער נאַכט, עפֿנט זיך פֿאַרן אויג דער רעליגיעזער גן־עדן אין זיין גאַנצן הימלישן צויבער:

„אַן אומענדלעכער, אומאויסדריקלעך־שיינער צויבער־גאָרטן פֿון טרוימען און נאַכטלעכן שיין. צווישן שטערן און פּלאַנעטן פֿליען אַרום צויבערלעכע בלויע פֿייגל פֿון איין איידלשטיין אויף דעם אַנדערן, פֿון איין לבנה־שטראַל אויף דעם אַנדערן, באַלייכטנדיק אַלץ וואָס זיי באַרירן. זיי שוועבן האַרמאָניש און אָן אויפֿהער ביז צו די וויטסטע ברעגן פֿון דעם האָריזאָנט. עס איז אַ שלל פֿון בלויע פֿויגלען, און עס דוכט זיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען דער אָטעם, די הימל־בלויע אַטמאָספֿערע און דאָס לעבן גופֿא פֿון דעם צויבערלעכן גאָרטן.“

טילטיל שטייט פֿאַרבלענדט, פֿאַרווירט, אין דעם שיין וואָס באַלייכט דעם גאָרטן, און שרייט:

„דאָס איז דאָך דער הימל!... קומט אַהער! אָט זיינען זיי... זיי זיינען דאָ... זיי זיינען דאָ... זיי זיינען דאָ! ענדלעך האָבן מיר זיי... טויזנטער בלויע פֿייגל, מיליאָנען... מיליאַרדן! שוין מער, איידער מען דאַרף...“ „מען קאָן זיי נעמען מיט הוילע הענט...“ „זעט, זעט: זיי עסן שטראַלן, לבנה־שטראַלן.“

טילטיל, מיטיל און דער הונט טילאָ פֿאַנגען אַזוי פֿיל פֿייגל, וויפֿיל זיי קאָנען נאָר פֿאַרטראָגן, און גייען אַרויס גליקלעכע פֿונעם גן־עדן.

געבליבן אַליין, גייען די נאַכט און די קאַץ און קוקן אַריין מיט אַנגסט אינעם גאָרטן.

„די נאַכט: אים אָבער האָבן זיי ניט געכאַפּט.

„די קאַץ: ניין, ער איז דאָרטן, אויף דעם שטראַל פֿון דער לבנה. זיי האָבן אים ניט געקאָנט דערלאַנגען: ער איז געזעסן צו הויך.“

נו — און דער שלל בלויע פֿייגל, וואָס די קינדער האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון גאָרטן? — וואָס איז געוואָרן פֿון זיי? אַך! ווי נאָר מען האָט זיי אַרויסגעטראָגן דרויסן, זיינען זיי געפֿאַלן טויטע.

דער סימבאָל פֿון דער סצענע איז צו קלאָר, איך זאָל אים דאַרפֿן אויסטייטשן באריכות. די רעליגיע האָט אין זיך אַ סך „אַבסאָלוטע אמתן“: דער ים־סוף האָט זיך געשפּאָלטן, ווען די יידן זיינען געגאַנגען פֿון מצרים — אַן אַבסאָלוטער אמת פֿאַר דעם גלויביקן יידן; די לבנה האָט זיך צע־

בראָכן אויף צווייען און איז געגאַנגען הקפות אַרום דעם הייליקן קאַאַבאַ — אַן אַבסאָלוטער אמת פאַר דעם גלויביקן מאַכמעדאַנער. מיט תפילות און תעניתים קאָן מען איבערבעטן דעם צעצאָרנטן גאָט — אַן אַבסאָלוטער אמת פאַר אַלע גלויביקע קאָנפעסיעס. און נאָך טויזנטער און טויזנטער אַנדערע „בלויע פייגל“, וואָס שפייזן זיך פון באַכטלעכע טרוימען, האָט די רעליגיע פאַר דעם מענטשן — „שוין אַביסל מער, איידער מען דאַרף“, ווי טילטיל באַמערקט גאַנץ ריכטיק. אָבער די אַלע אַבסאָלוטע אמתן לעבן נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען געפינט זיך אין דער לאַזורנער אַטמאָספערע פון דעם רעליגיעזן גלויבן. קוים טראָגט איר זיי אַרויס אויף דעם שיין פון דעם מענטשלעכן שכל, אַזוי ווערן ביי זיי אַראָפּגעהאַנגען די בלויע קעפּלעך: עס גייט זיי אויס דער אָטעם.

און פונדעסטוועגן האָט די רעליגיע, די ממשלה פון דער איבערנאַטיר־לעכער וועלט, פון דעם גייסטיקן פּרינציפּ, וואָס באַהערשט דאָס גאַנצע זיין, אַ „בלויען פויגל“, אַן אַבסאָלוטן אמת אין זיך. און ניט נאָר אין זיך גופא, נאָר אפשר, לפּחות, אַ פּונק פון אים — אין דעם רעליגיעזן טרוים פון דעם מענטשן, אין יענע האַלב־אַרויסגעשטאַמלטע געדאַנקלעכע פאָר־שפּירונגען (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן), וואָס געפינען זיך אין יעדער רעליגיע, — געדאַנקלעכע פאָר־געפילן פון דעם הייליקן און דעם אומענדלעכן, וואָס פאַרשווינדן ניט מיט דעם שטראָם פון דער צייט, וואָס גייען־איבער פון דור צו דור, פון רעליגיעזן פעריאָד צו רעליגיעזן פעריאָד און מאַכן די רעליגיע פאַר אַן אייביקן צווייג פון דער מענטשלעכער קול־טור. אָבער יענער אַבסאָלוטער אמת זיצט צו הויך און צו ווייט „אויף אַ שטראַל פון דער לבנה“ — און דער מענטשלעכער שכל, אַפילו דער רעליגיעזער, קאָן קיינמאָל ניט ווערן דער אויבערהאַר איבער אים.

אָבער אויב דער וועג פון דעם רעליגיעזן גלויבן און פאָרשן קאָן אונדז ניט פירן צו דעם אַבסאָלוטן אמת אין דער דערקענטעניש פון דעם העכסטן גוט, — זאָלן מיר אפשר אַ פּרואוו טאָן אונדזער מזל אין דער אויספאָרשונג פון דער נאַטור? די וועלט איז דאָך סוף־כל־סוף די נאַטור און דעריבער מוז דער תוך פון דער וועלט ליגן ערגעץ־וואו פאַרבאָרגן אין איר. די מענטשהייט, איינגעמאַטערט פון דעם צאַפּלען זיך אין די נעצן פון דעם רעליגיעזן דענקען, הונגעריק געבליבן נאָך דער רייכער סעודה פון לבנה־שטראַלן, מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּייזט, ווענדט אָפּ אירע בליקן פון דעם הימל צו דער ערד, פון דעם איבערנאַטירלעכן זיין צו דעם זיין, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזערע חושים, צו דעם זיין פון דער נאַטור. דאָס איז געשען אין יענער צייט נאָך דעם מיטלאַלטער, וואָס טראָגט אין דער

געשיכטע פון דעם מענטשלעכן דענקען דעם נאָמען: די ווידערגעבורטס־צייט, די רענעסאַנס, — טילטיל גייט זוכן דעם „בלויען פויגל״ אין דעם וואַלד.

דער וואַלד איז דער סימבאָל פון אַלץ, וואָס איז פאַרסודעט אין דער נאַטור, און גאַנץ פאַסיק האָט דער ערשטער גרויסער דענקער, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער רענעסאַנס־צייט, ווי איר אָפּשלוס און בעסטע פרוכט, אין דער זעלביקער צייט ווי דער אָנהויב פון דעם נייעם פעריאָד אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, — גאַנץ פאַסיק, זאָג איך, האָט פרענסיס בעקאָן, דער פאָטער פון אונדזער מאָדערנער נאַטור־וויסנשאַפט, דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן טייל פון זיין הויפּט־ווערק אַ נאָמען געגעבן „סילוואַ סילוואַרום״ — „אַ וואַלד פון וועלדער״. וואָס ווייטער מיר דרינגען אַריין אין די טיפענישן פון דעם וואַלד, אַלץ ערנסטער און שטומער קוקט אונדז אַנטקעגן זיין אייביקער שווייגן.

אונדזער שטודיום פון דער נאַטור איז ניט נאָר אַ טעאָרעטישער, ער איז אויך אַ פּראַקטישער, און אויף דעם געביט פון דעם פּראַקטישן לעבן, אין דעם קאַמף פאַר דער הערשאַפט איבער די נאַטירלעכע כוחות האָט דער מענטש געוואונען ניט איין נצחון, און די כראָניק פון זיינע טריאומפן אויף דעם פעלד פון נאַטור־וויסנשאַפט און טעכניק וואַקסט — קיין עין־הרע — פון טאָג צו טאָג. אָבער צוריק — וויפיל נקמה דערלעבט דאָס די נאַטור אָן אונדז, פון דעם קליינעם מיקראָב אָן, ביז צו דעם הויכן סאָסנע־בוים, וואָס גיט אונדז מיט שמחה די פיר ברעטלעך פאַר אונדזער קבר.

אין דער נאַטור ליגט באַהאַלטן דער אַבסאָלוטער אמת, אָבער — ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דער קאַמף פון דעם מענטשן אַנטקעגן דער טבע, ווי זיכער עס זאָל ניט זיין סוף־כל־סוף זיין נצחון איבער דעם וואַלד, — דעם „בלויען פויגל״ פון דעם וואַלד ברענגט ער ניט פון דאָרטן אַהיים.

דאָס איז דער קורצער געדאַנקלעכער אינהאַלט פון יענע סימבאָלן, וואָס ווערן פאָרגעפירט אין דער סצענע פון וואַלד, ווען אַלע קרעפטן פון דער לעבעדיקער נאַטור ווערן אויפגערודערט צום קאַמף אַנטקעגן דעם מענטשן, וואָס איז געקומען צו זיי נאָך דעם „בלויען פויגל״.

דער שטרייט מיט דעם מענטשן ווערט אָנגעפירט פון אַ דעמב, דעם אַלטן הערשער פון וואַלד. „דער דעמב איז אַן אַלטער זקן. דער קאָפּ איז באַדעקט מיט אַ קרוין פון וויסק־בלעטער. ער טראָגט אַ לאַנגן, גרינעם מאַנטל מיט אַ זוים פון מאָך. ער איז בלינד; זיין ווייסע באָרד שוועבט דורך דעםווינט. מיט איין האַנט שטיצט ער זיך אויף אַ גראָבן, געדרייטן

שטעקן און מיט דער אַנדערער אויף אַ יונגן דעמבעבנעם בוימל, וואָס דינט אים ווי אַ פירער. דער בלויער פויגל שטייט ביי אים אויפן אַקסל."

איך וועל אייך דאָ ניט אויפהאַלטן מיט די איינצלנע שיינע מאָמענטן, וואָס געפינען זיך אין דעם אַקט פון דעם וואַלד. פאַר מיר איז וויכטיק דער הויפט־סימבאָל — און ער קאָן געצייכנט ווערן מיט אַ פּאָר שטריכן.

אויפגערודערט אַנטקעגן דעם מענטשן ווערן אויך דאָ די פיינטלעכע מאַכטן אַדאַנק דער מסירה פון דער קאַץ. דאָס לעבן פון טילטיל און זיין שוועסטערל שטייט אין ערנסטער געפאַר, ווייל יעדער בוים און יעדע חיה וויל נקמה נעמען פון די קינדער פאַר אַלדאָס בייז, וואָס דער מענטש האָט אָנגעטאָן זייער מין. בראַוו און מוטיק האַלט זיך טילטיל, מיט מסירת־נפש פאַר אים קעמפט זיין טרייער הונט און — וואָלט ניט די נשמה פון ליכטיקייט געקומען צו הילף, וואָלט אפשר שוין געווען אַ סוף צו טילטילן. ער קאָן זיין צופרידן, וואָס ער איז אַרויס אַ גאַנצער מיט לעבן. דעם „בלויען פויגל" האָט ער ניט געקאָנט קריגן: אויף דעם וועג פון נאַטור־וויסנשאַפט דערגרייכן מיר ניט דעם אַבסאָלוטן אמת.

די פּאָר סימבאָלן, וואָס זיינען אונדז נאָך געבליבן, קאָנען מיר באַ־שפרעכן גאַנץ קורץ. דער גרונד־געדאַנק — האָף איך — איז שוין אונדז געוואָרן קלאָר און מיר נויטיקן זיך מער ניט אין קיין באַווייזן צוליב אים.

נאָך דעם וואַלד גייען די קינדער אויפן בית־עולם צו די מתים, טאָמער האָט איינער פון זיי באַהאַלטן דעם פויגל ביי זיך אין קבר. אָבער דאָרטן קאָן דער „בלויער פויגל" זיך ניט געפינען. מיר ווייסן שוין: „ס'איז ניטאָ קיין מתים."

און איצטער, ווען די פאַרגאַנגענהייט און די געגנוואַרט איז שוין אויס־געפאָרשט געוואָרן, בלייבט נאָר איין ממשלה, וואו צו זוכן דעם „בלויען פויגל" — אין דער צוקונפט. אויב מיר קאָנען איצטער דעם אַבסאָלוטן אמת ניט געפינען, לאָמיר וויניקסטנס לעבן מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך פאַר אונדזערע אייניקלעך אָדער אור־אור־אור־אייניקלעך אין אַ ווייטסטן גליד אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצער פּראַכט. אָבער אויך די האָפענונג רייבט פון אונדז מעטערלינק אַוועק מיט זיין „בלויען פויגל"... און אָט דעם טרויעריקן רעזולטאַט דערציילט ער אונדז אין אַ קאַפּיטל פון זיין ווערק, וואו פון יעדער שורה שפריצט אַזוי פיל גלויבן אין דעם לעבן און אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אין דער שילדערונג פון דער „ממשלה פון דער צוקונפט" דערגרייכט מעטערלינקס אָפּטימיזם זיין גרעסטע הויך. עס איז דער קלימאַקס פון זיין שיר־השירים.

די סצענע שפּילט זיך אָפּ אין אַ לאַזורנעם פּאַלאַץ, וואו עס וואַרטן די

קינדער, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן. דאָרטן גרייטן זיך צו צו זייער קינפטיקן לעבן אויך די גרויסע העלדן פון דער מענטשהייט, די בויער פון איר צוקונפטיקער קולטור. און וואָס פאַר אַ שיינע זאַכן זיי בויען דאָרטן פאַר אונדז, וואָס פאַר אַ מתנות זיי וועלן דאָס ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט!

מיר האָבן שוין געזען, אַז איינער דאַרף דערפינדן דאָס, וואָס וועט מאַכן גליקלעך דעם מענטשן. איינער האָט אַנגעגרייט עפּעס אויף צו פאַר־לענגערן דאָס לעבן און נאָך איינער, קאָן זיין, וועט אפשר אײַנגאַנצן באַ־פרייען די מענטשהייט פון טויט. דער האָט אויסגעטראַכט אַ נייעם קוואַל פון דער שענסטער באַלייכטונג; יענער ווייס, ווי אַזוי צו באַקומען ריינע פרייד דורך געדאַנקען. נאָר ניט קיין איבעריקע זאַך איז אויך דער נייער מין פייער, מיט וועלכן איינער וויל דערוואַרעמען די ערד, ווען זי וועט שוין ווערן קאַלט... אמת, עס וועט נאָך געדויערן אַביסל ביז די ערד־קינדער וועלן זיך נויטיקן אין אים; אָבער פאַר וואָס זאָל ניט זיין פאַרוואָרנט לכתחילה, אַז ווען מען וועט דאַרפן דעם פייער, וועט ער אים שוין ברענגען. דער לאַזורנער ייִנגעלע פון דער צוקונפטס ממשלה, וועלכע ווערט באַ־הערשט דורך די באַפעלן פון דעם לעבן. און איינער וועט גאָר אײַנגאַנצן מבטל זיין דעם אומרעכט צווישן מענטשן. אָבער — ווען? כ׳לעבן, דאָס האָט געמאָגט זיין אַביסל פריער, איידער אונדזער „אַלטעטשקע״־ערד וועט דאַרפן זיצן ביים קאַמין און זיך וואַרעמען די הענט פאַר אַ קינסטלעכן פייער.

אָבער דער „ווען״ איז אַן אייביקע געהיימניש. די צייט ריכט אויס די קינדער אויף דער וועלט דורך דעם פּאָרט פון דער מאָרגן־רויט און זי, די צייט, ווייס שוין וואָס זי טוט. קומט די צייט צו גיין אויף דער וועלט, העלפט ניט קיין טענות ומענות. מען מוז גיין, אַקוראַט ווי שפּעטער, ווען מען וועט דאַרפן צוריק. אָט, צ. ב. ווי די צייט „באַלעבאַטעוועט״, בעת זי ריכט אויס דעם טעגלעכן טראַנספּאָרט אויף דער ערד.

„די צייט: אײַנציקווייז! אײַנציקווייז!... ווידער געקומען מער, איידער מען דאַרף... אייביק די זעלביקע מעשה. מיך וועט איר ניט אָפּ־נאַרן. (שטופּט איינעם אָפּ צוריק). ניט דיין צייט... און אויך ניט דיינע. גיי און קום צוריק ערשט אין צען יאָר אַרום. אַ דרייצנטער פּאַסטוך. מען דאַרף ניט מער ווי צוועלף זיי זיינען סתם שוין איבעריק: מיר לעבן ניט אין טעאָקריטס צייטן אָדער ווערגילס... ווידער דאָקטוירים! עס איז שוין אָן אייך גענוג מעדיקער אויף דער וועלט. אַלע באַקלאָגן זיך... און וואו זיינען די אינזשענערן? מען פאָדערט אויך אָן ערלעכן מענטשן, נאָר

איינעם, ווי אַן אויסנאַם... איז וואו איז דער ערלעכער מענטש? דאָס ביסטו? (דאָס יינגל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ"). שוין גאָר אַ צרהדיקער אויסזען ביי דיר... העי, דאָרטן, זייט אַביסל שטילער, כאַפּט נישט!... און דו — וואָס פירסטו מיט זיך? גאָרנישט? ווילסט דורכגיין מיט ליידיקע הענט... אַז אָסור! גרייט עפּעס אָן; עס זאָל עפּעס זיין. (באַמערקט אַ יינגל, וועלכן מען שטופּט פאָראויס און ער שפּאַרט זיך איין מיט אַלע כוחות). וואָס איז דאָס אַזוינס? דו ווייסט דאָך, אַז דיין צייט איז געקומען... מען דאַרף האָבן אַ העלד, וואָס זאָל באַזיגן די אומגערעכטיקייט. דאָס ביסטו דאָך — איז גיי!

„די לאַזורנע קינדער: ער וויל ניט...

„די צייט: וואָס הייסט ער וויל ניט? וואָס טראַכט ער זיך, דער קליינער מפיל? אָן טענות! ניטאָ קיין צייט.

„דאָס יינגעלע (שפּאַרט זיך איין): איך וויל ניט, בעסער גאָר ניט געבוירן ווערן. איכ׳ל בלייבן דאָ.

„די צייט: קיינער פרעגט ביי דיר ניט. קומט די צייט, דאַרף מען גיין — און אַ סוף מיט אַן עק. גיכער! גיכער!"

געוויס, פאַראַן אויך דאָרטן קינדערלעך, וואָס האַלטן פון דעם אַלטן יידישן כלל, אַז נח לו לאדם שלא נברא משנברא, — בעסער פאַר דעם מענטשן ניט געבוירן צו ווערן, איידער געבוירן צו ווערן. משמעות, אַז פון זיי שטאַמט דאָס דער פעסימיזם אויף דער וועלט. אָבער זיי זיינען דאָרטן אַקוראַט אַזוי ווייניק ווי דאָ. און אויך דאָרטן האָבן זיי ניט קיין ברעקל ברירה. די צייט איז אומברחמנותדיק און אויף אַלע טענות ענטפערט זי: „ניט מיין דאגה! גייט, ברענגט אייערע קלאָגעס צו דעם לעבן. איך בינד צונויף און שייד פאַנאַנדער, נאָר ווי דאָס לעבן באַפעלט." דאָס רוב אָבער ווילן אַלע געבוירן ווערן, ווען עס צייט איז שוין געקומען. מען האָט אַפילו געכאַפּט איינעם, וואָס האָט זיך שוין צום דריטן מאָל געוואָלט דורכגנבענען פאַר דער צייט... און אַז דער אָקרעט מיט די קינדער שווימט אַוועק אויף די וואָלקנס פון דער מאָרגנרויט און די קינדער דערזעען די ערד, דערהויבן זיך פריידיקע געשרייען: „די ערד! די ערד! איך זע זי. ווי שיין זי איז! וואָס פאַר אַ ליכטיקע! וואָס פאַר אַ גרויסע!" און זיי אַנטקעגן טראָגט זיך אַ געזאַנג פון די מוטערס, פול מיט פרייד און דערוואַרטונג.

איז אין דער ממשלה פון דער צוקונפט פאַראַן אַ „בלויער פויגל"? אַוודאי! און געכאַפּט האָט מען אים אויך: ניט קיין אַנדערער, ווי די נשמה פון דעם ליכטיקן שיין בכבודה ובעצמה. אָבער — וואָס איז געווען

דער רעזולטאַט? עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז ניט קיין אמתער: ער האָט באַלד געביטן זיין פאַרב, ער איז געוואָרן רויז...

וואָס איז דער נמשל פון דעם משל? — גאָר אַ פשוטער נמשל. ווען מיר פאַנטאַזירן וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, גלויבן מיר, אַז זי וועט ווען עס איז געפינען דעם אַבסאָלוטן אמת. אָבער — מיר מעגן ווי שטאַרק גלויבן אין דער מאַכט פון דעם מענטשלעכן שכל — איז דאָס נאָר אַ ראָזעווע, מיט קיין זאַך ניט איינגעפונדעוועטע האָפענונג און — ניט מער!

אָבער נאָך אַן אַנדערער, שוין אַביסל אַ טיפערער, געדאַנק שטעקט אין דעם זעלביקן סימבאָל. ווי אָפט זאָגן מיר נביאות וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט און ווי אָפט שמועסן מיר זיך איין, אַז די נביאות זיינען אויפגעבויט אויף דעם פעסטעסטן גרונד פון דער פינקטלעכסטער וויסנשאַפט. אָבער די אַלע נביאות, מיט דעם „אייזערנעם גאַנג פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג״, אויף וועלכן זיי זיינען געבויט, זיינען אין תוך אַריין, ווען מען באַלייכט זיי מיט דעם העלן שיין פון דעם קריטישן געדאַנק, ניט קיין „בלויער״ אמת פון דער פינקטלעכער וויסנשאַפט, נאָר אַ „ראָזעווער״ חלום פון דער צעגליטער פאַנטאַזיע — און דעם גלויבן אין דעם מענטשן...

דער סך־הכל פון טילטילס זוכן איז, ווי איר זעט, גאָר ניט קיין געראָטענער. „ניטאָ ביי מיר דער ׳בלויער פויגל׳,״ באַקלאָגט ער זיך צום סוף פון דער נסיעה. „דער פון דעם דערינערונג־לאַנד איז געוואָרן שוואַרץ; דער פון דער צוקונפט איז געוואָרן רויז; די פייגעלעך פון דער נאַכט זיינען טויט, און דעם פויגל פון דעם וואַלד האָב איך ניט געקאָנט פאַנגען. בין איך דען שולדיק, וואָס זיי בייטן די פאַרב, אָדער שטאַרבן, אָדער גליטשן זיך אַרויס פון די הענט? וועט די פייע ניט זיין אין כעס? וואָס וועט זי זאָגן?״

„מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקאָנט״, טרייסט אים דער ליכטיקער שיין. „ס׳קאָן זיין, עס איז גאָר ניטאָ קיין בלויער פויגל, און אפשר בייט ער זיין פאַרב, ווי נאָר מען זעצט אים אַריין אין שטייגל.״

אויב איך האָב געטראָפן מיט מיין סברה, אַז די פייע איז די מעטאַפיזיק, ווייס איך גאַנץ גוט, וואָס זי וועט זאָגן. פאַר איר זיינען דאָס ניט קיין תירוצים. זי דאַרף האָבן דעם אמתן „בלויען פויגל״ און דווקא אין שטייגל. זי וועט זיין אין כעס אויף זיך אַליין, וואָס זי האָט געשיקט די קינדער דורך אַזאַ פשוטן וועג ווי — גיין דורכן פענצטער. געדאַרפט האָט מען גאַנץ באַשטימט קריכן דורכן קוימען, און אַן אַנדערש מאָל וועט זי גאַנץ

געוויס לאָזן אויספּרואוון דעם ריכטיקן וועג... אָבער איך וואָלט איר געגעבן אַזאַ'ן עצה. לאָז זי אויסקלויבן די צייט און דעם וועג, וואָס זיינען שוין מיט אַזוי פיל מזל אויסגעפּרואווט געוואָרן אין די יידישע פאָלקס־מעשה־לעך: זאָל זי אָפּוואַרטן, ביז שבת־צו־נאַכט וועט אויספאַלן אום מיטוואָך נאָך האַלבן טאָג און לאָז זי לאָזן די קינדער זיך גליטשן אויף אַ לונג־און־לעבערל פון אַ ניסל, אויף וועלכן די באַרימטע דריי לעבעדיקע מתים האָבן זיך געגליטשט, און דעמאָלט קאָן זי זיין זיכער, אַז זיי וועלן זיך שנעל דערגליטשן ביז צו דעם אמתן „בלויען פויגל״.

אָבער אונדזערע עצות דערגייען שוין ניט צו דער צויבער־פייע... אין דעם לעצטן אַקט האָבן זיך די קינדער אויפגעכאַפּט ביי זיך אין דער היים, און דאָ דערמאָנט זיך טילטיל אָן זיין טורטל־טויב, וואָס הענגט ביי אים אין שטייגל:

„זע, זע!״ — ווערט ער פול מיט התפעלות. „ער איז בלוי! דאָס איז דאָך מיין טייבעלע... אָבער ער איז איצטער אַ סך בלויער, איידער פריער, ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען... זע, דאָס איז דאָך דער 'בלויער פויגל', וואָס מיר האָבן אים געזוכט. מיר זיינען אַזוי ווייט געגאַנגען נאָך אים, און ער איז גאָר דאָ... אָט איז דיר אַ מעשה!״ אויך די צויבערהאַפטע פייע בערילונאַ ווערט צוריק פאַרוואַנדלט אין דער פּשוטער אַלטעטשקער, דער פויערטע בערלענגאַ, מיט איר לעבעדיקער אָבער קראַנקער אייניקל, וואָס נעמט פאַר גוט דעם ניט גאָר 'בלויען' היימישן פויגל פון טילטילס שטייגל: זי איז צופרידן מיט יענע אמתן, וואָס דער מענטש ברענגט אַרויס פאַר זיינע לעבנס־נויטן, וועלכן אויך טילטיל האָט גענומען גאָר אַנדערש שעצן, נאָך די נסיונות פון זיין רייזע. אמת, אויך אָט דער פויגל האָט זיך אַרויס־געריסן פון די קינדערס הענט. און דאָס טרעפט זיך מיט דעם מענטשן גאַנץ אָפט. עס זיינען דאָ גענוג צייטן, ווען דער איינצל־מענטש אָדער אַפילו אַ גאַנצער דור פאַרלירט דעם מענטשלעכן אמת פון אויג. אָבער שטאַרק טרויערן וועגן דעם זאָלן מיר ניט: טילטיל איז גערעכט. „ניש־קשה, ניט וויין״, זאָגט ער, „איך וועל אים שוין כאַפּן״, — ווייל אָן אַן אמת קאָן דער מענטש ניט לעבן.

מיר זיינען איצטער ביים סוף פון דער מעשהלע. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט נאָך אַביסל מער אָפּשטעלן אויף דעם סימבאָל פון דער קאַץ, דער אינטריגערישער מסורטע, דעם פיינט פון דעם פרייען געדאַנק, דעם פאַר־בינדעטן פון דער נאַכט, וואָס אים לאָזט מעטערלינק אַרויסגיין אין דער מאַסקע פון אַ פראַנצויזישן דיפּלאָמאַט; אויף דעם סימבאָל פון דעם טרייען בולדאָג, וועלכן ער לאָזט אויסזען ווי דעם ענגלישן דזשאָן בול אין דער

מאָדערנער קאַריקאַטור; אויף דעם סימבאָל פון דעם באַלעבאַטישן, דורך־און־דורך בורזשואַזן ברויט; אויף דעם זיסן, טוגנטהאַפטיקן צוקער, וואָס ברעכט אָפּ זיינע צוקער־פינגער פאַר דעם מענטש, — שוין אַ צו זיסע פיגור, וואָס שמעקט מיט לאַקרעץ פון די טאָג־טעגלעכע מאָראַל־פרײדיקער. — אָבער — לאָמיר דאָס אַלץ לאָזן אָן אַ זייט. לאָמיר ניט פאַרגעסן, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, — אַז די בלוי־אויגיקע קינדער־מעשהלע מעטער־לינקס איז ניט קיין פילאָסאָפישע אַלעגאָריע, נאָר אַ פילאָסאָפישער סימבאָל, און עס איז געווען אַז מען קאָן אַרויסברענגען זיין גרונד־געדאַנק.

און דער גרונד־געדאַנק איז: דער אַבסאָלוטער אמת, נאָך וועלכן עס יאָגט זיך דער מעטאַפיזישער געדאַנק, איז ניט פאַר דעם מענטשנס כוחות. לאָמיר זיך צופרידנשטעלן מיט יענעם אמת, וואָס קאָן באַשאַפן ווערן פון דעם מענטשן, ווייל קיין אַנדערן האָט מען פאַר אונדז ניט אָנגעגרייט. און דער מענטשלעכער איז גענוג, כדי אויף אים צו בויען דעם מענטשנס גליק.

הייסט דאָס, אָבער, אַז מיר זאָלן זיך איגנאָנצן אָפּזאָגן צו פאַרלאָזן די געזעענע וועלט פון די חושים און זיך גאָר ניט אַריינלאָזן אין דער גע־טראַכטער וועלט פון דעם מענטשלעכן שכל? ניין, דאָס איז נאָך דערפון ניט געדרונגען. דער מענטש מוז זוכן דעם אמת, און פון זיין האַרצן קאָן מען קיינמאָל ניט אויסוואָרצלען דעם גלויבן, אַז ער גייט זוכן ניט דעם שאָטן פון זיין אייגענער נאַטור, נאָר די צענטראַל־זון פון דער אייביקער וועלט; און אַז דאָס וואָס ער האָט געפונען, איז ניט אַ דמיון פון אַ וועלט־אמת, נאָר דער „אייביקער בלויער פויגל" אין זיין גאַנצן אייביק־אומ־פאַרענדערלעכן אמת. דאָס איז אַן אילוזיע פון דעם מענטשנס שכלדיקן אויג, אָבער אַ נויטווענדיקע אילוזיע, פון וועלכער ער קאָן זיך ניט באַפרייען.

און אַלע מאָל, ווען מיר פאַלן אַריין אין דער מאַכט פון דער אילוזיע, דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, אַז אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער שכל ברענגט אַרויס, איז פאָרט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשלעכן שכל, וואָס קאָן זיך בשום אופן ניט אַרויסרייסן פון יענע גרענעצן, וואָס זיינען אַרומגעצירקלט געוואָרן אַרום זיין נאַטור.

מיר דאַרפן, סוף־כל־סוף, ניט קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די מעטאַ־פיזישע אילוזיעס. זיי זיינען אַקוראַט אַזוי נויטיק פאַרן שכל, ווי די אילוזיעס פון פאַרבן פאַרן אויג. מיר דאַרפן נאָר פאַרשטיין זייער טבע און זייער גרענעץ.

און אונטער דער שליטה פון דער דאָזיקער אילוזיע, וועלן מיר נאָך ניט איין מאָל גיין זוכן דעם „בלויען פויגל" אי אין דעם לאַנד פון דער

דעריבערונג, אי אין דער ממשלה פון דער נאַכט, אי אין דעם געדיכטן וואַלד פון דער נאַטור, אי אין דעם לאַזורנעם לאַנד פון דער צוקונפט, — און אַפילו ביי די מתים אין די קברים וועלן מיר זיך גראָבן און איבערטרייסלען ביי זיי אַלע טאַשן. און אויב מען וועט דאַרפן, וועלן מיר קריכן דורכן קוימען; און אויב עס וועט ניט זיין קיין אַנדער ברירה, וועלן מיר שבת־צו־נאַכט נאָך האַלבן טאָג זיך גליטשן אויף אַ לונג־און־לעבערל פון אַ ניסל... אָבער אין אַלע אָט די מאָמענטן טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז מיר גייען באַפרידיקן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש און אַז מיר דאַרפן ברענגען אַהיים עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל העלפן דעם מענטשן אין זיין לעבן אויף דער וועלט.

מעטערלינק איז געגאַנגען זוכן דעם „בלויען פויגל" און האָט אונדז געבראַכט אַ „בלויען פויגל", — ניט דעם אַבסאָלוטן אמת, ניט דעם סימבאָל מיין איך איצטער, נאָר דאָס שטיק ווירקלעכע פּאָעזיע, וואָס ווערט געשפּילט אויף דער סצענע. אַן אויסגוס פון לויטערע לעבנס־פרייד, איז דאָס געבויט אויף אַ צניעותדיקער פילאָסאָפישער שטימונג. די זילבערנע שטים מעטערלינקס קלינגט נאָך דערוויילע איינזאַם אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואו עס הערשן נאָך דאָס רוב די טיפע שאָטנס פונעם פּעסימיזם. אָבער מעטערלינק געהערט צו די גייסטער, וואָס קאָנען זיך אויפהויבן הויך, גאָר הויך, כמעט ווי אויף אַ שטראַל פון דער לבנה. אים איז גרינגער איידער אַ סך אַנדערע צו באַמערקן, אַז די זון־פינצטערניש איז שוין פאַרביי, און צו באַגריסן די באַפרייטע זון. זיין שטים וועט אויפוועקן די אַנדערע, וואָס שווייגן נאָך, באַקלעמט פון די פינצטערע שאָטנס.

1911